STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10478

# RINGEN OYF DER NESHOME

Eli Shechtman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עלי שעכטמאַן / רינגען אויף דער נשמה

אַרויסגעגעבן
דורך דער א. בערניקער־פונדאַציע
פאַר יידישער ליטעראַטור
און „צוותא" ביידיש, ירושלים

עלי שעכטמאַן

# רינגען אויף דער נשמה

ערשטער און צווייטער בוך

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
הילפספאָנד פאַר ייִדיש-שאַפונג
תל-אָביב, תשמ"א — 1981

**Eli Shechtman / RINGEN OJF DER NESHOME**

©

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi str., Tel-Aviv, P.O.B. 1777

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
הילפספאָנד פאַר יידיש־שאַפונג אין ישראל

רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת. ד. 1777

Printed in Israel, 1981
נדפס בישראל, תשמ"א

דפוס „אורלי" י. פרידמן, רח' עקיבא איגר 8, טל. 332062



מײַן האַרציקן דאַנק **ר׳ אברהם בערניקערן** פֿאַרן אונטערשטעלן דעם אַקסל אין אַ סכּנה־צײַט, — פֿאַרן העלפֿן צו פֿאַרהאַלטן דעם שווער־אָנגעלאָדענעם פֿאַרבלוטיקטן ייִדיש־וואָגן, וואָס איז מיט אַזאַ רישעות און אכזריות פֿונעם באַרג אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן...

ירושלים, תשמ״א. **עלי שעכטמאַן**

מײַנע קינדער
און מײַנע אייניקלעך —
מיט ליבע און האָפענונג

# ערשטער בוך

אַך, אַט דער רעאַליזם!
(פ. מ. דאָסטאָיעווסקי)

פון אַ גרויסן ווייטיק אין דער נשמה ווערט
געבוירן די פאַרבאָרגענע קראַפט פון דיכטונג.
(מ. פּרישווין)

# א

און אַז דער שרײַבער אלישע בן־מאיר בן־אריה הכּהן האָט אָנגעהויבן אַרײַנגיין אין די יאָרן, דאָס האַרץ, נאָכן אינפאַרקט, האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן שוין גאָר שטיל — אַט־אַט שטעלט זיך עס אָפּ, און די סכּנה פאַר דער ראיה איז נאָך גרעסער געוואָרן — אין איינעם אַ טאָג קאָן דאָס רעכטע אויג אויך אויסגעלאָשן ווערן... און אויך די גרויסע מורא, אַז מיט זײַן לעבנסווערק וועט ער ביזן סוף ניט דערגיין, ער וועט אין מיטן וועג פאַלן, און דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס ער וויל דאָרטן זאָגן, וועט ניט געזאָגט ווערן — די צוואה זײַנע וועט ניט אָנגעשריבן ווערן, האָט דער אַלטער שרײַבער זיך גענומען צו דערציילן, פּראָסט און פּשוט, פון זײַן לעבן — וועגן יענעם לאַנגן און שווערן וועג, וואָס הייבט זיך אָן דאָרטן אין רוס־לאַנד, אין די גרוי־ערדיקע, אין די זאַמד־זומפּיקע פּאָלעסיער וועלדער און ענדיקט זיך דאָ אין מדינת־ישראל, בײַ די אויסגעברענטע, בײַ די גרוי־שטיינערנע בערג פון יהודה — אַ וועג וואָס מיט אים איז גע־גאַנגען ניט נאָר ער אַליין, נאָר דרײַ דורות ייִדן, און ניט נאָר פון רוסלאַנד.

אָבער שטייענדיק פאַר נאַכט הינטער ירושלים, אויפן וועג וואָס פירט קיין בית־לחם, חברון, שכם און שומרון — וועגן און שטעט וואָס זײַנען אים גאָר נאָענט און ער קען זיי פון חומש, פון קליינערהייט, דער עיקר בית־לחם און שכם: זײַן קינדעריש האַרץ האָט דעמאָלט שטאַרק געווייטיקט פאַר דער מוטער רחל און פאַר יעקבֿס בת־יחידה, פאַר דינהן — שטייענ־דיק פאַר נאַכט הינטער ירושלים אַן עלנטער, און אַפילו נאָך איינזאַמער

ווי דאָרטן, בײַם דניעפּער־טײַך, וווּהין ער פלעג איין מאָל אין טאָג, בײַם זון־זעצן־זיך, אַרויסגיין פון שטוב, אַזוי אין פאַרלויף פון כמעט אַ פערטל יאָרהונדערט, שטייענדיק דאָ, הינטער ירושלים פאַר דער שקיעה, וואָס פאַלט אויף די בערג פון יהודה, און זעענדיק דערבײַ אויך, ווי תּמיד אין די לעצטע דרײַ יאָר, די עלטערע טאָכטער און די צוויי אייניקלעך זײַנע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט דאָרטן בײַ די קאַרפּאַטן־בערג, איינע אַליין, אַ שווער קראַנקע און וואָס שרײַבט אין איטלעכן בריוו: „איך וואָלט זיך גאָר קיין מאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מײַן טאַטע און מײַן מאַמע וועלן קאָנען מיך איבערלאָזן דאָ איינע אַליין און אָוועקפאָרן...“ און ער ווייסט, דער אַלטער שרײַבער אלישע בן־מאיר, אַז דאָרטן בײַ די קאַרפּאַטן־בערג, איז דער מענטש ווי דער בוים אין וואַלד, וואָס קײַלעכדיקע מעת־לעתן, אין טיפסטן שלאָף, אין שענסטן חלום, ציטערט ער, דער בוים, פאַר דער האַק — שטייענדיק דאָ הינטער דער הייליקער שטאָט ירושלים און צו־קוקנדיק מיט פאָרכט און באַגײַסטערונג ווי די זון, די אייביקע פרייד פון לעבן, פאַרגייט פאַר זײַן איינציקן נאָך לעבעדיקן אויג ממש אין פינצטערניש אַרײַן, האָט ער געקלערט און געטראַכט: פון וואָס און פון וואַנען דאַרף ער אָנהייבן צו דערציילן? האָט דאָך זײַן לעבן עטלעכע אָנהייבן. ער אַליין איז דאָך געווען אַ לעבעדיקער עדות פון עטלעכע גילגולים זײַנע דאָ אויף דער ערד. ניט איין מאָל, טאַקע על־פּי נס, טאַקע ווי דורך אַ העכערן כּוח, פון טויט ניצול געוואָרן, ווי מ'וואָלט אים פון דאָרטן, פון הימל, געהיט פאַר עפּעס אַ וויכטיקער שליחות.

איז פון וועלכן גילגול־לעבן דאָ אויף דער ערד זאָל ער, דער לעצטער יידישער שרײַבער פונעם גרויסן שבט יהודה אין גלות, אָנהייבן צו דער־ציילן? אפשר גאָר פונעם סוף, פון זײַן קומען און פון זײַן לעבן דאָ בײַ די בערג פון ירושלים? צי אפשר גאָר פון יענעם ערב־ווינטערדיקן פאַר־נאַכט אויפן פאַרוואָרפענעם כוטער, ווען ער, אַ דרײַצן־יאָריק יינגל, האָט שטייענדיק אויף דער לעזשאַנקע שוין אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אינעם שלייף פונעם שטריק, וואָס פריער האָט ער גוט צוגעבונדן צום באַלקן, אָבער דער פויער, באַזיל זאַלעסקי, דער בעל־הבית פון דער כאַטע, האָט עס פאַרבײַגייענדיק אין פענצטער דערזען, אַרײַנגעלאָפן און דעם יינגל פון דער תּליה אַרויסגענומען?

— אָפּנים — טראַכט איצט דער אַלטער, אלישע בן־מאיר — כּדי

אַרויסצוגיין פון טרויער און דערפילן און דערזען די שיינקייט פון דער וועלט, דאַרף מע פריִער מיטן קאָפּ אַריַין אין דער תּליה.

און אפשר אָנהייבן פון בראשית, פון יענעם חצי־אלולדיקן פאַרנאַכט אינעם פּאָלעסיער דאָרף, ווו זיַין מאַמע, די זעקס און דריַיסיק־יאָריקע ליבע־שׂרה, די טאָכטער פון ר׳ אַהרן הלוי, האָט אים, שוין דאָס אַכטע קינד, בײַם פּאָרען זיך אויפן גאָרטן געבאָרן, און זיַין ערשטער געשריי אין לעבן האָט זיך אויסגעמישט מיטן געטומל און געפּילדער פון די שאַרעס פייגלען בײַ די סטאַוון, וואָס האָבן צו די וואַרעמע לענדער זיך געקליבן אַפּפליִען.

און נאָך בעסער וועט זיַין, — טראַכט דער אַלטער אלישע, שוין גייענדיק בײַ דער צוגעפּאַלענער נאַכט צו זיַין שטוב, — בעסער זיי לאָזן צו רו אַלע זכרונות, זאָלן זיי, יענע אַלע וועלטן זיַינע, פאַרבלײַבן אין זייער צײַט און אויף זייער אָרט: שווער איז אים אין זיַינע יאָרן אָנהייבן נאָך אַ מאָל פון אָנהייב, אַרײַנגיין אַהין, ווײַל אַפילו די פרייד זיַינע דאָרטן איז דאָך זיַין היַינטיקער טרויער דאָ. און דערצו נאָך זיַינען דאָך יענע לעבנס זיַינע די ווײ־ און צאָרן־ברינעמער פון וועלכע ער האָט אין די שווערסטע טעג, שוין אויפן ראַנד פון יִיאוש און פון אומקום, געשעפּט און שעפּט נאָך ביז היַינט די ליבשאַפט און דעם לויטערן און דעם גרויסן גלויבן אין זיַין פאָלק און אין דער וועלט.

און דאָך קאָן ער שוין ניט, דער אַלטער אלישע בן־מאיר, זיך שיידן מיט יענעם קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן אויפן גאָרטן און הערט זיך צו צו זיַין ערשטן געשריי אויף דער ערד, וואָס פאַלט אַריַין אינעם גע־פּילדער פון די שאַרעס פייגלען אויף די האַרבסטיקע סטאַוון און אַלע אַנדערע לעבנס זיַינע גייען פון אים אָפּ, אַפילו יענער צעבליטער חודש מײַ, ווען אין די געלאַטעטע אָבער ביז בלײאַסק אויסגעפּוצטע שטיוול, אין די נײַע האַרט־בלאָווע הויזן, אין דעם וויַיס־אויסגענייט אוקראַיִנישן העמדל מיט אַ שוואַרצן קוטאָס אַרומגעכאַפּט, איז ער, אַ בחורל, אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו מיט אַ פּעקל לידער, אַריַין אין רעדאַקציע פון דער צײַטונג „שטערן״ און גלייך צום רעדאַקטאָר, צום הויכן און פוללײַביקן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַרומגענומען מיטביידע הענט, אָנגעקוקט דעם שייגעץ מיט דעם ווילד־געקרוילזטן קאָפּ האָר ביז צו די אַקסל, די זיך־רויכערנדיקע ליולקע אין זיַין ווינקל מויל און געפרעגט אויף דוסיש:

— ווער ביסטו? שטאַמסט פון יידן?
— אַ ייִד, אַוודאי אַ ייִד.
— און פון וואַנען קומסטו? — פרעגט ער שוין אויף ייִדיש.
— פון פּאַלעסיע.
— און נאָך וואָס ביסטו געקומען קיין כאַרקאָוו?
— כ׳בין געקומען ווערן אַ שרײַבער!
— אַזוי גאָר? — צעלאַכט ער זיך שוין.

און דער אַלטער אלישע בן־מאיר טוט איצט אַליין אויך אַ שמייכל: טאַקע געווען אַ שקאָץ! — אָבער יענעם נײַנצן־יאָריקן בחורל מיט די ווילד־לאַנגע האָר און מיטן ליולקע־ציבעקל, צוליב קוראַזש, אין ווינקל מויל פאַרשטעקט, לאָזט ער דערווײַל אין רעדאַקציע מיטן פּעקל לידער, וואָס זײַנען איבערפולט מיט שטורמישע פרילינגגען און מיט פײַערדיקע שקיעות, געשריבענע מיט פּערל־כתב, און אַליין גייט ער, אלישע, נאָכן וואָגן אויף וועלכן מ׳פירט אין שטעטל אַרײַן דאָס קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן בײַ דעם האַרבסטיקן זונפאַרגאַנג אויפן גאָרטן, בײַזײַן אויפן ברית, צוזען ווי אַזוי דאָס קינד וועט געזאַלבט ווערן פאַר אַ זון פונעם אויסדערוויילטן פאָלק, ווי אַזוי מ׳וועט דעם גלײַך, טאַקע באַלד נאָכן ערשטן געשריי, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אינעם געפילדער פון די פייגלען אויף די אָסיענדיקע סטאַוון, געבן צו דערפילן דעם באַטײַט פון בדמיִך חיי...

און דער אַלטער ר׳ אלישע מיטן איינעם נאָך לעבעדיקן אויג באַגלייט יענעם צעפּאָרענעם וואָגן, די אַלטע טאַראַטײַקע, שוין טאַקע אויף צע־שאָטן ווערן — די רעדער מאַכן שלייפן אין זאַמד, גייען איבערן וואַלד־וועג קרום און דער זיידע זײַנער, וואָס האָט שוין פאַרקויפט דעם „סרוב״, די ניט־דערבויטע שטוב — אַ גאַנץ לעבן האָט דער זיידע געהאַלטן אין איין בויען, אָבער קיין איין שטוב קיין מאָל ניט דערבויט, פאַרקויפט און זיך ווידער אַ מאָל גענומען בויען אויף ס׳נײַ. דאָס מאָל האָט דער זיידע פאַרקויפט דעם „סרוב״ און קיין נײַע שטוב מער זיך ניט געקליבן אויפ־שטעלן, ער האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַרײַן: קיין ארץ־ישׂראל.

דער זיידע, וואָס איז נאָראָטשנע געקומען נעמען דאָס נײַ־געבוירענע אייניקל צו אַרײַנברענגען עס אין ברית פון אַברהם אָבינו, טרײַבט אָן דעם הויכן דאַרן קאַשטאַן, וואָס איז שוין דאַכט זיך באַלד אַזוי אַלט ווי דער

בעל־הבית זײַנער, ר׳ אַריה, פּנחס דעם שוחטס בן־יחיד, וואָס האָט בשום־אופן קיין שוחט, ווי דער טאַטע און זיידע און דער עלטער־זיידע ניט געקאָנט ווערן, — ניט געקאָנט קוילען דאָס ערשטע עוף וואָס האָט זיך צעקרייט בײַ אים אין די הענט און ס׳האָט שוין גאָרניט געהאָלפן. פּנחס דעם שוחטס בן־יחיד האָט די חזקה זײַנע אויף שחיטה פאַרקויפט, גע־קויפט אַ פערד־און־וועגעלע, אַרויפגעשטעלט אַ קאַסטן גלאָז און איז גע־וואָרן ר׳ אַריה דער גלעזער — אַרומגעפאָרן מיטן קאַסטן גלאָז איבער די דערפער, חלילה דאָ ניט משׂיג־גבול־זײַן אַנדערע גלעזער אין שטעטל, צוגעשניטן און אַרײַנגעשטעלט טאַפּליעס אין פּויערישע כאַטעס און דערפון מפרנס געווען אַ שטוב מיט קינדער פון פיר ווײַבער — בײַם זיידן האָבן זיך, פאַר קיין ייִדן געדאַכט, ניט געהאַלטן די ווײַבער: געבוירן אים פיר־פינף קינדער און פון דער וועלט געגאַנגען... די צאָל פון די אייניקלעך האָט ר׳ אַריה דער גלעזער און אויך דער בעל־תּפילה פון דעם בעל־מלאכישן שולכל, הגם קיין בעל־מנגן איז ער ניט געווען, אָבער ייִדן האָבן ליב געהאַט זײַנע טרערן און דעם „אוי־ווײ טאַטע זיסער" בײַם עמוד, און אויך ליב געהאַט זײַנע דרשות, שבת נאָכן שלאָף, וועגן ייִדן וואָס ווערן „אָפּגעקילט און ציטערן ניט אונטערן טלית" — די צאָל פון די אייניקלעך האָט דער זיידע שוין לאַנג ניט געוווּסט און אַ סברא, אַז ער האָט שוין אויך ניט געדענקט וויפל בײַ אים אַליין זײַנען געווען קינדער; דער זיידע איז שוין דעמאָלט, אויפן וואָגן, געווען אַ ייִד אין די טיפע יאָרן — אַרײַן אין די נײַנציקער, אָבער נאָך ברייט אין ביין, נאָך אין לײַב, מיט הדרת־פּנים, אַ שיינע ווײַסע באָרד מיט שוואַרצע דורכדרינגגענ־דיקע אויגן — אַ ייִד נאָך אין פאָלנער קראַפט און אַז ער האָט אַנגענומען עמעצנס האַנט, האָט יענער דערנאָך די האַנט געטרייסלט, ווי פון אַן אָקרעפּ אַרויסגעכאַפּט — ס׳האָבן געבריט אַלע פינגער. און דער זיידע פלעג בעטן סליחה און זיך פאַרענטפערן:

— ניט אויסגעחשבונט.

און אויפן וואָגן הינטער דעם זיידן, אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע מיטן אויסגעשטריקטן בלוטשקענעם שאַלעקל — אַ מתּנה נאָך פון דער שוויגער פאַרן שטעלן זיך אונטער דער חופּה — זיצט דער טאַטע, די אומרויִקע פיס וויגן זיך אים אין דער לופט איבער דער דראַבינע, ווי זיי וואָלטן געזוכט פאַר זיך אַן אָרט אויף דער ערד; די גרויסע שוואַרצע אויגן פון

אונטער דעם „געקאַטשעטן" קאַשקעט, ווי תמיד צו דער ווײַט — ער קאָן דאָך באַלד דערזען פון דאָרטן אָנקומען דעם גאולה־ברענגער: ער מוז דאָך, דער אויסלייזער, קומען, ווײַל ער, מאיר אַריהס, דער דאָרער כּעסן און שרײַער, קאָן שוין מער ניט אָפּקומען מיטן לערנען די קינדער דיני־דלפּנות — די קינדער הערן אים אויס און בעטן דערנאָך ברויט — ער איז ניט געוואָרן, זײַן טאַטע, קיין גלעזער. מיט די אומרויִקע פּיס און מיט די גאולה־זוכערישע אויגן איז ער אַרומגעלאָפן מיטן בעזמען אין קעשענע און מיטן קוליאַקל אונטערן אָרעם איבער די יאַרידן און מאַרקן, געהאָפט אַז אָט־אָט וועט ער כאַטשבי באַגעגענען דעם האַרציקן און גוטן ייִדן, אליהו הנביא, וואָס וועט פאַר אים אָפּשנײַדן אַ שטיקל פון זײַן גאַרטל — אַ סגולה צו פּרנסה, אַ שטיקל ברויט פאַר די קינדער.

און אויך זעט ער אים, אלישע, דעם טאַטן זײַנעם שוין אין די שפּעט־טערדיקע יאָרן, שוין נאָכן אַריבערפאָרן פון דאָרף אין שטעטל אַרײַן, דעם הייסן ייִדן און קאַלטן קבצן, וואָס אַפילו אין בעל־מלאָכישן שולכל האָט ער געהאַט אַן אָרט בײַ דער הרובע, ווײַל זײַן טאַטנס, ר' אַריהס, אָרט אין שפּיגלוואַנט האָט ער באַדאַרפט פאַרקויפן כּדי איבערוואַרפן אויף ווינטער דעם אויוון; נאָך אים אָבער, נאָך אָט דעם כּפל־שמונהדיקן האַליש, פלעג קומען דער היגער נגיד ר' מאַטעלע קלמנס אַליין און פאַרבעטן אים מיט כּבוד אין גרויסן בית־מדרש אַרײַן, אים אָוועקשטעלן דאָרטן לעם זיך אין מיזרח־וואַנט, ווײַל מ'האָט שוין געהאַלטן בײַ ברכת־כּהנים און דער בית־מדרש האָט קיין אייגענעם כּהן ניט געהאַט... און ר' מאיר אַריהס פלעג נעמען דעם צעסיטעטן טלית איבערן קאָפּ, אויפהייבן די הענט מיט די צעשפּרייטע פינגער און בענטשן דאָס פאָלק: ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו בקדושתו של אהרן, וצונו לברך את עמו ישראל באהבה. — און דערנאָך, שוין ווידער פון אַלעמען אַ פאַרגעסענער, זיך אומקערן צוריק אין שולכל אַרײַן, הינטער דער הרובע, און זאָגן דאָרטן ווײַטער תהילים. און דאָך האָבן אים אַפילו די נגידים מקנא געווען: אַ מזל פון אַ קבצן, דאַרף ער געבוירן ווערן אַ כּהן, האַ?

און טאַקע דאָרטן, צווישן דעם טאַטן און דעם זיידן — ביידע פאַר־ברענטע און פאַרקאַכטע טשערנאָבילער חסידים, ביידע מיט תמימותדיקן גלויבן אין דעם אייבערשטנס השגחה, אין זײַנע נסים־ונפלאות; געגלייבט מיטן גאַנצן האַרצן אין צדיק, אַז יענער האָט אַ דעה אין הימל; געדינט

דעם בורא־עולם מיט התלהבות, פון שמחה און ניט פון עצבות — טאַקע דאָרטן אויפן וואָגן, וואָס סקריפּעט מיט די קרומע רעדער אינעם אלולדיקן טאָג אַרײַן, און פונעם וואַלד ווייעט מיט ימים־נוראים, און פונעם דעמב שיטן זיך די זשאָלודיעס, דאָרטן פּאָרט אויך דער עלטערער ברודער, דער דרײַצן־יאָריקער פּנחס, אַ נאָמען נאָכן עלטער־זיידן, ר׳ פּנחס שוחט, — מיט די נעמען פאַר די קינדער האָבן זיך טאַטע־מאַמע צונויפגעגערעדט בעתן זײַן נאָך חתן־כּלה: פאַרן ערשטן קינד וועט גענומען ווערן אַ נאָמען פון מאַמעס צד, פון איר גאַהאַדיִער משפּחה, פון יענע דורות דאָרף־און וואַלדיידן, וואָס האָבן געהאַלטן ווינטמילן, געטריבן פּליטן, געהאַקט וועלדער, אַרויסגעקאָרטשעט סאָסנעשטאַמען און געטריבן פון זיי סמאָלע; געקויפט אויפן אויג און אָפּגעשאַצט די וואָג און די מאָס פון די פעלדער ווייצן נאָך אויף די וואָרצלען; די טירן בײַ די נאַהאַדיִער, בײַ טאָג און בײַ נאַכט אָפן פאַר דורכפאָרער און פאַר דורכגייער, פאַר איטלעכן בן־אָדם: אויף די דעמבענע באַנקבעטן איז אויף נאַכטלעג פאַר יעדן איינעם גרייט געווען אַ קישן מיט אַ ריין, געבלימלט ציצנציכל; אויף די מיט ווײַסע טישטעכער געדעקטע טישן — קאָרנברויט מיט זאַלץ און אַ קריגל קרעניצע־וואַסער — דאָס צווייטע קינד, לויטן אָפּרייד, האָט שוין באַקומען אַ נאָמען פון טאַטנס צד, פון די כּעסנים, פון די הייסבלוטיקע כּהנים, וואָס פאַר אַ הבטחה־וואָרט וועלן זיי לאָזן זיך אומברענגען און זײַער וואָרט מקיים־זײַן; אויך זיי זײַנען געווען ייִדן מיט פעסטגעבונדענע אברים, קבצנים מיט שטאַרקע אָדערן און מיט ווערדע און גדלות, ייִדן מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, מיט שאַרפער ראיה, וואָס האָבן געזען דאָס טעלערל פון הימל און נאָר צו דעם ניט געקאָנט דערלאַנגען; אויגן, וואָס האָבן גערעדט מער פון דער צונג, און די צונג איז בײַ זיי געווען אַ שליח פונעם האַרצן; ייִדן וואָס האָבן געקאָנט אין דער ביטערסטער שעה פאַרמאַכן די אויגן און זען שיינע חלומות, און אַזוי אָ האָט מען געטיילט די נעמען פאַר די קינדער, וואָס וועלן סײַ ווי סײַ דאַרפן, פון וועלכן צד דער נאָמען זאָל ניט גענומען ווערן, טראָגן ווײַטער דעם עול פון תורה און מעשים־טובים, שלעפּן ווײַטער דעם יאָך, די גאָלדענע קייט פאַר די קומענדיקע דורות, פאַרן ווײַטערדיקן געראַנגל, פאַרן קיום פון עם־ישׂראל. — טאַקע דאָרטן, אויף יענעם וואָגן, צווישן דעם זיידן און דעם טאַטן, זיצט דער עלטערער ברודער, פּנחס, שוין בר־מיצווה געוואָרן, און מ׳פּירט אים, שוין אין איין

וועג, אָפּגעבן צו יאַנקלען דעם שלאָסער פֿאַר אַ לערנייִנגל, — געקומען די צײַט צו פֿאַרדינען אַליין דאָס שטיקל ברויט און אויך מיטהעלפֿן דעם טאַטן. אין ישיבה אַרײַן פֿאָרן וויל ער ניט, פּנחס, און אַפֿילו דאַווגען דאַוונט ער אָן ברען און אָן ציטער, און דערצו נאָך האָט מען שוין ניט איין מאָל אים געכאַפּט בײַם לייענען גוייִשע ביכלעך.

ער איז געפֿאָרן דעמאָלט דער דרײַצן־יאָריקער פּנחס און אויך גע־קוקט אַריבער דער דראָבינע אין דער ווײַט אַרײַן און אויך אַרויסגעקוקט אויף אַ גאולה־ברענגער און ניט געוווּסט, אַז אַ שוואַרץ־רויטער שאָטן באַגלייט דעם סקריפּענדיקן וואָגן איבערן ערב־שקיעהדיקן וואַלד, ווו די ביימער שטייען שוין ביז די קני אין דעם פֿלאַם פֿון האַרבסט — אין זייערע אייגענע בלעטער. — ער, פּנחס, וואָס וועט אין פֿינף יאָר אַרום ווערן אַ הייסער באָלשעוויק, אויפֿהייבן זײַן האַנט קעגן דעם קייסער, — און פּנחס האָט געהאַט מיטן קייסער ניט נאָר אַ סאָציאַלן, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלן חשבון: פֿאַרן תחום־המושב, פֿאַר „די פּראָטאָקאָלן פֿון די זקני־ציון”, פֿאַר דער פּראָצענט־נאָרמע, פֿאַר די פּאָגראָמען, פֿאַרן ביילים־פּראָצעס.

און ער, פּנחס דער שלאָסער, וועט שפּעטער מיט לענינס נאָמען אויף די ליפּן, אונטער זײַן פֿאָן, אַרײַן מיט לײַב־און־לעבן אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זיך שלאָגן פֿאַר דער אַרבעטער־פּויערישער מלוכה, פֿאַר פֿרײַהייט און פֿרײַנדשאַפֿט צווישן פֿעלקער, גיין מיט דער ביקס אין האַנט קעגן אַלע שׂונאים פֿון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע. און דערנאָך שפּעטער מיט יאָרן, וועט מען אים, פּנחסן, אין יענער אויגוסט־נאַכט צו־נעמען פֿון ווײַב און קינד, פֿונעם לעבן אַרויסרײַסן און אים פֿאַרשיקן אין בוכטאַ נאַגאַיעוואַ, אויפֿן צפֿון, אין דער אייביקער ווײַסער געפֿרוירנקייט און פֿון דאָרט דערנאָך טרײַבן ווײַטער, ברענגען אויף אַן אינדזל, שוין גאָר אָפּגעריסן פֿון דער לעבעדיקער וועלט, און אים פֿאַרשפּאַרן דאָרטן אין דער טורמע, ווו ס'ווערן געהאַלטן גאָר געפֿערלעכע „שׂונאים פֿון פֿאָלק”, ווו מ'גיט צוויי מאָל אין טאָג איבערגעזאַלצענע פֿיש און איין מאָל אין מעת־לעת אַ טרונק וואַסער. אָבער אויך דאָרטן, אויפֿן אינדזל, אַרום־גערינגלט מיט ים און פֿראָסט און זאַווייעס, ווו די פֿאַרקראַטעטע פֿענצטער זײַנען נאָך אויך מיט „דאַשקעס” פֿאַרשטעלט, ס'זאָל חלילה אין קאַמער ניט אַרײַן אַ שטראַל פֿון דער קאַלטער זון, אָדער אַ פֿונק פֿון דער איבער־

געפּרוּוירעוגער לבנה, שוין אַפילו דאָרטן, מיט דער צעשונדענער הויט און צעבראָכנע ביינער, נאָר אין די שוואַרצע אויגן האָט נאָך געברענט דאָס פֿײַער פֿון דער נשמה, יענער הײַליקער פֿײַער פֿון די זיידעס און אור־זיידעס, וואָס זײַנען מיט אויפגעהויבענע קעפּ געגאַנגען אויף קידוש־השם. אויך דאָרטן, אין יענער טורמע אויפֿן אינדזל, שוין אָן כּוחות געבליבן, אַ צעוווּנדיקטער און צעווייטיקטער, האָט מען אים ניט געקאָנט אײַנברעכן: ער וועט ניט לייגן קײַן אײן פֿאַלשע חתימה, ניט לאָזן זיך שטעלן פֿאַר אַן „עדות״, ווערן אַ מלשין און אַ מסור. האָט מען אים, פּנחסן בן־מאיר בן־אַריה הכּהן, ניט געוואָרט אַפילו ביז ער וועט אַלײַן אומפֿאַלן, און אים דעם פֿאַרגלייבטן אין תּורת־לעגין, צעשאָסן. און קיינער ווייסט ניט ווו זײַנע איבערגעבראָכענע ביינער געפֿינען זיך.

## ב

אָבער צו יענער צײַט איז נאָך ווײַט, און דער אַלטער אלישע בן־מאיר פילט ווי די כוואַליעס געשעענישן הייבן אים אָן צו פאַרדרייען און צו פאַרטראָגן אַזוי, אַז באַלד וועט ער שוין ניט קאָנען זיך אַן עצה געבן מיט זײַן שרײַבער־שיפל. וויפל ער זאָל זיך ניט ווערן, דערזעט ער זיך פאָרט אין שטעטל צו גאַסט בײַ זײַן טאַטן, ווו זיי זײַנען דעמאָלט בײדע, ער מיטן ברודער, געזעסן אויף די סקאַלעס, בײַ דעם וואַסערפאַל, וואָס האָט גערוישט אינעם סוף־זומערדיקן אָוונט. ס'האָבן זיך ניט געהערט, ווי אַ מאָל קיין פויערישע געזאַנגען — נאָך דער קאָלעקטיוויזאַציע, נאָך די מיליאָנען פון הונגער, מיט די שטיקער קאָרע אין די אויפגעשוואָלענע מײַלער, אויסגעגאַנגענע פויערים, האָבן די דערפער געשוויגן... אויך דאָס שטעטל איז געשטאַנען אַ פאַרטײַעטס, ווי אויף עפּעס געוואַרט. איבער די צוויי יִדישע שולן, ווי איבער אַלע יִדישע שולן אין לאַנד, איז שוין אויפגעהויבן געוואָרן די האַק; אין די פאַרמאַכטע בתּי־מדרשים, וואָס זײַנען פריִער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קלובן און דראַמקרײַזן, ווו מ'האָט געשפּילט דעם „פאַרכּישופטן שנײַדער", „די שוואַרצע כּנופיה", דעקלאַמירט שוואַרצמאַנס „דער שונא בײַ די טויערן" און האָפשטיינס „אָקטאָבער": „עס וועלן חדשים זיך צוועלפן, זיך קייטלען אין יאָרן, — דײַן נאָמען וועט העלן, דײַן נאָמען וועט קלאָרן! ווו איז ער, דער גאַרנישט, וואָס ווייסט ניט דײַן נאָמען? ווו איז ער, דער בלינדער, וואָס וואַגט נאָך אַצינדער מיט לייקעניש וואָר'נען?" — אין יענע פאַרמאַכטע און פאַרשוועכטע בתּי־מדרשים, זײַנען שוין קיין קלובן אויך ניט געווען, ס'איז אין זיי געלעגן געהילץ — אויסגעהאַקטע בײַמער — זײַנען זיי דעמאָלטן, אין יענעם סוף־זומערדיקן אָוונט געזעסן בײַם וואַסערפאַל, ביידע ברידער, און גערעדט וועגן דער פינצטערניש וואָס קומט אָן נאָך קיראָווס מאָרד. דעם ברודערס אויגן איז ניט געווען צו זען — זיי זײַנען אינעם אָוונט אַרײַן, אָבער לויט זײַנע הענט, וואָס האָבן זיך געהויבן און באַלד צו די קני געפאַלן, האָט מען געפילט דעם גרויסן אומרו אינעם מענטשן:

ער האָט ניט פאַרשטאַנען זינאָוויעווס און קאַמיעניעווס האַלטן און פירן זיך אויפן פּראָצעס...

און אין דרײַ טעג אַרום האָט שוין אלישע געלייענט אין דער אוקראַי־נישער „סאָציאַליסטישנאַ כאַרקאָוושטשינאַ״, אַז די טעג איז אַרעסטירט געוואָרן דער פאַרביסענער שונא פון פאָלק, דער ברודער פונעם ייִדישן שרײַבער, און פון דעסטוועגן איז ער, דער שרײַבער, געזעסן אויף דער שרײַבער־פאַרזאַמלונג און וועגן דעם קיין וואָרט ניט געזאָגט. און דער־נאָך האָט מען אים שוין גערופן, אלישען, אין שרײַבער־פאַרבאַנד, וווּ ס׳איז געזעסן דער פאָרזיצער, דער שרײַבער גאַלושקאָ, און לעבן אים צוויי אין גרויע מאַקינטאָשן. און מ׳האָט אים פאַרגעלייגט, אלישען, אָנשרײַבן, שוין געווען אַפילו צוגעגרייט אַ ווײַסער בויגן פּאַפּיר, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זײַן ברודער דעם טראָצקיסט, דעם שונא פון פאָלק... אויף דעם האָט זיי אלישע געענטפערט:

— ניט פאַר מײַנע כּוחות!

— וואָס הייסט עס?

— איין מאַמע האָט אונדז געהאַט. און זיך אָפּזאָגן פונעם ברודער הייסט זיך אויך אָפּזאָגן פון דער מאַמע... און דאָס איז ניט פאַר מײַנע כּוחות!

די צווײַ גרויע מאַקינטאָשן, בײַ ביידע באַדויערנדיקע און אַפילו טרויעריקע מינעס אויף די פּנימער: „אַ שאָד, מיר האָבן דאָ געמיינט נאָר דײַן טובה״ — זײַנען אַרויס און אים איבערגעלאָזט, אלישען, מיטן פאָר־זיצער פונעם כאַרקאָווער שרײַבער־פאַראיין, מיט גאַלושקאָן. בײַדע האָבן געשוויגן. אלישע האָט געוווּסט אַז אין דער ענקאַוועדע ליגן אַלע אַר־טיקלען וועגן זײַן ערשטן בוך, וואָס ווערט אָפּגעשאַצט ווי בורזשואַזע לי־טעראַטור, ווי בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם, ווי מיטגעפיל און קלאָג אויפן אונטערגייענדיקן סוחרישן שטעטל, ווי קלאַסן־פײַנדלעכער פּעסימיזם, שוואַרצזעערײַ... און אַפילו מיט אָנפאַלן אויף דער ראַטנמאַכט. ער האָט אָבער אויך גוט געוווּסט, אלישע, צוליב וואָס מ׳דאַרף אַזוי האָבן זײַן אָפּזאָגן זיך פון דעם ברודער. ער, דער שרײַבער, וואָלט דאָך דערמיט געוואָרן דער בעסטער עדות קעגן זײַן ברודער. זיי וואָלטן דאָך אים גלײַך באַוויזן: אָט זעסטו, דײַן אייגענער ברודער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דיר, פון דעם שונא פון פאָלק!..

ער האָט געוואָרט, אלישע, אַז דער פּאַרזיצער פונעם שרײַבער־פאַראיין, גאַלושקאָ, וועט מיט אים נעמען פירן ווײַטער דעם פריערדיקן שמועס, אָבער יענער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיטן בלײַער געמאָלט כאַטעס מיט צעפּליקטע שטרויענע דעכער...

ביידע שרײַבער האָבן נאָכן אַוועקגיין פון די צוויי גרויע מאַקינטאָשן געשוויגן. זיי האָבן זיך אויך אָן אַ וואָרט צו זאָגן געזעגנט און שוין זיך מער קיין מאָל ניט באַגעגנט: אין גיכן האָט מען אים, דעם פּאַרזיצער פון כאַרקאָווער שרײַבער־פאַראיין, גאַלושקאָן, אויסגעשלאָסן פון פּאַרטיי און ער איז אומגעקומען אין אַ קאָנצלאַגער.

אַהיים איז ער שוין ניט געגאַנגען, אלישע, נאָר געלאָפן — מורא געהאַט אַז מ׳וועט אים פון דער גאַס צונעמען און ער וועט זיך אַפילו ניט געזעגענען מיט זײַן פרוי און קינד, מיט דעם פיר־יאָריקן טעכטערל. אויב מ׳נעמט אים צו, וועט מען זיי גלײַך פון שרײַבערהויז אַרויסוואַרפן, דאָס הויז געפינט זיך דאָך אויף דער גאַס וואָס טראָגט דעם נאָמען: „די גאַס פון די רויטע שרײַבער" און זיי וועלן דאָך שוין אויף אַזאַ גאַס ניט טאָרן לעבן, — זיי זײַנען דאָך „טונקעלע עלעמענטן", „נאַכווייעניש פון־נעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם" — און דערצו נאָך איז זיין פרוי, שיינדל, אויך אַ פאַרדעכטיקע — אַ יידישע אַקטריסע! אַרויס פון דער טעאַטראַל־לער סטודיע „רויטע בליטן", און געוואַקסן איז זי אין דער שטוב פונעם דירעקטאָר פון דער יידישער שול, ווו ס׳פלעגן זיך צונויפנעמען די געוועזענע בונדאָווצעס און זיך קוויקן מיט י. ל. פּרצן, זינגען און אויס־זינגען ווי אַ ליד:

אַזוי גייען מיר
זינגענדיק און טאַנצנדיק,
מיר גרויסע, גרויסע יידן,
שבת־יום־טובדיקע יידן,
די נשמות פלאַקערן!
און מיר בעטן ניט,
און מיר בעטלען ניט,
גרויסע שטאָלצע יידן
זײַנען מיר!

זי איז דאָך געקומען, זײַן פרוי, שיינדל, אין כּאַרקאָווער יידישן מלוכה־טעאַטער פון יענער מיט יידיש און יידישקייט פאַרסמטער „נאַציאָנאַליס־טישער" סביבה, און ווען ס'איז אָנגעקומען דער באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט: פאַרמאַכן דעם יידישן טעאַטער! האָט זי אויף דער פאַרזאַמ־לונג פון די אַקטיאָרן, אַנשטאָט צו באַגריסן די קלוגע און פאַרנונפטיקע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער לענינישער פּאַרטיי, האָט זי, שיינדל, די פאַרליבטע אין טעאַטער און אינעם יידישן וואָרט, גאָר געזאָגט: „ס'איז דאָך אַ פּאָגראָם אויף יידן!" — אַצינדערט, אויב מ'נעמט אים צו, אלישען, וועט מען דאָך איר יענע ווערטער תּיכּף דערמאָנען. וווּהין וועט מען זי מיטן קינד פאַרשיקן, און ווי אַזוי און פון וואָס וועלן זיי דאָרטן ערגעץ לעבן? געדאַרפט געווען אַוועקפאָרן קיין ביראָבידזשאַן, וווּהין מ'האָט אים פאַרבעטן צו באַזעצן זיך. אָבער ביראָבידזשאַן איז געווען פאַר אים ניט נאָר ווײַט, נאָר דער עיקר פרעמד און נאָך מער: אלישע האָט אין דער יידישער געגנט קיין אמונה ניט געהאַט. און דאָך, טראַכט ער לויפנדיק אַהיים, דאָך האָט ער באַדאַרפט געווען פאָרן, אין אַזאַ צײַט איז דאָרטן פאַר אַ יידישן שרײַבער זיכערער.

און אין יענער נאַכט האָט מען טאַקע אין זײַן טיר געקלאַפּט. און דאָס קלאַפּן איז געווען פון איינעם, וואָס האָט צו זאָגן, צו שאַפן זיך און צו באַשטראָפן; — אַ קלאַפּן, וואָס בעט ניט, נאָר פאָדערט און באַפוילט: אַ קלאַפּן אין מיטן דער נאַכט, וואָס זאָגט אָן אויף אַן אומגליק און אויף אַ גרויסן בראָך אין דײַן לעבן; אַ קלאַפּן פון אַזאַ גזירה, וואָס וועט שוין ניט קאָנען אָפּגעשריִען ווערן. און הגם אלישע האָט פון קליינערהייט געטראָגן אין זיך דעם געפיל פון פאַרמישפּטקייט, און אויך געוואַקסן מיטן געדאַנק, אַז פון דער וועלט קומט אים גאָרניט, פאַרקערט, אַז דער גרויס־ער בעל־חוב איז גאָר ער, אלישע, און דעם חוב וועט ער דאָך קיין מאָל ניט קאָנען באַצאָלן, הגם ער האָט געוואַרט און איז גרייט געווען, באַזונ־דערס שוין נאָכן ברודערס אַרעסט, אַז היינט מאָרגן וועט מען קומען נאָך אים, דאָך האָט דאָס קלאַפּן אין דער טיר מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט דאָס בלוט אין זײַנע אָדערן. ער האָט אײַנגעשלאָסן די שײַן און דערזען: אויף שיינדלען איז שוין קיין פּנים ניטאָ — פאַרשוואַרצט און פאַרקילט געוואָרן, און ווי תּמיד אין אַזעלכע גורלדיקע רגעס, ווערן די אַלע פון פריִער צו־

געגרייטע ווערטער און אָנזאָגן פֿאַרפֿאַלן און אויב זיי קומען יאָ אויף די ליפּן, קאָן מען זיי ניט אַרויסברענגען.

און ער האָט געעפֿנט, אלישע, די טיר: אויפֿן שוועל איז געשטאַנען איינער פֿון יענע צוויי גרויע מאַקינטאָשן, וואָס האָט ווי אַן אַלטער באַקאַנטער, נאָר דאָ שוין בײַ דער מאַטעוווער עלעקטרישער שײַן אין קאָרידאָר, ווידער גוטמוטיק און אַפֿילו מיט עפּעס אַ מין טרויער געשמייכלט: „פֿאַרגיב מיר, זײַ מוחל פֿאַרן שטערן און פֿאַרן אויפֿוועקן דיך אין מיטן דער נאַכט". אָבער נאָך אַ געוויסן שווײַגן, ווי געוואָלט פּריִער זיך אָנטישען און אָנקוויקן מיטן שרײַבערס פֿאַרשטומטע און אויפֿגעריסענע אויגן, מיט דער אומבאַהאָלפֿנקייט און פֿאַרמישפּטקייט זײַנער, האָט דער גרויער מאַקינטאָש געזאָגט: ער בעט אים, דעם חבר אלישע, אַרײַנגיין צום שכן, צום אוקראַיִנישן דיכטער, צו איוואַן קאַליאַניקן... אַרײַנגיין מיט אים אַהין צו און בײַזײַן בײַם דורכפֿירן אייניקע קליינינקע פֿאָרמאַליטעטן. — האָט אלישע פֿאַרשטאַנען אַז מ'איז איצט געקומען ניט נאָך אים, נאָר מ'איז געקומען אַרויסרײַסן דעם אוקראַיִנישן דיכטער איוואַן קאַליאַניק, ווי ווילדגראָז פֿון דער ערד, און אים, דעם ייִדישן שרײַבער, דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליסט, הייסט מען דערווײַל גיין קוקן און זען און זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר... שוין אויפֿן וועג, אינעם קאָרידאָר, שוין אַן יענעם גוטמוטיקן און טרויעריקן שמייכל אויפֿן פּנים, זייער שטיל, אויפֿן אויער געפֿרעגט בײַ אלישען:

— האָט איר אפֿשר איבערגעטראַכט?

— כ'האָב ניט געהאַט וואָס איבערצוטראַכטן. דאָס איז ניט פֿאַר מײַנע כּוחות!

האָט דער גרויער מאַקינטאָש זיך אָפּגעשטעלט און אַ כיכיקע געטאָן צום מאַטעוון עלעקטרישן לעמפּל:

— ווועסטו זיך באַלד אָנגעמען מיט כּוחות. — און ער האָט געעפֿנט מיט דעם פֿוס די טיר.

אין מיטן שטוב, אונטערן שוואַכן עלעקטרישן לעמפּל, וואָס לײַכט־צו מיט די רויטלעכע דרעטלעך, זיצט שוין דער דיכטער אויף דער טאַבורעטקע, די שוואַרצע האָר גלאַט צוגעקעמט, אינעם ווײַסן אויסגענייטן העמד, די רויטע שנירלעך אונטערן האַלדז פֿאַרבונדן, די ווײַסע, יונגע הענט, וואָס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן צורירן צום לעבן — צו דער ערד

און צום הימל — אויפן האַרצן צונויפגעלייגט, די אויגן פאַרמאַכט — אַ בר־מינן וואָס מ׳דאַרף אונטער די איקאָנעס אָוועקלייגן. און הינטער אים, הינטער קאַליאַניקס פּלייצע, שטייט אַ לאַנגער שינעל מיט בלויע פּעטליצעס און אויך די היטל מיט הימל־בלויע קאַנטן, די שטיוול זײַנע וויליונגעריש־חוצפּהדיק צעשפּרייט, ביידע הענט אויף די זײַטן און פֿון דער אָפֿענער קאַבורע גלאַנצט אַרויס דאָס שוואַרצע הענטל פֿונעם רע־וואָלווער; אַ פֿאַרשוין פֿון יענע לומפּן־פּראָלעטאַריער, וואָס זײַנען בעתן „נעפּ״ אָפּגעשטויסן געוואָרן, פֿאַרבליבן אָן אַרבעט און אויף אַלע ראָגן געשריִען: „זאַ טשטאָ מי באַראָליס, בראַטצי? פֿאַר וואָס האָבן מיר זיך, ברידערלעך, געשלאָגן? דאַיאָש רעוואָלוציו! דערלאַנג די רעוואָלוציע!״ — דער צווייטער לאַנגער שינעל האָט געטרײַ געגנישטעט און געוואָרפֿן אויף דער ערד פֿון דער שאַפֿע, וואָס שטייט אויף ציגל; דאָס בעט־געוואַנט צעקנוידערט, צעוואָרפֿן און דעם דיכטערס ווײַב — פֿון דער אָרעמקייט אַרויס, פֿון די קעכינס, וואָס לענין האָט זיי צוגעזאָגט אָנפֿירן מיט דער מלוכה — זי איז נאָך צו זיך פֿונעם שלאָף ניט געקומען, פֿאַר־שטייט נאָך ניט וואָס דאָ קומט פֿאָר, פֿאַר וואָס האָט מען זיך אין מיטן דער נאַכט אַרײַנגעריסן אין אירע פֿיר ווענט; נאָך גאָר אַ יונגע, ניט לאַנג אַ מאַמע געוואָרן, שטייט בײַם פֿענצטער, די שוואַרצע האָר ניט פֿאַרקעמט, האַלט צו מיט ביידע הענט דאָס כאַלאַטל, וואָס זי האָט אויף זיך אין אײַלעניש אַרויפֿגעוואָרפֿן און קוקט פֿאַרחידושט אויף די זיך־באַוועגנדיקע בלויע קאַנטן.

אלישע גייט שטיל אַרום די אָנגעוואָרפֿענע זאַכן אויפֿן דיל, ווי אַרום מתים און שטעלט זיך אויך בײַם פֿענצטער, ווײַל אויף וואָס צו זעצן זיך איז דאָ ניטאָ — צוויי בענקלעך אין שטוב. אויף איינעם זיצט דער אַרעסטירטער דיכטער און אויפֿן צווייטן, בײַם קינדס בעטל, ליגן די ווינ־דעלעך. דער גרויער מאַקינטאָש — אַפּנים דער אויספֿאָרשער — ער נעמט זיך צום סאַמע עיקר, צו דעם וואָס דאַרף באַווײַזן און דערווײַזן די שולדיקייט, צו די ביכער, וואָס זײַנען דאָ, באמת אין די הונדערטער: אָנגעשטעלט אויף די צונויפֿגעקלאַפּטע ברעטער, ליגן אויף דער ערד, אויף צײַטונגען, פֿאַרוואַלגערט אַלע ווינקלען מיט זיי, ווי דער יונגער דיכטער, וואָס האָט אין פּוילן זינען פֿון וואָרט געהונגערט, האָט זיך געוואָלט באַזאָרגן אויפֿן גאַנצן לעבן מיט גײַסטיקער שפּײַז. צום אָנהייב האָט נאָך אלישע

צוגעקוקט ווי דער גרויער מאַקינטאָש בלעטערט איבער יעדער בוך און לייגט דערבײַ אָפּ באַזונדער יענע ביכער, וואָס זייערע שעפער האָבן זיך אַליין געגומען דאָס לעבן; ער לייגט אויך אַהין די ביכער פון די שוין אַרעסטירטע שרײַבער און פון אוקראַיִנישע שרײַבער וואָס זײַנען נאָך אויף דער פריי: זאַגול, סאָוטשענקאָ, יאַראָשענקאָ, קוליש, קאַציובאָ, קאַסינקאָ, יאַלאָווי, פיליפּענקאָס בוך משלים „חזרים אויפן דעמב" און אויך אַנטאָן דיקיס' אַ ביכעלע — זיי אַלע זײַנען אין גיכן אַרעסטירט און אומגעבראַכט געוואָרן אין די לאַגערן.

אָבער דערפרייט האָט זיך דער גרויער מאַקינטאָש ערשט דעמאָלט ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף די ביכער: אַ גרויסער באַנד, אַ שווערער, אין לעדערנע טאָוולען מיט זילבערנע שלעסער: „דאָס לעבן פון די רוסישע צאַרן און אימפּעראַטאָרס" און צוויי ביכער פונעם אוקראַיִנישן היסטאָריקער גרושעווסקי: „געשיכטע פונעם אוקראַיִנישן פאָלק", און „די געשיכטע פון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור ביזן זיבעצעטן יאָרהונדערט" — אַן אוצר פון אוקראַיִנישן פאָלקלאָר פון יענער צײַט. אָט די דרײַ ביכער האָט ער גלײַך איבערגעגעבן די בלויע קאַנטן מיט אַן אמתן און עכטן שמייכל: ס'איז דאָך גראָד דאָס וואָס ער דאַרף: קאָנטעררעוואָלוציע, וועגן די צאַרן! הימנען פאַרן מאָנאַרכיזם! אָבער באַזונדערס האָבן אים געפרייט גרושעווסקיס ביכער. אָט דער אוקראַיִנישער היסטאָריקער איז דאָך פאַרבאָטן, זײַן נאָמען קאָן נאָר דערמאָנט ווערן ווי דער פאַרביסנסטער שונא פונעם אוקראַיִנישן פאָלק. ער, דער היסטאָריקער גרושעווסקי, איז דאָך געווען אײנער פון די גרינדערס פונעם „פאַרבאַנד צו באַפרײַען אוקראַיִנע", געווען דער פאָרשטייער פון דער נאַציאָנאַליסטישער צענטראַלער ראַדע.

און אין אלישען, וואָס שטייט בײַם נאַכטיק־אויסגעשטערנטן פענצטער קאָכן אַלע בלוטן פון צאַרן, פון ווייטיקדיקן טרויער און אומבאַהאָלפּנקייט: אָט אַזוי וועלן זיי דאָך מאָרגן אויך בײַ אים איבערקערן די שטוב, געפינען דובנאָווס „געשיכטע פון יידישן פאָלק", זשיטלאָווסקיס „ייד און וועלט", דעם „שבחי הבעש"ט", ר' נחמן בראַצלאַווערס מעשיות. און אויך די קאַפּיטלען פון זײַן, אלישעס, ראָמאַן „שקיעה", ווו דער ייד גייט מיטן וואַלד אין אַ זאַוויִע־נאַכט און הערט ווי פון דער וואַלד־טיפעניש שרײַט מען:

— געשטאָרבן דער גרויסער יושר!
— געשטאָרבן דער גרויסער יושר!

ווערט דעם פאַרפרוירענעם יידן הייס און ס׳באַפאַלט אים אַ קדחת: וועט שוין די וועלט אַרייַן אין דער טומאה, פאַרזונקען ווערן אין זינד, אין רציחה, וועט שוין די וועלט ווערן סדום ועמורה... — און אַט דער אינעם גרויען מאַקינטאָש וועט נישטערן און זוכן ווייַטער און געפינען אויף זייַן ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די שורות:

אויפן פאַרטאָגיקן מעסער וועט ניט אויפגיין די זון,
אויפן בייַנאַכטיקן בלוט וועט ניט אויפגיין דער קאָרן!..

און אויך זי, שיינדל, וועט אַזוי שטיין מיט איר כאַלאַטל אויף די אַקסלען און אויך זייַן קינד וועט אַזוי שלאָפן מיטן אויסגעצויגן הענטעלע דורכן לייטערל פונעם אייַזערנעם בעטעלע. אויך בייַ אים אין שטוב זייַנען דאָך פאַראַן נאָר צוויי בענקלעך. בייַ אים אין שטוב איז דאָך אַפילו קיין טיש אויך ניטאָ, ער שרייַבט בייַ נאַכט. בייַ פאַרמאַכטע לאָדנס אויפן פענצטערברעט... און ס׳קאַכט אין אים און ברענט: זיי דאַרפן אַרעסטירן און פאַרשיקן די שרייַבער — אַרויסרייַסן בייַם פאַלק די צונג, ס׳זאָל ניט דערציילט און באַשריבן ווערן, די וועלט זאָל זיך ניט דערוויסן וועגן די מיליאָנען פון הונגער אויסגעגאַנגענע פויערים, וועגן די טויטע דערפער. ער אַליין, אלישע, האָט דאָך מיט זייַנע אייגענע אויגן אין יענעם אויפ־דערנאַכט, בייַ דער שנייִקער לבנה און בייַ דעם לבנהדיקן שניי אין דאָרף געזען ווי אַזוי האַלב־לעבעדיקע, שוואַרצע שאָטנס אויפן פינקלענדיקן שניי, האָבן געטראָגן פון די קלוניעס שוין פאַרפרוירענע מאַנצבילן, פרויען, קינדער און זיי געוואָרפן אין שליטנס און די מתים האָבן טאַקע אָפּגע־קלונגען ווי טרוקענע קלעצער. און אויך האָט ער דעמאָלט געזען, אלישע, אינעם שטעטל אושאָמיר, ווייַט פון אַ באַן, צווישן די פאָלעסיער וועלדער און אייביק־גרינע יאָדלעס, ווו אויך דאָרטן, אין אָט די שטעטלעך שטאַרבן יידן פון הונגער, באַזונדערס זקנים און קינדער. און אויך זיי, אָט די געפאַלענע, ווי יענע פויערים, ווערן פאַרשריבן און גייען אונטערן דיאַג־נאָז: דיסטראָפיע... קיין מאָל וועט פון אלישעס אויגן ניט פאַרגיין דאָס צוויי־יאָריקע ייִנגעלע פונעם שטעטעלע אושאָמיר, וואָס דער פאַרזיצער פונעם שטעטלדיקן ראַט האָט אַרויסגענומען פון צווישן די שמאַטעס און

עס אויפגעהויבן אַנטקעגן פענצטער: דאָס קינד מיט דער אַראָפּהענגענ־דיקער הויט, וואָס שטייט שוין אָפּ פון די ביינדלעך, האָט זיך דורכגע־לויכטן אויף דער שיַין פונעם ווינטערדיקן טאָג מיט אַ ניט־ערדישער געלקייט. אַט פּאַר וואָס און צוליב וואָס מ׳דאַרף פאַרשיקן און אומברענגען דיכטער און שרײַבער: אַרויסרײַסן ביַים פאָלק די צונג, אַרויסשלאָגן פון זיַין האַנט די פּען — ס׳זאָל ניט קאָנען דערציילט ווערן דער וועלט, וואָס ס׳טוט זיך און ס׳קומט דאָ פאָר.

דער גרויער מאַקינטאָש הייבט שוין אָן צו איַילן, בלעטערט שוין ניט, קוקט נאָר אויפן שער־בלאַט, וויַיל אין פענצטער גייט אויף דער מאָרגן־שטערן און ווי אַלע בײַנאַכטיקע רוחות, שדים און ניט־גוטע, אַז ס׳הייבט אָן צו שאַריַען, נעמען זיי זיך איַינוויקלען, ניט בליַיבן און אַנטרינען ווערן. די בלויע קאַנטן טראָגן פון שטוב אַרויס די אָפּגעלייגטע ביכער — די עדות פונעם דיכטערס פאַרברעכנס, און אים אַליין, איוואַן קאַליאַניקן, וואָס איז די גאַנצע צײַט געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט די צונויפגעלייגטע הענט, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט ווי אַזוי ס׳זינגט און ס׳זידט אין אים אויס די לעצטע ליד זײַנע, אים האָט מען געהייסן פון בענקל אויפשטיין און זיך אָנטאָן. האָט ער זיך אויפגעהויבן, דאָס שוואַרצע פּידזשאַקל אָנגעטאָן, זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער וויַיב, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביַים פענצטער און צוגעהאַלטן מיט די נאַקעטע הענט דאָס כאַלאַטל ס׳זאָל ניט אַראָפּפאַלן פון די פּלייצעס, זיך פאַרנייגט פאַר איר און געזאָגט: „אַט די אויגן דיַינע וועל איך מיטנעמען מיט זיך אויפן וועג״, און דערנאָך צוגעגאַנגען צום וויגעלע, זיך אויף די קני אַוועקגעשטעלט, זיך אָנגעבויגן און מיטן אָפענעם מויל צוגעפאַלן צום קינדס אויסגעצויגן הענטל... אָבער באַלד זיך פון דעם דיל אויפגעהויבן, זיך אויסגעגליַיכט און אויף גיך פון שטוב אַרויס, און מער האָט שוין אויך אים קיינער ניט געזען.

ערשט שפּעטער מיט יאָרן, שוין נאָכן טויט פון סטאַלינען, האָט איינער אַ לעבן־געבליבענער דערציילט ווי אַזוי מ׳האָט אים, מיט הונ־דערטער אַנדערע געפירט אויף אַ לאַסטשיף, און אויך דער דיכטער איוואַן קאַליאַניק איז דאָרט געווען, און מ׳האָט זיי פאַרפירט, שוין האַלב־לעבע־דיקע, אין דער בוכטאַ נאַגאַיעוואַ, דאָרטן זיי אויסגעלאָדן אויפן ברעג

ווו ס׳איז געשטאַנען אַ מוראדיקער פראָסט און די מערהייט פון די פאַר־משפּטע זײַנען אין דער ערשטער נאַכט, טאַקע דאָרטן אויפן ברעג, פאַר־פרוירן געוואָרן. צווישן זיי אויך דער דיכטער איוואַן קאַליאַניק אינעם שוואַרצן פּידזשאַקל אויף דעם אוקראַיִניש־אויסגעניטן העמד, — און מיטן דיכטער זענען אין יענער ווײַסער צפון־נאַכט אויך פאַרפרוירן גע־וואָרן דעם ווײַבס אויגן און דעם קינדס אויסגעצויגן הענטל, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגענומען אין וועג אַרײַן...

האָבן טאַקע אין יענער נאַכט אלישע מיט שיינדלען, באַשלאָסן אַריבערפאָרן קיין קיִעוו, בײַטן זייער דירה אויף וואָס ס׳וועט זיך לאָזן: אויף אַ קעלער, אויף אַ בוידעמשטיבל. לויפן און אַנטרונען ווערן פון כאַרקאָוו, לויפן אַהין אין דער נײַער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע, פאַרלוירן ווערן אויף אַ צײַט פון הענעך יאַגאָדעס אויגן. משנה מקום משנה מזל! דאָרטן זײַנען שוין די ייִדישע צײַטונגען, דער פאַרלאַג, דער גרעסטער טייל ייִדישע שרײַבער; דאָרטן איז פאָרט איוואַן קוליק, דער אָנגעזעענער דיכ־טער און פאָרזיצער פון אוקראַיִנישן שרײַבער־פאַרבאַנד, דער מיטגליד פון צעקאַ, דער מיטגליד פון דער ערשטער סאָוועטישער רעגירונג אויף או־קראַיִנע, דער סאָוועטישער קאָנסול אין קאַנאַדע; ער, איוואַן קוליק, האָט דאָך אויפן ערשטן אַלפאַרבאַנדישן שרײַבער־צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע אַזוי וואַרעם גערעדט וועגן אלישעס דאָרפישן ראָמאַן און פאַר אַ יאָרן האָט ער, אלישע, פאַרבראַכט אַ לאַנגן זומערדיקן פרימאָרגן מיט קוליקן, מיט יונה יואלס, מיטן שפּאָלער מלמדס זון, אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, ווו ער האָט אים אַרומגעפירט, אלישען, איבערן „שלאָס" און אויפן זאַפּטיק־האַרציקן וואָלינער ייִדיש דערציילט וועגן די פּאָגראָמען אויף פּאָדאָליע אין דער צײַט פון בירגערקריג, ווו ער, יונה, איז דעמאָלט געווען אויף פראָנט־וואָרטלעכע פּאָסטנס; אַפילו זיך געקליבן פאָרן מיט אלישען אויפן ליטע־ראַרישן אָוונט קיין אָרינין — אַ שטעטעלע אויף דער גרענעץ מיט רו־מעניע, ווו ייִדן האָבן זיך פאַרנומען מיט ערדאַרבעט, מיט סעדערײַ, אַר־טעלען פון בעל־מלאָכות, ייִדישע שולן — אָבער אומגעריכט, אַ סך פריִער ווי קוליק האָט אויסגערעכנט, איז קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק אָנגעקומען דער דריטער סעקרעטאַר פון צענטראַלן קאָמיטעט, דער ממונה איבערן גאַנצן קולטור־לעבן אויף אוקראַיִנע, פּאָפּאָוו, און מיט אים דער לעגענ־דאַרער קאָמאַנדאַרם יונה יאַקיר, — ביידע זײַנען אין גיכן אַרעסטירט און

אומגעבראַכט געוואָרן — און אלישע איז שוין אויפן ליטעראַרישן אָוונט קיין אָרינין געפאָרן אַליין אויף דער בריטשקע מיטן פעלדוועג, צווישן די תּבואות, וואָס גיסן זיך שוין אָן מיט לעבן, ווו ס'אָטעמט מיט ראָמאַשקע און מיט סטעלניק, ווו די לאַרכן פאַרגייען זיך אין די אויסגעזונטע הימלען מיט געזאַנג און אויף דער קעלניע, מיטן פּנים צו עלישען, די פערד לויפן אַליין און פריכען פון די הייסע ריחות, זיצט דער בעל־עגלה, שוין נאָך דעם ווי ער האָט געמאַכט מיטן „פּיסאַטעל" אַ גוטע כּוסע, געטרונקען פאַר ווייַב און קינדער, פאַר פּרנסה און פאַר ישועות ונחמות אויף ייִדן, פאַרביסן מיט הירשענע קאַשניקעס און מיט גרויסע רויט־זאַפּטיקע קאַרשן, וואָס פלאַצן אין מויל נאָך איידער דער צאָן רירט זיך אָן אין זיי, שיט ער, דער בעל־עגלה מיט פּיקחותדיקע וויצן, מיט פאָלקסווערטלעך און דערציילט זייער ערנסט וועגן זייַנע פערד, וואָס שטאַמען פונעם קייסערס פערדשטאַלן; דאָס קאָן אפילו אַ „פּיסאַטעל" זען פון זייער האַלטן הויך אויפגעהויבן די קעפּ, פון זייער שטעלן „לעגאַנטנע" די פיס; נאָך הייַנט נעמען זיי אויף די לאַנדגעוועטן די ערשטע פּריזן; בודיאָני אַליין האָט זיך אויף זייַנע פערד געקוואַפּעט. — און ער דערציילט וועגן זייַנע קאָנ־קורענטן, וואָס האָבן בייַ זייַנעם אַ פערד, אין מיטן העלן טאָג, אַרויס־געגנבעט די לינקע הינטערשטע פוס, און וועגן זייַן טאַטן וואָס איז שוין אַ יאָר דרייַסיק אָן אָנטרייַבער בייַם רבונו־של־עולם — לויט דעם ווי ס'דונערט דערקענט ער דעם טאַטנס פאָרן — נאָך בייַם לעבן האָט דער טאַטע, זייַנער אַלע דאַנערשטיק בייַ נאַכט געשטויסן מיטן טוקאַטש אין דער סטופּע שטערן אויף מעל אויף שבת.

וויאָ, וויאָ, פערדעלעך,
וויאָ, וויאָ, אָדלערלעך,
בלייַבט מיר אין וועג נאָר ניט שטיין,
לויפט צו דעם באַרג, דאָרט אויפן באַרג,
שטייט דאָך מייַן אסתּר אַליין.
אסתּר שטייט און אַברהם גייט,
אַברהם אונדזער אָבינו!..

— הערט, ר׳ פּיסאַטעל טײַערער, וואָס וואָלט דעם אייבערשטן געאַרט, ער זאָל מיר צעבײַיטן די גראָווע האָר אויף סאַמאָראָדנע שוואַרצע? וויאָ, וויאָ, מײַנע פּערדעלעך! — און אין דעם אַלטן שרײַבער אלישען קלאָגט איצט דאָס האַרץ: איַי, איַי, רבונו־של־עולם, טאַטע זיסער, ווו זײַנען זיי דײַנע בעל־עגלות, דײַנע האַרציקע ייִדן מיט זײַער טרויעריקער פרייד און מיט זייער פריידיקן טרויער, האַ?

## ג

אָבער דער אַלטער אלישע בן־מאיר פילט ווי ער פאַרלויפט שוין ווי־דער דעם וועג, ווערט ווײַטער פאַרטראָגן און פאַרפליצט, גייט אַרויס פון די ברעגן, ווי דער פרילינג־אויפגעבראָכענער טײַך, ווו די קריִעס גייען איינס איבערן אַנדערן, ברעכן און טראָגן אַראָפּ ניט נאָר קלאָדקעס, נאָר אויך בריקן. און ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, אַז ער פאַרלירט די שליטה, ווערט אַ נאָכגייער און אַ צוזעער, וואַרפט ער פון זיך אָפּ די פּען, ווי אַ פײַער וואָס דאַרף בײַ צײַטנס פאַרלאָשן ווערן — ס׳זאָל צו קיין שרפה ניט קומען; צו יענער צײַט, צו יענער מכת־מדינה, איז דאָך נאָך אַ היפּ־שער מהלך. ער האַלט דאָך, בן־מאיר, ערשט בײַ יענעם וואָגן מיט די סקריפּענדיקע קרומע רעדער איבער סוף־אלולדיקן וואַלד, וואָס פירט דעם נײַ־געבוירענעם אַרײַנברענגען, בײַ לעקעך און בראָנפן, אינעם ברית פון אַברהם אָבינו. אויפן כסא־המלכות פון דער רוסישער אימפּעריע איז נאָך דעמאָלט געזעסן יענער פאָטער פון די פעלקער, ניקאָלײַ דער צווייטער, וואָס האָט זיך געגרייט צו יום־טובן און צו יובלען דרײַ הונדערט יאָר פון דער דינאַסטיע־ראָמאַנאָוו, וואָס אייגנטלעך איז שוין נאָך פּיאָטר דעם ערשטנס טאָכטער, יעליזאַוועטע, מער ניט געזעסן אויפן טראָן קיין איין רוסישער ראָמאַנאָוו, נאָר בלויז דײַטשן, וואָס האָבן געביטן, בײַם אָנטאָן די קרוין, די נעמען, און פונעם פּראָטעסטאַנטישן גלויבן אַריבער אין פּראַ־וואָסלאַוונעם; יענער צאַר־באַטיושקאַ, ניקאָלײַ דער צווייטער, איז דעמאָלט שטאַרק פאַרנומען געווען מיטן צוגרייטן דעם ביילים־פּראָצעס, וואָס וועט זײַן אַ מוסטער פאַרן קומענדיקן סטאַלין דעם ערשטן, אינעם גרייטן דעם סאָוועטישן נוסח, דעם בילבול אויף די יידישע דאָקטוירים, אויף די „מער־דער אין ווײַסע כאַלאַטן״...

און בימים ההם, אין יענע טעג פון ניקאָלײַ, בעת מ׳האָט אויף יענעם וואָגן געפירט דאָס קינד אין שטעטל אַרײַן צום ברית, האָט מען אין דער שטאָט טשערנאָוויץ, בײַ די קאַרפּאַטן־בערג, באַוואָקסענע מיט שטאַרקע

בוקנביימער, וואָס זייערע ניס זײַנען געשמאַק צום עסן און מ׳פּרעסט פון זיי אויך פּעטן אייל, דאָרטן, אין יענער שטאָט טשערנאָוויץ, בײַם פּולוואַסער־דיקן טײַך פּרוט, האָט מען אין יענע טעג פּראָקלאַמירט און מכריז געווען יידיש ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פֿאָלק, פון די צוועלף מיליאָן יידן אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס יידיש איז געווען זייער טויזנט־יאָריקע שפּראַך און אויף וועלכער זיי האָבן געשאַפן אייביקע קולטור און נאַציאָנאַלע ווערטן.

אין יענע טעג איז אין דעם רחבותדיקן, איבער מדינות און ימען, איבער די פיר ווינקלען פון דער וועלט, אינעם יידישלאַנד, די זון קיין מאָל ניט פאַרגאַנגען געוואָרן. ס׳האָבן נאָך געלעבט די דרײַ גרויסע: מענדעלע מוכר־ספרים, שלום־עליכם און י. ל. פּרץ, וואָס יידיש איז געווען אין זייערע הענט די סטראַדיוואַריוס־פידל אויף וועלכער זיי האָבן אויפגע־שפּילט די ווונדערלעכע פאָלקס־ניגונים פון וויי און פרייד, פון צאָרן און בטחון; וואָס האָבן געוווסט, אַז דער שרײַבער איז אַ שליח פון פאָלק, אַז אָן אַזאַ שליחות שרײַבט דער דיכטער אויף די זאַמדן.

אין אָט יענע טעג, אויפן גאָרטן צווישן בלאָווע היפּטלען קרויט און טונקל־ברוינע קעפּלעך מאָן, צווישן די געל־שמאָלע קיעכעס־בלעטער און שוואַרץ־יאָדערדיקע סאָנישניקעס, בײַ די צאַרט־שאַרפע ריחות פון די סוף־זומערדיקע אויסגעצײַטיקטע סעדער, איז דעמאָלטן אינעם פּאָלעסיער דאָרף געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און מיט פאַרשיידן־קאָליריקע אויגן, וואָס זיי איז באַשערט געווען צו זען די וועלט גאָר אַנדערש פון אַנדערע,

און דער אַלטער שרײַבער אלישע קאָן זיך שוין מיט יענעם נײַ־געבוי־רענעם ניט שיידן, גייט די גאַנצע צײַט איבערן זאַמדיקן וועג און קוקט צו ווי בײַם טאָג־זעצן־זיך נעמען די טעטרע־הענער אַראָפּפליען פון די ביימער, שפּאַצירן איבערן וועג, פּיקן און שאַרפן די שנאָבלען אינעם זאַמד, לויפן כמעט אונטער די אויסגעבויגענע פיס מיט די צעשפּאָלטענע קאָפּע־טעס פונעם אַלטן, הויכן, דאַרן קאַשטאַן, וואָס דער זיידע אַריה טרײַבט אַפילו ניט אָן; אויך דער טאַטע זיצט מיט די וויגנדיקע פיס איבער דער דראַבינע, נאָכן אָפּדאַווענען מינחה, אַ פאַרזונקענער אין זײַנע אייביקע גאולה־מחשבותן. קיינער שרעקט זיי דאָ ניט, די טעטרע־הענער, און זיי

וועלן פֿאַרבלײַבן אויפֿן וועג די גאַנצע נאַכט, ווײַל דאָ ניט ווײַט אין וואַלד ליגן אויך די יאַגעדע־לאָנקעס.

אַחוץ דער קימפּעטאָרין מיטן קינד, דעם נײַנציק־יאָריקן ר׳ אַריה דעם גלעזער, דעם טאַטן מיט די גרויסע גאולה־זוכנדיקע אויגן צו דער ווײַט, דעם ברודער פּנחס, וואָס וויל זיך שוין צעצאָלן מיט דער וועלט פֿאַר די אַלע עוולות וואָס זײַנען קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן, פֿאָרט נאָך אויף יענעם סקריפּנדיקן וואָגן אויך זײַן, אלישעס, שוועסטער עטל מיט אַ קלומיקל — מיט איר גאַנצן האָב־און־גוטס בײַ די פֿיס. אויך זי, עטל, וועט באַלד, ווי נאָר מ׳וועט דערפֿאָרן צום שיידוועג, ווו ס׳שטייט דער הילצערנער גרין־מאַכיקער צלם מיטן געקרייציקטן אונטערן פֿאַרזשאַווערטן דעכל, אַראָפּגיין פֿון וואָגן און פֿאַרנעמען זיך אויף רעכטס, צום רויט־ציגלענעם וואָקזאַלכל וואָס שטייט ווײַט פֿונעם שטעטל, ווי אין מיטן פֿעלד, און אָוועקפֿאָרן מיט דער באַן, וואָס פֿאַרהאַלט זיך דאָ אויף דרײַ מינוט, שוין אויף תּמיד און אויף אייביק פֿון דער הײַם.

און טאַקע בײַם שיידעג, וואָס ליגט בײַם אַרויספֿאָרן פֿון וואַלד — אין פֿעלד איז נאָך קלאָרער טאָג, די ווײַסע זון האָט נאָך דאָ אַ היפּשן מהלך הימל ביז צום פֿאַרגיין הינטער די קורגאַנעס — נעמט עטל, די פּופּצן־יאָריקע, איר קלומיקל, הערט ניט וואָס די מאַמע רעדט צו איר, זאָגט אַ פֿריילעכן „גוטע־נאַכט" און קריכט פֿון וואָגן אַרויס. זי וויל ניט מ׳זאָל זי גיין באַגלייטן: צום רויטן וואָקזאַלכל איז דאָך שוין ניט ווײַט, מ׳זעט דאָך עס שוין פֿון דער ווײַטנס — און אָט דאָס רויטע וואָקזאַלכל גייט מיט אַ מאָל אויף פֿאַר אירע אויגן ווי אַ שײַטערבראַנד, ווי אַ ווילדער פֿלאַמפֿײַער, וואָס וואַרפֿט אָן אויף איר אַ קעלט.

מיט דער שוועסטער, מיט עטלען, וואָס גייט איצט בײַם סוף־אַלולדיקן טאָג מיטן פּוסטן פֿעלד און שאַרט ווי אַ בלינדע מיט די פֿיס איבער דער סטערניע, וואָרעם די אויגן זײַנען איר פֿון וויי און פֿון פֿאַרדראָס, און דער עיקר פֿון עפּעס אַ מאָדנעם פּחד, מיט טרערן פֿאַרגאָסן. און דערצו נאָך הערט זי ווי אויך די מאַמע האָט ניט אויסגעהאַלטן און אויסגעבראָכן אין אַ שרײַענדיקן געוויין. קיינער האָט דאָך ניט געהערט און אַפֿילו קיין איין מאָל ניט געזען זי, די מאַמע, וויינען. מ׳האָט געוווּסט אַז די מאַמע וויינט, און אָפּט מאָל שטאַרק און ביטער, אָבער ערגעץ אויפֿן גאָרטן, אָדער אין וואַלד — זי נעמט דאָס בערעסטענע קאָשיקל, גייט כּלומרשט קלײַבן שוואָ־

מען און וויינט דאָרטן אַז קיינער זאָל ניט הערן און ניט זען. דערנאָך זעט מען זי שוין ווידער אין שטוב ביַי אַלע אַרבעטן און קלאַפּאָטן מיט איר טרויעריקן שמייכל אויף די ליפּן, ווי געזאָגט: שווער, אַוודאי שווער, נאָר מ׳דאַרף דאָס ביַיקומען!

מיט דער שוועסטער זיַינער, מיט עטלען, וועט ער זיך טרעפן, אלישע, און זיך באַקענען מיט איר ערשט אין צוואַנציק יאָר אַרום. ער וועט דעמאָלט קומען אין דער גרויסער דרום־שטאָט ביַים שוואַרצן ים, קיין אַדעס, ווּ ס׳זיַינען געווען עטלעכע און דריַיסיק יידישע מיטלשולן, טעכני־קומס, פּאַרטייקורסן, דער באַוווּסטער „יעווראַבמאַל״, אין וועלכן ס׳האָבן געלערנט און געאַרבעט אַריבער זיבן הונדערט שטעטלדיקע יאַטן, — אַדעס, ווּ ס׳איז געווען דער מענדעלע־מוזיי, אַ יידישער פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט מיט אַ היסטאָרישן און ליטעראַרישן פאַקולטעט, אַ טעגלעכע יידישע צײַטונג און אַנדערע יידישע אויסגאַבעס, אַ גרויסער קלוב אויפן נאָמען פון הירש לעקערט, אַ יידישער טעאַטער, אַ יידישער געריכט, און יידיש, ווי אַ מלוכה־שפּראַך, האָט אויך געראַוישט אין די אַרומיקע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע יידישע קאָלאָניעס, ווי ס׳האָבן געראַוישט די כוואַליעס פון שוואַרצן ים ביַי די ברעגן פון דער שיינער שטאָט אַדעס.

אָט דעמאָלטן, קומענדיק אַהין, קיין אַדעס לערנען, ווּ ער, אלישע, וועט ניט אַזוי הערן די לעקציעס וועגן קלאַסנקאַמף, וועגן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם און וועגן דער רעאַקציאָנערישקייט פון ראָמאַנטיזם־אימ־פּרעסיאָניזם־סימבאָליזם, נאָר מער אַליין לערנען יידישע געשיכטע און וועלט־ליטעראַטור. און לסוף גאָר אַוועקפאָרן פון אַדעס מיט דער שיינער אַקטריסע, מיט שיינדלען, מיט וועלכער ער האָט זיך דאָרטן באַקענט בעת די גאַסטראָלן פונעם כאַרקאָווער יידישן מלוכה־טעאַטער. אָט דעמאָלטן, אַז ער, אלישע, וועט קומען קיין אַדעס, שוין אַ מחבר פון אַ בוך דער־ציילונגען, וואָס וועט גלייַך, ווי נאָר פון דרוק אַרויס, געשטעמפּלט ווערן ווי פרעמדס, ווי פון יענער זיַיט, און אויפן ליטעראַרישן אָוונט, טאַקע דאָרטן ביַים שוואַרצן ים, וואָס וועט זיך אָנהייבן זיבן פאַר נאַכט און וועט זיך פאַרענדיקן האַלב דריַי ביַי נאַכט, ווּ מ׳וועט דעם יונגן אלישען אויף יענעם אָוונט זאָגן פשוט, אַז מ׳טוט אים אַ טובה, וואָס מ׳רופט אים „כאַ־ווער״ און נאָר איין מענטש וועט נעמען אלישען אונטער זיַינע פליגל און באַמיִען זיך אָפּוועגדן פונעם יונגן שריַיבער דאָס פיַיער, ווּ ביַים אַריַינ־

גאַנג וועט אַרויסגעשטעלט ווערן אַ קאַריקאַטור, ווו ער, אלישע, אין דער גאַנצער גרייס, מיט אַ שטאַרק אויסגעצויגענעם פּנים און מיט אַ קאָפּ פּאָטלעס האָר, שטייט איבערן שטעטל און האַלט אויף זײַנע הענט אַ ווײַס־באָרדיקן ייִדן אײַנגעוויקלט אין אַ טלית און תּפֿילין, און אונטער אָט דער קאַריקאַטור וועט מיט אותיות־מרובעות זײַן אָנגעשריבן: על אלה אני בוכיה... און ווען שוין צום סוף פֿון יענעם אָוונט, שוין צו־פֿאַר־טאָג־צו, וועט אלישע אויף אַלע יענע רעדעס און ציטאַטעס ענטפֿערן מיט אָט די עטלעכע ווערטער:

— איך קאָן שרײַבן נאָר אַזוי, ווער ס'קאָן שרײַבן אַנדערש, זאָל ער זיך שרײַבן!

אָט טאַקע דעמאָלטן, אין יענע טעג, קומענדיק קיין אַדעס, וועט ער גיין, אלישע, אויף דער הירש לעקערט־גאַס, זיך הייבן איבער די פֿינצטערע טרעפּ אויפֿן דריטן שטאָק, אַרײַנגיין אין יענעם צימער וווּהין ס'וועלן אים אָנווײַזן די שכנים, און טרעפֿן דאָרטן מענטשן בײַ אַ געדעקטן טיש, וואָס שלאָגט מיט ריחות פֿון עסיקפֿלייש, געפֿעפֿערטע פֿיש, מיט שוין וויאַנען־דיקע בלומען אַרײַנגעשטעלט אין וואַזעס און אין ליימענע קרוגן, אָבער אַלע קווייטן — ווײַסע, אָדער פֿון בעז־קאָליר, און קיין איין־און־איינציק רויט בלימל; דאָס האָט זיך אים גלײַך געוואָרפֿן, אלישען, אין די אויגן און ס'האָט אים ביז גאָר פֿאַרחידושט.

ער איז געשטאַנען אויפֿן שוועל פֿונעם ליכטיקן און יום־טובדיקן צי־מער, אַרומגעלאָפֿן מיט די אויגן איבער אַלע פֿרויִישע פּנימער, שוין פֿאַר־פֿאַליעטע, שוין נאָך אַ לחיים־נעמען, און געוואָלט אַליין דערקענען און טרעפֿן: ווער פֿון זיי איז דאָ זײַן שוועסטער? אָבער קיין איין פּנים פֿון יענע אַלע פּנימער, האָט זיך אין זײַן האַרצן ניט אָפּגערופֿן.

— קאָן איך זען עטל מאַרקאָווּנאַ?

— זי לייגט די אימעניניצע, ליובאָטשקען, שלאָפֿן. זי וועט באַלד אַרײַנגיין. — און זיי, די געסט, קוקן אויף אים מיט ווונדער: נאָך אים דאָ קיין מאָל ניט געזען און דערצו נאָך געקומען אויף אַ שׂימחה אָן אַ קווייטל אַפֿילו. פֿון זייערע רייד וועט ער אָבער פֿאַרשטיין, אלישע, אַז די שוועסטער פֿראַוועט הײַנט דער טאָכטערס געבוירן־טאָג און איר טאָכ־טער איז אַ נאָמען נאָך דער מאַמע. און אויך פֿון דעם, וואָס קיין איין מאַנצביל הייבט זיך אים ניט אויף אַנטקעגן, זאָגט ניט און פֿרעגט ניט

גאָרניט, וועט ער שוין וויסן: זײַן שוועסטער לעבט אַליין. זי איז אָדער אַן אַלמנה, אַ גרושה און אפשר גאָר אַן עגונה — און דאָ האָט זיך די אַנטקעגנדיקע טיר געעפנט און ס'איז אַרײַן אַ הויכע, אַ שוואַרץ־האָריקע, אַ טונקל־הויטיקע פרוי, וואָס האָט אים גלײַך אָנגעקלאַפּט אין האַרצן. ער האָט באַלד דערקענט בײַ איר דעם טאַטנס גרויסע גאולה־זוכנדיקע אויגן און דער מאַמעס טרויעריקן שמייכל אויף די ליפּן. נאָר דער מאַמעס שמייכל פלעג זאָגן:

— שווער, אַוודאי שווער, נאָר מ'דאַרף עס בײַקומען!

און דער זעלבער שמייכל אויף זײַן שוועסטערס ליפּן האָט ווי געפרעגט:

— וויפל איז דער שיעור? וויפל קאָן מען?

און דער שמייכל בײַ איר איז שוין פול געווען מיט יִאוש. אָבער באַלד האָט ער דערהערט אויך איר קול, וואָס האָט זיך שוין אָפּגערופן מיט אַ ווייטיק אין זײַן האַרצן: דעם טאַטנס טרערן־קלינגענדיק קול — אַ פאַרלוירן קול, וואָס רופט און באַקומט ניט קיין ענטפער.

— איך בין עטל, — און אירע אויגן פרעגן, וואָס דאַרף ער דער אַרײַנגעקומענער, און וויל ער פון איר דאָ האָבן? זי קוקט זיך אײַן אין אים ווי זי וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, ווו האָט זי אים שוין אַ מאָל געזען? — איך בין עטל — זאָגט זי נאָך אַ מאָל — וואָס האָט איר געוואָלט?

און אלישען האָט זיך געוואָלט אַלע זײַטיקע אַרויסטרײַבן, ווי דאָס האָט געטאָן זײַן אורפאָטער יוסף אין מצרים, בײַם לאָזן דערקענען זיך צו זײַנע ברידער; אויך אים, אלישען, האָט זיך געוואָלט אַרויסטרײַבן די געסט און בלײַבן אויג־אויף־אויג און דערקענען זיך צו זײַן שוועסטער.

— איך האָב אײַך געוואָלט איבערגעבן אַ גרוס פון אײַער טאַטן.

איר טונקעלער פּנים ווערט מיט אַ מאָל ווײַס:

— פון וואַנען קענט איר מײַן טאַטן? ווען האָט איר אים געזען?

— די טעג. כ'בין געווען דאָרט אין שטעטל צו גאַסט, האָט ער מיך געבעטן אַרײַנגיין צו אײַך.

— אַ גרויסן דאַנק אײַך. זעצט זיך, ווי אַזוי זעט אויס מײַן טאַטע? ער איז נאָך אַלץ שרעקלעך פרום און וויל זיך ניט פאָטאָגראַפירן? כ'האָב אים שוין ניט געזען אַ סך יאָרן, ווי זעט ער אויס?

— אַן אַלטער ייִד. אַ גרויער ייִד. אָבער די אויגן פינקלען נאָך אים

אַלץ שטאַרק. ס׳איז בײַ אים צעפֿאַלן געוואָרן דער טלית, בעט ער אײַך, אויב איר קאָנט קריגן פֿאַר אים דאָ אין אַדעס אַ טלית. ער האָט שוין ניט אין וואָס צו דאַוונען און ער דאַרף זיצן און וואַרטן ביז דער מנין דאַוונט אָפּ און קאָן לײַען ביי עמעצן אַ טלית. און ניט אַלע מאָל, זאָגט ער, קאָן ער שוין דאַוונען מיט אַ מנין. אין שטעטל זײַנען דאָך שוין קיין בתּי־מדרשים ניטאָ. דער מנין דאַוונט בײַ אים אין שטוב. דאַוונען אַלע בײַ אים אין שטוב מיט אַ מנין, נאָר ער בלײַבט דאַוונען אַליין.

— וואָס שטייט איר ? וואָס נאָך האָט ער אײַך געבעטן איבערגעבן ?

— אַז איר זאָלט אים אָפּטער שרײַבן און איר זאָלט כאָטש איין מאָל פֿאַר אַלע יאָרן קומען צו פֿאָרן צו אים. ער איז דאָך ניט קיין אייביקער, זאָגט ער, און ער וואָלט אײַך נאָך וועלן זען...

—איך קלער שוין לאַנג וועגן דעם, — טוט זי זיך מיטן ווײַזפֿינגער אַ פֿאָרע אין ביידע אויגן. — און וואָס האָט איר געטאָן אין שטעטל, איר זײַט טאָקע אַ דאָרטיקער ?

— געפֿאָרן צום טאַטן צו גאַסט.

— און ווער איז דאָרטן אײַער טאַטע ?

— מאיר אַריהס.

— מײַן טאַטנס אַ זון ?

— אײַער טאַטנס אַ זון.

— וועלכער ? ווי הייסט איר ?

— אלישע...

— דאָס האָב איך אײַך איבערגעלאָזט אויף יענעם וואָגן אויף וועלכן מ׳האָט אייך געפֿירט צום ברית ? — איך זאָג אים „איר״, ס׳איז דאָך מײַן ברודער !

— וואָס האָט זיך דיר פֿאַרגעדענקט פֿון יענעם פֿאַרנאַכט ? — טוט ער זי פּלוצעם און גאָר אומגעריכט אַ פֿרעג.

— דאָס רויטע וואָקזאַלכל ! דאָס רויטע וואָקזאַלכל אין יענעם פֿאַר־נאַכט שטייט מיר תּמיד פֿאַר די אויגן. אַ גאַנץ לעבן ווי ס׳שרעקט מיך רויטס. — ענטפֿערט זי גלײַך, ווי זי וואָלט שוין אויף אַזאַ פֿראַגע יאָרן לאַנג געוואַרט.

— און וואָס נאָך ?

— און אַ שרעקלעך געוויין.

— דער מאַמעס געוויין אין פעלד ?

— ניין. ניט דער מאַמעס.

— וועמעס דען ?

— אַ געוויין פון אַ קינד.

— פון דעם נײַ־געבוירענעם ?

— ניין. ניט פון דעם נײַ־געבוירענעם ?

— וועמעס דען ?

נאָר זי ענטפערט שוין ניט. אירע אויגן ווערן מיט אַ מאָל פאַר־נעפּלט, פון די ליפּן גייט אַראָפּ אַפילו יענער יִאושדיקער שמייכל, און בײַם באַזעצן אים צום טיש, דערפילט ער ווי די הענט ציטערן איר. האָט ער גלײַך אונטערגעכאַפּט דעם אַלגעמיינעם שמועס, דערצו נאָך האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַז דאָ, צווישן די געסט, געפינען זיך קרובים, פון דער מאַמעס צד, פון די נאָהאַדיִער, — שעווקע דער מומע ראָסיעס און עלטשיק דעם פעטער אַברהמס.

ערשט שפּעטער, אַז די געסט זײַנען זיך צעגאַנגען, אַז זיי זײַנען געבליבן אַליין, האָט ער זיך געוואָלט אומקערן, אלישע, צום פריִערדיקן שמועס, אָבער אויך שפּעטער, שוין נאָכן אַוועקגיין פון די געסט, האָט זי מער וועגן דעם ניט געוואָלט רעדן און געגומען אַפילו אויסלאַכן זיך אַליין: נאַרישקייטן, מאַלע וואָס אַ מענטשן באַמבלט זיך פאַר די אויגן און אין די אויערן. אין איר דעמאָלטיקן מצב האָט זיך אַלצדינג געקאָנט פאַרקריצן אין איר קאָפּויער. ס׳האָט זיך איר דעמאָלטן, בײַם אַראָפּגיין פון וואָגן און בײַם לאָזן זיך מיטן קלומיקל איבערן פעלד צום רויטן וואָקזאַלכל געקאָנט אַלצדינג אויסדאַכטן. אירע אויגן זײַנען דאָך געווען דעמאָלט פול מיט פריִערדיקע טרערן. מאַלע וואָס ס׳האָט פון יענעם פאַר־נאַכט איר געקאָנט פאַרבלײַבן אויפן האַרצן. זי וויל וועגן דעם מער ניט דערמאָנען.

און דאָך, אַז ער איז פאַרט פון איר ניט אָפּגעטראָטן, האָט זי ווידער איבערגעחזרט דאָס פריִער געזאָגטע: פאַר די אויגן שטייט איר תמיד דאָס רויטע וואָקזאַלכל ווי אַ פלאַקער־פײַער, און אין די אויערן אַ קינדעריש געוויין. און דערנאָך, שוין קוקנדיק אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן, ווי זיך בײַגעקומען, צוגעגעבן:

— דאָס געוויין פון מײַן קינד...

— ווי אַזוי האָט זיך דיר געקאָנט פאַרקריצן דאָס געוויין פון דײַן קינד, אַז דו ביסט נאָך דעמאָלט אַליין געווען כמעט אַ קינד?

—דאָס ווייס איך ניט ווי אַזוי, אָבער דאָס איז געווען דאָס געוויין פון מײַן קינד. ווען איך הער איצטערט מײַן קינד וויינען, הער איך יענעם געוויין.

ער איז פון איר אַפּגעגאַנגען. ס'האָט אים געדאַכט: ניט זי, נאָר עמעצער רעדט פון איר אַרויס. און הגם ער האָט זי ניט פאַרשטאַנען און אירע ענטפערס ניט באַנומען, נאָר ער איז פון אירע רייד אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אומרו, און מיט אַזאַ אימה, ווי זי וואָלט אים צוגעשפּאַרט צו אַ ראַנד פון אַ טיפן אָפּגרונט.

ערשט שפּעטער האָט דער שרײַבער אלישע געקאָנט, געווען ביכולת אויך מיטן געדאַנק אויפנעמען יענע רייד און יענעם צושטאַנד אירן בעת זייער ערשטער באַגעגעניש. שוין נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַז ער, אלישע, איז געקומען קיין אַדעס און אַליין דורכגעגאַנגען יענעם פײַער־דיקן, יענעם לאַנגן מהלך צום טויט: פונעם דריטן שטאָק אויף לעקערט־גאַס, דורך דעם לוסטדאָרפער וועג, צו יענעם אָרט, וואָס ניט ווײַט פונעם שוואַרצן ים־ברעג, וווּ ס'האָבן זיך געפונען די גרויסע און ליידיקע אַרטי־לעריע־סקלאַדן, אין וועלכע די דײַטשן צוזאַמען מיט די רומענער, האָבן פאַרטריבן זיבן און צוואַנציק טויזנט ייִדן — פרויען און קינדער און צווישן זיי אויך זײַן שוועסטער מיט איר קינד, און זיי דאָרטן לעבעדיקערהייט פאַרברענט. דעמאָלטן, גייענדיק מיט יענע טויט־וועגן, וואָס ס'האָט נאָך פון זיי געטראָגן מיט בלוט און אַש און ס'זײַנען נאָך געלאָפן ריטשקעס טרערן, אָט דעמאָלטן האָט ער שוין, אלישע, ביז די טיפסטע־טיפקייטן פון זײַן נשמה דערפילט, און דער עיקר שוין געגלייבט אַז זײַן שוועסטער עטל האָט שוין דעמאָלטן בײַ איר אַראָפּגיין פון סקריפּעדיקן וואָגן און לאָזנדיק זיך צום רויטן וואָקזאַלכל, דערזען דעם פלאַקער־פײַער אויף איר גורלדיקן וועג און אין דער מאַמעס אויסגעבראָכענעם געשריי אינעם פאַרנאַכטיקן פעלד, שוין אויך דערהערט יענעם שוידערלעכן געוויין פון איר קינד, וואָס איז נאָך דעמאָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. ער האָט שוין געגלייבט, דער שרײַבער, אַז זײַן שוועסטער האָט מיט אַ סך יאָרן פריִער געזען פאַר אירע אויגן דעם בראַנדפײַער אויפגיין.

און דער פלאַמפײַער איז אויף איר טאַקע אויפגעגאַנגען אין דער

נאַכט פונעם צוויי און צוואַנציקסטן אויפן דרײַ און צוואַנציקסטן אָקטאָבער, אין דער האַרבסטיקער נאָכט פונעם טויזנט נײַן הונדערט אײַן און פערציקסטן יאָר.

אין יענער נאַכט, שוין נאָכן אָקופּירן די דרומדיקע האַפנשטאָט אָדעס — די רויטע אַרמיי האָט געהאַלטן אין איין אָפּטרעטן „צעמאָלנדיק דערבײַ די בעסטע און די אָפּגעקליבנסטע דײַטשישע דיוויזיעס"... ווי ס'האָט יעדן טאָג געמאָלדן די סאָוואינפאָרמביוראָ — אָבער די נאַציסטישע אַרמייען מיט זייערע זאָנדערקאָמאַנדעס, שוין נאָכן קיִעווער באַבי־יאַר, שוין נאָכן אָפּטאָן צוזאַמען מיט די אוקראַיִנער זייער שוואַרץ־בלוטיקע אַרבעט, האָבן זיך מיט יעדער שעה אַלץ מער און מער דערנענטערט צו מאָסקווע און דער גרויסער פירער פון די סאָוועטישע פעלקער, וואָס האָט יאָרן־לאַנג פאַרזיכערט: די הייליקע סאָוועטישע גרענעצן זײַנען אויפן שלאָס! אונדזערע רומפולע אָדלערס היטן די סאָוועטישע הימלען! — און די פעלקער האָבן געגלייבט און אין שרײַענדיקן שווײַגן געטראָגן דעם פּײַן פון הונגער, טורמעס, קאָנצלאַגערן — ער, דער גרויסער מאַרקסיסטישער נביא, סטאַלין, האָט נעבעך שוין געמוזט זיך ווענדן צום רוסישן פאָלק, אַז אין נאָמען פון די העלדנמוטיקע אָבות, אַלעקסאַנדער ניעווסקי, אַלעקסאַנדער סוואָראָוו און מיכאַיִל קוטוזאָוו, זאָל מען גיין פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד, די רוסישע מלוכהשאַפט, און דערלויבט אַפילו צו קלינגען אין אַלע קלויסטערס און מאָנאַסטירן — אין יענער נאַכט, נאָכן אָקופּירן די דרומדיקע האַפנשטאָט אָדעס, איז אויף דער מאַראָזליוווער־גאַס, אינעם געוועזענעם קלוב פון דער ענקאַווּעדע, פאָרגעקומען אַ באַראָטונג פון דער דײַטשישער און רומענישער קאָמאַנדשאַפט און פיר אַ זייגער פאַר טאָג, אַז די זיגערס האָבן שוין פאַרבראַכט בײַ די געדעקטע טישלעך, זיך געמיטלעך און אויפגערוימט געקוויקט מיט די בראָנפנס און ווײַנען, פאַרביסן מיט די פּאָטראַוועס, וואָס זײַנען געלעגן אין די קעלערס פאַר דער פּאַרטיי און סאָוועטישן אַדל־אַפּאַראַט — די אוקראַיִנישע אַרטיסטן פון דעם באַרימטן אָפּערע־טעאַטער האָבן געזונגען און די באַלעט־אַקטריסעס האָבן מיט זייערע נאַקעטע פיס פאַרווײַלט און געררייצט די שוין באַטרונקענע דײַטשן און רומענער, אַט דעמאָלט, אין אָט דער צײַט, פיר אַ זײַגער פאַר טאָג, איז די געביידע אויפגעריסן געוואָרן און אונטער אירע חורבות זײַנען באַגראָבן געוואָרן די גענעראַלן און אָפיצירן.

און שוין אין אַ שעה אַרום, ווי מ׳וואָלט אויף דעם אַרויסגעקוקט און געוואַרט, שוין צו פינף אַ זייגער פאַר טאָג — דער הימל איז נאָך שוואַרץ געווען ווי דער ים, און ווו־ניט־ווו, ביים דעם ראַנד, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אָפּצושפּיגלען אַ באַזילבערטער רוקן פון אַ כוואַליע ביים ברעג — אין יענעם קאַיאָר פון דעם 23סטן אָקטאָבער 1941, און לויטן יידישן לוח איז דאָס שנת תש״א געווען — זאָל אָט דער טאָג פאַרקריצט ווערן אויף די יידישע לוחות און רבנים זאָלן אויסרופן אָט דעם טאָג פאַר אַ תענית־ציבור אויף דור־דורות, — שוין אין אַ שעה אַרום נאָכן אופרייסן יענעם מויער, האָבן דייטשישע און רומענישע זעלנער, און מיט זיי די אוקראַאינישע פּאָליציי און די דוואָרניקעס, גענומען אַרויסוואַרפן יידן, קינד און קייט, ווען ס׳איז געווען מיטן אויג צו זען און מיטן אויער צו הערן, פון אויבן ביז אונטן, ווי מ׳שטייט און גייט, פון די הייזער און מיט אַכזריותדיקע קלעפּ און מיטן ווילדן געפּייף און געהויל: שנעל! שנעל! געטריבן אין דרויסן אַרויס און זיי פון דאָרטן מיט וועלפהינט געיאָגט ווייטער איבער די גאַסן; פריער צו די בתי־מדרשים, וווהין מ׳האָט אין מקום־קדוש אַריינגעשפּאַרט אַריבער צוויי טויזנט מענטשן, אויף דערשטיקט צו ווערן און דערצו נאָך געראַבעוועט און געשלאָגן און דערנאָך צום וואָקזאַל און פון דאָרטן שוין אויפן לוסטדאָרפער וועג געטריבן. און צו די סאָלדאַטן זיינען אָן אַ סוף געגאַנגען אוקראַאינער און רוסן, די שכנים פון די געיאָגטע יידן, געשטופּט די סאָלדאַטן געלט אין די הענט אַריין און אָנגעוויזן אויף דעם אָדער יענעם יידן, וואָס איז געווען אין אַ לייטישן מלבוש אָנגעטון. און דער ייד וואָס אויף אים איז דער פינגער געפאַלן, איז תיכף אָן דער זייט אָפּגעשטופּט געוואָרן און מ׳האָט אים געהייסן זיך אויסטאָן, און אויב דער ייד האָט זיך אָפּגעזאָגט און ניט געוואָלט זיך אויסטאָן, האָט מען אים דאָ אויפן אָרט מיט דער קאָלבע איבערן קאָפּ געשלאָגן און שוין טויטערהייט, אָדער נאָך אַ האַלב־לעבעדיקן אים אויסגעטאָן.

און די האַלב־נאַקעטע, מיט די דערשראָקן־שרייענדיקע קינדער אויף די הענט געטריבן ווייטער און די וואָס האָבן ניט געקאָנט לויפן און אָפּגעשטאַנען, האָט מען אויפן אָרט דערשאָסן, און די וואָס האָבן זיך גאָר קעגנגעשטעלט, מיט די הוילע פויסטן אויף די גזלנים זיך געוואָרפן, די האָט מען שוין אויף די פון פריער צוגעגרייטע שטריק צו די ביימער און

צו די טעלעגראַף־סטויפּעס געשלעפּט און זיי אויפגעהאַנגען. און דערנאָך אויפן אויפגעהאַנגענעם מיט קויל אָנגעשריבן: זשיד.

און די אַדעסער קאַשטאַנען־ביימער, שוין אַרומגעכאַפּט מיטן פייַער פון האַרבסט, זייַנען פול געוואָרן מיט אויפגעהאַנגענע ייִדן, און די ערד האָט זיך געקאָרטשעט פונעם הייסן קינדערישן בלוט און פון זייער אויס־גייענדיקן געשריי: מאַ־מע!

און טויזנטער, טויזנטער, טויזנטער, טויזנטער — זיבן און צוואַנציק טויזנט ייִדן, האָבן דייַטשן און רומענער, אוקראַיִנער און רוסן, גריכן און מאָלדאָוואַנער, מיט וועלפהינט אויף די קייטן, מיט די אָנגעלאָדענע ביקסן און מיט די אין בלוט אויסגעווייקטע האַראַפּניקעס, געיאָגט די האַלב־פּאַר־חלשטע זקנים, פרויען און קינדער איבערן לוסטדאָרפער וועג. די יונגע זייַנען שוין איבער אַלע ביימער און די גאַסן און פּאַרקן געהאַנגען, אָדער שוין דערשאָסענע זיך לענג־אויס דעם שליאַך געוואַלגערט.

און זיי, די האַלב־לעבעדיקע מענטשן, האָט מען מיט פאַרביסענער רציחה, צלמענדיק זיך דערבייַ, אין די ליידיקע אַרטילעריע־סקלאַדן הינטער שטעכלדראָט פאַרשטופּט, פאַרשפּאַרט און פאַרריגלט די שווערע אייַזערנע טירן און באַלד האָט זיך דער שרעקלעכער ריח פון בענזין דערהערט, און ס׳האָבן גענומען אַרויסשלאָגן די וואָלקנס פלאַמפייַער.

און דאָרטן, אין זיי, אין אָט די פלאַקער־פייַערן, וואָס זייַן שוועסטער עטל האָט אין פאַרלויף פון אַזוי פיל יאָרן פאַר אירע אויגן געזען און דערבייַ אויך דעם קינדערשן געוויין געהערט, זי, זייַן שוועסטער איז טאַקע דאָרטן, אין יענעם בראַנדפייַער, מיט איר איין־און־איינציק קינד, מיט ליבעלען, לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן.

און דערצו נאָך, ווייסט ער, דער אַלטער אלישע בן־מאיר, אַז אין יענער נאַכט פונעם אויפגעריסענעם מויער, האָט זייַן שוועסטער געזעכטיקט אויפן פּערעסיפּ, בייַ איר שוועסטערקינד, בייַ שעווקען דער מומע ראָסיעס. אָבער אַרום האַלבער נאַכט זיך אויפגעכאַפּט, ווי אַן אָפּגעבריטע אויפ־געשפּרונגען, מיט ציטערדיקע הענט גענומען זיך אָנטאָן און געלאָזט זיך אַהיים לויפן. מ׳האָט זי בשום־אופן ניט געקאָנט באַרויִקן, פאַרהאַלטן און אָפּשטעלן. אויף אַלע רייד האָט זי נאָר געענטפערט:

— כ׳הער ווי מייַן קינד וויינט, כ׳הער יענעם וויסטן קול!

# ד

און דער אַלטער שרײַבער אלישע בן־מאיר ווישט אויס די אויגן — שעמט זיך ניט מיט דער מענטשלעכער טרער, וואָס איז שוין הײַנט אַזוי אַלטצײַטיק און פאַרלעגערט, אַזוי אָפּגעלעבט און אַלטוועלטיק: די ייִדישע ליטעראַטור ווערט דאָך שוין אַזוי אויך פון די אויסגעליידיקטע באַשול־דיקט און אַפילו פאַרמישפּט פאַר צו פיל מענטשלעכקייט, פאַר צו פיל ווייגען און לאַכן, פאַר צו פיל ליב און פײַנט האָבן, פאַר צו פיל בענקשאַפט און גאולה־טרוימען, פאַר צו פיל גלויבן און פאַר ניט־געשטילטע דאַרשטן. קונסט דאַרף זיך דאָך אָנהייבן דאָרטן, ווו ס׳ענדיקט זיך דער מענטש און דאָס מענטשלעכע. דער קינסטלער דאַרף שפּאַנען איבערן לעבן צו דער ניט־ממשותדיקייט, צום שאָטן, צום פאַראַיאָריקן שניי. קונסט דאַרף דעהומאַניזירט ווערן! און ער, דער אַלטער שרײַבער אלישע בן־מאיר, וואָס שלעפּט ווײַטער די שווערע גאָלדענע קייט פון גרויסע דורות גלות־ייִדן, ער ווישט פאַר דער גאַנצער אַכזריותדיקער וועלט די טרערן און גייט נאָך יענעם סקריפּענדיקן וואָגן, וואָס איז שוין מיטן נײַ־געבוירענעם אַרײַנפאָרן מיט דער נאַכט אין שטעטל אַרײַן — שוין ניט געווען דאָרטן אויף אַ רפואה אַ ברעקל טאָג. די ווינטן האָבן געמאָרדעוועט די ביימער, געשאָקלט די הימלען, און די לעצט וואָרעמע שטערן, ווי די האַרבסטיקע לאָזעבלעטער, זײַנען אין קאַלטן טײַך אַרײַנגעפאַלן.

פאַרפאָרן איז מען צום זקן, צום זיידן, וואָס האָט געלעבט אין דער גויִשער גאַס, ווו ניט נאָר די אַרײַנגאַנג־טירן, נאָר אויך די פיר ווינקלען פון זײַן שטוב און דער טויער פונעם הויף זײַנען מיט מזוזות געווען באַ־שלאָגן. ער האָט שוין געלעבט, ר׳ אַריה, איינער אַליין און אין די לעצטע וואָכן שוין אויך אין אַן אויסגעליידיקטער שטוב; אַלץ אויספאַרקויפט אויף וועג־הוצאות, — צום הייליקן לאַנד פון די אָבות איז ווײַט און אויך דאָרטן וויל ער פון קיצבה־געלטן ניט לעבן. און ער קאָן דאָך אויך, אין אַ שלעכ־טער שעה צו שווײַגן, ערגעץ ווו אויפן וועג בלײַבן, הגם ער פּילט זיך

נאָך, ברוך־השם, מיט לײַטן גלײַך, און קאָן גיין אַ טאָג צו פוס און ניט אײַנגעבראָכן ווערן פון מידקייט; דאָך, בײַ די יאָרן, אַריבערגעשפּאַנט, מיט גאָטס הילף, דעם שוועל פון די נײַנציק... ער האָט זיך שוין אויסגעריכט, דער זקן, און אויסגעלאַדעוועט צום וועג, פֿאַרן עולה־זײַן אָנגעטאָן אונטערן קיטל די לאַנג פֿאַרגרייטע תּכריכים, צוגעגרייט צו זיי אַ שטיק טלית, זיך אַרומגעגאַרטלט מיט אַן אַבנט; אויב דאָס געלט מיטן שטיקל פּאַרמעט, געשריבן מיט קידוש־לבנה־אותיות מיט סופרישן טינט, ווו ער בעט, מ׳זאָל אים, אַריה בן־פּנחס הכּהן, צו קבורה ברענגען לויטן יִדישן דין און מינהג, אויב חלילה אָט דער פּאַרמעט מיטן געלט וועט צו יִדישע הענט און הערצער ניט דערגיין, אויב מ׳וועט אים, חלילה, אויף אַ פרעמד פעלד באַהאַלטן, זאָל ער כאָטש קאָנען, ביז משיח וועט קומען, ליגן בײַ זיך אין קבר ווי אַ ייִד. ער איז שוין פֿאַרבײַ געגאַנגען דעם „גאָר אַלטן פעלד״ און אויך דעם „אַלטן בית־עלמין״ און דעם נײַעם הייליקן־אָרט, ווו ס׳ליגן זײַנע עלטער־זיידעס, זײַנע ווײַטע און נאָענטע קרובים, און אויך די ייִדן מיט וועלכע ער האָט זיך אַ מאָל געחברט, אין איינעם מיט זיי משניות געלערנט און תּהילים געזאָגט, מיט אַלעמען פון דער ווײַטנס זיך געזעגנט און מחילה געבעטן. און הגם דאָס האַרץ האָט אים געקוועלט, וואָס ער גייט קיין ארץ־ישׂראל אײַנגעזאַמלט ווערן בײַ דער מערת־המכפּלה, דאָך האָט אין אים אויך ביטער געוויינט און געכליפּעט בײַם געזעגענען זיך מיט זײַן גלות־לאַנד: איבערלאָזן דאָ אַזעלכע ייִדן, אַזוי פיל הייליקע ערטער, די ערד איז דאָך דאָ פול מיט קדושים און צדיקים. אפשר איז ער פּאַרט גערעכט, הגם אויף אַ סך ייִנגער פון אים, דער חזן פונעם „מאָווער״, ר׳ מנחם־זוסיע, וואָס זאָגט, אַז די שכינה איז דאָ, מיט די ייִדן, אין גלות, אַז פון דאָרטן, פון ארץ־ישׂראל ביז משיח וועט קומען, איז די שכינה אַוועק. און אַפילו די קדושה פונעם הר־הבית איז אויך דאָ מיט די ייִדן אין גלות. דאָרטן, אין ארץ־ישׂראל, זײַנען אַלע הייליקע ערטער אָנגעשטעלט מיט קלויסטערס, אויפן הר־הבית טאָר גאָר קיין ייִדישער פוס ניט געשטעלט ווערן.

אַרײַנגעפאַלן איז מען אין דער נאַכט פון ברית, — אין דער נאַכט וואָס איז זייער געפערלעך פאַרן נײַ־געבוירענעם, ווײַל גראָד אין אָט דער נאַכט באַמיִען זיי זיך אַלע ניט־גוטע צו שעדיקן, ניט צו דערלאָזן, אַז מ׳זאָל דאָס קינד אַרײַנברענגען אינעם ברית־של־אַברהם, ס׳זאָל צוקומען

נאָך אַ ייִד אויף דער וועלט. האָט עס דער זיידע נאָך פֿון פֿריִער גוט באַוואָרנט: אַרום דעם ווינקל ווו די קימפּעטאָרין מיטן קינד וועלן ליגן, הינטער די פֿאָרהאַנג־לייַלעכער, אָנגעקלעפּט שיר־המעלותן, קמיעות, עין־הרע־בייגעלעך, וועלפֿישע ציין, דער עיקר אָבער די שמירה פֿון ר׳ מנחם־נחומען, פֿונעם טשערנאָבילער מגיד און בעל־מופֿת, וואָס דער זקן, ר׳ אַריה, האָט אַלע זייַנע יאָרן געהיט ווי דעם שוואַרצאַפּל פֿון אויג, אָט אָ די שמירה האָט ער אָנגעבונדן אויפֿן עופּעלעס העלדזל אין דער „וואַכנאַכט". דאָך האָבן זיי ביידע, דער זיידע מיטן טאַטן, ביז ס׳האָבן אָפּגעקרייט די צווייטע הענער, ניט געלייגט זיך שלאָפֿן און געזאָגט תּהי־לים. די קימפּעטאָרין אָבער, שוין נאָך דעם ווי דער מאַן מיטן שווער האָבן זיך צוגעמאָסטעט כאַפּן אַ דרעמל, האָט ווייטער, ביזן ווייַסן טאָג אַרייַן, געטרונקען די הייסע קווערטלעך וואַסער, ווייַל די מילך איז בייַ איר פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ווי נאָר די פּופּצן־יאַריקע טאָכטער, עטל, איז פֿון וואָגן אַראָפּ און מיט דער פֿאַרנאַכטיקער סטערניע זיך געלאָזט מיט איר קלומיקל אין דער וועלט אַרייַן.

און אין דעם טאָג פֿונעם ברית האָט מען, בעתן דאַוונען, תּחנון ניט געזאָגט און ייִדן זייַנען געגאַנגען און געגאַנגען צו דער גויִשער גאַס, ווייַל דער זיידע האָט געבעטן בייַ די שכנים צו פֿאַרשפּאַרן די הינט אין די שטאַלן, אָדער זיי נעמען אויף דער קייט. מ׳איז געגאַנגען ניט אַזוי אויפֿן ברית, ווי צו געזעגענען זיך מיטן זקן, וואָס גייט נאָך הייַנט אַוועק קיין ארץ־ישׂראל און דערבייַ טראָגט ער מיט זיך די קוויטלעך, וואָס ווי נאָר דער אייבערשטער וועט אים, ר׳ אַריהן, ברענגען בשלום קיין ארץ־ישׂראל, צו דוד המלכס שטאָט, צום הייליקן הר־ציון, אַזוי וועט ער דאָרטן די קוויטלעך אין די שפּאַלטן פֿונעם כּותל־מערבֿי אַרייַנשטעקן. אַזאַ געלעגנ־הייט טרעפֿט זיך איין מאָל אין אַ יובֿל. דערצו נאָך גייט אַ ייִד פֿונעם אייגענעם שטעטל און אַזאַ ירא־שמים, — ס׳איז דאָך אַלץ איינס ווי אַרייַנ־לייגן דאָס קוויטל דעם רבונו־של־עולם גלייַך אין האַנט אַרייַן. און ייִדן האָבן אויך געטראָגן כּיבוד: ווער אַ שקאַליקל בראָנפֿן, אַ פֿלאַש ווישניאַק, ווער אַ לעקעך אָדער אַ שטרודל. פֿאַר קיינעם איז דאָך קיין סוד ניט געווען, אַז ר׳ אַריה דער גלעזער און אויך זייַן זון, דער בעל־ברית, זייַנען אַזעלכע קבצנים, אַז אַפֿילו דער ווינט פֿאַרפּלאָנטערט זיך אין זייערע זיבן פּאָלעס. מ׳לעבט אין דער פֿרעמדער שטוב און אויפֿן געליִענעם קערבל.

אָבער זיי זײַנען קבצנים מיט פליגלען. ווי האָט ער עס איין מאָל געזאָגט דער זקן, ר׳ אַריה: ווער ס׳ווייסט ניט פון נויט, ווער ס׳ווייסט ניט ווי אַזוי אַלע קינדער גייען אין איין פּאָר שיך, דער ווייסט אויך ניט וואָס ס׳הייסט אַ תּפילה צום בורא־עולם, דער ווייסט ניט וואָס ס׳הייסט אַרומגיין אויף דער ערד און לעבן אויפן הימל!

און הגם ס׳איז שוין געווען סוף אלול, דער חודש פון תּשובה־טאָן, פון בלאָזן שופר, פון גיין אויף קבר־אָבות און די קימפּעטאָרין, ליבע־שׂרה, די שטאָלצע נאָהאָדיערין, די טאָכטער פון דעם אַמאָליקן רײַכן פּאַכטער ר׳ אַהרן הלוי, האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן פאַר פרעמדע אירע טרערן, ווײַל פאַרן מל־זײַן האָט זי ניט געהאַט מיט וואָס אָנצוזויגן דאָס קינד, דאָך האָט זיך אין דער פּויערישער שטוב, וואָס אונ־טערן אַלטן שטרויענעם דאַך, קיין טרויער ניט געפילט — אַ ברית איז געווען ביי ייִדן אַ יום־טוב.

און דער ברית פונעם קינד מיט גאָט און מיט זײַן פאָלק איז טאַקע געגאַנגען לויט די אײַנגעשטעלטע מינהגים און דינים פון דור־דורות, — מיט קוואַטערשאַפט און מיטן איבערגעבן דאָס קינד אויפן קישעלע פון איינעם צום אַנדערן און מיטן אַוועקלייגן עס אויפן כּסא־של־אליהו און מיטן סנדקאָות און מיט די ברכות פונעם מוהל און פונעם פאָטער און מיטן „ואמר לך בדמיך חיי!“ און מיטן „ויקרא שמו בישראל אלישע בן־מאיר“ — אַ נאָמען פון מאָמעס צד, נאָך אַ נאָהאָדיער, נאָך אַ וואָלדיידן, נאָך אַ בראַצלאַווער קאַלטן חסיד, וואָס פלעג איטלעך יאָר אויף ראש־השנה אַוועקגיין פון דער היים קיין אומאַן צו זײַן רבין אויפן קבר; אין דער משפּחה האָט מען געקוקט אויף זײַנע געגנג און חסידות קרום, גע־האַלטן זיך מיט אים פון דער ווייַטנס, זיך מיט אים ניט מתחתן געווען; אָבער פאַרן קינדס געבוירן ווערן, שוין נאָך די גרויסע פּאָגראָמען, שוין אין דער שטיל־געוואָרענער צײַט, איז ער אומגעקומען פון אַ פלוצעם־אויסגעבראָכענעם פּאָגראָם אין שטעטל, אויף קידוש־השם. האָט מען דעם קינד געגעבן דעם נאָמען פונעם קדוש — אלישע — און דער מוהל, דער פריילעכער ייִד ר׳ מיכה־יוסי, וואָס האָט איין מאָל אין מיטן העלן טאָג געמאַכט אַ גוואַלד איבערן שטעטל, אַז צו אים אין סאָד איז פאַרלאָפן אַ וואָלף. אין זײַן „סאָד“ שטייט איין ווײַנשלבוים און איין קוסט אַגרעסן; האָט אַ שטעטל צוויי וואָכן זיך געהאַלטן ביי די זײַטן. — האָט ער, מיכה־

יוסי, דעם אײַנגעטונקענעם פינגער אין ווײַן אַ פיר געטאָן איבערן קינדס שרײַענדיקע ליפּלעך און מ׳האָט זיך געזעצט צו די טישן טרינקען לחיים און עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן.

און אַז ייִדן האָבן די קעלישקלעך אין האַנט אַרײַן גענומען, גע־טרונקען פאַר דער קימפּעטאָרינס געזונט, פאַרן טאַטן און פאַרן זיידנס נסיעה, דערעיקרשט אָבער פאַרן קינד, פאַר אלישע בן־מאיר, ער זאָל וואַקסן אַ ייִד און זאָל דערלעבן צו דער גרויסער פרייד פון גאולה — האָט אַפילו דער זקן, וואָס אין די תּכריכים אויפן הוילן לײַב, מיט די שוויבעס־שיכלעך אין די שטיוול, אויפגעלעבט; אויך אין אים, אין ר׳ אַריהן, האָט די פרייד דורכגעבראָכן, ווײַל וואָס גרעסער און וואָס טיפער דער טרויער אינעם ייִדן, אַלץ שטאַרקער און עקשנותדיקער זוכט ער די פרייד און דאָס ליכט. און די טשערנאָבילער חסידים האָבן באַלד גענומען אַ ניגון, זײַנען אויך צום ניגון צוגעשטאַנען — לכּבוד דעם זיידנס גײן קיין ארץ־ישׂראל — די סטאָלינער און די קאַרלינער חסידים און מ׳האָט אַפילו אַרײַנגענומען די דרײַ בראַצלאַווער. פון אָנהײב האָט מען דעם ניגון גענו־מען שטיל, נאָך מיט אַ זיפץ, דער ניגון איז נאָך התבוננות, חשבון־הנפש, — אַרײַנטיײַטשן און אַרײַנטיפן זיך, מ׳דאַרף נאָך ערשט אַרײַנגײן אין תּוך, אין די עולמות העליונים. שפּעטער אָבער, וואָס ווײַטער אינעם ניגון אַרײַן, ווערן שוין אַלע יאָכן און קלאָפּאָטן, אַלע עגמת־נפשן און דאגות־פּרנסה בטל, אַלע ווייטיקן און גרימענישן, אַלע ריסן אין האַרצן מיט אַ מאָל מיט התלהבותדיקן בטחון פאַרוועבט און פאַרשפּינט; און דער זיידע, וואָס איז קיין שוחט ניט געוואָרן ווײַל די ערשטע הון אונטער זײַן חלף האָט זיך צעקרייט, און צוויי און זיבעציק יאָר פון זײַן לעבן האָט געצײַען חיונה פון אַרײַנשטעלן, צושלאָגן און פאַרקיטעווען טאַפּליעס, וויגט זיך אינעם ניגון לעם דעם חזן פון „מאָווער״ ר׳ מנחם־זוסיען — אַ ייִד מיט אַ רבנישער באָרד, און וואָס טאַקע געהאַט סמיכות אויף רבנות און וואָלט אַוודאי געקאָנט האָבן אַ שיינע שטאָט, האָט ער אָבער ניט געוואָלט ווערן רב, מורא געהאַט געשטרויכלט ווערן בײַ אַ שאלה פּסקנען, ווײַל ער, ר׳ מנחם־זוסיע, וואָלט דאָך געווען אַ מחמיר. און ייִדן לעבן אין אַזאַ ביטערער אָרעמקייט, אין אַזאַ דחקות, אַז מ׳וואַרגט זיך מיטן ביסן און מ׳קריגט זיך איבער אַ שטרוי, — גיי און מאַך טרייף אַזאַ קבצן אַן עוף, גיי און נעם צו בײַם ייִדן דעם עונג און פאַרשטער אים אויך דעם שבת; וויגט זיך ר׳

אַריה אינעם ניגון לעם זיין יינגערן חבר, דעם חזן פונעם „מאָוועד״, ר׳ מנחם־זוסיען, וואָס האָט אים, דעם זקן, געפּרוּווט אָפּריידן פון עולה־רגל־זיין קיין ארץ־ישׂראל. ער האָט אים אַפילו אַ וואָקל געטאָן מיט זיינע רייד, אַז די שכינה איז דאָך מיט יידן דאָ, אַז פון דאָרטן, פון ארץ־ישׂראל, נאָכן חורבן בית־שני, איז דער אייבערשטער אַוועק מיט זיין פאָלק אין גלות אַריין, אַז אַפילו די קדושה פונעם הר־הבית איז אויך דאָ, מחמת דאָרטן איז דאָס לאַנד פול מיט צלמים און מיט האַלבע לבנות. די שכינה און די קדושה וועט צוריק אַהין זיך אומקערן מיטן פאָלק ישׂראל, אַז אליהו הנביא וועט אָנזאָגן און אַז דער גואל־צדק וועט קומען. ניטאָ וואָס צו פאַרלויפן דעם אייבערשטן דעם וועג. ניטאָ וואָס צו פאַרקוקן זיך אויף די יונגע־לייטלעך פון הערצלס חדר, וואָס פאָרן אַהין צו. יענע ברענגען ניט מיט מיט זיך קיין קדושה. נאָר פאַרקערט, פאַרמערן דאָרטן די טומאה. — אָט די רייד פון זיין חבר האָבן דעם זקן אַפילו געהאַט צעטומלט דעם מוח, דאָס האַרץ איז ביי אים אָבער געבליבן גאַנץ און די בענקשאַפט צו ירושלים, צום הר־הבית און צו חברון איז אויף אַ האָר ניט געמינערט געוואָרן. דאָך, כּדי אין גאַנצן פאַרטרייבן די פרעמדע מחשבות, כּדי אין גאַנצן באַרויקן זיין מוח, האָט ער אַ בעט געטאָן דעם חבר, ר׳ מנחם־זוסיען:

— זינג מיר דאָס דודעלע!

האָט מנחם־זוסיע פאַר אים דאָס דודעלע גענומען און אַלע יידן האָבן עס מיט דבקות אונטערגעכאַפּט, און דער זיידע איז אַפילו פון טיש אַרויס, מיטן פּנים אין דעם אָפענעם פענצטער צו דער גוייִשער גאַס זיך גע־שטעלט, ווו די פּויערים זיינען פאַר די טירן אַרויס און זיך מיט אָפּשיי צוגעהערט ווי זייערע יידן מאַליען זיך און זינגען, מיט בײדע הענט אין די אושאַקעס זיך אָנגעשפאַרט, און די פייערדיקע אויגן צום הימל: — ווו קאָן מען דיך יאָ געפינען און ווו קאָן מען דיך ניט געפינען? איי דו, דו, דו... און ווו איך גיי — דו, און ווו איך שטיי — דו, רק נאָר דו... דאָ — דו, אין מיזרח — דו, אין מערב — דו, אין דרום — דו, דו, דו... מים דו, אַרץ — דו, ירושלים — דו, גלות — דו, דו, דו, דו...

נאָך דעם, שוין נאָכן אויפהייבן זיך מיט די ניגונים אין די הימלען אַריין, שוין נאָכן אויסטאָן זיך פון דאָס גשמיותדיקע, פון דאָס חומרדיק־ערדישע, פון דער לעבעדיקער וועלט, שוין אַרום האַלבן טאָג, האָט זיך דער

זקן מיט אַלעמען געזעגנט, געקושט די מזוזות, און מאָטעלע דער וואַסער־טרעגער, וואָס דער זיידע האָט אים איבערגעלאָזט זײַן הויף אויסגעדאַרט אַלט פערד, דעם קאַשטאַן מיט דער אַראָפּהענגענדיקער שוואַרצער ליפּ פון הינטער וועלכער ס'קריכן אַרויס די אויסגעקרישלטע ציינער און וואָס לאָזט זיך ניט אײַנשפּאַנען, סײַדן מ'פאַרבינדט אים פריִער די אויגן; אײַבערגעלאָזט אים, דעם וואַסער־טרעגער, אויך דעם סקריפּענדיקן וואָגן מיט די קרום־גייענדיקע רעדער, אַז מאָטעלע זאָל קאָנען אַרויפשטעלן אַ פעסל און ווערן כאָטש אויף די עלטערע יאָרן אַ וואַסער־פירער, ווײַל אַלע זײַנע יאָרן האָט מאָטעלע געטראָגן די עמערס וואַסער פון טײַך מיטן קאָראָמיסל אויף די אַקסל. האָט ער, מאָטעלע, געוואָלט אָפּפירן דעם זיידן צום באַן, האָט עס אָבער דער זקן ניט געוואָלט, — ער וועט פון שטעטל עולה־רגל־זײַן און שוין ערגעץ דאָרטן אַרויפגיין אויף דער באַן און דערנאָך שוין — אויף דער שיף. האָבן ייִדן אים מיטגעגעבן די קוויטלעך פאַרן כּותל־מערבי און אים באַגלייט ביז צו די „זאַטאָנעס" — צום וועג וואָס גייט שוין נאָך דעם „גאָר־אַלטן" הייליקן אָרט.

פון דאָרטן, מיט יענעם האַלבטאָגיק־אָלודיקן פּאָלעסיער־זאַמדיקן וועג, וואָס לאָזט זיך פּאַוואָלינקע און געהיט פון דעם וואַלדבאַרג אַראָפּ און גייט דערנאָך אַוועק איבער די קנאָכיק־אַרויסשטאַרצנדיקע וואָרצלען פון די גרין־מאָכיקע צעקאָרבטע סאָסנעס, איז דער זקן, אָנגעטאָן אין תּכריכים, אַוועק נאָך זײַן בענקשאַפט — צום לאַנד פון זײַנע אָבות.

און זײַן בענקשאַפט איז מקוים געוואָרן: ער האָט צו ארץ־ישׂראל זיך דערקליבן און געלעבט דאָרטן, אין חברון, נאָך דרײַצן יאָר, און איז אײַנגעזאַמלט געוואָרן צו זײַנע אורעלטערן. ער ליגט אין דער ערד פון יהודה. אָבער קיינער ווייסט ניט ווו זײַן קבר געפינט זיך — די אַראַבער האָבן זײַן בערגל שטיינער אויסגעגלײַכט מיט דער ערד.

און אין דער נאַכט שרײַען שוין צום אַלטן שרײַבער, צו אלישע בן־מאיר, ניט נאָר פון דעם ווײַטן, אויף אייביק־פאַרפרוירענעם ווײַסן צפון, די ביינער פון זײַן פאַרפײַניקט־אומגעבראַכטן ברודער, פון פּנחסן, ניט נאָר פון דער דרום־שטאָט ביים שוואַרצן ים שרײַט צו אים דער אַש פון זײַן פאַרברענטער שוועסטער עטל און פון איר טעכטערל ליבעלען, נאָר ס'שרײַען צו אים אויך אין דער נאַכט די ביינער פון זײַן זיידן אין די בערג פון יהודה — פון חברון.

## ה

און פון דעמאָלטן, פון זײַן אַוועקגיין פון גלות צום לאַנד פון זײַנע אָבות — אײַנגעזאַמלט ווערן דאָרטן לעם דער מערת־המכפּלה — איז דער לעבעדיקער זיידע פון אלישעס ווײַטערדיקן לעבן אַרויס און פאַרבליבן איז אים נאָר יענעמס גרויסע רחמנות־תּמימותדיקע נשמה, וואָס האָט קיין שוחט ניט געקאָנט ווערן מחמת די ערשטע הון, וואָס ער האָט אין זײַנע הענט געטומען, די פליגל אויף אַרונטער פאַרדרייט, דעם העלדזל אויס־געפּליקט און אויסגעצויגן, דעם דערשראָקן־פאַרבלאָוטן קאָם צווישן די פינגער פאַרקוועטשט און דעם חלף איבער איר לעבן אויפגעהויבן, האָט זיך די הון פּלוצעם צעקרייט אויף אַזאַ קול, אַז אין שטעטל האָט מען נאָך אַפילו פון אַ גאַלאַנסקן האָן אַזאַ קרייען ניט געהערט. האָט דער זיידע אַ וואָרף געטאָן דעם חלף — שוין אויף תּמיד — און די הון איז יאָרן אַרומגעגאַנגען איבערן שטעטל, איבער אַלע הייף פראַנק־און־פרײַ, ווו גע־וואָלט דאָרטן פאַר זיך אַ נאַסידעלע אויסגעקליבן, אין די אָפענע טירן אַרײַן און מיט די פּיס פון אַלע ווינקלען דאָס מיסט געשאַרט און די ווײַבער האָבן זי ניט נאָר ניט געטריבן, נאָר מ'האָט געזוכן צו געפינען חן אין דער הונס קײַלעכדיק־ברוינע אויגן, — מ'האָט איר צוגעוואָרפן ברויט־ברעקלעך, אַפילו אַ ביסל הירזש צוגעשאָטן, ווײַל מ'האָט געגלייבט: די הון איז אַ גילגול. אַ הון זאָל האָבן אַזעלכע מענטשלעך־טרויעריקע אויגן? און דערצו נאָך האָט פאַר אַלע יאָרן קיינער ניט באַמערקט זי זאָל זיך מיט אַ האָן פירן און זאָל אַן איי אויסקוואָקען און לייגן. און ווען מ'האָט די הון אין איינעם אַ ווינטערדיקן טאָג, פרײַטיק אין דער פרי, געפונען מיט אויסגעצויגענע פיסלעך און מיט די אָפענע און נאָך אַלץ פאַרטרויער־טע אויגן אויפן גאַנעק פון דער קלויז ליגן, האָט שוין קיינער ניט גע־צווייפלט, אַז די שוואַרצע הון איז געווען אַ גילגול, וואָס איז געקומען נאָך אַ מאָל אויף דער וועלט נאָך אַ תּיקון. האָט מען די הון מקבר געווען ניט ווײַט פונעם „גאָר־אַלטן" בית־עלמין און דער זיידע האָט אַפילו אָנגע־

צונדן אַ גראַשנדיק ליכטל. מ׳האָט אַפּילו געזאָגט, אַז ווען דער זקן איז איבער די בית־הקברותן אַרומגעגאַנגען זיך געזעגענען און מחילה בעטן ביַי די נשמות פון די געשטאָרבענע נאָענטע און וויַיטע דורות, איז ער אויך פאַרביַיגעגאַנגען יענץ אָרט, ווו די שוואַרצע הון איז באַגראָבן גע־וואָרן. אָט־אָ די רחמנות און תּמימותדיקייט פונעם זיידן איז אים, אלישען, בירושה אויפן גאַנצן לעבן פאַרבליבן.

און דאָס קינד האָט ער אויך, אלישע, נאָך יענעם טאָג פונעם זיידנס אַוועקגיין קיין ארץ־ישׂראל, אויף גאַנצע פיר יאָר פון זיַינע אויגן פאַרלוירן און קיינער האָט אים שוין שפּעטער פון זיַינע ערשטע טריט דאָ אויף דער ערד גאָרניט ניט געקאָנט דערציילן. — און ס׳איז דאָך ביז גאָר וויטיקדיק און אויסטערליש, וואָס דער מענטש געדענקט אַליין גאָרניט פון זיַין קומען און ווייסט אויך גאָרניט פון זיַין אַוועקגיין פון דער וועלט. גראָד אָט די צוויי וויכטיקסטע, וואָרצלדיק־יסודותדיקע שעהען אין לעבן זיַינען פאַר אים, פאַרן מענטשן פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. און זיַין גאַנץ לעבן, צווישן קומען און אַוועקגיין, איז דען ניט קיין פאַרזיגלטער סוד? ווער קאָן דען זאָגן, וואָס איז אַזוינס מענטש? אפשר איז ער טאַקע ניט מער פון אַ שטיק פלאַמיקער יצר־הרע מיט אַ סך בייזע און שוואַרצע בלוטן? — די געשיכטע פון דער מענטשהייט זאָגט דאָך פאַר דעם עדות. אָבער ס׳זיַינען דאָך אויך געווען אויף דער וועלט די נביאים — אָט די שטורעם־פייגלען פון דער מענטשהייט; איז דאָך געווען דער געדאַנק פון פּלאַטאָן און שפּינאָזע, די מוזיק פון בעטהאָווען און מאָצאַרט; די פאַרבן־שיינקייט פון דאַ ווינטשי און וואַן־גאָג; דאָס ליד פון אַלעקסאַנדער בלאָק און פון ה. לייוויק... — ערשט אויפן פינפטן יאָר דערזעט ער ווידער דאָס קינד, דעם קליינעם אלישען, וואָס דער טאַטע טראָגט אויף די הענט, שוין אָנהייב ווינטער, איַינגעוויקלט אין אַ שאַלעכל. די ווינטן פון די פּאַלעסיער וועלדער שלאָגן אין די פאַרחידושט־דערשראָקענע קינדערשע אויגן, וואָס פאַרשטייען ניט צוליב וואָס דאַרף מען אים פון דער שטוב צונעמען און טראָגן גאָר אַהין, אין אַזאַ ווינט, אין חדר אַריַין, ווו אַ רבי שמיַיסט? אמת, די מאַמע גייט אויך, אָבער זי טראָגט דאָך אויף די הענט אַפילו איצט ניט אים, נאָר דעם צוויי־יאָריקן ברודערל, דעם מיזיניקל, איבער וועלכן זי ציטערט און וואָס איז אַ נאָמען נאָך איר זיידן, נאָך ר׳ איצעלע באַהאַדיער. און ער, אלישע האָט דאָך מיט זיַין געבוירן ווערן

אויפן גאָרטן קיין מזל און קיין ברעקל פרייד אין שטוב אַריַין ניט גע־בראַכט, פאַרקערט, צוויי קינדער, עטל מיט פנחסן, זיַינען ביַי זיַין געבוירן ווערן פון דער היים אַוועק. דערצו נאָך איז ער אַ נאָמען נאָך יענעם קאַלטן חסיד, וואָס איז אומגעקומען אין פּאָגראָם און קיין קינד ניט איבערגעלאָזט. דער נאָמען אַליין דערמאָנט אין גזירות. אפשר דערפאַר רופט מען אים ניט צו אָפט ביַים נאָמען, סיַידן ער געפינט זיך וויַיט און מ׳דאַרף אים אין שטוב אַריַינרופן.

קיין איין צוקערל, אַפילו קיין איין האָניק־פּלעצעלע האָט דער גוטער מלאך פון הימל ניט אַראָפּגעוואָרפן אלישען ביַים באַזעצן אים דאָס ערשטע מאָל צווישן די קינדער ביַים לאַנגן טיש לעם דעם קליין־ווּקסיקן און שמאָל־אַקסלדיקן מלמד מיט דער לאַנגער וויַיסער באָרד, אָן דער קאַפּאָטע, מיטן ברייטן און לאַנגן טלית־קטן, מיטן קאַנטשיק אין דער בלאָוו־אָדער־דיקער האַנט, מיט דער גרינער יאַרמלקע אויף דער זיַיט, אַראָפּגערוקט צום דאַר קנאָכיקן פּנימל, וואָס רייטלט זיך אין אַ שמייכל די גאַנצע ציַיט, — אַ שמייכל פון אייגעם, וואָס זאָגט: מ׳האָט שוין אַזעלכס געזען, מ׳האָט שוין אַזעלכס געהערט. אין חדש תחת השמש. און דאָך איז שווער געווען צו זאָגן פון וואַנען קומט צו אים, צום „בובאַר", (אַזוי האָט מען אים גע־רופן, דעם דרדקי־מלמד, וויַיל זיַין וויַיב, סולקע, איז געווען די בובע אין שטעטל), שווער געווען צו זאָגן פון וואַנען קומט אָט דער שטענדיקער שמייכל אויף זיַין אויסגעדייוועט־פאַררייטלט פּנים מיט די פּאַר־מאַכטע אויגן: טאָקע פון חכמה, צי גאָר פון יענער טיפּשות, וואָס ווערט פון גאָרניט אויפגעציטערט און פון גאָרניט ניט נתפּעל.

און ר׳ מאיר בן־אריה הכהן, דער מטופל מיט קינדער, דער פרומער און ביז גאָר ערלעכער אביון, וואָס קויפנדיק אויפן מאַרק ביַים פויער אַ רעדל וואַקס, אַ בינטל חזיר־האָר, זאָגט ער אים: „איך קאָן דיר, טשעלאָוויטשע, מער ניט צאָלן, איך בין אַן אָרעמער מאַן, אָבער דער פּריַיז איז היַינט העכער, גיי צו יענעם הענדלער, יענער וועט דיר געבן מערער..." — ער, דער אַלטגעבאַקענער קבצן, וואָס קנעלט אַלע טאָג איַין מיט זיַינע קינדער די הלכה פון דלפנות, ער, דער גרויסער כעסן און שריַיער אויף דער וועלט, האָט אַוועקגעזעצט דעם פינף־יאָריקן אלישען לעבן דעם בובאַר, און האָלב אין שפּאַס געזאָגט:

— ר׳ שאול־בער, איך בין, ווי איר ווייסט, וויַיט פון אַ נגיד. איז

נאָט אײַך מײַן קדיש און פירט אים אַרײַן פאַר איין זמן אין חומש מיט רש״י. און אויב ער וועט ניט וועלן לערנען, קאַטעוועט אים. און אַז די מאַמע האָט זיך דאָ געוואָלט אַרײַנמישן, זיך אָננעמען פאַרן קינד, האָט דער טאַטע געזאָגט: „קום, ליבע־שׂרה, קום, ער איז בײַ ר׳ שאול־בערן ניט דער ערשטער און בײַ אונדז איז ער, ברוך־השם, אויך ניט קיין בן־יחיד״. און די מאַמע איז מיטן מיזיניקל אויף די הענט אויך אַרויס מיטן טאַטן פון חדר.

און אלישע, פאַרבלײַבנדיק איינער אַליין מיטן בובאַרס גרויסער באָרד, האָט געוואָלט אויסברעכן אין אַ געוויין: „לאָזט מיך דאָ איינעם אַליין ניט איבער!״ — אָבער באַלד איז ער פאַרגליווערט געוואָרן: נאָך טאַטע־מאַמעס אַוועקגיין, האָט דער בובאַר מיטן שמייכלדיקן פּנים געהייסן צוויי יינגלעך אַרויסגיין פון טיש, אַראָפּלאָזן די הייזעלעך, זיך אַוועקלײַגן אויף דער באַנק וואָס בײַם פענצטער און באַקומען די שמיץ וואָס ס׳קומט זיי נאָך פון נעכטן. ניט דער ווייטיק פון די שמיץ האָט אים אלישעלען, געשראָקן. שמיץ האָט ער געכאַפּט אויך גענוג פונעם טאַטן: פאַר ניט גיין ווי אַ מענטש, פאַר ניט פירן זיך ווי בײַ לײַטן, פאַר שפּילן אין מלחמות, פאַר שפּילן אין דער נאַרישער צורקע־פּאַלאַנטע, פאַרן פײַפן, פאַרן זיך לערנען שפּײַען דורך די ציין, פאַר נעמען די קאַץ אויף בײַ נאַכט צו זיך אונטערן צודעק, פאַר ליגן זומער אין טײַך אויף דעם אָנגעבלאָזענעם העמד, פאַר קאַלופּען די וואַנט און עסן די ליים, פאַר... ניט דער ווייטיק האָט אים, אלישעלען, געשראָקן. דעם ווייטיק, ווייסט ער שוין, קאָן מען פאַרווינען, די מאַמע אַליין זאָגט אים דאָך: „ווייַן, מײַן קינד, וויין, דאָס הערצעלע זאָל דיר ניט דערטרונקען ווערן אין טרערן״. ניט דער ווייטיק, נאָר די בושה, די דערשלאָגנקייט נאָך דעם, דאָס ווערן אַזוי געפאַלן בײַ זיך, אַז ס׳שטעלט זיך דיר אַ פינצטערניש אין די אויגן, און דו ביסט אַזוי אומ־באַהאָלפן: קאָנסט זיך ניט ווערן, קאָנסט זיך ניט אַנטקעגנשטעלן, און אַז ער האָט איין מאָל זיך יאָ אײַנגעביסן מיט די ציין אינעם טאַטנס פוס, האָט אים שוין די מאַמע קוים אַרויסגעריסן פונעם טאַטנס הענט. און דאָך, אויב דער בובאַר וועט אים וועלן פאַרנאַקעטן, וועט ער אים אַזוי צעבײַסן די הענט, אַז ער וועט האָבן לאַנג צו געדענקען. האָט עס דער בובאַר אַפּנים גלײַך דערפילט און האָט אים נאָר געשלאָגן מיטן שטעקל פונעם קאַנטשיק איבער דער פּלייצע. און דאָס האָט אים, אלישעלען, אויך גע־

קאָסט זייער טײַער: דערפֿאַר וואָס דער בובאַר האָט אים ניט געשלאָגן ווי אַלעמען, האָבן די קינדער פֿון קינאה אים אָנגעהויבן פֿײַנט האָבן, אים אַ צונעמעניש געגעבן „חנוכה־קעז" און זיך אויפֿגעהערט מיט אים צו שפּילן.

און אַז אין יענעם ערשטן ערב־ווינטערדיקן חדר־טאָג, שוין בײַ נאַכט־צופֿאַלן, איז דער טאַטע געקומען אים אָפּנעמען, אלישען, און געפֿרעגט:

— נו? געמיינט דערמיט: וואָס זאָגט איר אויף אים, איז כּאַטש כּדאַי צוליב אים אַרויסנעמען דאָס לעצטע שטיקל ברויט פֿון מויל און עס אַוועקגעבן פֿאַר שׂכר־לימוד? — האָט דער בובאַר מיט קיין רייד ניט געענטפֿערט, אויפֿגעעפֿנט דעם אויפֿגעשוואָלענעם סידור, און געפֿרעגט מיט ניגון:

— ווו איז דאָ דער אַלף, ייִנגעלע?

— אָט איז ער, דער אַלף, רבי!

— פֿאַר וואָס מיינסטו אַז דאָס איז דער אַלף, ייִנגעלע?

ווײַל ער האָט אַ קאַראָמיסלע, רבי, און טראָגט אויף זיך צוויי עמער־לעך מיט וואַסער.

— טאָקע אַזוי, און נאָר אַזוי! אַ קאַראָמיסלע מיט צוויי עמערלעך טײַכוואַסער. און איצטערט, ייִנגעלע, באַווײַז מיר דעם בית!

— פֿאַר וואָס מיינסטו, ייִנגעלע, אַז דאָס איז דער בית?

— ווײַל דאָס איז אַ בודקעלע אָן אַ טירל, רבי, ווו אַלע הינטעלעך קאָנען זיך אויסבאַהאַלטן פֿון אַ שלאַקסרעגן.

— טאָקע אַזוי, און נאָר אַזוי! ווו הינטעלעך קאָנען זיך אויסבאַהאַלטן פֿון אַ ביטערן שלאַקסרעגן. און איצט באַווײַז מיר, ייִנגעלע, ווו איז דאָ דער למד?

— אָט־אָ איז ער, רבי, דער למד!

— פֿאַר וואָס מיינסטו, אַז דאָס איז דער למד, ייִנגעלע?

— ווײַל ער האָט אויסגעצויגן, רבי, דעם האַלדז ווי אַ האָן און וויל אַ קרייע טאָן!

— טאָקע אַזוי, און נאָר אַזוי. און אַצינד, ייִנגעלע, באַווײַז מיר דעם יוד?

— אָט איז ער, רבי, דער ייִד!

— פֿאַר וואָס מיינסטו, ייִנגעלע, אַז דאָס איז דער ייִד?

— ווײַל ער איז דער קלענסטער, רבי, פון אַלע אותיות און ער איז אויך דער גרעסטער פון אַלע אותיות.

— טאַקע אַזוי, און נאָר אַזוי. אָבער פאַר וואָס איז דער יוד, יינגעלע, אויך דער גרעסטער פון אַלע אותיות?

— ווײַל אינעם יוד, רבי, איז שוין פאַראַן גאָטס נאָמען.

— טאַקע אַזוי, און נאָר אַזוי מײַן קינד! יודן באַשטייען פון גאָטס נאָמען. — און דער בובאַר פאַרמאַכט דעם סידור און זאָגט דעם טאַטן: ר' מאיר, ער האָט אַ גוטן קאָפּ, אַ גוטן אויער און אַ גוטן אויג, אָבער קיין ווילער צום לערנען וועט ער ניט זײַן.

— טאָ קאָטעוועט אים, ר' שאול־בער. האָט שוין דער טאַטע געגומען אַלישען מיט גדלות אויף די הענט און איז אַוועק אָנזאָגן דער מאַמען די גוטע בשורה פונעם מלמד.

דערצו נאָך, טאַקע אין יענעם פאַרנאַכט, ווען דער צופרידענער טאַטע מיט אַלישען אויף די הענט, וואָס האָט שוין אויך געאײַלט אין קלויז אַרײַן, ווײַל יודן לויפן שוין מינחה און מעריב דאַווענען — זיך שטעלן פאַרן כסא־הכבוד, אָפּגעבן דעם דין־וחשבון פאַרן אָפּגעלעבטן טאָג און בעטן בײַ דעם וואָס־לעבט־אייביק מחילה און סליחה פאַר די באַגאַנגענע זינד; ער האָט מורא געהאַט, דער טאַטע, צו פאַרשפּעטיקן און בלײַבן אָן אַ מנין און אויך געוואָלט דאָרטן, אין קלויז, זיך אַ באַרים טאָן מיט זײַן קינד — כאָטש איין מאָל אין לעבן קאָן ער, דער זיבן־פאָלעדיקער קבצן, אויך מיט עפּעס־וואָס זיך פאַר אַנדערע באַרימען. —' אין יענעם פאַרנאַכט, איבער די פאַרהאַרטעוועט־צוגעפרוירענע בלאָטעס האָבן געגומען ווייען די ערשטע שנייען פונעם באַרג, ווו ס'שטייט דער קלויסטער און אַנטקעגן אים דער פּאָליציי־אוטשאַסטאָק מיטן צוויי־קעפּלדיקן אָדלער און ביידע, סײַ דער קלויסטער און סײַ דער צאַרישער אָדלער, קוקן פונעם באַרג און גיבן אַכטונג ניט נאָר אויף די געסלעך, וואָס לויפן אַראָפּ צום טײַך און בלײַבן דאָרטן שטיין, ווײַל ווײַטער איז שוין פאַר זיי קיין וועג ניטאָ, נאָר זיי קוקן אויך ביידע, סײַ דער קלויסטער און סײַ דער אוטשאַסטאָק, אַריבער פאַרהאַנגלעך, דורך די אייבערשטע טאָפּליעלעך, אין יעדער שטוב אַרײַן, ווו ס'צינדן זיך שוין די אַכטער־לעמפּלעך, צו זען וואָס יעדער יוד, פון גרויס ביז קליין, טוט דאָרטן אין די נעכט: גרייטן זיי שוין ווידער, די זשידעס, אַ נײַע „קראַמאָלע" אויף צו אויפטרייסלען און צו צעשטערן די

הייליקע פּראַוואָסלאַוונע רוסישע אימפּעריע, אָדער שטעכן זיי שוין דאָרטן ווידער, אָט די „ביילּיסלעך", מיט מעסערס נאָך אַ קריסטלעך קינד, נאָך אַן אַנדריי יושטשינסקי? אין יענעם פּאַרנאַכט ווען ר' מאיר בן־אריה הכהן האָט געטראָגן אלישעלען, ווי אַן אומגעריכטע מציאה פונעם בובאַר, און פון הינטערן קלויסטער האָבן גענומען ווייען איבער די פּאַרטריקנט־צוגעפּרוירענע בלאָטעס די ערשטע שנייען, איז מיט אַ מאָל, אַן דער היטל, אין די ווײַסע אַרבל, אַרויסגעשפּרונגען אויפן גאַניק דער אַלטער דאָקטער, דער אַמאָליקער אַפּיקורס און איצטיקער בעל־תשובה, וואָס פּאָרט אויף אַלע שבת צום רבין און דאַוונט אין צוויי פּאָר תפילין, משה־אַהרן ווײַס־גאָל, פון זײַן שטוב:

— ייִדן, שטייט! שטייט, ייִדן! לויפט ניט!

— וואָס האָט געטראָפן, ר' משה אַהרן? וואָס איז געשען?

— ייִדן, מ'האָט אים אָפּראַוודאַיעט! ביילּיסן האָט מען אָפּראַוודאַיעט! קיין פּאָגראָמען וועלן שוין אַזוי גיך ניט זײַן! מ'האָט אים פרײַגעשפּראָכן. מ'האָט ביילּיסן ריינגעוואַשן!

האָט דער טאָטע, דער גרויסער שרײַער אויף דער וועלט, מיט אַ מאָל אויפגעהויבן אלישעלען אויף ביידע הענט אין דער הייך און גענומען שרײַען; נאָר דאָס מאָל שוין ניט פון כעס, שוין ניט פון קלעמעניש, נאָר פון אמתער פרייד, פון הייסער התפעלות:

— גוואַלד, ג־ווו־אַ־אַל־ד רבונו־של־עולם! גוואַלד, ייִדן, מזל־טוב! מזל־טוב ייִדן! מזל־טוב דיר, רבונו־של־עולם!

און אלישעלע אויפן טאַטנס אויפגעהויבענע הענט אין דער הייך, כּמעט בײַ די הימלען, אויף די ווינטן וואָס יאָגן פון די שוואַרץ־אָפּגעבלעטערטע אויסגעליידיקטע וועלדער, איבער אַלעמענס צעוויכערטע בערד, וואָס דרייען זיך שוין אַרום אים אין אַ שווינדלדיק ראָד, ווײַל ייִדן, ווי נאָר דערהערט דעם בעל־תשובהס, דעם דאָקטער ווײַסגאָלס רייד וועגן ביילּיסן, אַזוי האָבן זיך גלײַך פאַרוואָרפן הענט אויפן צווייטנס אַקסל און גענומען טאַנצן און זינגען ווי אין שׂימחת־תורה. האָט אלישע דאָרטן, אויפן טאַטנס הענט, כּמעט אונטער די כמאַרעס, וואָס וועלן באַלד אָנרירן זײַן קאָפּ, אויך גע־פּליעסקעט מיט די הענטלעך, ווײַל ער האָט פאַרשטאַנען פאַר וואָס האָבן ייִדן לויפנדיק אין בית־המדרש זיך דאָ לעם דאָקטער ווײַסגאָלס שטוב אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן אַזוי פריידיק צו טאַנצן: ס'איז מיט ביילּיסן

געשען אַ נס, און אויך מיט אַלע ייִדן. און וועגן בייליסן האָט אלישעלע אַלצדינג געוווּסט. מ׳האָט דאָך אין דרויסן, אין שטוב, בײַם אויפשטיין און בײַם שלאָפן־גיין, געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם בילבול אויף ייִדן, וועגן דעם דערהרגעטן שייגעצל אַנדריושקען, וועגן זײַן מאַמען דער שיכּור־טע און אויסוווּרף, וועראַ טשעבעריאַק, וועגן די מיאוסע רשעים, דעם גלח פּראַנײַטיס און דעם נײַעם המן וויפּער. און וועגן די ערלעכע און גוטע גויִים קאַראַלענקאָ און מאַקלאַקאָוו, און געבעטן גאָט פֿאַרן „גרויסן ייִד" גרוזענבערג, אַז דער אייבערשטער זאָל אַליין שטיין בײַ זײַן רעכטער האַנט און אים אַרײַנגלייגן אין מויל די פּײַערדיקע רייד, אַז אַלע זאָלן דערזען דעם בילבול — און ער האָט אויך געפּליעסקעט מיט די הענטלעך און אונטערגעטאַנצט, אלישעלע, אויף די אויפגעהויבענע הענט ביים טאַטן, וואָס אַרום אים האָבן די ווײַסע, ווי ערשט באַשנייטע, בערד געוויכערט אינעם ווירבלדיקן ראָד פון ייִדן. נאָר דער טאַטע האָט מיט די אויפ־געהויבענע הענט געטאַנצט מיט אים, מיט אלישעלע, אַליין און מיט דעם ראָד און אַלץ געשריִען:

— מזל־טוב ייִדן! גוואַלד, רבונו־של־עולם, מזל־טוב דיר!

און שפּעטער שוין, ביז האַלבער נאַכט, — אין שטעטל איז דער ווינ־טער מיט אַ וויִענדיקער מעטעליצע אַרײַן — האָבן אין אַלע ייִדישע הײַ־זער און אויך בײַ זיי אין דער כאַטע אונטערן שטרויענעם דאַך, אין דער גוייִשער גאַס, אַרײַנגערוקט צווישן יעוודאָכעס און יוכימס שטאַלן, גע־ברענט אויפן געדעקטן טיש, ווי אום יום־טוב, די ליכט אין די שבתדיקע לײַכטער; די מאַמע האָט געקוילעט אַ הערינג, אָנגעשאָטן אין דער ערדע־נער שיסל פֿאַרע־שלאָגנדיקע קאַרטאָפּליעס מיט שאָלעכץ, און דער טאַטע, מיט זײַנע גרויסע פינקענדיקע אויגן האָט געזונגען: דו־דו־דו, נאָר דו, רק דו, ישועה — דו, גאולה — דו, דו־דו־דו — און פון גרויס איפּגעלייגטקייט, און פאַרן גרויסן נס וואָס מיט ייִדן איז געשען: בייליס איז ריינגעוואַשן געוואָרן און מ׳קאָן זיך רויִק לייגן שלאָפן און ניט וואַרטן מ׳זאָל בײַ נאַכט אויסשלאָגן די פענצטער, אויפשנײַדן די קישנס, אַרײַנשטעכן אַ מעסער אין רוקן. האָט דער טאַטע געזונגען שושנת יעקב צהלה ושׂמחה... ארור המן אשר בקש לאבדי... ברוך בייליס היהודי... הײַנט־דו, מאָרגן־דו, דו־דו־דו — פריִער דו און שפּעטער־דו, נאָר דו, רק דו, דו־דו־דו — און געגעבן איטלעכן קינד אויפן קוכליקל אָקרעפּ, וואָס האָט זיך גערופן

טיי, ווייל ס׳פלעגט באַפאַרבט ווערן מיט יאַגעדע־סאָק, אַ גאַנץ ציגעלע צוקער, — אַזוינס האָט נאָך ביז הײַנט ניט געטראָפן: אַ גאַנץ ציגעלע צוקער? און ער האָט מיט אַ שמייכל איבערגעבן דער מאַמען דעם בובאַרס רייד און דערבײַ צוגעלייגט זײַן קײַלעכדיקע האַרטע באָרד צו אלישעס בעקל, אויך אַזוינס געדענקט ער ניט, אלישעלע. די מאַמע קושט אים, דער טאַטע קיין מאָל ניט. און מ׳איז אַלע אין יענעם אויפדערנאַכט זאַטע און צופרידענע און יום־טובדיקע געגאַנגען שלאָפן. און אלישעלע אויף זײַן געלעגער — אויף די פיר צונויפגערוקטע טאַבורעטקעס אין קיך, בײַ דעם הרובע־טירל, געבעט מיטן טאַטנס אַלטן פאַרדאַרטן פעלצל, מיטן „ממזרל״, צוקאָפּנס — דאָס קליינע קישעלע פון ניט־געפליקטע הינער־פעדערן, אַ צונויפגעדרייטער אין דרייען, די קניעלעך צוגעשפאַרט צום פּנים, האָט ער אַחוץ דער זיסקייט פונעם ציגעלע צוקער, אויך געפילט אַ גאַנצע נאַכט ווי די ווינטן וויגן אים מיט דער שטוב ווי אויף אַ הוידעל־קע און אויך געהערט ווי די זאַווייע זינגט אים אַריין אין אויער: דו־דו־דו...

# ו

און פאַרן זמן האָט טאַקע דער בובאַר — דער קליינוואָקסיקער ייִד מיט דער גרויסער באָרד, וואָס האָט דער ערשטער געלערנט אלישען דעם וווּנדערלעך־שיינעם, יוירנדיק־זאַפטיקן ייִדישן לשון, און אויך געלערנט אים צו זען אין ווערטער בילדער און קאָלירן, און אַפילו פילן פון יעדער אות דעם טעם און ריח; ער, אָט דער „טאַקע אַזוי און נאָר אַזוי", האָט אין אים ניט נאָר אַריינגעלייגט די פּירעקיקע אותיות מיט ליבשאַפט, נאָר זיי אים אויך געטריַי אַריינגעשלאָגן מיטן שטעקל אין האַרצן אַרייַן. דער בובאַר האָט מקיים געווען דעם טאַטנס רצון: פאַר איין זמן אַרייַנגעפירט דאָס קינד אין חומש־כּישופדיקן וואַלד אַריַין און שבת־חזון, דעם שבת פאַר תשעה־באָב, דער טרויעריקער שבת פון יאָר — ייִדן טוען ניט אָן די שבתדיקע מלבושים, און לכה דודי זאָגט מען מיט אַ צעבראָכן־טרויעריקן ניגון — אין יענעם שבת־חזון האָט אים דער טאַטע געפירט, נאָכן שלאָף, אין קלויז אַרייַן און ער, דער זעקס־יאָריקער חומש־בחורל, האָט דאָרטן פאַר ייִדן געזאָגט און געטייַטשט גאָר דעם אָנהייב חומש, כאָטש צו שבת־בראשית איז נאָך געווען וויַט. בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ — און צום אָנהייב האָט גאָט געשאַפן דעם הימל און די ערד; והארץ היתה תהו ובהו וחשך על פני תהום — און די ערד איז געווען וויסט און פוסט און די פינצטערניש איז געשטאַנען איבערן אָפּגרונט; ורוח אלהים מרחפת על פני המים — און דער גייַסט פון גאָט האָט אַרום־געשוועבט איבערן וואַסער. און ייִדן אין די וואָכעדיקע קאַפּאָטעס, פאַר־זאָרגטע פאַרתשעה־באָבדיקטע, האָבן אים געקניפּט מיט די קנאָכיקע פינ־גער אין בעקל און קיינער פון זיי האָט ניט געוווּסט און ניט געוואָלט אַפילו וויסן וועלכע און וויפל וויַטיקן און ליידן האָבן אים אויפן גאַנצן לעבן פאַרשאַפט אָט די ערשטע פסוקים פון דער תורה. און פאַרגעקומען איז עס אַזוי אומגעריכט און אַזוי אומדעראַרט פאַר אלישען, און דערצו נאָך שוין צום סוף פונעם זמן, און שוין גאָר אויך צום סוף פונעם טאָג;

דער בובאַר מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, אַ פריטשמעליעטער פון דער שטיקנדיקער היץ, ווישט אַלע מאָל מיטן טלית־קטן דעם פנים אין איינעם מיט דער באָרד און רעדט מיט אַ פאַרחלשט קול און זיי, די תלמידים, אויך פאַרדרימלטע, ניט־וויסנדיק וואָס, זאָגן אים נאָך: אַרומגעש־וועבט איבערן וואַ־סע־ר... דאָ, ביים נאָכזאָגן וואָרט נאָך וואָרט, ביים טייַטשן די ערשטע פסוקים פון דער תורה, האָט אלישע פלוצעם אַ פרעג געטאָן:

— רבי, און וועלכער גאָט האָט דאָס וואַסער באַשאַפן?

— וואָ־וואָ־וואָס הייסט וועלכער גאָט? — איז דער נאָר וואָס פרי־טשמעליעטער מלמד אויפגעשפרונגען ווי ס׳וואָלט פלוצעם אונטער אים אַ פייַער אויסגעבראָכן, — וואָ־וואָ־וואָס? גיי לייג זיך שוין אויף דער באַנק!

— אָבער גאָט איז דאָך שוין אַרומגעשוועמען... — נאָר קיין ענטפער און קיין איין קלאַנג איז שוין מער ניט געקומען פון דער גרויסער דער־שראָקענער באָרד און ס׳האָט אים שוין אויך ניט געהאָלפן, אלישעלען, דאָס בייַסן זיך און שרייַען. פיר ייִנגעלעך האָבן זיך גלייַך אַ וואָרף געטאָן העלפן דעם רבין צו אויסציִען דעם „חנוכה־קעז" אויף דער באַנק און מיט שאָדנפרייד צוגעהאַלטן אים פאַר דעם קאָפּ און פיס און דער בובאַר האָט אים גענומען שמייַסן מיט פייַער, אַז אלישע זאָל עס פאַרגעדענקען אויפן גאַנצן לעבן:

— נאַרישע געדאַנקען זאָלן דיר אין קאָפּ אַרייַן ניט קריכן. אויף דעם וואָס אין דער הייליקער תורה שטייט, טאָר מען קיין שאלות ניט שטעלן און ניט פרעגן. אין דער הייליקער תורה טאָר מען זיך ניט גריבלען, מ׳טאָר זיך ניט גראַבלען און מ׳טאָר זיך ניט חקרענען.

און דער בובאַר איז אין אַזאַ אויפציטערניש געווען, אַז ער האָט גאָר איבער זיך די שליטה פאַרלאָרן: דאָ איז דאָך שוין געגאַנגען אין ראַטעווען אַ ייִדישע נשמה פון פאַרגיין אויף שלעכטע וועגן. נאָר די פיר ייִנגלעך וואָס האָבן פריִער מיט אַזאַ פלייַסיקייט און הנאה געהאַלטן אלישען, האָבן אים מיט אַ מאָל אָפּגעלאָזט און צעלאָפן זיך איבער די ווינקלען. אויך די גרויסע באָרד, שוין גאָר אַ צעטומלטע, איז שטיין געבליבן מיטן אויפ־געהויבענעם קאַנטשיק. אלישעלע, וואָס האָט נאָר וואָס געצאַפּלט מיטן גאַנצן באַליידיקטן און צעוויייטיקטן גופל, איז געלעגן רויִק, מיט ביידע הענטלעך אַרומגעכאַפּט די ברעט און אויף אַ קול געזונגען. און אינעם געזאַנג האָבן זיך אויך געלאָזט הערן צעשאָטענע ווערטער: וועמען —

ווענען — ווענען — שעמען — שעמען — שעמען: דאָס זײַנען געווען אלישעס ערשטע גראַמען. פון יענעם פאַרנאַכט אָן, האָט שוין אלישע קיין שאלות די לערערס זײַנע מער ניט גשטעלט.

און אויך איצטער, שוין נאָך אַזוי פיל יאָרן, שוין נאָכן לאַנגן און בלוטיק־שווערן דערנערוועג, וואָס ער איז געגאַנגען מיט באַרוועסע פיס, שוין אַפילו איצטער, בײַ זײַנע שקיעה־טעג, שוין דאָ בײַ די בערג פון יהודה, שרײַבנדיק אין ווײַטערדיקער עלנטקייט אָט די שורות וועגן זײַן בראשית, ווערט ער, דער אַלטער יידישער שרײַבער, אויפגעטרייסלט און אויפגעצאָרנט. ער קאָן ניט, אלישע בן־מאיר, בײַ זײַן גאַנצן גרויסן ווילן געפינען פאַר יענע קינדישעליידן אַ מחילה און פאַרענטפערונג. ער קאָן ניט מוחל זײַן פאַרן פאַרטרײַבן דאָס קינד אין שווײַגן, אין מורא, אין דער וועלט פון רוחות און שדים, פאַרן אָפּנעמען בײַם קינד די ליכטיקע קינדהייט און פאַר דערטרינקען די קינדערשע, ריינע פריידן אין ביטערע טרערן. אָט די רעליגיעזע דערציִונג האָט ניט אַנטוויקלט בײַם קינד דעם געדאַנק, זײַנע פעיִקייטן, ניט געגעבן אים קיין וויסן, נאָר אַרײַנגעשלאָגן אין אים דעם בלינדן גלויבן, וואָס האָט שפּעטער געגעבן סמיקע פרוכט. אוודאי האָט מען מיטן שטעקל, מיט די ריטער, אָפּט מאָל געוויקט אין וואַסער, ווייכער מאַכן, זיי זאָלן זיך שטאַרקער אינעם קינדס לײַב אַרײַנשנײַדן, מיט שטעלן אויף די נאַקעטע קני אויף הרעטשענע גרויפּן, אויף גראָבער שוואַרצער זאַלץ, מיטן פאַרשאַפן דעם קינד פיזישע ליידן, האָט מען זיך אוודאי דערשלאָגן הכנעה, אָבער דערבײַ חרוב געמאַכט דעם קינדס נשמה. אָפּגעשוואַכט זײַן ווילן און זײַנע כוחות צו ראַנגלען און צו שלאָגן זיך פאַר זײַנע מענטש־לעכע און נאַציאָנאַלע רעכט; און חיים־נחמן ביאַליק האָט פשוט באַדאַרפט אָנהייבן זײַן „שחיטה־שטאָט" פון דעם יידנס קינדער־יאָרן. וואָס מ'זייט, דאָס שנײַדט מען! און ס'איז אויך ניטאָ וואָס צו חידושן זיך און צו וווּנ־קען אויף עמעצן, וואָס ווי נאָר ס'האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע האָבן די אונטערגעוואַקסענע חדר־ייִנגלעך מיט אַזאַ ברען און ווילדער התלהבות געטראָגן די ברענענדיקע שטורקאַצן און פאַרקלאַפּט די חדרים און פאַר־מאַכט די בתי־מדרשים מיט געזאַנג: „דאַלאָי, דאַלאָי, ראַווינאָוו, מאָנאַכאָוו אי פּאָפּאָוו" *...

---

* נידער, נידער מיט די רבנים, מאָנאַכן און גלחים.

דאָ וואַרפט דער שרײַבער אויף זיך אַרויף דעם גרויסן וואַרעמען שאַרף. די לעצטע צײַט דערפילט ער שוין אויך אַ קילקייט אין די ביינער פאַרן טאָג־פאַרגיין. תמיד, שוין פון קליינערהייט, האָט די שקיעה אַרויס־גערופן אין אים טרויער. ער האָט זי, די זון, ליב געהאַט ביז ווייטיק. אָבער ניט אין שטאָט, נאָר אין פעלד. ליגן דאָרטן איינער אַליין, בײַם וואַלד צופוסנס, צווישן די ווילדע, שאַרף־ריחותדיקע בונטע קווייטן, אונטער דער פאַליענדיקער זון און הערן דעם אומרויִק־צאַרטן פײַף פון דער איוואָלגע, דעם פאַרשיכּורטן געזאַנג פון די לאַרכן איבער די זיך־אָנגיסנדיקע ווייצן. און אויך אָפּליגן דאָרטן אַ נאַכט אונטער דער פולער לבנה. אויך זי, די לבנה, איז אַרומגעשווומען אין זײַנע בלוטן.

אַרויפגעוואָרפן בײַם זון־פאַרגיין דעם גרויסן וואַרעמען שאַרף אויף די אַקסלען, פאַרטריבן פונעם אויג יענע שטורקאַצן וואָס האָבן געצונדן און פאַרברענט אַ לעבן פון דורות, אויסגעגאָסן צוזאַמען מיט די קויטיקע וואַסערן אויף דעם פול־זאַפטיקן מילגרוים און אָנגעהויבן פאַרן קיין מאָס־קווע נאָך באַלאַלײַקעס, איבערגעשמידט דעם אַקער אויף אַ רידל, און אונטערן באַלאַלײַקע־רימפּל, צעהיצטע און צעכראַסטעטע, מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע, גענומען באַגראָבן אויך דעם אייגענעם, פול־קאַלירנדיקן, דעם בלענדנדיקן גרויסן נעכטן און פאַרבליבן אָן אַ מאָרגן, ווײַל דער נעכטן איז דאָך די מאַמע פונעם מאָרגן, און גענומען דעכען שוין אָן אַ שבת און אָן אַ יום־טוב, אינעם פרעמדן, אין דעם אויסגעביטן־פאַלשן, אין דעם גוססדיקן הײַנט. בייגט ער זיך ווידער אײַן, אלישע בן־מאיר, איבערן טיש, קערט זיך צוריק אום צו יענעם קליינינקן חדר־ייִנגל, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן אויסזינגען פאַר זיך און פאַר דער וועלט זײַן ווייטיק.

הגם צום דאָרן כּעסן, צו מאירן דעם כהן מיט די גרויסע גאולה־זוכנדיקע אויגן, איז דעמאָלטן אָנגעקומען מיט אַלע שפּליטערלעך, וואָס דאָרטן אין חדר האָט זיך געטראָפן און פאַרלאָפן — איינער פון די ייִנגלעך האָט פאַרט, ניט געקוקט אויפן בובאַרס פאַרבאָט, אונטערגעטראָגן און אונטערגעשטעלט פאַר אלישעלען אַ בענקעלע — אָבער די מאַמע, די שטאָלצע נאַהאַדיִערן, וואָס ס'האָט איר ניט נאָר געקלעקט ליבע פאַר אירע אייגענע קינדער, נאָר אויך פאַר יענעם, אַפילו פאַר אַ ווײַטן און אַ פרעמדן, איר האַרץ איז תמיד געווען פול מיט ליבשאַפט און מיט טרייסט, זי האָט דאָ גלײַך פאַרשטאַנען דעם קינדס געזאַנג אונטערן בובאַרס קאַנטשיק, און

אַ באַליידיקטע פאַרן קינד, וואָס האָט באַדאַרפט אַזוינס איבערטראָגן, פאַר־שטעלט מיט איר גוף אלישעלען פונעם טאַטנס צאָרן:

— פאַרגעס ניט מאיר, אַז ס׳איז אַ קינד. זויש אים בעסער אויס די טרערן. אַ יונג ביימעלע בייגט זיך טאַקע, ס׳איז אָבער זייער גרינג דאָס איבערברעכן. באַקלער זיך, מאיר, וואַרט צו ביז מאָרגן. דער בובאַר האָט ניט פאַרשטאַנען דאָס קינד. — און צו אלישעלען: זיך לערנען, מיַין קינד, איז ביטער, נאָר אַז מ׳לערנט זיך שוין אויס, איז זיס!

נאָר ביז מאָרגן, ביז די זון איז אויפגעגאַנגען, איז דעם כהן מאירן אַזעלכעס פאַרגאַנגען, אַז ער האָט אין דעם משומד, אין אלישען, שוין גאָר פאַרגעסן: פאַרן טאָג ווערן, האָט די אויסגעגעבענע טאָכטער גאָלדע־רחל, „די שיינע סאָסנע, דער שיינער טאָפּאָל" וואָס ער, ר׳ מאיר דער אָרומלוי־פער איבער די יאָרידן מיטן אָרויסשטאַרצנדיקן גרינעם בעזמען פון דער קאַפּאָטע־קעשענע, מיט די אויפגעפּלאָמטע אויגן געזוכט אליהו הנביא, צו באַקומען פון אים אַ ברעקל גאָרטל, אַ סגולה צו פרנסה, ער, ר׳ מאיר, דער גרויסער בעל־ייאוש און נאָך גרעסערער בעל־בטחון, וואָס האָט געהאָפט, געוועזן אַפילו זיכער, גאָר קיין ספק ניט געהאַט, געגאַנגען ווי אויף אַן אײַ־זערנער בריק, אַז זײַן שיינע טאָכטער וועט ער אויסגעבן פאַר אַ בן־תורה, פאַר אַ טאַטנס אַ קינד, און מיטן שידוך וועט זי אים אָנטאָן אַ קרוין אויפן קאָפּ, האָט פּלוצעם, טאַקע באמת אין מיטן דרינען, פאַרקאָכט זיך ביז אָרי־בער די אויערן אין חיה־גיטל דער בעקערינס בענאָקל, אין דעם בונדיסט, אין דעם „קאַרעלע מאַרקס" מיט די לאַנגע האָר און אויסגעפוצטער באָרד, וואָס גייט אָרום אַפילו אום שבת אָן אַ היטל, שפּאַנט אין דעם אָרויסגעלאָזטן רויטן העמדל מיטן זילבערנעם קוטאַסל, ווי אַ שייגעץ, איבער דער גאַנצער שטאָט. ער, ר׳ מאיר אָריהס, האָט דעמאָלט געשריִען אויף קולי־קולות, זיך אויסגעצויגן פאַר דער טאָכטער אויף דער ערד, אָבער ס׳האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. זײַנע רייד האָבן געפּלאָקערט ווי שטרוי אויפן ווינט. חיה־גיטל די בעקערין איז געוואָרן זײַן מחותנסטע און דער „שטרײַקן־דרייער", דער מוחות־איבערקערער, דער מהומה־טרעגער, דער מורד־במלכות, ליפּע דער בלעכער, איז געוואָרן זײַן איידעם. אין יענעם פאַרטאָג איז די אויסגעגעבענע טאָכטער, גאָלדע־רחל, געקומען צו לויפן מיט אַ קלאָג: איר מאַן, ליפּע, וואָס האָט געפירט ביז האַלבער נאַכט די אַסיפה פון די שטרײַקנדיקע אַר־בעטורערס און געזעלן, און דערנאָך פאַרבראַכט ביי אַ קערמעשל, ער,

ליפּע, איז נאָר וואָס געקומען אויף אַלע פּיר צו דער שטוב, אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און ווען זי איז אַרויסגעלאָפן, האָט זי אים שוין געפונען מיטן קאָפּ אויף דער פּריזבע ליגן. ער האָט איר באַוויזן צו זאָגן: מ׳האָט מיך אָפּגעסמט...

— כ׳וועל לויפן נאָכן דאָקטער, נאָך ר׳ משה־אַהרענען.

— ער איז שוין געוועזן... ליפּע איז שוין אַנטשוויגן געוואָרן אויף אייביק.

— ברוך דיין אמת. כ׳האָב זיך דאָך ביי דיר געבעטן גאָלדע־רחל, געהלשט פאַר דיר, נעם ניט דעם שטרייקן־דרייער, ס׳וועט זיך ענדיקן שלעכט.

— מאיר, שוויג, שוויג, מאיר! — האָט די מאַמע איבערגעשלאָגן. ער האָט באַצאָלט פאַרן זוכן דעם אמת און יושר מיט זיין לעבן. געמיינע לייט האָבן אים אָפּגעסמט. זאָל זיין טויט פאַלן אויף זייערע נשמות. — און צו דער טאָכטער: וויק, דאָס האַרץ זאָל דיר ניט דערטרונקען ווערן אין טרערן.

און אין אַ פאָר שעה אַרום האָט מען אַראָפּגענומען פונעם שטעטלדיקן בונטאַר, פונעם מורד־במלכות, וואָס האָט אין די זומערדיקע היצן גע־פאַרבט די נגידישע דעכער מיט רויטער פאַרב, מיט קיין שום אַנדער קאָליר האָט ליפּע ניט געוואָלט פאַרבן, און שטייענדיק אין דער הייך געזונגען איבערן גאַנצן שטעטל:

הימל און ערד וועט אונדז אויסהערן,
עדות וועלן זיין די ליכטיקע שטערן,
אַ שבועה פון בלוט און אַ שבועה פון טרערן,
מיר שווערן, מיר שווערן, מיר שווע־ער־עררן!

פון אים, פון דעם מהומה־טרייבער, האָט מען אַראָפּגענומען דאָס רויטע העמדל מיטן שוואַרצן קוטאַס, אָנגעטאָן די ווייסע תכריכים און אויף גיך און שטיל — דאָס אָפּסמען פאַרשוויגן און אויסבאַהאַלטן — אַריינ־געלייגט אין דער ערד און זי, גאָלדע־רחל, די שיינע סאָסנע, איז פאַרבליבן מיטן ברעקל קינד אויף ר׳ מאיר אַריהס, אויפן קבצנס ליידיקע, צו דער וועלט אויסגעצויגענע הענט.

און דערנאָך, שוין טאַקע באַלד אויף מאָרגן, איז שוין ניט נאָר אלישעס

טאַטע־מאַמע און זייַן שוועסטער גאָלדע־רחל אין טרויער געווען, נאָר דאָס גאַנצע שטעטל, פון דער ערשטער, קאַפּל־איַיזיקס, גרויסער שטוב מיט דער זאַליאַזנער קלייט אונטערן באַרג, וואָס אין אַ יאַריד־טאָג קאָנען פּויע־רים בייַם אַראָפּפאָרן ניט אייַנהאַלטן די פערד און פאַרפאָרן מיטן דישל אין די פענצטער אַרייַן, ביז דעם „נאָסאָטן" קאַוואַלט קוזניע, וואָס איז שוין די לעצטע, שוין אויף די „פּיסקעס", שוין נאָכן הייליקן־אָרט, — דאָס גאַנצע שטעטל איז אויף מאָרגן אין אַ בהלה געווען, ווי מ׳וואָלט תּיכּף דערפילט אַז מ׳גייט אויף יאָרן אין אַ העליש פייַער אַרייַן. מ׳האָט ניט געי־הייצט די אויוונס, פאַרהאַקט טיר־און־טויער און אַלע, פון גרויס ביז קליין זייַנען געלאָפן צום „פּרונט", ווו מ׳גיט איבער אין איינער שרעק, פון רעדל צו רעדל, מיט האַלבע ווערטער:

— מל־ח־מה... מל־ח־מה... מאָ־בי־לי־זאַ־ציע!

— האַ? וואָע? מלחמה? אַ בראָך!

— דאָס האָט אָנגעמאַכט דער שאָס אין סאַראַיעוואָ...

— דייַטשלאַנד איז באַפאַלן רוסלאַנד.

— פּואַנקאַרע וועט העלפן פאָניע־גנב.

— דער אַלטער פראַנץ־יאָזעף גייט מיט ווילהעלמען.

— ענגלאַנד גייט אויף דער זייַט פון די פראַנצויזן.

— די טערקן מיט איטאַליע שטעלן זיך מיט די דייַטשן...

— און מיר יידן, וועלן זייַן אין דער מיטן! אין מיטן פון אַלע פייַערן!

— און הערצער ווערן פאַרלאָפן מיט ווי און צער, ווייַל יידן ווייסן: אין אַלע צייַטן פון זייער לאַנגן גלות־לעבן האָבן זיי פון מלחמות געליטן שטאַרקער און לענגער פון אַלע אומות־העולם. ס׳זייַנען נאָך ניט פאַרהיילט געוואָרן די ווונדן פון די פּאָגראָמען נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה.

— יידן, דער בייליס־בילבול קאָן דאָך זייַן נאָר אַ פאָרשפּיל?

— שווייַגט! אין אַ בייזער שעה איז בעסער שווייַגן.

— ווער קלאָגט עס שוין אַזוי?

— רחל קלאָגט אויף אירע קינדער... יאַנקל דער קירזשנער האָט שוין באַקומען די פּאָוועסטקע!

— יידן, מיר וועלן גיין אין פייַער אַהין, און וועלן בלייַבן אין פייַער דאָ.

— וואָס דען האָט איר געוואָלט? איר זייַט דאָך, ר׳ יידן, פון גאָלד,

איר זײַט דאָך אַ גאָלדן פֿאָלק. און גאָלד דאַרף מען לײַטערן אין פֿײַער...
— דאָס רעדט פּיטשע דער משוגענער, וואָס אַלע האָבן מורא פֿאַר זײַן שטעכיקער צונג. קיינער ווייסט ניט אַקוראַט ווער איז ער און פֿון וואַנען ער האָט זיך אַהער גענומען. אַלע מאָל גיט ער אָן אַן אַנדער אָרט ווו ער איז געבוירן געוואָרן אַ מאָל שטאַמט ער פֿון יענעם רײַכן קורח, וואָס איז גאָר קיין מאָל ניט אײַנגעזונקען געוואָרן ווי אין חומש שטייט, אַ סימן האָט איר, ער, פּיטשע, איז גאָר קורחס אַן אייניקל. אַ מאָל גיט ער זיך אָן פֿאַר זלאַטע דעם סאַרווערנס זון. פֿריִער האָט ער זיך געהייסן רופֿן: יקותיאל, דערנאָך: אלימלך און אַ דריטן מאָל: פּיטשע בעל־שם־טוב, און דערבײַ דערציילט, אַז ערגעץ אין רײַסן האָט ער אַ ווײַב מיט קינדער, — צוויי צווילינגען, צוויי ייִנגלעך און צוויי מיידלעך. די נעמען פֿון די ייִנגלעך: חצרון און חמול. די נעמען פֿון די מיידלעך: עטרה און עכסה. נאָר ער האָט זיי, די ווײַב און קינדער, פֿאַרלאָזט, ווײַל זיי האָבן אים ניט געלאָזט נתגלה ווערן. האָט מען שוין געוואָלט אָנהייבן זוכן די עגונה, האָט ער שפּעטער פֿאַר אַנדערע דערציילט: קיין ווײַב האָט ער קיין מאָל ניט גע־האַט, ער האָט געוואָלט נעמען קריינדעלען, יחיאל־טויבעס טאָכטער, די בת־יחידה, געוואָלט מיט איר אונטער דער חופּה גיין. ער, פּיטשע, האָט זי אַפֿילו איין מאָל אָפּגעשטעלט אין גאַס און פֿאַר עדות געזאָגט: קריינ־דעלע־לעבן, איך וויל דיך זייער האָבן פֿאַר אַ ווײַב... האָט זי פֿאַר אַלעמען געענטפֿערט: גוט, פּיטשע, איך וויל דיך אויך זייער פֿאַר אַ מאַן — און זיך שטאַרק צעלאַכט, און אַלע אַרום האָבן געלאַכט און זיך געפֿרייט. נאָר דער טאַטע אירער, יחיאל־טויבעס דער גביר, וואָס איז טאַקע זײַנס, פּיטשעס, אַ גליד־שוועסטערקינדל, שטאַמט אויך פֿון די קורחס, ער האָט חתונה גע־מאַכט קריינדלען פֿאַר אַ סטודענט אַן עם־הארץ מיט מעשענע קנעפּ, וואָס אַלע קנעפּלעך זײַנען אַזוי געראָטן איינס אויפֿן צווייטן. שוין ניט איין מאָל, אין די שבתים, ווי פּיטשע גייט פֿון איין בית־מדרש צום צווייטן, קומט אַרײַן, קלאַפּט מיט ביידע הענט אין שולחן, און גיט צו וויסן:

— ר׳ ייִדן, מאָרגן גיי איך פֿון אײַך אַוועק קיין וויניצע. זוכט אײַך אַן אַנדער משוגענעם אויף מײַן אָרט!

אָבער ער גייט ניט אַוועק, פּיטשע. פֿריִער זאָל מען אים באַווײַזן יענעם משוגענעם וואָס דאַרף פֿאַרנעמען זײַן אָרט. ער, פּיטשע, וועט זיך פֿריִער מיט יענעם אויג־אויף־אויג דורכרעדן און זען צי ער, יענער, טויג און צי

קאָן ער אויף יענעם משוגענעם איבערלאָזן דאָס שטעטל. נעכטיקט ער ווײַטער אין דער קאַלטער שול און גייט ווײַטער אַרום — פון פּסח ביז נאָך סוכּות, ביזן אויספּאַלן פונעם ערשטן שניי — אַ באָרוועסער, אין דעם קיטל וואָס בלענדט פון ווײַסקייט, ווײַל יעדן פאַרנאַכט וואַשט ער און שווענקט אים אין טײַך, און באָדט זיך אַליין אויך, טובֿלט, פּליושקעט זיך מיט אַ קינדערשן געלעכטער, — אָפּט מאָל באָדט זיך מיט אים אויך אלישעלע. האָט ער שוין פאַר דעם אַרײַנגעכאַפּט פונעם טאַטן: ער זאָל זיך ניט חברן און זיך ניט באָדן מיטן משוגענעם, — און דערנאָך לאָזט ער איבער, פּיטשעו, דעם קיטל זיך טריקענען איבער נאַכט אויף דער ברייט־קרויניקער ווערבע, און גאַנץ פרי, נאָכן שחרית־דאַווענען, ביחידות און מיט גרויס כּוונה, נעמט ער דעם קיטל אַראָפּ פון דער ווערבע, שפּרייט אים אויס אויפן טײַך, וואַרט ביז ער וועט זיך אָנזאַפּן מיט וואַסער, טוט אים אָן אַ פּיטש נאַסן און גייט צום רבֿ אויף דער קיך עסן אָנבײַסן. אַ מאָל טרעפט אַז נאָכן אָפּעסן און אָפּבענטשן, זאָגט פּיטשעו פאַרן רבֿ, ר׳ וועלוועלען — ר׳ זאבֿ־וואָלף זשיטאָמירערס אַן אור־אוראייניקל — שטיקער זוהר און דער אַלטער רבֿ שטייט פאַרן משוגענעם, הערט און פון זײַנע אויגן גיסן זיך פּלגי־מים. ער איז אַ געלער, פּיטשעו, און ניט נאָר די האָר, נאָר אויך דאָס פּנים ווי פון ליים אויסגעקלעפּט. אַ שטאַרק באַוואָקסענער, איין אויג אַ גרויס׳, אַ ביסל קאַסאָקלעך, אַ שוואַרצס, דאָס צווייטע קאָן מען ניט וויסן אַוועלכס, ווײַל ער האַלט עס תּמיד פאַרזשמורעט, — פּיטשעו קוקט אויף דער וועלט נאָר מיט איין אויג.

אַצינד שטייט ער, פּיטשעו, אינעם פרימאָרגן, — פונעם פּיטש באַסן קיטל רינט אים דאָס וואַסער איבער די באָרוועסע פּיס, איבער די גלאַטע שאָסיישטיינער; דאָס רעכטע קאַסאָקלעכע אויג ברייט צעעפנט אויף דער זון וואָס גייט פון די פּאָלעסיער וועלדער אַרויס, דאָס צווייטע איז אים, צום גרויסן וווּנדער, אויך אַ ביסעלע אָפן, ווי הינטער דעם תּמיד צוגעמאַכטן לינקן אויג האָט ער ביז אַהער אויסבאַהאַלטן דאָס וויכטיקסטע, דעם סוד פון זײַן לעבן און איצטער, גראָד הײַנט, ווען ייִדן געפינען זיך אין אַזאַ בהלה־שרעק פאַרן אָנגעצונדענעם מלחמה־פײַער אין דער וועלט, וועט ער, פּיטשעו, פאַר זיי עפענען אַ קאַפּיטשקע דאָס תּמיד־פאַרמאַכטע אויג און עפּעס־וואָס פאַר זיי פון דאָרטן אויפדעקן און אַנטפּלעקן.

און באמת, ייִדן ווערן דערציטערט: ביז הײַנט האָט מען נאָך פונעם

משוגענעם אַזעלכס ניט געהערט. אויך זײַנען אַריבערשפּרינגען די קאַנאַווע, זײַן אַרויפלויפן אויפן שאָסיי און דאָס אַוועקשטעלן זיך אויף דער זון, פאַרוואָרפן דעם נזיריש־פאַרוואָקסענעם קאָפּ אויפן לינקן אונטערגעהויבענעם אַקסל, די שוואַרצע פאַטלעס באָרד אַרומגעכאַפּט מיט די בלייכע פינגער, — אויך דאָס האָט אַלעמען צעטומלט. דערצו זײַן קול ווי ס׳וואָלט זיך מיט גוואַלד פון אים אַרויסגעריסן:

— וואָס ציטערט איר איצטער, ר׳ ייִדן, ווי די צוגעקילטע שאָף אויפן פראָסט? וואָס רעוועט איר אַצינדערט, ר׳ ייִדן, ווי אָקסן בײַ דער בוינע? — פרעגט פיטשע ניט מיט זײַן קול און ס׳טרייסלט אים ווי אין קדחת און ער רײַסט פון דער באָרד פאַסמעס האָר און וואַרפט זיי אויפן ווינט. — אין משך פון צוויי טויזנט יאָר האָט איר, ר׳ ייִדן, אײַנגערעדט אַלע פעלקער פון דער וועלט, אַז איר לעבט אין גלות. אומעטום האָט איר פון פרי ביז נאַכט געשריִען: לשנה הבאה בירושלים. האָבן אַלע פעלקער פריִער געלאַכט פון אײַך, דערנאָך האָבן זיי אויך געזאָגט: אויב איר זענט דאָ פרעמדע, טאָ גייט אײַך צוריק אַהין, פון וואַנען איר זענט געקומען! אָבער צוריק אַהין זענט איר, ר׳ ייִדן, ניט געגאַנגען, איר האָט ניט אָנגעגורט די לענדן ווי אײַערע אורעלטערן אין מידבר, איר האָט ניט געשמידט, ר׳ ייִדן, קיין מעסערס און ניט געקאָוועט קיין שפּיזן און ניט אַוועק אָפּנעמען אײַער לאַנד מיט כוח. איר האָט אויפגעשטעלט, ר׳ ייִדן, צווישן די פעלקער אײַערע קלייטלעך און געזעסן אין זיי און געוואַרט אויף משיחן. געוואַרט אַז ער זאָל קומען אויפן ווײַסן אייזל און אײַך, ר׳ ייִדן, פירן צוריק קיין ציון..

— ייִדן, טרײַבט אים, דעם משוגענעם!

— טרײַבט אים אין האַלדז־און־נאַקן!

— ניין. גאָט באַהיט! טשעפּעט אים ניט! דער משוגענער רעדט, דאַכט זיך, גאָר גרויסע זאַכן. רעד, פיטשע, רעד!

און ייִדן, הגם מ׳קנײטשט מיט די אַקסלען, געפינען, מאָל דיר, אַ צײַט צו שטיין און הערן דעם באַרופענעם, דעם פאַרבלודנעם נפש, הגם זיי טרײַבן פון זיך, ווי זלידנע פליגן, זײַנע רייד מיט דער האַנט, און אויך דער פּריסטאַוו, טאַראַס בולבאַ, האָט שוין צוויי מאָל געקלאַפּט מיטן שיידל פון דער שווערד אין די נײַע גלאַנציקע שטיוול, וואָס ייִדן האָבן אים ערשט יענע וואָך אונטערגעטראָגן אַ „מתנה”, געהייסן זיך צעגיין, ניט

קאַהאַלעווען דאָ, און צונעמען פונעם שאַסיי דעם משוגענעם, וואָס איז אויך ניט ענלעך אויף אַ משוגענעם פון אַנדערע פעלקער: ביי אַנדערע פעלקער זיינען משוגעים ווי משוגעים, מ׳קאָן זיי פאַרשפאַרן אין אַ משוגעים־הויז, און דאָ, ביי ייִדן, טפו! אַפילו דער משוגענער איז דער רוח ווייסט וואָס, ניט אַהין און ניט אין טורמע אַריין. דאָך בלייבן ייִדן שטיין און מ׳הערט ווייטער דעם חסר־דעה, וואָס רעדט נאָך אַלץ מיטן פאַרוואָרפענעם קאָפּ אויפן אַקסל, צופּט נאָך אַלץ די פאַסמעס האָר פון דער באָרד און וואַרפט זיי אויפן ווינט:

— האַ־האַ, — וואַרפט זיך פיטשע מיטן גאַנצן גוף און דער פּנים ווערט אים אויסגעקרימט. — האַ־האַ, אייער משיח איז ניט געקומען... און ס׳האָט זיך אויך צווישן אייך ניט געפונען אין משך פון צוויי טויזנט יאָר קיין משה רבנו, וואָס זאָל אייך אַרויספירן פון גלות, און ס׳האָט זיך אויך ניט געפונען צווישן אייך קיין יהושע בן־נון, וואָס זאָל אייך פירן אָפּנעמען צוריק אייער לאַנד... האַ־האַ, אויב אַזוי האָט איר באַדאַרפט טאָן דאָס וואָס אין אייער לאַגע האָבן געטאָן אַנדערע פעלקער.

ביי אַט די לעצטע ווערטער ווערן ייִדן שוין גאָר דערשראָקן: ער וועט דאָך באַלד זאָגן דער טירוף־הדעת, דער חולי־נפש, דאָס זעלביקע וואָס ס׳האָבן שוין פאַר אים געזאָגט אַנדערע: ייִדן האָבן באַדאַרפט איבערקערן דעם פעלץ און אַ סוף מאַכן צו זייערע צרות און פורעניותן. דערהערן זיך ווידער קולות:

— טרייבט אים דעם שבתי־צביניק אין האַלדז־און־נאַקן!

— ער רעדט על השם ועל משיחו.

— טרייבט אים, אַן־אָ גייט שוין ווידער אַהער דער פּריסטאַוו, דער „שומר־ישראל״.

— ניין, גאָט באַהיט, טשעפּעט אים ניט! דער משוגענער רעדט, דאַכט זיך מיר, גאָר גרויסע זאַכן. רעד, פיטשע, רעד!

גלייכט זיך דאָ פיטשע מיט אַ מאָל אויס, הייבט זיך אַפילו אונטער אויף די שפּיץ פינגער מיט די צעבראָכענע געשטרייפטע נעגל און דער עיקר, דאָס תמיד פאַרמאַכטע אויג עפנט זיך אים פלוצעם אויף און אַלע דערזעען אויף דער זון דעם משוגענעמס צווייט אויג: אויך אַ גרויס׳, אַ קיילעכדיקס, אָבער ניט קיין שוואַרצס, נאָר אַ ברוינס און מיט אַ מולדל אויפן שוואַרצאַפּל.

— צוריק מיט צוויי טויזנט יאָר, — הייבט ער אויף איבער די קעפּ זײַנע בײדע הענט מיט די צעשפּרייטע פינגער — צוריק מיט צוויי טויזנט יאָר זענען אַ סך פעלקער פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע לענדער. אויך זייערע הייליקע טעמפּלען זײַנען חרוב געוואָרן. וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי זײַנען אַוועק אויף פרײַע ערדן! דעמאָלט איז אויף דער וועלט נאָך געווען אַ סך פרײַע ערד. האָבן זיי זיך באַזעצט אויף די פרײַע ערדן, זיי אויפגעאַקערט, זיי פאַרפלאַנצט מיט סעדער, זיי באַפרוכפּערט מיט זייער כּוח, זיי באַגאָסן מיט זייער שוויס, אויפגעשטעלט זייערע טעמפּלען, אויפגעבויט זייערע אייגענע מלוכות; און זיי זײַנען צוריק געוואָרן פעלקער אויף דער ערד. און איר, ר' יידן? — שרײַט אויס פּיטשע מיט צאָרן און דאָס מולדל אויפן פּלוצעם געעפנטן אויג גיסט זיך אָן מיט פײַער. — איר האָט אַזוי ניט געטאָן! איר, ר' ייִדן, האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן פרעמדע פעלקער, וואָס ניט איר האָט זיי פאַרשטאַנען, ניט זיי האָבן אײַך פאַרשטאַנען. איר האָט צווישן די עמלקים אויפגעשטעלט קלייטלעך, זיך באַזעצט אין זיי און גענומען וואַרטן אויף משיחן... איר האָט באַדאַרפט אײַער תּורה ניט אַרײַנשטעלן אין הילצערנע געשניצטע אָרון־קודשן, וואָס קאָנען איטלעך מינוט אַוועק פון גוייִשן פײַער, נאָר געדאַרפט זי, די תּורה, פאַרפלאַנצן אין דער ערד, אויפבויען אַ נײַעם בית־המיקדש, ווו גאָט וואָלט אין אים געוווינט. און איר וואָלט אויך געהאַט ווי אַלע פעלקער אײַער לאַנד, אײַער ארץ־ישׂראל, ווײַל דאָרטן ווו ייִדן אַקערן און זייען, קאָסען און דרעשן, דאָרט איז ארץ־ישׂראל. האָט איר דאָך אָבער אַזוי ניט געטאָן, ר' ייִדן, איר זענט געזעסן אין אײַערע קלייטלעך און מיט אויסגעראַטשעטע אויגן אַרויסגעקוקט אויף משיחן; איך האָט גענעסן בטחון און פאַרטרונקען מיט טרערן! איז וואָס זשע ציטערט איר איצט, ר' ייִדן, ווי די צוגעקילטע שעפּסן אויפן פראָסט, און וואָס רעוועט איר, ר' ייִדן, ווי אָקסן בײַ די טויערן פון דער בוינע? הוי, הוי, טרײַבט מיך ניט ייִדן! ניט איר, — שלינגט ער שוין, פּיטשע, די ווערטער און פון מויל שלאָגט אים אַ שוים ווי בײַ אַ חולה־נופל, — ניט איר, נאָר ער, אײַער גאָט, דאַרף פאַר אײַך אויסבויען אַ בית־המיקדש און תּפילה טאָן צו אײַך. ער, אײַער גאָט, דאַרף בײַ אײַך בעטן מחילה!... ער, ער, האָט פאַרגאָסן און פאַרגיסט אײַער בלוט! טרײַבט מיך ניט, ייִדן, איצטערט גיי איך שוין אויף דער אמתן פון אײַך אַוועק... זוכט אײַך שוין

אַן אַנדער משוגענעם אויף מײַן אָרט. — און פּיטשע פּאַרקאַטשעט די הויזן ביז אַריבער די קנעכל, דאָס לינקע אויג ווערט אים צוריק פאַרמאַכט, שטײַף, אַן אַ מינדסטן שפּעלטעלע, צעלאַכט זיך אויף אַ קול, קיינער האָט נאָך ביז אַהער פון אים אַזאַ געלעכטער ניט געהערט, אַ צופרידן־ביטערער געלעכטער, און לאָזט זיך לויפן פון שטעטל אַרויס צום באַרג, ווו דער קלויסטער קלינגט שוין אויף אַלע גלעקער און ס'פאָרן אַראָפּ פולע פורן מיט פויערים, און מ'פירט אויך אויסגעשפּאַנטע פערד פאַר די צײַמלעך צום פּריזיוו שטעלן; פון אַלע פיר זײַטן גייען שוין רעקרוטן, די מאַמעס און כלות באַגלייטן זיי מיט געוויין, און איינער, שוין צעריסן אויף זיך דאָס העמדל, וואַקלט זיך אויף די פיס, צעציט די האַרמאָשקע אויף איר גאַנצער לענג און זינגט מיט האַרץ:

א ווסע גאַרי,
אַ ווסע גאַרי טאַ דאַליני,
נידע וואַדי נאַפּיטסאַ...
זאַדומאַוו יאַ, זאַדומאַוו זשעניטסאַ,
זאַדומאַוו יאַ זשינקו בראַטי,
זאַפּיסאַלי אוּ סאַלדאַטי
נאַזאַד רוטשקי פּאַוויאַזאַלי.*

אַט דעמאָלטן, אין דעם זיך־דרייענדיקן געטומל, וואָס הייבט זיך ווי דער שטויב פון דער ערד און פאַרשטעלט די זון, אין דעם אַנקומענדיקן פויערישן געקלאַנג און געזאַנג, וואָס שפּרייט זיך ווי אַ ניט־גוטע בשורה איבערן שטעטל, נאָכן משוגענעמס אַנטלויפן, האָט אויך אלישעלע, וואָס איז געשטאַנען בײַם שאָסיי און ניט געקאָנט זיך אָנקוקן אויף פּיטשעס מולדל,

---

* און נאָר בערג,
נאָר בערג און טאָלן
מיט וואַסער ניטאָ וווּ צו אָנטרינקען זיך...
האָב איך פאַרטראַכט, פאַרטראַכט חתונה־האָבן,
אַ ווײַב, פאַרטראַכט, זיך צו נעמען,
האָט מען מיך אין סאָלדאַטן פאַרשריבן
און די הענט מײַנע אויף אַרונטער געבונדן. (פון אוקראַיִניש)

אויפן גלאַנציק־אָנגעשאַרפטן ווי אַ סערפּל, וואָס דרייט זיך אויף זײַן פּלוצעם אויפגעעפנטן לינקן אויג; פון יענעמס רייד האָט ער, אלישעלע, קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען, גאָר ניט געקאָנט באַנעמען ווי אַזוי קאָן מען עס נעמען און פאַרפלאַנצן די תורה ווי אַ בוים אין דער ערד? זי דאַרף דאָך שטיין, די תורה, אין אָרון־קודש, אינעם אויסגעניטן מענטעלע, מיט די עץ־החיימס, מיט דער קרוין, אונטערן סאַמעטענעם בלויען פּרוכת, באַברעמט מיט די זילבערנע טראָלדן, מיט דעם גאָלדענעם מגן־דוד אין דער מיט; פאַרזעצן גאָר די תורה אין דער ערד? טאַקע נאָר אַ משוגענער קאָן אַזוינס זאָגן... און ווי נאָר פּיטשע מיט די פאַרקאַטשעטע הויזן, מיטן נאַסן קיטל אויפן ווינט, איז צום באַרג אַוועקגעלאָפן, אַזוי האָט אויך ער, אלישעלע, פון דער מאַמעס הענט זיך אַרויסגעריסן און אויך אַהין געלאָזט זיך צום באַרג, וווּ אַ פּויער איז שוין מיטן דישל אין קאָפּל־אײַזיקס פענצטער פאַרפאָרן.

נאָך קיין מאָל האָט אלישעלע אַזוי פיל מענטשן ניט געזען דאָ, אַפילו אויפן יאָר־יאַריד איז געווען שיטערער — געקאָנט פון דעסטוועגן דורכגיין, זיך דורכשפּאַרן, דורכשטויסן, זיך דורכרוקן און דורכשאַרן, און איצטער? אַ מוראַשקע קאָן דאָך דאָ צעטראָטן ווערן. נאָר ווי זאָגט די מאַמע: אַז ס׳זאָל ניט זײַן אַזוי ענג, וואָלטן דאָך אַלע געגאַנגען טאַנצן... אָבער פאַר וואָס זײַנען פאַרמאַכט אַלע קלייטן? ס׳איז דאָך ניט זונטיק, און וואָס קלינגט עפּעס הײַנט אַזוי שטאַרק דער קלויסטער? און פאַר וואָס פירט מען ניט אויף די וועגענער קיין הינער מיט גענדז? מ׳זעט אַפילו ניט קיין קרענצל ציבעלעס און אויך קיין אויבס: עפּל, באַרן, פלאָמען, זעט מען ניט. און וווּהין פירט מען אַזוי פיל אויסגעשפּאַנטע פערד, וואָס טרייסלען די קעפּ אין דער היץ און פריבען פונעם שטויב, און פאַר וואָס איז מען הײַנט אין חדר ניט געגאַנגען — אַלע ייִנגלעך יאָגן אַרום, שפּילן אין כאַפּערלעך, טרײַבן רייפן. און וואָס איז אַזוינס מלחמה? וועלן אויך זיי, די גרויסע, צונויפנעמען זיך שבת נאָך וואַרמעס, אויף די „זאַטאַנעס", און וואַרפן איינער אויפן אַנדערן מיט שטיינער? און אַז מ׳וועט עמעצן לעכערן דעם קאָפּ, וועלן זיי זיך אויך צעלויפן און איבערלאָזן דעם פאַר־בלוטיקטן אויף דער ערד? און פאַר וואָס וויינען זיי שוין, און ניט נאָר די ווײַבער, נאָר אויך די גויעס, און אַפילו די פּויערים כליפּען אין די בערד אַרײַן, און פאַר וואָס האָבן אָנגעהויבן אַזוי צו וווּען די הינט?

ביי וועמען קאָן מען וועגן דעם פרעגן? פאַר פרעגן לייגט מען דאָך אויף דער באַנק...

ער האָט ליב, אלישעלע, יאַרידן. דער עיקרשט דעם פערדמאַרק, ווו מ׳קאָן אַ גלעט געבן אַ לאָשיקל, קוקן פון אונטער אַ וואָגן ווי ציגיינער לויפן מיט די פערד, ווי דער אַלטער בענציע באַיאַר פאַרט אַרויס שטייענדיק אויפן רוקן פון אַ ווילדער, נאָך קיין מאָל ניט געשפּאַנטער, קאַרער לאָשעצע. דאָך האָט ער נאָך מער ליב שטילקייט. בלייבן איינער אַליין ביים טייַך אויף דער זון, פאַרגיין צווישן די סקאַלעס, פאַרקריכן אונטערן וואַסערפאַל. האָט ער אלישעלע, מיט אַלע זיינע כּוחות פונעם געדרענג זיך געוואָלט אַרויסרייסן, דערביי געכאַפּט פון אַ פויער אַ פּאָר גוטע סטור־סאַקעס: ניט קריכן און זיך פּלאָנטערן צווישן די פערד וואָס קאָנען מיט די הינטערשטע פיס אָוועקהרגענען... געוואָלט צום „שווייצאַריע־ווינקל״ אַרויס, דאָרטן פונעם באַוואַלדיקטן באַרג אַראָפּגיין צום טייַך, וואָס יאָגט איבער די שטיינער. זיך אויסטאָן צווישן די קוסטעס, צום „ביטעלע״ זיך דערקלייבן און הינטערן וואַסערפאַל פאַרקריכן.

און ער וואָלט דאָרטן, ווי תּמיד, לאַנג געשטאַנען הינטערן וואַסער, וואָס יאָגט מיט אַזאַ גערויש איבערן קאָפּ — דער וואַסער־פאָרהאַנג שפּילט אין די אויגן מיט אַלע קאָלירן פון אַ רעגן־בויגן אויף דער זון און ער וואָלט דאָרטן הייַנט אויך געשטאַנען הינטער די פלאַנדיקע און פינקלענדיקע און רוישנדיקע קאָלירן, ווי יענער פאַרכּישופטער פרינץ, וואָס די מאַמע דערציילט פון אים ביים באַלייגן די קינדער שלאָפן... אָבער אַז ער האָט זיך שוין מיט די לעצטע כּוחות פונעם געדרענג כּמעט אַרויסגעריסן, שוין כּמעט אויפן באַרג אַרויף, שוין גאָר ניט ווייט פונעם צעקלונגענעם קלויסטער געוועזן — דער וועג דורך די סקאַלעס איז שוין פריי צום וואַסערפאַל, דאָ האָט מען אים ווידער אין דער סוטוליקע פאַרדרייט און צוריק באַרג־אַראָפּ געשלעפּט. און דאָרטן האָבן די נאָוואָבראַנצעס מיט געלעכטער קאַפּל־אייזיקס שטוב מיט פרענטעס אייַז, וואָס זיי האָבן פון זייַן זאַליאַזנער קלייט אַרויסגעשלעפּט, גענומען צעוואַלגערן:

— די זשידאָווסקע כאַטע שטייט אויפן וועג און מ׳קאָן ניט דורכפאָרן...

— און אַז מ׳פאַרפאַרט אים מיטן דישל אין פענצטער אַריין, מאַכט ער נאָך גוואַלדן מ׳זאָל אים באַצאָלן.

— אָט טאַק, כלאָפּצי, אָט אַזוי, טראַסצי יעגאָ מאַטערי...

— דער וועג פונעם באַרג דאַרף פרײַ ווערן.

— כלאַפּצי, אויך כילקעס שטוב דאַרף מען אַפּראַמען פון וועג.

— זיי האָבן אָנגעשטעלט, די „ביילסעס״, זייערע הײַזער אויף אונדזער ערד.

און מ׳האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויך צו מנחם־זוסיעס שטוב מיט די שטיקער אײַזן. אַנדערע האָבן גלײַך פאַרנומען אין זאַמדגעסל. וואָלט זיך געוויס אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם, אָבער דאָ איז פון קלויסטער אַרויס דער גלח אין דער ריזע און אויפגעהויבן דעם גרויסן צלם צום הימל. האָבן זיך גענומען די פּויערים אויף גיך צעלויפן און די פּרענטעס אײַזן אין זייערע ווענענער אונטערן היי גענומען פאַררוקן און אלישלע האָט לעם קאָפּל־אײַזיקס צעדלובעטער שטוב דערזען ווי אין מיטן טאָג הייבט אָן צו ווערן נאַכט. אַ לבנה הייבט אָן אַרויפגיין אויף דער זון, פון דער זון בלײַבט נאָר אַ האַלב פײַערדיק רייפעלע. אויפן הימל גייען אויף שטערן. און די הינט סקוליען אַזוי, אַז אַ קעלט גייט איבערן רוקן. און אַרום פאַלן פון די בייימער מולדלעך, אַקוראַט אַזעלכע ווי ער האָט פריִער געזען אין דעם משוגענעמס, אין פּיטשעס פּלוצעם צעעפנטן אויג. און ייִדן אַרום אים רעדן:

— די ליקוי־חמה האָט אונדז געראַטעוועט.

— יאָ... אָבער ס׳איז אַ שלעכטער סימן, ייִדן, די ליקוי־חמה איז אַ שלעכטער סימן

— ווײַל וואָס?

— ווײַל די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן מיט...

— דער איבערשטער וועט זײַן מיט אונדז.

אָמן, ייִדן, הלוואַי...

# ז

און דאָ, נאָך דער לקוי־חמה, בײַ דעם אָנהייב פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בלײַבט ער שטיין, דער אַלטער ייִדישער שרײַבער, ווי יענער מידער גייער, וואָס איז ווידער צוגעקומען צום טײַך, ווו ער איז שוין אַ מאָל געווען, צוריק מיט אַ סך יאָרן, שיִער ניט אומגעקומען, דערצו נאָך זעט ער שוין ניט די קלאַדקע מיט יענע געפּינטלט־בערעסטענע אָנלען־דרענגלעך, און קיין שיפֿל זעט ער דאָ אויך ניט, און ער ווייס גאָך ניט ווי אַזוי וועט ער איבערן וואַסער אויף יענעם ברעג אַרויפֿגיין. דער וואָלענער שאַרף נאָך אַלץ אויף די אונטערגעהויבענע שאַרפֿע אַקסלען, צוליב דער ראיה שטאַרק געבויגן איבערן טיש, לאָזט ער זיך פֿאָרט מיטן אייניקן כּלי־זיין, מיט דער פֿען אין דער שמאָל־ווײַסער האַנט, גיין אַהין, אין יענע יאָרן, צו יענעם ווינטערדיקן שבתע־נאַכטס, ווו אויך די ניט־פֿריילעכע קינדהייט זײַנע איז מיט אַ מאָל דאָרטן איבערגעריסן און צעריסן געוואָרן, — פֿאַרבליבן שוין גאָר איינער און אַליין, שוין אויך אָן דער מאַמען, שוין אויך אָן איר טרויעריקן שמייכל, שוין אויך אָן איר טרייסטוואָרט און שייִנעם ווערטל, און באַלד נאָך איר טויט איז אויך ער, ווי זײַנע עלטערע שוועסטער און ברידער, אין דער וועלט אַוועק און מיט זײַנע קנאַפּע צוועלף יאָר אינעם קאַלטן לעבן אַרײַן. ער מעקט, דער אַלטער אלישע בן־מאיר, די אָנגעשריבענע שורות און הערט זיך צו, שוין בײַם טאָג־זעגן־זיך, ווי די מידבר־ווינטן, די כאַמסיניקע, בושעווען נאָך אַלץ, שוין דעם דריטן מעת־לעת, איבער זײַן אויסגעקרענקטן חלום, איבער ירושלים. די הימלען ווערן מידבר, אַ רויטלעך־זאַמדיקער נעפּל פֿאַרווייעט דעם שרײַבערס נשמה. גלײַכט ער זיך אויס — דער וואָלענער שאַרף גליטשט זיך פֿון דער פּלייצע אַראָפּ, און ער קוקט מיט פּחד ווי די זון נעמט פֿאַרגיין אין די בערג פֿון יהודה, אַ ווײַסע, אָן כּוחות, אַ פֿאַרחלשטע; בייגט ער זיך צוריק איבערן טיש און בײַ אָט דער שקיעה, בײַ אָט דעם רויטלעך־כאַמסין־נעפּל, וואַרפֿט ער אויף גיך אויפֿן פֿאַרשטויבטן בויגן פּאַפּיר קרומע שורות,

סוקעוואַטע ווערטער, וואָס מאָרגן וועלן זיי ערשט דאַרפֿן אויסגעגלייַכט, אויסגעשניטן און אויסגעשניצט ווערן, און ס׳וועט ווײַטער פֿון זיי געבויט ווערן אלישעלעס בראשית־וועלט.

מאָרגן פֿרי וועט דער אַלטער שרײַבער ווידער אַרויפֿוואַרפֿן אויף זײַנע אַקסלען דעם וואָלענעם שאַרף און דערציילן ווײַטער, ווי אויך ער, דער דאַרער, דער טונקל־הויטיקער, ווי ערשט פֿונעם מידבר אַרויס, דער צאָרנ־דיקער כּהן מיט די גרויסע גאולה־זוכערישע אויגן, ר׳ מאיר בן־אַריה, נאָכן אַריבערפֿאָרן פֿון דאָרף אין שטעטל אַרײַן, האָט אויך געלעבט אין דער גוייִשער גאַס, און טאַקע אין יענער כאַטע, וווּ פֿריִער זײַנען טאַטע, אונטערן שטרויענעם דאַך, אַרומגעקלאַפּט פֿון אַלע פֿיר ווינקלען מיט מזוזות, צווישן די גערטנער, וווּ זומערצײַט פֿלעג זי, די צונויפֿגעלייגטע שטוב פֿון קײַלעכדיקע קלעצער, פֿאַרוואַקסן ווערן ביז צו די טאָפּליעלעך מיט לאָבאָדע, ווילדן רעטעך, סווירעפּקע, שטעכעלקעס, מיט ברענענדיקער קראָפּעווע און צווישן אָט דעם סאָרניאַק וויגן זיך די ווינטגלעקעלעך, ראָמאַשקע און חנהלעס־אייגעלעך. און אַרויף־צו, בײַ די פּויערשע כאַטעס, טולפּאַנען, רויזן, געאָרגינעס, אַסטרעס, נאַסטורציעס, רעזעדאָ, און פֿון פֿרי־פֿרילינג ביז טיף־האַרבסט האָבן פֿאַרשיכּורט ריחות פֿון בעז, טשערע־מוכע, אַקאַציע, לינדנבוימס און דערעיקרשט פֿון מיאַטע. און שוין ווײַטער, נאָך די גערטנער מיט קאַרטאָפֿל, נאָך די בייטן מיט ווײַסער קרויט און רויטע מערן, שוין נאָך די גרינע, אויף די שטעקנס זיך־דרייענדיקע, פֿאַסאָליעס און פֿײַערדיק־בליִענדיקן מאָן, שוין נאָך אַלע סאָנישניקעס מיט די לאַנגע געלע ווײַעס, שוין פֿון יענער זײַט די פּויערשע גערטנער, הייבט זיך אָן דער בעל־מלאָכה־ און בעל־עגלה־קיניגרײַך — מיט פֿערד און וועגענער; און שפּעטער, שוין נאָכן דורכפֿירן די באַנרעלסן און אויפֿשטעלן דעם וואָקזאַל, האָבן זיך תּיכּף פֿאַיאַווועט פֿאַעטאָנען אויף גומירעדער... דאָרטן האָבן אויך געלעבט די קצבים, פֿי־ און פֿערד־הענדלערס, שנײַדערס און שוסטערס, סטאָליאַרעס און קאָוואַליעס — אַ שבט יידן, וואָס אַפֿילו דער פּריסטאַוו, טאַראַס בולבאַ, פֿלעג אַהין צו ניט אָפּט אַרײַנגיין און אַז שוין יאָ אַהין צו אַרײַן, איז מיט אַ שמייכל איבער דער גאַנצער לענג פֿון די אָראָפּהענגענדיקע וואָנצעס, און גערעדט דאָרטן... ייִדיש.

אין אלישעלעס לעבן האָט נאָך דערווײַל די מלחמה קיין ענדערונגען ניט אַרײַנגעבראַכט. דורך אָט יענע גערטנער, — זומער איבער די פֿאַר־

וואָקסענע מעזשעס, ווו ס׳גרילצן די גרינע שפּרינגערלעך, ווינטער איבער די שטומע שנייען, לויפט ער צווישן די בעל־מלאָכישע און בעל־עגלהשע הײַזער און וואַרשטאַטן, צווישן די פערד־און־וועגענער, צווישן די קריגע־רײַען און שאַרף־געפעפערטע רייד, צווישן די האַמערקלאַנגען אויף די קאָוואַדלעס און דורכן שפּילן פון די כלי־זמר אויף די פידלען און קלאַר־נעטן, — אויך בײַ אָט די ייִדן זענען נאָך קיין גרויסע שינויים ניט פאָר־געקומען: די וואָך גייט נאָך אַלץ אין פון דורות אײַנגעשטעלטן סדר: גאַנץ פרי און פאַר נאַכט לויפט מען אָפּדאַווענען, מ׳האַרעוועט ביזן זיבעטן שווייס אויפן שטיקל ברויט פאַר ווײַב און קינדער, פאַרן מלמד, פאַרן רב און שמש, פאַרן בונד און אויף ארץ־ישׂראל; פרײַטיק נאָכן טשאָלנט־פאַררוקן, יאָגט מען מיט די זין אין מרחץ אַרײַן, מ׳איז מקבל־שבת, אין אַלע פענצטער ברענען ליכט, מ׳זינגט זמירות, און אויף מאָרגן, נאָכן וואַרמעסדיקן שלאָף, פירט מען די פערד צום טײַך אָנפּויען, און מ׳גייט מיט ווײַב און קינדער אויף די סקאַלעס זען ווי די באַנען שווינדלען דורך דער נײַער בריק מיט די בליאַסקענדיקע שויבן אויף דער סוף־טאָגיקער זון, ווי אַ גאָטס וווּנדער און ווי אַן אָפּשײַן פון דער גרויסער וועלט. — דורך די גערטענער צווישן יענע ייִדן איז ער געלאָפן, אלישעלע, שוין ניט צום בובאַר, נאָר שוין צו אַמשלען און אַנשלען. ער לערנט בײַ זיי פון פרי ביז אין דער נאַכט אַרײַן חומש מיט רש״י, און אויך שרײַבן שיין און חשבונען גוט, און אויך אײנער פון זיי, פון די צוויי מלמדים, אַמשל צי אַנשל, לערנט ביאַליקס „אל הצפור״, יהואָשס „בוים און בלעטער שלאָפן אײַן, שלאָפט אויף זיי לבנה־שײַן...״ און לערמאָנטאָווס „פּאָ ניעבו פּאָלנאָטשי אַנגעל לעטעל...״ * — און ניט נאָר אלישעלע, נאָר קיין איין ייִנגל אין חדר, האָט, האָט קיין מאָל ניט געוווּסט, וועד ס׳לערנט הײַנט מיט זיי: אַמשל צי אַנשל? ווײַל ביידע מלמדים זײַנען ברידער און אַ צווילינג געווען, און ביידע האָבן געהאַט איין קול, און ביידע געראָטן אײנער אויפן צווייטן, ווי צוויי פענצטער אין חדר, און ביידע, אי אַמשל אי אַנשל, מיט אויסגע־צויגענע בלייכע פּנימער, ווי איין איבערשרעק איז זיי ביידן באַפאַלן אויפן גאַנצן לעבן, און ביידע מיט בלויע אויגן, מיט ליכטיק־בלאָנדע געקרײַזלטע בערד, און ביידע שלאָגן זיי שטיל, און שרײַען שטיל, און קרעכצן שטיל,

---

* איבערן האַלבנאַכטיקן הימל איז אַ מלאך געפלויגן.

און ביידע לעבן אונטער איין דאַך, און ביידע האַלטן פון װעלעדניק צװיי שװעסטער פאַר װײַבער, און אויך די װײַבער זייערע זײַנען אַ צװילינג און ביידע ענלעך איינע אויף דער אַנדערער, װי צװיי פּאַרפּאַליטע עפּל — ביידע נידעריקע, פּולינקע, קײַלעכדיקע — און ביידע קינדלען אַלע יאָר, און די קינדער זייערע זײַנען אויך ענלעך איינס אויפן צװייטן, װי אַרבעסלעך... די חדר־ייִנגלעך האָבן אַפילו געװוּסט, אַז דער אַלטער רבי, ר׳ װעלװעלע, האָט שוין געלאָזט רופן צו זיך אַמשלען מיט אַנשלען און געהייסן זיי צע־גיין זיך אין באַזונדערע דירות. די ייִנגלעך האָבן גאָר ניט פאַרשטאַנען פאַר װאָס דאַרפן זיך עס די צװיי ברידער צעגיין, אַז מ׳קריגט זיך קיין מאָל ניט און מ׳לעבט אַזוי גוט אונטער איין דאַך.

האָבן זיי ביידע געהאַלטן איין חדר, זיך גערעכנט פאַר „די הײַנטיקע", זיך געהייסן רופן ניט רבי, נאָר מ ו ר ה, ניט געלייגט, װי דער בובאַר, אויף דער באַנק, ניט גענומען אין האַנט אַריין קיין קאַנטשיק, נאָר מיטן שטילן געשריי, מיטן שטילן קרעכץ געשטעלט בײַ דער טיר אויף די נאַקעטע קני, און שטיל געשלאָגן מיט דער װירע איבער די פינגער אויב דער אות איז געװען ניט אַזוי אויסגעצוקט און ניט אַזוי פערלדיק־אויס־געקרײַזלט. און אַט דעם צװילינג האָט טאַקע אלישע צו פאַרדאַנקען זײַן געסופרטן כּתב — אָבער פונעם קנעלן אַליין האָבן זיי, אַמשל־אַנשל, ניט געקאָנט ציִען די תּיונה, ניט געהאַט אויפן אויסקומעניש, ניט געקאָנט זיך דורכשלאָגן און אָנהאָדעװען די װײַבער און קינדער, האָבן זיי צום קנעלן נאָך געקאָכט מעלעך־סיראָפּ, געקילט פון דעם לאַנגע געשטרייפטע צוקער־קעס און אויף די אַליין־געשניצטע שטעקעלעך אַרויפגעזעצט געפאַרבטע פערדלעך און הענדלעך; פונם מעלעך־סיראָפּ אויך געמאַכט מאַנדלען, גע־באַקן האָניק־פלעצלעך, און איין טאָג איינער, אויף מאָרגן אַ צװייטער, האָט צוגעהאָלפן דער װײַב בײַם טיש אין מאַרק, באַזונדערס אין די יאַריד־טעג, צו פאַרקויפן די לאַקרעצדיקע סחורה.

אויך דאָ איז דער חדר געװען ניט גרעסער װי בײַם בובאַר. נאָר דאָרטן זײַנען טוכלע און װיערע ריחות געשטאַנען, און דאָ — זיסע. אַפילו פונעם בעזעם לעם װעלכן דו שטייסט אויף די קני בײַ דער טיר, שמעקט מיט האָניק און מיט צוגעברענטן זאַמד־צוקער. אַלץ קלעפּט זיך דאָ צו דיר, און דו קלעפּסט זיך צו אַלצדינג צו. אָבער אלישעלע האָט זעלטן־װען געהאַט דעם גראָשן אויף צו קויפן אַ מאַנדל אָדער אַ צוקער־הענדל, —

צום מיינסטנס געלעקט נאָר די קלעפּיק־געוואָרענע פּאַרזיסטע פינגער, אויך דאָ שטייט אין מיטן חדר דער שמאָל־לאַנגער טיש און פון ביידע זייַטן זיצן אויף די הויך־שמאָלע בענק צו צען קינדער. די ווינטערדיקע פענצטער־לעך פאַרוואָרפן מיט פוך־באַזילבערטע צווייגן, וואָס פלעכטן זיך איבער און הירשן שטייען דאָרטן אין די פאַרשנייטע פּאַפּאָראָטן. איינע פון די רביצינס — שווער צו וויסן אָוועלכע פון די ביַידע — קאָן דעם גאַנצן פרימאָרגן ניט צעהייצן דעם אויוון מיט דעם נאַסן אָלכעהאָלץ און פונעם רויך האָבן שוין אַלע קינדער רויט־טרערנדיקע אויגן.

און זי, די רביצין, שטייענדיק אויפן פוסבענקעלע — אָן דעם בענ־קעלע קאָן זי דאָך צום אויוון־חלל ניט דערלאַנגען; די עקן פון איר פאַ־טשיילע שאַרן זיך איבערן פריפּעטשיק ווי צוויי פלידערווישן, זי בלאָזט מיט אַלע כוחות אויף די טליִענדיקע שפענער, וואָס ווילן זיך בשום־אופן ניט פונאַנדערברענען: טוען אַ פלעמל און ווערן באַלד ווידער אויס־געלאָשן. פונעם שטאַרקן בלאָזן אויפן שוואַכינקן זשאַר, ווערט, דאַכט זיך, די רביצין נאָך פולער און נאָך קיַילעכדיקער. זי בלאָזט זיך אָן און שעלט דערביַי, מ׳ווייסט אָבער קיין מאָל ניט וועמען זי מיינט:

— זאָל אים דער דלות ברענען און ניט פאַרברענט ווערן.

— זינגען זאָל ער זמירות אויף אַ געזונטעם קול.

— די ערד זאָל אים אַריַינעמען און באַלד ארויסוואַרפן.

— דער גוידער זאָל איר צעשמאַלצן ווערן אין באָד...

צו וועמען אָט די קללה ווערט געשיקט, ווייסן שוין יאָ די יִנגלעך: צו דער אַלטער גבירנטע צו דער אַלמנה, צו דער בעזדיטניצע, וואָס וווינט אין דער געמויערטער שטוב, איינע אַליין, און אַלע וואָך, דינסטיק, דאַרף זי, די רביצין, גיין אויף אַ גאַנצן פרימאָרגן צו מאַריאַשען און פאַרברענגען מיט איר. טאָן דאַרף זי פּאָר יענער, חלילה, גאָרניט. יענע פאָרעט זיך נאָך אַליין אַרום זיך. פאַרקערט, זי באַקומט, די רביצין, אַ שטאַרקע, כמעט אַ שוואַרצע גלאָז טיי און אַ קיכל געדיכט באַשאָטן מיט צימערינג, דערצו נאָך אַ קיַילעכדיק זילבערן קערבל. זי דאַרף דערפאַר נאָר זיצן עטלעכע שעה און אויסהערן — אַלע מאָל און תמיד איינס און דאָס זעלבע — ווי אַזוי זי, מאַריאַשע, האָט געלעבט ביז איר אַלמנהשאַפט, וועלכע חכמות, וויצן און גליַיכווערטלעך איר מאַן דער וואַלד־סוחר, ר׳ רפאל־יצחק קאָרנפעלד, פלעג ביַי דער אָדער יענער געלעגנהייט זאָגן:

ווי אַזוי ער האָט דרײַ יאָר געקרענקט, ווי אַזוי ער האָט געגוססט בײַ איר אויף די הענט און דער מלאך־המוות האָט לאַנג ניט געוואָלט צונעמען בײַ אים די נשמה... און דערנאָך, שוין נאָכן טויט, איז ער אַלע נאַכט, רפאל־יצחק, געקומען צו גיין אין די תכריכים און זי נאָר געוואָלט, מאַריאַשען, צונעמען צו זיך אין קבר אַרײַן. און שפּעטער דערציילט זי שוין, די אַלטע גבירנטע, ווי אַזוי מיידלווײַז איז זי געשטאַנען אין שידוכים, ווי זי איז זיבן מאָל געווען פאַרקנסט און זעקס מאָל אָפּגעשיקט די תנאים... ווי אַזוי זי האָט פונעם ערשטן קוש שיִער ניט געחלשט. — וועגן דעם ווייסן אַלע חדר־ייִנגלעך גוט, ווײַל ווי נאָר די רביצין קערט זיך אום פון דער גבירנטע, אַזוי הייבט זי גלײַך אָן איבערדערציילן און איבערקרימען יענערס רייד ביז אַמשל־אַנשל נעמט אויף איר שטיל שרײַען:

— גענוג שוין דיר, גענוג! אַ מענטש צאָלט דיר פאַר פאַרטרײַבן פון אים די עלנטקייט. אַ מענטש האָט אַ באַדערפעניש הערן פון צײַט צו צײַט זײַן אייגן קול. עלנטקייט איז דאָך די גרעסטע שטראָף פון זײַן־ליבן־נאָמען. גיי שוין גיי! — און אַז זי גייט אַוועק אין מאַרק אַרײַן צום טישל, חזרט ער נאָך לאַנג, אַמשל־אַנשל, פאַר זיך אַליין: איַי, איַי, עלנטקייט, עלנטקייט, פאַר וואָס ברענסטו אין מיר און וועדסט ניט פאַרברענט?

און כאָטש אַפילו אויך דאָ, בײַ אָט די מלמדים, וואָס זײַנען געווען אַזוי ענלעך איינער אויפן אַנדערן, הגם איינער איז געווען פון די חובבי־שפת־עבר און דער צווייטער פון די חובבי־שפת־עם, פון יידיש, און ער, אלישעלע, האָט פוןביידע בלוי־אויגיקע, בלאָנד־בערדיקע, פון די אויסגעצויגן־בלייכע, ווי אויף תמיד, שוין גלײַך בײַם געבוירן ווערן איבערגעשראָקענע און פאַרחידושטע פּנימער, געהאַט גענוג אויסצושטיין: פאַר ניט קאָנען, שוין דינסטיק, די פרשה חומש מיט רש״י פון דער וואָך; פאַר פאַרקוקן זיך אויפן פאַרפרוירענעם פענצטער, ווי אַ גאַנדז אויף אַ שרפה, פאַר איבער־פלאַנטערן אַ וואָרט אין „אל הצפור", אָדער אינעם בוים, וואָס זײַנע בלע־טער שלאָפן אײַן; געהאַט כסדר בלאָו־רויטע פינגער פון דער קאַנטיקער ווירע פאַר אַ פלעק טינט אויפן פּאַפּיר, פאַר ניט אַוועקשטעלן דעם אות ווי אַ „לעבעדיקן", פאַר שרײַבן אַזוי, אַז ס'איז אַ חרפה אויפן סמיטניק אַרויסוואַרפן — דאָך האָט ער, אלישעלע, אין יענע צוויי יאָר בײַ די אַמשל־אַנשלס געלערנט מיט חשק, מיט התמדה, אַפילו מיט פרייד און אויף זײַנע וועגווײַזערס קיין פאַרביטערטקייט ניט געטראָגן, ווייל זיי האָבן אָנגעפילט

זיַין הערצל מיט וווּנדער און שרעק וועגן אָדם און חוה מיטן שלאַנג, ווי גאָט פאַרשעלט זיי אַלעמען; וועגן קין און הבלען; וועגן דעם מבול, ווי די תּיבה מיט נחן טראָגן זיך איבערן וואַסער, ווי ער לאָזט אַרויס די טויב; די מעשׂה־סדום, ווי ס׳קומען די פאַרשטעלטע מלאכים; ווי הגר מיט ישמעאלן ווערן פאַרטריבן אין מידבר; ווי אַברהם פירט יצחקן און לייגט אים אַרויף אויף דער עקדה; יעקב און עשׂיו, יעקב מיט דער לייטער, וואָס זיַין שפּיץ דערגרייכט ביזן הימל און מלאכים גייען אויף אים אַרויף און אַראָפּ; זיַין ראַנגלען זיך מיטן מלאך; יעקב און לבן מיט די טעכטער, יעקבס אַרבעט זיבן יאָר פאַר רחלען; איר טויט אויפן וועג קיין בית־לחם; יוסף מיט די ברידער, יוספס חלומות, זיַין ווערן אַ שני־למלך; די מעשׂה מיט פּוטיפרס וויַיב, יוספס באַגעגענען זיך מיט זיַינע ברידער און...

יאָ, ער האָט שוין געוווּסט דעמאָלט, אלישעלע, אַ סך און שוין איבער־געלעבט אַזוינס, וואָס האָט אים געוואָלגערט פון די פיס, און קראַנק־ווערנדיק און ליגנדיק אין גרויסער היץ געזעדט מיט גראַמען און מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס האָט אַלעמען אין שטוב ניט אַזוי געחידושט, ווי געשראָקן. ער איז שוין ביַיגעווען און צוגעזען, ווי זיַין שוועסטער גאָלדע־רחל, דער „שיינער טאָפּאָל", נאָכן באַגראָבן איר אָפּגעסמטן מאַן, האָט איר ברעקעלע קינד, איר דריַי־חדשימדיקן אַברהמעלען, אָפּגעגעבן צום בעל־עגלהס, צום „יאַפּאַנטשיקס" וויַיב אויף האָדעווען, און אַליין איז זי, גאָלדע־רחל, אַוועקגעפאָרן צום פּאַפּיר־פאַבריקאַנט ווערן אַן אַם און געבן דאָרטן זייגן אַ פרעמד קינד. אלישעלע האָט דעמאָלטן צוגעזען ווי זיַין שוועסטער, נאָכן אָפּגעבן דער בעל־עגלהכע דאָס קינד, נאָך יענערס אַרויסגיין מיטן קינד פון שטוב, איז מיט אַ מאָדנעם געשריי אין חלשות געפאַלן, און ווי אַזוי דער טאַטע, אַ דערשראָקענער, האָט זי גענומען מינטערן:

— גאָלדע־רחל, נעם זיך אין די הענט אַריַין, דו קאָנסט נאָך חלילה אָנווערן די מילך...

האָט אים די מאַמע, וואָס תּמיד נאָר מיטן טרויעריקן שמייכל אויף די ליפּן: „שווער, אַוודאי שווער, אָבער מ׳דאַרף עס איבערטראָגן!" — זי, די מאַמע האָט מיט אַ פּיַיער־ווייטיקדיקן פּנים, אים אָפּגעשטויסן, דעם טאַטן, מיט ביידע הענט פון דער טאָכטער:

— טרעט כאָטש דו ניט מיט דיַינע רייד אויף איר נשמה!

ער האָט שוין דעמאָלט געוווּסט, אלישעלע, אַז קיין האָט געהרגעט זיין אײן־און־אײנציקן ברודער הבלן; אַז די ברידער האָבן אַרײַנגעוואָרפן יוספן אין גרוב, דערנאָך אים פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ קנעכט קיין מצרים און דעם טאַטן, יעקבן, געבראַכט יוספֿס זײַדן העמדל אײַנגעטונקען אין ציגנבלוט; ער האָט שוין געזען, אלישע, ווי שבת אין שול, בײַם לייענען די תורה, האָבן זיך ייִדן אין טליתים אָנגעהויבן קריגן, ווי זיי האָבן שוין אין דרויסן געבראָכן די פּלויטן און זיך געשלאָגן מיט דרענגלעך איבער די קעפּ; שוין געהערט ווי די מאַמע דערציילט דעם טאַטן מיט טרערן:

— דער שכן, דער באַנדאַר, אַרכיפּ דער שיכּור, וואָס האָט פֿאַרטריבן זײַן ווײַב, האַנדזיען, אין דער ערד אַרײַן, ער, אַרכיפּ, פּטרט שוין אַוועק זײַנע קינדער, ער דערשטיקט זיי מיט די אייגענע הענט...

זי, די מאַמע, וואָס איז פֿאַרבאָרגענערהייט געגאַנגען צום באַנדאַר, אײַנגעשטעלט ממש דאָס לעבן, ווײַל אַז אַרכיפּ דערזעט עמעצן גיין צו אים אין שטוב, רייצט ער אָן דעם הונט און כאַפּט די האַק אין האַנט אַרײַן. נאָר זי, אלישעלעס מאַמע, האָט זיך פֿאַרט אַרײַנגעכאַפּט אַהין, געוואָלט אַליין זען מיט די אייגענע אויגן, וואָס ס'טוט זיך דאָרטן מיט האַנדזיעס יתומים; האָט זי געטראָפֿן דאָס עלטערע מיידל, די צען־יאָריקע נאַסטיען, אויף דער באַנק אונטער דער איקאָנע כאָרכלען. נאַסטיע האָט שוין ניט געקאָנט רעדן. זי האָט נאָר באַוויזן מיט אירע הענט אויפֿן האַלדז ווי אַזוי מ'האָט זי געשטיקט.

— וואָס רעדסטו, וואָס — האָט דער טאַטע געפֿרעגט ניט מיט זײַן קול, — ווער, ווער האָט זי געשטיקט?

— ווער האָט זי געקאָנט וואָרגן אויב ניט ער, דער טאַטע אירער, אַרכיפּ?

— זאָלסט מער אַהין צו, ליבע־שׂרה, ניט גיין, דו הערסט? ער קאָן דיך דערהרגענען, דער גזלן.

— אָבער ווי אַזוי קאָן מען, מאיר, איבערלאָזן קינדער אויפֿן מלאך־המוות?

— מיט וואָס קאָנסטו זיי דאָרטן העלפֿן? די גויים מישן זיך דאָך ניט...

— זיי פֿאָרן אַוועק פֿאַר טאָג אין פֿעלד, און קערן זיך אום אין דער נאַכט. כ'האָב כאָטש אָנגעפּויעט דאָס מיידל מיט וואַסער, און דעם אַנדער־האַלב־יאָריקן קינד, וואַסיליקען, געמאַכט טרוקן אין וויגל און געגעבן אים

אַ שטיקל ברויט אין הענטל. כ׳וועל מאָרגן פּרוּוון זיך נאָך אַ מאָל אַריינ־כאַפּן, גאַנץ פרי גייט ער דאָך נאָך בראַנפן.

אָבער אויף מאָרגן איז שוין די מאַמע ניט געגאַנגען אַהין, צום באַנ־דאַר, אין שטוב אַריין, ווייל נאַסטיע איז ביי נאַכט געשטאָרבן. די מאַמע האָט געזאָגט:

— דערשטיקט אַ לעבן. דער אייבערשטער זאָל זיך דאָרטן דערבאַ־רעמען אויפן קינד. און אויף איר טאַטן זאָל פאַלן די קללה וואָס איז גע־פאַלן אויף קינען...

און מיטן קול פון שבת פאַר נאַכט, ביים ערשטן שטערן אין פענצטער, ווען זי זאָגט „גאָט פון אַברהם״, צוגעגעבן:

— גאָטעניו ליבער, היט אונדז אויס פון אַרכיפּס הענט.

און אין דריי טעג אַרום האָט אלישעלע געזען, שטייענדיק ביים פענצ־טער, ווי איבערן געסל וואָס ליגט צווישן די לאָזע־געפלאַכטענע נידעריקע פלויטן מיט די איבערגעקערטע קריגלעך, מאַקרעטעס, האָבן די צעצוויטעטע טשערעמוכע־צווייגן אַריינגעשפּינט אין זייערע שאָטנס דעם גלח אין דער ריאַסע, די זיך־רויכערנדיקע קאַדילע אונטער זיין ברייטן אַרבל, די שוואַר־צע צערקווע־פאַנען, דעם פריש־אויסגעטעסעטן צלם וואָס דער באַנדאַר, אַרכיפּ, האָט געטראָגן אויף זיין אַקסל, אַוועקשטעלן דאָרטן אויפן קבר פון זיין טאָכטער, און באַזונדערס האָט ער, אלישעלע, געזען ווי אָט יענע שאָטנס פון די צעצוויטעטע טשערעמוכע־צווייגן פאַלן אין דער אָפענער טרונע, וואָס מ׳טראָגט אויף אויסגעניטע האַנטעכער, און די טויטע נאַסטיע ליגט מיטן אָפגעדעקטן געל־שוואַרצן פאַרקרימטן פנים, די וואַקסענע הענט אויפן האַרצן פאַרלייגט, דער קאָפּ אין אַ קרענצעלע בלומען און די קלויסטערגלאָקן קלינגען פאַרן טאָג־זעצן־זיך אַזוי, אַז ער לויפט צו צו דער מאַמען:

— איך האָב מורא!

נעמט זי אים אַרום מיטביידע הענט:

— זאָל דער לעבעדיקער גאָט פון אונדזערע אָבות זיין מיט דיר, מיין קינד.

## ח

און צום סוף פון יענעם זומער האָט מיט אלישעלען — שוין באמת ווי אַ גזר מן השמים — געטראָפן דאָס אייגענע, אַפילו נאָך ערגערס, ווי אין יענעם סוף־זמן בײַם בובער. און הגם ער האָט דאָ קיין שאלות ניט געשטעלט, זיך געהיט מיט אַ וואָרט, פאַרגעדענקט דער מאַמעס רייד: ניטאָ, מײַן קינד, קײַן טויטע ווערטער, פון יעדער וואָרט קאָן אויסוואַקסן אַ קווייט און ס׳קאָן פון דעם אויך אויפגיין אַ פײַער. — און ס׳איז שוין פאַרבליבן צו לערנען בײַם צווילינג קנאַפּע אַכט טעג; די מלמדים האָבן שוין קיינעם אויף די קני לעם בעזעם, וואָס שמעקט מיט איבערגעברענטן זאַמדצוקער, ניט געשטעלט, און פאַר אַ קליאַקסע אויפן פּאַפּיר, אָדער פאַר ניט אויסציקלען אַקוראַט דעם אות, איבער די פינגער ניט געשלאָגן, — פאַררוקט אַפילו די ווירע הינטער מאַנטעפיאָרעס מיט פליגן־פאַרפּינטלטן פאָרטרעט אויף דער וואַנט; אַלץ איז געגאַנגען צום סוף־זמן מיט שמייכל און מיט חסד. האָט אָבער דאָ דער שׂטן אַליין אָנגערעדט אלישעלען צו מאַכן אַזאַ לידל:

אַמשל־אַנשל,<br>
גרינע וואַנשל.<br>
מאַנדלען־תורה,<br>
גוטע סחורה.<br>
צוקער־לעקעך,<br>
גוטער מקח.<br>
גרינע וואַנשל,<br>
אַמשל־אַנשל.

דערצו נאָך האָט דער שׂטן, טאַקע דער אַשמדאי אַליין, אַ שטויס געטאָן אלישעלען צו אויסזינגען אָט דאָס לידל אויף די „סקאַלעס" פאַר די חדר־ייִנגלעך. האָבן די יאַטלעך גלײַך איבערגענומען און אויף מאָרגן עס גע־

זונגען אין דרויסן, הינטער די פענצטער, בעת דער הפסקה. האָבןביידע מלמדים דערהערט... און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ חקירה־ודרישה: פון וואַנען איז געקומען און ווער האָט געבראַכט אַהער דעם פאַ־שק־וויל? — האָט קיינער פון די קינדער ניט געוווּסט וואָס מ׳פרעגט זיי. קיינער פון זיי האָט אַהער קיין „פאַשקוויל" ניט געבראַכט.

— חי־אדונוי, אַז מיר ווייסן פון גאָרניט.

— ווער האָט אייַך אויסגעלערנט דאָס לידל?

— האַ, דאָס לידל? נעכטן פאַר נאַכט האָט עס געזונגען אלישע אויף די סקאַלעס.

— אַזוי גאָר? פון וואַנען זשע קומט צו דיר דער פאַשקוויל?

הערט אויך ער, אלישעלע, דאָס ערשטע מאָל אַזאַ מין וואָרט — פאַשקוויל — ווערט עס אָבער אים זייער געפעלן: ס׳גראַמט זיך ממש אַליין מיט שטיל, גריל, קיל, טריל, מיל...

— וואָס זשע שווייַגסטו, זאָג, ווו האָסטו גענומען דעם פאַשקוויל?

— כ׳האָב אים אין ערגעץ ניט גענומען.

— פון וואַנען זשע קומט ער צו דיר?

און דאָ איז אָנגעקומען דער טאַטע, וואָס האָט געבראַכט דאָס גע־ליִענע דרייַיערל שכר־לימוד. פון אַמשל און אַנשלס רייד, שוין פון זייער קול אַליין מיט וועלכן זיי לייגן און טייַטשן אויס די „מאַנדלעך" מיט דער „תורה", הייבן אָן בייַ ר׳ מאירן די גרויסע שוואַרצע, די גאולה־זוכנדיקע אויגן אַרייַן אין אַ רויטלעכן רויכל; די אַקסלען בייַם אַלטגעבאַקענעם קבצן, וואָס גיט אָפּ דעם לעצטן ביסן ברויט אויף שכר־לימוד, די שטוב אויף ראש־השנה איז נאָך פּוסט און וויסט — נאָך ניט פאַרשאָטן אין קעלער קיין איין מעסטל קאַרטאָפליעס, נאָך אויף ווינטער ניט פאַרפירט קיין איין פורל האָלץ — נעמען אים די אַקסלען אַרומגיין אונטער דער קאַפּאָטע און די ליפּן ווערן אים ווייַס, ווי פון דעם גרויסן חילול־השם וואָס זייַן זון איז באַגאַנגען הייבט ער אָן אויסגעטריקנט ווערן, דער כהן, און ס׳נעמט פון אים אַרויסטרעטן דאָס זאַלץ.

האָט דאָ אלישעלע דערפילט מיט אַלע זייַנע אברים, אַפילו שוין דער־זען, ווי ס׳רוקט זיך אָן אויף אים אַ פייַערדיקע כמאַרע און אַזאַ, וואָס ביז איצטער האָט זייַן געביין נאָך ניט געוווּסט; טוט ער זיך פון אָרט אַ ריס, די אָרום אים שטייענדיקע יינגלעך צעשפּאַרט, דעם טאַטנס אויס־

געצויגענע הענט אויסגעמיטן, — אויפן וועג אַראָפּגעוואָרפן פון דער פּאַליצע אַ טעפּל, — און שפּרינגט אין דרויסן אַרויס.

און זײַנע אויגן זעען ניט ווהין ס׳טראָגט אים — איבער די מאָהילקעס. איבערן מאַרק, צווישן טישלעך און שטעלן, — וואַרפט אויך דאָ עפּעס אום, נאָר קיינער פאַרהאַלט אים ניט, אין ערגעץ קיין לעבעדיקער מענטש ניטאָ — און פּלוצעם דערהערט ער דעם רוגזהדיקן קול, וואָס איז פול ניט נאָר מיט כּהנישן כּעס, נאָר מיט יִאוש, ווי בײַ איינעם וואָס די וועלט גייט אונטער און אַלע האָפענונגען ווערן אים אָנגעווווירן:

— שטיי!

דער טאַטע לויפט אים נאָך. ניט ווילנדיק בלײַבט ער, אלישעלע, אויף אַ רגע שטיין: ווי קאָן ער דעם טאַטן ניט פאָלגן? — און דאָ ערשט, פאַרהאַלטנדיק זיך אויף אָט דער רגעלע, דערפילט ער דעם שלאַקסרעגן. פון אַלע נידעריק־געוואָרענע הימלען פאַלן אויף אים קאַסע שנירלעך וואַסער.

— שטיי!

פון יעדן אים נאָכגעיאָגטן געשריי, טוען זיך אים אַ ברעך אונטער די פּיס. פון איטלעכן „שטיי!" פאַלט אים שווער דאָס האַרץ ניט אַרויס. אָבער זיך אָפּשטעלן קאָן ער שוין ניט, אלישעלע. ער לויפט מיט די לעצטע כּוחות אונטערן שלאַקסרעגן איבער די געסלעך, וואָס ווערן שוין פול מיט קאַליעזשעס; און ער ווערט פאַרטראָגן אין אַ שטאַל מיט פערד, ווו דורכן לייטער יאָגט ער אַרויף, ממש ווי אַ קאַץ, אויף אַ בוידעם און פאַלט שוין מיטן לעצטן אָטעם אין טרוקענעם היי אַרײַן. ער וועט שפּעטער ניט קאָנען זאָגן, אלישעלע, וויפל צײַט ער איז אַזוי מיטן פּנים אין היי אָפּגעלעגן, וואָס ס׳האָט מיט אים דאָרטן געטראָפן, ווי לאַנג ער האָט זיך דאָרטן געשלאָגן מיט אַרכיפן, ניט געוואָלט אים לאָזן דעם שווערן, דעם ניט־דערטעסעטן צלם אויף דער דערשטיקטער נאַסטיען אָוועקשטעלן, דערנאָך איינער אַליין מיט די הענט איר קבר אויפגעבראָכן, אַרום איר קאָפּ דאָס קרענצל קווייטלעך פאַרריכט, זי געוועקט... און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, געקומען צו־זיך האָט ער אַרום זיך געטראָפן אַזאַ שטילקייט, אַז ער האָט קוים אײַנגעהאַלטן זײַן געוויין.

און שוין אַפילו נאָכן קומען צו־זיך, האָט ער נאָך אויך לאַנג ניט געוווּסט ווו ער געפינט זיך און פון וואַנען קומט ער אַהער? ערשט דער־הערנדיק ווי די פערד רײַבן איבער די קאַרעטעס דעם האָבער און פריכען

צו, דערמאָנט ער זיך אָן אַלצדינג. דער טאַטע האָט אים טאַקע ניט געקאָנט געפינען. ס׳שמעקט שטאַרק מיט איבערגעטריקנטער קאָניושינע און מיט פרישן היי. פונעם דאַך פאַלן אין וואַסער אַריַין הילכיקע טראָפּנס. און אפשר שטייט ער דאָ ערגעץ־ווו, דער טאַטע און וואַרט, אַז ער, אלישע, זאָל פון זיַין באַהעלטעניש אַרויסגיין? דאָך נעמט ער שטיל — שאַרכט ווי אַ מויז אין היי צו דערקליַיבן זיך צו דער ליכטיקער שפּאַרונע פונעם פאַרמאַכטן בוידעם־פענצטערל: וויַיט אַרויף, איבער די גאָלד־בלעטערדיקע וועלדער, דערזעט ער, ווי די זון זעצט זיך. פון דער שקיעה גייט אים אונטער אַ קנויל צום גאָרגל, — זונפאַרגאַנג שרעקט אים. ער קאָן אָבער פון אָט דער שקיעה דאָס אויג ניט אָפּנעמען. דאָס ערשטע מאָל זעט ער פון אַזאַ הייך ווי דער טאָג גייט אויס. דער וואַלד איז ווי אַרומגעכאַפּט מיט אַ פלאַמפיַיער, און דאָרטן אויף דער לאָנקע, ברענט גאָר ליכטיק די ברייטע קרוין פון דעם נידעריק־געזעצטן בוים. און אויף די אַרומיקע נאָך נאַסע ביימער, באַשאָטענע מיט פינקלענדיקע טראָפּנס, טשיריקען פייגל, און ערגעץ דאָ ניט וויַיט, אונטער דער סטריכע, וואַרקען טויבן אַזוי, ווי ס׳וואָלט זיי געזאָטן און געקאָכט אין די העלדזלעך. און אַזוי ווי פון זיַין אַנטאָן שלאָגט אַ פּאַרע — נאָך פונעם שלאָקסרעגן ניט אויסגעטריקנט געוואָרן, אַזוי נעמט פון אים אויך שלאָגן אַ פרייד, אויך אים ווילט זיך פיַיפן, היפּערן איבער די צוויַיגן און זינגען:

אַמשל־אַנשל

גרינע וואַנשל...

וואָס אַזוינס, וויל ער פאַרשטיין, האָט ער דאָ אָפּגעטאָן, מיט די „מאָנדלעך־תורה", וואָס מ׳איז אויף אים אָנגעפאַלן מיט אַזאַ רישעות? ער וועט דאָ איבערליגן, זיך אויסבאַהאַלטן דאָ אויפן בוידעם אין היי, — ביַי נאַכט וועט ער אויפעפענען דאָס פענצטערל, — מ׳קאָן עס גרינג אויפעפענען, ס׳איז דאָך פאַרדרייט מיט אַ שטיקל דראָט, — אַרויסרוקן דעם קאָפּ אין דרויסן און קוקן אויפן אויסגעשטערנטן הימל. אין שטוב טריַיבט מען אים פונעם פענצטער, שויז איין מאָל אַריַינגעכאַפּט דערפאַר פונעם טאַטן. נעכטן איז איבער די גערטנער אַרומגעגאַנגען אַ פולע לבנה, אַזאַ פולע, אַז ווען זי טוט זיך אַ בייג אַ ביסעלע אויף אַ זיַיט, וואָלט זיך פון איר אַ גאָס געטאָן. וואָס? שיַין! די ערד וואָלט פאַרגאָסן געוואָרן מיט שיַין... איבער דער ערד פליסט אַ טיַיך פון שיַין און ער, אלישע, שווימט

אין איר ווײַט־ווײַט, און אַז ער וועט מיד ווערן שווימען, וועט ער קאָנען, ווו נאָר ער וועט וועלן, זיך אָפּשטעלן: דער טײַך פֿון שײַן וועט אים אומעטום גרייכן נאָר ביזקל די אַקסלען. הײַנטיקע נאַכט וועט דאָך מסתמא די לבנה אויך אַרויסקומען, וועט ער שוין קאָנען זיך אָנקוקן אויף איר, קיינער וועט אים ניט קאָנען שטערן און טרײַבן פֿונעם פֿענצטער. און פֿאַר טאָג וועט ער גוט זען ווי זי גייט אויף, די זון, איבער די וועלדער. ער וועט זיך דאָ אויסבאַהאַלטן אויפֿן בוידעם אין היי דרײַ, פֿיר, פֿינף טעג. ניין. אַ גאַנצן חודש און אפֿשר אַפֿילו אַ האַלב יאָר... זאָל מען אַרומלויפֿן, דערעיקערשט דער טאַטע, און אים רופֿן און בעטן:

— אַלישענקע, קום אַרויס, פֿאַרפֿאַלן, איך שענק דיר!

אַט דעמאָלטן, נאָכן טאַטנס רופֿן און בעטן, וועט ער, אַלישע, ווי פֿון הימל אַראָפּנידערן און, צום גרויסן חידוש, פֿאַר אַלעמען זיך באַווײַזן. אָבער דער הונגער נעמט אים שוין ביז גאָר מאַטערן — פֿון גאַנץ פֿרי אָן, פֿון נאָכן שטיקל ברויט מיט דער האַלבער געזאַלצענער אוגערקע, שוין מער גאָר אין מויל ניט געהאַט און די ליכטיק־באַגילדטע שפּאַרונע אינעם בוידעם־פֿענצטערל ווערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער. די הינער פֿליִען שוין מיט אַ קודאַכטערײַ איבערן לייטער צו די נאַסידעלקעס און אונטן, צווישן די פֿערד, וואָס קלאַפּן מיט די פּאַדקעוועס אָן די ברעטער, רעדט ברוך באַיאַר, דער פֿערד־ און פֿי־הענדלער, צו זײַנע משרתים:

— פֿויעט אָן די פֿערד, פֿאַרלייגט זיי היי אויף נאַכט און פֿאַרשליסט גוט די שטאַל. ס'איז הײַנט אַרײַן אין שטאָט אַ פּאָלק קאָזאַקן. זיי מאַרשעווען אויפֿן פֿראָנט. מ'קאָן פֿון די היצעלס אַלץ דערוואַרטן. אַ פּאַהיבל זאָל אויף זיי קומען.

פֿאַרן פֿאַרבלײַבן דאָ איינער אַליין אויפֿן בוידעם אין דער פֿאַרשלאָסענע־שטאַל האָט זיך אלישעלע ביז גאָר דערשראָקן. בײַ ברוכן באַיאַר האָט דאָך פֿאַר אַ יאָרן, טאַקע אין דער אָ צײַט, פֿאַר די ימים־נוראים, אין מיטן דער נאַכט געברענט די שטאַל. מ'האָט קוים פֿון איר אַרויסגעפֿירט די פֿערד. פֿאַר וואָס ווילן פֿערד ניט אַרויס פֿון פֿײַער, זיי וואַלטן, דאַכט זיך, אַליין געדאַרפֿט זיך אָפּרײַסן פֿון די שטריק און אַרויסשפּרינגען פֿונעם פֿלאַם? — די שׂרפֿה האָט זיך דעמאָלטן מיטן ווינט גענומען אַריבערוואַרפֿן אויך איבער די גערטענער צו זיי. טאַטע־מאַמע און אַלע קינדער האָבן געטראָגן פֿון שטוב, וואָס איז נאָר אונטער די הענט געקומען. דער טאַטע איז געוואָרן

מיט אַ מאָל עפּעס מאָדנע גוט, שטיל, אַפּילו געשמייכלט. דער פלאַם האָט אויך פאַרכאַפּט די הימלען. און אין אָט דעם פלאַקערליכט זײַנען מענטשן האַלב־אַנגעטאָנענע, מאַנצבלען און ווײַבער, אַלט און יונג, געשטאַנען אויף אַ שפּאַן איינער פונעם צווייטן — פון דעם טײַך ביז צו דעם באַיאַרס הויף — און איינער דעם אַנדערן האָט איבערגעגעבן פולע עמערס רויטע ווי אָנגעגליטע וואַסער אויף צו לעשן די שׂרפה. און דער משוגענער פּיטשע, וואָס איז דעמאָלטן אַנטלאָפן און איז אויף דרײַ טעג פאַרפאַלן געוואָרן פון שטעטל — דער אַלטער רב, ר׳ וועלוועלע, האָט אָבער אַרויסגעשיקט ייִדן, מ׳זאָל אים געפינען און אומקערן, ווײַל ער, פּיטשע, האָט דער רב געזאָגט, איז אַ גילגול פון גאָר־גאָר אַ גרויסער נשמה, וואָס איז אין איר פריִערדיקן לעבן מיט עפּעס, רחמנא לצלן, געשטרויכלט געוואָרן. — און מ׳האָט אים טאַקע אָפּגעזוכט, פּיטשען, אין וואַלד זיצן און וואַשן בײַם טײַכל אויף בײַ נאַכט דעם קיטל... בעת דער פאַראַיאָריקער שׂרפה איז דער משוגענער געשטאַנען אויף אַ פלויט ווי אין אַ פײַערדיקן קיטל אָנגעטאָן און געשריִען מיט דער צעפּאַטלטער באָרד צו די פאַרפלאַמטע הימלען:

— שטיי אויף, גאָט, שטיי אויף, דײַן פאָלק ישׂראל ברענט! גאָט, ווער־ווער, נאָר דו האָסט דאָך אויגן אין קאָפּ, און זיי גייען אַרום אין דער פינצטערניש... גאָט, גאָט, ס׳איז ניט די צײַט פון אויפקלײַבן שטיינער.

און טאַקע פאַר פּיטשעס שטיין אויפן פלויט אין דעם נאַסן פלאַמיק־רויטן קיטל, אַרומגענומען מיטביידע הענט דעם שוואַרץ־גלאַנציקן סטויפּ, דער עיקר פאַרן משוגענעמס געשריי, וואָס גייט אים פון דער צעוויכערטער באָרד אין די פײַערדיקע הימלען אַרײַן, האָט זיך אלישעלע דערשראָקן און צוריק אַהיים געלאָפן, — דער אָטעם איז אים פאַרשלאָגן געוואָרן מיט ריחות פון געברענטער וואָל, געבראָטענעם אַרבעס און מיט געבאַקענע עפּל.

אויפן רוקן פון זייער שטרויענעם דאַך האָט ער געטראָפן, אלישעלע, זיצן, ווי רײַטנדיק אויף אַ פערד, אַ בערדיקן פויער, וואָס ראַטעוועט די שטוב פון די סנאָפּעס פונקען וועלכע טראָגן זיך פונעם אַרום. די פײַער־דיקע פונקען פאַלן אָבער ניט אויפן טרוקן־שטרויענעם דאַך, נאָר אויף די נאַסע רעדנעס און לײַלעכער וואָס דער פויער האָט אויסגעשפּרייט איבערן דאַך און אַלע מאָל באַגיסט ער זיי מיט די צוויי עמערס וואַסער, וואָס דער טאַטע טראָגט פון אַרכיפּס קרענעצע און דערלאַנגט זיי אים אויף אַרויף. דער טאַטע, שוין גאָר אָן איבערגעביטענער, שוין טאַקע ממש ניט צו דער־

קענען, שוין גאָר אַ שטיל־גערוואָרענער, אַן אויפגעלויכטענער, כּמעט אַ לאַכנ־דיקער, די אויגן נאָך גרעסער געוואָרן, זאָגט צו דער מאַמע:

— ליבע־שׂרה, הער וואָס איך זאָג דיר, ס׳איז אַ מלאך אינעם געשטאַלט פון אַ גוי... דאָס האָט אים דער־וואָס־לעבט־אייביק צוגעשיקט אַהער ראַטע־ווען אונדזער שטוב פון פייַער.

און באמת, שוין גאָר ניט צו דערקלערן: ווי נאָר די שׂרפה איז געפאַלן, די סנאָפּעס פונקען האָבן שוין מער צום שטרויענעם דאַך ניט דערגרייכט, אַזוי איז תּיכּף דער פויער פאַרשוווּנדן געוואָרן. קיינער האָט גאָר אַפילו ניט באַמערקט ווי אַזוי, ווען און דורך וואַנען ער איז פון דאַך אַראָפּגעקראָכן. יענע שׂרפה שטייט אים נאָך אַ לעבעדיקע פאַר די אויגן, באַזונדערס זעט ער אויפן פלויט אים, פּיטשען, וואָס זייַן נאַסער ווייַסער קיטל איז ווי אַרומ־געכאַפּט געוואָרן מיט פייַערפלאַמען.

נייך, ער וועט ניט פאַרבלייַבן דאָ אין דער פאַרשלאָסענער שטאַל. ביי נאַכט, ווייסט ער, קומען די ניט־גוטע און רייַטן אויף די פערד, פאַרפלעכטן זיי די גריוועס אויף ניט פונאַנדערצופלאָנטערן; מ׳טרעפט זיי פאַר טאָג, די פערד, פאַריאָגטע, מיט אייַנגעפאַלענע זייַטן, אין מילינעס. און אויך דער הונגער מאַטערט אים וואָס ווייַטער, שטאַרקער. דאָס שטיקל מאַקוכע, וואָס ער האָט דאָ געפונען און גריזשעט, איז טאַקע זייער געשמאַק — ס׳שמעקט מיט יאַדערן און מיט בוימל, אָבער ס׳שטילט ניט. ער דאַרף לויפן אַהיים. דער טאַטע איז צו מינחה־מעריב אין בית־מדרש אַוועק, און דער כּעס איז אים שוין געוויס אַפּגעגאַנגען. דערצו איז דאָך דאָרטן די מאַמע. זי וועט דאָך ניט דערלאָזן אַז פאַר די „מאַנדלעך־תּורה" זאָל מען אים, אלישען, שמייַסן.

וואַרט ער צו ביז מ׳פירט אַוועק די פערד צום טייַך פּויען, קריכט פון בוידעם אַראָפּ און שפּרינגט פון שטאַל אַרויס. אין דרויסן איז שוין ניט טאָג, אָבער נאָך ניט נאַכט די באַרוועסע פיסלעך טרעטן אים אין גלייַך אין דער סליאָטע אַרייַן. די מאַמע איז טאַקע גערעכט: וועסנעצייַט ווערט פון אַ צעבער רעגן אַ לעפל בלאָטע, און אָסיענצייַט פאַרקערט — פון אַ לעפל רעגן אַ צעבער בלאָטע. די נאָך ניט־אויסגעטריקנטע מלבושימלעך אויף אים ווערן תּיכּף מיטן ווינט צוגעשטאַנען צו זייַן דאַר גופל. און דאָך לויפט ער ניט, גייט איבער די גערטענער— נאָכן רעגן איז די היטשקע פון די קאַרטאָפליעס נאָך שוואַרצער געוואָרן; צווישן די צוויי סאָנישניק־שטעקנס האַלט זיך נאָך דער שפּינוועבס; דאָס בלויע קווייטעלע אויפן דיבינקן שטענגעלע בליט נאָך.

פונעם בליִענדיקן קווייטעלע אויף דער מעזשע ווערט אים פריילעכער אויפן האַרצן. און דאָך לויפט ער ניט, גייט איבער די גערטענער פּאַמעלעך, קוקט זיך אַלע מאָל אַרום, הגם ער ווייסט אַז דער טאַטע איז איצט אין בית־מדרש און די מאַמע איז אין שטוב, וואָס קער זיך שוין געוויס ערגערן און אַרויס־קוקן אויף אים. און ער עפנט די שטובטיר און בלײַבט אַ פּאַרגליווערטער אויפן שוועל שטיין: דעם טאַטן טרעפט ער זיצן בײַם טיש און די מאַמע זעט מען אין ערגעץ ניט.

פונעם טונקעלן ווינקל טוען אַלע מאָל אַ גלאַנץ אויף אים די אויגן פון זײַנע צוויי עלטערע שוועסטער, פון מירלען און פון לאהן. און לויט דעם ווי זייערע אויגן גיבן אַ בליק און ווערן באַלד אויסגעלאָשן פאַרשטייט ער, אלישעלע, אַז זיי פינטלען צו אים און עצהנען אים אַנטלויפן. אָבער לויפן איז שוין צו שפּעט. זײַן גורל איז געחתמעט. וואָלט ער אַפילו געקאָנט פון שטוב אַרויסלויפן, וועלן אים די פיס סײַ ווי סײַ ניט טראָגן. פון דעם ייִדן, וואָס זיצט אָנגעבויגן איבערן טיש און אויף זײַן פאַרקנייטשטן שטערן פאַלט נאָך אַ פּאַסיקל שײַן, פון דעם טאַטן זײַנעם, פון דעם ווילדן פרומאַק, וואָס איז באַדײַ אין בית־מדרש צו מינחה־מעריב ניט געגאַנגען, וועט ער, אלישעלע, שוין מער ניט קאָנען אַנטרונען ווערן.

נאָר דער אַלטגעבאַקענער קבצן מיט די גרויסע אויגן, וואָס קוקן אַרויס אויף משיחן, ווי גראָד אים, ר׳ מאירן בן אַריה בן פּנחס הכהן, האָבן די אַלע פריִערדיקע דורות אָוועקגעשטעלט און אָנגעזאָגט צו שטיין דאָ און וואַרטן און חלילה ניט דורכלאָזן די גרויסע שעה פונעם גואלס קומען; לויפט ער אַרום איבער אַלע יאַרידן, ר׳ מאיר, דרייט זיך צווישן די וועגענער און וויל כאַטשבי באַגעגענען אליהו הנביא, וואָס זאָל דערווײַל אָנזאָגן די גוטע בשורה... און ער קערט זיך אָבער אום, ר׳ מאיר, אַזוי טאָג נאָך טאָג, יאָר נאָך יאָר, אַלע פאַר נאַכט פון די מאַרקן אַהיים מיטן ליידיקן קוליאָקל, מיטן לאַנגן גריבנעם בעזמען אין דער האַנט, ווי געהאַלטן אין איין וועגן און איבערוועגן די שווערע ייִדישע צרות, זיצט נאָך אַלץ אינעם נאַסן אַנטאָך בײַם טיש און קאָן ניט פאַרשטיין ווי אַזוי האָט עס אלישע זיך דערוועגט צו אַנטלויפן פון חדר, ווי אַזוי האָט ער אים, דעם טאַטן, געלאָזט אינעם שלאַקסרעגן לויפן און אויף זײַן געשריי: „שטיי!״ זיך ניט אָפּגעשטעלט, דערצו נאָך איז ער מיט אַ מאָל גאָר אין גאַנצן נעלם געוואָרן. ענדלעך הייבט ער זיך אויף פון זײַן אָרט, ווי איינער וואָס דאַרף אויספּילן אַ גרויסן

חוב, אַ געבאָט פון דער תּורה, גייט שווער צום ווינקל און נעמט אַרויס־שלעפּן פונעם בעזעם ריטער. און דאָ דערהערט ער אויך דעם טאַטנס קול:

— פאַר עובר זייַן אויף כּיבוד־אָב וואָלט איך דיר נאָך מוחל געווען, אָבער פאַר מבייש זייַן די מלמדים דייַנע, פאַר אָנרופן יידן מיט בערד, תּלמידי־חכמים, מיטן צונעמעניש „גרינע וואַנשל״, פאַר אַזאַ באַנאַמענען זיי און פאַר פאַרגלייַכן אונדזער הייליקע תּורה, להבדיל אלף הבדלות, כ׳קאָן עס גאָר פאַר מייַן מויל ניט ברענגען, מיט מאַנדלעך, פאַר דעם דאַרפסטו געשמיסן ווערן. פאַר זינד דאַרף מען אָפּקומען. ווער ס׳באַגייט אַ זינד און אַנטלויפט דערנאָך, דער באַגייט נאָך אַ גרעסערע זינד — און דאָ בלייַבט ר׳ מאיר שטיין ווי געליימט. זייַן קינד, זייַן בלוט און פליש, האָלט אויף אים אויפגעהויבן דעם האַקמעסער. — האַ, וואָס?

— גיי ניט צו צו מיר, — שרייַט אלישעלע ניט מיט זייַן קול. — כ׳על דיר וואַרפן אין קאָפּ אַרייַן...

— אַזוי גאָר, שוין אַ סורר־ומורה?!

און וואָלט, חלילה, די מאַמע זייַנע ניט אָנגעגאַנגען, וואָלט זי זיך פאַרהאַלטן אין וועג אַ ביסעלע לענגער און געזוכט דאָרטן, אין דער בלאָטע, דאָס פאַרלוירענע פּינפּערל, וואָלט זי געוויס אַרויסגענומען אלישעלען פון זייַן טאַטנס הענט שוין אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן.

— מאיר! מאיר! מאיר! — כאַפּט זי אים אָן פאַר בײדע הענט. — מאיר, מיט קלעפּ וועסטו ווייַט ניט פאַרפאָרן. דער ווייטיק אין לייַב פאַר־גייט, דער ווייטיק אין דער נשמה פאַרבלייַבט אויף יאָרן. מאיר, פון אַזאַ שלאָגן וועט ער דאָך וואַקסן מיט אַ סיניאַק אויף דער נשמה — און ניט לאָזנדיק אים אויסרעדן אַ וואָרט: — כ׳האָב פאַרלוירן דאָס פּינפּערל!

— האַ? — בלייַבט ער פון אירע לעצטע ווערטער שטיין מיט פאַר־מאַכטע אויגן ווי זי וואָלט אים דערלאַנגט איבערן קאָפּ און מיט איין קלאַפּ פריטשמעליעט: — האַ?

און משונה, ווי פאַר אַ יאָרן, ווי בעת יענער בייַנאַכטיקער שׂרפה, אַזוי אויך איצט, נאָך אירע רייד, אַז זי האָט פאַרלוירן דאָס פּינפּערל, ווערט ער, ר׳ מאיר, ווי דעמאָלטן אויך ניט צו דערקענען: שוין גאָר שטיל, שוין גאָר רויִק, שוין ווי אויסגעטאָן פון ד ע ר וועלט, שוין אַפילו ווי נאָך ווידוי אָפּזאָגן. דער עיקר באַקומט ער אָן אויסזען פון איינעם, וואָס ווערט פון אַ גרויסן יאָך אויסגעלייזט, גייט פון פינצטערניש אַרויס און ווערט

אויפגעלויכטן! ער דערזעט זיך, ר׳ מאיר, ווי אַ קרבן אויפן מזבח פון אַברהם אָבינו, אויף דער עקדה!.. ער דערפילט זיך אין אַזאַ באַהאַלטן־פאַרבאָרגענער פרייד, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף קידוש־השם און מיט זײַנע יסורים און שווערע לײַדן וועט ער, מאיר בן־אַריה בן־פּנחס הכהן, אויסקויפן פאַרן פאָלק ישׂראל די זינד און דערנענטערן דעם קץ. ער האָט ליב געהאַט, ר׳ מאיר, יסורים. און אפשר דערפֿאַר טאַקע האָט ער פאַרשאַפט אויך זײַנע קינדער יסורים. ער האָלט דאָך, אַז אַ דער כהן, אַז אין גרויסע יסורים ליגט דער גרויסער תּיקון, די גרויסע גאולה. אָן די גרויסע יסורים, זאָגט ער, וועט די פרייד פון משיחס קומען גאָר קיין ווערט ניט האָבן.

ליבע־שׂרה זעט, ווי איר מאַן האָט זיך שוין אָװעקגעשטעלט דאַוונען מעריב מיט די אָנגעשפּאַרטע הענט אָן דער וואַנט; ווייסט זי, אַז אַזוי וועט ער אָפּשטיין ביז האַלבער נאַכט אַ פאַרגליווערטער, אין אַ פאַרשלאָסענער שטומקייט, זיך קיין שאָקל ניט געבן, אַפילו זיך פון אָרט ניט אַ ריר טאָן, און ערשט נאָך האַלבער נאַכט וועט ער זיך אַוועקזעצן אונטערן אויוון פראַוועןחצות, פאַרגיסן ריטשקעס טרערן. נאָך דעם וועט ער אויף אַ פּאָר וואָכן אַרײַן אין אַ שטילקייט, און דערנאָך פאָרן צום רבין, פאַרברענגען מיט חסידים, הערן דעם צדיקס תּורה בײַם טיש, דער עיקר אָבער וועט ער טאַנצן דאָרטן מיט ברען, מיט התלהבות ביז צו פאַלן פון די פיס.

זוכט זי אָפּ דאָס לאַמטערנדל, וואָס אלישע גייט מיט דעם אין די ווינטער־אויפדערנאַכטן פון חדר, שטעלט אַרײַן און צינדט אָן דאָס שטיקל הבדלה־ליכט, נעמט די צוויי טעכטער: די צוועלף־יאָריקע רויטהאָריקע מירלען מיט דער שאַרפער ראיה, וואָס זעט בײַ נאַכט ווי אַ סאָווע־פויגל און אויך די קלענערע, די צען־יאָריקע שוואַרצע לאהן, הגם זי האָט עפּעס קאַליע אויגן ווי איר אורמוטער, לבנס טאָכטער... און אויך דעם מיזיניק נעמט זי מיט זיך און גייט מיט זיי זוכן אויף יענעם וועג מיט וועלכן זי איז פון דער ווײַטער קרובה, פון מאַריאַשען געגאַנגען. פרעגט זי בײַ דער טיר שוין, די עלטערע, מירל:

— מאַמע, דאָס פינפערל איז אַ פּאַפּירנס?

— ניין, מײַן קינד, אַ מטבע, אַ גאָלדענע.

— ווי אַזוי זשע האָסטו עס געקאָנט פאַרלירן?

— איך האָב עס גוט איינגעוויקלט אין טיכעלע. נאָר ערגעץ אויפן וועג האָב איך אַפּנים דאָס טיכעלע אַרויסגעשלעפּט, געוואָלט אויסווישן די אויגן. — אלישע, אין איווז שטייט דיין וואַרמעס.

ניין, ער איז שוין ניט הונגעריק. ס׳איז אים נאָר מיט עפּעס שטאַרק פאַרלייגט געוואָרן דער האַלדז — שווער צו שלינגען. גוט וואָס די מאַמע האָט אים ניט געגרופן, גיין קאָן ער ניט, אויך די פיס זיינען אים ווי אָפּגענומען געוואָרן. און אלישע פאַרבלייבט מיטן טאַטן שוין גאָר איינער אַליין אין שטוב. ביידע ביטערע שונאים שטייען מיט די פּנימער צו דער וואַנט און פון ביידן הערט מען ניט קיין קלאַנג — ביידע אָטעמען שווער און ביידע שונאים האָבן איינער אויפן אַנדערן גרויס רחמנות. אלישע פאַרגעסט אַפילו אָן דער טיפער באַליידיקונג וואָס וועט זיך שפּעטער אַריינקאַרבן אין זיין נשמה, ווי אַ רינג אויף אַ וואַקסנדיקן בוים. אָבער באַלד ווערט ער אַרומגעכאַפּט מיט בהלה, ווי פון אַ פּלוצעם אָנקומענדיקער שלעכטער בשורה און פאַרגעסט אין דער וואַרגעניש אין האַלדז, אין דער ברעכעניש אין די פיס, אין דעם טאַטן, אין דעם גאַנצן שווער־איבער־געלעבטן טאָג מיטן לידל וועגן אַמשל־אַנשל, וועגן זיין אַנטלויפן פונעם חדר און פונעם פאַרלויפן אונטערן מבול־רעגן אויפן בוידעם היי, פון זיין אומקערן זיך אַהיים און טרעפן דעם טאַטן אין שטוב זיצן, פון זיין כאַפּן דעם האַקמעסער; אין דער זיך־אָנפילנדיקער שטוב מיט נאַכט, — אין די שוואַרץ־געוואָרענע פענצטער קלאַפּן די האַרבסטיקע נע־ונד בלעטער.

— דערהערט ער מיט אַ מאָל דער מאַמעס רייד:

— געוואָלט אויסווישן די אויגן...

הייבט ער שוין אָן צו פאַרשטיין אויך אַלע אירע רייד וועגן דעם פינפערל. זי איז דאָך היינט געגאַנגען, זיין מאַמע, צו דער גבירטע, צו איר וויי־טער קרובה, אויסלייען אויף רייזע־הוצאות. זיין מאַמע איז דאָך אַזוי מסוכן שלאַף! דער דאָקטער, דער בעל־תשובה, ר׳ משה־אַהרן, איז נעכטן ווידער אַ מאָל געקומען אין שטוב אַריין און איר געזאָגט: „אויב דו וועסט ניט פאָרן תיכף קיין קיִעוו אויף אַן אָפּעראַציע, קאָן ווערן צו שפּעט. דער ווילדפלייש פון דיין בויך דאַרף שוין אַרויסגענומען ווערן. אויב וועסט זיך היי־ען, קאָנען דיינע קינדער בלייבן יתומים. דו הערסט?“

— האָט די מאַמע דאָס פינפערל אויף הוצאות אויסגעבעטן ביי יענער נאַהאַדזערין און עס אויפן וועג אַהיים פאַרלוירן?

און ווי גאַנץ פרי, פון חדר, דערפילנדיק דאָרטן ווי ס׳רוקט זיך אויף אים אָן די פֿײַערדיקע כמאַרע, אַזוי אויך איצטערט, ניט אַרומקוקנדיק זיך אויפן טאַטן, וואָס האָט זיך פלוצעם פון דער וואַנט אָפגעריסן און זיך צו אים מיטן פנים אויסגעדרייט, לויפט ער, אלישעלע, פון שטוב אַרויס: ער ווער דאָס פאַרלוירענע פינפערל געפינען! פונעם ווילדפלייש מוז זײַן מאַמע פטור ווערן! — די געסלעך אַרום ליגן אין אַ פאַרטײַעטער פינצטער־ניש, אויסגעליידיקטע; הינטער די פאַרהאַנגענע פענצטער דרייען זיך אין טונקעלע שײַנען שאָטנס פון וועלכע סווייעט מיט פחד, וואָס די קאָזאַקן האָבן בײַ טאָג אַרײַנגעבראַכט אין שטעטל. זיי האָבן פאַרנומען און זיך צעלייגט אין אַלע בתי־מדרשים. ניט געלאָזט אַפילו אַרויסטראָגן פון דאָרטן די ספר־תורות.

אין אָט דער נאַכט, אין דער האַרבסטיק־קאַלטער, איז אַ מאַמע מיט פיר קינדער אַרומגעקראָכן אויף די קני איבער די בלאָטעס און וואַסערן און מיט די הענט איבערגעקנאָטן דעם וועג — ביז צו דער גבירנטעס שטוב. און אַז ס׳האָבן שוין געקרייט די צווייטע הענער, די ווײַטע פֿײַערן וואָס די קאָזאַקן האָבן אין דרויסן געצונדן אויף צו קאָכן און בראָטן, זײַנען שוין אויך אויסגעלאָשן געוואָרן, האָט די מאַמע גענומען אירע קינדער:

— קומט, ניטאָ וואָס ווײַטער צו זוכן. אַזוי וויל, אַפנים, דער אייבער־שטער, אַזאַ איז שוין אַפנים זײַן ווילן. קום, אלישע, שטיי אויף, גענוג דיר, קום שוין, קום!

און דאָ הייבט ער זיך אויף, אלישע, מיט אַן אויסגעשטרעקט פאַר־קוועטשט הענטל און קוים וואָס די מאַמע דערהערט זײַן דערשטיקט־כריפּעדיק קול: — געפונען!

— יאָ, — רעדט אויך די מאַמע קוים אַרויס. — יאָ, יאָ, געפונען! מײַן לעבן געפונען!

און צו פאַר־טאָג־צו איז דער טאַטע געלאָפן ברענגען דעם דאָקטער ר׳ משה־אַהרנען, ווײַל אלישע, אומקערנדיק זיך אַהיים נאָכן געפינען דאָס פינפערל, איז שוין אין היץ געווען. געקלאָגט זיך אויפן קאָפּווייטיק, אויף די פיס ניט געקאָנט שטיין, ניט געוואָלט גאָרניט אין מויל אַרײַן נעמען — ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען. און שפּעטער, שוין נאָכן צולייגן אים דעם קאָמפּרעס פון אַלערליי געפּאַרעטע קרײַטעכצער, שוין נאָכן באַלייגן אים אויף זײַן געלעגער, אויף די פיר טאַבורעטקעס בײַ דער הרובע, האָט די

מאַמע דערהערט ווי אלישע כראָפּעט מאָדנע, וואַרגט זיך און הייבט גאָר אָן צו פאַרשטומט ווערן. דער דאָקטער, אין דער לאַנגער קאַפּאָטע מיטן גאַרטל אַרומגעבונדן, משה־אַהרן, ווי נאָר ער האָט אין אלישעס העלדזל אַריינגעקוקט, אַזוי האָט ער גלייך גענומען עפּענען זיין סאַקוואַיאַזשל:

— מירן עס באַלד אויפשניידן!... לויט דיינע רייד מאיר, האָב איך שוין געוווּסט, אַז ביי דיין יינגל איז דיפטעריע. איר האָט נישט קיין גרעסערן לאָמפּ? ניין, איז ניין! טאָ צינדט אָן נאָך אַ ליכט. אָט אַזוי, דו מאיר, וועסט אים גוט צוהאַלטן דאָס קעפּל. די הענט טאָרן דיר ניט ציטערן. און דו, מאַמע, הייב אויף העכער די ליכט. דיין נסיעה קיין קיִעוו זאָלסטו ניט אָפּלייגן. נאָך העכער, די שיין זאָל אים פאַלן אין העלדזל אַריין. אָט אַזוי איז גוט! מירן עס באַלד אויפשניידן און השם־יתברך וועט זיך מרחם זיין אויפן קינד. אין אַ פּאָר שעה אַרום וועל איך קומען.

נאָך זיינע רייד און נאָך זיין אַוועקגיין, האָט די מאַמע אויפגעהויבן די ליכט, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט, צו דער סטעליע, און געזאָגט:

— רבונו־של־עולם, איך בין אַ מאַמע פון אַכט קינדער. צעברעך מיר ניט די שטול אויף וועלכן ס'האַלט זיך מיין שווער לעבן — און זי האָט אַריבערגעטראָגן אלישעלען צו זיך אין בעט אַריין און דריי מעת־לעת פון אים ניט אָפּגעטראָטן. אויפן פערטן, אַז ר' משה־אַהרן האָט איר פאַר־זיכערט: „קאָנסט פאָרן, דאָס קינד איז פון דער סכנה אַרויס" — האָט זי זיך גענומען קלייבן אין וועג אַריין. ביים געזעגענען זיך האָט זי אונטער־געלייגט אלישעלען צוקאָפּנס אַ פּאָר נייע וואָלענע זאָקן, אים צוגעטוליעט צו זיך און געזאָגט:

— כ'וואָלט וועלן דערלעבן זען, וואָס ס'וועט זיין פון דיר...

## ט

און בײַם אַלטן שרײַבער, אלישע בן־מאיר, וואָס האָט ניט געירשנט די גבורה פון זײַנע זיידעס, ניט פון דעם נאַהאַדזער, וואָס אַחוץ צוויי ווינטמילן, געהאַנדלט אויך מיט וואַלד, מיט פיך, געטריבן פליטן און דערצו נאָך, אין די פרימאַרגנס, געאַקערט אינעם טלית די ערד וואָס איז געוועזן ניט אויף זײַן, נאָר אויפן גויס, אויף טערען גרימײַלאָס באַמען פאַרשריבן; אונטער דער פאַליענדיקער זון, צוזאַמען מיט די פיר זין, אין די טלית־קטנס, געקאָסעט די לעבעדיקע זאַנגען און דערנאָך שוין, געבונדענע אין סנאָפּעס, געפירט אין טויק אַרײַן און דאָרטן זיי מיט ציפּעס געדראָשן, אויף די ווייעלקעס געוויעט, אויף די געכּשרטע מיל־שטיינער געמאָלן און אַ ברכה געמאַכט נאָר אויפן ריפטל ברויט, און אויך זײַנע אורחים, די וואַנדער־קבצנים, געגעבן עסן פונעם ווייצנס און קאָרנס, וואָס זײַנע אייגענע הענט האָבן פון גאָטס ערד אַראָפּגענומען; און אויך האָט ער ניט געירשנט, אלישע בן־מאיר, די קראַפט פונעם צווייטן זיידן, פונעם גלעזער, וואָס איז נאָך די נײַנציק אויסגעהאָרעוועטע יאָרן, אַוועק קיין ארץ־ישראל, צו דער מערת־המכפלה. יענע, די זיידעס זײַנע, זײַנען געוועזן פונעם יין־המשומר, פונעם יין־שרף, ספּירטאָווע יידן, באמת זעקס־און־נײַנציקער, — יענע האָבן געלעבט ביז, און אַריבער די הונדערט! און בײַ אים, בײַ זייער אייניקל, נאָך צו די זיבעציקער ניט דערגאַנגען, פאַלט נאָך יעדער קאַפּיטל די פען פון האַנט אַרויס; ס'פעלן אים שוין אויס כּוחות צו גיין ווײַטער און אַרײַן מיט אלישעלען אַהין־צו טיפער אין יענע ווײַטע, אָבער נאָך אַלץ מיט בלוט און ווי טריפנדיקע יאָרן, — זײַן האַרץ שלאָגט זיך דאָרטן אָן אין יעדער שורה, ווי אין אַ פאַרטריקנט־שטעכיקן געוויקס.

הייבט ער זיך אויף, שאַרט אָפּ די פאַפּירן, לאָזט איבער דעם קראַנקן אלישעלען ליגן דאָרטן אין יענער כאַטע אונטערן שוואַרץ־שטרויענעם גראָבן דאַך בײַ די געל־האַרבסטיקע גערטנער, נעמט אַראָפּ פון זיך דעם ברייטן

וואַרעמען שאַרף, הגם די כאַמסין־ווינטן פאַרווייען נאָך אַלץ זייַן טיש מיט פּריסעק־הייסן מידבר־זאַמד, און וויל זיך לאָזן אינעם ירושלימער פאַרנאַכט צו די בערג פון יהודה זוכן דאָרטן ביי זיי רו און כוח, האָט ער אָבער מורא אַז אויך הייַנט וועט אים אָפּשטעלן אויפן זעלביקן אָרט, ביים אויסבייג פונעם וועג וואָס לענג־אויס דעם טיפן טאָל, יענער עולה, דער אַראָפּגעקומענער פון די קאַרפּאַטן־בערג, מיטן לעדערנעם געשטרייַפטן טאָש איבער די אַקסלען, און אויך הייַנט, ווי נעכטן און ווי אייערנעכטן און ווי מיט דרייַ וואָכן צוריק, וועט זיך ביי יענעם אָפּשפּיגלען אין די אויגן די שקיעה, וואָס וואַרפט אָן אויפן אַלטן שרייַבער אַזאַ פּחד. ער וועט ווידער, אָט דער הויכער, יונגער און שטאַרקער מאַן, אָט אָ דער עולה מיט דער שקיעה אין די אויגן, נעמען זיך בעטן מיט דעם זינגעוודיקן און מיט דעם עפּעס שטאַרק פאַרשולדיקטן קול:

— גייט ניט פאַרבייַ, פאַרהאַלט זיך אַ ביסעלע מיט מיר, לאָזט מיך הערן אייַער קול. און איך וויל, אַז אויך איר זאָלט הערן מייַן קול!

און כדי ניט טרעפן זיך מיט יענע שקיעה־אויגן פון די קאַרפּאַטן־בערג, וואָס דערמאָנען אים אָן די אויגן אין יענעם פאַרטאָג — און דער פלאַם פון שקיעה איז ווי דער פלאַם פון זריחה — ווען פאַרנדיק פון רוס־לאַנד קיין ישראל, און די באַן האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דרייַ געציילטע מינוטן אויפן וועג, ווו ניט ווייַט פון דאָרטן ווינט זייַן טאָכטער; אין יענעם פאַרטאָג איז זייַן אייניקל געלאָפן פון איין וואַגאָן צום צווייטן און געשריִען:

— זיידע, ווו ביסטו, לאָז הערן דייַן קול, זיידע!

און דער זיידע, דער אַלטער יידישער שרייַבער, וואָס אין אים האָבן געקרישט די פאַלעסיער וועלדער און די ערד, ווו דור־דורות יידן האָבן געלעבט, האָט געקלאַפּט אין זייַנע אָדערן, ער האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס געפּאַלענע און געשטראָפטע לאַנד, ווו די ערד איז פול געוואָרן מיט אַכזריותן, ווו די טייַכן פליסן אין שנאה און אין רציחה. ער האָט געהערט ווי זייַן אייניקל רופט:

— זיידע, ווו ביסטו, לאָז מיך הערן דייַן קול, זיידע! און דו, ווו ביסטו, באַבו־ש־קאַ!

אָבער ביידע, דער זיידע און די באָבע, וואָס האָבן אויף זייערע הענט אויסגעוויגט אין די נעכט דאָס אייניקל, האָבן אין יענעם פאַרטאָג ביים

אָנהייב זריחה נאָר געזען די ברייט־אויפגעריסענע פלאַמיקע אויגן און ניט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט, ניט געקאָנט זיך אָפּרופן.

וועט ער שוין אויך ניט גיין היינט, דער אַלטער שרייבער, אַהין, אין דעם גוט־שאָטנדיקן סעדל, וואָס ביי דער קליינער „הדסה", הערן דאָרט די באַגייסטערט־אַנקוועלנדיקע קינדערשע געלעכטערס בעתן אַרויספאַלן פונעם „דראַקאָנס" צעעפנטן פּיסק און ביים גליטשן זיך פונעם בערגל צו דער ערד אַראָפּ. אַזאַ געלעכטער, אַזאַ איבערגעפולטער מילגרוים מיט לויטערער פרייד, ווערט דאָך געגעבן דעם מענטשן נאָר אין דעם בראשית פון זיין לעבן, נאָר ביי די ערשטע טריט אויף דער ערד, וואָס באַגלייט אים דערנאָך אין דעם שווערן גאַנג איבערן סומאַטאָכע־מוראַשניקן מידבר.

און דער אַלטער שרייבער נעמט זיך צוהערן צו זיין אייגענעם בראשית־דיקן געלעכטער, וואָס איז פאַר אים אַ גרויסער סוד און נאָך אַ גרעסערער וווּנדער: יענער, דער ווייטער, דער קלייניטשקער אלישעלע, האָט דאָך אַזוי ריין, אַזוי זאַפטיק און אַזוי קלינגעוודיק געלאַכט! פון וועלכע קוואַלן האָט אינעם קינד און דערנאָך אין אים, אין דעם שרייבער, תמיד, אַפילו שוין אויפן ראַנד פון אומקום, אַפילו שוין דאָרטן, אין דער סטאַלינישער טורמע פון דער עמגעבע, ווו מ'האָט אים געגומען צונויפּפּאָרן מיט „די מערדער אין די ווייסע כאַלאַטן", פון וואַנען האָט אַפילו דאָרטן און דעמאָלטן גע־שלאָגן אין אים די פרייד פון לעבן? וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ פרייד? איז דאָס געווען אַ געלעכטער פון טרויער און פון יאוש?

און ס'טוט אים דאָ, דעם אַלטן אלישע בן־מאיר, אַ ברי אַ שרעקלעכער געדאַנק: און אפשר איז גאָר דער יידישער געלעכטער, אַפילו שלום־עליכמס, ניט מער ווי אַ געלעכטער פון שעקספּירס האַמלעט, וואָס ברעכט אַרויס פון אים, ווען ער דערוויסט זיך, אַז דער מערדער פון זיין טאַטן איז זי, די מאַמע...

נייך, ער וועט שוין היינט ניט זיצן דאָרטן אין יענעם גוט־שאָטנדיקן סעדל, ניט הערן די באַגייסטערט־קוועלנדיקע קינדער־געלעכטערס, און אויך ניט וואַרטן דאָרטן ביז צווישן די גרוי־טשיריקנדיקע שפּערלעך וועט ביים סאַמע זונפאַרגיין אַראָפּלאָזן זיך מיטן פשוטן און חידושימדיקן געזאַנג פון דער ליכטיק־גרינער סאָסנעקרוין דאָס פאַרביק־בונטע פייגעלע אויף דער ערד, וואָס הייבט שוין אָן צו פאַראָוונט ווערן.

ער וועט שוין היינט בלייבן אַזוי שטיין, דער זון פון די לוויים און

כּהנים, דער אַלטער שרײַבער, דער לעצטער בעל־תּפילה פון די אוקראַיִנער־פּאַלעסיער ווּנדערײִדן, וואָס זײַנען מיט דער האַק און מיטן פײַער אומגעבראַכט געוואָרן, און זייערע לעבן־געבליבענע קינדער און אייניקלעך ראַנגלען זיך דאָרטן פאַר זייער ווײַטערדיקן נאַציאָנאַלן קיום... ער וועט שוין הײַנט בלײַבן אַזוי בײַ דעם קלימפּערדיקן פענצטער, ווידער אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען דעם ברייטן וואַרעמען שאַרף, שטיין אַזוי מיטן לענגלעכן פּנים, וואָס מיט די שאַרפע קינבאַקן, מיטן אײנעם פאַרשמאָלטן ליכטיקן אויג צו די פאַרנאַכטיקע שוואַרץ־פאַרכמאַרעטע הימלען, וואָס זאָגן אָן אויף אַ געוויטער, — אין מײַ־חודש וועט דאַכט זיך אויף ישׂראל אַראָפּ אַ שלאַקסרעגן.

און די נאַכט פאַלט טאַקע מיט אַ מאָל צו מיט נאָך שאַרפערע ריחות פון די ברענענדיקע ווילדגראָזן אויף די שיפּועים, און שוין אויך מיט די גרויסע ערשטע שווער־לענגלעכע גרינלעכע טראָפּנס, וואָס די ווינטן פאַרטראָגן אים אין אויג אַרײַן, מיט די זיך וויגנדיקע און שווינדלדיקע לאָמטערן־פײַערן איבער די מעברה־שטיבלעך, וואָס קריכן פונעם טאָל און קלעטערן אַרויף צום באַרג. קיין בליצן זעט ער ניט, אָבער פון דאָרטן, פון די תּהומיש־ווירבלדיקע הייכן קויקלען זיך פאַרטויבטע דונערן צו דער ערד. אין קאָפּ פלאָנטערט זיך אים טיוטשעווס אַ שורה: „ליובליו גראָזו ווּנאַטשאַלע מײַאַ“ — כ׳האָב ליב דעם געוויטער אין אָנהייב מײַ... פאַרן אויג פלאָנטערן זיך אים אויף די שויבן טאָפּלטע שאָטנס פון די זיך־ווילדוואַרפנדיקע ביימער, וואָס וויען אין אַ פּוסט־אויסגעטרייסלטער וועלט; די ריחות פון די נאָך־טליִענדיקע ווילדגראָזן לעשן זיך און ווערן ערגעץ־ווּהין פאַרטראָגן; דער שלאַקסרעגן צעהוליעט זיך וואָס ווײַטער, שטאַרקער און גיסט זיך מיט אַ מאָל צונויף מיט יענעם האַרבסטיק־שווערן רעגן אויף די גערטנער, ווו דער נאַסער סאָנישניק־שטעקן קלאַפּט אין דעם פאַרגעלטן טאַפּליעלע, ווו אלישעלע, נאָך דער מאַמעס אַוועקפאָרן, ליגט אין בעט און ראַנגלט זיך נאָך אַ מאָל מיט זײַן טויט; רעדט פון גרויס היץ מאָדנע רייד און שרײַט מ׳זאָל נעמען אַ דרײַ־יאָריקע קו און אַ דרײַ־יאָריקע ציג און אַ דרײַ־יאָריקן ווידער און אַ טערקלטויב און אַ יונגע טויב און מ׳זאָל זיי צעשנײַדן אויף צווייען און אַוועקלייגן איין העלפט אַנטקעגן דער אַנדערער... די פייגלען, בעט ער, אלישעלע, זאָל מען ניט שנײַדן! — און אים, בעט ער ווײַטער, זאָל מען אויך אַוועקלייגן בײַם

זון־אונטערגיין דאָרטן, צווישן די שטיקער און וואַרטן ביז אין דער פינצטערניש וועט דורכגיין אַ פלאַמפּיַיער און גאָט וועט זיך באַוויַיזן אויך צו אים, צו אַלישעלען.

האָט דער טאַטע זיַינער, ר׳ מאיר, וואָס איז צעטומלט פון די אַלץ־שטאַרקערע גזירות וואָס מערן זיך די לעצטע ציַיט, — הונדערטער טויזנ־טער יידן טריַיבט מען פון גאַליציע און בוקאָווינע, די פּליטים קומען שוין אויך אַהער; אפשר זאָגן זיי אָן, די גזירות, אַז די גאולה איז שוין ניט וויַיט? ר׳ מאיר, וואָס איז נאָך דער וויַיבס אַוועקפאָרן אויף דער אָפּעראַציע אַרומגעגאַנגען מיט אויסגעלאָשענע אויגן, דערהערנדיק פון זיַין זון אַזעלכע רייד, האָט שוין גאָר זיך פאַרלוירן און פון שרעק גענומען זאָגן מיט גע־וויין תהילים און אויך געטראַכט דערביַי צו ענדערן דעם קינדס נאָמען: מיטן נאָמען אלישע האָט זיך אויך אַריַינגעכאַפּט אינעם קינד דער „קאַלטער חסיד״, אויך יענער פלעג דערציילן, אַז ער גייט אַרום אין די נעכט איבער די הימלען, ווי דער בעל־שם־טוב...

דערנאָך האָט ער זיך שוין געקריגט, אַלישעלע, מיטן משוגענעם, מיט פּיטשען, הלמאַי יענער טריקנט ביַי נאַכט דעם וויַיסן קיטל אויף דער ווערבע, צענעמט און גלעט אויס איטלעך קנייטשעלע און פעלדעלע, צע־ציט די קורצע, ברייטע אַרבל אויף די צוויַיגן, און פאַר טאָג קומט ער, פּיטשע, אויסשפּרייטן דעם קיטל אויפן טיַיך און טוט אים נאָך דעם אָנעט אַ פּיטש נאַסן. און ער האָט דערביַי אַזוי געלאַכט, אַלישעלע, אַז אַפילו דער טאַטע זיַינער, וואָס פאַרגינט זיך ניט אַ שמייכל טאָן, האָט מורא מיטן שמייכל פאַרהאַלטן דעם קץ, אַפילו ער, זיצנדיק אַ פאַרטרויערטער ביַים קינדס צוקאָפּנס, טוט פונעם גאַנצן האַרצן אַ שמוך אין דער באָרד אַריַין.

און שפּעטער, שוין גאַנצע דריַי מעת־לעת נאָך אַנאַנד, וועט ער ווי־דער ביטער שריַיען, אַלישעלע, מ׳זאָל גיין אויף די מאַהילקעס אַראָפּנעמען פון נאַסטיען דעם שווערן ניט־דערטעסטען צלם מיט די שאָטנס פון דעם טשערעמוכע־בוים. און מ׳זאָל אויך ניט פאַרגעסן ביַיטן אויף איר קאָפּ דאָס קרענצל קוויטן, וואָס איז שוין פאַרוויאַנעט געוואָרן. און אים, אַרכיפּן, זאָל מען מיט אויפגעהויבענע הענט אַרויפזעצן אויף אַ שוואַרצן פערד און מ׳זאָל אים אַזוי, אַרכיפּן, אַרומפירן איבער דער גאַנצער שטאָט און אַלע זאָלן זען די הענט וואָס האָבן דערוואָרגן נאַסטיען.

— די הענט, די הענט, — שרייט ער, — די הענט זאָל מען זען, די הענט!

און באַלד נעמט ער שאַרן, אלישעלע, מיט זיינע הענטלעך אַרום זיך ווי ער וואָלט נאָך אַלץ אַרומגעקראָכן אויף די קני איבער די געסלעך אין די בלאָטעס און געזוכט דאָס פאַרלוירענע פינפערל. און דאָ, אין איינעם אַ פאַרטאָג, כאַפּט ער זיך פלוצעם אויף פון דער היץ־פאַרטראַגנקייט און געפינט זיך ליגן לעם דער מאַמע, וואָס גלעט אים:

— גאָט איז מיט דיר, מיין קינד. דער־וואָס־לעבט־אייביק וועט זיין מיט דיר. כאַפּ זיך אויף, אלישעלע, קום, מיין קינד, צום לעבן!

— מאַמע?!

— יאָ, מיין קינד, יאָ.

— שוין ניטאָ ביי דיר קיין ווילדפלייש?

— שוין ניטאָ מיין קינד, ניטאָ.

כאַפּט ער מיטביידע הענט אַרום זיין מאַמע, וואָס איז די שענסטע פון אַלע מאַמעס אויף דער גאַנצער וועלט:

— וועסט שוין לעבן, מאַמע?

— יאָ, מיין זון, יאָ... איז וואָס זשע וויינסטו?

קאָן ער איר אָבער אויף דעם ניט ענטפערן. ער קאָן דאָך איר ניט דערציילן אַז אין דער ערשטער נאַכט פון איר אָוועקפאָרן, נאָך איידער ער איז ווידער אין דער היץ און אין דער גרויסער פאַרטראַגנקייט אַריינ־געפאַלן, האָט ער געזען ווי די קברנים שיט לאָמפּ און משהלע נביא, שטעלן אַריין אין אַ טיף־אויסגעפאַלענעם שניי די מיטה, וואָס איז מיט אַ שוואַרצן געוואַנט איבערגעדעקט און פון דער שטוב טראָגט מען זי, די מאַמע, אין ווייסע ליילעכער אַרויס. קאָן ער איר אויפן „וואָס זשע וויינסטו?" ניט ענטפערן. און ווער קאָן עס יאָ אין דער וועלט דערקלערן מיט ווערטער, טרערן, וואָס קומען פונעם סאַמע דנאָ פון אַן אָנגעבענקט און אויסגעבענקט, פון אַן אָנגעווייטיקט און אויסגעווייטיקט האַרץ? האָט ער געוויינט, אלישע־לע, טוליענדיק זיך צו דער מאַמען, אָבער עפּעס מיט אַ מין ביטער געוויין, ווי געפילט אַז ניט ער באַגעגנט זי פון איר קומען נאָך דער אָפּעראַציע, נאָר ווי ער געזעגנט זיך מיט איר. און אויך איר, דער מאַמען, האָט זיך דעם קינדס מאָדנע געוויין געלייגט שווער אויפן האַרצן. זי האָט שוין פון לאַנג באַמערקט, אַז דאָס קינד, וואָס איז ביי איר געבוירן געוואָרן פאַרן

זון־זעצן־זיך אויפן האַרבסטיקן גאָרטן, איז ניט געראָטן אין אַלע אירע קינדער. ער פילט און הערט און זעט אַפילו מיטן האַרצן! דאָס פינפערל האָט ער אויך געזוכט ניט אַזוי ווי יענע קינדער. גאָר ניט געוואָלט נעמען דעם לאַמטערן אין האַנט אַריַין. געגאַנגען עטלעכע מאָל צו מאַריאַשעס שטוב, געגאַנגען לאַנג אַהין און דערנאָך נאָך לענגער צוריק. די אויגן האָבן אים נאָר אין דער פינצטער ווי ביַי אַ קאַץ געבליצט מיט גרינע פיַיערן. האָט זי אים שוין געוואָלט אָפּשיקן אַהיים: נאָכן איבערגעלעבטן טאָג, נאָך דעם ווי זי האָט אים אַרויסגענומען פון מאירס הענט. אָבער מיט אַ מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן דער בלינדער וואַנט פון כאַנציעס שטוב, געשטאַנען אַ ביסעלע, ווי זיך צו עפּעס־וואָס צוגע־הערט און באַלד אַ פאַל געטאָן מיט די קני אויף דער ערד און גענומען גיך־גיך שאַרן מיט די הענט אין דער בלאָטע. טאַקע דאָרטן, אויף יענעם אָרט וווּ ער איז געבליבן שטיין, האָט ער דאָס פינפערל געפונען. איצטער געדענקט זי שוין אויך, אַז גייענדיק פון דער ריַיכער וויַיטער קרובה, מיטן אויסגעבעטלטן פינפערל אויף טויט־הוצאות — ניט געגלייבט אַז פון אונטערן מעסער וועט זי אַ לעבעדיקע אַהיים זיך אומקערן — טאַקע דאָרטן ביַי כאַנציעס בלינדער וואַנט אויפן „פרונט" צווישן מענטשן, דאָס טיכעלע אַרויסגעשלעפּט און די אויגן אויסגעווישט. טאַקע דאָרטן, וויַיס זי שוין ביַי יענער בלינדער וואַנט איז איר דאָס פינפערל פון טיכעלע אַרויסגעפאַלן.

— מאיר, דו זאָלסט מער ניט שלאָגן דאָס קינד. איך בעט דיך!

— וועט ער גיין אויף דיר מיט אַ האַק...

— אַז ס'בליצט, — דונערט! אַפילו אין וואַלד איז דאָ אַ נאָכקול.

— ייִדן האָבן געלעבט, ליבע־שׂרה, מיט זייער גלויבן און ניט מיט דער האַק. די האַק איז שוין אַ סימן פון געפאַלנקייט. איך האָב אים אָפּ־געגעבן צו שמואל־יאָסלען.

— ער שלאָגט, זאָגט מען, שטאַרק די תּלמידים.

— קיין בעסערער גמרא־מלמד פון שמואל יאָסלען איז אָבער ניטאָ. כ'האָב אים געוואָלט אָפּגעבן צו איטשע־מאירן.

— זאָל גאָט אויסהיטן! כ'זאָל בעסער ניט דערלעבן צו זען ווי מיַין קינד גייט אין תּלמוד־תּורה. דערצו נאָך זאָגט מען, אַז יענער איז שוין גאָר אַ קאַט אויף די קינדער.

— דו ווייסט וויפל שמואל־יאָסל נעמט שכר־לימוד פאַר אַ זמן?

— אויף שׂכר־לימוד און אויף חתונה־מאַכן אַ טאָכטער איז בײַם רבונו־של־עולם פֿאַראַן אַ באַזונדער קניפּל...

האָט עפּעס דער טאַטע נאָך ווײַטער גערעדט פון וועגן שמואל־יאָסלען, וואָס די תלמידים רופן אים הינטער די אויגן „די שוואַרצע יאָרן" און די מאַמע האָט אויף זײַנע רייד געענטפערט: „אַ פוסטער זאַנג בייגט זיך ניט, אַ פולער זאַנג פאַלט צו דער ערד". אָבער זייערע רייד האָבן שוין אָנגעהויבן אָנקומען צו אים פון זייער ווײַט, ווי די קלאַנגען פון אַראָפּ־געפאַלענע בלעטער, וואָס דרייען זיך אויף די ווינטן אין דער באַגילדטער בלעטער־זאַווערוכע. אַ צוגעטוליעטער צו דער מאַמען ווערט ער אין יענעם פאַרטאָג, שוין אַן אויסגעשעפּטער ביזן דנאָ, צום ערשטן מאָל נאָך דער שווערער קרענק אַנטשלאָפן שטיל, רויִק, טיף און מיטן שמייכל צום צוויקל רויטלעכער שײַן, וואָס נעמט שלאָגן אין דער אייבערשטער פאַרבלאָוטער טאַפּליעלע.

נאָך יענער שלאָפקייט און די פײַערדיקע חלומות, נאָך יענע שווער־אויסגעשטאַנענע און איבערגעטראָגענע וואָכן, וואָס האָבן אײַנגעקאָרבט אין זײַן נשמה נאָך אַ ווייטיקדיקן רינג — אַ סימן פון וווּקס און פון צוגעקומענעם אינעווייניקסטן כּוח, איז ער מיט אַ מאָל, אַלישעלע, אויף אַ סך עלטער געוואָרן פון זײַנע יאָרן. דער אַרום־אים האָט זיך מיט אַ מאָל ווי געביטן — גאָר אַן אַנדער פאַרב און אויך גאָר אַן אַנדער קלאַנג באַקומען. דער אָסיען גייט פון די הימלען, שוואַרצע און אויסגעווייקטע ווי די גערטנער; די שטיבער האָבן דעם אויסזען ווי מ׳וואָלט געקוקט אויף זיי פון אונטערן וואַסער אַרויס, די רויכן פון די קוימענס שמעקן מיט געברענטער פּאָקליע, און די וואָראַנעס אויף די אויסגעוואַשענע און ליכטיק־געוואָרענע מאָך־פאַרוואַקסענע שטאַכעטפּלויטן קראַקען ממש אין די פענצטער אַרײַן. און אויך די באַגילדטע קופּאָלן פונעם קלויסטער אויפן באַרג וויגן זיך אין דער וואַסערדיקייט, טרײַבן אָן אויף אים, אויף אַלישעלען, אַ הייסן טרויער און אויך אַ שטאַרק רחמנות אויף די פּויערים, וואָס גייען ניט אין בית־מדרש, נאָר אין קלויסטער אַרײַן: צלמען זיך דאָרטן פאַר די געמאָלטע ברעטלעך. באַזונדערס איז אים אַ גרויס רחמנות אויף די שקאָצימלעך, וואָס לערנען ניט קיין חומש מיט רש״י, וויסן ניט וואָס ס׳הייסט מאַכן אַ ברכה איבער אַ כּזית ברויט, איבער אַ פּרי, אויף אַ דונער; זייערע נשמות זײַנען ניט געשטאַנען בײַ מתּן־תּורה אונטערן באַרג סיני און זיי קענען קיין ייִדיש ניט רעדן!

און בײַם קלינגען פון קלויסטער וויגן זיך פאַר זײַנע אויגן שאָטנס פון צעצוויטעטע טשערעמוכע־צווײַגן און פונעם גרויסן גלאָק, פונעם קופּערנעם, פאַלט עפּעס אַזוינס, וואָס איז זייער ענלעך אויף אַרכיפּן דעם באַנדאַר: מיט אויסגעצויגענע הענט, די פינגער אײַנגעבויגן, ווי געוואָלט עמעצן אָנכאַפּן בײַם האַלדז און דערשטיקן.

נאָך דער שווערער קרענק, — דער טאַטע האָט שוין אין איינעם

אַ פּאַרנאַכט געוואַשן פון דער גרויסער קוואַרט די הענט און געזאָגט: ברוך דיין אמת — נאָך דער מאַמעס אומקערן זיך בשלום אַהיים, הגם אַן אויסגעמאַגערטע, אַ סך העכער געוואָרן, אַן אויסגעבלייכטע, די אויגן, ווען זי מיינט אַז קיינער זעט ניט, ווערן איר פֿאַרוואָלקנט; אַט די פֿאַר־וואָלקנטקייט אין דער מאַמעס שיינע בלויע אויגן שרעקט אים, דאָך לויפֿט ער, אלישעלע, אַרום איבער די „סקאַלעס" און עפּעס אַ פֿרייד פֿאַריאָגט אים אויפֿן סאַמע שפּיץ באַרג ווו אונטן פֿאַלן די וואַסערן און בריקעווען איבער די שטיינער מיט געררויש און שפּריצן מיט אַלערליי פֿינקלענדיקע קאָלירן. אין די הימלען שרייַען פֿייגלען, וואָס פֿליִען צו די ווייַטע הייסע לענדער און דאָ, אויפֿן באַרג, אין די איבערגעטריקנטע האַרבסטיקע גראָזן, שמעקט נאָך מיט זיסלעכן לינדנצוויט און די זון בריט און גייט אים מיט איר פֿייַער אין די ביינער אַרייַן.

אַהער צו, צום באַרג, דערגייט ניט קיין קול. ערגעץ אויף די „זאַטאַ־נעס" שפּילן זיך די ייִנגלעך אין מלחמה, אין גזלנים; זיי האָבן אים אויך אַהין גערופֿן, נאָר אים ווילט זיך בעסער צו זייַן דאָ, אַליין. דאָרטן איז טומל און געשריי, און דאָ — פֿרייד. אָט די נאָך וואָרמעס־שבתדיקע שטילקייט דאָ אויף די „סקאַלעס" פֿרייט אים און ס׳דאַכט זיך אים, אַז אויך די הייַזער וואָס אונטערן באַרג דרימלען, אויך זיי האָבן עונג־שבת. דער טאַטע האָט הייַנט בייַם טיש געזונגען די זמירות גאָר שיין. אין זייַן קול האָט זיך הייַנט ניט געהערט אַזאַ טרויער, כאָטש ס׳איז ערב ימים־נוראים. ער האָט ליב, אלישעלע, דעם סוף זומער: ראש־השנה, תּשליך. נאָך יום־כּיפּור נעמט מען זיך בויען די סוכּה, טראָגן פֿון די גערטנער דעם סכך, צודעקן און פֿאַרהענגען די סוכּה, דערנאָך דאָס זיצן און עסן דאָרטן, דאָס אָנשנייַדן און שלאָגן הושענות, און צום סוף: שׂמחת־תּורה. גוט איז דאָ אויפֿן באַרג, אויף דער זון, דער פֿינקלענדיקער וואַסערפֿאַל פֿון אונטן שלאָגט אַרויף אין זייַן האַרצן מיט יום־טוב. ס׳ווילט זיך אים אויפֿהייבן פֿון די גראָזן און אַ געשריי טאָן אין דער וועלט אַרייַן:

— אַ גוט־שבת! — ס׳דאַכט זיך אים אַפֿילו אַז דעם גוט־שבת האָט ער אויסגעשריִען: ער הערט דאָך ווי פֿון דער ווייַטן, פֿון די וועלדער, קומט אַ ווידערקול. הייַנטיקס מאָל זייַנען זיי ביידע גערעכט — אי דער טאַטע, אי די מאַמע. בייַם טיש הייַנט, שוין נאָכן קוגל פֿון געווייקטע סקאָרינקעס איבערגעטרייסלטע מיט ראָזשינקעס, גוואַלדיק געשמאַק געווען: טערפּקע

וויַניק און מיט אַ ריח פון שיכורע וויַנשל. — נאָכן קוגל האָט דער טאַטע פּלוצלינג געזאָגט:

— ייִדן לעבן נאָר מיטן שבת און מיטן יום־טוב. זייערע נשמות זיַינען פון קדושה. זיי אַרבעטן טאָקע, האָרעווען און פּראַצעווען שווער, שמייַען אַרום, האַנדלען און וואַנדלען, טעסען און קאָווען, שטעכן מיט דער נאָל און מיט דער נאָדל, סטאָליאַרעווען, בעל־עגלהווען — אָבער לעבן, לעבן זיי נאָר מיטן שבת, מיטן פּסח, מיטן שבועות. ביַים ייִדן איז אַ יום־טובדיקע נשמה.

— אויך טרויער איז אַ יום־טוב? — פרעגט שטיל די מאַמע.

— ליבע־שׂרה, דעם ייִדנס טרויער איז ניט קיין טרויער נאָך פּרנסה, נאָר נאָך פרייד, נאָך קדושה. אין דער וואָכן מאַטערט זיך דעם ייִדנס נשמה אין די קלייטלעך, אויף די מאַרקן, דאָרטן ווערט זי אים איַינגעשרומפּן.

— וואָס הייסט איַינגעשרומפּן? — פרעגט איבער אלישעלע, וואָס הערט צום ערשטן מאָל אַזאַ וואָרט.

— נו, ווי זאָל איך דיר זאָגן? די נשמה ווערט קלענער, מיזערנער, איַינגעלאָפן, איַינגעדאַרט, איַינגעקוועטשט, איַינגעקנייטשט.

— ס׳איז טאָקע אמת, אָבער מאיר, רעדט די מאַמע מיט איר קול פון נאָך דער אָפּעראַציע: אַ סך אַ שטילערס ווי פריִער, נאָך אַלץ מיט אַ מין ציטער. — ניט נאָר ביַי ייִדן זיַינען הייליקע נשמות. ביַי אַלע מענטשן וואָס לעבן אויף דער וועלט זיַינען הייליקע נשמות. יעדער לעכצט נאָך פרייד.

— וואָס הייסט, מאַמע, לעכצט?

— דאָרשטן, גלוסטן, בענקען, ווילן פרייד... אַלע מענטשן אויף דער ערד לעכצן, אלישעלע, נאָך פרייד, נאָך יום־טוב. אויך דער גוי ביַים אַקער...

— צוגעגליַיכט אַ ביסל!

— וואָס, מאיר, האָט דען דער־וואָס־לעבט־אייביק ניט באַשאַפן דעם הימל און די ערד אין איין טאָג? ביידע זיַינען דאָך הייליק. די ערד, מאיר, איז אַזוי הייליק ווי דער הימל. יאָ, מאיר, יאָ. און דער מענטש וואָס אַקערט און זייט די ערד איז אויך הייליק.

אָבער דער טאַטע, וואָס פון זינט אין שטעטל האַלטן אין איין אָנקומען די האַלב־פאַרחלשטע צעבראָכענע, קוים־לעבעדיקע ייִדן, אַלטע און עופּע־לעך, די אַרויסגעטריבענע פון גאַליציע און בוקאָווינע, די אַרויסגעריסענע

פון זייערע היימען און געוואָרפֿענע ווי ווילדגראָז אין דער וועלט אַרײַן; ער, וואָס שטייט ביז האַלבער נאַכט בײַם פֿענצטער און קוקט מיט ברייט־אויפֿגעריסענע אויגן אין דער פֿינצטערניש אַרײַן: ס׳איז דאָך חבלי־גאולה! ער איז שוין אַפֿילו איין מאָל אַרומגעגאַנגען ביז טאָג־ווערן אין דרויסן. און אויך נאָך דער מאַמעס אומקערן זיך פֿון דער אָפּעראַציע, רעדט ער שוין גאָר פֿאַרקלערטערהייט און אויך ווייכער, נאַכגיביקער; ער ענטפֿערט ניט אויף אירע רייד. מאַכט די אויגן צו און נעמט זיך בענטשן: אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה — און דעמאָלט זײַנען אונדזערע מײַלער פֿול געווען מיט געלעכטער און די צונג אונדזערע מיט געזאַנג — דער טאַטע פֿלעג תּמיד פֿאַרטײַטשן אויף ייִדיש, די מאַמע און די קינדער זאָלן פֿאַרשטיין און וויסן וואָס ס׳זאָגט זיך אין די תּפֿילות; און זיי זײַנען געפֿאַלן אָט די רייד אויף אלישעלעס נשמה, ווי דער פֿרילינגדיקער רעגן אויף די אויפֿגעאַקערטע און פֿאַרזייטע פֿעלדער — קיין טראָפּן גייט ניט פֿאַרלאָרן, ווערט פֿון דער ערד באַלד אײַנגעשלונגען, אײַנגעזאַפּט און שלאָגט דערנאָך אַרויס מיטן געקרײַזלטן ליכטיק־גרינעם זאַנג, וואָס צום אָנהייב איז ער נאָך ניט מער ווי גראָז.

פֿון די „סקאָלעס", פֿונעם „שווייצאַריע־ווינקל" — און וואָסער שטעטל האָט עס ניט געהאַט אירע בערג און טאָלן, אירע וואָסערפֿאַלן און רײַך־קווייטלדיקע לאָנקעס, וווּ פֿאַרלעך האָבן ביז צו האַלבער נאַכט שפּאַצירט, פּאָר די הענט זיך געהאַלטן און פֿאַרלבנהטע ליבעס געשפּילט, און אויך זיך דאָרט געזאַמלט אונטערן קלאַנג פֿון גיטאַרעס אויף כּלומרשטע קער־מעשלעך און מיט ברען און פֿײַער זיך געקריגט ביז צו שונאים ווערן, געוואָלט אויפֿדעקן, און איטלעכער אויף זײַן אופֿן, לעבנס־סודות, דער עיקר לייזן וועלט־פּראָבלעמען: סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע. פֿון יענע „סקאָ־לעס", פֿון די סוף־זומערדיקע, שוין מיטן האַרבסטיק־קאַלטן פֿײַער אַרומ־געכאַפּט, האָט ער זיך דעמאָלטן אומגעקערט, אלישעלע, אַהיים בײַם טאָג־זעצן־זיך, נאָך שלש־סעודות; אויפֿן טיש ליגט נאָך דאָס ראָזעווע ברויט מיטן האַלבן הערינג; אויפֿן ווײַסן סערוועט לעשט זיך די אויסגעשײַערט־קייט פֿון די לײַכטער; די שטוב איז שוין אין דער ערב־וואָכעדיקייט פֿון טונקעלע דאגות, אָבער נאָך מיט יענעם יום־טובדיקן טרויער פֿון פֿאַרן באַווײַזן זיך דעם שבתע־נאַכטיקן ווײַטן שטערן אין פֿענצטער. גרייט זיך אלישעלע צו האָבן פֿונעם טאַטן דעם פּסק פֿאַרן פֿאַרפֿאַלן ווערן אויפֿן

גאַנצן טאָג, פֿאַרן אַרומלויפֿן ווי אַ שאַלטיק איבער די גאַסן, פֿאַר שפּילן אין מלחמות: פֿאַר אַ יאָרן האָט מען כאַנציעס ייִנגל געלעכערט דעם קאָפּ, — נאָר מיטן רוקן צו דער טיר זיצט עמעצער און דער טאַטע זאָגט אָן אַ ברעקל כּעס:

— אַט איז ער דאָך!

און אַז יענער טוט זיך מיטן סקריפּ אַ דריי אויס צו דער שטוב מיטן פּנים — אַ שטאָק באַוואַקסענער, מיט פֿולע רויטע ליפּן און באַוועגלעכע נאָזלעכער ווי פֿאַר אַ ניס צו טאָן — דערקענט ער אים גלײַך, דעם גמרא־מלמד שמואל־יאָסלען, „די שוואַרצע יאָרן״. זייערע אויגן באַקענען זיך: בײַם מלמד אונטער געדיכטע צעשויבערטע סטירטעלעך ברעמען, קוים דערקלײַבן זיך צו זיי, גרויע, פֿאַרטאָגיקע, וואָס ס׳גייט, דאַכט זיך, קיין מאָל אין זיי די זון ניט אויף. און בײַם תּלמיד, בײַ אלישעלען, די אויגן אָפֿענע, מיט גאָרניט פֿאַרשטעלטע, נאָך פֿײַכטע, ווי נאָר וואָס אַרויסגע־וויקלטע קנאָספּן אין פֿרי פֿון יאָר; בײַ יענעם ווערן שוין די פֿאַרטאָגיקע אויגן פֿון גאָרניט ניט נתפּעל: כ׳ווע, מ׳האָט שוין אַזעלכס אויך געזען, אין חדש תּחת השמש... און בײַ דעם, די פֿרי־יאָריקע קנאָספּן, פֿולע מיט וווּנדער: אָפֿילו דער קאָפּ פֿונעם הערינג וואָס ליגט מיטן אָפֿענעם מויל אויפֿן געקווייטלטן טעלער, באַזונדערס דער פֿלוצלינגדיקער בליאַסק פֿונעם האַלבן שקאַליקל בראָנפֿן אויף דער פֿאַרגייענדיקער זון אין אַלע פֿיר טאָפּליעס וואָס צו די גערטנער, טרייסלען אויף און פֿאַרשטוינען אים. אַט די צוויי פּאָר אויגן באַקענען זיך איצט און וועלן שוין אין משך פֿון דרײַ יאָר נאָכגיין איינע די אַנדערע... יענע, די שמואל־יאָסלישע, די צוויי פֿאַרטאָגיקע אויגן, וועלן אײַנקאָרבן די טיפֿסטע, די טרויעריקסטע רינגען אין אלישעלעס נשמה.

— פֿאַר ניט קאָנען לערנען, — דערהערט אלישעלע דאָס קול פֿון די „שוואַרצע יאָרן״: אַ קול אַ טרוקנס, אַ הילכיקס, אָבער נאָכן ביסל „תּיקון״, נאָכן גלעזל בראָנפֿן, אַ ביסעלע צוגעדושעט און מיט אַ פֿײַף פֿונעם אַרויסגעפּאַלענעם פֿאָרנטיקן צאָן. — פֿאַר ניט קאָנען לערנען שלאָג איך ניט. איך שלאָג פֿאַר ניט וועלן. אַז מ׳וויל, קאָן מען! מ׳דאַרף נאָר וועלן, ווערט מען אַ תּנא, אַ רבי עקיבֿא! וועסטו וועלן לערנען און וועלן צולייגן דעם קאָפּ צו דעם וואָס מ׳לערנט, ניט אײַנחזרן די ווערטער, נאָר זיי פֿאַרשטיין, ווערטער זײַנען ניט מער ווי טירלעך צום געדאַנק, פֿאַר־

געדענק עס! וועסטו וועלן לערנען און מיט קאָפּ אַרײַנגיין אינעם תּוך, גיב איך דײַן מאַמען דאָס וואָרט, בהן שלי, ווי מיר האָבן הײַנט שבת אויף דער וועלט, אַז מײַן פֿינגער וועט זיך צו דיר ניט צורירן.

און נאָכן איבערגיסן פֿונעם שקאַליקל, געהיט און גענוי, דאָס לעצטע ביסל בראָנפֿן צו זיך אין גלעזל אַרײַן, צוגעגעבן:

— די לידלעך שרײַבן, וואַרף אַוועק. ברכי נפשי האָט מען שוין אָנגעשריבן, און שיר־השירים האָט מען שוין אָנגעשריבן, און משלי האָט מען שוין אָנגעשריבן, און קהלת האָט מען שוין אָנגעשריבן, און אויך איוב האָט מען שוין אָנגעשריבן... וואָס זשע בלײַבט: גראָם־שטראָם מאַך מיר אַ וואַרע?

פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ מיטן גלעזל צו דער סטעליע — אין האַלדז טוט אים אַ בולקע. דערנאָך גלײַכט ער צוריק דעם קאָפּ אויס און האַלטנדיק פֿאַר די אויגן דאָס לײדיקע גלעזל:

— נאָכן חורבן בית־המיקדש האָט שוין דער איבערשטער מער קיין נביאים ניט געשיקט. און די וואָס קומען, זײַנען פֿאַלשע. האָבן מיר זיך שוין גענוג אָנגעליטן פֿון די נביאי־שקר. פֿון די העלזעערס, פֿון די אָנזאָגערס, פֿון די טרעפֿערס... זיי קומען פֿון די שוואַרצע כּוחות, רחמנא־לצלן! מ׳דאַרף ניט גיין זוכן נײַע וועגן. מ׳דאַרף גיין מיטן אַלטן וועג. מיטן וועג פֿון טאַטן, מיטן וועג פֿון זיידן, פֿונעם עלטער־זיידן. אָט דער וועג איז אַ זיכערער. אַן אויסגעטראָטענער. דאָס איז דער וועג פֿון נצח־ישׂראל.

ר׳ שמואל־יאָסל שטעלט אַוועק אויף גיך דאָס לײדיקע קעלישאָקל אויפֿן טיש, כאַפּט צו די האַנט ווי פֿון אַ זאַך צו וועלכער מ׳טאָר זיך שוין מער ניט צורירן, פֿאַרמאַכט מיט רחמנות אויף זיך די אויגן און רעדט ווײַטער שוין מיטן ניגון, ווי ער וואָלט געלערנט דעם נײַעם שיעור גמרא:

— ראשית חכמה יראת השם... פֿאַראַן אויף דער וועלט אַ סך חכמות, אָבער ראשית חכמה, די ערשטע חכמה, איז, יִראַת־השם, מורא האָבן פֿאַרן רבונו־של־עולם. פֿון דער מורא וועט שפּעטער ווערן ליבשאַפֿט — אַהבת־השם. דײַן ברודער פּנחסל וויל ווערן אַ מנהיג בײַ ייִדן, דײַן שוואָגער ליפּע — און דאָ ווי געכאַפּט זיך אַז דאָס ביסל בראָנפֿן וועט אים באַלד פֿון גלײַכן וועג אַראָפּפֿירן און אויף אַ בוים אַרויפֿשטויסן, טוט ער זיך מיט אַ מאָל צוריק אַ דריי אויס מיט דער ברייטער ראַצעמאָרענער

פּלייצע צו דער שטובטיר און נעמט רעדן נידעריק, ווי דאָס קול וואָלט אים פּלוצלינג פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, מיט עפּעס אַ בייַשטים און דערנאָך שוין גאָר שטאַרק שטיל און אַזוי פֿאַרשטעלט, אַז ווען אַפֿילו אלישעלע כאַפּט שוין יאָ אויף אַ וואָרט, זאָגט עס אים גאָרניט. ערשט שפּעטער, פֿאַרן אַוועקגיין מיטן טאַטן אין בית־מדרש מעריב־דאַוונען, נעמט שוין ר׳ שמואל־יאָסל ווידער רעדן מיט זייַן אייגענעם, מיט זייַן טרוקן־הילכיקן קול:

— באַטראַכט און באַקלערט. פֿרעגט זיך אַן בייַ דער טאַכטער. כ׳שדכן אייַך אַ שמאַלצגרוב!

— פֿליגן קומען אום גיכער אין האָניק ווי אין עסיק — זאָגט די מאַמע, — ער איז דאָך צוויי מאָל עלטער פֿון איר. אַ פֿולע שטוב מיט יתומים און צווישן זיי מיידלעך וואָס דאַרפֿן צו דער חופּה גיין... בייַ אירע יונגע יאָרן ווערן אַ שטיפֿמאַמע?

— כ׳ווע, נו, יונגע עלטערן זיך און קלײנע וואַקסן! גלגל החוזר.

— טאַקע אמת, אָבער אַלטע ווערן ניט יונג. — פֿאַרריכט די מאַמע. — אין גרויע האָר איז ווייניק פֿרייד.

— באַטראַכט זיך, ליבע־שׂרה, באַקלערט, — קלאַפּט שוין שמואל־יאָסל מיט דער קליאַמקע פֿון דער טיר. — יואל נאַראַדיטשער פֿאַרמאָגט צוויי האַרבאַרניעס, אַן אָנגעקאָבעטע שטוב, ער שטעלט צו לעדער פֿאַר דער אַרמיע, ער שנייַדט פּרנסה ממש מיטן מעסער!

דאָ פֿאַרשטייט ער שוין, אלישעלע: ר׳ שמואל־יאָסל איז געקומען ניט צוליב אים, נאָר פֿון וועגן זייַן עלטערער שוועסטער, גאָלדע־רחלען, וואָס איז אַזוי ראַפּטום אַן אַלמנה געוואָרן — דעם מאַן אירן, ליפּען, דעם בונטאַר און מהומה־טרייַבער, האָט מען אין איינער אַ נאַכט, נאָך אַ פֿייַער־דיקער דרשה פֿאַר די אַרבעטורערס, אָפּגעעסמט און זי, גאָלדע־רחל, האָט איר ברעקל קינד, אַברהמלען, אָפּגעגעבן צו דער בעל־עגלהכע און אַלייַן אַוועקגעפֿאָרן צום פּאַפּיר־פֿאַבריקאַנט, קיין מאַליך, ווערן דאָרטן אַן אַם בייַ אַ פֿרעמד קינד... דאָס איז ער געקומען ר׳ שמואל־יאָסל „די שוואַרצע יאָרן״, רעדן אַ שידוך פֿאַר גאָלדע־רחלען, איר שדכענען אַ שמאַלצגרוב.

— קומט ר׳ מאיר, מירן גיין מעריב־דאַוונען. זאָל ליבע־שׂרה באַקלערן. אַ מאַמע. נאָר אַזאַ שידוך טרעפֿט זיך איין מאָל אין הונדערט מיט צוואַנציק יאָר! יואל נאַראַדיטשער איז בייַ מיר ניט קיין באַוול־סחורה, חלילה, ניט אַלטלעך, ניט אָפּגעצוויטעט... דאָס איז אַ ייִד מיט אַ פּנים! ייִחוס, תּורה

און עשירות אין איינע הענט! ער איז עלטער פון איר? נו, איז וואָס? יאָרן זײַען בײַ גאָט. יונגע שטאַרבן אויך. מ׳דאַרף גיין לויט די כּוחות.

— יאָ, — שאָקלט צו די מאַמע מיטן קאָפּ, — אַפילו די פינגער אויף דער האַנט זײַנען ניט אַלץ איינע, נאָר קבצנות האָט תּמיד איינעם און דעם זעלבן טעם.

— וואָס זאָלן מיר טאָן? — פרעגט דער טאַטע.

— שלעפּט ניט, ליבע־שׂרה, אויף זיך קיין איבעריקע צרות, איר דאַרפט היטן דאָס געזונט.

— ווי אַזוי היט מען אין אַזאַ ביטערער צײַט דאָס געזונט?

— יעדער איינער דאַרף נעמען אויף זיך אַזוי פיל צרות, וויפל ער קאָן פאַרטראָגן.

— ווו זשע נעמט מען, ר׳ שמואל־יאָסל, אַזאַ מין וואָג? און ווען ביידע גייען אַוועק אין בית־מדרש מעריב־דאַוונען, בלײַבט זי בײַם פענצ־טער זיצן און רופט אלישעלען: — העלף מיר געפינען אין הימל דעם ווײַטן שטערן. איך קאָן אים עפּעס הײַנט אַליין ניט געפינען. ער דאַרף דאָך שוין זײַן. און נאָך איינס וויל איך בײַ דיר בעטן: אַז מ׳וועט אָנצינדן פײַער זאָלסטו נעמען אַ ווײַס בייגעלע פּאַפּיר, טינט און פען און שרײַבן וואָס איך וועל דיר זאָגן.

— צו וועמען, מאַמע, זאָל איך שרײַבן?

— צו גאָלדע־רחלען.

— פון וועגן יואל דעם נאַראַדיטשער?

— צו פרי, צו פרי, מײַן קינד, הייבסטו אָן אַלצדינג צו פאַרשטיין. שרײַב איר גאָלדע־רחלען... אָט אָ איז ער דאָך דער וואַכעדיקער שטערן! גאָט פון אַברהמען, פון יצחקן... פאַר וואָס, פאַר וואָס, האַרציקער טאַטע אין הימל, פאַר וואָס דאַרפן מײַנע קינדער ליגן דאָס גאַנצע לעבן אויף דער עקדה?

און דער מאַמעס פּנים ווערט מיט טרערן פאַרגאָסן. נאָך קיין מאָל האָט ער זי ניט געזען, די מאַמע, וויינען. תּמיד מיטן שמייכל אויף די ליפּן: „שווער? אוי, שווער, אָבער מיר דאַרפן דאָס בײַקומען!“ — אירע טרערן פאַלן אין יענעם שבתדיקן בין־השמשות ווי פונקען פײַער אויף זײַן נשמה און ברענען אויס אין איר נאָך אַ ווייטיקדיקן רינג.

## י״א

אין יענע יאָרן האָט שוין אלישעלע גוט צוגעזען ווי דער האָרבסט גייט אין אַלע יום־טובים אַרײַן, ווי עפּעס אַ טרויער שלאָגט דווקא אַרויס פון דעם סאַמע פריילעכסטן טאָג אין יאָר, — פון שׂמחת־תורה... דער טאַטע האָט דעמאָלטן געטאַנצט מיט דער גרויסער ספר־תורה: פון אָנהייב אַ שטאַרק פאַרפאַליעטער און שפּעטער שוין אַ ביז גאָר בלייכער, שוין ממש אַ ווײַס־געוואָרענער, ווי ער וואָלט פּלוצלינג עפּעס מוראדיקס דערפילט, אָדער שוין אַפילו דערזען. ער האָט געטאַנצט אַזוי, אַז די שטיוול זײַנען אים צעפאַלן געוואָרן. האָט ער זיי פון זיך אַראָפּגעוואָרפן און געטאַנצט אַ באָרוועסער. אָבער ס'איז שוין געווען ניט קיין טאַנצן, נאָר אַ מין אונטערשפּרינגען, ווי ער וואָלט מיט די באָרוועסע פיס אין אַ פלאַמפײַער אַרײַן, געוואָלט אַרויסשפּרינגען און ניט געקאָנט. און פון די אויגן זענען אים גערונען טרערן. אויך אָט די טרערן דעם טאַטנס, זײַנען אים געפאַלן ווי גלײַכע פונקען אויפן האַרצן. און דער משוגענער פּיטשע, מיט אַלע ייִנגלעך אונטערן טלית, האָט געזונגען מיט זײַן ווילדן געלעכטער:

— צאן קדושים, טאַנצט! ייִדן, ייִדן, צאן מרעיתו של ד', טאַנצט! מיר טאַנצן דאָך איבער זיך אַליין! מיר טאַנצן דאָך שוין אויף אונדזערע לעצטע האָפענונגען... טאַנצט, צאן מרעיתו, טאַנצט! אויף צוריק קאָנען מיר דאָך שוין ניט גיין. מיר ווייסן דאָך שוין ניט דעם וועג אויף צוריק. דער וועג אויף צוריק איז שוין פאַרוואַקסן געוואָרן, כאַ־כאַ־כאַ! גאָט אַליין האָט יענעם וועג אויף צוריק פאַרשאָטן מיט שטיינער. דער רבונו־של־עולם וויל אַז מיר זאָלן גיין ווײַטער און ווײַטער... וווהין? צו אַ מאָרגן, צי צו אַן אײַביקייט? כאַ־כאַ! טאַנצט, צאן קדושים, מע־ע! טאַנצט, ר' ייִדן, פרײַט זיך, צאן מרעית...

דערנאָך איז שוין דער לאַנגער פאַלעסיער האָרבסט אַרײַן אין די גאָר קאַרג־זוניקע קורצע טעג, אין די לאַנגע קאַלט־צעשטערנטע נעכט, אין די זילבער־טויִיקע קאַארן; איז אָפּגעגאַנגען מיט די לעצטע פײַער־

דערבליִענדיקע געאַרגינעס, מיט די לעצטע וואַרעמע ערד־ און סעדער־ריחות, מיט לעצטע גרויס־טראַפּנדיקע, געדיכט־יאָגנדיקע קרומע רעגנס, וואָס האָבן אַראָפּגעשלאָגן די זיך נאָך ראַנגלענדיקע טונקל־געוואָרענע בלע־טער און געלאָזן די ביימער שטיין שוואַרצע, נאַסע, נאַקעטע צו קרעכצן מיט צאָרן אויף די ערב־שנייִיקע ווינטן.

דאָך שטעלט זיך נאָך אַלץ ניט דער אמתער, דער פריר־טוייִקער, דער פּראַסטיקער ווינטער. די טעג ווערן נאָר טונקעלער און הונגעריקער. פון די נידעריקע הימלען, וואָס ליגן שוין כמעט אויף די פענצטער, זיפּט זיך אַ רויִקן כמאַרעליכט. אַ מאָל טוט אַ שלאָג אַ זון־באַגילדטער שניי איבער די טאַפּליעס און באַלד ווערן זיי ווידער פאַרפּלייצט מיטן געלב־לעכן רעגן און שפּעטער קלאַפּט אַ ווייַס־פּערלדיקער האָגל אין די שויבן. פון וואַנעט קומט ער, דער האָגל, אַהער־צו?

— דו געגנאַרניקסט שוין נאָך אַ מאָל? אלישע, דו פליסט שוין ווידער איבער דער ערד? זאָג מיר כאָטש איין מאָל, וואָס זעסטו דאָרטן אַזוינס? דו שווייַגסט, געגנאַרניק, — און שמואל־יאָסל, וואָס שלאָגט מיט דער האַנט פון־זיך, מיט דער לינקער זייַט, מיט די ביינערדיקע פינגער איבערן פּנים, שטייט שוין איבער אלישעלען. — באַווייַז נאָר אָקערשט אין דער גמרא, ווו האַלטן מיר דאָרטן?

— אָט דאָ, מורה, האַלטן מיר. אמר רב, אמר רב אשי...

— דייַן גליק. דו וואַקסט אַ מזלדיקער שלימזל!

צעלאַכן זיך דאָ אַלע ייִנגלעך. אלישע איז אָבער פון דעם צופרידן: זיי ווענדן אָפּ פון אים „די שוואַרצע יאָרן". פון הייַנט אָן וועלן זיי שוין אַלע, אויך זייַן בעסטער חבר, בענצל, אים רופן: מזלדיקער שלימזל! וואָס איז אַזוינס מזלדיקער שלימזל? אַזאַ איינער וואָס פאַלט אויפן גלייַכן וועג און צעברעכט זיך ניט ביידע, נאָר אין פוס? און דער האָגל איז טאַקע ביז גאָר ענלעך אויף ווייַסע קאָרעלן. אויף וועמעס האַלדז האָבן זיי זיך דאָרטן אין הימל איבערגעריסן און איבער דער ערד זיך צעשאָטן? אמר רב הונא, אמר רב זוטרא אמר אדא בר אהבה... ס'זייַנען פאַראַן צוויי אדא בר אהבהס. זייַנען אָט די בר אהבהס אויך געווען ווי אַ משל מיט אַנשלען, אַ צווילינג, זייַנען זיי אויך געווען אַזוי איינער אויפן אַנדערן געראָטן? אמר רבה בר חנא... אמר רבן גמליאל... אמר ריש לקיש... ווער זייַנען זיי דאָס געווען אָט די ייִדן מיט אָט די משונה־מאָדנע נעמען, ווו

און ווען האָבן זײ געלעבט און וואָס האָבן זײ זיך געהאַלטן אַזוי אין איין שפּאַרן און אַמפּערן צווישן זיך? האָט איינער געזאָגט אַזוי, האָט דער צווייטער באַלד געזאָגט פאַרקערט; זאָגט בית־הלל טאָג, זאָגט בית־שמאי נאַכט. און רש״י זאָגט, און תּוספות זאָגט... און ווער איז געווען דער תּוספות? האָט ער אויך געהאַט אַזאַ רויטע באָרד ווי ביי שמואל־יאָסלען, אַזאַ רויטע באָרד וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט? איז דער תּוספות אויך געווען אַמאָל אַ מלמד אין אַ דאָרף און מ׳האָט אים אויך געגייט חתונה האָבן מיט אַן אַלטער מיאוסער מויד? האָט אים דאָס ווײַב אויך קיין קינדער ניט געהאַט און ער האָט זי אויך ניט געקאָנט אָפּגטן, ווי שמואל־יאָסל, ווײַל זי איז ניט ביי אַלע געדאַנקען? כּדי אָפּגטן דאָס משוגענע ווײַב, זאָגט מען, דאַרף שמואל־יאָסל האָבן אַ היתּר אַזש פון הונדערט רבנים; האָט דער תּוספות אויך אַזוי ליב געהאַט נעמען אַלע טאָג אַ היפּש ביסל „תּיקון״?

— אלישע, כ׳זע אַז דו ביסט שוין ווידער ערגעץ אין האַצעקלאָץ!

— נייך, מורה, כ׳בין אָט־דאָ ביי דער גמרא... אַ ווײַב קאָן מען מקדש זײַן מיט כּסף, מיט שווה־כּסף און מיט ביאה. וואָס איז דאָס אַזוינס, מורה, ביאה?

און דאָ כאַפּט אלישע אַזאַ בינטל בייערדיקע פינגער אין פּנים אַרײַן, אַז פון די ציין טוט זיך אים אַ גאָס בלוט, דער גאַנצער קאָפּ הייבט אָן צו קלינגען און אין די אויגן שטעלט זיך אים אַ טונקלעניש. ער דערשטיקט אָבער אין זיך דאָס געוויין, ווײַל ער דערפילט ווי דער מורה זײַנער, שמואל־יאָסל, שטייט איבער אים אָנגעבויגן און פון זײַן פײַערדיקער באָרד קאַפּען אויף זײַן, אלישעס, פּנים הייסע טרערן: ער, שמואל־יאָסל וויינט.

— זײַ מיר מוחל, — שעפּטשעט אים ר׳ שמואל־יאָסל אויפן אויער. — זײַ מיר מוחל, אלישע, ניט איך האָב עס געוואָלט. דו האָסט אויך גאָרניט ניט געמיינט. סלח לי, כּפּר לי... דעם גורל קאָן אַ מענטש ניט מתקן זײַן. אויב ס׳איז דיר אָנגעצייכנט... אויב ס׳איז דיר אָנגעחתמעט געוואָרן ביים געבוירן ווערן... וואָס האָט מיך אין מיטן דרינען אַ שטויס געטאָן נעמען לערנען מיט אייך די מסכתּא קדושין? אַז ס׳איז אָנגעחתמעט געוואָרן בײַם געבוירן ווערן פון הימל, קאָן שוין אַפילו דער צדיק־הדור אויך דאָ ניט העלפן... גייט קינדער אַהיים,

מירן שוין היינט אין אָוונט ניט לערנען. ניין, דו אלישע בלייב, כ׳וועל דיך אַרומוואַשן.

און דאָס ווייב זיינס, ברכה, וואָס טראָגט קוים אַרום דעם גרויסן גוף אירן איבער דער שטוב — גאַנצע טעג ראַמט זי און וואַשט — מ׳הערט פון איר זעלטן ווען אַ וואָרט, פון מאָל צו מאָל נאָר דערהערט זיך איר שטילינק געלעכטערל: אַ פריידיקס, אַ גליקלעכס, ווי זי וואָלט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין עפּעס ביז גאָר אומגעריכטס און אויסערגעוויינלעכס אין איר לעבן; זי, ברכה, קוקט איצט פונעם אויפן־אויוון אַראָפּ אויפן מאַן, ווי ער גיסט דעם צעבלוטיקטן תלמיד וואַסער אויף די הענט, און פּלוצעם:

— שמואל־יאָסעלע, — רוקט זי אַרויס דעם צעשויבערטן קאָפּ צו דער שוין פאַרנאַכטיקער קיך. — דאָס ייִנגל איז דאָ ניט שולדיק. אויפן גנב ברענט דאָס היטל. און איך בין דיר דאָ אויך גאָרניט שולדיק... ניט איך בין צו דיר געקראָכן ביי נאַכט אויפן היי, נאָר דו, דו, שמואל־יאָסל, ביסט געקראָכן צו מיר און דו האָסט מיך זייער פרום מקדש געווען... — און מיטן שטילינקן, מיטן צופרידן־גליקלעכן געלעכטערל פאַררוקט זי זיך באַלד צוריק אין דער טיפעניש פונעם אויפן־אויוון.

פון אירע רייד ציטערט דער גמרא־מלמד אַזוי אויף, אַז דאָס וואַסער פון דער קוואָרט גיסט זיך שוין ניט אויף אלישעס הענט, נאָר אין אַ זייט, שוין אויפן פּאָל; אָבער אלישעלע בלייבט נאָך אַלץ שטיין אָנגעבויגן איבערן צעבער און הערט זיך צו מיט פאַרמאַכטע אויגן ווי פונעם אויפן־אויוון גייט שוין אַ דערשטיקט־ייִאושדיק געוויין און אַנטקעגן איר געוויין טראָגט זיך דעם מלמדס צעבראָכן קול:

— ברכה, כ׳וועל באַדיי גיין אויף אייביקער קאַטאָרגע, כ׳וועל באַדיי גיין נאָכן טויט אין שאול־תחתיה אַריין אויף שבעה־מדורי־גיהנום, אויף עולם־התוהו... ברכה, דו ביסט מיין גרויסע קללה, מיין גזר מן־השמים... אלישע, נעם דעם האַנטעך און קום פון דאַנעט. דעם גורל, אלישע, קאָן שוין אַ מענטש ניט מתקן זיין! ניין! אויב ס׳איז אויף דיר גוזר געוואָרן פון הימל, קאָן שוין אָט די גזירה, אַפילו דער גרעסטער צדיק־הדור ניט אָפּשרייען און ענדערן, אַפילו אַזאַ צדיק־נפלא ווי ר׳ לייב שׂרהס קאָן שוין דאָ אויך ניט העלפן. אין אַ פינצטערן גורל, אלישע, קאָן מען שוין קיין ליכט ניט אָנצינדן. אין אַ פינצטערן גורל וועלן זיך פאַרלעשן אַפילו די

ליכט פון בית־המיקדש... צוליב וואָס, אלישע, איז געגעבן געוואָרן די נאַכט, די פינצטערניש? וואָס איז אַזוינס נאַכט? איז די נאַכט אַ תּהום, אַ פינצטערער קעסל ווו ס׳זידן דײַנע תּאוות־החומריות, דײַנע חיהשע ווּלעדנישן, דײַנע אַלע יצר־הרעותן? זאָג מיר, אלישע, וואָס איז אַזוינס שׂטן? און זאָג מיר, וואָס איז אַ מענטש קעגן דעם שׂטן?

ציטערט ער, אלישע, און ווייס ניט וואָס צו ענטפערן. פון אָנהייב איז ער געווען זיכער אַז די טרערן און דאָס מחילה־בעטן זײַנען צו „די שוואַרצע יאָרן" געקומען פון דער שרעק פאַרן צעבלוטיקן אים, אלישען, — אַזעלכס וואָלט שוין אַפילו דער טאַטע אויך ניט פאַרשוויגן. אָבער שפּעטער, נאָך דעם וואָס ער האָט אין דער קיך געהערט, און איצטער, אין דער שוין כמעט פינצטערער שטוב, הערנדיק ווי אַלע מאָל בולקעט דאָס שקאַרליקל און ווי ער רעדט, שמואל־יאָסל, און רעדט און קאָן זיך שוין גאָר ניט אָפּשטעלן, ווי שוין ניט ער אַליין, נאָר עמעצער אַן אַנדערער, אַ צווייטער רעדט פון אים אַרויס, פאַרשטייט ער, אלישע, אַז מיט זײַן מורה קומט דאָ פּאַר עפּעס ביז גאָר שרעקלעכס. אָבער וואָס?

אויך ער, אלישע, איז ווי אין אַ פײַער. דער קאָפּ שפּאַלט זיך אים און ער זעט אים ביט, „די שוואַרצע יאָרן", וואָס זיצט פון יענער זײַט טיש אַנטקעגן; נאָר די רויטע באָרד ווערט אים ניט אויסגעלאָשן אַפילו אין דער פינצטער; דאָך כאַפּט ער אויף יענעמס אַנגעזאָליעטע רייד, קלײַבט זיי אין זכּרון אַרײַן ווי ער וואָלט זיי ווּלן פאַרהיטן פאַר זיך אויף שפּעטער.

פּלוצעם פאַרגעסט שוין גאָר אלישע אין זיך און ווו ער געפינט זיך, און הערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, ווי דער שוין שיכּורער מורה זײַנער, נאָכן אַרײַנבולקען דאָס לעצטע ביסל בראָנפן פון פלעשל אין האַלדז אַרײַן, הייבט אָן צו דערציילן פון אַ גביר, וואָס האָט געבראַכט זײַן בן־יחיד צום גרויסן ר׳ לייב שׂרהס און געבעטן בײַם צדיק ער זאָל אויסהיילן זײַן קינד, וואָס דאָס לינקע פיסל איז בײַ דעם פון געבוירן אָן קירצער פונעם רעכטן. אים, דעם גביר, איז אַלץ אייגנס צי דער געטלעכער מאָן ווועט לענגער מאַכן דאָס לינקע פיסל אָדער פאַרקערט, קירצער מאַכן דאָס רעכטע. האָט ר׳ לייב שׂרהס געפרעגט בײַם אָב־הילד צי די אַרבע כּנפותלעך בײַם קינד זײַנען כּשרע, צי האָט מען אין שטוב גוט איבערגעזען די מזוזות, צי פאַרשפּעטיקט מען, חלילה, ניט מיטן אָנצינדן די שבת־ליכט? און נאָך דעם ווי דער גביר האָט בדמעות־שליש פאַרזיכערט דעם צדיק אַז

די שטוב ווערט ביי אים געפירט אין טהרה און כשרות, אז אלע תרי״ג מיצוות ווערן געטריי אפגעהיט. דעמאלט האט ר׳ לייב שׂרהס גענומען תפילה טאן פארן קינד און אלע האבן דערזען ווי דאס לינקע פיסל הייבט אן צו וואקסן, צו ווערן לענגער און לענגער און ס׳האט אריבער־געיאגט דאס רעכטע פיסל! האט דער צדיק ווידער תפילה געטאן פארן קינד און דאס רעכטע פיסל האט גענומען וואקסן און לענגער ווערן און ס׳האט איבערגעיאגט דאס לינקע פיסל!

— מיט איין ווארט, אלישע, דעם צדיק איז דערנאך אויסגעקומען תפילה צו טאן דריי טעג מיט דריי נעכט ביז די פיסלעך ביים קינד האבן זיך צוריק געשטעלט אויף זייער אלטן ארט. צו א גזר מן־השמים קאן שוין אפילו א ר׳ לייב שׂרהס אויך ניט העלפן. אויב ס׳איז דיר אנגע־חתמעט געווארן צו הינקען — פארפאלן! וועסטו שוין הינקען פונעם וויגל ביזן גרוב...

און באלד האט שוין פון „די שווארצע יארנס״ רייד ווידער גענומען אלישען טרייסלען — ער האט שוין גאר אויפגעהערט צו פארשטיין וואס יענער רעדט, וואס ער וויל פון אים און צוליב וואס ער האלט אים דא אין דער פינצטערניש, פאר וואס לאזט ער אים ניט גיין אהיים? די ערד איז שוין אזוי צעווייקט געווארן אז ער וועט אין דער פינצטער ניט קאנען אנטאפן מיטן פוס קיין הארט שטיקל פון די בלאטעס. אויך די גערטנער ליגן אין גריבלעך וואסער, וואס קרעלן און קלאפטען זיך פון די אניאגנ־דיקע ווינטן; אין גיכן וועלן זיי פארפרוירן ווערן און אז ער וועט גיין אויף דער נאכט פון חדר וועלן די אייז־פענצטערלעך פון דער ערד פלאצן אונטער זיינע טריט. ער רוקט זיך פאמעלעך צו דער טיר, גייט פארביי שמואל־יאסלען, וואס וויגט זיך אויף דער באנק און הייבט אלע מאל די הענט צו דער סטעליע; ער באמערקט גאר ניט, זיין גמרא־מלמד, ווי ער, אלישע, גייט אוועק. ער רעדט פון שיכּרות גלאט אין דער וועלט אריין. מסתמא האט ער אויך פריער גערעדט ניט צו אים. די זעלבע רייד וואלט ער געקאנט זאגן צו דער קאץ ווען זי זעצט זיך אים אוועק אנטקעגן אויפן טיש. נאר ווען ער נעמט זיך פאר דער קליאמקע, בלייבט ער שטיין ווי איינגעגראבן:

— דיין שוועסטער האט אויך ניט געקאנט אויסמיידן איר גורל. דא־נערשטיק וועט זי פון דעסטוועגן גיין מיטן הארבארניק אונטער דער

חופּה! פונעם גורל איז ניטאָ וווּהין צו לויפן. ניטאָ! ניטאָ! ניטאָ! אַזאַ שיינע און אַזאַ גערעטענע גאָלדע־רחל... אָבער גיי, אַ גזר מן־השמים. אַז מ׳וויל איז ער אויך ניט שולדיק אין איר אומגליק. ער איז געווען ניט מער ווי די האַנט פונעם שׂטן. אָבער אַ מערדער איז ער. און מיט אַ מערדער דאַרפסטו זיך ניט חברן.

— מיט וועלכן מערדער דאַרף איך זיך ניט חברן?

— מיט פּיטשען...

— פֿאַר וואָס איז פּיטשע אַ מערדער?

— פֿאַר וואָס, פרעגסטו? ווײַל דאָס האָט ער אָפּגעסמט דײַן שוועס־טערס מאַן, ליפען... בײַם משוגענעם קאָן די ווינטמיל ניט איבערמאָלן אַלץ וואָס ער האָט אָנגעלערנט. פּיטשע קען אַ סך און ווייס נאָך מערער. אָבער זײַן ווינטמיל אין קאָפּ קאָן עס ניט איבערמאָלן. פּיטשע איז אויך אַ לונאַטיקער. אין לבנה־נעכט גייט ער אַרום איבער די דעכער. פּיטשע, זײַן אמתער נאָמען איז פּסח, ער שטאַמט פון פּינסק, איך האָב מיט אים אַמאָל געלערנט צוויי יאָר אין נאַוואַרעדאָקער ישיבה, געהאַט מיט אים אַפילו בײַ איינע בעלי־בתּים טעג; מיר האָבן בײדע געבראָכן מידות, זיך מתוודה געווען, געבויט בערג אויף אַ האָר... זײַנען זיי גיך אײַנגעפאַלן! ער האָט זיך שפּעטער געחברט מיטן „קאַלטן חסיד", וואָס דו ביסט אַ נאָמען נאָך אים. פּיטשע איז געוואָרן אַ כּופר־בכּל. און אַז אַ מענטש פאַר־בלײַבט אויף זײַנע אייגענע כּוחות, קאָן שוין דער שׂטן קומען און אים נעמען מיט הוילע הענט. ער קאָן שוין פראַנק און פרײַ אַרײַן אין זײַן האַרצן און געוועלטיקן דאָרטן וויפל און ווי אַזוי ער וויל. ער קאָן אים שוין יאָגן בײַ נאַכט צו אַן אַלטער מויד אויפן היי. — פּלוצעם שפּרינגט ער אויף פון דער באַנק, לויפט צו און הייבט אים אויף, אלישען, פון דער ערד אַזוי, אַז אלישע דערפילט דעם מלמדס בראָנפן־פײַערדיקן אָטעם אויפן פּנים און אויך יענעמס שׂנאה־פײַערדיקן בליק. — אויף פּופּציק יאָר דאַרפסטו פאַרגעסן וואָס דו האָסט דאָ בײַ מיר אין שטוב געזען און געהערט... נעם אָן מײַן באָרד און גיב מיר דײַן וואָרט! שטאַרקער, נעם אָן די באָרד מײַנע שטאַרקער, נאָך שטאַרקער, אָט אַזוי ווי איך הייס דיר! כ׳הער ניט דײַן קול, העכער, נאָך העכער! איצטער לויף אַהיים און זאָג אַז כ׳בין מיט דיר דורכגעגאַנגען פון בבא מציעא: שנים אוחזין בטלית... צוליב שלום־בית מעג מען פאַרלייקענען! — ער לאָזט אים אָבער נאָך

אַלץ ניט אַרויס פון זײַנע זיך־טרייסלענדיקע הענט. ער האַלט אים נאָך אַלץ אין דער הייך, פּנים־אל־פּנים. זײַן אָטעם ווערט נאָך הייסער, זײַנע אויגן נאָך פלאַמיקער. — אויף פופציק יאָר דאַרף דײַן זכרון פאַרשלאָסן ווערן, דו הערסט? ציטער ניט אַזוי און רעד! כ׳גלייב דיר! אין פופציק יאָר אַרום, אַז דו וועסט באַנעמען דעם פסוק פון מי יודע רוח בני האדם העולה היא למעלה ורוח הבהמה היורדת היא למטה לארץ... אָט דעמאָלט, אַז דו וועסט עס פאַרשטיין, דעמאָלטן מעגסטו שוין רעדן. דעמאָלט מעגסטו שוין מישפּטן מענטשן. אָבער דאָס אויך בתנאי, אַז דו אַליין, דײַן אייגענע נשמה וועט פאַרבלײַבן ריין! און איצטער לויף! אַרויס פון מײַן שטוב! מער זאָל דײַן פוס דאָ ניט זײַן... דו דאַרפסט שוין האָבן אַן אַנדער גמרא־מלמד. איך וועל וועגן דעם איבעררײדן מיט דײַן טאַטן.

און שוין נאָכן אַרויסרײַסן זיך מיט די לעצטע כּוחות פון די קנאָכיק־שאַרפע פינגער, וואָס האָבן ניט נאָר אין די ריפּן, נאָר אויך אין דער נשמה אויף יאָרן זיך אַרײַנגעשניטן, — ער וועט אָבער זײַן וואַרט העכער פופציק יאָר האַלטן אויף זיבן שלעסער. ער וועט אַפילו ניט קאָנען דער־קלערן פאַר וואָס? — שוין לויפנדיק מיטן זשמוט האָר פון דער פײַער־דיקער באָרד אין האַנט, שוין אויסגעמיטן דעם באַרג מיטן קלויסטער, דעם גלחס שטוב מיטן פײַפנדיקן סאָד, ווו הינטערן שטיינערנעם פּלויט, צווישן זיך־ווײַסנדיקע בערעזעס וואַרפן זיך מיט צאָרנדיקן בילעריי די צוויי קודלאַטע הינט; שוין אַרויף אויפן ליידיקן מאַרק, ווו אין דער נאַכט בלאַנקעט אַרום יאַנטל דעם שוסטערס ווײַסע בהמה און קלײַבט צונויף מיט די ליפּן די אָנגעטרייסלטע שטרוי פון די פויערשע וועגענער, שוין אַפילו דעמאָלט הערט ער נאָך ר׳ שמואל־יאָסלס אויפגעבראַכט און אויפ־געוויייטיקט ווידוי־קול. אָבער קיין קלאָרע ווערטער דערגייען שוין ניט צו אים, צו אלישען: זיי ווערן אויסגעמישט מיט די קלאַנגען פון די כּלי־זמר, וואָס קומען מיט די ווינטן פון צדוקס שטוב, ווו מ׳גרייט זיך אַפּנים אָפּשפּילן די תּנאים פון דער שניטקרעמערנס זון מיטן סטאַליאַרס טאָכטער.

ער שלעפּט שווער דעם טאַטנס שטיוול פון די בלאָטעס. די שײַן וואָס פאַלט פון די פענצטער אויף די פּעטע וואַסערן שווינדלט מיט אַ גרינ־לעכקייט אין די אויגן. און די הײַזער פון אונטער די שטרויענע און פון אונטער די שינדלדעכער, זעט מען קוים פון דער ערד אַרויס. און אים דאַכט זיך, אַז אויך זיי וועלן באַלד אין אָט דער פינצטערניש, בײַ אָט

דעם אַנשטערנדיקן הימל, נעמען פאַר אים, פאַר אלישען, זיך מתוודה־זיין, עפּעס אויסשרייַען ווי ר׳ שמואל־יאָסל. וואָס איז אַזוינס נאַכט? אַ תהום? אַ פינצטערער גורל ווו מ׳קאָן קיין שייַן ניט אָנצינדן, ווו ס׳לעשן זיך אויס אַפילו די ליכט פון בית־המיקדש. און וואָס הייסט אַ כופר־בכל? און וואָס איז אַזוינס פּיטשע? און וועלן זיי אויך באַלד אָנהייבן שרייַען, די הייַזער, פון דער פינצטערניש, מיט אַ שיכּרות־פייַערדיקן אָטעם: וואָס זייַנען מיר קעגן דעם שׂטן? און נאָך וועלן זיי באַלד אָנהייבן שרייַען:

— מיט אים, מיטן מערדער, זאָלסטו זיך ניט חברן!

און פּלוצעם דאָ, אויפן שפּעט־האַרבסטיקן דורכגערעגנטן מאַרק, ווו ערגעץ קלאַפּט אַן אָפּגעריסן ברעטל און פון די קוימענרויכן שמעקט מיט געקאָכטן אַרבעס, לעם יאַנטלס ווייַסער בהמה מיט די אָפּגעבראָכענע הערנער, וואָס רעוועט אַלע מאָל פון הונגער אין דער נאַכט אַרייַן, פּלוצעם דאָ, הייבט ער אָן, אלישע, צו פאַרשטיין דער מאַמעס זאָג צום טאַטן: „ווער ווייס אים, אויף אַ משוגענעם קאָן מען אַלץ גלייבן... זאָל דער־וואָס־לעבט־אייביק אָפּהיטן און אויסהיטן פון אַזאַ ליבשאַפט!“

די תּלמוד־תּורה־ייִנגלעך לויפן שוין אויך פונעם „מאָוער“, פון זייער רבין, ווי פון אַ שׂרפה, מיט אַ געפּילדער איבער די בלאָטעס אַהיים. באַלד וועט אַהין קומען אויף אַ גאַנצער נאַכט ר׳ מנחם־זוסיע דער חזן, וואָס האָט אַמאָל געפּרוווט אָפּרעדן אלישעס זיידן פון עולה־רגל־זייַן קיין ארץ־ישׂראל, ווייַל נאָכן חורבן בית־שני האָט אויך דער אייבערשטער פאַר־לאָזט דאָס לאַנד און איז מיט זייַן פאָלק אַוועק אין גלות. דאָ, אין גלות, וויינט די שכינה אין די נעכט אויפן חורבן. אויך די קדושה פונעם הר־הבית און אַפילו פונעם כּותל־מערבֿי איז ניט פאַרבליבן דאָרטן. ערשט אַז דער גואל־צדק וועט קומען, וועלן ייִדן גיין מיט אים קיין ארץ־ישׂראל און די שכינה, די קדושה, וועט זיך צוריק אומקערן מיט זיי אַהין...

אין „מאָוער“ קומען לערנען ביז האַלבער נאַכט אַ סך ייִדן. אין אַזעל־כע נעכט גייט אויך זייַן טאַטע אַהין זינגען תּהילים. זייַן טאַטע זינגט אויס יעדן אות. זייַן טאַטע זאָגט, אַז אין איין קאַפּיטל תּהילים ליגט דער גאַנ־צער ייִד... אויך פּיטשע קומט אַהין בלעטערן ספרים. ס׳איז שוין ניט פרי. די בעל־עגלות פאָרן שוין צום וואָקזאַל — אין גיכן דאַרף שוין אָנקומען די אָוונטיקע באַן. אויף די פאַטאָגנען ברענען פון פראָנט צו צווייַ לאָמטערנס וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין די רעגן־וואַסערן. דער אַלטער

רחמיאל, וואָס באַקומט חודש־געלט פון דער שטאָט „פאַר האַלטן אַן אויג" אויף אָסטאַפּן דעם חזניק און אַרכיפּן דעם באָנדאַר, וועלכע פאַלן אַן אין אַ מאַרקטאָג אויף יידן — רחמיאל קלאַפּט דעמאָלט אַרויף אַרכיפּן צוויי בלאָע רייפעלעך אַרום די אויגן, אָסטאַפּן צעקנייטשט ער אַלע זיבן ריפּן און גייט דערנאָך צוריק אין זײַן קאַמער שלאָפן, ביז מ'וועט דאַרפן שפּאַנען די פערד אויף צו פאָרן צום וואָקזאַל — ער, רחמיאל, פאָרט איצט אַ לײַדיקער, שעלט די פערד און קרעכצט.

אין דער בעל־מלאָכישער גאַס איז ליכטיקער. אין די הײַזער ברענען גרויסע הענג־לאָמפּן: די שנײַדערס, קירזשנערס און שוסטערס גרייטן סחורה צום יאַר־יאַריד. פון איציק דעם שנײַדערס שטוב טראָגט זיך דאָס האַסטיקע שטעפּערײַ פון די ניימאַשינען און זײַן טאָכטערס, צירלס, זינגען:

די שיינע ריווע ליגט אין גאָרטן,
דער רעגן טריפט אויף איר,
און נאָך יעדן טריף
פאַרלירט זי דעם קאָליר.

כאַפּן דאָ אונטער די איבעריקע מיידלעך:

הוי, ניט אַזוי דער קאָליר
ווי די שיינע פאַרבן
איידער אַזאַ לעבן,
איז שוין בעסער שטאַרבן.

און בײַ שאַמען דעם קירזשנער אין פענצטער זעט מען ווי ער מיט די פיר זין שטייען אַרום דעם לאַנגן טיש, שפּרייטן אויס מיט וואַטע דעם אונטערשלאַק פאַר די באַראַשקענע היטלען, און זינגען אַלע פינף מיט פאַרשיידענע שטימען, אָבער אַלע ווי איינער:

שמידט אונדז אין אײַזערנע קייטן,
ווי בלוטיקע חיות אונדז רײַסט.
איר קאָנט אונדזער קערפּער נאָר טייטן
אָבער ניט אונדזער הייליקן גײַסט.

— צו וואָס שטייסטו דאָ אין דער בלאָטע אויף דער קעלט, צו וואָס

הערסטו זיך דאָ אַזוי צו, האָסט דען ניט געהערט ווי בעל־מלאָכות זינגען? מיר זוכן דאָך דיך אַרום שוין אַ גוטע שעה. ס׳איז דיר קאַרג געוועז דיין מלמד, ווילסטו נאָך פונעם טאַטן אויך האָבן? — די מאַמע נעמט אים פאַרן הענטל. — דער רעגן הייבט שוין ווידער אָן גיין. ס׳איז עפּעס היי־יאָר אַ גלותדיקער אָסיען.

— וואָס הייסט אַ גלותדיקער אָסיען?

— אַ לאַנגער אָסיען, ווי אונדזער גלות. מ׳זעט גאָר צו אים קיין סוף ניט. ס׳איז דיר שווער אַרויסשלעפּן די שטיוול פון דער בלאָטע? קום גיכער, מ׳וועט שוין באַלד פאַרן פונעם וואָקזאַל. גאָלדע־רחל דאַרף אָנ־קומען מיט דער אָוונטיקער באַן. מאָרגן פאַר נאַכט פירט מען זי צו דער חופּה... ביי שמואל־יאָסלען איז גאָר ניט אַזאַ שלעכט האַרץ, נאָר אַ הונ־געריקס.

— וואָס הייסט, מאַמע, אַ הונגעריק האַרץ?

— כ׳קאָן עס דיר, מיין זון, ניט דערקלערן. און צו וואָס דאַרפסטו דאָס אַלצדינג וויסן און צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס אַלצדינג הערן און אַלצדינג זען? אָבער שמואל־יאָסלס גוטסקייט איז אַ וואָגן אָן רעדער.

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַז אויף אַזאַ וואָגן קאָנסטו זיצן, נאָר ניט פאָרן. וואָס זשע איז די פּעולה פון זיצן אויף אַזאַ וואָגן אָן רעדער? און ביי פּיטשען איז דאָס האַרץ גאָר אויסגעטריקנט, פאַרדאַרט געוואָרן.

— ווי אַזוי, מאַמע, קאָן אַ האַרץ פאַרדאַרט ווערן?

— ווי אַזוי קאָן איך עס וויסן, מיין קינד? אַזעלכס וויס נאָר דער־וואָס־לעבט־אייביק. ער איינער ווייסט עס. נאָר אין אַ פאַרטריקנט האַרץ איז שוין ניטאָ קיין ברעקל רחמנות, ווי אין אַ פאַרטריקנטער ערד קומען אום אַלע געוויקסן...

— מאַמע, אַנטקעגן וואָס זאָגסטו דאָס?

זי ענטפערט ניט. גייט איבער די בלאָטעס אַ שווייגנדיקע. נאָר ביי דער בלינדער וואַנט פון כאַנציעס שטוב זאָגט זי:

— אָט־דאָ ערגעץ האָסטו מיר געפונען דאָס פאַרלוירענע פינפערל. און אפשר וואָלט געווען גלייכער ווען דו געפינסט עס גאָרניט. פרעג מיך מער גאָרניט, אלישעלע, פרעג מיך ניט! ניטאָ שוין מער קיין כּוחות צו זיין אַ שטומער עדות פון אַזוי פיל אומגליקן. מיר לעבן אין אַ וואַלד

פון צרות, פון גזירות און דער אייבערשטער, ער זאָל מיך ניט שטראָפֿן פֿאַר מײַנע רייד, האָט אונדז אַוועקגעזעצט אין אָט דעם וואַלד אויף אַ וואָגן אָן רעדער און געהייסן וואַרטן אויף משיחן... פֿרעג מיך ניט, מײַן קינד, פֿרעג מיך ניט! ניט תּמיד רעדט דער מענטש. גיי אָפּ אין אַ זײַט, שפּאַר זיך צו צום פּלויט, אַ בעל־עגלה פֿאָרט, אפֿשר פֿאָרט שוין גאָלדע־רחל? און איך, די מאַמע, וועל מאָרגן דאַרפֿן אָנטאָן די שבתדיקע מאַטענע, מאַכן אַ פֿריילעכן פּנים און זי פֿירן מיטן האַרבאַרניק אונטער די פֿיר שטעקנס? דאַרף מען ניט נעמען און צערײַסן זיך דאָס האַרץ אויף צווייען? ניין, ס׳איז ניט גאָלדע־רחל, דאָס פֿירט עמעצן רחמיאל צו די ווײַנשענקערס.

# יב

זי איז געקומען, גאָלדע־רחל, שפּעטער, מיט דער ביינאַכטיקער באַן, ווען ער, אלישע, איז אַ צונויפגעדרייטער געשלאָפן אונטער דער רעדנע אויף די פיר טאַבורעטקעס ביים הייסן אויוון און ווי תמיד נאָך אַ שווער־אָנגעליטענעם טאָג, געזען שיינע חלומות. דערצו נאָך איז אין יענער טיף־האַרבסטיקער נאַכט געשטאַנען אין שטוב אַזאַ שטילקייט ווי עמעצנס לעבן און טויט וואָלט געלעגן אויף דער וואָג און אַלע קוקן צו מיט שרעק אויפן זיך־וואַקלענדיקן צינגל, אַוועלכע שאָל וועט איבערציִען? אַפילו די „מאָרעניקעס" זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. דער טאַטע, וואָס האָט אלישען גאָרניט געפרעגט, נאָר געקוקט אויף אים מיט די גרויסע אויגן און באַלד אַריבערגעפירט דעם זעלבן בליק אויף די „מאָרעניקעס", געזאָגט:

— ס'דאַרפן קומען געסט...

און די „מאָרעניקעס" זיינען זיך צעגאַנגען. אַזוי פלעגן זיי גאַנצע נעכט, ביי פאַרהאַנגענע פענצטער טרינקען פון פאַרפאַרעטע קריינטעכצער די גרינע וואַסערן, פון וועלכע מ'ווערט געל, געהויבן שווערע געוויכטן אויף זיך אונטעררייסן. די ערשטע טעג האָט אלישע ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר און צוליב וואָס דאַרפן געזונטע מענטשן, טאַטעס פון קינדער, זיך „מאָרען", זיך אַזוי אויסמאָגערן, זיך אונטעררייסן דעם בויך, רייכערן געטריקנטע וואַלדבלעטער געוויקלט אין גראָבן פּאַפּיר, וואָס נאָר פונעם רויך אַליין קאָן מען דערשטיקט ווערן. שפּעטער האָט ער שוין געוווּסט צוליב וואָס: כדי ביים פּריזיוו־שטיין באַפרייט ווערן פון דינען „פאָניען", ניט דאַרפן גיין אויף דער מלחמה פאַרגיסן בלוט פאַרן קייסער, פאַרן שונא־ישׂראל. אין יענע נעכט האָט זיך אלישע אַ סך אָנגעהערט און אָנגעזען. אויך פלעג אַ מאָל קומען דער משוגענער, פּיטשע. קיינער האָט אים ניט געטריבן. ער האָט נאָר אַלעמען געוואָלט איינרעדן, אַז ווען ניט דער שׂטן, וואָלט די וועלט דערטרונקען געוואָרן אין טרויער. אַז דער

שׂטן איז דאָס ליכטיקע אין דער פינצטערניש, אַז גראָד דער שׂטן איז דער שׂכל פון דער וועלט! האָט זיך קיינער מיט אים ניט געשפּאַרט און ניט געשטעלט זיך קריגן. פּאַר טאָג פלעג ער אַוועקגיין, פּיטשע, צום אַלטן רב רעדן וועגן עולם האצילות. און ר׳ וועלוועלע פלעג שטיין פאַרן משוגענעם מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און פון די אויגן האָבן זיך אים געגאָסן פּלגי־מים.

און דער טאָג פון דער חופּה, מיט שניי און רעגן, אָפּט מיט אַ שטיק ריינעם הימל איבער די פאַרשוואַרצט־געוואָרענע גערטנער און אַפילו מיט אַ שוואַך־וואַרעמדיקער רויטלעכער זון, וואָס זאָגט אָן אויף אַ פראָסט; אין שטוב האָט געשמעקט מיט געדושעכץ, געבראָטנס און געפעפּערטע פיש, מיט פּאַטראָוועס פון גרינסן און אויבסן, מיט האָניק און אייער־קיכלעך, מיט פלוימען־פלאָדנס, עפּל־שטרודל און מיט אַלערליי בורא־מיני־מזונותלעך: אַלץ געבראַכט גרייטס פון די בעקערס און פון די סאַרווערינס פאַר די פינף הונדערטער וואָס גאָלדע־רחלס חתן האָט צוגעשיקט אויף צוגרייטן און איינקויפן מיט דער ברייטער האַנט...

אלישעלע האָט זיך אַרומגעדרייט אינעם נייעם קאָרטענעם גאַרניטערל פון כאַקי־קאָליר, אין נייע שטיוועלעך, וואָס ליגן צום פוס ממש אַ דער־קוויקעניש און גלאַנצן מיט אַזאַ פריילעכקייט, אַז ס׳איז פּשוט אַ רציחה אַריין מיט זיי אין דער בלאָטע, און אויך אויפן קאָפּ אַ ניי וואַרעם קאַש־קעטל, וואָס שמעקט מיט פאַרלעגערטן שטויב, — שאַמע דער קירזשנער ניט זיי פון אַלטע קאַזיאָנע מונדירן — טאָקע פון יענע ת״ק קערבלעך אָפּגעשפּאַרט אויף צודעקן אַ ביסל דעם דלות אויף די קינדער; זי האָט ניט געלאָזט, ליבע־שׂרה, דעם מאַן אירן, מאירן, וואָס האָט אין דער שטיל זיך געטרייסט, אַפילו זיך געפרייט מיט זיין דלפנות, געהאַלטן אַז וואָס גרעסער די צרות, וואָס שווערער ס׳ווערט דער גלות, אַלץ נענטער איז צום קץ, צו דער גאולה: נאָכן אָנקומען פון די אַרויסגעטריבענע יידן פון גאַליציע און בוקאָווינע אין שטעטל אַריין, האָט ער שוין אויף ביי נאַכט געלייגט דעם אַלטן שופר פון זיין טאַטן, וואָס איז געווען אויך בעל־תוקע אין קלויז, צו זיך צוקאָפּנס, אונטערן קישן; געשלאָפן אומרויִק, זיך אַלע מאָל אויפגעכאַפּט: מורא געהאַט דורכלאָזן די רגע פון ביאת־המשיח. — זי, ליבע־שׂרה, האָט אים ניט געלאָזט שניידן זיך די פינגער, קאַרגן, געוואָלט אַז דער געגרייטער טיש זאָל וואָס מער פאַרדעקן און פאַרשטעלן;

אָבער געווען ניט אויסברענגעריש, ניט צעוואָרפֿן, תּכליתדיק, אויסגע־שניטן אַפֿילו אויף אַ מתּנה פֿאַר דער בעל־עגלהכע, וואָס זייגט איר אייניקל, גאָלדע־רחלס קינד, — מ׳וועט עס נעמען צום האַרבאַרניק אין שטוב אַריַין ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום נאָך דער חופּה.

אין יענעם טאָג, שוין צו־פֿאַר־נאַכט־צו, שיט אַ טרוקענער שניי און אויף די פֿענצטער נעמען זיך שפּיגלען באַזילבערטע פֿראָסט־חלומות. ס׳קומען אָן די פֿאַרבעטענע געסט, אויך די וויַיטע קרובֿה, די רייַכע נאַהאַדיערן, מאַריאַשע, וואָס האָט געליִען דאָס גאָלדן פּינפּערל, האָט זיך אַריינגעשטעלט אין איר קאָטיקן מאַנטל מיט די היפּטן־ און אַקסל־קישעלעך; ס׳איז שוין אויך אַריין, אינעם גרויסן שטריַימל, דער בעל־תּשובֿה, דער אַלטער דאָקטער ווייסגאַל, וואָס האָט געשיקט ליבע־שׂרהן קיין קיִעוו אויף דער אָפּעראַציע און אויך דעמאָלט געראַטעוועט אלישע־לעס לעבן מיטן אויפשניַידן אים דאָס פֿאַרלייגטע העלדזל: דער דאַרער און לאַנגער דאָקטער קושט די מזוזה אויפֿן ביישטידל ניט מיטן פֿינגער, נאָר פֿאַלט צו מיט די ליפּן, קושט לאַנג און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. דער טאַטע ווינקט צו אלישען: לערן זיך, אָט דאָס הייסט זיַין אַ ייִד! — דער עיקר אָבער גייען די האַרבאַרעס, וואָס האָבן עסקים מיטן חתן, מיטן נאַראַדיטשער רייַכן האַרבאַר און קויפֿן אויך אָפּ ביי ר׳ מאירן די אָנגעקויפּטע פֿעל פֿאַר דער וואָך אויף די מאַרקן און יאַרידן — רינדענע, שאָפֿענע און אויך די פֿעלכלעך פֿון בן־פּקועלעך; זיי קומען, די האַרבאַר־ניקעס מיט די וויַיבער פֿון יענער זיַיט טייַך, אָנגעשנייטע, פֿאַרווייעטע, טרייסלען ביַי דער טיר די בערד און די שמוישענע יאַלעמעס, די פֿעלצן; די וויַיבער טרייסלען זייערע וואָלענע שאַלן, די פּליושענע רעטאַנדעס מיט די פֿוטערנע קעלנערלעך, דערנאָך שאַרן זיי אָפּ מיטן בעזעם דעם שניי פֿון די שיך אויף די הויכע קנאַפּל מיט די געשנורעוועטע כאַליוועס, רעדן אַלע אַזוי, ווי זיי וואָלטן געקומען צו טויבע און טראָגן אונטער דער כּלה־אַלמנה שטיַיף פֿאַרוויקלטע און שטאַרק פֿאַרבונדענע פּעקלעך און באַזעצן זיך ביַים טיש אַנטקעגן זייערע מענער, וואָס אַפֿילו פֿון די שבתדיקע קאַפּאָטעס שמעקט מיט דעמבענער קאָרע און מיט דיאָכט... מ׳מאַכט דערוויַיל „שהכּל״ און מ׳פֿאַרביַיסט מיט בורא־מיני־מזונות. דער חתן דאַרף אָט־אָט אָנקומען. דער אַלטער רבֿ, ר׳ וועלוועלע, וואָס דאַרף מסדר־קידושים־זיַין, איז נאָך אויך ניטאָ.

דער פאַרפרומטער דאָקטער ווײַסגאַל, וואָס איז געקומען פאַרדינען אַ מיצווה, האַלט זיך בײַ דער אָנגעוואַקסענער גרויסער באָרד ווי פאַר אַן אוצר, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן פון הימל, ווי פאַר אַ נס וואָס ער, דער פריִערדיקער אַפּיקורס, איז דאָס גאָר ניט ווערט און שאָקלט זיך ווי בײַם לערנען אַ בלאַט משניות; און דער שדכן, ר׳ שמואל־יאָסל, דער גמרא־מלמד, האַלט אין איין אײַננעמען „תּיקון״. אין אלישעס זײַט קוקט ער ניט, ווי ער, אלישע, וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. ער דערציילט פאַר די ייִדן וועגן דעם גלח, דעם שיכּור, וועגן ראַספּוטינען, וואָס האָט געהאַלטן מיט כּישוף דעם קייסער און די קייסערינע אין זיינע הענט, ווי ראַספּוטין האָט זיי געלערנט ווי אַזוי מ׳דאַרף געוועלטיקן איבער דער אימפּעריע, ווי אַזוי מ׳דאַרף פירן די מלחמה. האָט אים אָבער א״ן איינעם אַ טאָג דעם קייסערס מיניסטער גענומען, ראַספּוטינען, און דער־שאָסן אויף טויט.

— אָט האָט איר אײַך אַ גורל! אָט דאָס איז דער גורל פון ראַסיִע, און אָט האָט איר אײַך דעם גורל פונעם דאָרפישן גלח.

אין שטוב, שוין בײַ אָנגעצונדענע ליכט און לאָמפּן, ווערט וואָס ווײַטער פריילעכער, געהויבענער, הימלעכער: מ׳פירט אַ שמועס וועגן ווײַטע זאַכן, דער עיקר פון וועגן דער מלחמה, וואָס מ׳זעט גאָר צו איר ניט קיין סוף און ייִדן דאַרפן גיין פאַרגיסן בלוט פאַר זייערע ביטערע שונאים. דערווײַל איז שוין אויך דער חתן צוגעפּאָרן אויפן פאַעטאָן צום כאַמע שוועל, אינעם טכו׳רענעם פוטער, אין דעם הויכן היטל, מיטן אונטערגעשוירענעם גרויען בערדל, מיטן איבערגעטריבענעם שמייכל, מיטן לעדערנעם פּודלע גאָר באַזונדערע מתּנות פאַר דער כּלה, וואָס באַ־דינט די געסט מיט אַ פּנים־יפות, אין אַ ווײַס קלייד, אַ פאַררייטלטע, ווי זי וואָלט געטאָן אַזעלכס וואָס איז איבער אירע כּוחות און דאָך — פּלוצעם ווערט איר פּנים אויך ווײַס: מיטן אַרײַנגעקומענעם אַלטן רבֿ איז אויך אין שטוב אַרײַן דער משוגענער, פּיטשע.

אָבער איר ווײַס־ווערן, ווי אַלע בלוטן וואָלטן פּלוצעם פון איר אָפּ־געגאַנגען: אָט נאָך אַ רגע וועט זי זיך אומוואַלגערן אויף שוין ניט אויפֿ־שטיין, און דער אַלטער דאָקטער ווײַסגאַל, וואָס איז אַהער געגאַנגען ווײַל מורא געהאַט אַז די שיינע און אויסגעשפּילטע, די פיר און צוואַנציק־יאָריקע גאָלדע־רחל, גייענדיק מיטן פופציק־יאָריקן רײַכן האָרבאַר צו

דער חופּה, וועט אין חלשות פאַלן, ער, דערזעענדיק איר פּנים, האָט שוין אַרײַנגעשטעקט אין קאַמזויל די צוויי פינגער אויף אַרויסנעמען דאָס צוגעגרייטע טראָפּן־פלעשעלע, אָבער איר בלאַסקייט האָט לאַנג ניט גע־דויערט: די פאַרב איז איר באַלד צוריק אין פּנים אַרײַן, אַפילו פאַררייטלט געוואָרן נאָך מער ווי פריִער, באַקומען אַן אויסזען פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך מיט אַ מאָל שטאַרק דערפרייט מיט אַן אומגעריכטן, מיט אַ שטאַרק אָנגעלייגטן גאַסט, זי גייט אים אַפילו אַנטקעגן מיט אויסגעשטרעקטע הענט:

— פּיטשע, ווי שיין ס׳איז פון דײַן זײַט וואָס דו ביסט געקומען אויף מײַן שימחה, ווײַסטו מיך טאַקע באַגלייטן צום בית־עולם. כ׳וויל פאַר דער חופּה זײַן אויף ליפּעס קבר...

— טאָכטער, ס׳איז דאָך שוין נאַכט, ווער גייט עס בײַ נאַכט אויפן בית־עלמין?

— און ווו ווײַסטו דאָרטן אין דער פינצטערניש געפינען זײַן שטיבל, דערצו נאָך בײַם פאַלנדיקן שניי? און צו וואָס איז בכלל דאָס גיין אַהין?

ענטפערט זי ניט, גאָלדע־רחל, אויף טאַטע־מאַמעס דערשראָקענע רייד, וואַרפט אַרויף אויפן ווײַסן לאַנגן חופּה־קלייד אַ האַרבאַרישן שוואַרצן פעלץ, וואָס שמעקט מיט דיב*.

— נו, פּיטשע, אויב דו האָסט קיין מורא ניט גיין מיט מיר אויפן הייליקן־אָרט בײַ נאַכט, טאָ נעם מיך אונטער דער האַנט, אָט אַזוי! — און זי עפנט מיט צאָרן די שטובטיר אין דרויסן אַרויס, ווו ס׳שיט דער ערשטער געדיכט־ווינטערדיקער שניי; אָבער אויפן שוועל זיך פאַרהאַלטן און געוואָרפן אַ בליק, פול מיט הייסן טרויער און טיפן ווייטיק, אויף איר מאַרגנדיקן מאַן מיטן פירעקעכדיקן גרוי, אַקוראַט אונטערגעשוירן בערדל, וואָס האָט פון נשתומם ווערן, זיך אויפגעהויבן פון טיש אויף די פיס, און אויך די אַרום זיצנדיקע, באַזונדערס ער, שמואל־יאָסל, האָבן זיך די אויגן געריבן און אַן לשון געבליבן; נאָר זיי ביידע, דער אַלטער ר׳ זועלוועלע און דער אַלטער דאָקטער ווײַסגאַל, זײַנען געבליבן זיצן רויִק און ווײַטער געשמועסט פון וועגן דעם אייבערשטנס השגחה. האָט זי גערופן אויך אַלישעלען גיין מיט איר, צוגעוואַרט ביז ער האָט דאָס

---

* דיב: — צעדריבלטע דעמבן־קאָרע.

מאַנטעלע אָנגעטאָן, דעם שאַליק אַרום האַלדז פאַרבונדן און איר האַנט אויף זײַן אַקסל אַרויפגעלייגט, ווי ניט זי, גאָלדע־רחל, נאָר ער, אלישעלע, דאַרף זי מיטן משוגענעם אין דער שנייענדיקער נאַכט פירן אויף אַ גרויסן דין־וחשבון. פירט ער זיי, אלישעלע, ניט ווייסנדיק אַליין וווהין, דורך די גערטנער, דורך די גויִישע סעדער, ווו דיביימער שטייען שוין טיף אין שניי, און ווען ער גייט אַרויס צום „פרונט", לאָזט זי מיט אַ מאָל אָפּ זײַן אַקסל און פירט פּיטשען צו זיסלס טשײַנע, ווו ס'שפּילט דער גראַ־מאָפאָן און חברה שנײַדערס, שוסטערס, בלעכערס, בעל־עגלות און קאָ־וואַליעס פאַרברענגען מיט זייערע מיידלעך בײַ אַ גלאָז טיי מיט פּײַנקוכן, ס'איז דאָרטן גאָר לעבעדיק אין זיסלס טשײַנע, ווו מ'האָט פאַר אַ יאָרן איר ליפּען אָפּגעסמט. דאָרטן שטייט זי אַ ביסל מיטן משוגענעם פאַר דער פריילעך־ליכטיקער טשײַנע אָן אַ וואָרט. אויך ער, פּיטשע, שווײַגט. דער־נאָך פירט זי אים ווײַטער צו דער שטוב ווו זי האָט מיט ליפּען געלעבט, אַ קינד געבוירן:

— דאָ, — זאָגט זי צום משוגענעם, — דאָ אונטערן פענצטער איז פאַר אַ יאָרן געפאַלן מײַן לעבן, דאָ איז פאַר אַ יאָרן געפאַלן ליפּע און נאָך באַוויזן מיר אָנקלאַפּן אין טאָפּליע. און ווען איך בין אַרויסגעלאָפן, האָט ער מיר געזאָגט: „מ'האָט מיך אָפּגעסמט"... קום! — פירט זי אים ווײַטער, פּיטשען, ביז צו נאָטעס אײַנגעפאַלענער קרעניצע, וואָס געפינט זיך שוין טאַקע גאָר ניט ווײַט פונעם בית־עולם. און דאָרטן דרייט זי אים אויס, פּיטשען, צו זיך מיטן פּנים:

— פון וואַנען האָסטו גענומען, — שרײַט זי אויס אים אינעם שיטנ־דיקן שניי מיט צאָרן, — פון וואַנען האָסטו גענומען, ווילדער חם, פון וואַנען האָסטו גענומען דעם עזות־פּנים און חוצפּה צו שרײַבן מיר, אַז ליפּע איז ניט פאַר מיר, אַז ער איז פאַר מיר ניט מער ווי אַ שוואַלב, ניט מער ווי אַ בשׂורה אויף גרויסער ליבע, אַז ער איז פאַר מיר ניט מער ווי אַ שוועבעלע? ווער האָט דיר, אָנגעכאַפּטער, פאַרדרייטער מוח, צע־יושעטער קאָפּ, ווער האָט דיר געזאָגט, און פון וואַנען האָסטו עס גענומען, אַז מײַן נשמה בענקט נאָך אַ פלאַקערנדיקן שײַטער, נאָך אַן אָדלער, וואָס זאָל מיך אַוועקטראָגן אויפן הויכן געטלעכן באַרג, אונטער די הימ־לען, און דאָרטן זאָל מײַן גוף און נשמה אַרומגעכאַפּט ווערן מיט פײַערדיקע קאָנווולסיעס? פון וואַנען, משוגענער, האָסטו עס גענומען? און דאָס האָסטו,

שיינער גולם, געוואָלט ווערן מײַן אָדלער, דאָס האָסטו מיך געוואָלט אַוועקטראָגן אויפן הויכן געטלעכן באַרג, אונטער די הימלען ?... אי־די־אָט ! איך האָב דיך פון שטוב ניט געטריבן, געלאָזט דיך זיצן אויפן שוועל און קוקן אויף מיר פשוט פון רחמנות. האָסטו דערפאַר צעבראָכן מײַן לעבן און פאַרוויסט דאָס לעבן פון מײַן קינד... און דאָס האָסטו מיר אָפּגעטאָן פון גרויסער ליבע צו מיר, און דאָס האָסטו מיך אַזוי געוואָלט פירן צום געטלעכן באַרג ? שווײַג, אי־די־אָט, שווײַג ! — און זי לאָזט זיך לויפן אויף צוריק און אויך ער, פּיטשע, דער משוגענער לויפט איר נאָך.

ווען זי איז צוריק אין שטוב אַרײַן — איר אַרויסגיין און אַרײַנגיין האָט געדויערט ניט מער ווי אַ מינוט פּופצן — אַ געדיכט באַשאָטענע פונעם קאָפּ ביז די פיס מיט שניי, מיט ברייט־צעעפנטע בליציקע אויגן, אַ פאַרפּאַליעטע, און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פעלץ, געבליבן שטיין פאַרן חתן אין דעם ווײַסן קלייד און שווער־אָטעמנדיק געזאָגט צו אים, וואָס נאָך איר אַוועקגיין האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן צי האָט ער דאָ אינעם שידוך מיט ר׳ מאיר דעם כהנס שיינער און יונגער טאָכטער קיין טעות ניט געהאָט, אָבער ווי נאָר זי צוריק דערזען און דערהערט איר אויפגערעגט קול :

— צו וואָס איז טאַקע געווען דער גאַנג ? גיין, אַהין צו — צום בית־עולם בין איך ניט געגאַנגען. ס׳שיט דאָך אַזאַ שניי. דערצו נאָך אין די טופליעס. און וואָס קאָן געבן דער גאַנג אויפן הייליקן־אָרט מיט אַ משוגענעם, מיט אַזאַ ווילדן תם, וואָס טראָגט ניט קיין אַחריות פאַר זײַנע מעשׂים ?.. אַ נאַרישער אײַנפאַל געווען. ווי קאָן מען גאָר אין אַזאַ פאַגאָדע גיין זוכן דעם קבר, און צו וואָס ?

דערזעענדיק זי זיך אומקערן אַזוי גיך און דערהערנדיק איר אויפגערעגט קול, וואָס איז פול מיט גלײַכע רייד און, ווי ס׳האָט זיך אים גע־דאַכט, מיט חרטה, האָט דער נאַראַדיטשער האַרבאַר גלײַך געהייסן שטעלן די חופּה.

— יאָ, זאָל מען שטעלן די חופּה, — האָט זי געזאָגט ניט צום חתן, נאָר צום משוגענעם, צו פּיטשען, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט מיט אַן אויסגעקרימט־שמייכלענדיק פּנים. — אַיאַ, פּיטשע, זאָל מען שטעלן די חופּה ? זאָל מען... — און ווען יואל איז אַוועק אין אַלקער אָנטאָן דעם קיטל, וואָס דאַרף דערמאָנען תכריכים פון יום־המיתה,

האָט זי צוגעגעבן: פון צונויפגעקליבענע שערבלעך קאָן מען ניט צונויפ־שטעלן קיין לעבן, איאָ פּיטשע? און אין אַ חלום, פּיטשע, ווי מיינסטו, קאָן דאָס האַרץ פּלאַצן פון פרייד?

און זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט יואלן אונטער דער חופּה: אָן כלי־זמר, אָן אַ בדחן, אַזאַ שטילע חופּה, אַז מ׳האָט געקאָנט הערן ווי דער שניי פאַלט אויף די גערטנער און ס׳שטעלט זיך אין די סעדער דער ווינטער; דאָס מסדר־קידושין־זיין איז געגאַנגען לויטן איינגעשטעלטן פון דורות מינהג, נאָר פּלוצעם האָט דער אַלטער רב ר׳ וועלוועלע זיך טועה־געווען און אויפן אָרט צו באַשיטן דעם חתן מיטן ביסל אַש, וואָס דאַרף דערמאָנען דעם טרויער אויפן חורבן בית־המיקדש, האָט ער, דער זקן, דער בעל־מקובל, אויסגעשאָטן דאָס ביסל אַש אויף איר קאָפּ, און אַלע האָבן באַמערקט ווי גאָלדע־רחל איז ווידער ווייס געוואָרן און אַרויפ־געלייגט אירעביידע הענט אויפן קאָפּ, ווי מורא געהאַט אַז דאָס אַש זאָל זיך פון איר קאָפּ ניט אַראָפּשיטן. אָבער אויך דאָס מאָל האָט איר בלאָס ווערן געדויערט אַ כהרף־עין, באַלד האָט זי מיט אַלעמען געטרונקען לחיים, געענטפערט כמעט מיט באַגייסטערונג אויף די מזל־טובס, אויף די ברכות און ווינטשעוואַניעס, געטרונקען אַפילו שוין צו פיל, געוואָרן שיכּורלעך, און ווען צו האַלבער נאַכט איז צוגעפאָרן רחמיאל דער בעל־עגלה, די פערד שוין געשפּאַנט אין שליטן, פירן צום וואָקזאַל, האָט זי זיך ניט נאָר מיט טאַטע־מאַמע, מיט שוועסטער און ברידערלעך, נאָר אויך מיט אַלע געסט ביים געזעגענען זיך געקושט; יואל האָט איר גע־האָלפן זיך אָנטאָן, זי אונטער דער בויד אַריינגעזעצט, די פיס מיטן קילעם איר צוגעדעקט און אַליין, פאַרן אַריינזעצן זיך אין שליטן, ביידע הענט אויפגעהויבן צו די, וואָס שטייען אויפן שוועל פון דער אָפענער טיר. די מאַמע איז נאָך אַ מאָל געלאָפן צום שליטן און זיך ניט געקענט אָנקושן מיט דער טאָכטער, וואָס האָט שוין מער איר קאָפּ פון אונטער דער בויד ניט אַרויסגערוקט, און רחמיאלס לאַנגע בייטש האָט אַ פייף געטאָן אין דער נאַכט און דער שליטן איז אַריין אינעם שיטנדיקן שניי.

און אַז אַלע, נאָך גאָלדע־רחלס אַוועקפאָרן, זיינען צוריק אין שטוב אַריין, איז פּיטשע דעמאָלט אין דרויסן אַרויסגעלאָפן און אַלע האָבן דער־הערט זיין ווילדן געלעכטער.

## יג

און דערנאָך גייען שוין די טעג ווײַטער פאַר אלישען, פאַרן גמרא־בחורל, וואָס לערנט שוין, נאָך שמואל־יאָסלען, אין דעם גרויסן בית־מדרש, אין „מאָוער״, פאַר זיך, מאַכט אַליין אַ לייענען, און אויב עפּעס ווערט אים קשהדיק, קאָן זיך אַליין ניט אַרויספּלאָנטערן, גייט ער צו מנחם־זוסיען דעם חזן, און יענער שפּאַנט זיך צו און העלפט אים אַרויס־גיין אויפן גלײַכן וועג. — גייען זיי שוין ווײַטער די טעג, פּשוטע ווי וואַסער, וואָס ער, אלישע, שלעפּט אַלע פאַר נאַכט פונעם אײַז־פאַרקאָוועטן ברונעם, ווו ניט נאָר די ציבערינעס, נאָר אויך די ערד איז אַ מסוכּן גליטשיקע און ס׳איז שווער אַזוי אַרויסצוציִען דעם עמער און נאָך שווערער איז טראָגן זיי, די האַלב־אָנגעפּילטע הילצערנע עמערס, אויפן קאָראָמיסלע — דאָס וואַסער זאָל ניט אַרויסגעפּליוכעט ווערן — דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, די אַקסל אונטערגעהויבן, גייט ער צו דער שטוב, דורכן לאַנגן אָנגעשנייטן געסל, אָנפילן אין קיך די דייזשקע אויף צו קאָכן און צו וואַשן זיך; בײַ דער קרעניצע שלאָגט זיך דער זשוראַוול אָן אין די נידעריקע הימלען, בלאָוע, ווי פאַרפרוירענע מילצן, וואָס ווערן אָפּט פאַרפאַלן אין די זאַווייעס אויף גאַנצע מעת־לעתן און נאָך דעם שטעלט זיך מיט אַ מאָל אַזאַ ווײַס־בלענדיקע פרייִלעכע שטילקייט און פון די וועלדער קומען שאַטנדיקע ווינטן, וואָס שמעקן מיט רויטע זשוראַווינעס און די זון, אויך אַ ווײַסע, פאַרגייט הינטער די געדיכט־פּיאַלעטע פּריר־טוויִקע טאָפּאָלן און באַלד נאָך איר שווימט שוין די לבנה איבער די בליציק־גרינלעכע פאַרשנייטע דעכער. וואָס איז אַזוינס נאַכט? אַ תּהום? אַ פינצטערער גורל, ווו מ׳קאָן שוין קיין שײַן ניט אָנצינדן, ווו ס׳לעשן זיך אַפילו די ליכט פון בית־המיקדש? זאָג, אלישע, וואָס איז אַ מענטש קעגן שׂטן? נאָך יענעם לעצטן טאָג בײַ ר׳ שמואל־יאָסלען אין חדר, נאָך דעם ווי יענער האָט אים בײַ דער טיר פון דער ערד אָפּגעריסן און אין דער פינצטערניש אין דער הייך אויפגעהויבן און מיט אַזאַ כּעס געהייסן אים

אָננעמען פאַר דער תּמיד־ברענענדיקער באָרד און געבן אַ וואָרט אַז ער, אלישע, וועט אויף פּופּציק יאָר פאַרגעסן וואָס ער האָט דאָ געהערט און געזען — נאָך יענעם טאָג איז ער מיט אַ מאָל גאָר געעלטערט און פאַרלוירן געוואָרן. באַזונדערס האָט דער גאַנצער אַרום־אים זיך געביטן נאָך דער שוועסטערס פירן פיטשען אינעם שנייפאַל צום ברונעם, וואָס ניט ווייט פונעם הייליקן־אָרט. צו וואָס האָט זי, גאָלדע־רחל, שוין אין ווייסן קלייד, שוין פאַרן שטעלן זיך אונטער דער חופּה, באַדאַרפט פירן אים גראָד אַהין, צו דער אויסגעטריקנטער און איינגעפאַלענער קרעניצע? זי האָט דאָך עס אים שוין געקאָנט זאָגן ביי דער טשיינע, אָדער גאָר שוין אונטערן פענצטער פון איר פאַראַיאָריקער וווינונג? און ניט נאָר פון שמואל־יאָסלס האַלב־שיכּורע, די מיט בראָנפן שמעקנדיקע, די פון דער באָרד גייענדיקע ברענענדיקע ווערטער, נאָר אויך פון גאָלדע־רחלס שרייען אויף פיטשען אינעם שיטנדיקן שניי אַריין, איז ער, אלישע, געעלטערט און פאַרלוירן געוואָרן. און די רייד זייערע? ביידע האָבן גערעדט מאָדנע פאַרשטעלט און פאַרבאָרגן. די ווערטער זייערע — ווי האַרטע ניס, וואָס מ'דאַרף פריִער צעקלאַפּן מיט אַ שטיין און פון דער שאָלעכץ אַרויסנעמען דעם יאָדער.

נאָך אָט די טעג האָט זיך דער אַרום־אים — דער פערד־ און פּימאַרק, דער גרינער קלויסטער אויפן באַרג, מיכעלע דער פּאָזשאַרניק אין דער אויסגעשייַערטער קאַסקע, וואָס שטייט אויפן טורעמל און קוקט אַרויס אויף אַ שׂרפה, די באַקאַליי, גאַלאַנטעריע און שניטקרעמערס, די סעדעכעס מיט זייערע קוישיקלעך אויף דער ערד ביים „פּרונט", די בעל־מלאָכות און בעל־עגלות, — דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך פאַר אים, אלישען, געביטן, איבערגעאַנדערשט און באַקומען גאָר אַנדערע קאָלירן און ריחות; עפּעס איז פּלוצלינג געוואָרן אַלצדינג וואַקלדיק ווי ער וואָלט געגאַנגען איבערן טייַך אויף דער שמאָלער קלאָדקע אָן אַ באַוואָרעניש. אפשר איז זי, די מאַמע זייַנע, טאַקע געווען גערעכט ווען זי האָט געזאָגט צום טאַטן נאָך גאָלדע־רחלס אַוועקפאָרן באַלד נאָך דער חופּה:

— מאיר, מיר זיצן אויף אַ קריִע און מיר פאָרן מיט איר אַרייַן אין קאָכיק וואַסער, מאיר די קריִע וועט דאָרטן באַלד צעגיין און מיר...

— גאָט איז מיט דיר, ליבע־שׂרה, וואָס רעדסטו? מיר וועלן נאָך מיט דיר דערלעבן הערן דעם שופר...

— ווען שופר, מאיר? דײַן שופר, וואָס דו לייגסט אים שוין אַזוי פיל יאָרן צוקאָפּנס אונטערן קישן?

ער ענטפערט ניט. די ווײַב זײַנע, ליבע־שׂרה, האָט טאַקע אַ גלײַכן קאָפּ, אויף חריפות, פאַרמאָגט אָפענע אויגן, וואָס זעען אַ מאָל גאַנץ ווײַט, טאַקע אַ ווײַבספאַרשוין, אָבער פאָרט פון חווהס טעכטער און, אַל תרבה שיחה עם אשה... זי וועט ניט פאַרשטיין, ס׳וועט צו איר פשוט ניט דער־גיין, אַז יסורים דערנעענטערן דעם קץ. ער, ר׳ מאיר, דער צאַרנדיקער כהן, האָט ליב געהאַט יסורים, אַפילו אַרויסגעקוקט אויף זיי און אין דער שטיל זיך געשפּיגלט אין די יסורים און וואָס שטאַרקער די לייד און פּײַן, וואָס שטאַרקער די דאגות און עצבותן, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער בטחון אין זײַן האַרצן. און זי, ליבע־שׂרה, פאַרקערט: זי האָט פײַנט גע־האַט אַלץ וואָס פאַרשטערט די פרייד פון לעבן. זי האָט איטלעכן טאָג, שוין אויך בײַ ברויט מיט פיש־קאַרטאָפל, אויסגעפונען די קלענסטע גע־לעגנהייט צו פאַרברענגען מיט די קינדער און לאַכן מיט זיי פונעם גאַנצן האַרצן.

— פון טרויער, — פלעגט זי זאָגן, — ווערט די נשמה שוואַרץ און מאַניעט צו זיך דעם מלאך־המוות.

אין די אָוונטן, בײַם נייען און צירעווען — דאָס אַכטער לעמפּל ברענט אָן אַ היטעלע — בײַם אויסנייען מיט די געפּערלט־געדיכטע פאַר־ביקע שטעך אויפן לײַוונט, געזונגען:

אוי, ווײַדו יאַ נאַ גאָרו
נאַ וויסאָקו, קרוטויו,
פּאָגליאַנו יאַ וו׳דאָלינו
נאַ טשערוואָנו קאַלינו.*

דער טאַטע, דעם קאָפּ אויף דער אונטערגעשטעלטער האַנט פאַר־וואָרפן, הערט זיך צו מיט פאַרמאַכטע אויגן און פאַרגינט זיך אַפילו פון

* אוי, וועל איך אַרויסגיין אויפן באַרג,
אויפן באַרג דעם הויכן
און אַ קוק טאָן כ׳וועל אין טאָל
אויף דער קאַלינע דער רויטער. (אוקראַיִניש)

מאָל צו מאָל אַ שמייכל טאָן. אָבער נאָך גאָלדע־רחלס חופּה, איז די מאַמע אַנטשוויגן געוואָרן, ווי גאָלדע־רחל וואָלט פון איר אַוועקגעפאָרן ניט אין אַן אַנדער אָרט, נאָר גאָר אין אַן אַנדער וועלט און ווי געפילט, אַז זי וועט שוין מער איר טאָכטער דאָ אויף דער ערד ניט זען. אויך פון יענער טאָכטער, פון עטלען, וואָס איז צוריק מיט יאָרן אַראָפּ פון וואָגן ביים טאָג־זעצן־זיך און מיטן קלומיקל אַוועק צום רויטן וואָקזאַלעכל, איז שוין אַ שטיק צייט קיין בריוו ניטאָ; און דער עלטערער זון, פּנחס, וואָס לעבט שוין אויך ניט אין דער היים, ער איז אַפילו צו גאָלדע־רחלס חופּה ניט געקומען; ער לעבט, פּנחס, אָפּגעזונדערט, זיך גאָר אָפּגעריסן פון יידישקייט, אַרבעט צווישן גויים אין דעפּאָ. מ׳זאָגט אויף אים, אַז ער איז פון די „מאַרקסיסטן״. וואָס הייסט עס? אויפגעהאָדעוועט אַ זון וואָס איז ניט קיין ייד און ניט קיין גוי, פּשוט אַ פרעמדער? און דער שמייכל פון אירע ליפּן האָט זיך אויך אָפּגעטאָן. יענער שמייכל וואָס האָט תמיד געזאָגט: „שווער, אַוודאי שווער, אָבער מיר דאַרפן עס איבער־טראָגן״, יענער שמייכל וואָס האָט אַזוי געשטאַרקט און אונטערגעהאַלטן, געגעבן גלויבן און כּוחות, איז מיט אַ מאָל פון דער מאַמעס ליפּן אויס־געטריקנט געוואָרן.

אין די פרימאָרגנס, די טעג ווערן שוין גרעסער, אָבער נאָך קעלטער, דער שניי ווערט האַרטער און סקריפּעט נאָך שטאַרקער אונטער די טריט. דורך די פרירטוייִקע ביימער זעט מען קלערער ווי די שוואַרצע רויכן גייען פון די קוימענס גלייך, אַן אַ מינדסטן נייג, צו די ראָזלעכע הימלען, פירט אים דער טאַטע צו צום „מאָוער״ און אַליין גייט ער אין זיין קלויז דאַוונען שחרית. און דאָרטן אינעם גרויסן בית־מדרש, ווו ס׳איז וואַרעם, דער האָרבאַטער שמש, נחמיה, הייצט די הרובעס צוויי מאָל אין טאָג און ס׳שמעקט מיט הייסן אַש און מיט קאַלטן חלב פון יאָרצייט־ליכט, דאָרטן איז ער, אלישע, דער קלענסטער צווישן דערוואַקסענע, שוין באַ־בערדלטע, וואָס וויגן זיך מיט אַ צעבראָכענעם ניגון איבער די שטענ־דערס, — די לעצטע פּאָר יאָר, דער עיקר פון די אַרויסגעטריבענע יידן פון ליטע, גאַליציע, האָבן זיך אָנגעקליבן יונגע־לייט, וואָס מ׳רופט זיי „מוסרניקעס״, האָבן גאָר קיין נעמען ניט, מ׳רופט זיי: דער שאַרגאָראָדער, דער קאָוונער, דער סאַלאַנטער, דער שפּיניטשער, אָדער שוין גאָר אַזוי: דער תהילימער, דער אוהב־ישראל — זיי גייען אויף „טעג״, זיי האָבן

„טעג״. איטלעכער ייִד דאָ, אָנהייבנדיק פון די פאַרמעגלעכע ביז די אָרעמסטע הייַזער, פונעם רב ר׳ וועלוועלען ביז רחמיאל דעם בעל־עגלה, אַלע גיבן אַ „טאָג״ פאַר די ישיבהניקעס, פאַר די יונגע־לייַט וואָס לערנען יום־ולילה תורה.

און דאָרטן האָט אלישע צום ערשטן מאָל דערהערט, אַז יעדער ייִד דאַרף זיך שטענדיק פילן אַזוי ווי אַ שאַרפע שווערד וואָלט אים געלעגן צווישן די דיכן און הינטער אים איז אָפן דער גיהנום... אַז גאָט איז אל־קנא־ונוקם, אַז ער איז ניט קיין וותרן אַפילו אויף אַ האָר... אַז די וועלט איז ניט מער ווי אַ פליסיקער חלום און אַז אַלע צרות און אָפּ־קומענישן אויף דער וועלט, קאָנען ניט פאַרגליכן ווערן מיט יענע לייַדן וואָס דער מענטש וועט דאַרפן אויסשטיין פאַר דער קלענסטער עבירה אויף יענער וועלט. און אלישע איז פון זייערע רייד און פון זייער פירן זיך און האַלטן, פון זייער אומגיין און האַנדלען, נאָך מער געעלטערט און פאַרלוירן געוואָרן.

אין די בין־השמשותן — קיין ליכט ווערט ניט אָנגעצונדן — שטעלן זיך די מוסרניקעס מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, די פּנימער באַהאַלטן אין די הענט, אויסגעדרייט צו דער וואַנט און הייבן אָן אַרייַנזינקען אין התבוננות, אין חשבון־הנפש, אינעם געדאַנק, ווי הבלדיק ס׳איז די גאַנצע וועלט מיט אירע פריידן, ווי נישטיק און פאַרבייַלויפנדיק ס׳איז דעם מענטשס לעבן, זייַנע אַלע תענוגים, תשוקות און תאוות, ווי שרעקלעך ס׳וועט זייַן דער יום־הדין און ווי מוראדיק ס׳איז דער גיהנום. דער אל־קנא־ונוקם איז דאָך ניט מוותר אַפילו אויף אַ האָר! און אין דער שוין געדיכטער טונקלעניש ברעכן אויס געוויינען, ווי מ׳וואָלט באַוויינט אַ טויטן. אלישען נעמט דורך אַ ציטער און ס׳גייט אים אַ קעלט איבערן רוקן פון די כליפּערייַען, קרעכצערייַען, וואָס פילן אָן דעם גרויסן בית־מדרש און דערבייַ אָבער זעט ער ווי דורך די שמאָל־קאָלירטע טאָפּליעלעך פאַלן פון די פאַרלבנהטע הורבעס שניי פריילעכע שאָטנס.

פלוצלינג ווערן זיי אַלע אַנטשוויגן און הערן ווי דער ראש־ישיבה, אויך נאָך גאָר אַ יונגער־מאַן, אַ בילד־שיינער בחור, דער תהילימער, וואָס שפּילט פידל אין די שבתע־נאָכטסן בייַם פאַרפרומטן דאָקטער ווייַס־גאַל אויף די מלווה־מלכות, ער, דער תהילימער, רופט אויס אויף אַן אימהדיקן קול: שוב יום אחד לפני מיתתך! און אַלע ווי איינער כאַפּן

אויף דעם פסוק מיט בכיות או יללות, חזרן אים איבער אַזוי לאַנג ביז מ׳פּאַלט אַנידער אָן כּוחות. און ערשט דעמאָלט לאָזט מען אויס מיטן אנא ד׳ הושיעה נא! און ס׳גייט אַוועק אַ מעריב ווי אום יום־כּיפּור און שפּעטער, זאָגט איינער מוסר און ס׳הייבן זיך אָן אויף ס׳נײַ די געוויינען און יללות, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

אויך ער, פּיטשע, מיטן איינעם אָפּענעם אויג, וואָס האַלט זיך א־ין משך פון טאָג אין איין בײַטן ווי די וואָסערן פונעם וואַסערפאַל אויף די „סקאַלעס״, נאָר שוין ליגנדיק אײַנגעוויקלט אין די אַלטע טליתים בײַ דער אָפּגעקילטער הרובע אין „מאָוועך״, עפנט זיך אים דאָס לינקע גרויסע ברוינע אויג, אַ פּײַכטס ווי בײַ אַ נאַר וואָס געבוירענעם קאַלב, ער עפנט דאָס לינקע אויג, פּיטשע, ווי בײַ נאַכט וואָלט ער זיך שוין געקאָנט אײַנ־שטעלן צו עפענען דאָס אויג און איבערלייגן אין דער פינצטער די סודות פון זײַן לעבן. אויך ער, פּיטשע, פּלעג אין די אויפדערנאַכטן שטייענדיק בײַם אָרון־קודש בלעטערן איין ספר נאָכן אַנדערן, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין איין זוכן עפּעס־וואָס אַזוינס, וואָס אין קיין איין ספר קאָן ער ניט געפינען, אויך ער איז זיך אָפּט מאָל מצטרף צו די מוסרניקעס, אָבער אָן געוויין, ס׳הערט זיך נאָר אַרויס פון אַלע געוויינען זײַן טרוקן קול: שוב יום אחד לפני מיתתך! און פּלוצעם קומט יענער ווילדער געלעכטער, וואָס אלישע ווערט פון אים אַזוי דערשראָקן; יענער געלעכטער ווי אין דער נאַכט פון גאָלדע־רחלס חופּה, נאָכן פירן אים צו דער אויסגעטריקנט־אײַנגעפאַלענער קרעניצע.

נאָך יענער נאַכט, נאָכן בײַזײַן און הערן אין דעם פאַלנדיקן שניי דער שוועסטערס רייד און איר געשריי אויפן משוגענעם — און אפשר האָט זי, גאָלדע־רחל, אים גאָר ניט געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם? וואָלט זי אים פאַר אַזאַ מין געהאַלטן, וואָלט זי אים דאָך אַהין צו דעם ברונעם ניט געפירט; וואָס האָט מען צו ריידן און צו שרײַען אויף אַ חסר־דעה? — נאָך יענער נאַכט האָט שוין פּיטשע זיך קיין מאָל ניט דער־נענטערט צו אלישען, קיין ביכלעך צום לייענען אים ניט געטראָגן און אויך, ווי ר׳ שמואל־יאָסל, אין זײַן זײַט ניט געקוקט און קיין וואָרט צו אים ניט אַרויסגערעדט.

האָט שוין אלישע איין מאָל ניט אויסגעהאַלטן פּיטשעס געלעכטער און קומענדיק צו ר׳ מנחם־זוסיען, צום חזן, וואָס האָט געהאַט סמיכות

אויף רבנות, נאָר ניט געוואָלט ווערן קיין מרא־דאתרא ווייַל מורא געהאַט צו אַסרן ביי אַ ייִדן אַ קבצן דאָס דאַרע גרינגע עוף וואָס יענער קויפט אויף שבת פאַר ווייַב און קינדער נאָך אַ וואָך האַלבע תעניתים, קומענדיק צו אים, צום חזן, וועגן אַ שטעל אינעם פרק השותפין פון דער גמרא בבא־ בתרא, האָט ער יענעם פלוצעם אַ פרעג געטאָן:

— וואָס קאָן הייסן פּיטשעס געלעכטער?

האָט ר׳ מנחם־זוסיע, מיטן שטאַרק־טונקעלן פּנים, ווי ביי זיין, אלישעס, טאַטן, — ביידע זיינען זיי געווען ווי פּאַרסמאַליעטע, ווי ביידע וואָלטן ערשט פון אונטער דעם באַרג סיני אַרויס, נאָר ביי דעם, ביי ר׳ מנחם־זוסיען, זיינען די אויגן אונטערן גרויסן שטערן ניט קיין שוואַרצע און ניט קיין גרויסע, נאָר בלויע, שוין אַפילו אַ ביסל וואַסערדיקע, און אויך די באָרד איז ביי דעם אַ ווייסע, פון יענע בערד, וואָס ווערן שוין צום צווייטן מאָל גרוי — האָט ער, ר׳ מנחם־זוסיע, דערהערנדיק אלישעס קשיא, פון אָנהייב לאַנג געקוקט אויף אים, ווי געוואָלט פריִער אויס־קלאָרן לויטן ייִנגלס אויגן, וואָס מיינט ער דאָ, צי איז עס גלאַט אַ קינ־דערישע שאלה, אָדער ס׳איז שוין אינעם בחורלס רייד פאַראַן אַ תּוך! דערנאָך ביי אים אַ פרעג געטאָן:

— שרייבט ער אַ מאָל, דער זיידע דיינער, אַ בריוו פון ארץ־ישׂראל? כ׳האָב געוווּסט אַז ער וועט ניט שרייבן. כ׳האָב געוווּסט אַז ער וועט שווייַגן. דיין זיידע איז געווען מיין חבר, כאָטש איך בין אויף אַ סך ייִנגער מיט יאָרן פון ר׳ אַריהן. אין אַלצדינג זיינען מיר זיך מיט אים צונויפגעגאַנגען. יאָ, אַלצדינג האָבן מיר מיט אים געהאַט איין דעה, נאָר פון וועגן גלות און ארץ־ישׂראל זיינען מיר זיך אין אונדזערע דעות פונאַנדערגעגאַנגען. שטאַרק פונאַנדערגעגאַנגען. אויב ייִדן געפינען זיך אַזוי פיל דורות אין גלות, שטייען אויס אַזוי פיל רדיפות און גזירות, ווייל עס דאַרף אַזוי דער אייבערשטער! און אויב זיין ליבער נאָמען וויל אַזוי, האָט דאָך אונדזער גלות אַ טיפן זינען, ווייַל ווי קאָן עס דען זיין אַנדערש? ווייַל ווי קאָן מען דען וועגן אונדזער גלות אַנדערש טראַכטן? איז אויב אַזוי, ווי זשע קאָן מען דאָ קומען און וועלן אים, דעם־וואָס־לעבט־אייביק, פאַרריכטן? אָדער, חס־וחלילה, אַ כופר־בעיקר, אָדער גאָר אַ פאַרפיר־טער. אַנדערש ווי קאָן מען זיך לאָזן גאָר גיין אָן זיין ווילן קיין ארץ־ישׂראל? אויב אין אונדזער לאַנגן גלות, אויב אונדזער לעבן אין משך

פון דורות אין אַ וועלט פון פײַער און טרערן, אויב אונדזערע ריטשקעס בלוט האָבן קיין זינען ניט געהאַט, אויב אין דעם איז ניט געווען זײַן ווילן, אויב אין אונדזער גלות איז ניט געווען קיין געטלעכקייט, איז אויך דאָס גיין קיין ארץ־ישׂראל אַ משוגעת! ווײַל אויב גיין אַהין, אָן זײַן ווילן, אָן זײַן גואל־צדק, וועט דאָך גראַד ארץ־ישׂראל ווערן פאַר ייִדן דער ערגסטער גלות. און אפשר גאָר חלילה...

און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. נאָר די בלויע, די שוין אַ ביסל וואַסערדיקע אויגן, האָט ער נאָך אַלץ ניט אַראָפּגענומען פון אלישעס אימרויִקן פנים, ווי געוואָלט זען, ווי אַזוי זײַנע רייד גייען אַרײַן אינעם ייִנגלס נשמה. דערנאָך האָט ער אַ פּיר געטאָן, ר׳ מנחם־זוסיע, מיט זײַנע קלייניגקע בלייכע הענט איבער דער ליכטיקער באָרד, ווי געזאָגט: גענוג! מיט דער צײַט וועלן שוין מײַנע רייד אַליין, ווי פאַרזייטע קערנער אין דער פרי־פרילינגדיקער, יוירנדיקער ערד אויפגיין און זיך צעוואַקסן; די צײַט וועט שוין שפּעטער אַליין אין אים אויפאַקערן, דערקלערן און פאַרטײַטשן מײַנע רייד. און ער איז גלײַך אַריבער צו דער שאלה פון וועגן פּיטשען. דאָ האָט מנחם־זוסיע גערעדט נאָך שטילער, שוין ווי גאָר אײַנגערוימט דעם ייִנגל אַ סוד; גערעדט ווי שוין ממש געציילט די ווערטער, ווי שוין גאָר מורא געהאַט אַרויסכאַפּן זיך מיט אַן איבעריק און מיט אַ קאַליע וואָרט:

— וואָס קאָן הייסן פּיטשעס געלעכטער? אַ קללה דער וועלט פון אַ שווער פאַרזינדיקטער נשמה. זאָל זיך דער אייבערשטער אויף אים מרחם זײַן! דאָס איז, אלישע, אַ קללה־געלעכטער אויף זיך אַליין. אויפן אייגענעם לעבן, רחמנא־לצלן! אַ קללה־געלעכטער... פּיטשעס געלעכטער, אלישע, דאָס איז די גרויסע בענקשאַפט פון אַ נשמה נאָך טרערן. אַ געשריי פון אַ נשמה, וואָס האָט שוין קיין טרערן ניט. אַ טרער אין אויג איז אויך אַ ברכה פון גאָט! וואָס קאָן הייסן, פרעגסטו, פּיטשעס געלעכטער? דאָס איז שוין דער צעבלוטיקטער געשריי בײַם פאַלן אין שוואַרצן תהום אַרײַן! און וואָס איז דיר דאָ, מײַן קינד, ניט קלאָר אין דער גמרא?

נאָר ווען אלישע האָט אים געוואָלט אָנהייבן פרעגן וועגן די שותּפים וואָס ווילן מאַכן אַ מחיצה אין הויף, האָט דער אַלטער ר׳ מנחם־זוסיע פאַרמאַכט די גמרא:

— גיי אַהיים, גיי עסן וואַרמעס. ס׳איז שוין האַלבער טאָג. קריך ניט צו טיף. האַלט זיך בײַם ברעג.

— בײַ װעלכן ברעג?

— די תורה איז אַ ים, דאָס לעבן איז אַ ים. האַלט זיך דערװײַל בײַם ברעג. נאָך ניט פֿאַר דײַנע כּוחות. מיט ייִנגלעך שפּילסטו זיך? ס׳איז קאַרג, קאַרג. שפּיל זיך מערער! און באַרען באַרעסטו זיך? ניין? מ׳דאַרף זיך באַרען מ׳דאַרף... נו, גײַ געזונטערהייט. אַ גוטן טאָג!

# יד

און נאָכן וואָכעדיקן וואַרמעס, אין איינער און דער זעלבער שעה, צוועלף אַ זייגער, אויך ווען דער טאַטע איז אין דער היים ניטאָ, אויך אַז ער גייט אַוועק אויפן יאַריד אינעם באַענטן שטעטל, אלישע קאָן דע־מאָלטן לאַכן אין שטוב אויף אַ קול, זיך נאַריש מאַכן, פּײַפן ווי דער שטאַר אין די גויאישע סעדער אין די לאַנגע זומערדיקע אָוונטן, דער טאַטע וועט ניט זאָגן: „די שכינה וויינט אין גלות און דו ווילסט דאָ לאַכן? די שמחה וועט קומען מיט משיחן", אָבער אַז די מאַמע לאַכט און זינגט, דעמאָלט שווײַגט ער, פאַרמאַכט די אויגן און פאַרגינט זיך אפילו אַ שמייכל אין באָרד אַרײַן, — נאָכן וואָכעדיקן וואַרמעס, אלישע ווייסט די טעג ניט נאָכן לוח, נאָר לויט די זופּן: פון אַרבעס — זונטיק, פון פּאַסאָליעס — מאָנטיק, פון פערלגרויפּן — דינסטיק, און מיטוואָך אַ הירזשענער און דאָנערשטיק אַ יושקע און פרײַטיק מיט קליאָצקעס, און אַ פאַלשע זראַזע אויף טוקענעם שמאַלץ. ס'טרעפט אויך אַ מאָל אַ שטיקעלע פלייש, צום מיינסטנס לונג, מילץ, דער עיקר אָבער פאַלט אים אויס די קאַסע, וואָס מ'קאָן קײַען ביז אויפן שטערן שלאָגט אַרויס אַ שווייס, שלינגט מען עס פאַרט אַראָפּ גאַנצערהייט, ווײַל דער טאַטע וואַרט, און מ'בענטשט מיט אים אין איינעם: ברוך אתה ד׳ אלהינו מלך העולם הזן את העולם כלו בטובו בחסד וברחמים... — נאָכן וואַרמעס, דערוואַרעמט אַ ביסל די ביינער, גייט ר׳ מאיר צוריק אין מאַרק אַרײַן, אונטערטאַנצן דאָרט פון קעלט און אַרויסקוקן אויף אַ נס: שוין דאָנער־שטיק און ס'איז נאָך ניטאָ מיט וואָס אַרײַנפירן דעם שבת־קודש. און ער, אלישע, לויפט צום טײַך, צו דער וואַסערמיל, ווו ייִנגלעך פון רײַכע טאַטעס, פון בעל־הבתישע הײַזער, ווו „מ'קאָלטעט מיטן לעפעלע", מ'טרינקט גאַנץ פרי און פאַר נאַכט צו צוויי גלעזער זיסע טיי; די ייִנג־לעך גליטשן זיך איבערן אײַז אויף קאָנקעס, שליטלען זיך מיט געפּילדער פונעם באַרג צום בריק אַראָפּ. אָבער לאַנג טאָר ער זיך דאָרטן ניט פאַר־

הײַען, אלישע: אַ גמרא־ייִנגל, וואָס מאַכט, ברוך־השם, אַלײַן אַ לייענען, טאָר ניט פטרן צײַט אויף נאַרישקייטן, רײַסן די שיך!

שלאָפן לייגט מען זיך פרי — אונטער אַ שלאָפנדיק אויג דרימלט אויך דער הונגער. זומערצײַט צינדט מען גאָר ניט אָן קיין לאָמפּ: די ליכטיקייט ציט זיך ביז האַלבער נאַכט, אַפּט אַ לבנהדיקע, אַ ווייך־וואַרעמע, מיט צאַרטע ריחות פון די אַרומיקע סעדער און וועלדער, מיטן פּילשטימיק־רחבותדיקן געזאַנג פון די שיקסעס אויף די פּריזבעס:

זאַישלאַ סאָנצע זאַ ליסאָק,
פּריידי, מילי טשרנאָבריווי.*

און שפּעטער שטעלט זיך אַ ווײַסע שטילקייט מיטן שיכּורדיקן גערוך פון פריש־געקאָסעט היי אויף די לאָנקעס, און פון יענער זײַט טײַך דער־הערט זיך ווי דער סאָלאָוויי פאַרגייט זיך אַזוי, אַז אלישען פאַרכאַפּט בײַם האַרצן און האָט מורא אָן אָטעם טאָן, דאָס וווּנדערפּייגעלע זאָל זיך דאַרטן ניט דערשרעקן און אַנטשוויגן ווערן. די טויבן וואָרקען נאָך אויך אונטער די סטריכעס און אויך אין אים, אין אלישען, זינגט די נשמה, עפּעס אַ פרייד שלאָגט מיט מאָדנע ווערטער אין האַרצן אַרײַן און אויך טרערן פון עלנטקייט, פאַרלוירנקייט, פון ביטערן פאַרדראָס שטייען אים אין די אויגן. אָבער אַ טרער אין אויג איז דאָך אַ ברכה פון גאָט!..

נאָך די סליחות, — אין די פינצטערע, ווינטיק־רעגנדיקע פאַרטאָגן, פון ערגעץ פאַלט אַ ברעקל שײַן אין די אַרומיקע ערב־ווינטערדיקע וואַסערן, אַלע ביינער שרײַען פון פײַכטקייט און קעלט, די פיס ווערן אײַנגעזונקען אין דער בלאָטע, גייט ער מיטן טאַטן אין קלויז אַרײַן בעטן: סלח לנו אָבינו כי חטאנו... אין די פאַרכטיקע טעג, צו נעילה, נעמט אים דער טאַטע אונטערן טלית און הייסט אים: ציטער, ציטער, ציטער! פאַר וואָס ציטערסטו ניט? — נאָך די סליחות און די ימים־נוראים, שוין נאָך אַלע בלעטערפאַלן, צינדט מען יאָ אָן דעם לאָמפּ, אָבער נאָר אויף צו שטעלן די גלעגערס און צו בעטן זיך; וואָס קעלטער און לענגער ס'ווערן די נעכט, אַלץ פריִער גייט מען שלאָפן. מיטן פײַער פון די פּאָר שײַטלעך האָלץ וואָס קאָכן אָפּ דעם קרופּניק, קאָן מען די

* פאַרגאַנגען די זון איז הינטערן וועלדל,
קום צו גיין, ליבער, קום שוואַרצברעמיקער. (אוקראַיִניש)

שטוב ניט אָנוואָרעמען... ליגט ער, אלישע, אין דער שטאָק־פינצטערניש אויף די צונויפגערוקטע טאַבורעטקעס, אַ צונויפגעדרייטער אונטער דער האַרטער רעדנע, הערט זיך צו צום געוווי פון די ווינטן, וואָס האָבן אָנגעיאָגט פון די וועלדער ווי אויף אַראָפּטראָגן דעם שטרוינעם דאַך, די טאָפּליעס און די שלעכט־פאַרקיטעווועטע פענצטער קלאַפּן, און ער וואַרט, אלישע, אַז דער חלום זאָל אים פאַרמאַכן די אויגן. ער ווערט ניט אַנטשלאָפן ביז דער חלום קומט ניט אָן, ביז ער רירט ניט אָן זיינע ווײַעס און הייבט ניט אָן אַרײַנגיין אין אים מיט אַ ניגון.

און וווּנדערלעך, ס'איז פּשוט צום שטוינען: וואָס אויפגערעגטער, שווערער און ווייטיקדיקער ס'איז געווען זײַן טאָג, אַלץ אַ שענערן חלום האָט ער בײַ נאַכט געזען און געפילט דערבײַ מיט אַלע חושים, ווי די טאַבורעטקעס אונטער אים צעגייען זיך, ווי ער פאַלט אויף דער ערד, און ווען ער ליגט שוין אַ צעדעקטער אויף דער ערד און די בײַנאַכטיקע קעלט קריכט אים דורך אַלע ריפּן אין לײַב אַרײַן, אַפילו דעמאָלט קאָן ער נאָך אַלץ פון יענעם שיינעם חלום ניט אַרויסגיין.

אין יענער נאַכט, נאָכן שמועס מיט ר' מנחם־זוסיען פון וועגן דעם זיידן, וואָס איז אָן גאָטס ווילן קיין ארץ־ישראל אַוועק און דערעיקרשט פון וועגן פיטשעס געלעכטער, איז ער שוין גאָר מיט אַ שטאַרקן גערודער צווישן די בענקלעך אַרײַנגעפאַלן. האָט אים גאַנץ פרי אויף די מאַמע מיט רייד געשטראָפט:

— וויפל איז דער שיעור? דו ביסט שוין קיין עין־הרע אַ גרויסער... כ'פאַרשטיי אַז מ'קאָן אַ מאָל אַראָפּפאַלן, אָבער נאַכט נאָך נאַכט? דו צעברעכסט דאָך איטלעכן דעם שלאָף. די לעצטע נעכט פאַלסטו גראָד דעמאָלטן... וואָס פאַלסטו אַלע נאַכט?

האָט ער איר דערציילט פון זײַנע חלומות. האָט זי אָזש די הענט פאַרבראָכן:

— אויך דו זעסט שיינע חלומות? דײַן טאַטן חלומט זיך משיח, ער לייגט יעדער נאַכט אונטערן קישן דעם שופר און בײַ טאָג גייט ער אַרום ווי אין די הימלען. בײַ טאָג וויל ער קויפן די לבנה אויפן מאַרק. מ'דאַרף ניט לעבן, מײַן קינד, מיט חלומות, פונעם שענסטן חלום קאָן מען קיין ברויט ניט באַקן, — און שפּעטער, צונויפשאַרנדיק מיט דער אויסגעבויגענער קאָטשערע דאָס רויטע פײַער אין אויוון אַרום דעם טאָפּ,

צוגעגעבן, ווי פון זיך אַליין: — אין ריינע נשמות וואַקסן קווייטן. ווי קאָן מען טאַקע לעבן אין אַזאַ גיהנום אָן חלומות? אַפּנים, אַז די וואָס לעבן אָן חלומות, מוזן שיכּורן. לעב שוין בעסער, מײַן קינד, מיט חלומות, אַבי דו זאָלסט ניט צעבראָכן ווערן. צי איך זע חלומות? איך זע, מײַן קינד, די לעצטע צײַט זע איך חלומות, אָבער ניט קיין גוטע. שוין דרײַ נעכט נאָך אַנאַנד ווי דער קאַלטער חסיד, דו ביסט נאָך אים אַ נאָמען, קלאַפּט אָן האַלבע נאַכט אין טיר און ווען איך עפן אים, טרייסלט ער אויס פון אַ גרויסער אויסגענייטער טאָרבע צוויי שוואַרצע סקאָרניקעס אויפן שוועל און פאַרשווינדט.

— כ׳וועל שוין מער, מאַמע, ניט פאַלן פון די טאַבורעטקעס און כ׳וועל פאַר נאַכט גיין זאָגן תּהילים אין בית־מדרש, אַז יענער זאָל דיר מער ניט קלאַפּן אין טיר, ניט טראָגן אַהער די צוויי שוואַרצע סקאָרינקעס.

טוט זי אַ מאָדנעם שמייכל און אין די ווינקלען פון די אויגן שטעלן זיך איר צוויי רויטע פינקלענדיקע טרערן:

— אַ דאַנק דיר, מײַן קינד, איך וועל זיך אויך פאַר דיר מײַען...

— מאַמע!

— כ׳האָב איבערגעקערט דעם טאָפּ און אויסגעגאָסן דאָס וואַרמעס... פּאַרן טאַטן איז געבליבן! און מיר וועלן שוין מיט עפּעס וואָס אָפּקומען. פאַר אַ נאַקעטן איז יעדער העמד צו דער מאָס און פאַר אַ הונגעריקן איז איטלעכער ביסן אַ גן־עדן. קיין גרעסערן אומגליק זאָלן מיר ניט האָבן. הײַנט וועלן מיר עסן ציבעלע און מאָרגן וועלן מיר מסתּמא פאַר־זוכן אויך האָניק. אָט גייט שוין דער טאַטע, עפּעס פאַר דער צײַט...

דער זייגער האָט נאָך טאַקע ניט געשלאָגן קיין צוועלף און ער, אין דעם אויסגעריבענעם לײַבפּוטערל, אין די אויסגעטראָטענע פאַרגעלטע וואַלינקעס, די באָרד אין פראָסט, די הענט אין די אַרבל, בלײַבט שטיין מיט די גרויסע אויגן בײַ דער טיר.

— מאיר, ס׳האָט עפּעס, חלילה, געטראָפן?

— מ׳האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער!

— וואָס הייסט מ׳האָט אַראָפּגעוואָרפן, ווי אַזוי וואַרפט מען דאָס אַראָפּ אַ קייסער, און ווער האָט אים אַראָפּגעוואָרפן?

— מ׳האָט אים, ליבע־שׂרה, אַראָפּגעוואָרפן. מ׳האָט אים אַראָפּגעוואָרפן דעם צורר־היהודים, דעם ניקאָלקע, דעם ראַספּוטין, פונעם כּיסא־המלכות.

גאָט האָט אים באַצאָלט פאַר די פּאָגראָמען, פאַר בייליסן, פאַרן אַרויס־טרייבן אַזוי פיל ייִדן פון זייערע היימען... מ'האָט אים, ליבע־שׂרה, אַראָפּ־געוואָרפן און מ'טאַנצט אין די גאַסן. קריסטן קושן זיך מיט ייִדן. אין שטאָט איז, להבדיל, שׂמחת־תּורה...

— פאַר וואָס זשע ביסטו, מאיר, אַזוי דערשראָקן? דייַן פּנים פּרייט זיך, און די אויגן... באַהיט זאָל מען ווערן!

ביים טאַטן איז באמת אַזאַ פּנים און אַקוראַט אַזעלכע אויגן ווי בעת ער איז געגאַנגען צו הקפות מיט דער גרויסער ספר־תּורה און געטאַנצט אַזוי, אַז די שטיוול זייַנען אים צעפאַלן געוואָרן. האָט ער זיי דעמאָלטן אַראָפּגעוואָרפן און באָרוועסערהייט שוין ניט געטאַנצט, נאָר אונטערגע־שפּרונגען, ווי ער וואָלט אין אַ הייסן פּריסעק אַרייַן.

— ליבע־שׂרה, כ'האָב מורא פאַרן טאַנצן אין די גאַסן און פאַרן קושן זיך מיט די גויים. אַרכיפּ דער באַנדאַר קריכט אויך זיך קושן... און פּיטשע איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים און לאַכט מיט זייַן ווילדן געלעכטער. דו ווייסט גאָרניט וואָס ס'טוט זיך אין שטאָט, טיר און פענצטער זייַנען אַראָפּ פון די פּעטליעס. כ'האָב מורא! מענטשן בייַטן זיך. דאָך ניט איבער נאַכט. ווער ס'לייגט זיך שלאָפן אַ רשע, שטייט ניט אויף קיין צדיק. און פאָרט... אַ גרויסע בשׂורה איז עס! ייִדן זייַנען מיט אַ מאָל אויסגעלייזט געוואָרן פונעם תּחום־המושב, ייִדן האָבן מיט איין מאָל באַ־קומען אַלע פּראַוועס. ליבע־שׂרה, מיר האָבן ניט געהאַט גאָרניט און פּלוצלינג באַקומען אַלץ! מיר קאָנען אַפילו בויען אַ בית־מדרש אויפן באַרג אַנטקעגן, להבדיל, דעם קלויסטער. אַ פולע גאַס מיט פאָנען, אַלע רעדן. אויך אונדזערער האַלט דרשות, אַרויף אויף אַ פאַס פון הערינג און רעדט... יאָ, אונדזער פּנחס, מיט אַ רויטער פאָן אין דער האַנט. און דעם פּריסטאַוו זעט מען שוין גאָר ניט. און סאָלדאַטן טאַנצן מיט ייִדישע מייד־לעך. פאַר משיחס צייַטן! אלישע, דו לויפסט שוין אויך אַהין? מ'וועט דיך דאָרטן צעטרעטן. דאָרטן איז די פרייד אויסגעמישט מיט שׂינאה...

און דער טאָג איז טאַקע באמת אַזאַ, אַז אלישע וועט אים שוין קיין מאָל פון זייַן אויג ניט פאַרלירן. און אויך דעם טאַטנס לעצטע ווערטער: „דאָרטן איז די פרייד אויסגעמישט מיט שׂינאה", וועלן זיך טיף אייַנ־קאָרבן אויפן גאַנצן לעבן אין זייַן נשמה.

נאָך די לעצטע סוף־ווינטערדיקע שנייפאַלן גיסט זיך די ווייַסע ערד

צונויף מיט די בלוי־זוניקע הימלען און פון די הורבעס שניי שפּריצן באַגילדערטע פונקען און באַפאַלן די אויגן; איבער די באַקעטע שטיל־רוישנדיקע סעדער שווימען קלאָר־העלע פוכקע וואָלקנס און פון די בלענדנדיקע דעכער פאַלן די ערשטע געבענטשטע טראָפּנס אין שניי אַרײַן און פון דאָרטן, פון דער ערד, שלאָגט שוין מיט בלאָו־ראָזלעכער מעדוניצע, מיט געלער גאַנדז־ציבעלע און מיטן ערשטן גרויסן ערב־פרילינגדיקן ניגון. און זײַנע אויגן זעען אַלצדינג מיטן האַרצן, מיט ציטער און פלאַ־טער, מיט פרייד און מיט ווי און דאָס האַרץ זײַנס זעט אַלצדינג אין אַ בונטן רעגן־בויגן פון קאָלירנדיקע ווערטער, וואָס קלינגען און זינגען, ווי די מענגעס מענטשן אין די גאַסן. נאָך גאָר ניט געזען אַזאַ המון אין שטאָט, ניט אויף די זונטיקדיקע מאַרקן און אַפילו ניט אויף די יאָר־יאַרידן. ס׳רוישט ווי בײַם וואַסערפאַל אויף די „סקאָלעס". און מ׳גייט און מ׳גייט, ניט דורכצושפּאַרן זיך, ס׳שפּילן אָרקעסטערס און איבער די קעפּ וויגן זיך אַזוי פיל פאָנען, דער עיקר רויטע, רויטע, רויטע און צווישן זיי איין בלוי־ווײַסע מיטן מגן־דוד... און אויף אַלע ראָגן רעדנערס וואָס שטייען אויף קאַסטנס, פעסער, שליטנס, וואַרפן אַרויס די הענט אין דער לופטן, ווילן איבערשרײַען איינער דעם צווייטן און אויף דעם לינדנבוים זיצט פּיטשע, הוידעט פון דער אונטערשטער צווײַג די פיס און לאַכט מיט זײַן ווילדן געלעכטער. דאָ, זאָגט מען, רעדן בונדיסטן, דאָרטן ציוניסטן, מענשעוויקעס, עסערן, באָלשעוויקעס, קאַדעטן, אַנאַר־כיסטן; ווער זײַנען זיי און וואָס ווילן זיי אַלע אין איינעם און יעדער פון זיי באַזונדער? פונעם וואָקזאַל, ווו ס׳שטייען די עשאַלאָנען, גייען מחנות סאָלדאַטן אין צעכראַסטעטע שינעלן, אָן די רימענס, די ביקסן איבערגעקערט מיט די רערן צו דער ערד, די פּנימער אויפגעבראַכטע, פאַרוואַקסענע, פאַרבענקטע:

— דאָלאָי וואַינו! — נידער מיט דער מלחמה!

— דאַ זדראַוואסטוויעט רעוואָלוציאַ! — זאָל לעבן די רעוואָלוציע!

— מיר כיזשינאַם, ווינאַ דוואָרצאַם! — פרידן די הײַזער, מלחמה די פּאַלאַצן!

— זעמליו קרעסטיאַנאַם! — די ערד פאַר די פּויערים!

— רעכט און פרײַהייט פאַר אַלע פעלקער!

און דער שניי איז שוין שוואַרץ און אַלע זינגען די מאַרסעליעזע און

די שבועה און דעם אינטערנאַציאָנאַל און די התקווה, און די זון שפּילט אויף די קופּערנע טרומייטן און די פּויקן קלאַפּן דורך די בלויע הימלען און אלישע וויל זיך דורכשפּאַרן צו דער פּאַס אויף וועלכער ס'שטייט זיין ברודער מיט דער רויטער פאָן אין דער האַנט, נאָר מ'טראָגט אים מיט אַ מאָל אָפּ פון דאָרטן אַן אַ זייט און דערנאָך צום באַרג, ווו ער דערזעט: אַנטקעגן קלויסטער, אונטער דער זון בייטשט אַ פּויער — דעם פּעלץ און דאָס היטל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אויף דער ערד, אין אַ העל־רויטן העמד, די אַרבל פאַרקאַטשעט ביז אַריבער די עלנבויגנס, מיט אַ פריילעך פּנים, מיט שיינענדיקע שעלמיש־שוואַרצע אויגן, מיט אַ ליכטיק־געקרויזטן קאָפּ האָר, מיט אַ ברייטער בלאָנד־ווייצענער פּרומער באָרד — בייטשט ער עמעצן אינעם געמאָלטן רייכן שליטן, געשפּאַנט אין דריי ווייסע פערד, וואָס זשאַכען זיך פון איטלעכן קנאַל, פּרווון זיך אַ ריס טאָן, אַוועקטראָגן, נאָר דער פּויער וואָס שמייסט מיט דער בייטש איבערן מענטש, טוט פון מאָל צו מאָל אַ הוקע:

— סטאָיאָט! — שטיין!

און אויף די פערד ציטערט די פעל און זיי בייטן די פיס, און פון די אויגן שלאָגט זיי אַ פּחד, נאָר בלייבן אויפן אָרט שטיין, ווייל זיי קענען גוט דעם פויערס קול און געדענקען מיט וואָס פאַר אַ קראַפט די בייטש קאָן פאַלן אויף זייערע קרופּן פאַר ניט פאָלגן. — פון דער ווייטנס, אַרומגערינגלט דעם הויכן, געפאַרבט און געמאָלטן שליטן, געשפּאַנט אין די דריי ווייסע אויפגערעגטע פערד, שטייט אַן אַנגעלאָף פון מענטשן, דערעיקרשט סאָלדאַטן און קוקן צו שווייגנדיק, מיט הנאה און קוויקעניש און מיט גרויס פאַרשטענדעניש, ווי דער פויער קאַטעוועט אין שליטן דעם אַלטן, וואָס וויל אויסבאַהאַלטן דעם קאָפּ, דאָס פּנים מיט די ווייסע באַקנבערד; די מלבושים אויפן אַלטן זיינען שוין צעהאַקט געוואָרן און פון זיין געלבלעכן גוף שפּריצט בלוט. דער אַלטער שווייגט אויך, נאָר פון צייט צו צייט קרעכצט ער אַרויס:

— ניקיטאַ..

— פּראַוודאַ, פּראַוודאַ — אמת, אמת — עטאָ יאַ, ניקיטאַ — דאָס בין איך ניקיטאַ, דער זון פון אַרפינען, וואָס דו האָסט געשענדט. ביט נאָר מיין מאַמען האָסטו געשענדט... אָט האָסטו דיר, פּירשט, איער עקסע־לענץ!.. דו האָסט געקושט דיין הונט און געבעטן ביי אים מחילה פאַרן

אָנטרעטן אויפן פיסל. און איך, דער זון דײַנער, בין געווען בײַ דיר דער אָנטרײַבער בײַ די פערד! שרײַ פירשט, אַניט וועל איך דיך פאַרקאַטעווען! שרײַ... אָט אַזוי דיר! מיר האָסטו אָנגעטאָן אַ בלאָוון קאַפּטאַן מיט גאַלון, אויסגעבעט מיר דעם היגטן מיט אַ קישן און אַוועקגעזעצט מיך אויף די קאָזלעס פאַר אַ קוטשער, מיך, דײַן זון!.. און פאַר אַלעמען האָסטו געפּריידיקט, אַז ליבשאַפט און גוטסקייט איז דאָס איינציקע גליק פאַרן מענטש, דער איינציקער אמת אויף דער ערד, אַז כּדי צו זײַן אייביק גליקלעך, דאַרף מען לעבן פאַר אַנדערע... סוקין טי סין, קניאַז! פאַלשע נשמה! מיך, דײַן זון, האָסטו געהאַלטן בײַ די פערד, און דאָס האָסטו מיך געגומען אין שטאַל אַרײַן שוין נאָך דעם ווי מײַן מאַמע האָט זיך דרײַ מאָל געוואָרפן פאַר דיר אויפן וועג פאַר די פערד, פאָטער מײַנער, ליבינקער!.. — און דער פויער אין דעם העל־רויטן העמד מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבל, זעצט זיך אַלע מאָל צו ווי ניט ער וואָלט געמיתט דעם אַלטן פירשט, דעם טאַטן זײַנעם, נאָר ווי ער, דער זון, דער ממזר, וואָלט געגאַנגען אַ טאַנץ מיט דער בײַטש, וואָס איז שוין אויסגעווייקט אין בלוט. דער אָנטרײַבער קאָן זיך גאָר ניט שטילן, ווי מורא געהאַט פאַרשפּילן צײַט, און עפּעס ניט דורכלאָזן. וואָס מער ער שלאָגט, אַלץ פרײדיקער ווערט בײַ אים דאָס פּנים און אַלץ שוואַרצער ווערט די שׂינאה אין די שעלמישע אויגן. ערשט ווען אין שליטן ווערט שוין גאָר שטיל, דאָרטן ליגט שוין אַ פאַרבלוטיקטער קנויל בײַנער, ערשט דעמאָלטן דערלאַנגט ער מיט דער בײַטש איבער די פערדישע רוקנס — אלישע באַמערקט ווי אויף די ווײַסע פעלן פאַרבלײַבן רויטע פאַסן — און זיי גיבן אַ נעם דעם שליטן מיטן גוססדיקן פירשט און טראָגן זיך פונעם באַרג, פײַל־אויסן־בויגן, אַוועק איבער די ווײַסע, זוניק־פינקלענדיקע פעלדער צום טונקעלן וואַלד. אויך דער פויער באַגלייט אַ ווײַלע מיט די אויגן די אַוועקיאָגנדיקע פערד, באַלד אָבער טוט ער אַ וואָרף די בײַטש אויפן שניי און פאַלט אויף די קני פאַרן קלויסטער.

לאָזט זיך אלישע פון יענעם אָרט אַנטלויפן, פונעם באַרג, וווּ די אין בלוט אויסגעווייקטע בײַטש ליגט ווי אַ צונויפגעדרייטע שלאַנג לעם פויער, וואָס שטייט אויף די קני פאַרן קלויסטער, פאַלט מיט דער פרומוויצענער באָרד צו דער ערד און צלמט דאָס העל־רויטע צעריסענע העמד. ער לויפט, אלישע, מיט די הינטערגעסלעך, דערשטיקט אין זיך

אַ געוויין, וויל שוין מער ניט זען די רויטע פּאָנען, ניט הערן מער ווי די זון שפּילט אויף די קופּערנע טרומייטן, ווי די מעשענע טאַצן קלאַפּן אַדורך די אויסגעבלויטע הימלען, ווי ס׳רימפּלען די צימבלען, די באַלאַ־לייַקעס און גיטאַרעס, די האַרמאָניקעס און שפּילקאַסטנס, ווי אַרכיפּ דער באַנדאַר קושט זיך מיט קלמנען דעם שוסטער, ווי פון די קאַסטנס, פּעסער און שליטנס וויל איינער דעם אַנדערן איבערשרייַען:

— זאָל לעבן די רעוואָלוציע!

— פרייַהייט! גערעכטיקייט!

ער לויפט צום „מאָוער” דערציילן אים, ר׳ מנחם־זוסיען, וואָס ער האָט נאָר וואָס דאָרטן אויפן באַרג אַליין מיט זייַנע אייגענע אויגן געזען און פרעגן ביי אים, ביים אַלטן חזן, וואָס רעדט תמיד אַזוי שטיל, בייזערט זיך קיין מאָל ניט אויף קיינעם, זייַן קול הייבט ער אויף נאָר שטייענדיק ביים עמוד, ווען ער ווערט אַ שליח־ציבור פאַר גאָט... און דאָס אויך מיט אַ קול וואָס איז פול מיט געזאַנג, מיט האַרציקן ניגון, מיט געבעט און מיט טרערן; ער וויל ביי אים פרעגן, ביי ר׳ מנחם־זוסיען, צי האָט ער טאַקע, אלישע, נאָר וואָס געזען ווי פרייד איז אויסגעמישט מיט שינאה? און ווי קאָן גאָר אין פרייד זייַן שינאה? און ער וועט שוין דאָרטן, אין בית־מדרש, זאָגן תהילים און בעטן ביי גאָט פאַר דער מאַמען, אַז דער קאַלטער חסיד זאָל זי מער ניט וועקן ביי דער נאַכט און ניט אויסשיטן אויפן שוועל די צוויי שוואַרצע סקאָרינקעס.

אָבער דאָרטן, אינעם גרויסן בית־מדרש, אינעם „מאָוער”, הינטער די שמאָל־לענגלעכע קאַלירטע פענצטערלעך, איז שוין פאַרנאַכטלעך. יע־נער טומל און יענע מוזיק, יענע התלהבותדיקע גאַסן־פאַרשיכּורטקייט דערגייט ניט אַהער צו. דאָ שטייט אַ מאָדנע שטילקייט. אַפילו די מוסר־ניקעס הערט מען ניט. עפּעס קומט דאָ פאַר אינעם „מאָוער”. לעם אָרון־קודש שטעלט מען אויף ברעטער, אַ הויכע פרוי אין שוואַרצן שטייט פון דער ווייַטנס, דער אַלטער רב, ר׳ וועלוועלע, וואָס מ׳האַלט אים אונטער די הענט, שאַפּט זיך מיט די שמשים, זייַן קול אָבער הערט מען ניט... לויפט ער, אלישע, צו דער ווייַבערשער שול אַרויף: פון דאָרטן וועט ער בעסער קאָנען הערן און זען. טרעפט ער אַ פּאָר מוסרניקעס ביי די ווענט שטיין פאַרטייַעט און מיט איבערגעשראָקענע פּנימער:

— זאָגט מיר, וואָס קומט דאָ פאָר?

שוויַיג, ייִנגל, שוויַיג! — רעדט אים דער „סאַלאַנטער" אויפן אויער. — דאָרטן גייט מען גיבן חליצה. מ׳צאַמט אָפּ פּאָרן מת אַן אָרט. דער מת וועט שטיין הינטער די ברעטער... שוויַיג, ייִנגל, שוויַיג! ניט איטלעכער האָט די זכיה ביַי אַזוינס צו זיַין! וואָס, דו ווייסט ניט, גוי גמור, וואָס ס׳איז אַזוינס חליצה, האָסט ניט געלערנט אין חומש דברים, אַז אויב איינער שטאַרבט אָן קינדער, דאַרף דער ברודער פונעם פאַרשטאָרבענעם חתונה האָבן מיט דער אַלמנה און אויפשטעלן אַ דור? דו פּילסט ווי ס׳איז דורכגעגאַנגען אַ ווינט איבערן בית־מדרש? דער מת איז אַריַינגעגאַנגען!

— ביַי טאָג גייען דען אויך מתים?

— אַז דער רב רופט, גייט ער... קוק, ייִנגל, און הער! אויב אָבער דער ברודער וויל ניט חתונה האָבן מיט דער אַלמנה, מיט זיַין שוועגערין, אַ, דו זעסט? מ׳טוט אים אָן, דעם ברודער פונעם מת, דעם שוך... באַלד וועט זי דעם שוך אַראָפּציִען פון זיַין פוס. דאָס הייסט „חליצה". זי וועט אים אָנשפּיַיען אין פּנים אַריַין, דעם ברודער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן... וואָס איז דאָרטן געשען? דער רב איז אַראָפּגעפאַלן פון באַנק, זע נאָר, זע! וואָס, האַ, וואָס?

און אלישען הייבט שוין גאָר אָן צו טרייסלען און צו וואָרפן פון שרעק: דאָס הויכע וויַיבל, וואָס פון קאָפּ ביז די פיס אין שוואַרצן, טוט פּלוצעם אַ געשריי און לאָזט זיך מיטן שוך אין דער האַנט לויפן פונעם „מאָוער", די ברעטער, ווו ס׳שטייט דער מת. פאַלן אום, אונטן ווערט אַ צעטומלניש, אַ צעמישעניש, אַ סומאַטאָכע.

— דער רב, דער רב...

— וואָס איז מיטן רב, זאָגט שוין, וואָס?

— ברוך דיין אמת!

— ברוך דיין אמת...

— נפטר געוואָרן ביַים אָרון־קודש, האַ?

— אַ צדיק־הדור...

— אַ צדיק בן צדיק, פון ר׳ וועלוועלע זשיטאָמירערס גזע.

— דער לעצטער אָטעם פונעם בעל־שם־טוב...

— שטייט ניט, ייִדן, שיקט נאָך חברה־קדישה. מ׳דאַרף ביזקל נאָכט ברענגען דעם רב צו קבר־ישראל.

— ניט דערצײלן אײן חודש צו פינף און נײַנציק...

און טאָקע צו יענעם סוף טאָג האָט מען דעם רב צו קבר־ישׂראל געבראַכט. אויף נאַכט האָט גאָר אַ גוטער פראָסט גענומען, דאָך האָבן גאַס און געסלעך נאָך געווימלט און געשווימלט מיט סאָלדאַטן, וואָס צינדן פײַער־שײַטערס אויף דער ערד, שטעלן צו קאָכן די מעשענע קעסעלעך און קלײַבן זיך ניט אומקערן צו זײערע באַנען. די דרײַ אָפיצירן, וואָס האָבן געפּראַוועט באַפעילן גײן צו די עשאַלאָנען, האָבן די סאָלדאַטן אַראָפּ־געריסן די גאָלדענע פּאָגאָנעס, און זײ זײַנען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן.

— דאָלאָי װױנו! — נידער מיט דער מלחמה!

— זעמליאַ אי װאָליאַ — ערד און פרײַהײט!

אויך די אײַזנבאַן־אַרבעטער און די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער און כוטערס, אַלט און יונג, מיט װײַבער און קינדער, אונטער די פלאַטערנ־דיקע רויטע פאָנען, דרייען זיך נאָך אַלץ גאַס־אַרײַן און גאַס־אַרויס; די אָרקעסטערס שפּילן און פון די קאָסטנס, פּעסער און שליטנס רעדט מען נאָך און מ׳רעדט — אײנער אַראָפּ, דער צווײטער אַרויף. און דאָ, צווישן אָט דעם המון, צווישן די ברענענדיקע פלאַקער־שײַטערס, טראָגט מען אים, דעם נפטר, אין דער שוואַרצער מיטה צום בית־עלמין.

און אַלע ייִדן, אויך פון די ווײַטסטע הינטערגעסלעך, מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט, זײַנען אַרויס באַגלייטן דעם רב, ר׳ וועלוועלען, דעם גרויסן למדן, דעם גרויסן אוהב־ישׂראל, געקומען אים, דעם קדוש וטהור, אָפּגעבן דעם לעצטן כּבוד, דעם לעצטן חסד־של־אמת. קײנער װײנט ניט, אָבער אויף אַלעמענס פּנימער, באַזונדערס אין די אויגן, ליגט אַ שווערער טרויער, הגם קײנער וואָלט ניט געקאָנט דערקלערן פאַר וואָס און פון וואַנען קומט ער, אָט־אָ דער שוואַרצער טרויער. דער רב איז דאָך פון דער וועלט אַוועק שוין אין טיפן עלטער און די נשמה האָט ער אָפּגעגעבן דעם רבונו־של־עולם ביים אָרון־קודש...

און די אָרקעסטערס זײַנען שטיל געבליבן, און די רעדנערס זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן און דער המון האָט זיך צערוקט און צעשפּאַרט, גע־מאַכט אַ ברייטן וועג פאַר דער לוויה, און אַפילו די סאָלדאַטן האָבן אַראָפּ־גענומען די היטלען פאַר דער שוואַרצער מיטה, וואָס ייִדן טראָגן צווישן די פלאַקערנדיקע שײַטערס, בײַ דער זון, וואָס פאַרגייט אויך ווי אין אַ פײַער איבער די טונקעלע וועלדער.

## טו

דערבאַך איז שוין מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מערער פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנטערט געוואָרן: ניט נאָר די ידיעות וואָס קומען אָן מיט דער פּור און מיט דער באַן, נאָר שוין אויך פון די בלעטער, וואָס דער בריוו־טרעגער ברענגט דעם אַלטן דאָקטער ווייסגאַל און יענער לייענט אויף אַ קול און פאַרטייַטשט זיי פאַר יידן צווישן מינחה און מעריב אין דער טשערנאָבילער קלויז. אויך אַט יענע נייַעס פון די פּעטערבורגער און קיִעווער בלעטער, פאַרלירן איבער נאַכט זייער ממשות און עצמדיקייט; אויף מאָרגן קומען שוין גאָר אַזעלכע, וואָס רייַסן די אויגן אויף און צעפּעפענען די מייַלער, — שוין אויס מיט מיליוקאָוון און מיט גוטשקאָוון, שוין נאָר קערענסקי און די סאָוועטן פון אַרבעטער און סאָלדאַטישע דע־פּוטאַטן, און פון אַלע הייַזער גייען געשרייען, ניט פון די בעל־מלאכהשע און בעל־עגלהשע, דאָרטן הערט מען זיך מערער צו ווי מ׳רעדט אַליין; נאָר די געשרייען גייען פון די בעל־הבתישע שטיבער, געקאַנטעווּעטע מיט ציגל און געדעקטע מיט בלעך. דאָרטן קריגן זיך טאַטעס מיט זייערע קינדער, ברידער מיט שוועסטער און מ׳קריגט זיך שוין ניט מיטן האַרצן, נאָר שוין מיט דער גאַל, שוין מיט פאַרביטערטקייט און שינאה, שוין טויב איינער צום אַנדערן, ווי מ׳וואָלט שוין ניט פון איין טאַטע־מאַמע געווען, נאָר שוין פון גאָר אַנדערע אומות און אמונות, ווי מ׳וואָלט שוין גערעדט אויף פאַרשיידענע שפּראַכן און איינער פאַרשטייט ניט דעם אַנדערן; דער עיקר גייען די פאַרביסענע קריגערייַען, גרייט איינער דעם אַנדערן אומצוברענגען, קאַפּאַבל אַרויסרייַסן מיטן וואָרצל, צווישן די ציוניסטן און בונדיסטן... און צו די מיטינגען און פאַרזאַמלונגען קומט שוין גאָר קיין סוף ניט: מ׳רעדט און מ׳רעדט אָן אויפהער און אָן אָפּ־שטעל און ניט נאָר בייַ טאָג, נאָר אויך בייַ דער נאַכט, בייַ דעם ליכט פון דער לבנה און בייַ דער שייַן פון לאַמטערנס און פאַקלען; און מ׳רעדט בייַם וואָקזאַל און אויפן באַרג בייַם קלויסטער, און פאַרן גרויסן בית־

מדרש, ביים „מאָוועֶר״, און יעדער איינער קומט מיט זײַן וואָרט און איטלעכער קריכט דעם צווייטן אויף די אַקסלען, ווי אַלע וואָלטן שיכּור געוואָרן, אָדער אײַנגענומען פלוידער־וואַסער... און אומעטום איז ער דאָ, אלישע, און אַלץ וויל ער הערן און פאַרשטיין, און ביים טאַטן און בײַ דער מאַמען און בײַ אַלעמען פרעגט ער און אַלע צעפירן די הענט און אַלע קנייטשן מיט די אַקסלען:

— ווער ווייס, מײַן קינד? איין אייבערשטער ווייס וואָס דאָ טוט זיך...

און אויך ער, פּיטשע, וואָס ווערט אָפּט פאַרפאַלן פון שטעטל אויף אַ פּאָר וואָכן. פריִער האָט קיינער ניט געקאָנט דערגיין בײַ אים ווהיין טוט ער זיך דאָס אַהין? ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק, באַלד נאָך פּסח, איז ער אַליין צו ליבע־שׂרהן אין שטוב אַרײַן, זיך אָוועקגעשטעלט בײַ דער טיר, פאַרמאַכט אויך דאָס רעכטע אויג און מיט אַ פאַרשטיקט קול געזאָגט:

— כ׳בין ווידער געגאַנגען קיין נאַראַדיטש. כ׳וועל נאָך שבת גיין נאָך אַ מאָל...

— וואָס, דו גייסט קיין נאַראַדיטש? נאָך וואָס גייסטו און וואָס דאַרפסטו דאָרטן האָבן?

— וואָס איך דאַרף דאָרטן האָבן? איך גיי קוקן אויף אײַער טאָכטער, אויף גאָלדע־רחלען...

— וואָס האָסטו צו גיין קוקן אויף איר?

— זי איז דאָך אַזוי שיין, אַז אַפילו אַ משוגענער קאָן זיך רירן פון די געדאַנקען... כ׳זיץ אויפן שוועל פון דער שטוב און קוק אויף איר.

— און זי טרײַבט דיך ניט דורך?

— ניין...

— פּיטשע, וואָס אַנטלויפסטו, דערצייל זשע מיר...

אויך ער, פּיטשע, מיטן צוגעמאַכטן לינקן אויג, אינעם נאַסן ווײַסן קיטל, אַ באָרוועסער, זיצט אויף דער אונטערשטער צווײַג פון דעם אַלטן לינדבוים און לאַכט מיט זײַן ווילדן געלעכטער. לאַכט און רעדט:

— די הינער קרייען שוין אויף קײַלעכדיקע מעת־לעתן, דער אַלטער רב, ר׳ וועלוועלע, האָט בעתן וואָשן אים אין טהרה־שטיבל אויפגעעפנט די אויגן... כאַ־כאַ־כאַ! טרײַבט זיי, ר׳ יידן, די אַלע בעל־דרשנס, זיי שיטן פײַער אויף אײַערע שטרויענע דעכער און פײַער, ר׳ יידן, איז ניט

קיין וואַסער. פונעם פּייַער וועט איר ניט אַרויסשווימען... איר ווילט מיך ניט הערן? איז קומט איר, צאַן־קדושים, קומט אַהער אונטערן שאָטן פון מײַן בוים, וועל איך אײַך דערציילן אַ מעשהלע... מע־ע־קעט ניט צאַן־קדושים, טומלט ניט רײנע נשמהלעך און הערט! אַ מאָל האָט געלעבט אַ מלך, וואָס האָט געוואָלט באַוועזן אַ פּאַלאַץ פון ביינער... כאַ־כאַ־כאַ! האָט מען צונויפגענומען פונעם גאַנצן קיניגרײַך די ביינער און מ׳האָט זיי גענומען ווייקן אין בלוט, ווײַל פּאַרן באַוועזן האָט מען זײַ פּריִער באַדאַרפט אויסגלײַכן, וואָרעם די ביינער האָט דאָך דער רבונו־של־עולם באַשאַפן ניט אַלע גלײַכע, נאָר צום מײַנסטנס קרומע... כאַ־כאַ־כאַ! האָט מען די ביינער איבערגעווייקט... כאַ־כאַ־כאַ! האָט מען זיי גענומען צוריק טריקענען, האָט מען זיי איבערגעטריקנט! האָט מען זיי ווידער גענומען ווייקן... ווייכע ביינער בייגן זיך, האַרטע ביינער ברעכן זיך... כאַ־כאַ־כאַ! האָט אַ מאָל געלעבט אַ מלך, האָט ער גענומען באַוועזן אַ פּאַלאַץ פון ביינער.... צאַן־קדושים, אויך איר אַנטלויפט, אויך איר אַנטלויפט, אויך איר ווילט מיך ניט הערן?

אלישע וויל יאָ הערן, חלשט צו וויסן וואָס וועט דער משוגענער ווײַטער דערציילן פון וועגן יענעם מלך וואָס וויל בויען אַ פּאַלאַץ פון ביינער. קאָן ער אָבער מיט פּיטשען ניט פאַרבלײַבן אויג־אויף־אויג. ער האָט מורא פאַר פּיטשען, ווי ער האָט מורא צו טרעפן זיך נאָך איין מאָל מיט זײַן אַמאָליקן גמרא־מלמד, מיט ר׳ שמואל־יאָסלען. ער האָט אים, אלישען, אין יענעם פאַרנאַכט אין „מאָוער״, ווען דער אַלטער רב, ר׳ וועלוועלע, איז בײַם מסדר־זײַן די חליצה נפטר געוואָרן, דאָרטן, שוין אַ ביז גאָר דערשראָקענער, לויפנדיק איבער די טרעפּ פון דער ווײַבערשער שול, האָט אים פּלוצלינג פאַרהאַלטן שמואל־יאָסל, ווידער פון דער ערד, ווי דעמאָלטן, אָפּגעריסן, צו זײַן פלאַמיק־וויכערדיקער באָרד אויפגעהויבן און אַרײַנגעטאָטעמעט אין אויער אַרײַן:

— גורל! גורל! גורל! אָט האָסטו דיר דעם אַנגעחתמעטן גורל פונעם רב, פון דער אַלמנה און פונעם מת. אויך אַ מת האָט אַ גורל, אויך אַ מת!.. — און ער האָט אים, אלישען, ניט אַראָפּגעלאָזט, נאָר ווי אַ וואָרף געטאָן צוריק אויף דער ערד.

בײדע, פּיטשע און שמואל־יאָסל, שרעקן אים ווי דער פונאַנדערגעגאָסענער און צעכוואַליעטער טײַך, ווו די גרין־בלאָווע קריִעס איז

וואָס רײַסן זיך אָפּ פונעם ברעג, יאָגן אײנע אויף דער צווייטער אַרויף, ברעכן, וואַלגערן און טראָגן אַראָפּ די קלאָדקע, וואָס פירט איבערן וואַסער צו די האַרבאַרניעס; ווו אויף די קריִעס טראָגן זיך דערשראָקענע האָזן, סקוליענדיקע הינט און רעווענדיקע בהמות, וואָס קיינער קאָן זיי צו הילף ניט קומען און קיינער ווייס ניט ווי אַזוי אַרום די שטומע בריאות זײַנען אַהין פאַרוואָגלט געוואָרן.

— גורל! גורל! גורל!

ער ווייס ניט, אלישע, וואָס צו טאָן מיט זיך, וווהין פאַרפאַלן ווערן, ווו בלײַבן אַליין און שפּילן מיטן טאַטן אין באַהעלטעניש. אמת, די לעצטע צײַט שלאָגט ער אים ניט, פאַרמאַכט אַפילו די אויגן אויף דעם, וואָס ניט תמיד טרעפט ער אים בײַ דער גמרא. ס׳האָט זיך ווידער דאָ אַרײַנגעמישט די מאַמע און זיך פאַר אים אײַנגעשטעלט:

— ער איז דאָך נאָך פאָרט אַ קינד, לאָז אים, מאיר, אַרומלויפן, לאָז אים נאָך אַ ביסל צו זײַן אַ קינד. אין דרויסן האָט זיך דאָך געשטעלט אַזאַ ווּעסנע, אַז ווען איך שעם זיך ניט פאַר לײַטן, וואָלט איך אַליין אויך אַרומגעלאָפן אַ באַרוועסע איבער די בלאָטעס. זאָל דאָס קינד זיך פרייען ביז מ׳דאַרף ניט צאָלן פאַר דער פרייד.

און פון דער נאָכפּסחדיקער וועלט, ווייעט טאַקע אויף אלישען מיט אַזאַ יום־טובדיקייט און מיט אַזאַ פרייד, אַז ס׳שטעלן זיך אים טרערן אין די אויגן. אים דאַכט זיך אַז די זון פּראַוועט איר ערשטן סדר אויף דער ערד: ניט נאָר די גערטנער ווערן אויסגעגרינט, נאָר אויך פון די שטיינער שלאָגן אַרויס גראָזן; בײַ אַרכיפּ דעם באָנדאַרס קרעניצע בליט די אַלכע מיט אירע ברוין־לילאָווע אויערינגלעך, אין די סעדער אַרום פאַרבלען שוין אויפן הייסן זוניקן ווינט די קאַרשן מיטן בלאָלעכן און די עפּלביימער מיטן ראָזלעכן צוויט און אויף די צווײַגן, וואָס באָדן זייערע יונגינקע, די נאָר־וואָס אַרויסגעשיילטע, די דורכזיכטיק־גרינע, די נאָך קלעפּיקע בלעטעלעך אין דער שקיעה, פאַרגייען זיך די אָנגעקומענע פייגל אין געזאַנג... פלוצלינג הייבן אָן מאַמעס און טאַטעס פאַרטרײַבן זייערע קינדער, ווער מיט געשריי און ווער מיט געלעכטער, אין שטוב אַרײַן: פונעם וואָקזאַל, איבערן שאָסיי, גייט אַ פּאָרל, ווי אדם מיט חווהן אין גן־עדן, ביידע אויסגעטאָנענע, נאַקעטע. די פרוי מיטן פאַרפלאָמטן פּנים

אַנטקעגן דער זיך זעצנדיקער זון, מיט די געלאָקטע צעשאָטענע האָר איבער די אַקסלען, טראָגט אין האַנט אַ פּלאַקאַט:

— דאַלאָי סטיד — נידער מיט דער בושה!

און דאָ דערזעט ער, אלישע, צום ערשטן מאָל אַ פרוי אין איר נאַקעטקייט און ביי אַזאַ אָרום און ביי אַזאַ ליכט. און ער כאַפּט דאָ פונעם טאַטן אַ פּאַטש פאַרן בלייבן שטיין איינגעגראָבן אין דער ערד, פאַרן אויפגלאָצן און פאַרגאַפן די אויגן ווי דער וויניצער מלאך־המוות, פאַר ניט אַנטלויפן פון דער טומאה, פון דער אויסגעלאַסנקייט, פון דעם נחש־הקדמוני, פון דער לילית, פון די כת־ליצנים.

דאָס איז געווען דער ערשטער זיסער ווייטיק וואָס אלישע האָט געליטן און האָט צום ערשטן מאָל שוין געזען אין זיינע חלומות, ווי איבער דער אויסגעגרינטער ערד, איבער דעם אָלכעבוים מיט די לילאָווע אויערינגלעך, איבער די סעדער מיט די בלאָ און ראָזלעכע צוויטן שוועבט די פאַרפלאָמטע בלאָנדהאָריקע שולמית אין איר נאַקעטקייט און ער איז אין יענער נאַכט צוויי מאָל אַריינגעפאַלן צווישן די טאַבורעטקעס... און אייבערן שטעטל שווימען צעגליטע און צעבליטע און צעשטערנטע נעכט און צום מולד — צווישן די הערנדלעך אַ פייערדיקער שטערן — גייען פונעם וואָקזאַל באַזילבערטע פאַרע־וואָלקנס און די פאַראַוואָזן, וואָס האָבן געבראַכט עשאַלאָנען סאָלדאַטן, פאַרן אָפּ מיט שאַרפע פייפן ווייטער, אָבער אַ סך סאָלדאַטן פאַרבלייבן שוין דאָ, הוליען אַ פּאָר טעג, און גייען דערנאָך מיט זייערע ביקסן צו זיך אין דאָרף אַריין, צו זייערע כאַטעס, צו זייערע ווייבער און קינדער, צו די שוואַרצברעמיקע דיוורטשינעס.*

פון אַלע ווענט — ס׳שמעקט פון זיי מיט צעוואַרעמטן פעך און מיט קיל־שטויביקן מאָך — קוקן אויף אים, באַגעגענען און באַגלייטן אלישען, די דריי שיינע רבנישע בערד פון מאַרקסן, ענגעלסן און הערצלען; שפּעטער אַ ביסל, שוין אויך אויף די ווענט פון די בתי־מדרשים, שוין מיט אַפּיקורסישע בערדלעך: לענין און טראָצקי... און אויפן קלויסטער צירט זיך און שיינט דער פלוצעם תחית־המתימדיקער, דער אויסגעסטראָיעט און אויסגעשלייערטער אוקראַינישער העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי און דייטשן

---

* מיידלעך. (אוקראַיניש)

אין די גרויע מונדירן, מיט די ברייטע גלאַנציקע מעסערס אויף די ביקסן, פירן אין די הויכע אָבאָז־וועגענער די אָנגעגזלטע תבואות פון די פויערשע קלוניעס, די אַרויסגעשאַרטע מעל און גרויפּן פון די קאַמערס, די מאַק־רעטעס שמאַלץ און די עמערס האָניק פון די קעלערס. מ׳פירט די קווי־טשענדיקע חזירים, די גאַגאַטשענדיקע געגנדז און די קוואָקענדיקע הינער, און צוגעבונדן צו די דראַבינעס ווערן געיאָגט די פערד מיט די אויס־געריבענע פעלן אויף די זײַטן פון די שלייעס אין אַקער, און די לאָשיק־לעך לויפן נאָך מיט אַ דין־רופנדיקער הירזשערײַ, און ס׳ווערן געטריבן די רעווענדיקע בהמות, די מעקענדיקע שאָף און די מרוקענדיקע קעלבער צו די לאַנגע טונקל־רויטע משא־וואַגאָנען, וווּהין אַלץ ווערט אָנגעלאָדן מיט געזאַנג: „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס״, און תיכּף אָפּגע־שיקט צום ליבן הימלאַנד, קיין דײַטשלאַנד...

און די פּאָלעסיער וועלדער הייבן אָן צו רוישן, די דערפער אַרום נעמען וויכערן מיט ביטערן צאָרן און מיט פײַערדיקער שינאה; ס׳גייען שוין פויערישע מרידות; פאַרברענען די דײַטשן גאַנצע דערפער, שיסן מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט. גייען די פויערים אַוועק אין די וועלדער און פון דאָרטן פאַלן זיי אָן אויף די דײַטשן: אַפילו אויפן אָפענעם שליאַך, אין מיטן העלן טאָג, וואַלגערן זיך שוין געהרגעטע אין די גרויע מונדירן; אין די פאַרטאָגן ווערן אויפגעריסן די באַנרעלסן און די אָנגעלאָדענע וואַגאָנען פאַלן פון די הויכע אָנשיטן, איינער אויפן צווייטן, אין די זומפּיקע בעפּלען אַרײַן.

און אין שטעטל ווערט אויך מיט יעדן טאָג אומרויִקער, הגם ייִדן מיסחרן נאָך, עסקן, פאַרען און פאַרקען זיך, שפּאָרן ניט קיין כּוחות, זײַנען ווײַטער פאַרשמײַעט און פאַריאַרידעוועט, בעל־מלאָכות גלײַכן ניט אויס דעם רוקן און מאַכן נאָך אַ שטאָך אין שבת אַרײַן. פון יענער זײַט טײַך — מיט דער קלאַדקע אַריבערגיין — בויט מען נײַע האַרבאַרניעס: מ׳האָפט אויף גוטע צײַטן. לעדער ווערט מיט יעדן טאָג טײַערער, ממש מיט גאָלד גלײַך. לעדער און... זאַלץ!

— איר האָט געהערט, בינעם אַלטערקעס האָט געגעבן זײַן טאָכטער נדן צוויי כראָמענע פעלכלעך!

— וואָס רעדט איר, וואָס? גאַנצע צוויי כראָמענע פעלכלעך?

— גאָר אַזאַ גביר ווי בינעם אַלטערקעס קאָן זיך דאָס פאַרגינען. פון צוויי פעלכלעך קאָן אַרויס דריי פאָר שטיוול...

— אַ בת־יחידה, זי איז ביי אים איין קינד. צען יאָר קיין קינדער ניט געהאַט. ס׳האָט שוין געהאַלטן ביי אַ גט. איז די ווייב געלאָפן אַזש צום סאַדעגערער... און דער בוכהאַלטער פון דער גרויסער מיל האָט געגעבן פאָר זיין טאָכטער נדן זיבן מיט אַ האַלב פונט זאַלץ און פיר פעקעלעך שוועבעלעך!

— דינע צי גראָבע?

— איר האָט נאָך געוואָלט דינע? פאָר זיבן מיט אַ האַלב פונט דינע זאַלץ קאָן מען ביי היינטיקן טאָג אָפקויפן דעם מאַרק מיט די פּאַטראַכעס. און פאָר פיר פעקעלעך שוועבעלעך... מ׳שפּאַלט דאָך אַ שוועבעלע אויף פיר טיילן.

— אַז דאָס געלט האָט שוין גאָר קיין ווערט ניט. כאַטש נעם און קלעפּ אויס מיט דעם די ווענט.

— וואָס האָט איר געוואָלט, אַז ס׳פאַרט אַרויס אַ גוי אויפן מאַרק באַפאַלט מען אים ווי די היישעריקן, מ׳צאָלט אין טאָג אַריין, דער גוי נעמט אָן אַ זאַק מיט געלט, דרייט זיך מיט דעם אַרום איבער די ליידיקע קלייטן און פירט אַוועק דעם זאַק אין דאָרף אַריין.

— און דאָ בלייבט דען ווייניק? מ׳עט שוין באַלד אָנהייבן האַנדלען מיט געלט אויפן אַרשין. דריי אַרשין קערענסקעס פאָר אַ זעלצערל זאַלץ.

— וואָס דען זאָלן יידן טאָן? ווען איך זאָל קאָנען אויפּאַקערן מיין אייפן־אויוון און פאַרזייען מיין ליסינע... מ׳זאָגט אַז די באָלשעוויקעס גיבן די פּריצישע ערדן ניט נאָר גויים, נאָר אויך יידן.

— צו דריי איילן. כאַפן זיי אַ יידן מיט אַ האַלב פונט זאַלץ, דערשיסן זיי אים...

— מ׳זאָגט אַז אין כאַבנע האָט זיך פאַיאָוועט אַ באַנדע.

— קומט יידן, קומט דאַווענען מינחה־מעריב. דער טאָג פאַרגייט. מ׳דאַרף ניט לייגן קיין איבעריקע שטיינער אויפן הארצן, ס׳איז אַזוי אויך געענוג שווער... איר שלאָפט ביי נאַכט, ר׳ איטשע?

— ניין, ר׳ אַבאַ, ניין, ווי קען מען אַנטשלאָפן ווערן פון די שיסערייען וואָס הייבן אויף דעם מוח, היינט די שרפות? זאָל דער אייבערשטער זיך אויף אונדז מרחם זיין. קומט, יידן, אין מקום־קדוש.

נאָר אלישע גייט ניט נאָך די ייִדן אין בית־מדרש אַרײַן, ער האָט שוין אויך דרײַ טעג די גמרא ניט געעפנט — קיינער קוקט זיך אויף זײַן לערנען ניט אַרום, אַפילו די מוסרניקעס זײַנען מיט אַ מאָל שטילער געוואָרן, שטייען אין די בין־השמשותן בײַ די ווענט הונגעריקע און וואַקלען זיך מיט אַ קרעכץ ווי פון גרויס ווייטיק, — ער לויפט אַהיים, אלישע, צו דער מאַמע מיט עפּעס־וואָס איר העלפן, מיט עפּעס־וואָס איר פאַרלויפן דעם וועג: ברענגען אַ קאַראַמיסלע וואַסער, אָפּגעבן איר די שוואָמען, די באַראַוויקעס, וואָס ער האָט אָנגעקליבן אין וואַלד, און דעם ווילדן שטשאַוו, וואָס ער טראָגט אַרום אין די קעשענעס: וועט זײַן אויף מאָרגן אַ שטיקל געקעכץ: אויף דער נאַכט שיט טאַקע דער טאַטע אַרויס אויפן טיש אַ באַרג פּאַפּירן געלט, אָבער מיטן גערשטנברויט עסט מען זיך שוין אויך ניט אָן צו זאַט... די מאַמע איז דאַרטן איינע אַליין, דער קלענערער ברודערל איז נאָך מסתמא פון תלמוד־תורה ניט געקומען און ביידע שוועסטער זײַנען דאָך פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט פאַרטאָן ערגעץ אין די „קאָמיטעטן“, אויף פאַרזאַמלונגען און מיטינגען. די מאַמע, זעט ער, ווערט פון טאָג צו טאָג מאָגערער, אײַנגעפאַלענער און בלאַסער; פון די ליפּן איז שוין אין גאַנצן פאַרפאַלן געוואָרן איר שמייכל. די מאַמע ווערט חרוב ניט אַזוי פון דער קרענק, הגם דער אַלטער דאָקטער ווײַסגאַל זאָגט, אַז מ׳וואָלט יאָ באַדאַרפט נאָך אַן אָפּעראַציע, אָבער זיך לאָזן איצטער אין וועג אַרײַן, ווען די באַנרעלסן הייבן זיך אין די נעכט צו די הימלען... די מאַמע ווערט חרוב פון צרות: פון עטלען קיין בריוו ניטאָ, גאָלדע־רחל שווײַגט, פּנחס איז אַוועק מיט דער ביקס אין די וועלדער. אין די אָוונטן, אין די אויסגעלבנהט־וואָרעמע, זיצט זי אויף דער פּריזבע און ניט זי זינגט, נאָר ווי צו עמעצן גערעדט:

שווימט אַ שיפל פול מיט וואַסער,<br>
אָט ווערט עס אײַנגעזונקען,<br>
שווימט אַ שיפל פול מיט וואַסער<br>
אָט ווערט עס באַלד דערטרונקען...

פון דער מאַמעס אויגן איז פאַרפאַלן געוואָרן דער פריילעך־שטיפעַרישער הייסער בליק, ווי דער רויך פון די בײַנאַכטיקע שׂרפות וואָלט שוין איר אויך בײַ טאָג פאַרשטעלט די זון. דערצו נאָך האָט דער שוואַרצער וואַנטזייגער, די ירושה פון איר זיידן, פון דעם ערד־ און וואַלד־ייִדן,

פון ר׳ איצעלע נאַהאַדיער, מיט אַ מאָל זיך אָפּגעשטעלט. דעם זייגער פלעג זי אַלע פאַרנאַכט אַליין, קיינעם ניט פאַרגלייבט, מיטן גרויסן קופּערנעם שליסל אָנציִען, אויף שבת און יום־טוב אַרומווישן, און פּלוצעם האָט זיך דער וואַנטזייגער אָפּגעשטעלט. און די מאַמע גייט אַרום אַ דער־שראָקענע. דער זיידע אירער, ווען ער איז אין טיפן עלטער אַרײַן, די פיס האָבן שוין נאָכן אָקער ניט געקאָנט גיין, האָט ער צונויפגערופן אַרום בעט די זין און טעכטער, די שנורן און איידעמס, די אייניקלעך — פון דרײַצן קינדער, זעקס זין און זיבן טעכטער — און זיך גענומען מיט זיי געזעגענען. האָט איינער פון די אייניקלעך, וואָס האָט שוין ספרים מיט ניט־ייִדישע אותיות געלייענט, געוואָלט שיקן פערד־און־וואָגן נאָכן פאָטאָ־גראַף, נאָך מאַנדעלבוימען מיט דער פעלערינע, יענער זאָל דעם זיידן אַראָפּנעמען אויף אַ קאַרטע, האָט עס דער זיידע, ר׳ איצעלע נאַהאַדיער, שטרענג פאַרווערט און אויף דעם געזאָגט:

— פריִער האָט איר אַלע אין איינעם געהאַט איין טאַטן און איין זיידן, און איצטער וויל שוין איטלעכער פון אײַך האָבן אַ באַזונדערן טאַטן און אַ באַזונדערן זיידן? אַז איר וועט מיך אַראָפּכאַפּן אויף דער קאַרטע וועט שוין איטלעכער פון אײַך האָבן אַן אייגן שטיקל האַרט פּאַפּיר, וואָס ער וועט קאָנען שפּעטער אַרויסוואַרפן אויפן מיסט... ליבע־שׂרה, דו נעם מײַן וואַנטזייגער וואָס גייט נאָך ברוך־השם פון מײַן עלטער־זיידנס צײַטן, נעם אים ליבע־שׂרה, דעם שוואַרצן וואַנטזייגער און זאָל ער זיך ניט אָפּשטעלן בײַ דיר, ניט בײַ דײַנע קינדער און ניט בײַ דײַנע קינדס־קינדער.

און דעם שוואַרצן וואַנטזייגער האָט די מאַמע געהיט ווי די שוואַרצ־אַפּלען פון אירע בלויע אויגן. און דער זייגער איז געגאַנגען און זיך קיין מאָל ניט אָפּגעשטעלט; ערשט צוריק מיט אַ פּאָר טעג האָט דער וואַנטזייגער אָנגעהויבן כריפּען, אויפגעהערט צו אויסשלאָגן די שעה און זיך אָפּגעשטעלט. דער מאַמעס פּנים איז פון דעם זייגערס אָפּשטעלן זיך דערשראָקן און אַפילו שוואַרץ געוואָרן. זי געפינט זיך שוין גאָר קיין אָרט ניט. לויפט ער, אלישע, אַהיים מיט די שוואָמען־באַראָוויקעס און מיטן ווילדן שטשאַוול אָנגעריסן אויף די „זאַטאָנעס״, ער איז שוין בײַ די גערטנער און דאָ טרעפט ער זיך אָן אויפן משוגענעם, וואָס פאַרשטעלט אים דעם וועג:

— כ'בין געווען אין גאַראַדיטש.

— נו, ביסטו געווען, וואָס גייט עס מיך אָן?

— מער וועל איך שוין אַהין ניט גיין.

— פאַר וואָס, — פרעגט אלישע און קוקט אַריַין מיט ציטערניש אינעם משוגענעמס אויג. — פאַר וואָס וועסטו שוין אַהין צו ניט גיין?

— שוין ניטאָ צו וועמען... זי איז שוין ניטאָ!

— ווער איז שוין ניטאָ?

— דייַן שוועסטער... גאָלדע־רחל... שוין ניטאָ!

און דאָ בלייַבט אלישע שוין גאָר געלייִמט: פון די גערטנער גייט אַרויס די מאַמע און פרעגט בייַ פיטשען:

— ווען ביסטו געווען אין גאַראַדיטש?

פריִער, פאַר דער מאַמעס אָנקומען, דערהערט פון פיטשען, אַז די שוועסטער איז שוין ניטאָ, האָט פאַר זייַנע אויגן תּיכּף אַ וויכער געטאָן יענער אויפדערנאַכט בײַם אײַנגעפאַלן־פאַרשאָטענעם ברונעם, ווו די שוועסטער האָט אַזוי ביטער געשריִען אינעם פאַלבדיקן שניי אַריַין פאַר וואָס ער, פיטשע, דער צעיושעטער מוח, דער שיינער גולם, האָט צע־בראָכן איר לעבן און דאָס לעבן פון איר קינד... ער האָט געוואָלט כאַפּן אַ שטיין און וואַרפן אין פיטשען, נאָר דערזעענדיק די מאַמע און דער־הערנדיק איר „ווען ביסטו געווען אין גאַראַדיטש?“ איז ער פאַרקילט געוואָרן, אלישע. דער משוגענער מיטן נאַסן קיטל און אויסגעטריקנטער נשמה, וואָס זייַן ווילדער געלעכטער איז אַ געשריי נאָך אַ טרער, ער וועט דאָך באַלד דער מאַמען זאָגן, אַז גאָלדע־רחל איז געשטאָרבן און אפשר גאָר זיך דאָס לעבן גענומען? און פון דער אומגעריכט־ווייסטער בשורה אַז די טאָכטער, אַזאַ שיינער טאַפּאַל, אין סאַמע בלי, איז צעבראָכן און פאַרשניטן געוואָרן, קאָן זי דאָך, די מאַמע, אויפן אָרט אומפאַלן.

און אלישע האָט מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם, מיט זייַן גאַנצן כּוח־הדם און כּוח־הנפש גענומען אַרייַנקוקן אין פיטשעס אָפענעם אויג און אַזוי, אַז דער משוגענער האָט זיך אָנגעהויבן בייַטן אין פּנים — געוואָרן ווייַס־גרוי און ציגל־רויט. און אלישע לאָזט אים פון זיך דאָס אָפענע אויג ניט אָפּפירן און ניט אָפּווענדן אין אַ זייַט, קוקט אין דעם אַרייַן וואָס ווייַטער אַלץ אָנגעשטרענגטער און פייַערדיקער און באַפוילט אים פאַרבאָרגענער־הייט, פיטשען, צו שווייַגן און ניט עפענען דאָס מויל, און פיטשע הייבט אָן

פון אלישעס קוק ניט נאָר צו בייַטן זיך אין דער מראה, נאָר אויך ווי פון וויטיק צו קרעכצן און מיט אַ מאָל עפנט זיך אים דאָס צווייטע אויג, דאָס פאַרבאַרגענע, אַ ברויך־גלאַנציקס, אַ פּייַכטס, אַ לענגלעכס ווי אַ קערל פון אַן איבערגערייַפטער פלוים, און אלישע דערזעט דאָ, ווי אין אַט דעם אויפגעעפנטן לינקן אויג, שטעלט זיך אַ גרויסע, אַ ליכטיק־ריינע טרער...

ווייס ער ניט פאַר וואָס, נאָר גראָד פון אַט דער ליכטיק־ריינער גרויסער טרער, ווערט ער, אלישע, נאָך מער אויפגעבראַכט און אויפגעצאָרנט, טוט זיך אַ וואָרף, כאַפּט עפּעס פון דער ערד אין האַנט אַרייַן און וויל עס וואַרפן פיטשען אינעם פלוצעם אויפגעעפנטן לינקן אויג, וווּ ס'שטייט די גרויסע, די ליכטיק־ריינע טרער. אָבער דער משוגענער האָט זיך שוין פון אָרט אַ ריס געטאָן און איז מיט אַ נאָך ווילדערן געלעכטער אַנטלאָפן געוואָרן.

נאָך פיטשעס אַנטלויפן מיטן שוין גאָר פאַרווילדטן געלעכטער, פון וועלכן ס'הערט זיך שוין פאָרט אַ מין געוויין, אַ מין יללה, וואָס גייט ביי נאַכט פון אַ פאַרוואָרפענער חורבה, טרייסלט און וואַרפט אים, אלישען; די אויגן רויט־געוואָרענע, די ליפּן איבערגעטריקנט־ווייַס און אָטעמט אַזוי שווער, ווי ער וואָלט זיך שוין פון אַלע כּוחות אַרויסגעשלאָגן.

— אלישע, וואָס איז מיט דיר? פון דייַנע אויגן בין איך אויך שיִער ניט אַנטלאָפן געוואָרן. דו האָסט אים דאָך מיט דייַן קוק פאַרטריבן. וואָס איז דאָ צווישן דיר מיט אים פאַרגעקומען? ער האָט געוואָלט ריידן, כ'האָב דאָך געזען אַז ער וויל מיר עפּעס זאָגן, נאָר דו האָסט אים ניט געלאָזט מיט דייַן קוק עפענען דאָס מויל...

נעמט זיך דאָ אלישע אין די הענט אַרייַן, באַהערשט זיך און טוט אַפילו אַ שמייכל: — וואָס פאַלט דיר, מאַמע, איין, ווי קאָן מען מיט אַ קוק פאַרמאַכן אַ משוגענעם דאָס מויל? — ער האָט דאָך מיר געוואָלט עפּעס זאָגן.

— וואָס קאָן אַ משוגענער זאָגן?

— אָבער דיר האָט ער דאָך פאַר מייַן אָנקומען עפּעס יאָ געזאָגט.

— ער האָט מיך דאָ אָפּגעשטעלט און נאָך אַ מאָל גענומען דערציילן זייַן מעשה וועגן דעם מלך וואָס וויל אויסבאַוען אַ פּאַלאַץ פון בייַנער.

אַ רגע קוקט זי אויף אים מיט פרייד און מיט טרויער, אָבער באַלד קערט זי אָפּ פון אים די אויגן, ווי ניט פון אים טראַכט זי איצט, מיט

אים וועט זי נאָך האָבן צײַט צו פֿאַרגעמען זיך שפּעטער און אויף איר פּנים דערזעט אלישע יענע שרעק ווי אין דעם אויפדערנאַכט ווען גאָלדע־רחל, אין דעם ווײַסן קלייד, אין די טופליעס, מיטן אַרויפגעכאַפּטן פרעמדן פּעלץ אויף די אַקסלען, האָט גענומען אים, אלישען, און פּיטשען און געזאָגט אַז זי גייט צו ליפּען אויפן קבר...

— אלישע, — קוקט זי אים אויף אַרײַן, די מאַמע, אין די אויגן — אלישע, זאָג מיר דעם אמת, זאָג מיר וואָס האָט דיר דאָ פּיטשע געזאָגט, ער האָט דאָך...

— ער האָט מיר דערציילט די מעשׂה וועגן דעם מלך, וואָס וויל בויען אַ פּאַלץ פון ביינער.

— אלישע, פאַר וואָס האָט דער אַלטער רבי, ר׳ וועלוועלע עליו השלום, זיך דעמאָלטן פאַרפּלאָנטערט, פאַרביטן די יוצרות און געשאָטן דאָס אַש ניט אויף יואלס, נאָר אויף גאָלדע־רחלס קאָפּ?

— כ׳ווייס ניט, מאַמע, פון וואַנען קאָן איך עס וויסן? ער איז שוין געווען אַן אַלטיטשקער.

— נו גוט, ער איז שוין געווען אַלט און שלעכט געזען מיט די אויגן, נאָר פאַר וואָס האָט זי אַליין, גאָלדע־רחל, נאָך באַדאַרפט זיך אָנבייגן און לאָזן זיך שיטן דאָס אַש אויפן קאָפּ.

— כ׳ווייס ניט, מאַמע, כ׳ווייס ניט, פאַר וואָס.

— ס׳טרייסלט דיך ווידער, אלישע... כ׳וועל אַליין פאָרן אַהין און זען, וואָס טוט זיך דאָרטן אין נאַראָדיטש.

— מאַמע, ווי אַזוי וועסטו אַהין צו פאָרן? אַלע באַנען זײַנען פאַר־קלאַפּט מיט סאָלדאַטן, מ׳וואַרפט יידן פון די וואַגאָנען, מ׳׳טוט זיי אויס נאַקעט...

— כ׳וועל זיך דערקלײַבן. אַ פויגל טרעפט צו דער נעסט פון זײַנע קינדער... כ׳מוז אַליין אַ קוק טאָן ווי ס׳לעבט זיך איר דאָרטן, מײַן טאָכ־טער, אין דעם פּאַפּירענעם עשירות, כ׳וויל הערן וואָסערע פייגלען זינגען אין איר נשמה. אינעם קול הערט מען דאָס האַרץ פונעם מענטשן... אלישע, כ׳׳מוז כאָטש נאָך איין מאָל אַ קוק געבן אויף איר. און קיין אַדעס וועל איך אויך פאָרן. זאָל מען מיך וואַרפן פון די וואַגאָנען, זאָל מען מיך טרייבן נאַקעט, זאָל מען מיר פּאַסעווען דאָס לײַב, זאָל מען... איך מוז אויך זײַן בײַ עטלען, כ׳האָב זי שוין ניט געזען צען יאָר.

## טז

און זי האָט זיך טאַקע געלאָזט, די מאַמע, צו גאָלדע־רחלען פאָרן, קיינער האָט זי פון דער נסיעה ניט געקאָנט אָפּרעדן און פאַרהאַלטן — זי האָט דאָך געשטאַמט פון די נאַהאַדיִער, פון די ערד־און וואַלד־ייִדן וואָס האָבן געהאַט שטאַרקע רוקנביינער, אײַזערנע ווילנס, געווען בעלי־בתּים איבער זייער וואָרט, געקאָנט אויף זיך שטעלן, אָפּראַמען אַלע שוועריקייטן פונעם וועג און אויב מ׳האָט באַדאַרפט — פאַרברענען אַלע בריקן הינטער זיך און גיין אויף מסירת־נפש. האָבן זיי בײדע, אלישע מיטן טאַטן, זי באַגלייט צו דער באַן. ביידע האָבן געוווסט אַז זי פאָרט צו גאָלדע־רחלען אויפן קבר. דעם טאַטן האָט ער יאָ, אלישע, נאָך אין יענעם פאַרנאַכט דערציילט וואָס פּיטשע האָט אים פון וועגן גאָלדע־רחלען געזאָגט. זײַנען בײַם טאַטן די אויגן געוואָרן נאָך גרעסער און שוואַרצער:

— מיינסטו, אַז מ׳קאָן אויף זײַנע רייד שטעלן?

— יאָ, פון דיר האָב איך ניט געטאָרט אויסבאַהאַלטן.

— פאַר וואָס?

— מ׳דאַרף דאָך דאָרטן באַזאָרגן איר קינד. מ׳קאָן דאָך עס יעדן טאָג צושיקן. זועט די מאַמע...

— האַ? — האָט דער טאַטע איבערגעשלאָגן מיט אַ שווערן קרעכץ און פאַרשטעלט מיט בײדע הענט די אויגן. — האַ, מ׳קאָן עס צושיקן? ברוך דיין אמת! גיי איך זאָגן נאָך איר קדיש...

שוין גייענדיק צו דער באַן אין דער שבתדיקער מאַטענע מיט די ברייטע אַרבל, אין דעם קאָרטענעם קליידל מיטן זײַדענעם טיכל אויפן קאָפּ, האָט די מאַמע נאָך אַלץ, ווי אין די פריִערדיקע דרײַ טעג, געהאַלטן אין באַכפּרעגן זיך אויף פּיטשען. אָבער יענער איז ווי אַ האַק אין וואַסער אַרײַן, קיינער האָט אים פון יענעם פאַרנאַכט אָן שוין מער ניט געזען און שוין מער פון אים ניט געהערט. האָט פּיטשעס פּלוצעמדיק פאַר־שווונדן ווערן, שוין גאָר זי דערשראָקן. זי האָט געשפּאַנט, די טאָכטער

פון די לווים, וואָס אירע אורעלטערן האָבן נאָך געדינט אין בית־המיקדש, — און ווי תּפילה געטאָן:

— גרויסער האַר פון דער וועלט, איך בעט דיך, גאָט פון מײַנע אָבות, זײַ מיט מיר אין וועג, ברענג מיך בשלום צו מײַן קינד און איך זאָל זי דאָרטן טרעפן אַ לעבעדיקע... איך האָב דאָס בײַ דיר אַוודאי ניט פאַרדינט, נאָר זײַ מיט מיר אין זכות פון מײַנע ווײַטע אָבות, וואָס האָבן דיר געדינט מיט געזאַנג און מיט טענץ...

נאָר פּעטליורעס קאָזאַקן־הײַדאַמאַקעס האָבן זי, די מאַמע, די טאָכטער פון די לווים, אויפן דריטן טרעפּל פונעם וואַגאָן אַרויפגעלאָזט, איר אַפילו אַ האַנט דערלאַנגט, איר געהאָלפן זיך אויפהייבן און באַלד פון דאָרטן, פונעם דריטן טרעפּל, מיט אַ רוצחישן, מיט אַ חייִשן געלעכטער צוריק אויף דער ערד אַראָפּגעוואָרפן.

מיט אַ פאַרקילט־געוואָרענעם בלוט, אַ פאַרגליווערטער, איז ער שטיין געבליבן, אלישע. זײַן האַרץ און שׂכל האָבן ניט געקאָנט אויפנעמען און פאַרשטיין אָט דאָס אַכזריות, און ווען ניט זייער געלעכטער, וואָלט ער געמיינט, הגם זײַנע אויגן האָבן גוט געזען ווי מ׳האָט די מאַמע פון די טרעפּלעך מיט גוואַלד אויף דער ערד אַראָפּגעוואָרפן, דאָך און פון דעסטוועגן, ווען ניט זייער ווילד־וואַלדישער געלעכטער, וואָלט ער פאַרט געטראַכט, אַז די מאַמע האָט אַ שלעכטן טראָט געמאַכט און זי איז אַליין אַראָפּגעפאַלן. אָבער פון זייער געלעכטער מיט דער שוואַרצער שׂימחה, וואָס גייט פון די רויט־ברייטע שאַראַוואַרעס, פון זייערע טעמפּ־צופרידענע און ברייט־שיכּורע פּנימער, האָט באַלד אויפגעפלאַמט אין אים דער כּהניש־קנאַישער צאָרן פון זײַנע ווײַטע און נאָענטע זיידעס און ער האָט אויפגעהויבן מיט אַ געשריי די נאָך קינדערישע פאַרבײַלטע קוליקלעך אויף די הײַדאַמאַקעס:

— אַרכיפּי פּראָקלאַטיִע! פאַרשאָלטענע אַרכיפּעס! — געמיינט האָט ער דעם שכן פון די גערטנער, דעם באַנדאַר אַרכיפּ, וואָס האָט זײַן צענייאָריקע טאָכטער, נאַסטיען, דערשטיקט. — אַרכיפּי פּראָקלאַטיִע! — האָט ער געטרייסלט אויף די הײַדאַמאַקעס זײַנע קוליקלעך מיט היץ און פאַרטראָגנקייט — פּראָקלאַטיִע! פּראָקלאַטיִע! פּראָקלאַטיִע! פּראָקלאַטיִע!

דאָ האָט די מאַמע איר פאַרבלוטיקטע האַנט פון דער ערד אויפגעהויבן:

— אַנטלויף, מײַן קינד, זיי וועלן דיך דערשיסן. זייערע הערצער לעבן שוין נאָר אין שׂינאה, אַנטלויף!

אָבער אַנטלויפֿן האָט ער שוין ניט באַוויזן, אלישע, און די מאַמע וואָלט דעם ריינעם אמת געזאָגט: איינער האָט שוין אויף אים זײַן ביקס אָנגעשטעלט, נאָר דער פֿאַראָוואָז האָט אַ שאַרפֿן פֿײַף געגעבן, דער גאַנ־צער עשאַלאָן האָט זיך מיט אַ סקריפּ אַ טרייסל געטאָן און פֿון אָרט גערירט. און אלישע איז אָפּגעקומען נאָר מיט אַ שרעקלעכן ברי איבער דער גאַנצער פּלייצע — איינער האָט אים פֿון דער הייך צעשניטן מיט דער באַהײַקע דאָס לײַב ביזן בייַן. דער טאַטע האָט געזאָגט:

בדמיך חיי! אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן!

און די מאַמע האָט געקוקט אויף אלישען מיט פֿאַרטרערטע, אָבער מיט פֿריילעכע אויגן. אירע אויגן אין די טרערן זײַנען דאָ אויף דער פֿרימאָרגנדיקער זון געווען נאָך בלויער און שענער, און אויך אויף אירע ליפּן האָט זיך באַוויזן יענער שמייכל, וואָס זאָגט: „שווער, אַוודאי שווער, נאָר מיר דאַרפֿן דאָס בײַקומען!".

האָבן אָנגעלאָפֿענע ייִדן שוין אין בהלה, שוין מיט ציטער אין אַלע אברים — ביז אַהער האָט נאָך אַזויגס ניט געטראָפֿן — געהאָלפֿן דעם פֿאַרלוירענעם, דעם אָן לשון געבליבענעם ר' מאירן ברענגען די צעבלו־טיקטע ווײַב און קינד אין שטוב אַרײַן און שיקן נאָכן חסידישן דאָקטער, נאָכן אַלטן ווײַסגאַל, וואָס האָט גלײַך, ווי נאָר דערזען אלישעס פּלייצע, מיט אַזאַ ברײַענדיקס אָפּגעגאָסן, אַז אלישע האָט גענומען שרײַען ניט מיט זײַן קול. דערנאָך האָט ער אויסגעהערט ליבע־שׂרהס לונגען און זיך אָנגענומען בײַ דער באָרד, (די אויף דער עלטער אָנגעוואָקסענע פֿרום־רבנישע באָרד, פֿלעג דער אַלטער ווײַסגאַל אַלע מאָל אַ טאָפּ טאָן: האָט ער זי, חלילה, ערגעץ ניט פֿאַרלוירן?).

— דײַן גרויסער רופֿא, ליבע־שׂרה, איז ע ר, דער אייביקער! איך בין בײַ אים ניט מער ווי אַ שליח. אַזאַ רציחה, אַראָפּוואַרפֿן אַ פּרוי פֿון אַזאַ הייך... נאַ, נעם אײַן אַלע דרײַ שעה אַ פּיל און צו די צעמזיקטע ערטער אויפֿן לײַב לייג צו נאַסע קאַלטע האַנטעכער. וואָס שייך דעם ייִנגלס פּלייצע, באַאומרויִקט זי מיך קנאַפּ־וואָס.

— אַ דאַנק זײַן ליבן נאָמען, — זאָגט דער טאַטע. — כ'וועל פֿאַר זיי בענטשן גומל, אַרויס מיטן לעבן פֿון אַזאַ סכּנה.

— יאָ, ר׳ מאיר, מ׳דאַרף בענטשן גומל. נאָר דײַן ייִנגל האָט אַחוץ דער נאָהײַקע אַרײַנגעכאַפּט פריִער נאָך ערגערס.

— וואָס ערגערס? — הייבט זיך די מאַמע אונטער פונעם בעט. — פּאַני ווײַסגאַל, וואָס ערגערס?

— דעקט אים גוט אײַן. ער הייבט אָן אַרײַנגיין אין דער היץ. כ׳וועל פאַר אים אויסשרײַבן אַ רפואה, נאָר צי איר וועט זי קריגן אין אַפּטייק, ווייס איך ניט. פאַר נאַכט וועל איך זיך סטאַרען אַרײַנגיין. כאַטש נעם און צערײַס זיך. אַ האַלבע שטאָט ליגט שוין אויף טיפוס. פריִער די אינפלוענציע און איצטער, אָט די עפּידעמיע... און ס׳איז ניטאָ מיט וואָס צו היילן און וואָס קאָן איך דאָ, אַן אַלטער דאָקטער, איינער אַליין אויפֿטאָן? זאָל דער אייבערשטער זיך מרחם זײַן! זייף האָט איר? ניין? קאָכט אַלצדינג אויס! נאָר דאָס קאָן פאַרהאַלטן די מגפה...

און ווי נאָר דער אַלטער דאָקטער אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, אין די שטעקשיך מיט די ווײַסע זאָקן, איז פון שטוב אַרויסגעגאַנגען, אַזוי האָט די מאַמע זיך פון בעט אויפגעהויבן: — ניין, רבונו־של־עולם, דאָס קינד וועל איך דיר ניט אָפּגעבן. דו האָסט שוין בײַ מיר דרײַ צוגענומען און וואָס ס׳טוט זיך דאָרטן מיט מײַן גאָלדע־רחלען, ווייס איך אויך ניט. מער גיב איך דיר ניט קיין קינדער, דו הערסט, גרויסער גאָט אין הימל! מיך קאָנסטו נעמען! מיך, רבונו־של־עולם, מיך קאָנסטו נעמען! נאָר קיין קינדער גיב איך דיר מער ניט!

און זי וויל זיך נעמען אַראָפּציִען מיט די צעוווּנדיקטע הענט די געלאַטעטע און איבערגעלאַטעטע ציכלך פון די קישנס. די שוועסטער אָבער לאָזן זי ניט. מירל מיט לאהן בלײַבן שוין אין דער היים, נעמען זיך אויפראַמען און אויסלופטערן, אָנגיסן וואַסער אין די טעפּ און שטעלן זיי אין אויוון אַרײַן. דער טאַטע זיצט בײַם טיש, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער דלאָניע פון דער אונטערגעשטעלטער האַנט:

— נאָר אונדז, ייִדן, איז געבאָטן געוואָרן צו טראָגן אַזעלכע יסורים, זיך מקריב זײַן על קידוש־השם, אָבער ניט אַנדערע אומות־העולם...

— אַ קליין גליק, — זאָגט די עלטערע, מירל. — איך וואָלט אָט דאָס גליק אָפּגעגעבן פעטליורען און כ׳וואָלט אים נאָך צוגעצאָלט אַ דרײַערל.

— כ'בעט אײַך, נאָר קריגט זיך ניט, — פאַרהאַלט זיך די מאַמע לעם אלישען. — דאָס קינד הייבט אָן ברענען.

ער איז שוין טאַקע געווען, אלישע, אין היץ, אָבער נאָך אַלץ אויפ־געגומען פונעם מינדסטן וואָס אַרום אים טוט זיך, ער האָט נאָך געזען ווי פון דער מאַמעס אויגן איז כמעט פאַרגאַנגען די בלויקייט, ווי איר פּנים איז פון ווייטיק איבערגעקאָסעט געוואָרן און ווי פון יענעם שמייכל אויף די ליפּן, וואָס זאָגט: „שווער, אַוודאי שווער, נאָר מ'דאַרף דאָס בײַקומען", איז שוין ווידער קיין סימן ניט געבליבן. מ'דאַרף זי פאָלגן, די מאַמע, און שווײַגן. פון די קולות טוט אים אויך ווי שטאַרקער די פּלייצע. נאָר די שוועסטער, מירל, האָט זיך שוין פאַרטשעפּעט מיטן טאַטן:

— נאָך דיר אַלץ קאַרג יסורים? — פרעגט זי אים. — קאַרג וואָס ס'טוט זיך אין כאַבנע, אין טשערנאָבל, אין באַזאַר? קאַרג וואָס מ'האָט די מאַמע אַראָפּגעוואָרפן פון די וואַגאָנטרעפּלעך און זי צעמזיקט? ס'איז קאַרג, דײַן משיחן, אלישעס צעשפּאָלטענע פּלייצע? און אויף אונדזער קלויסטער קלעפּט מען שוין שוואַרצע בלעטלעך אַז ייִדן זײַנען שונאים פון אוקראַיִנע, אַז ייִדן וואָס האָבן באַקומען אויף דער אוקראַיִנישער ערד אַ מקום־מנוחה און שוין... דו הערסט כאָטש? אויף דער אוקראַיִנישער ערד האָבן ייִדן געפונען אַ מקום־מנוחה און שוין! דאָס שרײַבן די אייניקלעך פון באָגדאַן כמעלניצקי און גאָנטאַן! אָט די ייִדן, שרײַען אַראָפּ די שוואַרצע בלעטלעך פונעם ווײַסן קלויסטער, טראָגן אין האַרצן אַ שׂינאה צום אוקראַיִנישן פאָלק און ווילן עס אומברענגען.

— דו הערסט, מאיר? — זאָגט די מאַמע — מ'רופט צו אַ פּאָגראָם אויף ייִדן! נו, און די וולאָסט שווײַגט? וויניטשענקאָ, זאָגט מען, האָט דאָך אַ ייִדישקע פאַר אַ ווײַבע, עפּעס איינע אַ ראָזע ליפּשיץ... באַהיט און באַוואָרנט זאָל מען ווערן!

וואָס די מאַמע מיינט מיטן „באַהיט און באַוואָרנט זאָל מען ווערן", פאַרשטייט ער ניט. מיינט זי די שוואַרצע בלעטלעך אויפן ווײַסן קלויסטער, צי די „ווײַבערע", די ראָזע ליפּשיץ? אויף דעם טאַטנס ענטפער ווערט דאָ פאַר אים, פאַר אלישען, פאַרפאַלן. ער ליגט מיטן פּנים אַראָפּ אויפן באַנקבעטל אונטערן וואַנטזייגער, וואָס וויפל די מאַמע האָט אים ניט אָנגעצויגן און געשאָקלט, גייט ער פאָרט ניט. דער ווייטיק אין פּלייצע

ווערט שטילער. פון דער הײַדאַמאַקישער נאַהײַקע וועט ער ניט שטאַרבן. וואָלט ער געשטאָרבן פון דער צעשניטענער פּלייצע, וואָלט דאָך דער נאָמען פונעם „קאַלטן חסיד" וואָס ער טראָגט, קיין שום זינען ניט געהאַט... ער איז דאָך אַ נאָמען נאָך יענעם, וואָס איז אומגעקומען אין פּאָגראָם. יענער איז אַוועק פון דער וועלט און עפּעס דאָ ניט באַוויזן צו מתקן־זײַן. דאָס דאַרף ער שוין, אלישע, פאַר יענעם עס טאָן. ער, אלישע, דאַרף דאָ פאַר יענעם, פאַרן „קאַלטן חסיד", עפּעס־וואָס מתקן זײַן. און פון דעם טיפּוס, דאָס ווייסט ער אויך, אלישע, אויף זיכער, וועט ער אויך ניט שטאַרבן. די מאַמע וועט צו דעם ניט דערלאָזן.

די ווײַעס קלעפּן זיך אים און ער פאַרלירט אַלע מאָל דעם סוף־האַרבסטיקן בלאָוון נעפּל, די לעצטע פאַלנדיקע געלע טשערעמוכע־בלעטער אין פענצטער. פון מאָל צו מאָל הערט ער ווי אונטער דער סטריכע וואָרקען זײַנע טויבן; ווער וועט דאָרטן אויסרייניקן דעם טויבנשלאַק, אָנגיסן ריין וואַסער און זיי צוקאָרמעווען — זיי וועלן דאָך זיך אָפּשלאָגן פון די הענט און פאַרווילדעוועט ווערן. אין שטוב טראַכט מען, אַז ער לערנט נאָר גמרא און לייענט דעם „ספר חסידים"; זיי ווייסן גאָר ניט אַז אַלע, מירלס און לאהס, ביכער, לייענט ער אויך איבער. מערער פון אַלע איז אים געפעלן געוואָרן פון וועגן דעם קאַפּיטאַן דרייפוס און פון גאָראַסימען, וואָס האָט פאַר נאַכט אַרויסגעשלעפּט דאָס הינטעלע, דאָס ווײַסינקע מיט די שוואַרצע פלעקן. און מירל רעדט און רעדט... ניט נאָר די שוואַרצע בלעטלעך אויפן קלויסטער, נאָר אויך וויגיטשענקאָס און פעטליורעס בלעטלעך שרײַבן, אַז די ייִדן האָבן זיך שווער פאַרזינדיקט פאַרן אוקראַיִנישן פאָלק, זיך פאַרזינדי־קט נאָך פון יענעם מאָמענט אָן ווען די ייִדן האָבן זיך באַזעצט אויף אוקראַיִנע.

— און ווען, טאָכטער, — פרעגט די מאַמע, — האָבן זיך ייִדן באַזעצט אויף אוקראַיִנע?

— זיי האָבן זיך באַזעצט דעמאָלט, ווען אוקראַיִנער זײַנען נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. ס'איז נאָך אַפילו דער נאָמען פון אוקראַיִנע ניט געווען. צוריק מיט טויזנט יאָר האָבן שוין ייִדן געלעבט אין קיִעוו. ייִדן לעבן דאָ אויף אָט דער ערד, ווען פון אוקראַיִנער איז נאָך דאָ קיין דעך ניט געווען...

— מיט וואָס זשע האָבן זיי זיך דאָס אַזוי שטאַרק פאַרזינדיקט, די ייִדן? — פרעגט ווײַטער די מאַמע מיט אַ געפֿאַלן קול.

— די ייִדן, שרײַבן די פּעטליורעווצעס, זײַנען פֿריִער געווען דער געצײַג אין די הענט פֿון די פּוילישע פּאַנעס און שפּעטער אין די הענט פֿונעם צאַרישן רוסלאַנד קעגן דעם אוקראַיִנישן פֿאָלק, ייִדן זײַנען אַ קללה פֿאַר אוקראַיִנע...

— וויסט איז מיר, — ליגט שוין די מאַמע צו בעט. — די שוואַרצע שינאה הייבט זיך מיט יעדער שעה. וואָס זשע וועט עס זײַן?

— ס'איז פֿאַר משיחס צײַטן... חבלי־משיח!

— פֿאַר משיחס צײַטן? — פֿרעגט איבער מירל דעם טאַטן מיט גאַל. — פֿאַר משיחס צײַטן? וויפֿל זײַנען שוין געווען „פֿאַר משיחס צײַטן”? אין כאַבנע, אין טשערנאָבל האָרודעווען פֿאַר משיחס צײַטן באַנדעס היימישע גוים. אין טשערנאָבל, וווּ ס'לעבט דײַן הייליקער צדיק, דײַן רבי, האָבן די באַנדיטן אַרויפֿגעלייגט אַ האַלבן מיליאָן קאָנטריבוציע; פֿאַרשפּאַרט די ייִדן מיט ווײַב און קינד אין בית־מדרש און באַגאָסן די ווענט מיט קעראָסין...

— וואָס הייסט, — רעדט קוים אויס די מאַמע. — וואָס הייסט מ'באַגיסט אַ בית־מדרש ייִדן מיט גאַזע? און דו מיינסט, טאָכטער, אַז זיי וואָלטן טאַקע אונטערגעצונדן?

— מאַמע, מאַמע, נאָך דעם ווי מ'האָט דיך אַזוי אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון די וואַגאָן־טרעפּלעך, אלישען צעשפּאָלטן די פּלייצע, פֿרעגסטו נאָך, זאָלסט מיר מוחל זײַן, אַזעלכע נאַרישקייטן? אין אַ וועלכער וועלט לעבט איר נאָך אַלץ? נאָך דעם ווי ייִדן האָבן געלעבט אין משך פֿון טויזנטער יאָרן אין אַזעלכע ליידן, איז אַזעלכע אומגליקן, גלייבט איר נאָך אַלץ אין נסים? די פּאָליאַקן, דו הערסט מאַמע, די פּאָליאַקן, שוין ניט שקצים ווי לאָזניוק און סטרוק פֿון כאַבנע צי פֿון באַזאַר, דער רוח ווייסט אויף וועלכן מיסט זיי זײַנען אויסגעוואַקסן; שוין ניט קיין פֿינצטערע באַנדיטן, נאָר די פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך ערשט באַפֿרײַט פֿונעם צאַריזם, אויפֿגעשטעלט די מלוכה מיט זייער פּוילישן אָדלער, האָבן זיי, אָט די באַפֿרײַטע פּאָליאַקן, געמאַכט די טעג אין קראָקע אַ פּאָגראָם אויף ייִדן. דו הערסט, מאַמע, אין קראָקע! דאָס איז דיר ניט קיין פֿאַרוואָרפֿן שטעטל כאַבנע אין די וועלדער, נאָר אין דער גרויסער שטאָט קראָקע, אין זייער אַמאָליקער קרוינשטאָט! דאָרטן האָבן די פּאָליאַקן געמאַכט אַ פּאָגראָם און פֿאַרברענט אַ סך ייִדן אין שול...

— חבלי־משיח! — טוט דער טאַטע אַ טיפן שווערן קרעכץ, נאָר אין אַט דעם קרעכץ הערט זיך ניט נאָר ווייטיק, נאָר אויך עפּעס אַ פאַרבאָרגענע פרייד. — ס׳גייט די גרויסע ישועה און עס וועט זיך אין גיכן באַווײַזן אין זײַן גאַנצער פּראַכט דער ליכטיקער גואל, משיח בן דוד.

— ווען וועט דאָס זײַן, — פרעגט די מאַמע מיט טרערן אין קול. — ווען, מאיר, וועט ער קומען, משיח בן דוד?

— דער טאָג, ליבע־שׂרה, איז שוין נאָנט, שוין נאָנט דער טאָג פון גרויסער ליכטיקער פרייד...

אלישע, הגם שוין אין גרויסער היץ, דער קאָפּ שפּאַלט זיך אים שיִער ניט, די אויגן שוין פאַרמאַכט — אונטער די וויִעס גייט אים פון די גערטנער די לעצטע סוף־האַרבסטיקע לילאָווע נעפלשײַן מיטן זיך לעשנדיקן ריח פון נאַסטורציע, הערט ער נאָך פאָרט וואָס אַרום רעדט זיך און פון דער מאַמעס קול, פון איר ביטערן שטילן אויסגעשריי „ווען, מאיר, וועט דאָס זײַן", לייגט זיך אים אויף דער נשמה נאָך אַ רינג... און אויך דעם טאַטנס ענטפער, זײַן טיפער גלויבן, זײַן ליכטיקער בטחון, גייט אים אין האַרצן אַרײַן. און אויך מירלס געלעכטער, דער שפּאָטיש־גאַליקער, פאַרבלײַבט אים אויף יאָרן אין אויער:

— מיט אײַער משיחן, מיט אַט דער שיימע, מיט אַט דער קוליע, מיט אַט דער זאַבאַווע, ווילן זיך שוין אַפילו קליינע קינדער ניט שפּילן!

— האַ, — שפּרינגט אויף דער טאַטע, — האַ? שוין אויך אין שטוב בײַ מיר?!

— מאיר, בעט זיך די מאַמע רחמים. — מאיר, באַהאַלט דעם כּהן! שוין, דאַכט זיך, דיר צײַט וויסן, אַז מיט דײַן צאָרן צעבלאָזטו נאָר דאָס פײַער. וואָס זשע, טאַכטער, דאַרפן מיר, יידן, טאָן?

— מיר דאַרפן, מאַמע, נעמען ווי אונדזער פּנחס די ביקס אין דער האַנט און אַוועקגיין צו די באָלשעוויקעס. נאָר זיי וועלן אונדז אויסלייזן פון פּאָגראָמען. נאָר זיי, לענין און טראָצקי, די רויטע אַרמיי, זיי וועלן אונדז ברענגען די גאולה. נאָר בײַ די באָלשעוויקעס וועלן מיר אויפהערן צו זײַן די פרעמדע אויף דער ערד, ווו מיר לעבן שוין אַריבער טויזנט יאָר. גענוג צו וואַרטן אויף נסים פונעם הימל, דאָרטן וואַקסט אַפילו קיין גראָז ניט! מ׳דאַרף צעברעכן דעם שופר, דעם המן־קלאַפּער, און דעם גרויסן אויסלייזער משיחן, אַרויסוואַרפן אויפן מיסט. זײַן אָרט איז שוין אויפן

סימיטניק. אײַער גלייבן אין משיחן, אײַער גלייבן אין נסים איז דאָך פון ייִאוש, פון חלשן נאָך אַ געזונט לעבן, נאָך אַ ביסל ליכט, נאָך אַ ברעקל פרייד... אײַער גאָט איז ניט מער ווי אַ שלאָפּגעטראַנק פאַר שווערקראַנקע, אײַער גאָט...

און דאָ האָט זיך מיט אַ מאָל דערהערט דעם טאַטנס געשריי, דערנאָך זײַן פאַלן, און ס׳האָט זיך געשטעלט אַ טויטע שטילקייט. און ווײַטער, בײַ זײַן גאַנץ אָנשטרענגען זיך, וואָס ס׳קומט דאָרט פאָר, האָט ער שוין, אלישע, ניט געהערט, די לעצטע כּוחות זײַנען אים אויסגעגאַנגען און ס׳האָט אים פאַרטראָגן שוין ווײַט פון דאַנען... אָבער דעם טאַטנס געשריי און אַפילו דער קלאַפּ פון זײַן פאַלן איז געווען ווי יענער, ווי אום יום־כּיפּור, שוין ביים טאָג־פאַרגיין, בײַ ברכת־כּהנים ווען ער, דער טאַטע, דער איינציקער כּהן, האָט אויפגעהויבן די הענט צו בענטשן דאָס פאָלק, דאָ איז געוואָרן אין קלויז אַ טומל און אַ גערודער, אַלעמענס קעפּ האָבן זיך אַ דריי אויס געגעבן צו די פענצטער. האָט אויך דער טאַטע אַ קוק געטאָן אַהין, אין דרויסן אַרויס און דערזען: זײַן זון, פּנחס, דער וואָס דאַרף קומען און זיך שטעלן אויף זײַן אָרט, ער, זײַן זון, פּנחס, רײַט אום יום־כּיפּור, נאָך ונתנה תּוקף, נאָך עשרה הרוגי מלכות, פאַרבײַ דעם מקום־קדוש אויף אַ ווײַסן פערד... האָט זיך דעמאָלטן פונעם טאַטן אַרויסגעריסן אַ גרויס געשריי און ער איז אַ פאַל געטאָן מיט די אויפגעהויבענע הענט אויף דער ערד.

# יז

וואָס ס'איז דאָרטן ווײַטער פאָרגעקומען אין שטוב, נאָכן טאַטנס געשריי און נאָך זײַן פאַלן, דאָס הערט ער שוין ניט. שפּעטער זעט ער שוין נאָר ווי דער פּויער מיט עשׂוס גבורה, דער רויער תּם־וישר, טרײַבט דאָס שיפל איבערן ברייטן טײַך אַנטקעגן דעם שטראָם און דאָס ווײַסינקע הינטל מיט די שוואַרצע פלעקן, מומו, זיצט אַנטקעגן מיטן שטריקל אויפן האַלדז און קוקט מיט ליבשאַפט און פאַרגלייבטקייט אויף גאַראַסימען און אויך יענער, דער טויב־שטומער, קוקט מיט טרערן דעם הונט אין די פריילעכע אויגן אַרײַן. און דאָ דערזעט אלישע ווי דער טויב־שטומער בינדט צו צוויי רויטע ציגל צום שטריקל, הייבט זיי אויף צוזאַמען מיטן הינטל און וואַרפט אין טײַך אַרײַן; דערהערט ער דעם דערשראָקענעם סקוליע, דעם פליעסק פון דעם וואַסער און אלישע נעמט שרײַען מיטן גרויסן געשריי פון זײַן טאַטן דעם כהן. און פּלוצלינג דערזעט ער ווי דער טויב־שטומער מיט עשׂוס גבורה, דערלאַנגט דער מאַמען, וואָס איז אָנגעטאָן אין דער שבתדיקער מאַטענע מיט די ברייטע אַרבל, זײַן גרויסע האָריקע האַנט און העלפט איר אַרויפקריכן אויף די טרעפּלעך, און אַז די מאַמע מיט די פאַרגלייבטע אויגן צום פּויער, שטעלט שוין אַ פוס אין וואַגאָן אַרײַן, דאָ וואַרפט ער זי, גאַראַסים, פון אַלע טרעפּ און די מאַמע פאַלט ווי אַ שווײַגנדיקער סנאָפּ אויף דער ערד, און פון אירע הענט און פּנים גייט בלוט.

— גאָט איז מיט דיר, מײַן קינד, — דערהערט ער דער מאַמעס קול און דערפילט איר האַנט אויף זײַן שטערן — פון וואָס שרײַסטו אַזוי? — ער הערט אויך ווי דער טאַטע קומט אַרײַן פון דרויסן, גיסט וואַסער, אַ פּנים אויף די הענט, און זאָגט:

— ברוך דיין אמת... ד' נתן ד' לקח.

— מאיר, ער לעבט, ער לעבט! מעק אים ניט אויס פונעם לעבן...

— לויט דײַן פּנים האָב איך געמיינט אַז ער איז שוין ניטאָ, אַז דער אייבערשטער האָט אים שוין אויסגעמעקט פונעם ספר־החיים.

— דאָס קינד לעבט, מאיר, ס׳לעבט! כ׳וועל דאָס קינד ניט אָפּגעבן אַפילו דעם אייבערשטן אַליין... מיך קאָן ער נעמען, מיך!

און ער הערט נאָך אויך ווי דער אַלטער דאָקטער ווײַסגאַל קיצלט אים מיט דער פאַרשפּעטיקט־פרומער באָרד דעם האַלדז, נעמט אים מעסטן די היץ און האַלט אים דערבײַ צו שטאַרק די לינקע האַנט:

— אויף דער גאַנצער שטאָט איז פאַרבליבן נאָר איין טערמאָמעטער. איין־און־איינציקער. טאָמער, חלילה, טוט ער זיך אַ דריי און צעברעכט מיר דעם גראַדוסניק וועט שוין ניט זײַן מיט וואָס אָפּמעסטן דער שטאָט די היץ... אוי־וואַ... אוי־וואַ, דער אייבערשטער זאָל זיך מרחם זײַן!

— וויפל ר׳ משה־אַהרן?

— שוין אַריבערגעכאַפּט די מאָס. אַ שיין ביסל... יותר מדי, ר׳ מאיר.

— אָבער וויפל, פּאַני ווײַסגאַל? — לאָזט אים די מאַמע ניט אָפּ.

— אַריבער די פערציק... די קרענק דאַרף זיך די טעג ברעכן. שיקט צום טײַך אָנברעכן אײַז. דער ברעג איז שוין אָנגעפרוירן. לייגט אים פענכערלעך. לייגט אים די גאַנצע נאַכט אײַז צום קאָפּ און השם־יתברך וועט העלפן!

נאָר ווײַטער האָט ער שוין ניט געהערט ווי דער טאַטע זאָגט תהילים און בעט גאָט פאַר אים, פאַר אלישען, ווי די מאַמע לייגט אים צו אַ גאַנצע נאַכט די פענכערלעך מיט אײַז צום קאָפּ, ניט געפילט אַפילו אירע הענט. ער איז שוין געלאָפן איבער יענעם פון ביינער אויסגעבויטן פּאַלאַץ, ווו אין די קרישטאָלענע הענגלײַכטער ברענען אַ סך קאָלירטע ליכט און די באַפּאַרבטע שאָטנס פאַרטונקלען אים די ראיה, ווי זיי וואָלטן געוואָלט פון וועג אים אַראָפּשלאָגן און ניט לאָזן ווײַטער לויפן אויפן געוויין, וואָס גייט צו אים פון ערגעץ־ווו... אָבער ער לויפט און ראַנגלט זיך מיט די פאַרביקע שאָטנס, לויפט און פאַלט, הייבט זיך אויף און לויפט ווײַטער אויף יענעם געוויין און פאַלט אַרײַן אין אַ ביז גאָר פינצטערן צימערל, ווו ס׳שמעקט מיט טשערעמוכע־צוויט און מיט דיאָכט, און דערזעט דאָ גלײַך ווי בײַ איין וואַנט, אין דער אָפענער טרונע, מיט די צונויפגעלייגטע הענט אויפן האַרצן, מיטן קרענצעלע קווייטן אַרום קאָפּ, וויינט נאַסטיע... און בײַ דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט, אויפן אײַנגעפאַלן־פאַרשאָטענעם ברונעם, ליגט זײַן שוועסטער מיטן אַש־באַשאָטענעם קאָפּ.

— וואָס וויינסטו אַזוי ביטער, נאַסטינקע? — פרעגט זי גאָלדע־רחל, — פון וואָס ביסטו געשטאָרבן?

— פון שינאה, — וואַרגט זיך נאַסטיע מיט די טרערן. — מײַן טאַטע האָט מיך דערשטיקט... און פון וואָס ביסטו, גאָלדע־רחל, געשטאָרבן?

— פון ליבשאַפט, נאַסטינקע, פון אַ משוגענעמס ליבע... — און אויך זי, גאָלדע־רחל, צעווײנט זיך. און ס'וויינען שוין ביידע מתים. קאָן ער ניט איבערטראָגן, אלישע, די מתימס געוויין, דערצו נאָך דערנעענטערט זיך צו אים די תמיד־פלאַקערנדיקע באָרד, ר' שמואל־יאָסלס: גורל! גורל! גורל! אַפילו אַ מת האָט זײַן גורל! — לויפט ער פונעם ווײַסביינערנעם פּאַלאַץ אַהיים, טרעפט ער בײַ דער שטוב די שוואַרצע מיטה אין אַ טיפן שניי בײַ דער טיר שטיין און אויפן שוועל וואַלגערט זיך אַ שטיקעלע שוואַרצע סקאָרינקע.

האָט זיך אלישע מער פון דרײַ וואָכן געראַנגלט מיטן טויט, זיך געוויגט איבערן שוואַרצן און פוסטן תהום וואָס אין דער טיפעניש, פון ערגעץ־ווו אויפן דנאָ הילכט אָפּ דער לעצטער געשריי פון זײַן לעבן. און ווען ער האָט געעפנט קלאָר די אויגן, איז אַרום אים געשטאַנען אַ שטאָק־שטילקייט, אַ פאַרנאַכטיקייט, אַ ווײַס־פאַרשנייטע, מיט פאַרפרוירענע טאַפּליעס אין קאַרשן־פײַערדיקע קאָלירן, מיט אַ ריח פון געברענטע גראָזן. בײַ די ווענט, ווי שאָטנס, האָבן זיך געוויגט די שוועסטער מירל און לאה, דער טאַטע איז אין דער אָפענער טיר, מיטן פּנים צום אַלקער, געשטאַנען. האָט ער צונויפגענומען, אלישע, זײַנע כּוחות און געפרעגט:

— ווו איז די מאַמע?

— די מאַמע איז שלאָף, — זאָגט אים לאה אויפן אויער.

— וואָס איז מיט איר?

— זי האָט זיך אָנגענומען מיט דײַן טיף...

— פון מיר? — טוט אלישע אַ צאַפּל ווי אַ לעבעדיקער פיש ווען מ'נעמט פון אים אַראָפּשאָבן די ליסקעס. — פון מיר? און וואָס בין איך דאָ שולדיק? — און דאָך וועט ער שוין טראָגן אין זיך דאָס געפיל פון שולדיקייט ווי אַ קללה אויף זײַן לעבן. פון אַלקער אַרויס דערהערט ער דער מאַמעס קול, וואָס איז שוין קוים צו דערקענען, דער עיקר אַזאַ פאַרלוירן־פאַרצווייפלטס:

— כ'האָב געוואַרט אויף אײַך דעם גאַנצן טאָג... מאָרגן?... מאָרגן וועט שוין זײַן צו שפּעט... מיר איז די ווײַלע צו גרויס!... — און מער האָט שוין

אלישע איר קול קיין מאָל ניט געהערט. זי, די מאַמע זײַנע איז אַפילו קיין איין מאָל צו אים אין חלום ניט געקומען.

דער אַלטער דאָקטער, ר׳ משה־אַהרן, טוט אָן אין קיך דעם פּוטער מיט אַ שווערן קרעכץ, הייבט זיך אונטער אויף די שפּיץ פינגער, דערלאַנגט מיט די ליפּן צו דער מזוזה און לויפט פון שטוב אַרויס. אַט דעמאָלט פאַלט ער, אלישע, פון באַנקבעטל אַראָפּ. האָט דער טאַטע זײַן מיין פאַרשטאַנען, פון דער ערד אויפגעהויבן, אויף די הענט גענומען און אים אין אַלקער אַוועקגע־טראָגן. און דאָרטן, שוין בײַם סוף טאָג, האָט אלישע נאָר געזען ווי די מאַמע, וואָס איז געלעגן מיטן אײַנגעפאַלענעם שוואַרץ־ערדישן פּנים אַרויף, האָט צו אים געעפנט די אויגן, ווי אַ שמייכל געטאָן. און תיכּף זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט אויסגעדרייט און צאַרנדיק אַ קריץ געטאָן מיט די ציין. און ס׳האָט זיך שוין געשטעלט אַזאַ שטילקייט, וואָס האָט שוין גאָר קיין נאָמען ניט. אין אָט דער גרעדיכטער און אָנאָטעמדיקער שווײַגעניש, האָט דער טאַטע, אָנבייגנדיק זיך מיט אלישען איבערן בעט, מיט דער רעכטער האַנט אַרויפגעצויגן די קאָלדערע איבער דער מאַמעס קאָפּ און מיט אַ געשטאַרקטן, מיט אַ זיכערן קול, מיט אַזאַ אין וועלכן ס׳איז ניט געווען קיין ברעקל פאַראיבל אויפן בורא־עולם, געזאָגט:

— ברוך דיין אמת!.. זי האָט דיך טאַקע ניט אָפּגעגעבן. זי איז אַליין אַוועק...מירן באַלד קאָנען אָנצינדן ליכט נאָך איר גרויסער נשמה! באַלד וועט דער שבת קודש אַוועקגיין, וועלן מיר רײַסן קריעה. מ׳טאָר ניט פאַרשטערן שבת... — און נאָכן איבערכאַפּן דעם אָטעם, גערעדט צום ערב־נאַכטיקן אָנגעפּרוירענעם פענצטער. — זי איז געשטאָרבן, ליבע־שׂרה. זי איז געשטאָרבן, די שטאָלצע נאָהאָדיערן, די טאָכטער פון ר׳ אַהרן הלוי, ויצרור בצרור החיים את נשמתה, ד׳ הוא נחלתה... בײַ תּחית־המתים... — און ער האָט ניט דערזאָגט וואָס ס׳וועט דעמאָלטן זײַן מיט דער מאַמען בײַ תּחית־המתים.

און שפּעטער, מיטן ערשטן שטערן אין אַלע הימלען, שוין ווידער אויף זײַן געלעגער, אויפן האָרטן באַנקבעטל, קוקט ער צו, אלישע, ווי מ׳דעקט איבער דעם שפּיגל אויפן בופעטל, ווי מ׳צינדט אָן די אַליין־אויסגעטונקענע חלבנע ליכט וואָס שפּריצן מיט רויטע פונקען אין אַלע זײַטן, ווי מ׳הייבט זי אָפּ, די מאַמע, ווי מ׳לייגט זי מיט די פיס צו דער טיר — צום אַרויסגאַנג

אין אַן אַנדער וועלט, ווו זי וועט דאָרטן דאַרפן פאַרבלייַבן ביז תּחית־המתים. פוןביידע שוועסטער, וויפל זיי זאָלן זיך ניט שטאַרקן, און אַפילו פונעם קלענערן ברודער, דער נאָמען נאָך דער מאַמעס זיידן, וואָס איז געגאַנגען נאָכן אָקער אין פעלד מיטן טלית אויף די אַקסלען און וואָס האָט איר, דער מאַמען, פאַר זייַן טויט אָפּגעגעבן דעם וואַנטזייגער, וואָס האָט געזאָלט גיין בייַ איר, בייַ אירע קינדער, בייַ אירע קינדסקינדער... און דאָ, צו דער ערשטער סליחה, מיט אַ מאָל זיך אָפּגעשטעלט; פון זיי, פון די שוועסטער און קלענערן ברודער, רייַסן זיך אַלע מאָל אַרויס גוואַלד־געשרייען, און אויך פונעם טאַטנס הייסע מידברדיקע אויגן פאַלן טרערן, שטילע, אָן תּביעות און אָן תּרעומתן, ער נעמט אויף אַלע גזירות פונעם בורא־עולם מיט ליבשאַפט, באַזונדערס נאָך איצט, אין דער צייַט פון חבלי־משיח... אַפילו די צוויי גויִשע שכנות, יעוודאָכע מיט טאַדאָסקען, וואָס זייַנען אויפן געוויין אַרייַן,ווישן מיט די פאַרטעכער די אויגן, נאָר ער איינער, אלישע, וויינט ניט. ער קוקט מיט איבערגעטריקנטע אויגן בייַ דער רויטלעכער שייַן פון די ליכט אויפן ווייַסן בערגל אויף דער ערד און זעט זייַן צוועלף־יאָריקע נשמה גייט אַרייַן אין אַזאַ פייַערדיקן רינג אַז די טרערן וואָס שלאָגן פונעם האַרצן אַרויס, ווערן אים אויך אויפן וועג צו די אויגן אויסגעטריקנט.

און די גאַנצע נאַכט געקוקט אויפן ווייַסן בערגל, אויף די ליכט וואָס גייען אויס און קיין אַנדערע זייַנען ניטאָ; אויפן טאַטן און ר' מנחם־זוסיען, וואָס זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן און זאָגן תּהילים אָן אַ קול; — געקוקט ווי אין די פענצטער גייט אויף דער גרינלעך־פּראָסטיקער פאַרטאָג, דערנאָך טוט אַ בלענד די זון; ווי די באַגרעבער מיט די אָנגעפּרוירענע בערד נעמען דאָס בערגל מאַמע, לייגן אין דער מיטה אַרייַן, וואַרפן אַרויף אַ שוואַרצן געוואַנט און טראָגן פון שטוב אַרויס... קיין קולות הערט ער שוין ניט, קיינער זאָגט אים שוין גאָרניט ניט אָן, אויפן בענקל ליגט פאַר אים אַ האַלב ריפּטל ברויט, און אין זיך שאָל אַ ביסעלע בוימל. געפינט ער פאָרט אין זיך כּוחות צו אויפהייבן זיך, מאַכן מיטן נאָגל אַ שמאָלינק סטעזשקעלע פאַר זייַן אויג צווישן די אָנגעוואָרפענע באַזילבערטע פּאַפּאָראָטן אויפן פענצטער און דערזען ווי די שוואַרצע מיטה אויף די אָנגעבויגענע אַקסלען וויגט זיך איבער די זוניק־אָנגעשנייטע גערטנער, — מ'טראָגט זי אַוועק, זייַן געשטאָר־רבענע מאַמע, זייַנע צוועלף שווערע קינדער־יאָרן... אין גיכן, די פּרעסט וועלן נאָך ניט אָפּגיין, וועט ער פון דער היים אַוועקגיין, און שוין אויף

תּמיד, און שוין גאָר אַנדערע רינגען וועלן זיך אָנהייבן אַרײַנשנײַדן אין זײַן נשמה.

און מיט אַ ווייטיק פון אַן איבערגעבראָכן לעבן, און מיט אַ טרויער וואָס האָט ניט קיין טרייסט, און מיט אַ בלוטיקער טרער אין אויג, וואָס הייבט שוין אָן צו פאַרלירן די שײַן, באַגלייט ער, דער אַלטער שרײַבער, אלישע בן־מאיר, יענע שוואַרצע מיטה, וואָס וויגט זיך אויף די אָנגעבויגענע פּלייצעס איבער די זוניקע שנייען: ניט נאָר זײַן מאַמע, נאָר אַ גאַנצע וועלט הייבט אָן צו פאַרגיין אויף שוין קיין מאָל מער ניט אויפגיין. ער לייגט אַרויף, דער אַלטער שרײַבער, זײַן האַנט אויפן אַקסל פונעם צוועלף־יאָריקן אלישען, אויפן בראשית פון זײַן לעבן, אויף זײַנע שווערע קינדער־יאָרן, פאַרנייגט זיך נידעריק פאַר אים, פאַר אלישעלען, וואָס שטייט מיט לעצטע כּוחות אויף די קני און קוקט דורך דעם מיטן נאָגל דורכגעשניטענעם סטעזשקעלע צווישן די באַזילבערטע פּאַפּאָראָטן ווי די מיטה דערווײַטערט זיך. און ער גייט, דער אַלטער שרײַבער, אויף גיך אַרויס פון יענער ווינטערדיק־פאַרשנייטער שטוב אויף די גויִישע גערטנער. ער גייט צו זײַן צווייטן לעבנס־גילגול, צו זײַן צווייטער פאַרוואַנדלונג און איבערגעשטאַל־טונג, צו יענעם אלישען, וואָס וועט אַוועק אין זשיטאָמירער ישיבה, דערנאָך פאַרוואָרפן ווערן אויפן כוטער, אין דער שטוב אין וואַלד און וועט דאָרטן פון עלנט אַרײַן מיט דעם קאָפּ אין דער תּליה... און דערנאָך, על־פּי נס אַ לעבן־געבליבענער, וועט ער אָנשרײַבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר זײַנע ערשטע צוויי שורות:

> ניט קיין שטריק וועט מײַן לעבן דערוואַרגן,
> ניט קיין סערפּ וועט פאַרשנײַדן מײַן האַרץ...

אָבער ביז דעמאָלטן, ביזן דערגיין צום צווייטן אלישען, איז נאָך ווײַט; דער אַלטער שרײַבער קערט זיך ווידער אום אַהין, צו זײַן לעבנסווערק, וואָס ער האָט פּלוצעם איבערגעריסן, און וויל דאָרטן ברענגען צו אַ תּכלית, מסיים־זײַן און פאַרחתמענען דאָס לעבן פון די לעצטע דורות ייִדן אין רוסלאַנד... דערווײַל פירט ער אונטער דעם סך־הכּל פון יענער פור, פון יענעם צעפּאַרענעם וואָגן מיט די קרומע רעדער, וואָס האָט איבערגעלאָזט אייביקע שלייפן אויף יענעם סוף־זומערדיקן, אויף יענעם אלולדיקן וואַלדוועג.

פון אַלע וואָס זיַינען דעמאָלטן אויף יענעם וואָגן געפאָרן און געפירט איבערן פּאַלעסיער וואַלד, וואָס האָט שוין גערוישט אונטער דער אָפּגעזוי־מערטער זון, דעם ניַי־געבוירענעם אין שטעטל אַריַין, צו אַריַינברענגען אים אינעם גרויסן און שווערן ברית פון אַברהם אָבינו און צו געבן אים דאָרטן דעם נאָמען פונעם „קאַלטן חסיד", וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם און קידוש־העם; דעם הויכן אויסגעדאַרטן בלינדלעכן קאַשטאַן האָט דעמאָלט אָנגעטריבן דער זיידע, ר' אַריה, וואָס האָט בשום־אופן ניט געקאָנט ווערן קיין שוחט, ווי זיַין טאַטע, ווי זיַין זיידע און עלטער־זיידע, וויַיל די ערשטע הון אויף וועלכער ער האָט דעם חלף אָנגעשטעלט, האָט אויף אים אַ פּאָר מענטשלעכע אויגן צעעפנט און זיך משונה צעקרייט... דער זקן האָט שוין דעמאָלטן די ניט־דערבויטע שטוב פאַרקויפט און זיך געקליבן באַלד נאָכן ברית אַוועקגיין צו פוס קיין ארץ־ישראל, שטאַרבן ביַי דער מערת־המכפּלה, אין חברון; אויף יענעם וואָגן איז דער צאָרנדיקער כּהן ר' מאיר, פאַרוואָרפן איבער דער דראַבינע די אומרויִקע פיס, וואָס יאָגן איבער אַלע מאַרקן און יאַרידן נאָך אַ שטיקל ברויט פאַר די קינדער, געזעסן אַ פאַרטראַגענער און מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן אַרויסגעקוקט אויפן ליכטיקן גואל; און צווישן דעם טאַטן און זיידן איז געזעסן דער עלטערער ברודער, פּנחס, וואָס האָט שפּעטער דעם ליכטיקן גואל דערזען אין לענינען, און די שוועסטער עטל, וואָס איז ביַי דער שקיעה אַראָפּ מיט איר קלומיקל פון וואָגן און זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער סטערניע צום רויטן וואָקזאַלכל, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין אירע אויגן ווי אַ פלאַמפּיַיער; און אויפן זאַק שטרוי איז געזעסן זי, די מאַמע, מיט איר אַכט קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויפן גאָרטן צווישן די בלאָווע היפּטלעך קרויט, ביַי די שאַרף־צאַרטע ריחות פון איבערגעציַיטיקטע סעדער און ביַים געפילדער אויפן סטאַוו פון די אָפּפליִענדיקע פייגלען. זי, די מאַמע, די שטאָלצע נאַהאַדיִערן, די טאָכטער פון די לווים, האָט נאָך דעמאָלטן פאַרמאָגט אַחוץ דעם טרויער אויף די ווונדערלעכע יום־טובדיקע שיינקייט אין די אויגן און דעם שמייכל אויף די עקשנותדיקע ליפּן: „שווער, אַוודאי שווער, נאָר מיר דאַרפן דאָס ביַיקומען" — פון זיי אַלע איז לעבן פאַרבליבן נאָר ער איינער, אלישע בן־מאיר, וואָס דאָ ביַי די בערג פון ירושלים, גייט ער אין די גרויס־לבנהדיקע נעכט איבער יענעם פּאַלעסיער וואַלד, שאַרט דאָרטן מיט די הענט ביז בלוט דעם אָנגעוווייעטן זאַמד פון די וויכערס און בוראַנעך, געפינט פון

יענעם וואָגן אויפן וועג די שלייפן און וויקלט זיי ווי רצועות פון פאַרבלוטיקטע תּפילין אויף זײַן נשמה מיט אַ ווידערשפּעניק־מורדישער תּפילה אין האַרצן. און פאַר טאָג קלעטערט ער, דער אַלטער שרײַבער, מיטן געשטרייפּט־וואַלענעם שאַרף אויף די פּלייצעס, צום הר־הזיתים און שטעלט דאָרטן דעם מצבה־שטיין פאַר די אומגעקומענע און אומגעבראַכטע, וואָס האָבן אַפילו ניט קיין קברים:

פאַר דער שוועסטער עטל בת־מאיר הכּהן און פאַר איר איינציקער טאָכטער ליבעלע, וואָס זײַנען צוזאַמען מיט זיבן און צוואַנציק טויזנט ייִדן־קדושים פאַרברענט געוואָרן בײַים שוואַרצן ים אין די סקלאַדן, וואָס די ברוינע נאַציס האָבן באַגאָסן מיט בענזין און אונטערגעצונדן.

פאַרן ברודער פּנחס בן־מאיר הכּהן, דעם אמת־און יושר־זוכער, וואָס האָט זיך געשלאָגן מיט דער ביקס אין האַנט פאַרן גרויסן וועלט־אויסלייזער, פאַר לענינען, און שפּעטער האָבן אים די רויטע קרעמל־נאַציס דערשאָסן אויפן ווײַטן צפון, אויף אַן אינדזל אין ים, ווי אַ שונא פון פאָלק.

פאַר דער מאַמע, פאַר דער גרויסער ייִדישער נשמה, ליבע־שׂרה בת־אַהרן הלוי, וואָס איר קבר האָבן די לענינצעס אויסגעגלײַכט מיט דער ערד, ווי זיי האָבן חרוב געמאַכט גאָלדע־רחלס קבר און אַלע ייִדישע בית־עלמינס מיט אַ רויט־מאַהדיקער שׂינאה און לייגן דאָרטן אַדורך וועגן צום שטראַלנדיקן קאָמוניזם...

פאַר דעם זיידן, דעם גרויסן בעל־רחמנות, וואָס האָט ניט געקאָנט שעכטן קיין הון, אַריה בן־פּנחס הכּהן, וואָס איז אין טיפן עלטער אַוועק שטאַרבן בײַ דער מערת־המכפּלה און זײַן קבר אין חברון האָבן שוין דאָ, אין ארץ־ישׂראל, די אַראַבער פאַרשוועכט און פאַר אַ מיסטבערגל געמאַכט.

און פאַרן טאַטן, דעם צאַרנדיקן ייִד, וואָס האָט אָבער אָן תּרעומתן און באַהבה געטראָגן די גרויסע יסורים, מאיר בן־אַריה הכּהן, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן אַרויסגעקוקט מיט די הייסע מידבר־אויגן אויפן ליכטיקן גואל, אויף משיח בן־דוד, און האָט על־פּי נס אויסגעמיטן דעם באַבי יאַר און איז מיט נאָך פינף זקנים פאַרוואַרפן געוואָרן אין אַ דאָרף בײַ דער וואָלגע און דאָרטן האָבן זיי, די זקנים, אָפּגערעדט צווישן זיך: גייט איינער אין עולם־האמת אַוועק, דאַרפן אים די לעבן־געבליבענע באַהאַלטן לויטן ייִדישן דין ניט נאָר אינעם טלית, נאָר אויך אין תּפילין, זיי זאָלן זיך שפּעטער ניט אַרומוואַלגערן און ניט פאַרשוועכט ווערן. די לעבן־געבליבענע דאַרפן נאָכן שוכר־עפר

שיבעה זיצן און קדיש זאָגן. איז אויפֿן טאַטנס גורל אויסגעפֿאַלן צו מקבר־זײַן דעם לעצטן פֿון זײַנע חברים און אַלייִן, אַז די פּרעסט האָבן זיך געשטעלט, מיט לויב און דאַנק אָפּגעגעבן דעם גרויסן בעל־הרחמים, דעם רבונו־של־עולם, זײַן צוויי און אַכציק־יאָריקע נשמה און קיינער ווייסט ניט ווער ס׳האָט אים צו קבורה געבראַכט און ווּ זײַן צאָרנדיקער געביין געפֿינט זיך דאָרטן בײַ דער וואָלגע.

און שוין דאָ, אויך אויף אָט דעם מצבה־שטיין, וואָס דער אַלטער ייִדישער שרײַבער, אלישע בן־מאיר, שטעלט אין די פֿאַרטאָגן אויפֿן הר־הזיתים, קריצט ער שוין אויך אויס די שורות וואָס ער האָט אָנגעשריבן פֿאַרן אַוועק־גיין פֿון דאָרטן, פֿון דער שטאָט בײַם דניעפּער־טײַך, ווּ ניט נאָר אין די נעכט, נאָר אויך אין רויש פֿון טאָג האָט ער געהערט דעם פֿאַרבלוטיקטן געשריי פֿון די הונדערט צען טויזנט ייִדן, וואָס זײַנען מיט רוצחישקייט, מיט קאַלטקייט, מיט פֿאַרגעניגן אומגעבראַכט געוואָרן פֿון די דײַטשן און אוקראַיִנער אינעם טיפֿן טאָל מיטן שטיל־לויפֿנדיקן וואַסערל, אין באַבי יאַר. און ער קריצט זיי, אלישע בן־מאיר, יענע שורות, וואָס ער האָט אַהער געבראַכט פֿון דאָרטן, פֿונעם רישעות־לאַנד, אויף דעם פּראָסטן מצבה־שטיין, וואָס ער שטעלט דאָ בײַם קאַלטן פֿאַרטאָג, נאָך ווײַט צום זונאויפֿגאַנג, אויפֿן הר־הזיתים.

# צווייטער בוך

...און דער גאָלדענער בעקן וועט צעהאַקט ווערן און דער
קרוג וועט צעבראָכן ווערן בײַם קוואַל, און דער ראָד
פאַלט אַ צעבראָכענער אין ברונעם. (קהלת יב. ו.)

## א

און דערנאָך, שוין שפּעטער־צו, אַז דער שרײַבער איז נאָך טיפער אין די יאָרן אַרײַן, שוין נאָכן ווערן אַ בן־שבעים, — אין יענעם טאָג, שוין נאָך דער אויף גיך אָפּגעפּלאַקערט־צעבלוטיקטער שקיעה איבער דעם ווײַט־מרחקדיקן, איבער דעם ברייט־צעוואָרפענעם, איבער דעם רחבות־מוראדיקן טיפן טאָל, וואָס אויפן וועג צו דער „הדסה", ווו ער, אלישע בן־מאיר בן אריה הכהן, איז בײַם ראַנד, אין די פאַרדאַרט־אויסגעשרפהטע קרײַטעכצער געזעסן, אַ פאַרטראַכט־פאַרקלערטער, פון יסורים כמעט אַ פאַרטראָגענער, — פונעם יאַר שלאָגט אויף אים מיט גרויליקייט און הייסן טרויער... דאָ דערזעט ער פּלוצלינג איבערן טאָל, איבער דעם בלוילעך־טונקעלן נעפּל גיין אַ באָרוועסע זײַן עלטערע טאָכטער, וואָס לעבט דאָרטן בײַ די קאַרפּאַטן־בערג. זי שרײַט צו אים פון יענעם בלוילעך־טונקעלן נעפּל אַרויס, — דער אַלטער טאַטע מיטן אָפּגעשוואַכטן אויער זאָל זי קאָנען דערהערן: „גאָט מײַנער, איך ווייס שוין ניט ווו איך בין, איך ווייס שוין ניט וואָס אַרום מיר קומט דאָ פאָר... ווו איז זי, מײַן מאַמע? וואָס איז דאָרט מיט איר? פאַרוואָס ליגט זי שוין ווידער אין יענעם שפּיטאָל אויף די ירושלמער בערג אַ צוגעקאָוועטע צום בעט?... גאָט מײַנער, — שרײַט זי פון דאָרטן, פון יענעם בלוילעכן נעפּל, צום אַלטן טאַטן, וואָס זיצט בײַם טיפן טאָל — וואָס זאָל איך טאָן? איך ווייס אַז ניט קיין ווערטער, נאָר מײַנע הענט דאַרף איצטער די מאַמע... און איך בין אַזוי ווײַט פון אײַך, אויף אַזאַ ווײַטן מהלך! איר זײַט דאָרטן בײַ די אָנגעגליטע מידבר־זאַמדן און איך בין דאָ בײַ די קאַלטע און געדיכט־באַוואַלדיקטע קאַרפּאַטן־בערג... איך קאָן פון דאַנען ניט אַרויס,

איך קאָן פון דאַנען ניט געפינען דעם וועג צו אײַך. פון אונטער די שוואַרצע שאָטנס, פון אונטער די אומגעלומפּערטע, פון אונטער די ווילד־צעוואַקסענע נאַכטברעמען, פון אונטער אָט דעם אייביקן פינצטערן פאַרטאָג קאָנען מיר זיך ביידע ניט ארויספּלאָנטערן!״ — שרײַט ער אויך, דער אַלטער שרײַבער, צו איר, צו דער טאָכטער אַהין, אין יענע בלוילעך־טונקעלע נעפּלען אַרײַן, וויל זי טרייסטן, וויל איר דאָס האַרץ לינדערן, נאָר דאָ פאַרשווינדט זי מיטאַמאָל, די טאָכטער, פון איבערן טאָל און זײַן קול פאַלט צום טיפן דנאָ פונעם יאַר... דער אַלטער שרײַבער קוקט נאָך לאַנג אין דער נאַכט אַרײַן, צו יענע גרינע, צו די ווײַטע זיך־וויגנדיקע לאַמטערן־פײַערלעך, דערנאָך הייבט ער זיך שווער אויף פון דער ערד, וואָס ווערט מיט קאַלטער ראָסע באַדעקט און לאָזט זיך גיין ווײַטער, — אַראָפּגיין טיפער אַהין, נאָכן ווערן אַ בן־שבעים, אין יענע פריידיק־טרויעריקע יאָרן... די פרייד, וואָס אויפן לאַנגן געוויטער־פײַערדיקן וועג זײַנעם איז ער ניט אומגעקומען; וואָס דורכן העכערן כוח איז ער פון אַלע טויטן ניצול געוואָרן; וואָס ער האָט געקאָנט אַלץ בײַקומען און אויסשטיין; וואָס ער איז תמיד גרייט געווען, ווי זײַנע זיידעס די כהנים און לויים, גיין אויף קידוש השם און ניט לאָזן זיך אײַנבייגן, ניט לאָזן קיינעם, און אין ערגעץ, צו אויסלעשן זײַן אייגענע שײַן און געטראָגן ווײַטער, אין זײַן אַליין־און־עלנטקייט, מיט ניט אָפּגעשוואַכטע הענט, יענע גרויסע גלות־ליכט פאַר די קומענדיקע דורות... און דער טרויער זײַנער קומט שוין פון דאָרטן, בײַם אַראָפּגיין נאָך טיפער אהין, אין דער עלטער אַרײַן, ווו מ׳ציילט שוין ניט די יאָרן, ווו מ׳לעבט שוין נאָר אויף די געשענקטע, אויף די חסד־טעג... דער עיקר יענער טרויער פון מורא האָבן פאַרן ניט דערגיין, פאַרן פאַלן בײַם סוף וועג און די שליחות זײַנע ניט אויספילן.

און הגם די שרעק פאַרן ניט אויספילן יענע שליחות ביזן סוף איז גרויס, דער פּחד, אַז דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס ער וויל דאָ זאָגן, אַז זיין לעצטער ווייגעשריי זאָל, חלילה, מיט אים אין קבר ניט אַרײַן... דאָך, שוין נאָכן ווערן אַ בן־שבעים, שוין נאָכן אַראָפּגיין טיפער אַהין, ווו די שקיעה־שײַן שלאָגט ניט אַדורך די אייביק־פאַרבאַרגענע פאַרקנוילטע שאָטנס, רײַסט ער מיט אַ מאָל ווידער איבער זײַן לעבנס־ווערק, לאָזט דאָרטן איבער דעם הונדערטיאָריקן זקן, דעם גרויסן בעל־נסיון, שטיין אין די ערב־פרילינגדיקע שניי־וואַסערן, בײַם סוף טאָג, אָנגעשפּאַרט אויפן נייעם

ווונדער־געשניצטן שטעקן, ביי דער שטיינערנער תפיסה, ווו זײַנע קינדער און קינדסקינדער געפינען זיך... וואַרפט אַרויף אויף זיך דעם ברייט־וואָלענעם געשטרײַפטן שאַרף, וואָס שיינדל האָט פאַר אים אין די אויף דער נאַכטן אויסגעשטריקט, — פון מידבר יאָגן שוין די וואָיענדיקע ווינטן און שווערע רעגנס וועלן באַלד אָנהייבן גיין אויף זײַן שמאָלן פענצטער, און ער נעמט זיך, אלישע בן־מאיר, צו די ווײַטערדיקע גילגולים זיינע דאָ אויף דער ערד, צו יענעם וועג זײַנעם, וואָס הייבט זיך אָן דאָרטן אין די פּאָלעסיער וועלדער און ענדיקט זיך דאָ, נאָך אין אַ גרעסערער עלנטקײַט, בײַ די אויסגעבענקטע בערג פון יהודה.

אָבער פון אַ וואָסערן גילגול דאָרטן, נאָך יענע קינדעריאָרן אויף די גערטענער, אונטערן שוואַרץ־גראָבן שטרויענעם דאַך, ווו דער טאַטע זײַנער, דער ווילדפרומער כעסן, האָט מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן דורך אַלע פירעקעכדיקע פענצטער־טאַפּלעלעך אַרויסגעקוקט אויפן גואל־צדק; ווו זײַן מאַמע איז אין אַ שבתדיקן פאַרנאַכט פלוצעם פון דער וועלט אַוועק, און אים, אלישען, דעם צוועלפיאָריקן, איבערגעלאָזט איינעם אַליין אויף דער ווינטערדיקער פאַרשנייטער ערד... איז פון אַ וואָסערן און פון אַוועלכן ווייטערדיקן גורל־גילגול זאָל ער איצטער, דער לעצטער יִדישער שרײַבער פון די לעצטע דורות יִדן ביי די טײַכן פון בבל־רוסלאַנד, פון יענע יִדן, וואָס האָבן זיך אינערלעך פאַר קיינעם ניט געבויגן, האָבן פאַרמאָגט פײַערדיקע נשמות, און פונעם וואַרטן אויף דער גאולה שלימה געקוקט אויף דער וועלט מיט פולע אויגן רחמים און טרויער... איז בײַ אַוועלכן ווײַטערדיקן גורל־גילגול זײַנעם דאָ אויף דער ערד זאָל ער, דער אַלטער אלישע בן־מאיר הכהן, שוין נאָכן קלעטערן אין די קאַלטע פאַרטאָגן אויפן הר־הזיתים און שטעלן דאָרטן אַ שטיין לזיכרון די געהרגעטע און פאַרברענטע, און שוין אין איין וועגס אויך אויסקריצן אויף יענער מצבה אַ פּאָר ווערטער פאַר זיך אַליין... בײַ אַוועלכן גילגול זאָל ער זיך אָפּשטעלן און זיך פאַרהאַלטן דאָ בײַ די אויסגעווייטיקטע בערג פון ירושלים, בײַ די וואָיענדיקע מידבר־ווינטן, בײַ די שווער־רעגנדיקע שוואַרצע כמאַרעס, וואָס שפּאַלטן זיך פון מאָל צו מאָל, גייען זיך פונאַנדער, און צווישן די שטיקער באַווײַזט זיך דאָרטן אומדערוואַרטערהייט אַזאַ בלוי־לויטערער ברונעם וואַסער, — אַן אָפּשיין פון דעם אייביקן ליכטקוואַל אין לעבן.

און דער אַלטער יִדישער שרײַבער מיטן ברויך־געשטרײַפטן וואַרעמען

שאַרף אויף די תמיד אונטערגעהויבן־פּאַרחידושטע אַקסלען, — ער ווערט נאָך אַלץ אויפגעציטערט פון אַ טויבן־וואָרקעריי פון זונאויפגאַנג, גייט נאָך אַלץ אין שטילער שקיעה־שעה אַהין, אין יענעם סעדל מיט די אויסגעקרומט־נידעריקע סאָסנעס, וואָס ביי דער קליינער „הדסה", צו גלעטן דאָרטן די פינקלענדיק־באַוואָסערטע גראָזן פון דער ערד... — ער, אלישע בן־מאיר, דער אייביקער אבל און בעל־יאָרצייט, דער פרעמדער אין זיין אייגענעם טרוים, ראַנגלט זיך אין די נעכט ביים פלאַם פון די אזכרה־ליכט מיט אַלע יענע גילגולים, וואָס פאָדערן פון אים, שפּאַרן זיך מיט עקשנות, ווילן מיט גוואַלד ווידער און אויף ס'ניי אין זיין וועלט אַריין... אַוודאי וואָלט ער זיי אַלעמען צוריק אין זיינע סופטעג אַריינגענומען, ער וואָלט דאָך אין זיין אַליינקייט, אין זיין געצווונגענער דערווייטערטקייט, כמעט אין נזירות, געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט דאָ אויסצורעדן, געהאַט פאַר וועמען מיט זיין צעבלוטיקטער נשמה אַרויסגיין... אָבער דער אַלטער שרייבער ווייסט, אַז אויף דורכגיין מיט זיי, מיט זיינע גורל־גילגולים און דיבוקים, ווידער און אויף ס'ניי יענע אַלטע ווייטע וועגן ביי דעם ביינאַכטיקן פלאַם פון די אזכרה־ליכט, אויף דעם וועט ער שוין קיין ערדישע כוחות און יאָרן ניט האָבן.

און דאָך, און טאָקע ביי יענעם שוואַרצן פלאַם פון די אזכרה־ליכט אויף זיין האַלבנאַכטיקן שרייבטיש, שוין גאָר אומגעריכט פאַר זיך אַליין, פאַרהאַלט ער זיך לעם יענעם ווייטן גילגול זיינעם אין שטעטל, וואָס אין די וועלדער, ווו ווינטער שמעקט דער שניי מיט רויטער קליוקווע־און ראַבינע־יאַגעדעס, און זומער מיט וואַרעמער טונקל־ברוינער קאָרע פון די טיף־געקאָרבטע אַלטע דעמבעס, מיט ווילדן האָניק־סטעלניק און מיט טריפנדיקע זשיוויצע־טרערן... דאָרטן, ביים וואָסערפאַל, ווו ס'איז אויפגע־גאַנגען זיין וואָרט און ס'האָט אויפגעיוירט זיין ניגון, דערזעט ער יענעם יונגן אלישעלן, דעם הונגעריקן, ביי די סקאַלעס איינעם אַליין אין דער אויסגעפרילינגטער, אין דער אויסגעלבנהטער נאַכט זיצן.

צי איבערן שטאַרקן רוישן, צי ווייל זיך פאַרקוקט אין די אויסגעש־טערנט־פאַלנדיקע זילבער־וואַסערן, נאָר יענער יונגער אלישע הערט גאָר ניט ווי עמעצער דערנענטערט זיך צו אים. און ווען ער וואָלט אפילו יאָ געוואָלט דערהערן און די אויגן זיינע, די פאַרטראָגענע, ווענדן אַהין, צו די אומרויִקע טריט, וואָלט ער דעמאָלטן, אין יענער געדיכטער אויסגעלבנהט־

און צעצוויטעטקייט, סײַ ווי סײַ דאָרטן קיינעם ניט געזען: זי איז דאָך אין ווײַסן געוועזן אָנגעטאָן און דער קאָפּ האָר אירער איז אויך אַזאַ לויטער־בלאָנדער... ערשט ווען זי איז שוין הינטער זײַנע פּלייצעס געשטאַנען און בײדע הענט אויף זײַנע אַקסלען אַרויפגעלייגט, ערשט דעמאָלטן דערזעט ער זי און ווערט אויפגעציטערט. און הגם ער גלייבט ניט אַז מתים זאָלן קאָנען פון זייערע קברים אויפשטיין, בײַנאַכט איבער דער ערד אַרומגיין, און זיי זאָלן קאָנען אין זייער לעבעדיקן געשטאַלט פאַר זייערע נאָענטע און ליבסטע זיך באַווײַזן, דאָך דערזען זי אין דעם קלאָר־ווײַסן, און אויך מיט יענע גרינלעכע פײַערן אין די אויגן, גייט אים דורך אַ פראָסט איבערן גאַנצן לײַב. דערצו נאָך כאַפּט זי אים באַלד אָן פאַר די האָר, בייגט דעם קאָפּ זײַנעם צו זיך אַרונטער און נעמט אים קושן אין די ליפּן ביז אין ווייטיק אַרײַן:

— דאָס איז דיר פאַר יענעם קוש! דו האָסט דענצמאָל ניט געקושט קיין טויטע... כ׳בין דענצטמאָל אַרײַנגעפאַלן אין אַ לעטאַרגישן שלאָף. גאַנצע זעקס וואָכן בין איך געשלאָפן.

— מאַלי?

— יאָ, אלישע, איך...

אַלע בלוטן קאָכן אין אים אויף פון פרייד און די גרינלעכע פײַערן פון אירע אויגן גייען ביז צום דנאָ פון זײַן אויסגעבענקטער נשמה: — האָב איך ניט געבענקט נאָך אַ טויטער? — טוליעט ער זײַן קאָפּ צו איר און רעדט מיט פאַרמאַכטע אויגן. — אַזאַ בענקשאַפט וואָס גליט און ברענט אין דיר אָן אויפהער, אפילו אין דעם טיפסטן שלאָף, אַזאַ בענקשאַפט קאָן ניט זײַן נאָך אַ טויטער. אַזאַ בענקשאַפט קאָן זײַן נאָר נאָך אַ לעבעדיקער. מאַלי, דו?

— יאָ, אלישע, יאָ, דאָס בין איך...

# ב

און דער אַלטער שרײַבער מיטן אַראָפּגערוקטן שאַרף אויפן לינקן אַקסל, שוין נאָך דער מיטערנאַכט, זיצט נאָך אַלץ איבערן שאַטנדיקן טיש אין דרײַען געבויגן, ווײַל ער זעט שוין קוים די אותיות, וואָס שפּינען זיך אַרויס פון אונטערן שוואַרצן פלאַם פון די אַזכרה־ליכט. פון מידקייט פאַלט אים אַלע מאָל די פען פון האַנט, דאָך קאָן ער זיך שוין ניט שיידן מיט יענעם גורלדיקן גילגול, מיט יענעם יינגל, וואָס נאָך דער מאַמעס טויט איז ער פאַרוואָגלט געוואָרן אהין, אויפן כוטער, אין דער איינציקער שטוב בײַם וואַלד, ווו נאָך צוויי יאָר צעבראָכן־ און פאַרלוירנקייט, ביז צום קינדערישן יאוש, — אויך די געגראַמטע שורות זײַנע האָבן ניט געקאָנט אין אים שטילן דעם ווייטיק פון דערוווײַטערט־און פאַרפרעמדקייט... און בײַם ערב־ווינטערדיקן פאַרנאַכט, נאָכן אָנשרייבן: „כמאַרעס, מאַמע, פאַלן פון די הייכן, כמאַרעס, מאַמע, יאָגן פון דער ערד", האָט ער זיך אַ שלייף אויפן האַלדז פאַרוואָרפן...

דאָ פאַלט שוין בײַ אים די פען אַרויס און דער אַלטער אלישע בן־מאיר בלײַבט מיט דער אויסגעצויגענער האַנט אויפן טיש און קוקט צו ווי בײַ יענעם שוואַרצן פלאַם פון די אזכרה־ליכט, נעמט דער אײַנגעהויקערטער פויער, באַזיל זאַלעסקי, אַראָפּ דעם יינגל פון דער תליה... ווי מ׳לייגט אים אין בעט אַרײַן, ווי מ׳ווײַזט אים דערשראָקענע רחמנות־ליבשאַפט ארויס, מ׳גיט אים פון דאָס בעסטע, וואָס ס׳איז נאָר אין שטוב פאַראַן, און דערנאָך שיקן זיי, די קרובים, אים אָפּ, טאקע מיט באַזילן צו אַנדערע קרובים, — שוין מורא געהאַט צו האַלטן אים, אלישען, אַן איבעריקע שעה בײַ זיך אין שטוב.

אײַנגעוויקלט שטײַף אין דעם געשטרײַפטן שאַרף, באַגלייט ער, דער אַלטער בן־מאיר, יענעם אלישען, וואָס זיצט מיטן רוקן צו די פערד אויף דעם מיט שמעקנדיקן קלעווער־אויסגעבעטן וואָגן, אונטער די נידעריק־כמורע הימלען, צווישן די זיך־גרינענדיקע אויף ווינטער פאַרזייטע פעלדער,

אויף די ערב־שנייִקע ווינטן, וואָס רוישן אין די ראַבינע־קרוינען, — אין די פאַרטרוקנט געוואָרענע שײַטער־שקיעות... אין די אָרומיקע אָפּגעבלע־טערט־דורזיכטיקע וועלדער שטייט אַן אומרויִקע שטילקייט, — די וואַלד־תושבים, די, וואָס פליען ניט אין די ווײַטע לענדער, זוכן ניט קיין אייביקע וואַרעמקייט, זיי ליגן אין זייערע נאָרעס, וואָס זײַנען באַצייטנס פאַרגרייט און באַזאָרגט געוואָרן אויפן גאַנצן ווינטער מיט אַל־דאָס־גוטס, און נאָר די אויף אַן אָרט ניט־אײַנזיצנדיקע בלויערלעך, און אויך יענע, די פּעקהאַלצן, לאָזן זיך פון מאָל צו מאָל הערן... צו פאַרנאַכט־צו, נאָכן טונקעלן טאָג טרייסלען זיך איבער די צוגעפרוירן־געבערגלטע בלאָטעס, בלײַבט די פור אין איינעם אַ דאָרף שטיין, בײַ אַ שטוב מיט מאָך־פאַרוואָקסענעם שינדל־דאַך, און דער פויער, וואָס האָט דעם גאַנצן וועג מיט אלישען קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, נעמט אַרויס די ליולקע פון מויל און פרעגט בײַ עמעצן וואָס פאַרעט זיך אין דער אָפענער שטאַל:

— קאַזשיט, טוט מאַליא זשיווע? — זאָגט, דאָ וווינט מאַלי?

— יאָ, דאָ, — רופט זיך אָפּ פון דאָרטן אַ קול פון וועלכן אלישע טוט אַ ציטער: זײַן מאַמעס קול! נאָך אָט דעם קול האָט ער דאָך געוואָלט גיין אַהין... צו דער מאַמע. — יאָ, איך בין מאַלי, — גייט פון שטאַל אַרויס אַ מיידל מיט אַ בערעם האָלץ אויף די הענט. — וואָס ווילט איר?

— טאָ יאָ טאַבי זשעניכאַ פּריוויז! איך האָב דיר דאָך דעם חתן געבראַכט צו פירן.

בײַ אָט די רייד פאַלן בײַ איר די שײַטלעך פון די הענט און זי טוט זיך אַ לאָז צו דער פור. נאָר דער פויער, וואָס איז שוין פון וואָגן אַראָפּ, פאַרהאַלט זי, פירט זי אָפּ צום ברונעם און נעמט איר אַרײַנרוימען אויפן אויער... ווייסט ער דאָך, אלישע, וואָס באַזיל זאַלעסקי קאָן דאָרטן וועגן אים דערציילן.

— ווי אַזוי האָט עס גאָר געקאָנט געשען? — פרעגט מאַלי בײַם פויער.

— ווער קאָן עס וויסן? — הייבט באַזיל זאַלעסקי די אַקסל. — אי נאַ צע באָזשא וואָליאַ... אויך אויף דעם איז גאָטס ווילן, אַ ייִנגל אין דער פרעמד... בענקשאַפט. עלנטקייט. די נשמה זײַנע...

אָבער מאַלי דערהערט ניט, לויפט צו דער פור העלפן אלישען פון וואָגן אַראָפּגיין, זיך שטעלן אויף די פאַרקליאָקנעט־פאַרפרוירענע פיס, און פירט אים אין שטוב אַרײַן. דאָרטן, בײַם פלאַקערדיקן אויוון, די פונעם

פראָסט רויט־געוואָרענע שטיוול אַראָפּגעשלעפּט, די פּיס מיט אַ שאַרפער נאַסטאָיקע אים אָנגעריבן, אַ הייסע גלאָז טיי אויף ליפּעצוויט פּאַרפּאַרעט ווי זיין מאַמע פלעגט עס טאָן, בעת ער, אלישע איז אַ שווער צוגעקילטער געוואָרן; און דער עיקר, אירע, מאַליס הענט, זיינען אויך געווען דער מאַמעס... און אלישע האָט ניט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן. האָט אים מאַלי ניט געפרעגט, וואָס וויינט ער? אים אויך ניט געניִיט צו עסן, און אים אויפן באַנקבעטל אַ געלעגער געמאַכט, אויף אַ ווייסן ליילעך און אויף אַ גרויסער קישן אָוועקגעלייגט, מיט אַ גראָבער קאָלדערע אים איינגעדעקט און מיט יענעם, מיט דער מאַמעס קול, און כמעט מיט יענערס ווערטער געזאָגט צו אים:

— שלאָף! דער האָגל האָט נאָך די פענצטער פון דיינע הימלען ניט אויסגעשלאָגן! — און געזאָגט האָט זי עס מיט טרויער, מיט אַ ניט־געשטילטן ווייטיק, און אויך מיט אַ מין פאַרביטערטקייט און צאָרן, מיט אַ האַרץ וואָס קאָן עמעצן עפּעס ניט פאַרגיבן און ניט מוחל זיין; איר פּנים איז אפילו דערביי געענדערט געוואָרן און אין אירע אויגן האָט ער דעמאָלטן, צום ערשטן מאָל, דערזען יענע ניט־ערדישע גרינע פייערן, וואָס זיינען אים אויפן דנאָ פון דער נשמה שוין אויף תמיד געבליבן ליגן. און הגם אַ דערפרוירענער, אַ מיד־און פאַרמאַטערטער פונעם וועג, דאָך קאָן דער שטאַרקער שלאָף אים ניט נעמען: פון מאַליס אַרומגיין איבער דער שטוב, שוין נאָכן אויסלעשן דעם לאָמפּ, מיט די שטילע טריט, ווערט ער אויפגעטרייסלט. — גראָד פון אָט די שטילע טריט אירע אין דער פינצטער־ניש ווערט ער אויפגעציטערט; און אויך איר אָפּשטעלן זיך אַלע מאָל ביים פענצטער, איר צוהערן זיך צו די ערב־ווינטערדיקע ווינטן אין דער נאַכט, קאָן ער ניט פאַרשטיין: וואָס האָט מיט איר, מיט מאַלין, געקאָנט דאָ אַזוינס געשען?

און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער דערוויסט ער זיך, אלישע, פון איר שטיפמאַמע, פון דער פרי גרוי־געוואָרענער נחמהן, וואָס מיט מאַלין האָט דאָ געטראָפן: פון קליינערהייט האָט זי, מאַלי, אַ ליבע געשפּילט מיט איר שוועסטערקינד, טאַקע פון דער באַבריצער הוטע, מיטן שטאַרק שיינעם און אויף חריפות־געראָטענעם אורי־יאָסין, וואָס האָט מיט פאַרבן אויף לייוונטן און אויך אויף האָלץ, לאַנדשאַפטן געמאָלט.

שוין נאָכן ברעכן טעלער, שוין נאָכן אָפּשטעלן די צייט און דעם טאָג

פון דער חופה־שטעלן, פאַרווילט זיך אים פלוצלינג, דעם חתן, קיין בראָד פאָרן, — ער וויל דאָרטן פאר דער כלה נאָך איין מתּנה, אַ בייַטש טונקל־בורשטינענע קאַרעלן קויפן, הגם מ׳האָט זיי אָט די קאַרעלן געקאָנט דאָ, אין נאָענטן שטעטל, אין באַראַשי, קריגן... דערצו נאָך האָט זיך דער ווינטער דעמאָלטן געשטעלט אַ זאַווערוכעדיקער, און דער וועג איז נאָך געווען פול מיט סכנה, — פון די וועלדער האָבן נאָך אָפט אַרויסגעיאָגט באַנדעס. אָבער אָפּהאַלטן און אָפּרעדן האָט מען אים ניט געקאָנט. און ער איז טאַקע, אורי־יוסי, קיין בראָד נאָכן בייַטש קאַרעלן אַוועקגעפאָרן... און זיך שוין צוריק ניט אומגעקערט.

האָט מען געמיינט, גאָר אַנדערש ניט געקאָנט טראַכטן, אַז דער בחור איז אין דער זאַווייע אַרייַנגעפאַלן און איז אין די שנייווּיכערס אומגעקומען. אָדער באַנדיטן האָבן אים ערגעץ־ווו אויפן וועג געהרגעט. האָט מען אויף דרייַ שליטנס צוויי מעת־לעת אין די שנייען געזוכט, דורך די וועלדער געפאָרן, און ביז צו בראָד זיך דערקליבן... און דאָרטן האָט זי, מאַלי, איר אורי־יוסין געפונען! ער, דער געליבטער און דער פאַרליבטער אין איר פון קליינערהייט, ער, אורי־יוסי, האָט דאָרטן, אין דער קלייט, ווו ער האָט פאר מאַלין די טונקל־בורשטינענע קאַרעלן געקויפט, דאָרטן האָט ער דעם קרעמערס טאָכטער דערזען און אויפן אָרט דעם קאָפּ זייַנעם פאַרלוירן.

און זי, מאַלי, צו אַלעמענס באַוווּנדערן, קערט זיך אום אַהיים, אין איר דאָרף אַרייַן, ווי גאָרניט וואָלט מיט איר ניט געשען און זיך ניט פאַרלאָפן. זי פאַלט, ווי מ׳האָט דערוואַרט, אין קיין ייִאוש ניט אַרייַן, און אויך קיין מורא־שחורה און דערשלאָגנקייט זעט מען ניט אין אירע אויגן. זי פראַוועט אפילו אָפּ פריילעך איר געבוירנטאָג, — אירע אַכצן יאָר... אין די שבת־צונאַכטן שפּילט זי מיט די בחורים, וואָס קומען פון די אַרומיקע דערפער אין דער פאַנט־שפּיל, שיידט און באַזונדערט זיך פון קיינעם און פון גאָרניט ניט אָפּ, פאַרריכט זיך אפילו, ווערט נאָך שענער, — שוין פשוט אַ שיינקייט... די גויעס אין דאָרף זאָגן אויף מאַלין: זי איז געזונט ווי וואַסער און שיין, ווי פייַער!

און דאָך איז איר געלעכטער אַ סך שטילער געוואָרן, שוין ניט ווי פריער. און שוין ניט אויף שריט און טריט. מ׳קאָן זי שוין אָפט טרעפן אין אַ ווינקל שטיין פאַרטראַכט און פאַרטראָגן. און שפּעטער הייבט זיך שוין אויך אָן צו וואַרפן אין די אויגן: אין זאַווערוכעס, אין שנייפאַלן, קאָן

זי אין שטוב ניט אײַנזיצן און לויפט אין דרויסן אַרויס, — מ׳זעט ווי ס׳ציט זי ממש אַהין, אין די וויוגעס אַרײַן, ווי זי וואָלט דאָרטן, אין די זאַווייעס, עמעצן געזוכט, אָדער עמעצן פון דאָרטן, פון די וויכערדיקע שנייען, באַדאַרפט אַרויסראַטעווען. און אויך האָט מען שוין אָנגעהויבן צו באַמערקן די גרינע פײַערן, וואָס יאָגן פון אירע אויגן ווי נאָר ס׳נעמט צופאַלן די נאַכט.

און אַזוי־אָ גאַנצע צוויי יאָר, ביז אין איינעם אַ טאָג, צוריק מיט דרײַ וואָכן, דערגייט פון בראָד אַהער, צו דער באָבריצער הוטע, אַז אורי־יוסיס ווײַב, דעם קרעמערס טאָכטער, נאָך חדשים קריגערײַ מיטן מאַן, וואָס זײַנען אָפט צו געשלעגן און הפקרות־זידלערײַען דערגאַנגען, האָט אירע צוויי קינדער, דעם צווילינג, דעם מיידעלע מיטן יינגעלע, אין עלטער פון אַ יאָר אין טײַך דערטרונקען, און דערנאָך זיך אַליין אויך דאָס לעבן גענומען.

שפּעטער זײַנען שוין אויך פּרטים אָנגעקומען: צוגייענדיק צום טײַך האָט זי זיך מיט די קינדער אין וואַסער אַרײַן געוואָרפן. אין גיכן איז זי אָבער פון טײַך אַרויס און ביידע קינדער זײַנען ווי פריִער געווען אויף אירע הענט, — זי האָט זיי געוויגט און גערעדט צו זיי, ווי צו אַנטשלאָפן געוואָרענע. דערנאָך האָט מען זיי אין איר בעט געפונען ליגן, די קינדער, אײַנגעדעקטע מיט אַ ווינטערדיקער קאָלדרע און זי אַליין, אורי־יוסיס ווײַב, ערשט אין אַ מעת־לעת אַרום, האָט מען שוין אַ בלאָוו־געוואָרענע געפונען זיך וויגן אויפן וואַסער ביים אַנטקעגנאיבערדיקן הויכן ברעג.

## ג

און וואָס ס'איז שוין ווײַטער מיט מאלין פאַרגעקומען דאָרטן, ווייסט ער, אלישע, שוין אליין: דעמאָלטן, נאָך זײַן פארוואגלט ווערן אין דער באָבריצער־הוטע, ווו ס'האָבן שוין נאָך די פּעטליורישע שחיטות געלעבט נאָר דרײַ ייִדישע מישפּחות, — אַ סטעלמאַך, אַ קאָוואַל און מאליס טאַטע מיט מאָדנעם נאָמען: קדיש! דער אמאָליקער מלמד, וואָס נאָכן שטיין אַ צעבלוטיקטער בײַם פּלויט און וואַרטן אַז דער הײַדאַמאַק זאָל שוין וואָס גיכער פונעם „אָברעז" אויסשיסן... און פאַרוואָס יענער, דער שיכורער שגץ האָט ניט אויסגעשאָסן, האַלט עס ר' קדיש פאַר אַ נס מן השמים. אַזוי האָט ער טאַקע פאַרשריבן אויפן שערבלאַט פונעם יום־כיפּורדיקן מחזור, וואָס ליגט תמיד אָפן אויפן ספרים־אלמער, ווײַל רעדן קאָן ער ניט, ר' קדיש: שוין פון יענער רגע, ווי נאָר די פּעטליוראָווצעס האָבן זײַן ווײַב אין ברונעם אַרײַנגעוואָרפן, די פינגער מיט דער שווערד איר אָפּגעהאַקט, און נאָכן שטיין בײַם פּלויט אַ צעבלוטיקטער און וואַרטן מיט פאַרמאַכטע אויגן, און מיטן שטילן שמע ישראל, אויפן טויט... פון יענער רגע אָן איז ער, ר' קדיש, אָן לשון געבליבן, — שטום געוואָרן! אין די זומערס פּאַשעט ער, דער שטומער, די דאָרפישע טשערעדע און אין די ווינטערס, אין די פאַר טאָגן, זיצט ער בײַ אַ קאַגנעצל איבער אַ גמרא און מ'הערט פון אים דעם אַמאָליקן, דעם אַלטן ניגון זײַנעם... אַ ניגון אָן ווערטער! — דעמאָלטן, אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך זײַן, אלישעס, אָנקומען אין דער באָבריצער־הוטע, איז אויך אַהין דער ווינטער מיט אַ זאַווייע אַרײַן.

ווי תמיד, אַזוי אויך דעמאָלטן, האָט געגומען ווייען מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, און פאַרן נעמען וויכערן פון די הימלען, זילבערן זיך, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, ווײַסע רויכן. אלישע, בײַם וואַרפן דעם הני פון שטאַל, בײַם אונטערלייגן די פרישע שטרוי און בײַם פאַרלייגן אין לייטער אַרײַן היי פאַר דער קעלביקער בהמה אויף נאַכט, בלײַבט אויפן שוועל שטיין, פילט שוין ניט ווי דער פראָסט פאַרגייט אים אונטער די נעגל, און קוקט

צו ווי פון די שוואַרץ געוואָרענע הימלען פאַלט פּלוצעם צווישן די צוויי בערעזעס אין ווײַטן פעלד אַ פײַערדיקע פּאַסמע שײַן, — און יענעם אלישען, דעם פערצניאַריקן, שרעקן נאָך אַלץ שקיעות. בײַ יעדער זונאונטערגאַנג נעמט אים אַדורך אַ פּחד... און שוין פון עפּעס אַ דערשראָקענער כאַפּט ער דעם בערעם האַלץ אין שטוב אַרײַן און וויל דאָרטן די הרובע אײַנהייצן. נאָר דאָ קומט אים מאַלי צו הילף, לערנט אים ווי אַזוי מ׳דאַרף לייגן די שײַטלעך איינס איבערן אַנדערן, ווי אַזוי מ׳דאַרף די קינעלעך אונטערלייגן און ווי אַזוי מיט איין סירניקל קאָן מען צעלייגן פײַער. אָבער ער הערט ניט, אלישע, אירע רייד, ער הערט שוין נאָר איר קול... און דער קול אירער איז שוין גאָר אַן אַנדערער, שוין ניט אַזאַ ווי נעכטן און שוין אַפילו ניט ווי פריִער מיט אַ שעה, — אין איר קול הערט זיך אומרויִקייט און בהלה... און אלישען כאַפּט אַרום עפּעס נאָך אַ גרעסערער פּחד.

און דאָך, צום אָנהייב, גייט נאָך יענער אויפדערנאַכט מיט זײַן אײַנגעשטעלטן, מיט זײַן אינדערוואָכעדיקן גאַנג: די לינקע האַנט אויף דער מיזרח־וואַנט, דעם אײַנגעבויגענעם קאָפּ אויפן עלנבויגן, פון אָרט אים ניט צו רירן, ווי פאַרשטיינערט געוואָרן, שטייט אַזוי דער שטום געוואָרענער פאָרן ריבונו של עולם העכער צוויי שעה, — ר׳ קדיש דאַוונט מעריב! דערנאָך דערלאַנגט די פאָר דער צײַט אַלט און ווײַס־געוואָרענע נחמה, וואָס שטעכט אַ גאַנצן טאָג מיט דער נאָדל די פּעלצן פאָר די פּויערים, — אירע דרײַ קינדער מיטן מאַן האָבן זיי, די גוים, אין איינעם מיט מאַליס מאַמע אין ברונעם אַרײַנגעוואָרפן... — זי, נחמה, וואָס אַלע מאָל רײַסט זיך אַרויס פון איר אַ געשריי, — צו פאַרנאַכט־צו ווערט זי געשטילט, ווי אײַנגעדרעמלט; זי, נחמה, דערלאַנגט דעם קאַליש מיט ברויט, וואַרט ביז דער מאַן בענטשט אָפּ, דערנאָך גייען זיי, די אַלטע, אויסרוען און אויסוואַרעמען די סקריפּנדיקע ביינער.

און זי, מאַלי, נאָך זייער אַוועקגיין אין אַלקער אַרײַן, נעמט זיך איבער דער שטוב אַרומדרייען, ווי זי וואָלט עפּעס פאַרלוירן און מוז עס פאָרט אומבאַדינגט געפינען; און זי שטעלט זיך אַלע מאָל מיטן פּנים צום פענצטער און אלישען דאַכט זיך, אַז מיט די ברייט אויפגעריסענע אויגן אירע, הערט זי זיך צו מאַלי, ווי ס׳הייבט אָן צו פאַרזידן די ווײַסע וויוגע... זי האָט שוין איין מאָל דעם נײַעם מאַנטל אירן מיטן טכוירענעם קאָלנער אָנגעטאָן, באַלד צוריק אויסגעטאָן און דערנאָך ווידער אָנגעטאָן... אויך

אויפן קאָפּ די שאַל אַרויפגעוואָרפן, נאָר ווי נאָך אויף עפּעס־וואָס געוואַרט, האָט זי די שאַל פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, געבליבן אין דעם מאַנטל זיצן און זיך פּלוצעם גענומען ארויסענדיקן די סוויטע פאַרן אַלטינקן פּויער, וואָס איז שוין היינט צוויי מאָל נאָך איר געקומען. דערנאָך בעט זי אים, אלישען, ער זאָל איר אויף אַ קול פון דעם האַלב־צעשאָטענעם רוסישן ביכל לייענען. אָנהייבן פון דאָרטן, ווו ס'ליגט אַ רויטער פאָדעם פאַרלייגט.

נאָך אַלץ אין גרויסער אויפרעגונג פון מאַליס בלייבן זיצן אינעם מאַנטל, מורא־האָבנדיק אַז אָט וועט זי אין דער זאַווייע זיך לאָזן לויפן: נאָך וואָס לויפט זי אַהין אין דעם ווייסן אומקום? וואָס טרייבט זי אַהין אין די שנייוויכערס? ער קאָן זיך, אלישע, אויף דעם קיין ענטפער ניט געבן און קיין באַשייד ניט געפינען. ס'הייבט אים אָן צו שרעקן: וואָס עלטער ער ווערט, וואָס ווייטער און טיפער ער גייט אין לעבן אריין, אַלץ וויניקער און ווינציקער פאַרשטייט ער וואָס דאָ, אַרום אים, קומט פאָר? אויף יעדער שריט און טריט גאָר אַנדערע מענטשן און איטלעכער איז פול מיט סודות... און אויך דער „יוסיפון", וואָס ער האָט דאָ ביי ר' קדישן אויף דער פּאָליצע געפונען, אויך דאָרטן, הגם אַ סך שוין געוווּסט פון פריִער, פונעם תנך, לייגט זיך אים איצטער קיין איין בלעטל ניט אויפן געדאַנק: בלוט און בלוט און בלוט...

אָבער ער איז גליקלעך אלישע, — נאָך פון אַזאַ פרייד קיינמאָל ניט געוווּסט, וואָס זי, מאַלי, פאָרעט זיך דערווייל ביי דער סוויטע און טראַכט נאָך אפּנים איבער, צי זאָל זי יאָ, אָדער ניט גיין אין דער וויוגע, וואָס צעשפּילט זיך הינטער די ווענט מיט יעדער רגע אַלץ שטאַרקער און ווילדער, — ער וועט זי דאָך בשום אופן ניט לאָזן אַליין גיין אין יענעם בייַנאַכטיקן שנייגעווירבל. ער נעמט איר לייענען פונעם ביכל, פון יענעם בלעטל, ווו דער רויטער פאָדעם ליגט, פונעם מיטן, פון וועגן אַ מענטשן אָן אַ קאָפּ, וואָס יאָגט אַרום אויף אַ פערד איבער אַ בייַנאַכטיקן וואַלד.

— ווי אַזוי, — פרעגט אלישע אַ דערשטוינטער באַ מאַלין, — ווי אזוי קאָן אַ מענטש אָן אַ קאָפּ אַרומפאָרן רייַטנדיק?

און אָט דאָ בייַ אָט די רייד זייַנע, עפנט זיך אויף די שטובטיר און אלישע דערזעט ווי אַ פאַרווייעט ווייַסע האַנט וואַרפט אַרייַן אַ בלאָוון קאָנווערט... און באַלד טאַקע פאַרשווינדט זי, די ווייַסע האַנט, צוריק הינטער דער טיר. טוט אלישע פון דערשרעק אַ וואָרף דעם האַלב־צעשאָטענעם ביכל

אויפן טיש, ווי די ווײַסע האנט וואָס האָט נאָר וואָס אַרײַנגעוואָרפן דעם בריוו אין שטוב אַרײַן, וואָלט געווען יענעמס, דעם רײַטערס, וואָס אָן דעם קאָפּ... מאַלי רירט זיך ניט פון אָרט. פון אירע אויגן פאַרשווינדן די גרינע פּײַערן. אירע אויגן ווערן מיט אַ מאָל משונה גרויס און געדיכט־שוואַרץ און דערצו נאָך מיט עפּעס אַ ווײַטן שימער... זי קוקט, מאַלי, מיט אָט די ניט־ערדישע, מיט אָט די ברייט־צעעפנטע אויגן, מיט אָט יענעם ווײַטן שימער אויפן בריוו, וואָס ליגט אויף דער ערד און אין איר פּנים נעמען זיך בײַטן די קאָלירן.

— מאַלי, — פרעגט שוין בײַ איר אלישע ניט מיט זײַן קול. — וואָס דאַרף איך דאָ טאָן?

— הער אויף צו ציטערן! דערלאַנג מיר דעם בריוו!

נאָר ווען ער וויל זיך אַ וואָרף טאָן אויפהייבן פון דער ערד דעם קאָנ־ווערט, שטעלט זי אים אָפּ:

— וואַרט! כ׳וועל אַליין!

און זי שלײַדערט פון אירע קני די סוויטע אַראָפּ, — אלישע מיינט אַז באַלד וועט זי דעם בריוו אויפהייבן, נאָר מאַלי, שוין מיט פאַרמאַכטע אויגן, בלײַבט שטיין איבערן אַרײַנגעוואָרפענעם בלאָו־פּראָסטיקן קאָנווערט, איר פּנים ווערט אָט רויט פון צאָרן, און אָט ווײַס פון פּחד... ווייסט ער ניט, אלישע, וואָס ווײַטער דאָ צו טאָן און מיט וואָס איר צו העלפן און מיט וואָס איר אַנטקעגן קומען. פון איר פּנים, פון איר שטיין מיט די פאַרמאַכטע אויגן איבערן אַרײַנגעוואָרפענעם בריוו, גייט אים אונטער דאָס האַרץ צום גאָרגל.

— מאַלי, — רירט ער אָן איר האַנט און פונעם אָנרירן זי פאַרלירט ער גאָר דעם לשון.

— וואָס ווילסטו נאָך פון מיר, אלישע?.. גוט, הייב אויף און עפן מיר דעם קאָנווערט! — און דאָ דערהערט ער ווי זי רעדט שוין אין דער פינצטערניש אַרײַן, צו דער וויכערדיקער נאַכט: — ענדלעך האָב איך זיך דערוואַרט.. זײַן שעה האָט געשלאָגן! אַזעלכס ווערט ניט געשענקט. אָ, ניין! אַזעלכס ווערט ניט געשענקט!.. פאַר פאַרשאַפן אַזעלכע לײַדן, אַזעלכע יסורים... ניין, פאַר אַזאַ פאַלשקייט, פאַר אַזאַ אומגעטרײַשאַפט... און ווען? נאָך דעם ווי די גוים האָבן אַרײַנגעוואָרפן די מאמע אין ברונעם, איר אָפּגעהאַקט די פינגער... ניין! פאַר דעם מוז באַצאָלט ווערן! פאַר

פּאַראַט קומט פּאַרשניטענע יאָרן! — און דאָ טוט זי זיך פּלוצעם אַ דריי אויס מיטן פּנים צו אלישען: איר פּנים איז אין פֿײַער פֿון ווייטיק... אלישע וועט באַלד ניט אויסהאַלטן. ער וועט באַלד אָנהייבן שרײַען, רופֿן דעם טאַטן אירן, ר׳ קדישן, און אויך די שטיפֿמאַמע.

— וואָס זשע שטייסטו, אלישע, גיב אַהער! — און זי שלעפּט אַרויס פֿונעם אויפֿגעריסענעם קאָנווערט אַ געדיכט־פֿאַרשריבן בייגעלע פּאַפּיר:
— ס׳איז פֿון אים... פֿון אורי־יוסין... איך האָב געוווּסט אַז ס׳איז פֿון אים! — זי לייענט דאָס בריוול איין מאָל און צוויי מאָל:

— ס׳איז פֿון אורי־יוסין... — אויף איר פּנים, באַזונדערס אויף די פֿאַרפּינצטערטע, אויף די שוואַרץ־געוואָרענע אויגן גייט אויף אַ שײַן. — ער פֿאָרט צו מיר! ער פֿאָרט!... איך האָב אָבער געוווּסט, — און די שײַן אין איר ווערט גלײַך אויסגעלאָשן. — כ׳האָב אָבער געוווּסט, כ׳האָב עס שוין פֿון זייער לאַנג געוווּסט, אַז בײַם אומקערן זיך צו מיר, וועט ער אַרײַנפֿאַלן אין אַ זאַווערוכע... אלישע! — שרײַט זי אויס. — ער פֿאָרט צו מיר, אורי־יוסי... ער פֿאָרט! ער וועט אָבער צו מיר ניט דערפֿאָרן! דו הערסט אלישע? ער וועט צו מיר ניט דערפֿאָרן! ער וועט דאָרט אויפֿן וועג צו מיר אומקומען אין דער מעטעליצע! — און זי וואַרפֿט די שאַל אויפֿן קאָפּ אַרויף און לויפֿט פֿון שטוב אַרויס. אַזוי האָט אויך אַמאָל זײַן שוועסטער, גאָלדע־רחל, אין יענער שנייפֿאַל־נאַכט, אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך דעם האַרבאַרישן־פֿרעמדן פֿעלץ, געמומען אים, אלישען, פֿאַרן אַקסל און איז מיטן משוגענעם, מיט פֿיטשען, צום בית־הקברות געגאַנגען. נאָר אַהין, צום הייליקן, אָרט, ניט דערגאַנגען און זיך גאָר בײַם אַרײַנגעפֿאַלענעם ברונעם אָפּגעשטעלט.

## ד

ביי מאַליס אַרויסלויפן פון שטוב, פאַרבלייבט ער, אלישע, בלינד שטיין, ווי דער פּראַסטיקער וואָלקן שניי, וואָס יאָגט אויף אים דורך דער געעפנטער טיר, וואָלט אים מיט אַ מאָל די אויגן אויסגעלאָשן. — ער זעט ניט וווהין אַ טראָט צו טאָן... אָבער באַלד טוט אים אַ וואָרף, ווי ער שטייט און גייט, נאָך איר, נאָך מאַלין, אין דער נאַכט אַריין, ווו ס׳גייען אויף אים זיך־רויכערנדיקע ווייַסע בערג, וואָס אַפילו בערדיקע, שוין אין זייער פולער מאַנצבילשער גבורה, וואָלטן ניט בכוח געווען דעם שוועל אַריבערטרעטן: ניטאָ קיין וועלט! ניטאָ אַפילו פּאַר ווענטן צו קלאָגן זיך... אַל־דאָס־לעבעדיקע, דער גאַנצער דאָרף מיט אַלע כאַטעס און סטאַדאָלעס, מיט אַלע קרעניצעס און סעדער, זייַנען אַרויסגעריסן און פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ וויסט און ליידיקייט, אין אַ ווייַסער פינצטערניש. וואָס וואָיעט איבער דער ערד, — די ווינטן פייַפן אַזוי, ווי זיי וואָלטן געיאָגט פון דורכגעלעכערטע הימלען...

און אלישע פאַלט און הייבט זיך ווידער אויף, און פילט גאָר ניט דעם ווייטיק פון די צעשלאָגענע קנעכל און עלנבויגנס, די שאַרפע קעלט אין די ביינער, דעם פראָסט אין די פינגער. ער קריכט אין די הורבעס אַריין און שרייַט:

— מאַלי! מאַלי!

נאָר קיין ענטפער פון איר איז ניטאָ, — ער וואָלט מאַליס קול אויך אין אָט דער וויסטער וואָיעניש אויף מייַלן ווייַט דערהערט. דאָך שרייַט ער און רופט ווייַטער: ער האָט מורא צו פאַרבלייבן דאָ, אין אָט דעם תהו ובהו, אויך אָן זייַן קול! אָן זייַן אייגענעם קול וועט אים די נאַכט, וואָס ווערט מיט יעדער רגע פאַרביטערטער, חיהשער, אין די שנייען פאַרוויכערן, אים דאָרטן, אין דער ווייַסער פינצטערניש, מיטן סקוליעדיקן ניגון פון די דורכגעלעכערטע הימלען פאַרשלעפּערן... און עפּעס קומט דאָ פאַר מיט אים משונה־ווילדס; מאַליס קול הערט ער ניט, נאָר זייערע קולות, זיין טאַטנס און דער עלטערער שוועסטערס, הערט ער זייער קלאָר. באַזונדערס

הערט זיך דאָ, אין אָט דער זאַווייע, גאָלדע־רחלס קול, דער געשטאָרבענערס...
יאָ, באמת, און ס'איז טאַקע אַזוי, וואָס עלטער ער ווערט, אלישע, וואָס
ווײַטער און טיפער ער גייט אין לעבן אַרײַן, אַלץ שווערער ווערט אים
צו באַנעמען, וואָס אַרום אים פאַרלויפט זיך און קומט דאָ פאָר. אַלע מאָל
גייען אַרײַן אין זײַן לעבן נײַע מענטשן, און יעדער איינער פון זיי איז פול
מיט סודות... ווי אַזוי האָט אַרכיפּ געקאָנט דערשטיקן נאַסטינקען, זײַן
אייגענע טאָכטער? און פאַרוואָס האָט פּיטשע פון גרויס ליבשאַפט צו
גאָלדע־רחלען, אָפּגעסמט איר מאַן, ליפען? און אפשר האָט ער, פּיטשע
אויך זי, גאָלדע־רחלען, אָפּגעסמט? נאָך וואָס דען איז ער אַזוי אָפּט געפאָרן
אַהין צו איר, קיין נאַראַדיטש? און פאַרוואָס האָט זי אים, דעם משוגענעם,
פון דאָרטן ניט געטריבן? האָט זי דאָך, הייסט עס, געוואָלט, גאָלדע־רחל,
אַז פּיטשע זאָל קומען און זי אויך אָפּסמען... נאָך איר חתונה האָבן מיטן
האַרבאַרניק האָט שוין די ערד פאַרלוירן אין אירע אויגן דעם חן און די
שיינקייט. האָט ער דאָך אַליין, אלישע, מיט די אייגענע הענט אַרויפגעוואָרפן
דעם שלייף פון דער תליה אויף זײַן האַלדז. אויך ער אַליין איז פאַר זיך
אָפּט אַ ווײַטער, אַ פרעמדער, זיך ניט צו פאַרשטיין און זיך ניט צו דערקלערן.
פון וואַנען האָבן זיך צו אים גענומען די שורות: כמאַרעס, מאַמע, פאַלן
פון די הייכן, כמאַרעס, מאַמע, יאָגן פון דער ערד...

און דאָס איז דאָך שוין די דריטע וויכערנאַכט אין זײַן לעבן. די ערשטע
שנייען איבער די פאַרהאַרטעוועט־צוגעפרוירענע בלאָטעס, געדענקט ער,
אלישע, האָבן געיאָגט פונעם באַרג, ווו ס'איז געשטאַנען דער קלויסטער.
דער טאַטע האָט אים דעמאָלטן, שוין בײַם נאַכט־צופאַלן, נאָכן ערשטן
טאָג בײַם בובאַר, געטראָגן אויף די הענט פונעם חדר אַהיים, און דאָ איז
אָן דעם היטל, אין די ווײַסע אַרבל, אַרויסגעשפּרונגען אויפן גאַניק דער
אַלטער דאָקטער משה־אהרן ווײַסגאַל און אַנגעזאָגט: „ייִדן, בײליסן האָט
מען ריינגעוואַשן... קיין פּאָגראָמען וועלן שוין אַזוי גיך ניט זײַן!" — האָט
אים דער טאַטע מיט אַ מאָל אויפגעהויבן, אלישעלען, אויף ביידע הענט
אין דער הייך, ממש צו די הימלען און גענומען שרײַען פון פרייד: „גוואַלד,
ג־ור־אַ־ל־ד ריבונו של עולם! גוואַלד, ייִדן, מזל־טוב! מזל־טוב, ייִדן! מזל־
טוב דיר, ריבונו של עולם!" — און אויך דער „יוסיפון", וואָס ער האָט שוין
דאָ, בײַ ר' קדישן אויף דער פּאָליצע געפונען, איז גאָר ניט צו פאַרשטיין.
קיין איין בלעטל פון דאָרטן לייגט זיך אים ניט, אלישען, אויפן געדאַנק:

בלוט און בלוט.. גייט דאָך אויף דאָס ברויט אין דער ערד אויף מענטשלעך בלוט! און די פּרוכט אויף די ביימער וואַקסט אַרויס פון בלוט, און די מאָן־קוויטן... און מענטשן עסן דאָס ברויט, די פּרוכטן, טרינקען דעם וויַין און... טאַנצן! זיי טאַנצן דאָך אויף בלוט פון מענטשן!...

און די צווייטע וויכערנאַכט איז שוין געקומען צו אים שפּעטער, שוין נאָך דעם גמרא־מלמד, שוין נאָך ר׳ שמואל־יאָסלען, וואָס האָט אים, אלישען, צעבלוטיקט און דערביַי געלערנט: „דער מענטש ווערט געבוירן מיט זיַין גורל... דעם גורל קאָן שוין אַ מענטש ניט מתקן זיַין! ניין! אין אַ פינצטערן גורל, אלישע, וועלן זיך פאַרלעשן אפילו די ליכט פון בית־המקדש... וואָס איז דער מענטש קעגן דעם שטן?" — אין יענער, אין דער צווייטער וויכערנאַכט, איז זיַין שוועסטער, גאָלדע־רחל, פאַרן שטעלן זיך אונטער דער חופּה מיטן נאַראַדיטשער, פאַרן אָנבייגן און לאָזן זיך שיטן פונעם אַלטן רב דעם אַש אויפן קאָפּ, געלאָפן מיטן משוגענעם, מיט פּיטשען, צו איר מאַנס, צו ליפּעס קבר... נאָר זי איז דעמאָלטן, גאָלדע־רחל, צום בית־עולם ניט דערלאָפן און זיך גאָר אָפּגעשטעלט לעם נאָטעס איַינגעפאַלענעם ברונעם. דאָרטן, ביַי יענער פאַרשנייטער קרעניצע, איז זי אָנגעפאַלן אויף פּיטשען: „ווילדער תּם, פאַרדרייטער מוח! דאָס האָסטו געוואָלט ווערן מיַין אָדלער! דאָס האָסטו מיך געוואָלט אַוועקטראָגן אויפן הויכן געטלעכן באַרג, אונטער די הימלען? אי־די־אָט! איך האָב דיך פון שטוב ניט געטריבן, געלאָזט דיך זיצן אויפן שוועל און קוקן אויף מיר פּשוט פון רחמנות, האָסטו דערפאַר צעבראָכן מיַין לעבן און פאַרוויסט דאָס לעבן פון מיַין קינד... און דאָס האָסטו אָפּגעטאָן פון גרויסער ליבע צו מיר?"

און פאַרט, און דאָך, איז יענע שנייפאַל־נאַכט געווען פאַר אים, פאַר אלישען, גאָר אַן אַנדערע, דעמאָלט איז ער אַליין אין דער וויכערקייט ניט געלאָפן. דעמאָלטן, אינעם מאַנטעלע אָנגעטאָן, מיטן שאַליקל אַרום האַלדז פאַרבונדן, האָט אים גאָלדע־רחל ווי א וויַיטן עדות מיטגענומען.. אָבער איצטער, אין אָט דער־אָ נאַכט, אין דער ווילד־וואָיענדיקער, אויף אומצוקומען! אין אָט דער־אָ נאַכט טריַיבט אים עפּעס און עמעצער אַ האַלב־נאַקעטן, שוין אַ האַלב־דערפרוירענעם, איבער די הורבעס זיך־רויכערנדיקע שנייען; ער פאַלט און שטייט אויף, די קנעכל און די עלנבויגנס זיַינען אים צעקלאַפּט און צעבלוטיקט געוואָרן און ער, אלישע, שפּאַרט זיך אַליין וויַיטער און וויַיטער מיט אַ געוואָי און אויך מיט אַ ווילדקייט, ווי די זאַווייע... וווּהין?

מאַלי הערט אים דאָך ניט! זי, מאַלי, וואָס איז שוין דאָס סאַמע טײַערסטע און שוין אויך דאָס סאַמע הייליקסטע פאַר אים געוואָרן, זי איז דאָך אין דער ווײַס־וויכערדיקער פינצטערניש ארײַנגעפאַלן... וועט ער דען קאָנען, שוין אַן אויסגעשלאָגענער פון אַלע כּוחות, געפינען זי דאָרטן און פון די שנייען אַרויסטראָגן?

אָבער מיט יענעם חוש זײַנעם, מיט יענעם אויג פון דער נשמה, וואָס איז גאָר ניט צו דערקלערן, ווי אין יענער קאַלט־האַרבסטיקער נאַכט, ווען ער האָט אין די בלאָטעס און וואַסערן, דאָרטן, שוין נאָענט צום קאַיאַר, געפונען דאָס גאָלדן פינפערל, וואָס די מאַמע האָט פאַרלוירן... אַזוי אויך איצט, מיט יענעם חוש, דערקלײַבט ער זיך, אַלישע, צום ברונעם, וווהין די פעטליוראָווצעס האָבן נחמהס מאַן מיט אירע דרײַ קינדער אַרײַנגעוואָרפן און דערנאָך, שוין אַן שינאה, שוין נאָר מיט אַ חיהשן געלעכטער אַרײַנגע־וואָרפן אויך אַהין מאַליס מאַמע: „זאָל דער זשיד האָבן אויף יענער וועלט אַ שיינע ווײַב...״ — און אַז זי, מאַליס מאַמע, האָט זיך געוועדט, מיט די הענט אין די ברעטער זיך אָנגעכאַפּט אויף ניט אָפּצורייסן זיי, האָט מען איר די פינגער מיט אַ שווערד אָפּגעהאַקט און דערנאָך זיי, די אָפּגעהאַקטע פינגער, פון דער ברעט אין ברונעם אַרײַנגעשאַרט.

טאַקע דאָרטן, בײַ יענער קרעניצע, וואָס מ׳נעמט פון איר קיין וואַסער ניט, ווײַל נאָכן אַרויסנעמען די קדושים, נאָכן אויסשעפּן און אַראָפּקריכן אַהין אויפן דנאָ און איבערקלײַבן דאָרטן איטלעך שטיינדל און זעמדעלע, האָט מען פאָרט אין דער קרעניצע איין פינגער, דעם מיטלסטן, ניט געקאָנט געפינען... טאַקע דאָרטן, לעם יענעם פאַרלאָזטן ברונעם, — נאָך איין ברונעם, און ווידער אַ פאַרלאָזטע קרעניצע אין זיין לעבן! — טאַקע דאָרטן, בײַ דער פלוצעמדיקער לבנה־ליכט, וואָס האָט אויף אַ רגע געשפּאָלטן די כמאַרעס, האָט אלישע זי דערזען, מאַלין, אין ווונדערלעכן, אין דעם שאַרף־שײַנענדיקן געווירבל, ווי אַ פאַרווייעטן יאַוואָר־בוים איבערן וואַסער שטיין.

אַן אויפגעטרייסלטער פון פרייד, — אַלע בלוטן טוען אים מיט אַ מאָל אַ קאָך אויף: ער האָט דאָך זי געפונען, מאַלין! און דער עיקר, זי ווערט זיך ניט, זי לאָזט זיך אין שטוב אַרײַן פירן. און ער פירט זי טאַקע פון דער פאַרלאָזטער קרעניצע, און פונעם וויכער אַרויס, ברענגט זי אין שטוב אַרײַן, שאַרט מיט די הענט דעם שניי פון אירע פיס, טרייסלט אָפּ און העלפט איר דעם מאַנטל פון זיך אַראָפּנעמען. זי זעצט זיך ביים פענצטער, הערט

זיך צו צום געוואַי פֿון דער נאַכט און שוין אַ ביז גאַר בלייך געוואָרענע, זאָגט זי:

— אורי־יוסי וועט שוין קיין מאָל פֿון מיר ניט אַוועקגיין... די מאַמע האָט עס מיר געזאָגט!

און אלישע פֿאַרשטייט אירע רייד. אויך זײַן מאַמע קומט צו אים אַלע נאַכט און זאָגט אים מיט איר טרויעריקן שמייכל אויף די ליפּן: „שווער, אלישעלע, הוי, ווי שווער, אָבער מיר דאַרפֿן דאָס איבערקומען!” נאָר אין יענער נאַכט, פֿאַרן גיין אין דער תּליה, איז זי ניט געקומען צו אים, די מאַמע. דאָך פֿרעגט ער זי, מאַלין:

— ווען, האָט איר געזען אײַער מאַמע?

— נאַרוואָס... בײַם ברונעם.

— נאַרוואָס, ביים ברונעם? — פֿרעגט איבער אלישע מיט שרעק. — איר זײַט דאָרטן איינגעשלאָפֿן?

— ניין. איך בין ניט אײַנגעשלאָפֿן. די מאַמע חלומט זיך מיר קיינמאָל ניט. אַז איך קום צום ברונעם רעדט זי פֿון דאָרטן צו מיר... איך האָב נאַרוואָס געהערט איר קול פֿונעם ברונעם. אורי־יוסי, האָט זי מיר געזאָגט, וועט אומקומען אין דער מעטעליצע. דו האָסט ניט נאָך וואָס צו לויפֿן, מײַן קינד, האָט זי ווײַטער גערעדט צו מיר, דו וועסט אים סיי ווי סײַ ניט קאָנען געפֿינען. אורי־יוסי וועט שוין אַזוי ליגן אַ פֿאַרפֿרוירענער ביז וועסנע...” — און דאָ פֿאַלט זי אום, מאַלי, אויף דער קאַנאַפּע, ליגט אַ ביסעלע אויף דער רעכטער זײַט, פֿינטלט מיט די נאַסע ווײַס אויפֿן קײַלעכדיקן פּײַערל פֿונעם לעמפּל, וואָס אויף דער ניימאַשין, פֿאַרהאַלט אויך איר בליק אויף דער ניט אויסגעענדיקטער סוויטקע, וואָס ליגט אויף דער ערד, דערנאָך דרייט זי זיך פּאַמעלעך אויס, בלײַבט אויף דער פּלייצע ליגן, די אויגן ווערן איר פֿאַרשלאָסן און דער פּנים ווערט איר וואָס ווײַטער אלץ ווײַסער און ווײַסער.

אויף אלישעס געשריי לויפֿן באַלד די אַלטע פֿון אלקער אַרויס און דערזעען וואָס דאָ טוט זיך... דער טאַטע, ר' קדיש, בלײַבט שטיין צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט אַ שוואַרץ־געוואָרענער, קוקט צו ווי די ייִדענע טרייסלט און מינטערט זײַן טאָכטער, — אויך ער מיינט אַז מאַלי איז אין חלשות געפֿאַלן. נאָר זעענדיק אַז דאָס שפּריצן וואַסער אויף מאַלין העלפֿט ניט, די טאָכטער טוט אַפֿילו ניט קיין פֿינטל מיט אַ ווײַע, לויפֿט ער אַליין צו, נעמט מאַליס האַנט און זוכט דעם דופק... און דאָ דערהערט זיך פֿון אים, פֿון ר' קדישן,

ניט נאָר אַ קול, נאָר אויך איינציקע ווערטער, און באַלד אויך קלאָרע רייד:

— ניין... ניין... טאָכטער... מאַלי! וואָס שטייסטו, אלישע? וואָס שטייסטו?

און אלישע קאָן זיך שוין גאָר פֿון אָרט ניט רירן: דער ייִד, וואָס האָט דעמאָלטן, שטייענדיק אַ צעבלוטיקטער בײַם פּלויט אַנטקעגן דער אָנגעשטעלטער ביקס און דערהערנדיק דעם ווײַבס געשריי, וואָס מ'וואַרפֿט אין ברונעם אַרײַן, פֿאַרלוירן דאָס לשון, ער, ר' קדיש, האָט דאָ פּלוצלינג אָנגעהויבן צו רעדן:

— האַ, — פֿרעגט ער בײַ אלישען. — האַ? דאָס לעצט ביסל חיות האָט שוין דער אייבערשטער בײַ מיר אויך צוגענומען? נחמה, וואָס שטייסטו, ייִדענע!

און די ייִדענע, וואָס די פּעטליורא־הײַדאַמאַקעס האָבן דעמאָלטן אַרײַנגעוואָרפֿן אין ברונעם דעם מאַן און אויך אירע דרײַ קינדער, זי, די פּיראַונדרײַסיק יאָריקע, אַן אײַנגעדאַרט און אײַנגעבויגענע, פֿון אונטער דעם שוואַרצן טיכל שלאָגן איר אַרויס, די ווײַס־געוואָרענע האָר, זי, נחמה, דעקט שוין צו מאָלין מיט אַ גרוי־לײַוונטענעם לײַלעך, צינדט בײַ איר צוקאָפּנס צוויי חלבנע ליכט... און אַלע אירע באַוועגונגען זײַנע פּאַמעלעכע און זייער געהיטע, ווי זי וואָלט פֿון ערגעץ, פֿון דער טיף, עפּעס זייער טײַערס און ביז גאָר ציטערדיקס אַרויסגענומען... אין יענע רגעס האָט אלישע מיט אַ מאָל דערזען ווי זי, נחמה, נעמט פֿונעם ברונעם אירע קינדער אַרויס.

דערנאָך, און ווי אין יענער נאַכט, דאָרטן אויף די גערטענער, ווען דאָס בערגל־מאַמע איז אויף דער ערד מיט די פֿיס צו דער שטובטיר געלעגן, אַזוי אויך איצטער, שוין דאָ, אין דער באַבריצער הוטע, קוקט ער, אלישע, אויפֿן בערגל־מאַלי, וואָס אויף דער קאַנאַפּע בײַם אָנגעפּרוירן־וואָיענדיקן פֿענצטער, מיט אויפֿגעריסענע טרוקן־רויטע אויגן און ווי דעמאָלטן קאָן זיך קיין איין טרער ניט אַדורכשלאָגן אין אים, ווי אויפֿן וועג צום אויג, וואָלט זי, די טרער, אויסגעטרוקנט געוואָרן. פֿון די זיך־שמעלצנדיקע ליכט ווייעט אויף אים, ווי דעמאָלטן, מיט אַזאַ הייסן טרויער, וואָס וועט שוין אויך קיינמאָל ניט אָפּגעקילט ווערן, — אין זײַן נשמה שנײַדט זיך אַרײַן נאָך אַ פֿײַערדיקער רינג.

און שפּעטער, ווי נאָר די זאַווערוכע איז וואָס ווײַטער און וואָס נעענטער צום קאַיאָר געבראָכן געוואָרן, ווי נאָר איבער דער פֿאַרווייעטער טאָפּליע,

ווי דעמאָלט אויף די גערטענער, איז אַ גינגאָלדענער פּאַדעם־שײַן דורכגע־לאָפֿן, אַזוי האָט זיך אלישע אויפגעהויבן, זײַן לײַביק אָנגעטאָן, צוגעגאַנגען צו מאַלין, אונטערגעהויבן דעם גרויען לײַוונט, זיך אָנגעבויגן און זי אַ קוש געטאָן אין די קאַלטע ווײַסע ליפּן. דערנאָך אַ כאַפּ געטאָן זײַן טאָרבעלע און איז פון שטוב אַרויס. קיינער האָט אים ניט פאַרהאַלטן.

און ער לויפט דער פּערצניאַריקער אלישע, איבער די שנייען, האָט מורא צו זען, ווי מ׳וועט זי באַלד, מאַלין, פון שטוב אַרויסטראָגן, אויפן שליטן אַרויפלייגן, און זי איבער די אײַנגעשטילט־פינקלענדיקע שנייען אין שטעטל אַרײַן צום בית־עולם, צו די באַגרעבער פירן... איבערן דאָרף, פאַרשיכּורטע פון פרייד, קרייען די הענער אין דער ווײַס־באַרוטער וועלט אַרײַן. און די וואָראָבעלעך צוויריקן צו דער זון פון אונטער די סטריכעס אַרויס, און ס׳לאָזט זיך שוין אויך הערן דער צאַרט־קלינגענדיקער פּינ־פּינ־פּין פון אַ בלויערל; און פויערים אין די פּעלצן, אָן די היטלען, אין אַ טיפן ערנסט, ווי אין תּפילה צו דער הייליקער מויד, און אויך קינדער מיטן ליכטיקן געלעכטער, רייניקן בײַ די כאַטעס און סטאַדאָלעס מיט הילצערנע לאָפּאַטעס דעם שניי, וואָס הייבט זיך אין אַ ברענענדיקן זון־שטויב צו די ריין געוואָרענע, צו די אויסגעבלויטע הימלען. — ער לויפט, אלישע, איבער די שנייען מיטן טאָרבעלע אין האַנט און מיט דער רעגנבויגן־טרער אויף די ווינעס פון דער באַבריצער הוטע, פון יענער שטוב, וווּ ער האָט איבער־געלאָזט אויף דער קאַנאַפּע מאַלין מיטן אָפּגעדעקטן ווײַסן, ווי מיט שניי פאַרווייעטן פּנים... און אין אָט דער רעגנבויגן־טרער אויף די ווינעס שווינדלט אים אויך דעם גמרא־מלמדס, שמואל־יאָסלס, פלאַמיק־וויכערדיקע באָרד און ער הערט יענעמס קול: „גורל! גורל! גורל! אויך אַ מת, אלישע, האָט זײַן גורל, אויך אַ מת!..." — און אויך דאָ, צווישן אָט די בליציקע שנייען, וואָס מיט גאָלדענער ליסקע באַשאָטן, גייען מיט אַ מאָל אויף אין אים די ערשטע צוויי שורות פון אַ ליד:

ניט קיין שטריק וועט מײַן לעבן דערוואָרגן,
ניט קיין סערפּ וועט פאַרשנײַדן מײַן האַרץ...

## ה

און דאָ, שוין בײַם ערב טאָג־ווערן אין דעם געדיכט־רעגנדיקן שמאָלן פענצטער זײַנעם, וואָס בײַ די מידבר־ווינטיקע, בײַ די האַלב־נאַקעטע בערג פון ירושלים, דאָ, בײַ דעם שוואַרצן פלאַם פון די אזכרה־ליכט אַרום זײַן שרײַבטיש, פאַרלירט ער מיט אַ מאָל פונעם אויג יענעם אלישען אין די ווײַטע, אין די טיפע שנייען... און דערפילט אַ ברייקן ווייטיק אין האַרצן. דערצו נאָך כאַפּט אים עמעצער באַלד אָן מיט קאַלטע דאַרע פינגער פאַרן גאַרגל און נעמט אים וואַרגן ווי דעמאָלטן און ווי דאָרטן, בײַם דניעפּער־טײַך, ווי אין יענעם קאַיאַר בײַם ערשטן אינפאַרקט. און ער איז איינער אַליין, — משונה־שווײַגנדיקע ביימער־שאָטנס ווערן פון די בערג מיט דער בלוילעכער שײַן פון די זיך־וויגנדיקע לאַמטערנס פאַרוואָרפן דורך זײַן פאַררעגנטער טאַפּליע אַהער, אויף די ווענט; און זײַן אייגענער שאָטן, מיט דעם צעפּאַטלטן קאָפּ האָר, מישט זיך אויך אויס מיט יענע שאָטנס און גייט אפילו פון עלנטקייט אַוועק אין אַ קאַראַהאָד מיט די דרײַ שיכּורע קיפּאַריסן־שאָטנס, וואָס בײַ דער אָפענער טיר.

און ער איז איינער אַליין דאָ בײַ די ווילד־מידברדיקע ווינטן, בײַ די בליצן און דונערדיקע שלאַקסרעגנס אין מיטן ווינטער... זי, שיינדל, דער איינציקער אָנלען און אָנשפּאַר, זי איז דאָך ווידער דאָרטן, אין דער „הדסה“, אויפן זעקסטן גאָרן; זי ליגט דאָרטן שוין די פינפטע וואָך אין גרויסע ווייטיקן נאָך דער דריטער שווערער אָפּעראַציע אויף די פיס. און ער דאָ, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויפן ווענטל פון דעם לעדערנעם שטול, וואָס די קינדער האָבן אים צו די זיבעציק יאָר זײַנע אונטערגעטראָגן, יענע קאַלטע דאַרע פינגער ווערן אַלץ שטײַפער אַרום זײַן גאַרגל, ס'פאַרפעלט אים אָטעם, — כאַפּט ער מיט די איבערגעטרוקנטע ליפּן די קאַרגע לופט און וואַרט אויף דעם אומפאַרמײַדעלכן סוף... ער וואַרט אָבער אויף אים, אויף דעם טיף־פאַרבאָרגענעם, אויף דעם סודי־סודותדיקן, אויף דעם אומברחמנות־רעטעניש־פולן טויט, אָן אַ ברעקל דערשראָקנקייט: אויף דעם טויט, ווי דעם גרעסטן

נסיון אין לעבן, וועט ער, אלישע, בן־מאיר הכהן, בײַקומען, ניט אַנגעבויגן און ניט אײַנגעבראָכן ווערן... ער, דער לעצטער ייִדישער שרײַבער פון יענעם פײַערדיקן שבט בײַ די טײַכן פון רוסלאַנד, וועט דאָך און פאַרט פון אָט דער אכזריותדיקער וועלט אַוועקגיין אָן אַ קללה אויף די ליפּן; אויך ער, ווי זײַנע זיידעס, די פּאָלעסיער ערד־ און וואַלד־ייִדן, וועט פאַרלאָזן אָט די פאַרבלוטיקט־זינדיקע ערד, ווי זיי, די נאַהאַדיִער, מיטן טיפן גלייבן אין דעם מאָרגן פון ייִדישן פאָלק און פון דער גאָרער מענטשהייט; דאָרטן, אין דעם מאָרגן, אין דעם גאָר ווײַטן, אין דעם באחרית הימים, געפינט זיך די גאולה... דער גרויסער טרוים קאָן זײַן נאָר דאָרטן, אין דעם ווײַטן מאָרגן! אין דעם ווײַטן נעכטן, אין דעם שענסטן, קאָן קיין גאולה ניט זײַן, דאָרטן, אין דעם ווײַטן נעכטן, אין עבר, קאָן אַרומבלאָנקען נאָר אַ בענקשאַפט... און ס'פלאָנטערן זיך אים אין קאָפּ יענע נאָך ניט אויסגעשליפענע, נאָך ניט פאַרשריבענע שורות זײַנע:

די סעדער בייגן זיך אין פרייד פון צוויט,
מיט ברכה פול זײַנען די טאָלן,
נאָר זי, מײַן ליד, פאַרשאָטן איז
מיט צער,
מיט וויי,
און צווישן אָט די כּישופן די צוויי —
צווישן אָט דער הייסער ליכט און בונטן בלי
גייט אויף, זע איך, פון באַבי־יאַר
די קינדערישע קללה,

און איינער, און אַליין אין זײַן עלנטקייט, — מ'זאָגט אויף אים דאָ, — קיין אַנדער פאַרענטפערונג, דעם אמת, וויל מען דאָך דאָ ניט געפינען, — אַז ער, אלישע בן־מאיר, לעכצט נאָך אַליינקייט, מײַדט אויס מענטשן, האָט ליב התבודדות... פרעגט זיך, נאָך וואָס, איינגטלעך, איז ער געלאָפן אַהער? האָט אים דען געפעלט דאָרטן, אין דער דירה זײַנער, בײַ די ברייטע דניעפּער־וואַסערן, בײַ דעם וווּנדערלעכן וואַלד־פּאַרק, ווו די פייגלען פאַרכלינען זיך פון געזאַנג... האָט דען אים, אָט דעם ייִדישן שרײַבער, געפעלט דאָרטן ברויט און עלנטקייט? האָט ער טאַקע באַדאַרפט איבערלאָזן

דאָרטן, בײַ די קאַרפּאַטן־בערג, די קראַנקע טאָכטער, די אייניקלעך, און לויפן, מיט די לעצטע כוחות, אַהער, קיין ישראל, און אַרײַן נאָך אין אַ גרעסערער, נאָך אין אַ טיפערער און ביטערער עלנטקייט ?... — און איינער אַליין, ביי דעם ווינטערדיקן רעגן־געדיכטן פאַרטאָג, דעם קאָפּ אויפן ווענטל פונעם לעדערנעם שטול פאַרוואָרפן, די ערד פון אונטער די פיס גייט אַוועק... אָבער קיין דערשראָקנקייט איז אין אים ניטאָ. אַ צער, נאָר אַ טיפער צער באַפאַלט אים, וואָס נאָך אַזויפיל יאָרן שווערער מי און לײַדן, וועט זײַן בנין אָן אַ דאַך פאַרבלייבן שטיין. ער ווייסט, אלישע בן־מאיר, אַז דאָ, ביי די בערג פון יהודה, וועט ער שוין פון אַן אינפאַרקט מיטן לעבן ניט אַרויס. און דאָ דערהערט ער ווי יענער עמעצער, וואָס האַלט אים מיט די קאַלטע ביינערדיקע פינגער פאַרן גאַרגל, זאָגט צו אים, צו אלישען בן־מאיר, אויפן אויער:

— די יאָרן וואָס זײַנען דיר געגעבן געוואָרן פון גאָט פאַר דײַן ערדישן לעבן, ענדיקן זיך שוין. דיר זיינען פאַרבליבן געציילטע רגעס.

— דאָס פיל איך אַליין, אָן דײַן בשורה.

— און דײַן תּפילה צום באַשאַפער פון דער וועלט האָט שוין פאַרשפּעטיקט.

— איז צוליב וואָס דײַנע רייד ? וואַרג מיך אָן רחמנות !

— אָבער דײַן שרײַענדיקער צער פאַרן ניט אויספילן דײַן שליחות, פאַרן ניט דערבויען דײַן בנין, האָט מיך גערירט.

— איז נעם אַראָפּ דײַנע פינגער פון מײַן האַלדז.

— אָט דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט דיר פאַרשלאָגן !

— ווער ביסטו ?

— דו ווייסט דען ניט ? איך בין דער מלאך־המוות.

— איז דען אין דײַן רשות צו לאָזן מיך לעבן ?

— ניין, יאָרן דעם מענטשן גיט נאָר ער אַליין, דער באַשאַפער פון דער וועלט.

— ווילסטו פאַר אים ווערן מײַן מליץ־יושר ?

— ניין. דער מלאך־המוות קאָן קיין מליץ־יושר ניט ווערן.

— פון וואַנען זשע קאָנסטו פאַר מיר נעמען לעבן ?

— איך האָב איצט אַ גרויסן אינדזל מיט יאָרן. אויף אָט דעם אינדזל מיט יאָרן האָט דער האַר פון דער וועלט פאַרמאַכט זײַנע אויגן. ער וויל

זיי ניט זען... ער וויל אַפילו ניט, דער באַשאַפער פון דער וועלט, אַז איך זאָל אים פון וועגן אָט דעם אינדזל יאָרן דערמאָנען.

— איז וואָס איז עס פאַר אַן אינדזל, און פון וואַנען קומען אהין אָט די יאָרן?

— פון נאָך דעם גרויסן חורבן...

— פון די אומגעבראַכטע קינדער אין באַבי־יאַר, אין טרעבלינקי, אין אוישוויץ, אין פּאָנאַר?

— יאָ פון יענע... איבער אָט דעם אינדזל מיט די ניט אויסגעלעבטע יאָרן בין איך דער ממונה!

— ניין, מלאך־המוות, ניין! — שרייט אויס אלישע בן־מאיר, שוין מיט זיינע גאָר לעצטע כוחות. — ניין, מלאך־המוות, ניין! אויפן חשבון פון אָט די פאַרבלוטיקטע יאָרן וויל איך ניט פאַרלענגערן מיין לעבן אַפילו אויף קיין רגע... אַפילו אויף קיין איין רגע ניט! דו הערסט מיך?

— אָבער יענע יאָרן גייען דאָך סיי ווי סיי לאיבוד. דו וועסט דאָך אפילו ניט וויסן אויפן חשבון פון אַוועלכן אומגעבראַכטן קינד דו וועסט, דאָ אויף דער ערד ווייטער לעבן און אויספילן דיינע שליחותן... איך אַליין וויים דאָך שוין אויך ניט צו וועמען די אָדער יענע יאָרן געהערן.

— ניין, מלאך־המוות, — כריפּעט אלישע בן־מאיר, — ניין... קלעם זיך איין מיט דיינע פינגער אין מיין גאָרגל... אויפן חשבון פון בלוט... ניין!... מלאך־המוות, כ׳וויל לעבן, הוי, ווי איך וויל לעבן... אָבער נאָר אויף מיינע אייגענע יאָרן. ניט אויף די פאַרבלוטיקטע...

און דאָ, ווי שוין ניט איין מאָל, ווען ער, אלישע בן־מאיר, איז שוין אַן אַ ברעקל האָפענונג געבליבן, שוין אויפן ראַנד פון טויט געווען, און דאָך איז ער אַלע שוואַרצע כוחות אויף להכעיס, אין זכות פון זיינע זיידעס די ערד און וואַלד־יידן, די לוויים און כהנים, ניצול געוואָרן, מיט אַ נייער ליכט אין דער נשמה אַרויס! אַזוי אויך איצטער, ביי די בערג פון ירושלים, ביי דעם ווינטערדיקן רעגן־געדיכטן פאַר טאָג, אַז די וועלט האָט שוין אָנגעהויבן פון אים אָפּגיין און ער האָט געגומען פאַלן אין יענעם פינצטערן תהום אַריין, וווּ מ׳זעט דאָרט ניט, אין יענער אויף מיילן ווייט שוואַרצער טיפעניש, קיין איין און איינציקן, פאַדעם ליכט... דאָ, טאָקע על־פּי נס, טאָקע ווי נאָר פון אַ העכערן כוח, דורך דער השגחה עליונה אַליין, האָט יענער פלוצלינג אָנגעלאָפענער בריזענדיקער ווייטיק אין האַרצן אָנגעהויבן

צו שטילן זיך און געגומען פּאַוואָלינקע פאַרגיין, — ס׳פאַרבלייַבט אים נאָר אַ באַיעניש אין דער לינקער האַנט. און יענער, דער מלאך־המוות, נעמט אויך באַלד אַראָפּ די קאַלטע ביינערדיקע פינגער פון דעם אַלטן שרייַבערס האַלדז און לויפט מיט צאָרן לענגאויס דער שאָטנדיקער וואַנט צו דער אָפענער טיר, ווו די דרייַ קיפּאַריסן, שיכּורע, פונעם ווינט, טאַנצן אויפן דיל.

דערנאָך, ווי נאָר צו־זיך געקומען, — ער ווייסט ניט וויפל צייַט איז ער אַ פאַרטראָגענער אין גאָר אַנדערע וועלטן געווען, — אָן אָפּגעשוואַכטער ביז ניט קאָנען רירן מיט אַ פינגער, די פיס פאַרגליווערט און פאַרהיל־צערטע, אַ באַשלאָגענער מיט טויטשווייס, דער קאָפּ זייַנער אייַנגעגראָבן אין דעם שטולווענטל, ווי אויסגעהאַקט אין אַ מצבה־שטיין... דאָך, ווי נאָר אָנגעהויבן צו־זיך קומען, דערזעט ער שוין ווידער מיט די האַלב־לעבעדיקע אויגן, בייַ יענע אזכרה־ליכט, וואָס לעשן זיך ניט אויס פאַר אים, פאַרן יידישן שרייַבער, אפילו מיטן טאָג־שטעלן־זיך, זיי טרעטן נאָר אָפּ אַ ביסל ווייַטער, גייען אין אַ רויטלעכן נעפּל אַרייַן; בייַ יענע רויכיקע פלאַמען דערזעט ער שוין ווידער זייַן ווייַטן גילגול, אלישעלען, מיטן טאַרבעלע אין דער האַנט, ווי ער זינקט און זינגט אין יענע פרימאָרגנדיקע טיפע שנייען.

און אויך דערזעט ער באַלד זייַן ווייַטערדיקן גילגול, דעם יונגן שרייַבער, וואָס זיצט צום סוף טאָג בייַם טייַך און קוקט צו מיט טרויער ווי דאָס גאַנצע שטעטל גייט אין שקיעה אַרייַן... און פּלוצעם לויפט אָן דער משוגענער, פּיטשע, אַ באָרוועסער, די באָרד פאַרקנוילט און פאַרשטויבט, מיטן איינעם קאָסאָקלעך־אָפענעם אויג, וואַרפט פון זיך דעם ווייַסן קיטל אַראָפּ, שפּרייט אים אויס אויפן וואַסער און זאָגט מיט זייַן קול, וואָס בענקט נאָך אַ טרער: „אלישע, באַהיט זאָלן מיר ווערן פון אונדזער יידישן גאָט, פון פרעמדע געטער וועלן מיר זיך אַליין אויסהיטן... אלישע, דו הערסט? קיין גרעסערן שונא ווי דער גאָט פון אונדזערע אבות האָבן מיר ניט”... און באַלד וואַרפט ער אויף זיך אַרויף פּיטשע, דעם אָנגעווייקטן קיטל און לויפט צום איינציק־פאַרבליבענעם בית־מדרש, זיצט דאָרטן ביז האַלבער נאַכט אינעם פּיטש־נאַסן קיטל אַ שטילער, דערנאָך, ווי נאָר די צווייטע העענער הייבן אָן צו קרייען, עפנט ער אויף, פּיטשע, דאָס צווייטע, דאָס ברוין־קייַלעכדיקע פייַכטע אויג, נעמט אַרויס פון אָרון־קודש אַ ספר־תורה, לויפט מיט איר אַרום און אַרום דער בימה און לאַכט אויף קולי־

קולות: „האַ־האַ, אל שדי... האַ־האַ... אינגיכן וועסטו בלײַבן אָן ייִדן... כאַ־האַ־כאַ... אל שדי, פון דײַן פאָלק ישראל וועט אינגיכן פאַרבלײַבן נאָר אײַנגעוויקלטע יריעות פאַרמעט אָן הייליקע אותיות... האַ־כאַ־כאַ!... אַ ליידיקער פאַרמעט! אַ ליידיקער... כי־כי! אל שדי, דײַן גוי־קודש וועט ווערן אַ ליידיקער פאַרמעט... געלע יריעות פאַרטריקנטער לעדער... כי־כי!

און ווײַטער דערזעט ער זיי ביידן, יענעם יונגן שרײַבער און מאַלין, בײַ דעם אויסגעשטערנטן וואַסערפאַל, אין יענער אָנהייב־זומערדיקער נאַכט אויף די סקאַלעס, ווי זי דערציילט, אַז מיט דעם אָנקום פון וועסנע, — טאַקע אַזוי ווי די מאַמע האָט איר דעמאָלטן, אין דער זאַווערוכע־נאַכט, פון ברונעם אַרויס געזאָגט, טאַקע מיט דעם אָנקום פון וועסנע, האָט מען אים, אורי־יוסין, אין וואַלד געפונען מיט אַ בײַטש בורשטינענע קאַרעלן אין דער לינקער האַנט... די אויגן זײַנען אים געווען אָפן און ווײַסע, — אומשולדיקע און רחמים־בעטנדיקע. האָט זי זיי געקושט, מאַלי, אָט די אויגן, די אָפּגעפרוירענע, אָן די שוואַרצאַפּלען... נאָר די קאַרעלן האָט זי פון אים ניט גענומען! און מ׳האָט אים טאַקע אַזוי מקבר געווען, אורי־יוסין, מיט די טונקל־רויטע קאַרעלן, ווי פאַרפרוירענע טראָפּנס בלוט, אין דער האַנט.

און שפּעטער־צו, זעט ער שוין אויך, אלישע בן־מאיר, פון אונטער די אויפגעלעבטע און אויפגעצאַפּלטע וויִעס בײַ די זון־רויכערנדיקע אזכרה־פלאַמען, ווי יענער גילגול זײַנער, דער יונגער שרײַבער, דער פאַרליבטער אין מאַלין, שיפּלט זיך מיט איר ווײַט פונעם שטעטל אויפן ברייטן טײַך און פון די וועסלעס פאַלן בליציקע טראָפּנס צוריק אין וואַסער אַרײַן; ווו אין די ברעג־קוסטעס הייבן שוין אָן, נאָך ווײַט צום אויסטאָגן זיך, דער באַגײַסטערטער ליבע־געזאַנג פון סאָלאָווײ, וואָס קיינער זעט אים ניט, נאָר מ׳הערט אים... אין די אָטשערעטן פײַפן זיך שוין אויך איבער די קוליקעס און די וואַלדשנעפּן, — די נאַכט איז פול מיט צאַרטער וואַרעמקייט, מיט ריחות פון ראָסע־אָנגעטרונקענע וואָלאָשקע־ און טאָטער־גראָזן, מיט בערעזעס אויסגעבאָדענע אין רעגנס, מיט בלי־שטויב פון אַלטן דעמב... פון מאָל צו מאָל קײַקלט זיך אַדורך אַ זילבערן רייפל איבערן טײַך, — אַ פישל שפּרינגט פון וואַסער אַרויס. ערגעץ דאָרטן, אויף די וויהאָנס, אויף דער באַנאַכטיקער פּאַשע, פריכצן פון אָט די ריחות די געפּענטעטע פערד. די לבנה נעמט אַראָפּנידערן צו די וועלדער. און דאָ פרעגט אים פּלוצלינג מאַלי:

— וועמען האָסטו געמיינט מיט דײַן ערשטער ליד „פרילינג״? די רעוואָליוציע?

— ניין, דיך...

— מיך? איז פאַרוואָס האָסטו גלײַך נאָך אָט דער ליד געדרוקט אַ צווייטע מיטן נאָמען „שקיעה״?

— כ׳ווייס ניט, מאָלי, כ׳קאָן עס ניט דערקלערן.

און דאָ, נאָך אַ פּאָר רגעס פאַרטראַכט ווערן, זאָגט זי, און שוין גאָר אומגעריכט פאַר אים:

— אלישע, לאָמיר אַראָפּגיין אויפן ברעג...

און דאָרטן, שוין ווײַט פונעם טײַך, ליגנדיק אויף דער ערד, אויף די פריש־אָפּגעקאָסעטע, אויף די שאַרף־שמעקנדיקע נאָך ניט דערטרוקנטע, נאָך אין סטירטעס ניט צונויפגעלייגטע גראָזן, דאָרטן, מיטן קאָפּ צעשאָטענע האָר אויף זײַן אַקסל, פרעגט זי אים, און שוין מיט אַ ווייטיקדיקער בענקשאַפט און שטילן קול:

— ווען פאָרסטו קיין כאַרקאָוו?

— הײַנט בײַטאָג.

— און מיט וואָס וועסטו דאָרטן לעבן?

— מיט דײַן ליבע!

—און אויף לאַנג וועט זי דיר קלעקן?

— אויפן גאַנצן לעבן...

## ו

און דאָ פאַרלירט ער מיט אַ מאָל ווידער יענע צוויי, — בײדע, סײַ יענער ווײַטער גילגול זײַנער, און סײַ זי, מאַלי, בײדע פאַרבלײַבן שוין אויף אײביק דאָרטן, אונטער די נאַקעט־פאַרטונקלטע הימלען, אין יענעם אַנהייב־זומערדיקן פאַרטאָג, אויף די היי־לאַנקעס, אויף די פריש־אָפּגעקאָסעטע, אויף די נאָך ניט דערטרוקנטע, אין די ראָסע־באַזילבערטע גראָזן, אין יענער דבקות־פאַרשיכּורטער ליבע מיט די געדיכטע ראָמאַשקע־ און מענטע־ריחות, בײַ יענעם צאַרטן פײַף פון די וואַלדשנעפּן אין די קאַמישן אויף די טײַך־ברעגן... אויפן פענצטער לויפן שוין מער ניט פון די יהודה־בערג קיין רעגנס, נאָר ווײַסע האַגלען נעמען קלאַפּן, און וואָס ווײַטער שטאַרקער, ווי אויף צעברעכן און צעברעקלען זי, די שמאָלע שויב זײַנע. ער וויל אײַננעמען ווייטיק־שטילנדיקע תּרופות, און אויך עפּעס־וואָס צום אײַנשלאָפן, — די נאַכט גייט שוין צו איר סוף און ער, בײַ די שוואַרצע אזכרה־פלאַמען, מיט האַלב־אָפענע אויגן, געפינט זיך נאָך אַלץ אין פאַרטראַגנקייט, צווישן הימל און ערד... ער ווייסט נאָך אַלץ ניט, אלישע בן־מאיר, צי דער גרויסער באַשאַפער פון דער וועלט האָט אים, דעם ייִדישן שרײַבער, דעם אַנגעליטן־און אין עלנט־אַנגעגליטן, טאַקע געשענקט נאָך לעבן אויף צו דערגיין מיט זײַן שליחות, געגעבן אים נאָך עטלעכע יאָרן, געגומען פון אונטער דעם כּסא־הכּבוד... יאָרן, ניט פון יענעם מלאך־המוות־אינדזל, נאָר פונעם מלכות שמים, פון דעם עולם היצירה! און דער אַלטער אלישע בן־מאיר הכּהן קערט זיך מיט אַ הייסער תּפילה צו דעם באַשאַפער פון אַלע וועלטן:

— העלף מיר, — בעט ער, — העלף מיר, דעם זון פון דײַנע לוויִים און כּהנים, דעם זון פון דײַן אַלטן פאָלק ישראל, העלף מיר גיין צו דיר... שוין אַ סך יאָרן ווי איך גיי צו דיר און קאָן זיך פון אָרט ניט רירן. דער וועג צו דיר איז מיר פאַרשטעלט מיטן חורבן פון מלכות ישראל, מיט די טאָלן טרוקענע בײנער פון די צען שבטים... מיטן חורבן פון יהודה. מיט די עשׂרה הרוגי מלכות... העלף מיר, גרויסער באַשאַפער פון וועלטן, גיין

צו דיר, איך קאָן ניט אַריבערגיין די שחיטות פון די נוסעי הצלב, די גזרות ת״ח ות״ט... העלף מיר, גאָט, גיין צו דיר! דער וועג צו דיר איז מיר פאַרשטעלט מיט די געהרגעטע ייִדן פון תרע״ט, תר״פ! גרויסער גאָט פון מײַנע אָבות, העלף מיר גיין צו דיר, דער וועג איז מיר פאַרשטעלט מיט פלאַם־פײַערן פון אוישוויץ, טרעבלינקע, מײַדאַנעק, באַבי־יאַר, פּאָנאַר... און... און... איך וויל גיין צו דיר, גאָט, מײַן האַרץ שרײַט צו דיר פון בענקשאַפט, נאָר איך קאָן זיך פון אָרט ניט רירן! דער וועג איז מיר פאַרשטעלט צו דיר מיט טײַכן בלוט און מיט בערג אַש פון קינדער, פון קינדער אין די וויקעלעך!

און אויף זײַן שמאָלן פענצטער שלאָגט שוין ניט דער האָגל, נאָר ס׳וויעט פון די אַלטע יהודה־בערג מיט בלענדיקער ווײַסקייט, — אויף דער הייליקער שטאָט ירושלים פאַלט אַ שניי... און דאָ, ביַים אָנטאָגן, דערזעט ער אין הימל אַ וואָלקן אין דער מראה פון אַ גרויסן קאָפּ מיט אַן אָפענעם מויל, וואָס שרײַט צו אים, צו אלישען בן־מאיר: „גיי צו דעם טיפן טאָל, וואָס ליגט בײַם וועג צו דער „הדסה״, דאָרטן זיצט דער נביא... גיי אַהין און פרעג בײַ אים: איז דאָס טאָקע די האַנט פון גאָט געווען אויף דעם טאָל מיט די פאַרטריקנטע ביינער?״... — מאַטער זיך ניט אלישע בן־מאיר, גיי אהין צום טיפן טאָל, דאָרטן וועסטו אים איצטער טרעפן דעם גרויסן נביא — דערנעענטער זיך צו אים און פרעג ביי אים:

„זאָג מיר, גרויסער נביא, ווײַל מײַן האַרץ גייט אויס פון טרויער, זאָג מיר, זײַנען דאָס טאָקע דאָ, אין אָט דער באַנײַטער ייִדישער מדינה, יענע, וואָס גאָטס לעבעדיקער אָטעם פון אַלע פיר ווינטן איז אַרײַן אין זייערע פאַרטריקנטע ביינער?... זאָג מיר, נביא, איז דאָס די טרייסט און דער לוין פאַר די צוויי טויזנט גלײַענדיקע פײַן־יאָרן, פאַר די אכזריותן פון דער וועלט מיטן צלם און האַלבער־לבנה? איז דאָס, נביא, דער שׂכר, דער לאָרבערקראַנץ פאַר די אַלע מיתות בית־דין, פאַר די אַלע שײַטערס פון דער אינקוויזיציע און פאַר די פײַער־פלאַמען פון אוישוויץ? זאָג מיר, גרויסער נביא, האָבן מיר טאָקע באַדאַרפט גיין מיטן דערנערוועג צוליב אָט די אָפּלייקענער און אָפּשפּעטער פונעם געטלעכן גלות־פּאָלק? וואָס שווײַגסטו, גרויסער נביא, פאַרוואָס ענטפערסטו מיר ניט? ענטפער מיר, נביא, ענטפער! פאַרוואָס ווישסטו ניט אָפּ פון מײַנע אויגן די בלוטיקע טרערן?... זאָג מיר, נביא, זײַנען טאָקע אָט די ישראלים פון יענע טאָלן ביינער, וואָס דער אָטעם

פון אַלע פיר ווינטן איז אַרײַנגעהויכט געוואָרן אין זיי? זײַנען טאַקע אָט די ישׂ־ראלים דאָס קדושה־הויז פון יעקבן? זאָג מיר, נביא, דאַרפן זיי זײַן אונדזער כבוד, אונדזער טרייסט, אונדזער לוין? וואָס שווײַגסטו, נביא, פאַרוואָס ענטפערסטו מיר ניט? ענטפער מיר, נביא, ענטפער! גיי אַרויף אויף די געמאַרקן פון תל־אביב און ירושלים, גיי אַרײַן אין זייערע פאַרווײַלונגס־הײַזער... גיי, נביא זע די מעשׂים פון אָט די לײַט און הער זיך צו צו די רייד וואָס זיי רעדן!

— די מעשׂים זייערע האָב איך געזען, — האָט מיט אַ טיפן יִאוש־טרויער אַרויסגערעדט דער נביא. — אָבער דעם לשון זייערן האָב איך ניט פאַרשטאַנען...

נאָך אַלץ אַ האַלב־פאַרטראַגענער, מיטן קאָפּ אויפן שטול־ווענטל אָנגעלענט, געוואָלט נאָך עפּעס־וואָס זייער בייטיקס און וויכטיקס פרעגן בײַם נביא, וואָס הייבט זיך אָן צו דערווײַטערן, דערהערט ער דאָ, אלישע בן־מאיר, ווי טויבן וואָרקען בײַ זײַן שמאָלן פענצטער, ווי אין זייערע העלדזלעך קוועלט שוין די וועסנע... און אויך דערפילט ער דאָ, ווי אַ וואַרעם־פינקלדיקער שטראַל פאַרקריכט אים אונטער דער וויִע, — ס'איז דאָך שוין גרויסער טאָג! ער וואָלט שוין באַדאַרפט זײַן דאָרטן, אין דער „הדסה", אויפן זעקסטן גאָרן, אין דעם אָפּטייל פאַר די בלוט־געפּעסן, בײַ שיינדלען... און דערצו איז הײַנט שבת, און מיט וואָס צו פאָרן איז ניטאָ, און ער קאָן זיך בײַם וועג ניט שטעלן און הייבן די האַנט... גייט ער, נאָך דער שווערער נאַכט, נאָכן ניט צומאַכן אויף אַ רגע מיט קיין אויג, אַהין צו דער „הדסה", צופוס, באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, פאַרבײַ יענעם טיפן טאָל, און זוכט דאָרטן מיט די אויגן דעם נביא. — אפשר זיצט ער טאַקע דאָרטן ערגעץ־ווו אויף אַ שטיין? יענער איז דאָך דער נביא פון ביינער, און שטיינער זײַנען די ביינער פון דער ערד... יעדער טאָל דערמאָנט אים, דעם יידישן שרײַבער, דעם באַבי־יאַר, ווו ס'זײַנען אומגעבראַכט און דערנאָך פאַרברענט געוואָרן די גופים פון הונדערט און צען טויזנט ייִדן, צווישן זיי די קינדער פון זיבנאונצוואַנציק ייִדישע שולן, דאָרטן ליגן די פאַרקוילטע ביינדעלעך פון יענעם מיידעלע וואָס האָט געשריִען צום דײַטש אויף ייִדיש: „פעטערל, פאַרוואָס וואַרפסטו אויף מיר ערד, פאַרוואָס שיטסטו מיר זאַמד אין די אויגן?" — ער גייט, דער אַלטער שרײַבער, נאָך דער נאַכט, דער טיפער, ווי אַ תהום, אין וועלכער מ'האָט ניט געזען קיין איין שטראַל ליכט, געמיינט

אַז ער וועט שוין פון אַט יענעם נאַכט־תהום, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיטן מלאך־המוות אויג־אויף־אויג, קיינמאָל אויף דער שיַין שוין ניט אַרויס... און פון די אַרומיקע בערג יאָגן און ריזלען און בליצן אויף דער זון די שנייוואַסערן, וואָס שמעקן מיט מאַראַנצן, און אויך מיט יענע וויַיטע שנייגלעקלעך פון די פּאַלעסיער וועלדער... און דאָ בליַיבט ער מיט אַ מאָל שטיין, אלישע בן־מאיר, אָנגעשפּאַרט אויפן פּאַראַסאָל, הייבט אויף די אויגן צו דעם איין־און־איינציקן קלאָר־וויַיסן וואָלקן, וואָס שווימט ווי אַ שוואַן אין די וווּנדער־בלויקייטן פון די טיפע ירושלימער הימלען, און זאָגט פון גאַנצן האַרצן:

— אַ דאַנק און לויב דיר, גרויסער גאָט, וואָס אין מיַין ביַי טאָג און ביַי נאַכטיקער עלנטקייט, האָב איך ניט אָנגעווירן דעם גלויבן אין מיַין פאָלק, אין דער וועלט; ניט פאַרלוירן די פרייד פון דער ערד די התלהבות פאַר דער שיַין אין די וואַסערן, פאַר דער שיינקייט פון דעם צעבליטן מאַנדל־בוים דאָ אין שניי.

מיטן פּאַראַסאָל אין דער האַנט, — פון די בערג קוועלן און פינקלען טאַקע די שנייוואַסערן; אין טאָל דאָרטן, ביַי די אַלטע מעברה־שטיבלעך, אונטער די געדיכט־גרינע קיפּאַריסן, וואָס וויגן זיך אויף די שטילער־געוואָרענע ווינטן, ברענען אויף דער זון די נאַסע רויזן און פון די אָנגע־קנאָספּנטע אַקאַציעס ווייעט מיט האָניק... דאָך קאָן אין אַ האַלבער שעה אַרום ווידער אַראָפּ אויף ירושלים אַ שלאַקסרעגן. — שפּאַנט ער שווער, אלישע בן־מאיר, מיטן פּאַראַסאָל איבער דעם הויקער־געקעמלטן וועג, ייִדן מיט אָפּשיַי־ און געטריַישאַפט צעקעמטע בערד, מיט אויסגעקריַיזלטע און איבערגעגלעטע פאות, אין די ליכטיק־ברוינע ברייט־פוטערנע שטריַימלעך גייען פאַרביַי און ווינטשן אים דעם גוט־שבת — אַט די ייִדן דערמאַנען אים יענע וויַיטע שבתדיקע קינדער־יאָרן אין שטעטל ביַי די סקאַלעס, ביַים וואַסערפאַל, אין די פּאַלעסיער וועלדער. — זיי איַילן, די ירושלימער, אויף אַהין, אין „הדסה”, צו זייערע, וואָס ליגן אויף די בעטן און וואַרטן און בענקען דאָרטן נאָך אַ היימיש־נאָענטן בליק און וואַרעמען קול.

און ער פאַרשפּעטיקט היַינט אַהין, אלישע בן־מאיר, — נאָך דער נאַכט ראַנגלען־זיך מיטן מלאך־המוות ביַים שמאָלן פענצטער, ביַי די רעגן־ און האָגל־שנייִיקע ירושלימער בערג, ביַי די דריַי שאָטן־קיפּאַריסן, וואָס האָבן שיכּורע פונעם ווינט געטאַנצט ביַי דער אָפענער טיר, בליַיבט ער אַלע מאָל

שטיין אָנגעשפּאַרט אויפֿן פּאַראַסאָל... יעדן טאָג קומט ער אַהין מיטן אָנהייב טאָג, — מיט זײַן אַרומדרייען זיך דאָרטן איבערן קאָרידאָר, מיטן זיצן דאָרטן הינטער דער טיר פֿון דער פּאַלאַטע, וויל ער איר, שיינדלען, פֿאַרגרינגערן כאָטשבי אויף אַ קאַפּעלע איר געמיט. דאָרטן איז דאָך אונטערן מעסער געלעגן ניט נאָר איר, שיינדלס, נאָר אויך זײַן, דעם אַלטן שרײַבערס, לעבן. שוין אַ האַלבן יאָרהונדערט ווי זיי גייען ביידע דורך אַלע וויי און וויכערן.

ער ווייסט, אלישע, גוט, אַז זי, שיינדל, איז אַזוי גיך מסכּים געוואָרן צו גיין אויף די אָפּעראַציעס ניט נאָר פֿאַר דער מורא צו בלײַבן אָן פּיס און מ׳זאָל זי איין מאָל אין טאָג דאַרפֿן אַראָפּפֿירן פֿון די טרעפּ מיטן וועגעלע אויף אַ שעה אין דרויסן אַרויס, נאָר דערפֿאַר און בעיקר, וואָס מיטן גיין אונטערן מעסער האָט זי געוואָלט זיך אַרויסרײַסן פֿון איר צושטאַנד, — אַרויסגיין פֿון זיך אַליין... די לעצטע צײַט איז זי שוין גאָר אַרײַנגעפֿאַלן אין יענער ביטערער קלעם־בענקשאַפֿט נאָך דער טאָכטער מיט די אייניקלעך, וואָס זײַנען פֿאַרבליבן דאָרטן, בײַ די קאַרפּאַטן־בערג, בײַ יענע וועלדער, וווּ יעדער בוים ציטערט דאָרטן אין איטלעכער רגע פֿון מעת־לעת, אין יעדער צײַט פֿון יאָר, פֿאַר דער ווילד־אַרומגייענדיקער שאַרפֿער האַק; זי איז שוין מער ניט בכּוח און ביכולת געווען, שיינדל, איבערצוטראָגן און מיט עפּעס־וואָס צו לינדערן דעם ווייטיק פֿון דעם ריס אין האַרצן... און דערצו נאָך זײַן, אלישעס עלנטקייט דאָ, אין ישׂראל! האָבן זיי טאַקע באַדאַרפֿט איבערלאָזן דאָרטן די קראַנקע טאָכטער, די אייניקלעך, לויפֿן אַהער מיט די לעצטע כּוחות און גלייבן, כּדי, ער, אלישע בן־מאיר, זאָל דאָ ווערן אַ לועזיתניק, אַ פֿרעמדשפּראַכיקער? פֿון אַוועלכן פֿאָלק, און פֿון אַוועלכן לאַנד?

און שוין באַלד פֿיר חדשים ווי זי איז צוגעבונדן געוואָרן, שיינדל, צו דעם „הדסה״־שפּיטאָל... נאָך דער ערשטער אָפּעראַציע אויף דעם לינקן פֿוס, וואָס האָט געדויערט בײַ די פֿינף שעה, — אויפֿן אָרט פֿון די בלוט־פֿאַרגליווערטע אָדערן שטעלט מען איר קינסטלעכע טרײַבעלעך אַרײַן, — און ווען זיי, אלישע און זײַן יינגערע טאָכטער און דער איידעם, וואָס זײַנען מיט אים דאָ, אין „הדסה״, האָבן שוין יאָ דערלעבט צו דערזען די טיר זיך עפֿענען, און דעם דאָקטער אויפֿן שוועל, מיט די מידע אויגן, נאָך אין דעם בלאָוון היטעלע אויפֿן קאָפּ, האָט מיטן שמייכל אויף צו באַרויִקן געזאָגט:

— בסדר... אַלץ איז אַדורך בשלום! באַלד וועלן מיר זי אויפהייבן אין איר פּאַלאַטע... — זײַנען זיי אַוועקגעלאָפן אַהין מיט די טרעפּ אויפן זעקסטן גאָרן, דערוואַרט זיך ביז מ׳האָט זי אויף דער בעט, מיט דעם זעקעלע בלוט אויפן אײַזערנעם שטעקן, מיט דער אַרײַנגעשטאָכענער נאָדל אין דער האַנט, אין דער פּאַלאַטע אַרײַנגעפירט... ס׳איז זי ניט געווען צו דערקענען, שיינדלען, — אַ ווײַסע, ווי פריש־אויסגעפּאַלענער שניי, און די ליפּן שוואַרצע, איבערגעטריקנטע. דער בליק אירער פון די אויף אַ רגע געעפנטע אויגן, איז איבערגעפולט געווען מיט פּײַן און לײַדן, אָבער אויך מיט ניצחון פון אויסשטיין, מיט גדלות פון קאָנען גיין אויף אַזעלכע יסורים... און דאָ, אַז די ווײַסע כאַלאַטן — דער פּראָפעסאָר מיט די דאָקטוירים און סטודענטן האָבן זי אַרומגערינגלט, שיינדלען, און גענומען איר נאָרוואָס אָפּערירטן פוס צו באַטראַכטן, דאָ איז צווישן זיי דורכגעגאַנגען אַ געמורמל, און אַלע זײַנען זיי בלייך געוואָרן.

— וואָס איז געשען? — האָט זיך אלישע ניט מיט זײַן קול אין דער פּאַלאַטע אַרײַנגעריסן.

— דער דופק איז פאַרפאַלן געוואָרן!

— וואָס הייסט?... אין דעם נאָרוואָס אָפּערירטן פוס?

קיינער פון זיי ענטפערט ניט. אַן אויפגעטרייסלטער האָט ער צוגעקוקט, אלישע, ווי מ׳נעמט זי, שיינדלען, אַרויספירן מיט דער בעט צוריק פון דער פּאַלאַטע.

— וווּהין? — פרעגט ער שוין שטיל. — וווּהין פירט איר זי?

— מ׳וועט נאָך אַ מאָל דאַרפן אָפּערירן דעם פוס..

אלישען נעמט שוין גאָר אָפּ דאָס לשון. „פאַרפאַלן געוואָרן דער דופק"!... נאָך אַזאַ שווערער אָפּעראַציע, נאָכן ליגן פינף שעה אונטערן מעסער, נאָכן אָפּגיין מיט אַזוי פיל בלוט, נאָך די איבערגעטראָגענע ווייטיקן און יסורים, נאָך דעם אַלעמען איז דער דופק אין פוס פאַרפאַלן געוואָרן?... און פּלוצעם, טאַקע דאָ אויפן אָרט, לויפט אים אויך דורך אָט דער שוידערלעכער געדאַנק:

— און אפשר איז אויך דאָ, אין ישראל, נאָך אַלע אויסגעשטאַנענע פּלאָגן און לײַדן, פאַרפאַלן געוואָרן דער דופק? — און נאָך צוויי נײַע פּײַערדיקע רינגען נעמען זיך אים דאָ, אלישען בן־מאיר, אַרײַנשנײַדן אין דער נשמה.

## ז

און דערנאָך גייט ער שוין, אלישע בן־מאיר, אין דער נאַכט פון די אויסגעלאָשענע שטערן, ווו גראָד דאָרטן, אין דער פינצטערניש, זעט מען שטאַרקער און קלאָרער די נאַקעטקייט פון לעבן, און דאָרטן, אויפן דנאָ פון טיפן טאָל, זעט ער טאַנצן איינעם, עפּעס אַ וויסטן לץ, אין שוואַרצע וואַסערן... ער גייט, דער אַלטער ייִדישער שרײַבער, דער פרעמדער אין זײַן טרוים, שוין נאָך יענעם טאָג, שוין נאָך דער דריטער אָפּעראַציע, און הערט שיינדלס וויגעשריי... און ער נעמט פאַלן אין יענעם צער פון זײַנע קינדער־יאָרן, אויף די אָנגעשנייטע גערטענער, אונטער דעם גראָבן און שוואַרצן שטרויענעם דאַך, ווו די מאַמע זײַנע האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט.

ער גייט, אלישע בן־מאיר, אין דער נאַכט פון די אויסגעלאָשענע שטערן, ווו פון דער פינצטערניש פלאַמט אַרויס די נאַקעטקייט פון לעבן, ווו דאָרטן, אויפן דנאָ פון דעם טיפן יאַר, טאַנצט יענער, דער וויסטער לץ, אין די שוואַרצע וואַסערן... און ער דערקלײַבט זיך צו זײַן דאַך איבערן קאָפּ, — יענעם דאַך איבערן לעבן, דעם יאָרן־געחלומטן, האָט ער, דער ייִדישער שרײַבער, דאָך דאָ ניט געפונען, און אבנרס פאַרבלוטיקט קוויטעלע שרײַט נאָך איצטער אין זײַנע אויערן: „אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ, און אין דער וועלט איז קיין היים ניטאָ“... — ער פאַרקלײַבט זיך אונטערן דאַך, בײַ דעם שמאָלן פענצטער, פאַלט אַרײַן אין דעם לעדערנעם שטול, און פאַרשליסט אפילו ניט די שטוב, — עלנטקייט דאַרף ניט האָבן קיין שלאָס אויף דער טיר, קיינער וועט ניט אַרײַנגיין!

ווידער אַליין, אָבער ניט אויסגעטאָן פון דער וועלט, פאַרקערט, אין אָט דער אַליינקייט זײַנער הערט ער זיך צו צו די סאַמע ווײַטסטע ווײַטן, און יעדער אויפטרײַסלונג דאָרטן, אפילו אין דעם פאַרוואָרפנסטן ווינקל פון דער ערד, רופט זיך אָפּ אין זײַן נשמה... ווידער אַליין, און בײַ יענע אזכרה־פלאַמען, וואָס גייען איבער זײַן טיש און וועלן, דאַכט זיך, באַלד אָנצינדן די געדיכט־פאַרשריבענע בויגנס פּאַפּיר; דעם ברייט־געשטרײַפטן

שאַרף אויף די אונטערגעהויבענע אַקסלען, — שוין ניט אַזוי פון פאַרחי־דושקייט, ווי פון נסיונות־שווערקייטן, וואָס מערן זיך און פאַלן אויף אים דאָ ביי זיין סוף וועג... פון די יהודה־בערג יאָגן ווידער מדבר־ווינטן און באַלד נעמט שלאָגן אין זיין שמאָלן פענצטער רעגן אויסגעמישט מיט האָגל, און ס׳הייבט אָן צו שנייען. און דאָ, — פּאָר עמעצן שוין גאָר צו שטוינען און צו נשתומם ווערן, — דאָ, ווי נאָר פון די בערג נעמט ווייען, אַזוי ווערט אים, דעם אַלטן שרייבער בן־מאיר, גרינגער אויף דער נשמה: פון קליינערהייט חברט ער זיך מיט געוויטערן און שנייפאַלן; גראָד דאָרטן, אין די קרירה־קעלטן, אין די רעגנשטראָמען און שניישטורעמס, גראָד דאָרטן דערפילט ער די פרייד פון גערעגנגל און דעם גרויסן זין פון לעבן.

און ס׳קלינגט דער טעלעפאָן... לויפט ער איבער די דריי קיפּאַריסן־שאָטנס, וואָס וואַרפן זיך אויך היינט אין קדחת אויפן דיל, און פאַלט צו מיטן אויער צום טרייבל: האָט דאָרטן, אין שפּיטאָל, עפּעס ווידער געטראָפן מיט שיינדלען, איז, חלילה, דאָרטן ווידער דער דופק אין איר פּוס פאַרפאַלן געוואָרן? „ניין, באַרויקט אים די טאָכטער. זי וויל אים צוּוויסן געבן, אַז די מאַמע האָט זיך דערוואַרעמט און איז איינגעשלאָפן.״ — און ווידער זיצט ער אין זיין שטול און הערט זיך צו ווי איבער ירושלים גייט דער שניי־געוויטער, ווי די מידבר־ווינטן בושעווען און וויען, און טרייסלען זיין שמאָלן פענצטער אויף אים אויפצורייסן... ווער היינטיקע נאַכט אויך קומען צו אים יענער, דער מלאך־המוות, ווידער פאַרלייגן אים, דעם יידישן שרייבער, עטלעכע יאָר לעבן פון יענעם יאָרן־אינדזל, פון יענע ניט אויס־געלעבטע און פאַרבלוטיקטע קינדער־יאָרן...

און אַלע גילגולים זיינע שטייען שוין אַרום אים, — זיי ווייסן גוט אַז ער, אלישע בן־מאיר, וועט זיך לאָזן דערוואַרגן, און אפילו מיט עפּעס אָ מין ניצחון־פרייד, און וועט פון יענעם יאָרן־אינדזל ניט נעמען קיין רגע לעבן... זיי שטייען, די גילגולים, אַרום אים, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף צו טאָן מיט אים דעם לעצטן חסד של אמת!... עפּעס רעדט צו אים איינער פון זיי, פון די ווייטע גילגולים זיינע, יענער, וואָס איז פאַרבליבן מיט מאַלין דאָרטן, פון יענער זייט טייך, אין דעם אָנהייב־זומערדיקן פאַרטאָג, אויף דער לאָנקע, אויף די פריש־אָפּגעקאָסעטע, אויף די אזכרה־פלאַמען, וואָס גייען איבערן שרייבטיש, עפּעס־וואָס פאָדערט ער און פאַרלאַנגט פון אים, פון דעם אַלטן שרייבער... נאָר אין אָט דעם ווילדן געוואַי פון די מידבר־

ווינטן הערט ער ניט וואָס יענער וויַיטער גילגול רעדט צו אים; אין אָט דעם געוואָי פון די ווינטן הערט ער שוין נאָר שיינדלס געשריי אין יענער ערב־פּרילינגדיקער זאַווערוכע־נאַכט! און ס'טראָגט אים אַוועק וויַיט פון יענע גילגולים, און פון ירושלים, — ס'פאַרטראָגט אים מיט אַ מאָל אַהין, אין יענער זאַווייע, אין יענער שטאָט אַריַין, וואָס אויפן רעכטן ברעג פון דניעפּער־טיַיך, אין יענער נאַכט, ווען נאָך חדשים וואַרטן, האָט מען פּלוצעם אָנגעקלאַפּט און דריַי פון די גרויע מאַקינטאָשן האָבן זיך אין דער טיר אַריַינגעריסן...

און הגם אלישע האָט דעמאָלטן גוט געוווּסט, אויף קיין איין רגע ניט געצווייפלט, אַז היַינט־מאָרגן וועלן זיי, די גרויע מאַקינטאָשן, נאָך זיַין נשמה קומען, געווען גרייט דערצו, געבעטן שיינדלען זיך שטאַרקן, ניט אַרויסוויַיזן פאַר זיי קיין איין טרער... דאָך, בײַ זייער אַריַינקומען, דערזעענדיק ווי אויך זי, שיינדל, האַלט צו מיט בײדע הענט דאָס כאַלאַטל, וואָס איז אין אײַלעניש אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף די אַקסלען, און אַקוראַט אַזוי ווי יענע, קאַליניקס פרוי, אין דער וויַיטער נאַכט, ווען מ'איז געקומען נאָך איר מאַן, אַרויסרײַסן אים, דעם יונגן אוקראַיִנישן דיכטער, פון לעבן... און דער עיקר, דערזען שיינדלס מיט ווײ און צאָרן אויפגעריסענע אויגן, וואָס פרעגן: — שוין?... געקומען?... מ'נעמט דיך צו? מער וועל איך דיך שוין קיינמאָל אין לעבן ניט זען? מער וועסטו מיר שוין קיינמאָל ניט לייענען אין די נעכט דײַנע נאָרוואָס אָנגעשריבענע שורות, און וואַרטן אויף מײַן וואָרט... איך וועל אפילו ניט וויסן וווּהין דיַין געביין וועט אַהינקומען... און דערזעענדיק אויך, ווי בײַ דער דרײַצניאָריקער טאָכטער, בײַ לאַרען, ווערט בײַ זייער אַריַינקום, ממש פאַר די אויגן, איר פּנים איבערגעביטן און געעלטערט... און ס'הייבט אים אָן, אלישען, דאָס האַרץ אַרונטערגיין צום גאָרגל, און ער דאַרף שוין שווײַגן, טאָר ניט רעדן, — אים איז שוין דאָ, בײַ זיך אין שטוב, פאַרווערט געוואָרן אַרויסרעדן אַ וואָרט צו זיַין וויַיב און קינד, ער דאַרף ענטפערן נאָר אויף זייערע, די עמגעביסטישע, שאלות...

און דווקא איצט, אַז די דריַי מאַקינטאָשן, פאַרווייעטע מיט שניי, זיַינען שוין בײַ אים אין שטוב, און ער זעט, אלישע, די פײַערדיקע באָרד דאָרטן, אויף די ערב־פּרילינגדיקע ווינטן, און הערט בולט דעם מלמדס, שמואל־יאָסלס קול: „גורל! גורל! גורל!" דווקא איצטער, וואָלט ער וועלן בײַ זיי פרעגן, ער קאָן עס ניט פאַרשטיין, אלישע, ניט געקאָנט די גאַנצע ציַיט

עס תּופֿס זײַן, פֿאַרוואָס גראָד אים, אלישען, דעם „בורזשואַזן שרײַבער״, דעם „יידישן נאַציאָנאַליסט״, דעם ברודער פֿון דעם טראָצקיסט, פֿון דעם פֿאַרביסענעם שונא פֿון פֿאָלק, — ער האָט נאָך דעמאָלט ניט געוווּסט, אלישע, אַז זײַן ברודער, פּנחס, איז שוין דאָרטן, אויפֿן ווײַטן צפֿון, ערגעץ אויף אַ פֿאַרוואָרפֿענעם אינדזל, דערשאָסן געוואָרן. — פֿאַרוואָס גראָד אים, אלישען, האָט מען אַזאַ צײַט געלאָזט אַרומבלאָנקען איבערן באַבי־יאַר, איבער די באַוואַלדיקטע בערג ביים דניעפּער־טײַך... פֿאַרוואָס גראָד איצטער, נאָך דער „כראָניק פֿון טאָסס״ ווו ס׳ווערט צווויסן געגעבן, אַז די אָרגאַנען פֿון דער מלוכה־זיכערקייט האָבן אויפֿגעדעקט „די טעראָריסטישע גרופּע דאָקטוירים״... פֿאַרוואָס גראָד איצט, וויל ער בײַ זיי פֿרעגן, בײַ די דרײַ־שנײַ־פֿאַרווייעטע מאַקינטאָשן, פֿאַרוואָס גראָד נאָכן „אויפֿדעקן די טעראָריס־טישע גרופּע״, איז מען געקומען אים, אלישען, אַרעסטירן? אגב האָט אים די פֿראַגע געמאַטערט שוין פֿריִער, שוין דעמאָלטן, ווען טאַקע באַלד נאָך דער „כראָניק פֿון טאָסס״, האָט ער פּלוצלינג באַקומען דאָס פּאַפּירל, אונ־טערגעשריבן פֿונעם פֿאָרזיצער פֿון פּרעזידיום פֿון דעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד, אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ק אָ ר נ י ט ש ו ק און פֿון דעם פֿאַראַנטוואָרטלעכן סעקרעטאַר י ו ר י ז ב אַ נ אַ צ ק י, אַז ער, אלישע, איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון דעם פֿאַרבאַנד פֿון די סאָוועטישע שרײַבער... — און דאָס האָט שוין אויף קלאָר אָנגעזאָגט, אַז אים, אלישען, האָט דער שרײַבער־פֿאַרבאַנד איבערגעגעבן אין די הענט פֿון דער עמגעבע. פֿאַרוואָס האָבן זיי אים פֿריִער פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד ניט אויסגעשלאָסן? פֿאַרוואָס גראָד נאָך דער „כראָניק פֿון טאָסס״?

אין שטאָט, שוין פֿון אָנהייב אָן, שוין באַלד נאָך דער ידיעה וועגן דער טעראָריסטישער גרופּע ייִדישע דאָקטוירים, און באַזונדערס נאָך דעם אַרטיקל אין דער „פּראַוודאַ״, אָן אַן אונטערשריפֿט, וואָס האָט געזאָלט באַטײַטן, אַז דאָס אויבן געשריבענע איז די מיינונג פֿון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער, קאָמוניס־טישער פּאַרטיי און במילא שוין די קלאָרע שטעלונג פֿון אים אַליין, פֿון גרויסן סטאַלין... און דאָרטן, אין יענעם אַרטיקל, איז דאָך שוואַרץ אויף ווײַס געשטאַנען: „דאָס סאָוועטישע פֿאָלק שטעמפּלט מיט אויפֿגעבראַכטקייט די פֿאַרברעכערישע באַנדע מערדער און זייערע אויסלענדישע באַלעבאַטים. אָט די פֿאַראַכטעטע משרתים, וואָס האָבן זיך פֿאַרקויפֿט פֿאַר דאָלאַרן און

שטערלינגען, וועט דאָס סאָוועטישע פֿאָלק צעקוועטשן, ווי עקלדיקע ווערים״... און באַלד האָט זיך אין דעם אורקאַיִנישן אָונטיקן בלעטל, אין דעם „וועטשערני קיִעוו״ באַוויזן פֿינף גרויסע פּאָטאָס פֿון ייִדן מיט לאַנגע נעזער, און מיט אָזעלכע, וואָס אפֿילו ער, שטרײַכער, האָט פֿאַר זײַן „שטיורמער״־בלעטל ניט געקאָנט אויסזוכן... און איבער אָט די פֿינף ייִדן — דרײַ מאַנצבילן און צוויי פֿרויען — איז מיט קידוש־לבנה־אותיות געווען אָנגעשריבן: „אָט זײַנען זיי די אומזיסטפּרעסער, די אָנלייגער״... און דער אוקראַיִנישער שרײַבער, דער הומאָריסט, אָ ס ט אָ פּ ו ו י ש נ י אַ, האָט אין דעם זעלביקן בלעטל, אין זײַן ווינקל, וואָס אונטערן נאָמען: „געזונט זאָלט איר זײַן!״, געשריבן דאָרטן, אַז ייִדן האָבן אין דער צײַט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה העלדיש געקעמפֿט אין... טאַשקענט! און טאָקע דאָרטן, אין טאַשקענט, אויפֿן מאַרק, האָבן זיך די ייִדן אײַנגעהאַנדלט די אָרדנס.־טאָקע דעמאָלטן, אין יענע טעג, האָט איינער אָפּגעשטעלט אין מיטן שטאָט אַ ייִדן, אַ מאַיאָר, אַ העלד פֿונעם ראָטנפֿאַרבאַנד, און מיט אַ חוזק־שמייכעלע ביי אים געפֿרעגט:

— וויפֿל האָסטו באַצאָלט אין טאַשקענט פֿאַרן גאָלדענעם שטערן מיטן לעניִן־אָרדען, האַ?

אָט דער מאַיאָר, וואָס איז געקומען צופֿאָרן קיין קיִעוו אויף קבר־אבות, צום באַבי־יאַר, ווו ס׳זײַנען אומגעבראַכט און פֿאַרברענט געוואָרן די ביינער פֿון זײַן טאַטע־מאַמע, און אויך פֿון זײַן קינד, וואָס איז מיט זיי, מיט זיידע־באָבע פֿאַרבליבן... ער, דער מאַיאָר, האָט דאָ אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און דעם פֿרעגער אויפֿן אָרט געשאָסן... אין שטאָט האָט אַ ווייע געטאָן מיט פּאָגראָם. — און דערצו נאָך האָט דער סעקרעטאַר פֿון דעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, דער מיטגליד פֿון צ.ק. ס י נ י צ אַ, געהאַלטן אַ רעדע פֿאַרן „פּאַרטיי־אַקטיוו״ וועגן די שעדיקער אין דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפֿט, דערמאָנט און געפֿאָדערט ניט צו פֿאַרלירן די רעוואָליוציאָנערע וואַכזאַמקייט און האַלטן תּמיד, און אָן אויפֿהער, אָפֿן די אויגן אויף די ל א נ ג נ ע ז י ק ע... — האָבן יענע, די פּאַרטיי־אַקטיוויסטן, די „אָנפֿירנדיקע קאַדרען״ גלײַך אויפֿגעכאַפּט דעם מיין און דעם אָנטײַט פֿונעם כאַוועד סיניצאַ, און אים אַזוי געפּליעסקעט בראַוואָ, אַז די ווענט זײַנען שיעור ניט צעפֿאַלן געוואָרן... — און ייִדן האָבן פֿון אומבאַהאָלפֿנקייט זיך אײַנגעבויגן, די פּנימער פֿון פֿאַרקלערטקייט, פֿון צער און צאָרן, געל געוואָרן, די פּיס

ניט זיכער מיטן טראָט, — ברעכן זיך אונטער... אין די אויגן יענע ביטערע אומרויִקייט פון ניט וויסן, וואָס די נאַכט וועט מיט זיך ברענגען, — אין די פיר ווענט האָט זיך ווידער געשטעלט דער שאָטן פון באַבי־יאַר און יענע שטילקייט פון פאַרן אַרויסטראָגן אַ מת... מ׳האָט שוין געוווּסט אַז צו קיִעוו גייען לײדיקע עשאַלאָנען אויף אַרויסצופירן ייִדן אין די רויטע סטאָליפּין־וואַגאָנעס, — אַלע ייִדן, קינד־און־קייט אַהין, אויף די ווילדע, און פון פאַרטריקעניש־צעשפּאָלטענע, קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס.

## ח

שוין אין יענעם טאָג, פאַרן אַרײַשטעלן זיך פון די דרײַ שניי־פאַרווייעטע מאַקינטאָשן, האָבן אַלע סימנים באַוויזן, אַז דער פײַערדיקער רינג אַרום זײַן, אלישעס, און שיינדלס, און די קינדערס לעבן, ווערט געשלאָסן... שוין פון קאַיאָר איז אויפן שטאַרקן פראָסט, אונטער דעם קאַשטאַנען־בוים, איינער געשטאַנען און געררייכערט. דערקענט ער זיי, אלישע, אָט די־אָ לייט... דאָך וויל ער אויסקלאָרן, צי דער פאַרשוין איז דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף נאָכצוקוקן און זען ווען ער, אלישע, וועט פון שטוב אַרויס, ווהין ער וועט גיין און מיט וועמען זיך באַגעגענען... און אויך מיט זײַן שטיין דאָ, דאַרף יענער וויסן, ווער ס׳גייט אַהער אַרײַן, און אויך וויפל צײַט מ׳פאַרהאַלט זיך בײַ אים, בײַ אלישען. דאָך וויל ער זיך, אלישע, אויף זײַן חוש ניט פאַרלאָזן, — אין דעם מצב קאָן זיך שוין אַלץ אויסדאַכטן און אויסווײַזן. יענער קאָן דאָך שטיין דאָ און וואַרטן אויף עמעצן פון דעם שוסטער־אַרטעל, וואָס געפינט זיך דאָ אין הויף. טוט אלישע אָן דעם שינעל — ער טראָגט נאָך אַלץ די מיליטערישע בגדים, גייט אין דרויסן אַרויס, שטעלט זיך אויך לעם יענעם אונטערן פרירטויזקן בוים און פאַררייכערט: אויך ער, הייסט עס, אלישע, דאַרף דאָ שטיין, און אויף לאַנג... און אַז אלישע פאַררייכערט דעם צווייטן פאַפּיראָס, נעמט יענער אַוועקגיין. ער לאָזט זיך גיין צום פאַרשנייטן סקווער. גייט אים אלישע נאָך... פאַרנעמט זיך יענער צום שעווטשענקאָ־פאַרק, צום אוניווערסיטעט מיט די טונקל־רויטע ווענט, גייט נאָך אים אלישע אויך אַהינצו. שטעלט זיך שוין יענער אָפּ און קוקט אויף אלישען. און ער, אלישע, בלײַבט אויך שטיין און פרעגט בײַ יענעם מיט מיטגעפיל:

— נו, און וואָס ווילסטו ווײַטער טאָן? פאַר אַ שפּיק טויגסטו דאָך אויך ניט! — און אלישע פאַרקערעוועט אויף צוריק, צו זײַן צימערל, צווישן די דרײַצן שכנים, צווישן די פּרימוסן, וואָס רוישן און רויכערן פון פרי ביז אין דער נאַכט אַרײַן, נעמט פון אונטערן בעט דאָס האַנט־זעגל, די האַק, לייגט אין עמער די שטריק אַרײַן און גייט אין אַנגעשנייטן הויף, אין

ווייַטן ווינקל, ווו ס׳געפינט זיך זייַן שטעלעכל אויף צו האַלטן האָלץ און קוילן. שלעפּט פון דאָרטן אַ דעמבענעם קלאָץ אַרויס, לייגט אים מיט שווערקייטן אויף די „קאָזלעס״ אַרויף, און שטעלט זיך זעגן אויף זעקס טיילן, — מיט דעם האַנט־זעגל קומט עס אָן ניט גאָר גרינג... דערנאָך צעשפּאַלט ער מיט דער האַק די אָנגעשניטענע קלעצער אויף שייַטלעך, — אָפּט טרעפט זיך די האַק אָן אויף אַ סוק און אלישע וואַרפט פון זיך דעם שינעל אַראָפּ... ער ראַנגלט זיך דאָ מיטן סוק און שטעלט זיך פאָר ווי די צוויי גרויסע יידישע שרייַבער, שוין אין די יאָרן, דער ניסתר און דוד בערגעלסאָן, וואַלגערן דאָרטן, אויף אַ פּופּציק גראַדוסדיקן פראָסט, די ביימער אין דער סיבירער טייַגע... און ס׳בריט אים, אלישען, דער געדאַנק: די וועלט ווייסט דאָך, ס׳איז דאָך אָפּן פאַר איטלעכן וואָס וויל נאָר זען וואָס דאָ קומט פאָר, פאַרוואָס שווייַגן זיי, ווו זייַנען זיי, די יידן, אין דער גאָרער וועלט, פאַרוואָס הייבן זיי ניט אויף זייער קול? און פאַרוואָס שווייַגט אויך זי, די יידישע מדינה? אַז מ׳האָט געשלאָגן „קאָסמאָפּאָליטן״ האָבן אַלע געטומלט, אויפגעהויבן אַ וויי־געשריי, ממש געקערט וועלטן... פאַרוואָס זשע שווייַגן אַלע איצט, אַז מ׳ברענגט אום די יידישע שרייַבער? — ער לייגט צונויף, אלישע, די שייַטלעך האָלץ, בינדט זיי איבער מיט דער שטריק, נעמט דעם בערעם אויף דער פּלייצע, פאַרכאַפּט מיט זיך דעם עמער קוילן און גייט אַהין, אין יענעם צימערל, וואָס שיינדל האָט מיט אַזוי פיל פּייַן און לייַדן באַקומען דאָ, נאָך איר אומקערן זיך מיט די צוויי קינדער פון דעם ווייַט־פאַרוואָרפענעם כאַרעזמער קאַנט, פון די קאַראַקומער זאַמדן.

און ניט נאָר וואָס מ׳האָט איר דעמאָלטן ניט געוואָלט אָפּגעבן די שטוב אין וועלכער זיי האָבן געלעבט פאַרן עוואַקויִרן זיך, — איבערגעלאָזט דאָרטן דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס... נאָר מ׳האָט זיי, די ווייַב און די קינדער פונעם יידישן שרייַבער, וואָס איז געווען אויפן פראָנט, אפילו קיין קיִעוו ניט געוואָלט אַרייַנלאָזן... דעמאָלטן, ניט געהאַט זיך וווהין אַהינטאָן, האָט זי גענומען, שיינדל, די קינדער, שוין נאָך יענער נסיעה פון דעם ווייַטן קאַנט, — צום אָנהייב געפאָרן פינף הונדערט קילאָמעטער מיטן ווילדן טייַך אַמו־דאַריאַ, וואָס טראָגט אַראָפּ שטיקער ברעג צוזאַמען מיט הייַזער און ביימער... און דערנאָך מיטן באַן העכער אַ חודש־צייַט, — ס׳איז דאָך נאָך געגאַנגען די מלחמה, — שוין ניט געווען מיט וואָס אונטערצוהאַלטן די קינדער, וואָס זייַנען געלעגן אין היץ, — ס׳האָט זיי געטרייסלט די מאַ־

ליאַריע... די עלטערע, ליאָלינקע, די צען יאָריקע, האָט געשוויגן. יענע האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען, און בײַ דער מאַמען גאָרניט געמאָנט, נאָר די קליינע, די פינף יאָריקע לאַראַ, יענע פלעג טענהן:

— נו, וואָס בעט איך בײַ דיר, איך בעט דען בײַ דיר עפּעס? איך בעט דאָך נאָר אַ שטיקל ברויט...

נאָך יענער נסיעה, נאָכן ניט אַרײַנלאָזן קיין קיִעוו, פאָרט זי, שיינדל, מיט די קינדער ווײַטער, שוין אַהין, קיין בעלאָצערקווע, אין איר היים־שטאָט, וווּ זי איז געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן, די שול פאַרענדיקט און אויך די טעאַטראַלע סטודיע „רויטע בליטן", וווּ זי האָט די ערשטע טריט אויף אויף דער ייִדישער בינע געשטעלט; דאָרטן, אין איר געבוירן־שטאָט, האָט זי געהאָפט צו געפינען פאַר זיך מיט די קינדער אַ דאַך איבערן קאָפּ, אפשר איז דאָרטן פאַרבליבן גאַנץ איר מאַמעס שטוב?

איר מאַמע איז פאַרבליבן אין די קאַראַקומער זאַמדן, — זי איז דאָרטן אויסגעגאַנגען פון הונגער און פון בענקשאַפט... די מאַמע, שרה בת נחום, איז צו קבורה געקומען אויפן מוסולמענישן צווינטערל, טאַקע ניט ווײַט פון דער שטוב, אַנטקעגן דעם פענצטער... האָט שיינדל אויף איר מאַמעס קבר אָנגעטראָגן שטיינער, — געשטעלט אַ מצבה. און די נעכט זײַנען דעמאָלטן אין לבנה־ליכט געשטאַנען, און די זאַמדן האָבן געבלאַנקעט פון ווײַסקייט, און שיינדל איז גאַנצע נעכט בײַם פענצטער געזעסן, אויפן בערגל שטיינער געקוקט און געהערט דער מאַמעס לעבעדיק קול, איר לעצטע שאלה:

— וועל איך שוין טאַקע, טאָכטער מײַנע, אויסגיין דאָ אין די זאַמדן און שוין קיין מאָל ניט זײַן דאָרטן, אין מײַן שטוב, וווּ אויפן וואַנט איז געבליבן הענגען די קאַרטע פון דײַן טאַטן... ער איז געשטאָרבן ווען דיר איז נאָך קיין אָנדערהאַלבן יאָר ניט געווען... וועל איך שוין טאַקע קיין מאָל ניט זײַן דאָרטן אין מײַן שטוב, ניט זיצן פאַרנאַכט אויפן גאַנעק און ניט הערן מער ווי ס'גייט אַדורך די באַן און ווי ס'פּײַפט דער פּאַראָוואָז?... אוי, טאָכטער, ווי איך וואָלט וועלן כאָטש נאָך איין מאָל אין מײַן לעבן הערן דעם פּײַף פון אַ פּאַראָוואָז, הערן דעם גרוס פון דער ווײַטער וועלט... — און שפּעטער מיט יאָרן, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט מען איבער דעם קאַראַקומער מידבר אַן אײַזנבאַן־וועג דורכגעלייגט און די רעלסן זײַנען אַדורך איבער יענעם צווינטערל און גראָד איבער דעם איינציק פאַרבליבענעם דאָרטן קבר פון שרה בת נחום... און צוויי מאָל אין מעת־לעת גייען איבער

אירע ביינער באַנען און לאַקאָמאָטיוון פּײַפן, — ברענגען איר גרוסן פון דער ווײַטער וועלט... „גורל! גורל! גורל! אלישע, אַפילו אַ מת האָט זײַן גורל!״

און שיינדל האָט דעמאָלטן איר לעבן ביַים צווינטערל, — דער מאַמעס קול אין יענע נעכט פון דער גרויסער לבנה־ליכט, די בלענדיקע זאַמד־ווײַסקייטן אויפן בערגל שטיינער פון איר מאַמעס קבר, ניט געקאָנט אויס־האַלטן, גענומען די צוויי קינדער אירע, — אויך זיי האָט מען געמוזט פון אומקום אַרויספירן, און געלאָזט זיך מיט זיי אויף גאָטס באַראָט אין ווײַטן וועג אַרײַן, דורך אַלע סכנות, צו דעם נאַרוואָס פון די דײַטשן באַפרײַטן קיִעוו.

אָבער אַהין, קיין קיִעוו, האָט מען שיינדלען מיט די קינדער ניט אַרײַנגעלאָזט. איז זי געפאָרן מיט די קינדער ווײַטער, צו איר היימשטאָט, קיין בעלאָצערקווע, אפשר שטייט נאָך דאָרטן איר מאַמעס שטוב, אפשר וועט זי דאָרטן האָבן פאַר אירע קינדער דעם דאַך איבערן קאָפּ? — האָט זי די שטוב געטראָפן שטיין, אָבער ס׳האָבן אין איר געלעבט אַנדערע... אַן אוקראַיִנישער קינסטלער מיט זײַן ווײַב און צוויי קינדער. אין שטוב האָט זי אויך איר מאַמעס מעבל געטראָפן, און אויפן פריִערדיקן אָרט, נאָר אַלץ איז שוין מיט אויסגענייטע האַנטעכער באַדעקט און פאַרשפּרייט געווען... און אין דעם גרויסן צימער מאָלט דער קינסטלער אַ לײַוונט, ווו באָגדאַן כמעלניצקי טרעט אַרויס מיט אַ רעדע פאַר זײַנע קאָזאַקן... האָט שיינדל פון אָרט זיך ניט געקאָנט רירן, אויפן שוועל געבליבן מיט די קינדער שטיין, און נאָר געפרעגט:

— קאָנט איר מיר אָפּגעבן דעם פּאָרטרעט וואָס איז אויף יענער וואַנט געהאָנגען? ס׳איז מײַן פאָטער.

— ניין, זיי ווייסן ניט ווּהין ער איז אַהינגעקומען.

האָט שיינדל גענומען די קינדער פאַר די הענטלעך און איז מיט זיי אַוועק זוכן ערגעץ אַ נאַכטלעג... און אין איר געבוירנאָרט בײַם שטיל־פליסנדיקן טײַך ראָס, אין דער אַמאָל קאָכיק־טומלדיקער יידישער שטאָט, וואָס פרומע ייִדן, ניט וועלנדיק ברענגען פאַרן מויל דעם נאָמען בעלאַיאַ צערקאָוו — ווײַסער קלויסטער, האָבן זי גערופן „שוואַרץ טומאה״, און שלום עליכם האָט זי פאַראייביקט אונטערן נאָמען „מאַזעפּאָווקע״... דאָרטן, אין איר היימשטאָט, ניט געפינענדיק קיין איין ייִדן, שוין בײַם צופאַלן פון דער

נאַכט, האָט שיינדל פאַר זיך מיט די קינדער אַ נאַכטלעג געפונען אויפן פּאָל אין דעם אײַנפאָרהויז, וואָס אַנטקעגן דעם „ברום", די קײַלעכדיקע פעסטונג, וואָס איז נאָך מיט יאָרהונדערטער צוריק פון שטיין געמויערט געוואָרן. אַהין, ווי נאָר די דײַטשן זײַנען אַרײַן, האָבן זיי אַלע ייִדן פאַרטריבן, און זיי דאָרטן אומגעבראַכט. און טאַקע דאָרטן, אין דעם „ברום", אין די טיפע קעלערן, זײַנען טויזנטער ייִדן, — טאַטעס און מאַמעס מיט זייערע זייג־קינדער ביי די ברוסטן, שוועסטער און ברידער, זיידעס און באָבעס מיט זייערע אייניקלעך אויף די הענט, אין איין טאָג באַגראָבן געוואָרן... דאָרטן, אַנטקעגן יענעם „ברום", אינעם אײַנפאָרהויז, נאָכן איבערליגן די נאַכט מיט אָפענע אויגן אויפן דיל, האָט שיינדל איבערגעלאָזט די קינדער אירע מיט אַ שטיקל ברויט און מיט צוויי גלעזער שוואַרצע יאָדערן, — זיי זאָלן האָבן מיט וואָס פאַרטרייבן די נאָגעניש אונטערן לעפעלע, און אַליין אַוועקגעפאָרן נאָך אַ מאָל, זיך שלאָגן און דערשלאָגן, אַז מ'זאָל זי, דעם ייִדישן שרײַבערס ווײַב און זייערע צוויי קינדער אַרײַנלאָזן קיין קיִעוו און זיי דאָרטן צושרײַבן.

און דאָס איינציקע אָרט צו וועמען זי קאָן זיך, שיינדל, קערן און ווענדן, בײַ וועמען זי קאָן פאָרט מאָנען און פאָדערן, איז דאָך דער שרײַבער פאַרבאַנד, ווו ער, אלישע דער „מיטלויפער" איז אַ מיטגליד געווען, — דער שרײַבער־פאַרבאַנד איז אויפגעקומען, לויט סטאַלינס אָנווײַזונג, אויפן אָרט פון די פּראָלעטאַרישע אַסאָציִאַציעס, די „ראַפּפּן" און „מאַפּפּן" און „וווּספּן", ווּהין די „מיטלויפערס" האָבן קיין פוס ניט געטאָרט אַרײַנשטעלן, סײַדן די, וואָס האָבן געשטאַמט פון „אַרבעטורערס" און זײַנען, נעבעך, פאַרפירט און געשטרויכלט געוואָרן... אַזעלכע פאַרבלאָנדזשעטע, אויב זיי האָבן זיך געבעטן, צוגעזאָגט גוט און פרום זײַן, ווי דער טאַטע פון די פעלקער און זײַנע גוטע לײַט הייסן, אַזעלכע האָט מען פריִער אין זיבן וואַסערן געוואַשן, אויפן מאַרקסיסטישן ווײַרעכפאַן געהאַלטן און מיט דעם שמן־זית אויסגעשמירט, און דערנאָך אין דעם צעך זיי אַרײַנגענומען... אָדער אַזוינע, וואָס האָבן טאַקע געטראָגן אויף זיך „שווערע זינד", געווען געכאַפּט אין דער מעשה, אײַנגעטונקען געווען אין „נאַציִאָנאַליסטישער טומאה", געלאָפן אין די ערשטע יאָרן פון דער ראַטנמאַכט קיין אויסלאַנד... אָבער שפּעטער זיך אומגעקערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, געוואָרן אַ ניכנע, אײַנגענומען אַלע לעפל ריצנאייל, אַליין, אָנגעטאָן אויפן מויל די צוים, זיך געלייגט מיטן

פּנים אין שטויב אַרײַן און געשלאָגן זיך בפרהסיא, בפני קהל ועדה, על־חטא, און דער עיקר גלײַך געוואָרן אַ מיזמור לסטאַלין־זאָגער און זינגער... אויך אַזעלכע האָט מען אַהין, אין יענעם צעך פון די „פּראָלעטאַרישע שרײַבער" אַרײַנגענומען אין קאַראַהאַד, און זיי, אָט די בעלי־תשובות, די כורעים־פּאַלערס, די הענדלער מיט הייליקייטן, האָבן דאָרטן שפּעטער אפילו געשפּילט די ערשטע פידל... זײַנען דאָך אָבער אין לאַנד געווען אויך יענע „מיטלויפערס", און אין אַ גאַר היפּשער צאָל, וואָס האָבן ניט געוואָלט אין כאָמוט אַרײַן, און אויך ניט געלאָזט דעם יאָך אויף זיך אָנטאָן, — און זיי גייען דאָך נאָך אויף דער פרײַ אַרום... און די השגחה איבער זיי איז געווען ניט קיין גרינגע: צעוואָרפן און צעשאָטן און פאַרשטעקט אין די ווינקלען, — און גיי ווייס וואָס זיי טוען און וואָס זיי שרײַבן דאָרטן ווײַט פונעם ניט דרימלענדיקן אויג... האָט מען אויפגעשטעלט אויפן אָרט פון די „ראַפּפּן" און „מאַפּפּן" און „וווספּפּן", דעם איינציקן פאַרבאַנד פון סאָוועטישע שרײַבער, און אַרײַנגעקנאָטן אַהין אויך די „מיטלויפערס", — אַהין וועלן זיי שוין מוזן קומען און מ׳וועט זיי שוין האָבן דאָרטן איטלעכן פאַר די אויגן.

און אָט אַהין, נאָכן איבערלאָזן די קינדער מיטן שטיקל ברויט און מיט די צוויי גלעזער שוואַרצע יאַדערן אין דעם אײַנפאָרהויז, וואָס אַנטקעגן דעם „ברום", אָט אַהין, אין יענעם שרײַבער־פאַרבאַנד, ווו אלישע דער „מיט־לויפער" איז געווען אַ מיטגליד, אַהין איז זי געגאַנגען, שיינדל, זוכן הילף און אָנשפּאַר און פּיקוח־נפש... דאָרטן, אין יענע טעג, נאָכן באַפרײַען קיִעוו פון די דײַטשן, האָט מיטן שרײַבער־פאַרבאַנד אָנגעפירט דער כאָווער זאָלאָטאָוורכי, דער געוועזענער פאַרוואַלטער פון דעם אַגיטאַציע־און פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל בײַם צענטראַל קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אוקראַיִנע, ווו ניקיטאַ כרושטשאָוו איז געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר... דאָרטן, נאָך שעהען וואַרטן, האָט מען זי ענדלעך אַרײַנגעלאָזט אין דעם גרויסאַרטיקן קאַבינעט פונעם געוועזענעם דײַטשישן קאָנסול, ווו איצט איז בײַם גרויסן מיט רויט־געדעקטן טיש געזעסן דער וווקסיק־שוואַרצער זאָלאָטאָווערכי און געבלעטערט דעם ספר הזכרונות פון דעם שרײַבער אלישען, — און די פּאַפּקע מיט די פּאַפּירן איז געווען אַ היפּש אָנגעשוואָלענע... ער בעט זי ניט זיך זעצן. הייבט ניט אויף אפילו אויף איר די אויגן. אויף שיינדלען קוקן נאָר די צוויי, פון די פּאָרטרעטן אויף דער גאַנצער וואַנט, לענין און סטאַלין... דורכגעבלעטערט דעם ספר הזכרונות

וועגן אלישען, זיך פאַרהאַלטן לענגער נאָר אויף די לעצטע זײַטלעך, אויף די אויספירן... שטעלט ער זיך פּלוצעם אויף, זאָלאָטאָווערכי, ווי צוויסן געגעבן, אַז דער געשפּרעך דאַרף זײַן אַ קורצער, און פרעגט בײַ איר, בײַ שיינדלען:

— ווער האָט אײַך אַהער גערופן?

— ווער האָט מיך אַהער גערופן? — לאָזט זי אים אַזוי שטיין אָנ־געשפּאַרט מיט ביידע הענט אין טיש, און אַליין, ניט געבעטענערהייט, זעצט זי זיך אויפן ווייכן טונקל־רויטן פּליושענעם שטול, — ווער האָט מיך אַהער גערופן, פרעגט איך מיר, כאַווער זאָלאָטאָווערכי? מיך האָט אַהער גערופן דער באַבי־יאַר, ווו ס'ליגן מײַנע נאָענטסטע און טײַערסטע... מיך האָט אַהער גערופן די פאַרבלוטיקטע ערד...

שלאָגט ער איר איבער:

— פאַרט קײַן טשערנאָוויצע! מיר וועלן אײַך העלפן דאָרטן...

— אויב איר וועט מיר דערוויַיזן, — שלאָגט אים דאָ שיינדל אויך איבער און טוט זיך אַ הייב פונעם שטול. — אויב איר וועט מיר דערוויַיזן און מיך איבערצײַגן, — שפּאַרט זי זיך אויך אָן מיט ביידע הענט אין טיש און בלײַבט אַזוי שטיין אַנטקעגן אים, פּנים אל פּנים, — אויב איר, כאַווער זאָלאָטאָווערכי, וועט מיר דערווײַזן, אַז איך האָב ניט די רעכט זיך אומצוקערן קײַן קיִעוו, צו זיך אַהיים, פון וואַנען די נאַציסטן האָבן מיך אַרויס־געטריבן, אויב איר וועט מיך איבערצײַגן, אַז די פרוי פונעם יידישן שרײַבער, וואָס געפינט זיך אויפן פראָנט, אַן אָפיצער פון דער סאָוועטישער אַרמיי... אויב איר וועט מיר דערווײַזן, אַז זײַן פרוי מיט זײַנע קינדער, וואָס וואָלגערן זיך איצט אויף דער ערד אין בעלאָצערקאָוו... שלאָגט מיך ניט איבער, כאַווער זאָלאָטאָווערכי! אויב איר וועט מיך איבערצייגן, אַז די פרוי מיט די קינדער פון דעם סאָוועטישן שרײַבער טאָרן דאָ, אין קיִעוו, ביים באַבי־יאַר, ווו די ערד איז נאָך רויט פון יידיש בלוט... איך בעט אײַך, שלאָגט מיר ניט איבער! אויב איר וועט מיך איבערצײַגן, אַז אויך נאָך די נאַציסטן, טאָר איך דאָ מיט מײַנע קינדער אין קיִעוו ניט לעבן, ווו מיר האָבן געלעבט ביז דער מלחמה, אויב איר וועט מיך אין דעם איבערצײַגן, וועל איך מער אַהער צו אײַך ניט קומען. אָבער איר וועט מיך, כאַווער זאָלאָטאָווערכי, קיין מאָל אין דעם ניט קאָנען איבערצײַגן!

— איך קלײַב זיך אײַך אין גאָרניט ניט איבערצײַגן... נאָר אין קיִעוו וועט מען אײַך ניט צושרייבן!

— איר וועט מיך יאָ צושרייבן!

און שיינדל, ווי תּמיד, ווען זי ווערט פֿאַר גרויסע נסיונות אַוועק־געשטעלט, נעמט זי צונויף אירע אַלע כוחות, לאָזט זיך ניט אײַנברעכן, אין ייִאוש ארײַנפֿאַלן, גיט זיך ניט אונטער און טרעט ניט אָפּ, גייט אַרײַן אין גערעדנגל קעגן אומרעכט און אַכזריות... זי, נאָך דער באַגעגעניש מיט זאַלאָטאָווערכין, נאָכן געשפּרעך מיט אָט דעם שונא־ישׂראל, איז אַוועק העכער, צו דעם דעמאָלטיקן פֿאָרזיצער פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד, צום אַמאָליקן „מיטלויפֿער", צום דיכטער מאַקסים רילסקי, וואָס איז קראַנק געווען און געלעגן צו בעט. און ער האָט זי אויפֿגענומען. און הערנדיק אין אַוועלכן מצב זי און די קינדער געפֿינען זיך, דער עיקר אירע רייד, אַז זי איז געקומען ניט רחמים בעטן, זי וויל נאָר וויסן, פֿאַרוואָס וויל מען גראָד זי, די פֿרוי פֿונעם ייִדישן שרײַבער, ניט צושרײַבן דאָ, אין דער שטאָט, ווו זי האָט געלעבט פֿאַר דער מלחמה?... — האָט ער, דער דיכטער, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, תּיכּף אַ בריוול צו זאַלאָטאָווערכין אָנגעשריבן, אַז מ׳זאָל זי, שיינדלען אַרײַנשטעלן אין די צעטלען, וואָס דאַרפֿן דערלאַנגט ווערן צום שטאָטראָט אויף צוגעשריבן ווערן אין קיִעוו. און אויב דאָס וועט ניט געטאָן ווערן, אויב מ׳וועט זי, די פֿרוי פֿונעם ייִדישן שרײַבער, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן פֿראָנט, אין די צעטלען ניט אַרײַנשרײַבן, וועט ער, מאַקסים רילסקי, דער פֿאָרזיצער פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד, די צעטלען בּיכלל ניט אונטערשרײַבן.

איז זי געלאָפֿן, שיינדל, מיט רילסקיס בריוול צוריק אַהין, צו דעם זאַלאָטאָווערכי, און דאָרטן ווידער געוואַרט הינטער דער טיר ביז מ׳האָט זי צו יענעם אין קאַבינעט אַרײַנגעלאָזט... האָט יענער, איבערלייענענדיק רילסקיס בריוול, אַליין, מיט זײַן אייגענער האַנט, פֿאַר אירע אויגן, אַפֿילו מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, שיינדלען אין די צעטלען אַרײַנגעשריבן... דערנאָך אָבער, אַז רילסקי האָט די צעטלען אונטערגעחתמעט, דעמאָלטן, טאַקע באַלד נאָך דעם, האָט ער, זאַלאָטאָווערכי, שיינדלס נאָמען פֿון יענע צעטלען אויסגעמעקט. און דאָס האָט זיך איבערגעחזרט צוויי מאָל, און דרײַ מאָל... און זאַלאָטאָווערכי, שוין מיט אַ פֿלאַם־פֿײַערדיקן פּנים, האָט אויף שיינדלען געשריִען:

— איר פֿאַרגוואַלדיקט דעם גרויסן אוקראַיִנישן קראַנקן דיכטער!

— ניט איך, — האָט אים שיינדל אויף דעם גענטפֿערט. — נאָר איר, איר פֿאַרגוואַלדיקט דעם דיכטער... זײַן געוויסן!

און דאָך, ערשט שפּעטער, ערשט דעמאָלטן, אַז מאַקסים רילסקי האָט געמאָלדן: אויב שיינדלס נאָמען וועט נאָך איין מאָל אויסגעמעקט ווערן פֿון די צעטלען, ווערט ער אויס פֿאָרזיצער פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד... ערשט דעמאָלטן, האָט מען זי, שיינדלען, צוגעשריבן אין קיִעוו. די דירה, אין וועלכער זי האָט געוווינט ביז דער מלחמה, האָט מען איר אָבער ניט אומגעקערט. און נאָך גרויסע מאַטערנישן, נאָכן אָפּקלאַפּן אַלע שוועלן, האָט מען איר מיט די קינדער געגעבן דאָס צימערל אויף גאָרקי־גאַס, אין דעם צווייגאָרנדיקן האַלב־צעפֿוילטן הילצערנעם הײַזל, צווישן די זעקס פּרימוסן, וואָס שלאָגן מיט טשאַד־רויכן און רוישן פֿון קאַיאָר ביז אין דער האַלבער נאַכט אַרײַן; און ווען ס׳ווערט שוין שטיל, די פּרימוסן ווערן אַנטשוויגן, די טירן הערן אויף צו קלאַפּן, מ׳וואָלט שוין געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן, ערשט דעמאָלטן קומט ער ניט, דער שלאָף, ווײַל מ׳ווייסט ניט צי דער שכן פֿון אַנטקעגנאיבערדיקער טיר, דער שאָפֿער, דער געוועזענער מאַטראָס פֿון באַלטישן ים, איוואַן איוואַנאָוויטש, וועט זיך אומקערן אַהיים און אַרײַנוואַרפֿן פֿאַר שיינדלען מיט די קינדער אַ זעקל קוילן, — ס׳זאָל זיין מיט וואָס דאָס הרובקעלע אויסהייצן, אָדער ער וועט קומען אַ שיכּורער, נעמען גיסן פֿונעם קאָניסטער בענזין אויפֿן פּאָל, זוכן שוועבלעך אויף אונטערצינדן די שטוב... דעמאָלטן לויפֿן זיי אַרויס פֿון זייערע געלעגערס, די קינדער, אין די איינע העמדלעך, באָרוועסע, אין קאַלטן קאָרידאָר אַרײַן, ווו ס׳ליגט דער פֿאַרהאַר־טעוועטער שניי, און פֿאַלן צו מיט געוויין און געבעט צו איוואַן איוואַנאָוויטשעס הענט:

— דידיאַ וואַניאַ, פֿאַרברען אונדז ניט!

## ט

פאַרשלאָסן מיט אַלע באַוואָרענישן דאָס שטעלכל, ווו צווישן די פלאַכטעס האַלץ ליגן באַהאַלטן די פאַרבאָטענע, די טריף־פסולע ביכער, דער עיקר די געשיכטע פון יידישן פאָלק און דאָס טונקל־ברוין תנ"כל אויפן דינינקן פאַפיר, וואָס איז נאָך אין פאַריקן יאָרהונדערט געדרוקט געוואָרן; זיינע אייגענע כתב־ידן, דעם געדיכט־פאַרשריבענעם העפט מיט לידער, וואָס ער, אלישע, האָט דאָרטן, אין אַרמיי, פאַרן אָנקומען אויף דער פייער־ליניע, געשריבן און זיי שיינדלען אָפּגעשיקט, און אויך די צוויי נאָך ניט געדרוקטע טיילן פון זיין ראָמאַן וועגן די פּאַלעסיער וואַלד־יידן, אָט די כתב־ידן האָט שיינדל נאָך פריער ביי אַ גוטן פריינד, ערגעץ אויף דער צענטער גאַס, אין אַ פינצטערן קעמערל, צווישן אַלטוואַרג פאַרשטעקט... — פאַרשלאָסן דאָס שטעלכל, מיטן בינטל אָנגעהאַקטן האָלץ, פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, מיט דער האַק און זעגל אין רימען פאַררוקט, מיטן עמער קוילן אין דער צווייטער האַנט, גייט ער, אלישע, וואָס האָט נאָך דער מלחמה זיך מיט אַלע כוחות געריסן אַהיים, געוואָלט וואָס גיכער צום שרייבטיש זיך זעצן און אויסשרייען פאַר דער וועלט זיין צער און צאָרן... און דאָס האָט ער געפילט קאָן געטאָן ווערן נאָר דאָרטן, ביים באַבי־יאַר. נאָר פון דאָרטן, פון יענעם טאָל מיטן הייסן אַש פון די הונדערט מיט צען טויזנט דערהרגעטע און פאַרברענטע יידן, נאָר פון דאָרטן, פונעם באַבי־יאַר, דאַרף גיין זיין געשריי... ער גייט, אלישע, מיטן בינטל האָלץ אויף די פּלייצעס, מיט דער האַק און זעגל אין רימען פאַררוקט, מיטן עמער קוילן אין דער צווייטער האַנט, איבערן טיף־אָנגעשנייטן הויף, אונטער די הימלען, וואָס זאָגן אָן אויף אַן ערב־פרילינגדיקער זאַווייע, צו יענעם צימערל, צווישן די צוועלף שכנים, אייַנהייצן דאָרטן דאָס הרובקעלע, וואָס שיינדל האָט מיט אירע הענט, כמעט אַליין, ביים באַקומען דעם לעכערדיקן דאָך איבערן קאָפּ, פון די חורבות־צונויפגעקליבענע ציגל צונויפגעלייגט, — מ'זאָל האָבן אויף

וואָס אָפּצוקאָכן פאַר די קינדער דעם קרופּניק און ס׳זאָל אַ קאַפּל וואַרעמקייט צווישן די פיר נאַקעטע ווענט אַרייַן.

בייַם אויפהייבן זיך איבער די הילצערנע זיך־שאָקלענדיקע טרעפּ אויפן צווייטן גאָרן, פּלאַצט דאָס שטריקל און די שייַטלעך האָלץ צעשיטן זיך... אויך ניט קיין גוטער סימן! דערצו נאָך הערט ער, אלישע, ווי פון דעם פּאָדער־קאָרידאָרל, ווו מצינדט בייַ די ווענט, איטלעכער אויף זייַן בענקל, די פּרימוסן, ווי די שכנה פון רעכטס, זאַיאַ קוזמיניטשנע, וואָס באַרימט זיך נאָך ביז הייַנט מיט גדלות פאַר אַלעמען, אַז דער מאַן אירער, דער זייגערמאַכער, וואָס גיט איר, מיט גאָטס הילף, אַזאַ שיין לעבן... האָט זיך אַמאָל, נאָך פאַר דער רעוואָליוציע, פאַרליבט אין איר פונעם ערשטן קוק און ער איז פון איר שיינקייט אויפן אָרט געפּלעפּט געוואָרן, און ער האָט זי פון דעם שאַנדהייַזל אויף מאָלדאַוואַנקע אַרויסגענומען און זי געבראַכט אַהער, קיין קיִעוו... זי, זאַיאַ קוזמיניטשנע, זאָגט מיט אַ מאָל צו די אַרום שטייענדיקע, וואָס צינדן די פּרימוסן, צו יענע, וואָס האָבן דאָ אין שטוב פריִער ניט געוווינט, נאָר אַרייַנגעקליבן זיך אין די נעכט אַהער, אין די דירות מיטן מעבל און זאַכן פון די ייִדן, וואָס זיינען אין באַבי־יאַר אומגעבראַכט געוואָרן... אָט צו זיי זאָגט זי, זאַיאַ קוזמיניטשנע:

— איר ווייסט? מ׳האָט אים שוין פון די שרייַבער אַרויסגעוואָרפן!

ווייסן זיי, הייסט עס, שוין אויך וועגן דעם... און דאָס ווערט געזאָגט אַזוי אָפן, גלייַך אין פּנים אַרייַן און מיט אַזאַ קול ווי פון וועגן איינעם, וואָס דערלעבט שוין זייַנע לעצטע שעהען... און ווי נאָר אין צימערל אַרייַן, געוואָרפן אַ בליק אין פענצטער, אַהין, צו דעם קאַשטאַנען־בוים און טאַקע, ווי דערפילט און דערוואַרט, דערזען דאָרטן ווידער, אונטער די פריִרטוויִקע צווייַגן, יענעם... אָבער שוין ניט אַליין, שוין מיט נאָך איינעם! נעמט ער זיך, אלישע, אַײַנהייצן די הרובקעלע, וואָס שטייט כּמעט בייַ דער טיר און פאַרשטעלט דעם אַרייַנגאַנג; ער דאַרף דאָך נאָך עפּעס־וואָס אַרויפוואַרפן אויפן פייַער פון יענע כּתב־ידן וואָס מ׳האָט דאָ אומישנע איבערגעלאָזט, אויב ס׳וועט דאָ גאָרניט ניט פאַרבלייַבן, וועט עס דאָך גלייך בייַ די גרויע מאַקינטאָשן אַ חשד אַרויסרופן און זיי וועלן אים דאָרטן נעמען אויסדרייען די הענט: „זאָג וווהין האָסטו אַהינגעטאָן דייַנע פּאַפּירן?“... און צווישן יענע, די פאַרבליבענע כּתב־ידן, האָט דאָך אלישע, בייַם נאָך אַ מאָל איבערקוקן און איבערנישטערן, טאַקע געפונען דעם אָנהייב פון יענעם

ראָמאַן זײַנעם „שקיעה", ווו דער ייִד גייט אין דער זאַווייע־נאַכט און הערט ווי פון דער וואַלד־טיפעניש שרײַט מען:

— געשטאָרבן דער גרויסער יושר!

— געשטאָרבן דער גרויסער יושר!

ווערט דעם דערפרוירענעם ייִדן הייס און ס'באַפאַלט אים אַ קדחות: וועט שוין די וועלט אַרײַן אין דער טומאה, פאַרזונקען ווערן אין זינד, וועט שוין די וועלט ווערן סדום ועמורה?... — און אויך האָט ער דאָרטן, אין די פאַרבליבענע פאַפּירן, צווישן די בלעטלעך פון זײַן שוין געדרוקטן בוך וועגן דאָרף אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע, געפונען יענע ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט שורות:

אויפן פאַרטאָגיקן מעסער וועט ניט אויפגיין די זון,
אויפן בײַנאַכטיקן בלוט וועט ניט אויפגיין דער קאָרן!...

און וויבאַלד יענער האָט זיך אַזוי אָפּן, און שוין ניט אַליין, אומגעקערט צוריק אַהער, אונטערן בוים, אויף צו האַלטן און אויף ניט אַרויסצולאָזן אים, אלישען, פון אויג, דאַרף ער דאָך וואָס גיכער יענע שורות אויפן פײַער ארויפוואַרפן, ווײַל זײַנע שעהען זיינען שוין באמת געציילטע... ארויפגעוואָרפן די פערלדיק־פאַרשריבענע זײַטלעך אויפן פײַער, קוקט ער צו, אלישע, ווי זיי ווערן אַרומגעכאַפּט מיט פלאַם און טראַכט מיט טרויער. קאָן ער אויך זאָגן, אַז דער פּאַפּיר וועט פאַרברענט ווערן און די אותיות וועלן אַרויספליִען לעבעדיקע?... — די פאַרברענטע בייגעלעך פּאַפּיר, וואָס שוואַרצן זיך אויפן פײַער, צעקלאַפּט ער, אלישע, און צעררײַבט זיי אויף אַש... דערנאָך, אַז פון יענער „שקיעה", אַז פון יענעם „פאַרטאָגיקן מעסער", אַז פון יענע נעכט בײַם שרײַבטיש, פאַרבלײַבט שוין קיין שום סימן ניט, דעמאָלטן שליסט ער אײַן די ראַדיאָ, — ניט צו הערן די רייד פון די שכנים, וואָס ווערן דאָרטן, אין קאָרידאָרל, געפירט וועגן אים אויפן קול:

— וואָס פאַר אַ שרײַבער איז ער? — פרעגט דאָרטן הינטער זײַן טיר, יענע, די זאָיאַ קוזמיניטשנע. — אויך מיר אַ שרײַבער... אָט זעט איר, אַלעקסאַנדער קאָרניטשוק, אָט דאָס איז אַ שרײַבער! פאַר זײַנע פּיעסן וועגן די קאָלכאָזן האָט ער שוין צוויי מאָל באַקומען די סטאַלין־פּרעמיע, באַקומען צוויי לענין־אָרדענס. ער איז אַ דעפּוטאַט אין אַלע אויבערראַטן...

ער האָט דאָ אין מיטן דער שטאָט אַן אָפּגעזונדערטע ווילע און דאָרטן, אין דאָרף פּלוטי, בײַם סאַמע דניעפּער, האָט ער זיך אויסגעבויט פאַר צוויי מיליאָן רובל אַ שטיינערנע דאַטשע... דאָרטן איז תמיד אַ פולע שטוב מיט שרײַבער, מיט אַרטיסטן, מיט באַלערינעס, מ׳זינגט, מ׳טאַנצט, מ׳טרינקט, מ׳לעבט!... קאָרניטשוק האָט צוויי אייגענע אַוטאָמאָבילן „זיס״, און אויך האָט ער זײַן אייגענע שיף מיט קאַיוטעס, וואָס מ׳קאָן מיט איר פאָרן פון זײַן שוועל ביז צו אָדעס... אָט דאָס הייסט אַ שרײַבער! און דער־אָ, דער שכן אונדזערער?... טפו־פו!

אָבער די רייד וואָס גייען פון דער ראַדיאָ שלאָגן אים, אלישען, נאָך שטאַרקער און פאַלן ווי אָנגעגליטע שטיינער אויף זײַן אָנגעווייטיקטער נשמה: שוין ווידער, און אָבער אַ מאָל, זאָגט מען אים דאָ, בײַ אים אין צימערל, בײַ די נאָרוואַס פאַרברענטע כתב־ידן, אַז דאָס סאָוועטישע לעבן ווערט פון טאָג צו טאָג פריילעכער... לעבן איז געוואָרן בעסער, לעבן איז געוואָרן פריילעכער!... אַז דאָס לעבן פון דעם סאָוועטישן מענטשן ווערט פון טאָג צו טאָג שענער, פרײַער, ליכטיקער... אַז די שײַן פונעם גרויסן סטאַלין הייבט זיך און שפּרייט זיך אַלץ ברייטער און העכער! אַז ער, דער גרויסער פירער פון די פעלקער איז „דער פרימאָרגן פון אונדזער לאַנד״... אַז אונטער זײַן, סטאַלינס, פירערשאַפט שטאַרקט און פעסטיקט זיך די פרײַנדשאַפט צווישן די סאָוועטישע פעלקער און אַז זייערע קולטורן, נאַציאָנאַלע לויט דער פאָרמע און סאָציאַליסטישע לויטן אינהאַלט, בליִען זיך מיט יעדן טאָג פונאַנדער פאַרביקער... אַז ער, דער פאָטער פון די פעלקער... — און דאָס ווערט געזאָגט אים, אלישען, דעם לעצטן יידישן שרײַבער, וואָס וואַרט יעדער רגע אויפן אַרעסט; און דאָס ווערט געזאָגט בײַ אים אין שטוב, און גלײַך אין די אויגן אַרײַן... שליסט ער מיט כּעס אויס די ראַדיאָ און ווי אַלע טאָג, דערהערנדיק אָט די רייד, פאַלט ער, אלישע, פון אומבאַהאָלפענעם צאָרן, אויף די קני, הייבט אויף די הענט און די אויגן צום הימל:

— רבונו של עולם, — בעט ער, — רבונו של עולם, נעם אים צו... ווען וועסטו אים שוין צונעמען דעם פאָטער פון די פעלקער? ווען, רבונו של עולם, ווען וועל איך שוין בלײַבן נאָך אים אַ יתום?

און דאָ, שטייענדיק אַזוי אויף די קני אינעם ווינקל, מיטן פּנים צו דער וואַנט, מיט די אויפגעהויבענע הענט און אויגן צו די הימלען און

בעטנדיק בײַ דעם וואָס לעבט אײביק, אַז ער זאָל צונעמען פון דער ערד דעם פאָטער פון די פעלקער... דאָ דערהערט ער פלוצלינג, אלישע, הינטער זײַנע פּלײצעס אַ הוסטעלע פון אײנעם, וואָס גיט וועגן זיך צוּוויסן... פונעם הוסטעלע פאַלן אים, אלישען, מיטאַמאָל די הענט אַראָפּ, איבערן לײַב לויפט אים דורך עפּעס אַ משונהדיקער ציטער פון פרייד און שרעק, און ער דרייט אויס דעם קאָפּ צו דער טיר: דאָרטן, בײַ דעם הרובקעלע, די הענט איבערן פײַער, שטייט דער אַרײַנגעקומענער. אלישע דערקענט גלײַך זײַן אַמאָליקן גמרא־מלמד, שמואל־יאָסלען, „די שוואַרצע יאָרן״, יענע פײַערדיקע באָרד איז אים נאָך אַלץ ניט אויסגעלאָשן געוואָרן, די אויגן נאָך אַלץ גרוי־פּאַרטאָגיקע, נאָך אַלץ אונטער געדיכט־צעשויבערטע סטירטעלעך ברעמען, קוים צו דערקלײַבן זיך צו זיי.

און אלישע, פון פאַרלאָרנקייט, בלײַבט אויף די קני שטיין, קאָן זיך ניט גלייבן, אים דאַכט זיך, אַז ער זעט ווידער אַ חלום... נעכטן, אויך אין דער צײַט, אין דער פרי, זיצנדיק אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף בײדע הענט, צוגעהערט זיך ווי די קראָ־געשרייען ווערן שוין ווייכער, שטילער, ווי אין די ערב־פרילינגן, און אויך אין דעם צוויטשער פון די וואָראָבעלעך הערט זיך שוין דער אָנקום פון ווּעסנע... דאָ, אָנגעשפּאַרט אַזוי דעם קאָפּ אויף בײדע הענט, דערזעט ער פאַר זיך זײַן טאַטן, דעם לעבעדיקן טאַטן, אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע, אין די גרויסע שוואַרצע אויגן ניטאָ קיין ברעקל טרויער, פאַרקערט, עפּעס אַ פרײלעכקייט שפּילט און יורדט אין זיי.

— טאַטע, — זאָגט צו אים אלישע. — טאַטע, פון וואָס איז אויף דיר אָנגעפאַלן די פרײלעכקייט? פאַרוואָס האָסטו זיך אין מיטן אָט דער שוואַרצער וואָך אויסגעיומטובט?... טאַטע, מיר איז פינצטער אין די אויגן, פון טרויער ברעכן זיך מיר אונטער די פיס. טאַטע, מ׳עצהט מיר אַוועקפאָרן, זיך אויסבאַהאַלטן. איך ווייס ניט וואָס צו טאָן... זאָל איך אַנטלויפן, ערגעץ אַוועקפאָרן... אפשר וועל איך זיך ראַטעווען פון זייערע נעגל?

— מײַן קינד, — זאָגט צו מיר מײַן טאַטע, און לייגט אַרויף בײדע הענט אויף אלישעס קאָפּ ווי בײַם בענטשן אים קלײנערהייט ערב יום־כּיפּור פאַרן גיין אין קלויז אַרײַן. — מײַן קינד, גאָט איז אומעטום!... — און ווען אלישע הייבט אויף דעם קאָפּ און וויל אים, דעם טאַטן, נאָך עפּעס־וואָס פרעגן, איז ער שוין, אָבער, דער טאַטע, ניט געווען.

און אלישע קאָן זיך פון אומגעריכט און פֿאַרלאָרנקייט אויף די פיס ניט אויפשטעלן, ווייסט נאָך אַלץ ניט, צי די „שוואַרצע יאָרן" מיט דער רויטער באָרד, שמואל־יאָסל, וואָס שטייט דאָרטן ביי דער טיר מיט אויסגעצויגענע הענט איבערן פייער, חלומט זיך אים דאָ אויך?... אָבער פון דעם משונהדיקן ציטער פון פרייד און שרעק, וואָס גייט אים, אלישען איבערן לייב, ווייסט ער שוין אויף זיכער, אַז זיין אַמאָליקער גמרא־מלמד איז ניט קיין חלום. דערצו נאָך דערהערט זיך דאָ יענעמס טרוקענער קול:

— גורל, אלישע, גורל! דעם גורל קאָן אַ מענטש ניט מתקן זיין. אין אַ פינצטערן גורל, אלישע, קאָן מען שוין קיין ליכט ניט אָנצינדן. אין אַ פינצטערן גורל ווערן זיך פֿאַרלעשן אפילו די ליכט פון בית־המיקדש! וואָס שטייסטו דאָרטן אויף די קני? שטיי אויף, ביי ייִדן שטייט מען ניט אויף די קני... זאָג מיר, אלישע, דו ביסט דאָך עפּעס אַ מחבר פון ספרים, זאָג מיר, וואָס איז אַזוינס שׂטן? און זאָג מיר, וואָס איז אַ מענטש קעגן דעם שׂטן? קאָן ער אים ביישטיין? קאָן ער אים בייקומען? יעקב אבינו האָט זיך געקאָנט ראַנגלען מיט אַ מלאך, אָבער מיטן שׂטן וואָלט ער זיך ניט געקאָנט ראַנגלען... ניין, אלישע ניין! ער וואָלט ניט געקאָנט! דעם שׂטן קאָן מען ניט בייקומען! אָדער דו דאַרפסט זיך אונטערגעבן, אָדער דו דאַרפסט אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר און אַוועקגיין פון דער וועלט... וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי, אלישע? יאָ, יאָ, יאָ, זיי האָבן מיך געשיקט צו דיר... רעד ניט מיט מיר, אלישע, רעד ניט מיט מיר. זאָג מיר גאָרניט. דערצייל מיר גאָרניט... פרעג מיך ניט. גורל! אין דעם זעקסאונצוואָנציקסטן יאָר האָט מיך די געפּעו אַריינגעזעצט אין אַ נאַסן פינצטערן קעלער פֿאַר לערנען ייִדישע קינדער אַ פרשה חומש... ניין, אלישע, ניין, דעם שׂטן קאָן מען ניט בייקומען. אָדער דו גיסט זיך אים אונטער, אָדער דו דאַרפסט אַוועקגיין פון דער וועלט... דיין טאַטן, זיכרונו לברכה, האָב איך וועגן דעם דערציילט דעם ערשטן, דערנאָך בין איך אַרויס אויפן מאַרק און אַלעמען געזאָגט: „ייִדן, גייט ניט צו צו מיר, גייט ניט צו... רעדט ניט מיט מיר, איך בין אַ סעקסאָט..." — און ר' שמואל־יאָסל ציט דאָ אַרויס פון הינטערן לייביק אַ האַלבע פלאַש בראָנפן, שלעפּט אַרויס דעם קאָריק, פֿאַרוואַרפט דעם קאָפּ מיטן פלעשל צו דער סטעליע און אין האַלדז נעמט אים בולקען. — ניין, אלישע, ניין, כ'וועל זיך ניט זעצן, כ'וועל אויך ניט פֿאַרבייסן, — רוקט

ער צוריק אַרײַן דאָס פֿאַרבליבענע ביסל בראָנפֿן הינטערן לײַביק. — איך װעל שױן גײן, אלישע, איך װעל גײן אין מײַן לעצטן װעג.

— װעגן װעלכן װעג רעדט איר, ר׳ שמואל־יאָסל?

— דײַן טאַטע האָט מיך דעמאָלטן געבעטן, אַז אױב איך װעל דיך אַ מאָל זען, זאָל איך דיר איבערגעבן, אַז ער בעט בײַ דיר מחילה פֿאַר יענעם פֿאַרנאַכט װען דו האָסט אױפֿגעהױבן אױף אים דעם האַקמעסער...

—װוּ און װען האָט איר געזען דאָס לעצטע מאָל מײַן טאַטן? — פֿרעגט בײַ אים אלישע שױן גאָר אַן אױפֿגערעגטער.

— טאַקע דאָרטן, בײַם װעלן זיך אַרױפֿכאַפּן אױף דער פּלאַטפֿאָרמע פֿונעם עשאַלאָן, װאָס האָט געפֿירט מאַשינעס, קאַסטנס, טראַקטאָרס, בהמות, און מענטשן קאָפּ אױף קאָפּ... אַרום רײַסן זיך באָמבעס, די דײַטשישע עראָפּלאַנען פֿלײַען נידעריק, ממש איבערן קאָפּ און באַשיסן מיט פּולעמיאָטן. גרױס און קלײן פֿאַלן אין בלוט... די בהלה איז ניט צו באַשרײַבן. דאָס שטעטל ברענט פֿון אַלע פֿיר זײַטן און די הײסע ביטערע רױכן שלאָגן אין די אױגן אַרײַן. די געװײנען און גװאַלדן שפּאַלטן די הימלען, װי פֿאַרן יום־הדין... די דײַטשן זײַנען שױן געװען גאָר נאָענט און אַלע װײסן, אַז דאָס איז שױן דער לעצטער עשאַלאָן... ייִדן מיט װײַבער און קינדער, װי זײ שטײען און גײען, װילן זיך אַרױפֿכאַפּן און אַװעקפֿאָרן... פֿריִער האָט מען נאָך געטראַכט און איבערגעקלערט, מ׳האָט זיך נאָך ניט געװאָלט גלײבן... בקיצור, אלישע, איך האָב געהאָלפֿן דײַן טאַטן אַרױפֿקלעטערן אױף דער פּלאַטפֿאָרמע. כ׳האָב אים דערלאַנגט די האַנט. איך בין שױן געװען דאָרטן, פֿון אױבן...

— זענט איר, הײסט עס, געפֿאָרן מיט מײַן טאַטן? זענט איר, ר׳ שמואל־יאָסל, פֿאַרפֿאָרן מיט אים ביז דער װאָלגע?

— נײן, אלישע, נײן. די תּלמידים האָבן מיך אַמאָל גערופֿן „די שװאַרצע יאָרן”... זײ זײַנען געװען גערעכט. איך בין טאַקע געבוירן געװאָרן אין אַ העמדל פֿון שװאַרצע יאָרן... צװײ זאַכן זײַנען אין דער לינקער האַנט פֿונעם רבונו של עולם: די נשמה און דער משפּט. דו הערסט, אלישע? די נשמה און דער משפּט... אַז דײַן טאַטע איז אַרױף אױף דער פּלאַטפֿאָרמע, בין איך אַראָפּגעשפּרונגען.

—פֿאַרװאָס? — שטױנט אלישע.

— גורל, אלישע, גורל! די נשמה און דער משפּט ליגט בײַם אײבערשטן

אין דער לינקער האַנט... אַז דער עשאַלאָן האָט אָנגעהויבן גיין גיכער האָב איך פון דער ווײַטנס, צווישן די טויזנטער פאַרבליבענע, דערזען אירע אויגן... אלישע, איך האָב ביז דעמאָלטן אַזעלכע אויגן בײַ איר, בײַ ברכהן, קיין מאָל ניט געזען. צום עשאַלאָן האָב איך זי ווי עס איז געבראַכט, נאָר אין יענער שטופעניש און שפּאַרעניש האָב איך זי בשום אופן ניט געקאָנט אַרויפזעצן אויפן גייענדיקן פּאָיעזד. די לעצטע יאָרן איז זי אַרומגעגאַנגען ווי אין דעם נײַנטן חודש... עפּעס אַ בייזע שלאַפקייט האָט זיך אין איר באַזעצט. זי פלעג אויפעסן צוויי ברויט אַ טאָג און בלײַבן הונגעריק! אלישע, דו האָסט באַדאַרפט זען יענע צוויי אויגן... פון יענע אויגן, אלישע, האָב איך ניט געקאָנט אַוועקפאָרן און בין אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פּלאַטפאָרמע, וואָס איז שוין געגאַנגען גאַנץ גיך... איך בין אַרויפגעפאַלן אויף אַ באַרוואָס געהרגעט קינד, וואָס זײַן בלוט... — און ר׳ שמואל־יאָסל דעררעדט ניט. זײַן פּנים ווערט געל, די תּמיד פאַרטאָגיק־גרויע אויגן זײַנע אונטער די סטירטעלעך־ברעמען ווערן אים שוואַרץ און אין דער רויטער באָרד באַווײַזן זיך ווײַסע פּאַסמעס. — גורל, אלישע, גורל! נשמה און משפּט! כ׳דאַרף גיין, אלישע, כ׳דאַרף שוין גיין מײַן לעצטן וועג... איך בין געקומען צו דיר ניט ווײַל זיי האָבן מיך געשיקט צו דיר, ניין, אלישע, ניין! זייערע שליחותן וועל איך, דײַן גמרא־מלמד, „די שוואַרצע יאָרן״, קיין מאָל ניט אויספילן. אָ, ניין, דאָס ניט... בעסער דער טויט! איך בין געקומען דיר איבערגעבן דײַן טאַטנס ווערטער, אַז פאַר יענעם האַקמעסער, וואָס דו האָסט אויפגעהויבן אויף אים, בעט ער דיך מחילה... וואָס פאַרהאַלטסטו מיך, אלישע? ווילסט וויסן וואָס ס׳איז געשען מיט מיר און מיט ברכהן ווײַטער? ווי נאָר כ׳האָב זיך אויפגעהויבן פון דעם פאַרבלוטיקטן קינד, געמאַכט עטלעכע טריט, האָב איך זי געפונען, ברכהן, ליגן אויף דער ערד אין בלוט... אַ שפּליטער פון אַ באָמבע... בלוט, בלוט, בלוט... גורל, גורל גורל... גורל פונעם יחיד, גורל פון אַ פאָלק... גורל פון בדמיך חיי!

און ער שלעפּט ווידער אַרוים דאָס פלעשל, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ צו דער סטעליע און אין האַלדז נעמט אים בולקען. ער טרינקט אויס ביזן סוף, ביזן לעצטן טראָפּן, און ווײַל דאָס ליידיקע פלעשל פאַררוקן צוריק אונטערן לײַביק, נאָר די אויגן טוען אים דאָ אַ גלאַנץ, ווי זיך אין עפּעס־וואָס דערמאָנט, אַ קרומער שמייכל לויפט אים אַדורך איבערן נאָך מער געל געוואָרענעם פּנים. — קוק ניט אויף מיר אַזוי, אלישע, קוק ניט אויף מײַן

פּנים, קוק מיר ניט אין די אויגן אַרײַן, קוק אַהין אין מײַן נשמה, אין מײַן גורל! דו ביסט דאָך אַ מחבר פון ספרים... מיר געפעלן זיי ניט... דו הערסט, אלישע? גורל און משפּט! כ׳האָב ברכהן צו קבר ישראל געבראַכט, געזאָגט נאָך איר קדיש און פּיטשע האָט געשריִען אויפן גאַנצן קול: אָמן!

— פּיטשע? ס׳איז אַן אמת וואָס מ׳האָט מיר דערציילט?

— אַן אמת, אלישע, אַן אמת... די לעצטע צײַט פלעג ער אַ פּאָר וואָכן שלאָפן אויפן בית־עולם בײַ ליפּעס קבר, דערנאָך פלעג ער אַוועקגיין קיין נאַראָדיטש און שלאָפן דאָרטן אויפן בית־עולם, בײַ דײַן שוועסטערס קבר... אין יענעם וויסטן טאָג, אלישע, ווען די דײַטשן מיט די היגע גויִם האָבן אויסגעהרגעט אַלע ייִדן פון שטעטל, דער וואַסערפאַל אויף די סקאַלעס איז געווען רויט פון בלוט... אין יענעם טאָג בין איך איינער אַליין פון דער גאַנצער עדה געבליבן לעבן. כ׳בין אַרויס פון דער באַהעלטעניש, שוין געווען פאַר נאַכט, וויסט און פּוסט און שטיל... מ׳הערט שוין ניט קיין שיסערײַ. האָב איך גענומען די ספר־תורה און בין מיט איר אַוועק אַהין, צו דער באַלקע... דער טאָל איז געווען פול מיט נאַקעטע פּאַרבלוטיקטע לײַבער... אלישע, זכור את אשר עשה לך עמלק! שיסט מיך, האָב איך געזאָגט צו די דײַטשן, שיסט מיך! איך וויל ליגן דאָ אין דער גרוב מיט אַלע ייִדן... און איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר כ׳האָב גענומען לויפן מיט דער ספר־תורה אַרום דער טויטער באַלקע... זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף מיר, נאָר קיין איין קויל האָט אין מיר ניט געטראָפן. די ספר־תורה איז שוין צעלעכערט געוואָרן, און איך לויף אַ גאַנצער... און איך לויף וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער און גיכער, — ס׳קומען מיר אַלע מאָל צו נײַע כוחות... אפשר וואָלט מיך אַ קויל געווען געטראָפן, נאָר דאָ האָט פּלוצלינג דאָס שיסן אויף מיר אויפגעהערט. האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און גענומען שרײַען צו זיי: שיסט! שיסט!... נאָר זיי זײַנען שוין אַלע געשטאַנען צו מיר מיט די רוקנס און געקוקט צום שטעטל... דאָ האָב איך שוין אויך דערזען, ווי אין דעם ווײַסן קיטל, אַ באָרוועסער, אײַנגעבויגן, גייט פּיטשע און טראָגט אויף דער פּלייצע אַ הילצערנעם צלם אַרומגעוויקלט מיט שטרוי... אַלע זײַנען זיי געשטאַנען ווי געליימטע. פּיטשע איז צוגעגאַנגען ביז צו די זאַמדן, אַרײַנגעשטעקט דעם צלם און אָנגעריבן אַ שוועבעלע... דער צלם האָט אָנגעהויבן ברענען. דעמאָלטן בין איך מיט דער ספר־תורה אַוועקגעלאָפן... כ׳בין געלאָפן אַ גאַנצע נאַכט מיט איר דורכן וואַלד, כ׳האָב

ניט געוווּסט וווּהין איך לויף און פון וואַנען ס׳קומען צו מיר אַזוינע כּוחות... פאַרטאָג האָט מיך דער אייבערשטער געבראַכט צו אַ שטיבל, צו אַ לעסניק. אַז דער גוי האָט מיך דורכן פענצטערל דערזען מיט דער ספר־תורה אויף די הענט, האָט ער זיך איבערגעצלמט און פאַר מיר געעפנט די טיר... ביי אים האָב איך איבערגעלעבט די מלחמה.

— נו, און פּיטשע ?

— דו פרעגסט נאָך ? פּיטשען האָבן זיי געשאָסן... גורל, אלישע, גורל ! נשמה און משפּט ! ניין, באַגלייט מיך ניט. זאָל דיך גאָט באַגלייטן אין דיין שווערן וועג, וואָס שטייט דיר פאַר. זאָל דער זכות פון דיינע זיידעס די לוויים און כּהנים דיר ביישטיין ! — און ר׳ שמואל־יאָסל איז אַרויס פון שטוב מיט די ווערטער : — זיי וועלן שוין קיין מאָל ניט קאָנען מיך שיקן... ניין, אלישע, ניין ! איך גיי אָנצינדן אין מיין גורל יענע ליכט, וואָס וועט ניט פאַרלאָשן ווערן !

אַז אלישע טוט זיך באַלד אַ וואָרף נאָך אים אין דרויסן אַרויס, וויל אים אָפּשטעלן... קאָן ער אים שוין אָבער ר׳ שמואל־יאָסלען „די שוואַרצע יאָרן״, אין דעם גאַנצן אַרום ניט געפינען. ערשט צו פאַרנאַכט צו, אַז ער איז געפאָרן אין מיליטערישן קאָמיסאַריאַט, וווּהין ער איז פּלוצעם אַרויסגערופן געוואָרן אַלס רעזערוו־אָפיציר, אָנצופילן אַ נייעם פרעגבויגן... פאַרנדיק אַהין מיטן געפיל, אַז ער וועט זיך שוין אַהיים ניט אומקערן, מ׳רופט אים אַהין, כּדי פון דאָרטן אים צונעמען... דאָך מיט אַ טיפן גלויבן אין האַרצן, אַז ער, אלישע, טאַקע אין דעם זכות פון זיינע אָבות, וועט ער אַלץ איבערלעבן, אויסשטיין און בייקומען, ער האָט דאָך נאָך אַלס שרייבער ניט געזאָגט דאָס סאַמע וויכטיקסטע... און מאָרגן איז דאָך דער ערשטער מערץ... אין דעם טאָג, צו פאַרנאַכט צו, איז ער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן ביי דעם טייך אָדרע, וואָס ביי פראַנקפורט, ביי דעם דאָרף מיטן נאָמען צעלטנדאָרף... אין יענעם פאַרנאַכט האָט אָנגעהויבן וויכערן און שלאָגן אַ שלאַקסרעגן... און דאָ דערהערט ער, אלישע, ווי עמעצער דערציילט, אַז אין דער פרי, אַ זייגער האַלב צען, איז לעם „בעסאַראַבקע״ אַן אַלטער שיכּור מיט אַ פייערדיקער באָרד אַרונטערגעפאַלן אונטערן טראַמוויי... — פון אָט די רייד רייסט זיך אים עפּעס אָפּ, אלישען, אין האַרצן, און נאָך אַ ווייטיקדיקער רינג שניידט זיך אים אַריין אין דער נשמה.

# י

שוין שפּעט אין אָוונט, אומקערנדיק זיך פון דאָרטן, פון דעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט, ווו מ׳האָט אים אַ פּאָר שעה הינטער דער טיר געהאַלטן און יענער, וואָס אלישע האָט אים אין דער פרי פאַרטריבן און שפּעטער האָט ער זיך צוריק אונטער דעם פרירטוויִקן קאַשטאַנען־בוים אומגעקערט און ניט אַליין, נאָר מיט נאָך איינעם... יענער איז קעגנאיבער געזעסן און פאַרדאגהט געריִכערט, ווי אויך ער וואָלט דאָ אויף זײַן ריי געמוזט וואַרטן ; דערנאָך, אַז די אײַנגעשטעלט און אָפּגערעדטע צײַט פון אָנשרעקן און צעטומלען איז אַריבער, דעמאָלטן האָט מען אים, אלישען, אַרײַנגעפירט און געהייסן אָנפילן אַ שפּאָגל נײַע אַנקעטע אויף פופצן זײַטן... ווייסט אלישע גוט צוליב וואָס מ׳דאַרף זיי, די פרעגבויגנס, אַזוי אָפּט פאַרפולן : מ׳וויל דאָך דאָ פּשוט פאַר דער האַנט כאַפּן... אויב דו וועסט זיך דאָ אין איינע פון דײַנע ענטפערס פאַרפּלאָנטערן, איינע פון דײַנע תּשובות וועלן זיך מיט די פריִערדיקע ניט צונויפפאַלן און ניט צונויפגיין, דעמאָלטן איז דאָך אַ סימן... — שוין שפּעט אין אָוונט, אומקערנדיק זיך פון דאָרטן, יענער גייט אים נאָך, אָבער אלישע קוקט זיך שוין אויף אים ניט אום, זאָל ער נאָכגיין, ס׳איז אפילו מיט אים געמיטלעכער, יענער שאָטן איז דאָך שוין אויך אין זײַן, אלישעס, לעבן אַרײַן... וויפל קאָנען דען אין הײַנטיקן פינצטערן דור זײַן ליכטיקע שמואל־יאָסלס, וואָס וועלן בעסער אויפן טויט גיין און ניט ווערן קיין מוסרים ? אפילו אין די ווײַטסטע, אין די ביז גאָר אויסגעפרומסטע דורות זײַנען מער פון ל״ו צדיקים ניט געוועזן. „מיך וועלן זיי שוין מער, אלישע, ניט שיקן. אָ, ניין !״ ליגט ער נאָך דאָרטן אין דעם מאָרג, אין דעם מתים־שטיבל, צווישן די זיך־אומברענגער, אָדער מ׳פּאַלמעסט אים שוין און די באָרד פײַערט אים נאָך אַלץ פון כּעס פאַר זײַן אייגענעם און פאַרן ייִדישן גורל, צי ער איז שוין ערגעץ־ווו באַגראָבן געוואָרן, צו קבר־ישראל ניט געקומען און אויך ער, ר׳ שמואל־יאָסל, וואָס איז געלאָפן מיט דער ספר־תּורה אַרום דער אָפּן־פאַרבלוטיקטער גרוב פון

דער אויסגעהרגעטער עדה יידן, אויך ער, ר׳ שמואל־יאָסל, האָט ניט קיין קבר און קיין מצבה־שטיין... גורל, אלישע, גורל! אויך אַ מת האָט זיין גורל!....

און איבער דער כמעט שוין ליידיקער שטאָט נעמט פאַלן פון די גרוי־אַלטע הימלען אַ שניי און איבער דער ערד, אין די לאַמטערן־שנייען הייבט אָן צו וויכערן, — ס׳קומען שוין אָן די סופּווינטערדיקע און די ערב־פרילינגדיקע שווער־געדיכטע שנייפאַלן... צוריק מיט אַכט יאָר, אויך אין דער נאַכט פונעם ערשטן מאַרץ, האָט אַרום דעם אָדרע־טייַך געשלאָגן אַ שלאַקסרעגן און ער, אלישע, אַ שווער־פאַרוווּנדעטער, שוין אין אַ קדחת־היץ, איז ער פון דער פייַערליניע געגאַנגען, געזונקען אין דעם וואַסער־בלאָטיקן פעלד, ניט געוווּסט צי ס׳שפּאַלטן זיך פון די בליצן און דונערן די הימלען, צי די באַלייַכט־ראַקעטעס און די דייַטשישע מינעס רייַסן זיך אַזוי אַרום אים, ער האָט געוווּסט, אלישע, איינס: ער דאַרף פונעם פייַער אַרויסגיין... און ער איז געגאַנגען אונטערן שלאַקסמבול, קוים די פיס פונעם טוואַן אַרויסגעשלעפּט און געשריַען אין דעם געוויטער אַרייַן: — כ׳גיי, שיינדל, כ׳גיי! — און ס׳האָט אים פאַרטראָגן ערגעץ אין אַ שטאַל מיט בהמות, און ס׳האָט דאָרטן געבערענט אָן עלעקטריש לעמפּל — די שייַן איז געווען פאַר אים אַ גרויסער נס... און דער ריח פון הני האָט אים אָנגעפּולט מיט פריד און ער איז געפאַלן אויפן שטרוי צווישן די געפלעקטע שוואַרץ־ווייַסע בהמות. און דאָ כאַפּט ער זיך, אַז דער פעלדטאַש מיט זיין טאָגבוך איז בשעתן שלאַכט דאָרטן בייַם וואַסערקאַנאַל פאַרלאָרן געוואָרן; וויל ער לויפן צוריק אַהין, נאָר קאָן זיך שוין פון אָרט ניט אויפהייבן...

פון יענער מלחמה־ און שלאַקסמבולדיקער נאַכט איז ער מיטן לעבן אַרויס, וועט ער אויך פון אָט דער ערב־פרילינגדיקער סטאַלין־נאַכט, ווו יענער גייט אים נאָך, אלישען, פוס־טריט, מיטן לעבן אַרויס? און ס׳הייבט אָן צו ווייען, און די ווינטן שטאַרקן זיך, קומען פון אַלע פיר זייַטן, נעמען אים אַרייַן אין אַ שניי־וויכערדיקן פייַף־קאַראַהאָד... הערט ער אויך לאָקאָמאָטיוון פייַפן? שטייען זיי שוין טאַקע גרייט, די ליידיקע עשאַלאָנען, די סטאָליפּין־וואַגאָנען, אויף אַרויסצופירן יידן, קינד־און־קייט, אַהין־צו, אין די וויסטע סטעפּעס פון קאַזאַכסטאַן און באַפרייַען דאָס סאָציאַליסטישע לאַנד פון „מערדער אין ווייַסע כאַלאַטן״... און דאָס קאָן געטאָן ווערן שוין נאָך באַבי־יאַר, שוין נאָך מייַדאַנעק און טרעבלינקע? נאָר ווער קאָן אים

שטערן און וואָס קאָן אים דען אָפּשטעלן דעם גענעראַליסימוס, דעם פאָטער פון די פעלקער? האָט ער דאָך געקאָנט, דער קאַווקאַזער אָדלער, חרוב מאַכן דאָס רוסישע דאָרף און אומברענגען צען מיליאָן פויערים... דער יעפרייטער, אַדאָלף היטלער, איז דאָך געווען נאָר אַ געטרײַער תלמיד פון אָט דעם אַלץ־קענער, אַלץ־ווייסער, פון סמערדיאַקאָוו דעם צווייטן... האָט ער דאָך אין זיבן־און־דרײַסיקסטן יאָר געקאָנט אומברענגען מיליאָנען און מיליאָנען, — ס'איז באמת ניט געבליבן קײַן שטוב, ווּ פון איר זאָל איינער ניט אַרויסגעריסן ווערן פון לעבן.

שוין שפּעט אין אָוונט, אומקערנדיק זיך פון דאָרטן, פונעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט, אַ פאַרווייטעטער, ניט אַזוי מיט שניי ווי מיט טרויער און עלנטקייט, געטראָפן שיינדלען און דאָס קינד שלאָפן, ניט אָנגעצונדן קיין פײַער עפּעס־וואָס אויפן טיש געפונען אויף איבערצוכאַפּן, דעם פּאַספּאָרט צוקאָפּנס אַוועקגעלייגט, אין בעט אַרײַן און ניט געבליבן ליגן מיט אָפענע אויגן, ניט גערייכערט ביז צום אָנהייבן טאָגן, ווי אין די לעצטע צוויי וואָכן, נאָך דער מיטטיילונג פון „טאַסס" וועגן די ייִדישע מערדער, די דאָקטוירים... נאָר באַלד אין אַ שלאָף־תּהום אַרײַנגעפאַלן און זיך דאָרטן דערזען בײַ אַ לאַנגן טיש זיצן. דעם סוף פונעם טיש זעט מען ניט. און אויך אַרום טיש איז קיינער ניטאָ. און די שטילקייט איז אַזאַ, וואָס איז ניט צו באַנעמען און ניט צו פאַרשטעלן זיך. און דער טיש הענגט און אויך ער, אלישע, וויגט זיך אויף עפּעס אין דער לופטן. פון ביידע זײַטן טיש שטייט אַ שוואַרץ־פינצטערניש, ווי אַן אייביקער סוד. און דער טיש אַליין געפינט זיך אין אַ משונהדיקער שײַן, מ'קאָן בשום אופן ניט דערגיין און באַשיידן דעם קאָליר. צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן זעט ער, אלישע, אַזאַ ליכט, וואָס זאָל זיך יעדן אויגנבליק אַזוי ענדערן, — ביז אַהער אַזוינע קאָלירן גאָר ניט געזען, ווי פון אַנדערע וועלטן. און אַז די אויגן ווערן אים דאָך אַ ביסל צו אָט די שווינדל־ליכטן צוגעוווינט, באַמערקט ער, אַז דער טיש איז מיט מאכלים אין צעבראָכענע כלים באַוואַלגערט. און פון די מאכלים גייט קיין שום ריח ניט, הגם ס'שלאָגט נאָך פון זיי אַ וואַרעמקייט... פונעם געפינען זיך אין יענע־וועלטיקע שײַנען, ווערט אים, אלישען, דער קאָפּ שווער ביז צום זינען פאַרלירן, קריכט ער פון זײַן זיץ־אָרט אין דער לופטן אויפן טיש אַרויף, און לאָזט זיך גיין איבער אים, — ערגעץ־ווּ וועט ער דאָך פון דאַנען אָנקומען. נאָר אָפּגייענדיק אַ מרחק טיש צווישן די צעבראָכענע

כּלים און צעוואַלגערטע געקעכצן אין דער אַרומיקער שוואַרץ־פינצטערניש, אונטער די ניט־ערדישע קאַליר־ליכטן, דערזעט ער נאַקעטע מתים אין בלוט ליגן און דערקענט באַלד זייערע פּנימער...

— אלישענקע, אלישענקע, — וועקט אים שיינדל, — מיליציע איז ביי איוואַן איוואַנאָוויטשן... געקומען, אַפּנים, קאָנטראָלירן די פּאַספּאָרטן. — און אלישע גייט תיכף פון דעם שלאָף־תהום אַרויס, דערזעט שיינדלס ווייס־געוואָרענעם פּנים און ווייסט שוין ווער ס׳איז דאָרטן ביי איוואַן בן איוואַנען, און נאָך וואָס יענע זיינען אין מיטן דער נאַכט אַהער געקומען. און ער זאָגט צו איר:

— טייערע מיינע, די בייזע שעה האָט שוין געשלאָגן אויך פאַר אונדז... איך בעט דיך, זיי רויק... זיי זיינען געקומען נאָך מיר... מיר דאַרפן עס אויסשטיין און ביי׳קומען!

— גוט, טייערער, גוט... זיי דו אויך רויק... מיר וועלן עס איבערלעבן און אויסשטיין!

און מ׳קלאַפּט שוין אין טיר. און שיינדל מיטן ווייס־געוואָרענעם פּנים, מיטן אַרויפגעכאַפּטן כאַלאַטל, אַ באָרוועסע, — שוין ניט געקאָנט אָנטאָפּן מיט די פיס די שטעקשיך, אין די אויגן אַ הייסער צאַרן און אומבאַהאָלפנקייט, עפנט אויף די טיר און לויפט צו דער טאָכטער, צו לאַרען, וואָס זיצט שוין אויפן בעטל מיט דעם צעוויכערט־גאָלדיקן קאָפּ האָר, אין די אויגן אירע, אין די אויפגעריסענע, וועלכע זעט שוין וואָס דאָ וועט באַלד פאָרקומען, שוין גאָר ניט קיין קינדערשע שרעק... יענע, די עלטערע טאָכטער, איז שוין אין דער היים ניטאָ. יענע, ליאָליע, ניט געקאָנט אָנקומען נאָכן פאַרענדיקן די מיטלשול אין קיין שום אינסטיטוט אויף אוקראַינע, איז קיין אוזבעקיס־טאַן אַוועקגעפאָרן און דאָרטן אָנגעקומען אויפן פילאָלאָגישן פאַקולטעט פון טאַשקענטער פּעדאינסטיטוט. יענע איז דאָרטן איינע אַליין...

אין דער אויפגעעפנטער טיר רייסן זיך אַריין דריי האַלב־פּאַרווייטע מאַקינטאָשן. דער הויך־דאַרער שטעלט זיך ביי אלישעס בעט און פאָדערט פון אים דעם פּאַספּאָרט. אלישע ווייסט, אַז מיט די אַריינגעקומענע איז ניטאָ וואָס צו רעדן. דער ניסתר האָט אומזיסט פאַרפירט אַ קריג, ביים קומען אים נעמען, און זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן: „נאָט, זוכט דאָרטן די אַטאָם־באָמבע״... אָט די, ווייסט אלישע, דאַרפן אַרעסטירן און צושטעלן דעם אַרעסטירטן אין טורמע אַריין. אָט די דריי זיינען אפשר

אויך זיכער, אַז זיי נעמען נאָך איינעם, נאָך אַ געפּערלעכן פאַרברעכער, נאָך אַ יידישן שרייַבער אַ שפּיאָן... גיט ער אָפּ, אלישע, דעם פּאַספּאָרט, — דעם לעצטן סימן אויף רעכט צו לעבן אונטער אַן אייגענעם דאַך... און ביי יענעם, דעם הויך־דאַרן, צונעמענדיק דעם פּאַספּאָרט, ווערט דער פּנים נאָך פאַרשטיינערטער, און ער טוט אַ זאָג מיט אַ קול, וואָס דאַרף אויף אים, אויף אלישען, אָנוואַרפן אַ פּחד:

— אייַך וועט אויסקומען אויפשטיין. איר זייַט אַרעסטירט!

און הגם ער ווייסט גוט פון וואַנען מ׳איז נאָך אים געקומען, הייבט ער זיך נאָך פון בעט ניט אויף און פרעגט:

— פון וועמען?

— פון דער מ.ג.ב.

— האָט איר אויף דעם אַן אָרדער?

— אָט! — דערלאַנגט אים יענער אַ פּאַפּירל, אונטערגעשריבן פון דעם מיניסטער פאַר מלוכה־זיכערקייט פון אוקראַיִנע: סטראָקאַטש, און געשטעמפּלט און געחתמעט פון דעם פּראָקוראָר פון דער אוקראַיִנישער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק: רודענקאָ. — דער זעלביקער רודענקאָ, וואָס איז געווען פּראָקוראָר אויפן נירנבערגער פּראָצעס.

און אלישע טוט זיך אָן און זעצט זיך אויפן בענקל, וואָס דער צווייטער, אויך אַ הויכער, נאָר אַ גראָבלייַביקער, ווייַזט אים אָן, און ער אַליין, דער גראָבלייַביקער, מיט די אומשולדיק־תּמעוואטע אויגן, שטעלט זיך הינטער אלישעס פּלייצע און פון דער אָפענער קאַבורע גלאַנצט אים אַרויס דאָס שוואַרצע הענטל פונעם רעוואָלווער, — גרייט אין יעדער רגע שיסן אין דעם געפערלעכן מלוכה־פאַרברעכער אויב יענער, אלישע, וועט וועלן, אָדער נאָר פרווון זיך אַנטקעגנשטעלן... און יענע צוויי, דער הויך־דאַרער און דער נידעריקער, דער דריטער, יענע נעמען זיך געטריי איבערקערן און איבערריִען דעם צימער — אַרויסוואַרפן אַלצדינג אויף דער ערד... דער עיקר טוט עס מיט גרויס פלייַסיקייט דער הויך־דאַרער, — ווי זיך שפּעטער זייַן פאַמיליע און ראַנג דערוווסט, — דער פּאָלקאָווניק דוב. יענער, דער דוב, גייט גאָרניט פאַרבייַ, לאָזט גאָרניט ניט דורך. באַזונדערס פאַרהאַלט ער זיך ביים ביכערשראַנק, וואָס שטייט אויפן שרייַבטיש, — קיין אַנדער אָרט וווהין די ביכער אַוועקצושטעלן איז דאָך ניט געווען... און דער דריטער, דער קליינוווקסיקער, ראָמאַנאָוו, — אפשר אַ ווייַטער

קרוב פון יענעם, פון דעם אַמאָליקן ערשטן שוואַרצמאַהניק אין רוסלאַנד, פון ניקאָלײַ דעם צווייטן... אַט דער קליינוווקסיקער ראַמאַנאָוו שלעפּט פון די טישקעסטלעך די כּתב־ידן, די בריוו, די פּאַטאַס... און דאָרטן, אין ווינקל פּאַררוקט, זיצט ער, דער ציווילער, דער עדות, וואָס דאַרף דאָ בײַזײַן און צוזען, אַז אַלץ ווערט דאָ לויטן געזעץ געטאָן און קיין שום הפקרות קומט דאָ ניט פאָר... און דער עדות איז דאָ ער, דער שכן איוואַן בן איוואַן, וואָס צוריק מיט צוויי וואָכן האָט ער אין מיטן דער נאַכט די דרויסנדיקע טירן צעפּנט, אַרויסגעשמיצט אַלע כלים, וואָס זײַנען אים נאָר אונטער דער האַנט געקומען און דערבײַ מיט עפּעס אַ מין אויסגעבענקטער פרייד צוויסן געגעבן:

— הײַנט נאָך וועלן מיר מיט אלישקען, מיטן אַקאַדעמיקער פאַרענדי־קן... און אויך זי, זשענקען, וועלן מיר צורעכט מאַכן... און אויך די קליינע, לאַראַ, וועלן מיר... — און איז פון שטוב אַרויסגעלאָפן. און די טירן זײַנען אָפן פאַרבליבן שטיין אַ שעה אַנדערהאַלבן, ביז איוואַן האָט זיך אומגעקערט מיט קללות און זידלערײַען אויף דער מיליציע... אין זייער גאָט! אין זייער לעבן! אין זייער מילץ אַרײַן!... — פון זײַנע רייד האָט דעמאָלטן אלישע פאַרשטאַנען, אַז ס׳האָט געוואָלט אין קיִעוו אַ יידישער פּאָגראָם פאָרקומען, שוין אַ צוגעגרייטער און פון פריִער אַן אויסגעסדער־טער... נאָר עמעצער האָט מיט אַ מאָל, און מיט אַ שטאַרקער האַנט, צו דעם ניט דערלאָזט, זיך אַפּנים געכאַפּט, אַז אויפן המון־עם קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן, ווײַל אויף דער הייסער שעה קאָן מען אויך זיי, די קאָמוניסטן, נעמען ברעכן די ביינער... — האָט מען אים, איוואַן איוואַנאָוויטשן, איצט אַהער געבראַכט, ער זאָל זען ווי דער פּאָגראָם קאָן געמאַכט ווערן לײַטיש, פּאָ זאַקאָנו! לויט דער סאָציאַליסטישער קאָנסטיטוציע... און ער, דער געוועזענער מאַטראָס פון באַלטישן ים, וואָס זײַנע ברידער האָבן אין אַכצנטן יאָר אַראָפּגעוואָרפן קערענסקין און אַרויפגעזעצט דעם נײַעם רע־ליגיע־געבער, דעם נײַעם מאַנאַמאַך, וולאַדימיר לענינען, וואָס האָט זיי שפּעטער בײַם קראָנשטאַטער אויפשטאַנד אומברחמנותדיק אויסגעראָטן; ער, דער שכן, איוואַן בן איוואַן, וואָס קומט אין דער נאַכט אַ שיכורער און באַגיסט דעם פּאָל מיט בענזין און זוכט אַ שוועבעלע אויף אונטערצוצינדן די שטוב, און אויף מאָרגן קאָן ער ברענגען פאַר די קינדער זיסוואַרג און אויך אַ זאַק קוילן ס׳זאָל זײַן מיט וואָס דאָס הרובקעלע אויסהייצן און

דעם קרופניק אָפּקאָכן; ער, איוואַן איוואַנאָוויטש, זיצט איצט פֿאַרשטעקט אין ווינקל און קוקט צו מיט אַ שמייכל, ווי געזאָגט: גאָר ניט שלעכט. מ׳קאָן אַזוי אויך!

פֿון וועגן אים, דעם דיאַדיאַ וואַניאַ, פֿון וועגן זיין אויפֿפֿירן זיך, וועגן זיינע ווילדע מעשים, האָט שוין אלישע געוווּסט נאָך דאָרטן, אין מיזרח־דייטשלאַנד, פֿון שיינדלען און פֿון די קינדער, וואָס זיינען געקומען צו אים אַהין. אָבער אַזוינס וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער ערשטער נאַכט ביים אומקערן זיך פֿון דער אַרמיי אַהין, אין יענעם צימערל, אונטער יענעם לעכערדיקן דאַך פֿונעם הילצערנעם צווייגאָרנדיקן שטיבל, אַזוינס האָט זיך שוין אלישע גאָר ניט געקענט פֿאָרשטעלן, שוין באַלד ווי נאָר איינגעשלאָפֿן, נעמט אים שיינדל וועקן:

— דו הערסט?

— עפּעס הער איך. וואָס איז דאָרט?

— וואַניאַ האָט זיך אומגעקערט און וועט באַלד הרגענען די ווייב זיינע, לידען. דו הערסט?... ער האָט זי אַרויסגעפּירט אין קאָרידאָר און זוכט די האַק...

אלישע וויל ניט און קאָן זיך עס ניט גלייבן. אָבער אין קאָרידאָר, הינטער דער טיר, הערט זיך אַ פֿאַרשטיקטער קול פֿון אַ פֿרוי, וואָס בעט זיך מיט טרערן:

— וואַניאַ, וואַניושאַ, שענק מיר דאָס לעבן.. האָב רחמנות אויף אונדזער קליין קינד!

הייבט זיך אלישע פֿון בעט אויף, קוקט דורך דעם שפּאַלט פֿון דער געעפֿנטער טיר אַרויס און דערזעט אַ פֿרוי, אַ נאַקעטע, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט, אויף די קני שטיין, די הענט אויפֿגעהויבן צום מאַן דעם מערדער, וואָס זוכט די האַק צווישן די קאַסטנס.

— ער קאָן זי דאָך הרגענען! — זאָגט אלישע צו שיינדלען.

— ער קאָן... אוודאי קאָן ער.

— און די שכנים הערן און שווייגן?

— מ׳האָט פֿאַר אים מורא...

אוודאי איז אַ סכנה מיט אַזאַ איינעם זיך איינרייסן, נאָר אלישע טוט זיך אָן, — וואָס זאָל דאָ ניט זיין קאָן מען די פֿרוי אין אַזאַ מצב איינע אַליין ניט איבערלאָזן. יענער, איוואַן, איז געווען אַ סאָלדאַט, און גאָלדענע

אָפּיציר־פּאַגאָנעס דאַרפן פּאַרט אויף אים ווירקן... ער ווייסט אַליין ניט, אלישע, צוליב וואָס ער זעצט זיך צום שרײַבטיש, צוליב וואָס ער לייגט אַוועק פאַר זיך אַ ווײַסן בויגן פּאַפּיר און נעמט די הענטל־פען אין האַנט אַרײַן. וואָלט ער אַ פּאַווע־פעדער געהאַט, וואָלט ער געוויס אין קאָפּ האָר אַרײַנגעשטעקט... און ער בעט שיינדלען, וואָס איז שוין אויך אויף די פיס, אַרײַנרופן אים, איוואַן איוואַנאָוויטשן. און שיינדל פאַרקלערט זיך אויך ניט, הגם ס׳איז פאַראַן פון וועגן וואָס צו פאַרטראַכטן זיך: דער שיכּור קאָן זיך וואַרפן מיט דער האַק און אַלעמען דאָ, אויך די צוויי קינדער, אויף שטיקער צעהאַקן... זי עפנט ברייט די טיר און זאָגט:

— איוואַן איוואַנאָוויטש, קומט אַרײַן צו אונדז!

און ס׳געשעט דאָ אַ נס: איוואַן גייט אַרײַן און אלישע בעט זיך אים זעצן. און ווען יענער פאַלט אויפן בענקל פרעגט אים אלישע:

— ווען מיר נעמען, איוואַן איוואַנאָוויטש, צו גלעזעלעך? פּאָ פּראַנ־טאָוואָמו!... — און שיינדל כאַפּט גלײַך אויף אלישעס בליק און שטעלט אַרויף אויפן טיש אַ פלעשל.

— דאַווײַ, לייטענאַנט, דאַוואַי, — ווערט איוואַן אויפגעלעבט. — מיר וועלן אויסטרינקען פאַר דײַן אומקערן זיך אַהיים... פאַרן געזונט פונעם כאַווער סטאַלין!

— פאַרן געזונט!... מירן אויסטרינקען נאָך צו איינע? פאַר דײַן געזונט, איוואַן איוואַנאָוויטש!

און דערנאָך, שוין נאָכן צווייטן גלעזל, זאָגט צו אים אלישע: — מיך ווונדערט שטאַרק, איוואַן איוואַנאָוויטש, וואָס אַ מאַטראָס פונעם רומפּולן באַלטישן פלאָט, אַ פראָנטאָוויק, וואָס איז דורכגעגאַן פײַער און וואַסער... וואָס אַזאַ קלוגער מענטש ווי דו, איוואַן איוואַנאָוויטש, זאָל זיך פירן אַזוי מיט אַ פרוי... פאַר דיר, איוואַן איוואַנאָוויטש. פאַר אַזאַ מענטשן מיט אַזאַ גוטן און איידלען כאַראַקטער... — און אַז איוואַן איוואַנאָוויטש וויינט שוין, גיסט טרערן ווי אַ ביבער און קלאַפּט זיך אין האַרצן: — „אָט דאָ ברינט און ברענט!״... דעמאָלטן טראָגט שיינדל אַרײַן אַ שיסל מיט אַ קוואָרט קאַלטע וואַסער; אלישע בייגט אים אָן דעם קאָפּ און שיינדל גיסט אויס אויף איוואַנען די קוואָרט וואַסער. נאָכדעם פירט מען אים צו זיך אין צימער אַרײַן און די ווײַב באַלייגט אים שלאָפן. און אויף מאָרגן קומט ער ווידער, איוואַן איוואַנאָוויטש, אַ שיכּורער... איצט זיצט ער דאָרטן אין

ווינקל, ווי אַן עדות, און קוקט צו ווי יענע דרײַ עמגעביסטן קערן איבער און צערײַען אַלץ וואָס אין צימער געפינט זיך. און ער, אלישע, מיט פאַרקלעמטע ליפּן, ס׳איז אים שוין פאַרוועריט געוואָרן צו רעדן מיט שיינדלען, וואָס שטייט אַנטקעגן אים מיט פולע אויגן ווייטיקדיקן טרויער, ווי דעמאָלטן, בײַ זײַן אַוועקגיין אין אַרמיי, בײַ איר באַגלייטן אים דאָרטן, אינעם ווײַטן אוזבעקיסטאַן, אין די קאַראַקומער זאַמדן, צום אַמו־דאַריאַ, צו דער שיף, וואָס דאַרף אים אַוועקפירן אויף דער מלחמה...

אָבער ביז צו דער שיף, ביז צום ווילדן טײַך מיט די מוטנע וואַסערן, זײַנען זיי דעמאָלטן אין צווייען ניט דערגאַנגען, אויפן האַלבוועג האָבן זיי זיך געזעגנט אונטער דער צעגליטער זון, און צעשיידט האָבן זיי זיך שטיל, אָן ווערטער... ער האָט אפילו קיין קאַרטע פון שיינדלען און אויך פון די קינדער ניט מיטגענומען: ער וועט זיך אומקערן און זיי לעבעדיקע זען! און ווען שיינדל איז שוין ווײַט געווען, ווען ס׳איז שוין קוים מיטן אויג געווען צו באַמערקן זי, דעמאָלטן זעצט ער זיך, אלישע, בײַם וועג אויפן הייסן שטיין און וואַרט ביז די אַרבאַ, — דער וואָגן אויף די צוויי הויכע רעדער, מיטן ווײַסן פערד אין די האַלאַבליעס געשפּאַנט, וועט זיך מיט די קאַוועגעס צו אים דערנענטערן: ער וויל קויפן אַ קאַוועגע און אויב זי וועט זײַן ניט קיין רויטע, נאָר אַ ווײַסע, אַ ניט רײַפע, וועט עס פאַר אים אַ סימן זײַן, אַז ער וועט זיך פון דער מלחמה אומקערן און אויך זיי, שיינדלען מיט די קינדער, טרעפן לעבעדיקע... און הגם, ער ווייסט, אלישע, אַז די כאַרעזמער קאַוועגעס, און דערצו נאָך אין דער־אָ צײַט, בײַם סוף זומער, קאָנען קיין ווײַסע ניט זײַן, דאָך קויפט ער בײַם אַלטן אוזבעק אַ קאַוועגע און מאַכט פאַר זיך אָט יענעם ווילדן סימן. און אַז די אַרבאַ פאָרט אָפּ, וואַרפט ער, אלישע, דעם ניט אויסגעקליבענעם, דעם אונטער דער האַנט געטראָפענעם, דעם פּיאַלעט־געשטרײַפטן קאַוועגן אויפן שטיין. — דער אויף שטיקער צעשפּאָלטענער קאַוועגן איז אַ ווײַסער!

און אלישע זעט ניט נאָר שיינדלס יענע אָנגעפולטע אויגן מיט ווייטיק־דיקן טרויער, נאָר אויך הערט ער איצט דאָ, אין אָט דעם צימערל, ווי די עמגעביסטן באַלעבאַטעווען, ווי דאָס האַרץ אירס קלאַפּט... און אויך הערט ער ווי דער זייגער אויפן וואַנט קלאַפּט. ביידע קלאַפּן... דער זייגער קלאַפּט אויס די צײַט און שיינדלס האַרץ קלאַפּט אויס די גרויסע ווייטיקן און דעם ניט געשטילטן אומרו פון דער נשמה. ביידע קלאַפּן זיי אין איינער אין

דער זעלבער צײַט, אָבער גאָר אין באַזונדערע וועלטן... — און ניט נאָר מיט שײנדלען, נאָר ס׳איז אים, אלישען, שוין אויך פֿאַרבאָטן געוואָרן אויסצורײדן אַ וואָרט מיט זײַן קינד, מיט לאָרעלען, וואָס שטײענדיק בײַם שרײַבטיש אויף וועלכן ס׳זײַנען אַרויפֿגעוואָרפֿן געוואָרן אַלע פּאַפּירן, האָט שטילינקערהייט, בגנבה, געוואָלט דעם טאַטנס פּאָטא נעמען... נאָר יענער, דער פּאָלקאָווניק דוב, מיטן פֿאַרשטײנערטן פּנים, האָט עס גלייך באַמערקט און געוואָרפֿן אַזאַ בליק, אַז דאָס קינד איז פֿאַרגליווערט געוואָרן. און דער דוב האָלט שוין אין האַנט מערעזשקאָווסקיס בוך „דער צוקונפֿטיקער כאַם" און אויך יענעמס „קריסטוס און אַנטיקריסטוס"... דאָ איז שוין אלישע זיכער, אַז אָט וועט ער, דער הויך־דאַרער, יענע ביכער אויך לייגן אַהין, צו אלישעס ביכער, צו זײַנע דערציילונגען וועגן שטעטל, וועגן דאָרף, וועגן די פֿאָלעסיער וועלדער... מערעזשקאָווסקי איז דאָך טריף־פּסול! יענער איז דאָך אַ דעקאַדענט, אַ מיסטיקער, אַ פֿינצטערער רעאַקציאָנער און דערצו נאָך איז יענער, דמיטרי מערעזשקאָווסקי אַ קאַלאַבאָראַטער געווען... אָבער דער פּאָלקאָווניק דוב בלעטערט זיי נאָר אַדורך די ביכער און וואַרפֿט זיי אונטערן טיש... דערפֿאַר ווערט זײַן פּנים געלײַטערט ווען ער דערטאַפּט לערמאָנטאָווס אַ באַנד לידער איבערגעזעצט איז ייִדיש! און דאָ פֿרעגט ער פּלוצעם בײַ אלישען:

— דאָס געוווער ווהין האָסטו באַהאַלטן?

— ניט ווײַט... — ענטפֿערט אלישע ערנסט. — דאָרטן טאַקע אין שרײַבטיש, אין דער רעכטער זײַט, אין יענעם טישקעסטל.

טוען זיך בײדע, דער הויך־דאַרער און דער קלײנוווקסיקער, דער ראָמאַנאָוו, וואָס פֿירט זיך עפּעס פּאָרט אויף אַ סך לײַטישער, בײדע נעמען שאַרן אין יענעם טישקעסטל און בײדע ווערן דערשראָקן־בלאָס, באַזונדערס יענער, דער הויך־דאַרער, וואָס האַלט אין דער אויסגעצויגענער האַנט דאָס פֿון טישקעסטל אַרויסגעשלעפּטע רעוואָלווערל...

— פֿון וואָס פֿאַר אַ סיסטעם איז עס? — פֿרעגט ער בײַ אלישען.

— אַז מ׳דריקט אָן אויפֿן צינגל, זעט מען.

און דאָ, אַז יענער פֿאָלגט, הייבט אויף די רער פֿונעם רעוואָלווער צום ווינקל פֿון דער סטעליע און דריקט אָן אויפֿן צינגל, דאָ דערהערט זיך אַ שאָס און ס׳שפּרינגט אַרויס אַ פֿײַערל. דער הויך־גראָבער, וואָס שטייט

הינטער אלישעס פלייצעס מיט דער אָפענער קאַבורע... יענער, דערזעענדיק דאָס פּיַיערל, קאָן זיך ניט איַינהאַלטן און פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער:

— דאַ עטאָ זשע זאַזשיגאַלקאַ! דאָס איז דאָך אַ צינדמאַשינדל אויף צו רייכערן... אָט שדים, וואָס זיי טראַכטן דאָרטן נאָר ניט צו, די בורזשויען!

— זיך אָנטאָן! — באַפוילט דער דוב שוין באמת מיט אַ פּנים פון אַן אוראַלטן גזלן — זיך אָנטאָן! — און ער בינדט צונויף די יידישע ביכער, דערנאָך נעמען זיי אָנטאָן אויף זיך די גרויע מאַקינטאָשן, וואָס דאַרפן צודעקן און פאַרשטעלן די הימל־בלויע פּעטליצעס מיט די בלוטיקע קאַנטן... און אלישע טוט אָן זיַין אַלטן שינעל מיט די סימנים פון די פּאַגאָנעס אויף די אַקסל. שיינדלען איז שוין גאָר ניט צו דערקענען. ער נעמט פון אירע ציטערנדיקע הענט דאָס קלומעקל: די פּאָרלעך גרעט, די פּאָר אייבערשטע העמדלעך, די פּאָר האַנטעכער, זייף און דאָס צייבערשטל מיטן „כלאָראָדאָנט״, די צען, פון פריִער פאַרגרייטע, פּעקלעך פּאַפּיראָסן, די עטלעכע רובל, — ער זאָל קאָנען דאָרטן אין טורמע־קלייטל, ווי מ׳זאָגט, עפּעס־וואָס פאַר זיך קויפן... דעם זייגער דאַרף אלישע פון האַנט אַראָפּנעמען, דאָרטן קאָן מען זיך באַגיין אָן אַ זייגער... דאָרטן שטעלט זיך אָפּ די צייַט... און אלישע געזעגנט זיך אויף אייביק מיט שיינדלען און מיטן קינד; פון דאָרטן, פון די עמגעביסטישע קעלערן, פון די קאָנצלאַגערן, פון דאָרטן קערט זיך קיינער ניט אום. פון קיין איין צוגענומענעם יידישן שריַיבער הערט מען ניט, ווי אין דער ערד אַריַין.. אויך זייערע וויַיבער מיט די קינדער האָט מען פאַרשיקט.. וועט מען אויך שיינדלען מיט זיַינע קינדער פאַרשיקן? ער געזעגנט זיך, אלישע, אויך מיט איוואַן איוואַנאָוויטשן, וואָס טרערן לויפן אים פון די אויגן... און לאָזט זיך פון שטוב אַרויספירן. נאָר אַרויסגייענדיק אין דער שניי־ווייענדיקער נאַכט בליַיבט ער ביַים שטוב שטייַן און דערפילט אַ מאָדנעם ווייטיק אין די אויגן: ער דערהערט, אלישע, שיינדלס גוואַלדגעשריי:

— פאַר וואָס? פאַר וואָס? פאַר וואָס?!

# יא

און די ערשטע נאַכט פון פרי־יאָר שנייט און ווייעט, — דער פרילינג ווערט אין שטאַרקע קעלטן און אין שווערע שנייפאַלן געבאָרן; און אין דעם ווילדן געוואָי פון די ווינטן, וואָס וויכערן פון די הייכן און יאָגן פון דער ערד, הערט ער, אלישע, פון דאָרטן, פון הינטער זײַן צעלעכערטן דאַך, פון צווישן דעם איבערגעקערט־איבערגעריטן צימערל, שיינדלס גוואַלד־געשריי: „פאַר וואָס? פאַר וואָס? פאַר וואָס?“... און פאַר זײַנע אויגן טראָגן זיך אַדורך אויף ווײַסע ווינטן אויך יענע זאַווערוכעס אין זײַן לעבן, באַזונדערס יענע שניי־וויכערדיקע נאַכט אין דער באָבריצער הוטע, ווו ער האָט דעמאָלטן בײַם ברונעם מאַלין געפונען... — נאָר די דרײַ טוען אים באַלד אַ שטופּ אַראָפּ פונעם פאַרשנייטן גאַנעקל, ווו ער איז פון שיינדלס געשריי שטיין געבליבן אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, פירן איר אונטער די הענט און שפּאַרן אים אין דעם „שוואַרצן וואָראָן“ אַרײַן און פאַרקלאַפּן פאַר אים די טיר פון דער וועלט, פון דעם לעבעדיקן לעבן, פון שאַפן... דאָס ייִדישע וואָרט דאַרף מיטן וואָרצל פון דער ערד אַרויסגעריסן ווערן! און ער ווייסט, אלישע, אַז מ׳פירט אים אַהין־צו, אין דער טורמע פון דער עמגעבע, וואָס אויף קאָראָלענקאָ־גאַס, דרײַ און דרײַסיק... גראָד יענע גאַס, ווו ס׳געפינט זיך די קאָמוניסטיש־מאַרקסיסטישע געהיים־פּאָליציי, ווו אין די קעלערן דאַרפן זיך מענטשן, צעבלוטיקטע און צעמאַזיקטע, אין זייערע ניט־באַגאַנגענע פאַרברעכנס מודה זײַן... גראָד יענע טורמע־גאַס, ווי אויף חוזק, איז אויפן נאָמען פון דעם גרויסן שרײַבער־הומאַניסט, אויפן נאָמען פון קאָראָלענקאָ אָנגערופן געוואָרן. — און ער ווייסט, אלישע, אַז ס׳וועט אים אויסקומען צו פאָרן ניט ווײַט, פאַרבײַפאָרן דעם שעווטשענקאָ־פּאַרק מיטן רויט־געפאַרבטן אוניווערסיטעט, און ער וועט שוין זײַן דאָרטן, אין דער טורמע, וואָס ניט ווײַט פון באָגדאַן כמעלניצקיס דענקמאָל, — אַ דענקמאָל פאַרן אויסקוילען דרײַ הונדערט טויזנט ייִדן, פאַר חרוב מאַכן הונדערטער שטעט און ישובים מיט אַ רײַך־צעבליטן ייִדישן לעבן, פאַרן פאַרברענען בתּי־

מדרשים און פאַרשוועכן ספר־תּורות... ער, באַגדאַן כמעלניצקי, וואָס זיצט אויפן צעהיצטן פערד מיטן הינטן צום הייליקן סאָפּיִעווער סאָבאָר, דערפאַר אָבער מיט דער פאַרבלוטיקטער בולאַווע אין דער אויסגעצויגענער האַנט צו מאָסקווע; ער, באַגדאַן כמעלניצקי, וועט דאָרטן, אין דער טורמע, זײַן אלישעס שכן...

און טאַקע דאָרטן, אין יענעם סאָפּיִעווער סאָבאָר, אין די טיפע קעלערן פון מיטלאַלטער, זײַנען אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן די ייִדישע ביכער פון אַלע קיִעווער ביבליאָטעקן; די לעצטע ביכער, און דאָס האָט שוין אלישע אַליין מיט זײַנע אויגן געזען, גייענדיק אין יענעם פרימאָרגן צום אַלטן באָטאַנישן גאָרטן, ווו די מיטאַרבעטער פונעם קאַבינעט פון ייִדישער קולטור האָבן געטראָגן אויף די הענט די ביכער אַהין... און דער לעצטער מיטן פּעקל ביכער איז געגאַנגען ער, חיים לויצקער, וואָס האָט צוריק מיט אַ שטיקל צײַט אויף דעם אָוונט געהייליקט דעם „ייִדישן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם“, ווו ס׳זײַנען אויף ס׳נײַ אויפגעמישט און אויסגערעכנט געוואָרן אַלע אַלטע זינד פון האָפּשטיינען און מאַרקישן, פונעם ניסתּר און בערגעלסאָנען, ווו אויך דעמאָלטן, אויף יענעם ווײַסטן אָוונט, האָט ער, חיים לויצקער, אויך אים, אלישען, ניט פאַרבײַגעגאַנגען, אים דערמאָנט אַלע זײַנע חטאים פון אַמאָל, פון זײַנע דערציילונגען וועגן שטעטל, און אויך דעם גרויסן חטא אין דעם דאָרפישן ראָמאַן, ווו ס׳שטייט שוואַרץ אויף ווײַס: „צוויי ייִדן גייען מיטן שליאַך“... פאַרוואָס דאַרף מען עפּעס שרײַבן, — האָט לויצקער ניט געקאָנט פאַרשטיין, — פאַר וואָס דאַרף מען שרײַבן צוויי ייִדן... און ניט צוויי מענטשן? — און אלישע האָט דעמאָלטן, אין יענעם פרימאָרגן, באַגלייט די ביכער־טרעגער מיט טרערן אין די אויגן. זיי זײַנען אַלע, און אויך חיים לויצקער, געגאַנגען אײַנגעבויגענע. ניט קיין צוויי ייִדן זײַנען געגאַנגען איבערן שליאַך, נאָר שוין זיבן... זיי זײַנען געגאַנגען מיט שטילע טריט, ווי זיי וואָלטן אויף די הענט געטראָגן צום בית־עולם טויטע קינדער. ווו זײַנען זיי איצטער יענע זיבן ייִדן? — האָט אלישע זיצנדיק אין דעם „שוואַרצן וואָראָן“ געטראַכט. — ווו זײַנען זיי איצטער די פאָרשער פון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, די היסטאָריקער און די פאָלקלאָ־ריסטן? און ווו איז איצטער ער, חיים לויצקער? ער איז דאָך שוין דאָרטן, ערגעץ אויף דעם ווײַטן צפון, ערגעץ דאָרטן אויף וואָרקוטאַ... און דאָ, אין די קעלערן פון סאָפּיִעווער סאָבאָר, וואַלגערן זיך די ייִדישע ביכער, צווישן

זיי אַ סאַך יקר־המציאות און די יידישע שרייב־מאַשינקעס זיינען צעבראָכן געוואָרן, און די יידישע אותיות האָט מען אויפן פייער צעשמאָלצן... און ניט ווייט פון יענע קעלערן וווּ ס׳וואַלגערן זיך אויך זיינע, אלישעס, ביכער, וועט ער באַלד אויך אין אַ קעלער אַריינגעוואָרפן ווערן... וואָס וועלן זיי דאָרטן פון אים וועלן? אין וואָס וועט ער, אלישע, דער לעצטער יידישער שרייבער, זיך דאַרפן דאָרטן מודה זיין?

און דאָ, אין זיין פאַרטראַכטקייט, דערפילט ער ווי מ׳שלעפּט אים פון דאָרטן, פונעם שוואַרצן וואָראָן, אויף דער זאַווערוכע אַרויס: „טשטאָ, זאַסנול? וואָס, אַנטשלאָפן געוואָרן!" — די ערשטע פרילינג־נאַכט פאַרוויעט און פאַרשלאָגט אים די אויגן מיט ווייס־שטעכיקן שטויב, דאָך דערזעט ער זיך שוין פאַר אַ טויער, — ביים אַריינגאַנג פון גיהנום... און ס׳עפנט זיך טאַקע באַלד אַהין אַ טירל, און באַלד ווערט עס הינטער אים פאַרמאַכט און פאַרריגלט און יענע, די דריי מלאכי־חבלים, פירן אים שוין ווייטער צווישן פיר ווענט אָן אַ דאַך, — פון אויבן, פונעם פירעקעכדיקן שטיק הימל, שיט און שיט און אין אלישען זינגט זיך מיט צאָרן: „יאַ דרוגאָי סטראַני טאַקאָי ניע זנאַיו... — קיין אַנדער לאַנד אַזאַ איך ווייס ניט, ווי פריי אַזוי זאָל אָטעמען דער מענטש!" — און אויך פּלאָנטערן זיך אים דאָ אין קאָפּ יענע קינדערישע שורות פון דעם ווייטן סופהאַרבסטיקן כוטער: „כמאַרעס, מאַמע, פאַלן פון די הויכן, כמאַרעס, מאַמע, יאָגן פון דער ערד"... — ווערט ער, אלישע, דערשראָקן. פאַרוואָס קומען זיי, אָט יענע שורות, צו אים גראָד איצטער, אין דעם בוראַן־געוויטער? פאַרוואָס קומען זיי, אָט יענע פון דער תּליה אַראָפּגענומענע שורות, פּלוצלינג פון דעם ווייטן כוטער אַהער, און גראָד ביי זיין אַריינגיין אין תּפיסה? — כמאַרעס, מאַמע, כמאַרעס, פאַלן פון די הייכן... — און באַלד ווערט דער פירעקעכדיקער אַלט־גרויער וויכערדיקער שטיק הימל אויך פאַרפאַלן, — ער איז שוין דעם שוועל פון דער טורמע אַריבערגעטראָטן. ער איז שוין דאָרטן... נאָר ביים אַריבערטרעטן דעם שוועל, דערהערט ער מיט אַ מאָל די צוויי קולות: פון לינקס שמואל־יאָסלס: גורל, אלישע, גורל! — און פון רעכטס דעם טאַטנס: גאָט איז אומעטום!... — און די דריי באַגלייטער פירן אים אַריין אין אַ חדר, וווּ ס׳שטייט איינער אין... שטעקשיך. יענער וואַרפט פון אונטער די לאַנגע ווייסע וויִעס אַ בליק אויף אלישען, פאַרקרימט זיך אַ ביסל, ווי געזאָגט: אָט דאָס איז ער? — און חתמעט אונטער אַז זיי, די דריי, האָבן

אים, אלישען, צוגעשטעלט אַ לעבעדיקן און אויך די ביכער און כּתבֿ־ידן האָבן זיי, ווי עס דאַרף צו זײַן, געבראַכט אַהער. און יענע דרײַ פֿאַרשווינדן אויף די שפּיץ פֿינגער, זיי זאָלן דאָ, חלילה, די שטילקייט ניט צעבויטען, פֿאַרגייען ווי שאָטנס פֿון אלישעס ווײַטערדיקן לעבן, פֿון זײַן ווײַטערדיקן גורל.

און ער בלײַבט שוין דאָ איבער, אלישע, נאָר מיט יענעם, וואָס מיט די לאַנגע ווײַסע פֿינטלעכדיקע וויִעס, מיט דעם שוין אין די יאָרן גרויען לייטענאַנט, מיט דעם אַלטן תּפֿיסהניק, וואָס לייגט אַרויף אַ פֿינגער אויף די ליפּן און גיט דערמיט אלישען צו וויסן, אַז מ׳טאָר דאָ קיין קול ניט אויפֿהייבן, אַז מ׳דאַרף דאָ רעדן שטיל... און ער הייסט אים, אלישען, און אויף פֿינגער־לשון, אויסטאָן דעם שינעל, אַרויסלייגן פֿון די קעשענעס ביז אַ שטרויעלע; יאָ, יאָ, אויך דעם בלײַער, און אויך די בייגעלעך פּאַפּיר און אויך, יאָ, דעם רימען פֿון די הויזן און די בענדעלעך פֿון די שיך... און דערנאָך דערלאַנגט אים יענער, וואָס מיט די ווײַסע וויִעס און שוואַרצע שטעקשיך, אַ פּאַפּירל, ווו ס׳ווערט נאַקעט און שוין מיט אָפֿענער חוצפּה געזאָגט, אַז ער, אלישע, דער געוועזענער ייִדישער שרײַבער, איז אַרעסטירט געוואָרן כּדי אָפּצושטעלן זײַן, אלישעס, געפֿערלעך־פֿאַרברעכערישע אַנטי־מלוכה און אַנטיסאָוועטישע טעטיקייט... און דערנאָך, ווען אלישע ווייסט שוין ווער ער איז, אַז ער איז ניט מער ווי אַ געוועזענער ייִדישער שרײַבער, און ס׳ווערט אים שוין אויך קלאָר, פֿאַרוואָס ער איז פֿון לעבן אַרויסגעריסן געוואָרן, דעמאָלטן פֿירט אים יענער ווײַטער, עפֿנט אין וואַנט אַ טירל, וואָס איז מיטן אויג גאָרניט צו באַמערקן, הייסט אים אַרײַנגיין אַהין, און דאָס טירל ווערט באַלד צוריק פֿאַרמאַכט. בלײַבט ער, אלישע, שטיין צווישן די פֿיר ווענט, קוים זיך אַ דריי צו טאָן, — אויפֿן טורמע־לשון הייסט דאָס קעמערל „באָקס", ווו ס׳איז פֿאַראַן אַ ברעט צו זיצן און ווו ס׳שלאָגט פֿון קעגנאיבער אַ שטאַרקע ליכט אין פּנים אַרײַן, — אַ ליכט וואָס וויל פֿאַרשלאָגן די שײַן פֿון זײַן נשמה...

און אַרום שטייט אַ שטילקייט, און אַזאַ, ווי די וועלט וואָלט מיט אַ מאָל דערוואָרגן געוואָרן, ווי אַלדאָס לעבעדיקע וואָלט פּלוצלינג אין אַ תּהום אַרײַן. און אלישע פֿילט, אַז אין אָט דער געדיכטער שטילקייט הייבט ער אָן צו זינקען, ווי אין אַ גרינעם, ווי אין אַ מאָך־באַוואַקסענעם זומפּ, וואָס ציט וואָס ווײַטער אַלץ טיפֿער אַהין, — אָט באַלד, און די שײַן פֿון די אויגן וועט

אים אויסגעלאָשן ווערן און ער וועט פֿאַרלירן אויך דאָס לעצטע ברעקל שיינקייט פֿון דער מאָך־גרינקייט... וויל זיך אים אָנהייבן צו שרייַען, צו רופֿן, צו בעטן הילף, נאָר ער ווייסט, אלישע, אַז אויב ער וועט אפֿילו שרייַען מיט אַ קול פֿון אַ לייב אין מידבר, וועט זייַן קול אין דער גאָרער וועלט ניט דערהערט ווערן. און אויך די ליכט אַנטקעגנאיבער, וואָס שלאָגט אין פּנים אַרייַן, איז אַ שוואַרצע, און אַ קאַלטע, און ס׳ווייעט פֿון איר מיט עפּעס אַ מין שוידערלעכן אומקום, ווי זי, אָט די פֿריר־שוואַרצע ליכט, וואָלט אויף אים ניט פֿון אויבן, נאָר ווי פֿון אונטער יענעם גרין־מאָכיקן זומפּ געגאַנגען.

אין אָט דער זומפּיק־שטייענדיקער שטילקייט, שוין זיצנדיק אויף דער ברעט צווישן די פֿיר ענגע ווענט, אין די דלד אמות, וואָס איז אים פֿון דער גאַנצער ערד געבליבן, בייַ דער שוואַרצער ליכט פֿון „באָקס״, זעט ער, אלישע, אויף דער פֿאַרב־אָפּגעשיילטער טיר ר׳ שמואל־יאָסלען מיט דער ספֿר־תּורה אויף די הענט אַרום דער באַלקע מיט די אויסגעהרגעטע, אין בלוט פֿאַרגאָסענער, זיך נאָך וויגנדיקער עדה ייִדן, און אויך אים, פּיטשען, אַרויף־צו, אויפֿן זאַמדיקן בערגל, זעט ער, אלישע, בייַם ברענענדיקן צלם, אין דעם פֿאַרבלוטיקטן ווייַסן קיטל, אַ באַרוועסן ליגן; ביידע אויגן שוין אָפֿן — מער קיין סודות דאָ אויף דער ערד האָט ער שוין ניט, פּיטשע, און ביידע, די אַלע יאָרן טרוקענע אויגן, זייַנען אים פֿול מיט רייַנע בליאַסקנדיקע טרערן... ער ליגט, פּיטשע, בייַם ברענענדיקן הילצערנעם צלם מיטן ווייַס־צעצאַרנטן פּנים אַרויף, די ווילדע באָרד וויכערט אים אויף די ווינטן און די רעכטע האַנט איז אים מיט אַ פֿויסט צום הימל אויפֿגעהויבן. און ס׳קומען אים דאָ אַרויף, אלישען, יענע ווערטער, וואָס פּיטשע האָט אים דעמאָלטן און דאָרטן אין שטעטל, אויסשפּרייטנדיק אויפֿן טייַך דעם קיטל בייַם וואַסערפֿאַל, אויף די סקאַלעס, אין יענער וווּנדער־אויסגעלבנהטער נאַכט געזאָגט: „באַהיט זאָל מען ווערן פֿון אונדזער ייִדישן גאָט, פֿון פֿרעמדע געטער וועלן מיר זיך אַליין אויסהיטן!״

און באַלד, זינקענדיק טיפֿער אין דער זומפּ־שטייענדיקער שטילקייט, כאַפּט נאָך זייַן אויג אויף, טאַקע אויף יענער פֿאַרב־אָפּגעשיילטער טיר, טאַקע בייַ דעם שוואַרצן „באָקס״־ליכט, ווי שיינדל מיט דער קלענערער טאָכטער, מיט לאַרען, צווישן די אָנגעוואָרפֿענע זאַכן, זיצן אויף דער ערד שיבֿעה, און ניט נאָר נאָך אים, אלישען, נאָר שוין אויך נאָך אַ פֿאַרלוירן־

פאַרשפּילטן לעבן... ווי ביידע, די קעפּ אַרײַנגענומען אין די הענט, וויגן און וויגן זיך, אָן אויפהער און אָן אָפּשטעל, ווי דער אומרו פון דעם טונקל־ברוינעם זייגער אויף דער וואַנט; אָבער ווי אַזוי יענער טונקל־ברוינער וואַנטזייגער קלאַפּט דאָרטן אויס די צײַט, דאָס הערט ער שוין דאָ ניט, אלישע, — די צײַט איז דאָך אָפּגעשטעלט געוואָרן און זי, די טויטע וועלט, וויגט זיך דאָרטן אויפן אומרו, ווי אויף אַ תּליה... דערפאַר אָבער הערט ער אין אָט דער פאַרגליווערטער שטילקייט, ווי ס'שלאָגן דאָרטן בײַ ביידן, בײַ שיינדלען און דער טאָכטער, די הערצער. און פונעם הערן ווי יענע צוויי הערצער קלאַפּן אויס זייער ווינד־און־ווײ אין אַ שוין אָפּגע־שטעלטער, שוין אין אַ טויט־אויסגעליידיקטער וועלט, נעמט אים דערפון וואָרגן און ס'פאַרפעלט אים דאָ לופט צו אָטעמען. נאָר מיט אַ מאָל עפנט זיך אויף די פאַרב־אָפּגעשיילטע טיר און די ווײַסע פינטלענדיקע וויִעס אין די שוואַרצע פאַנטעפל, מיטן פינגער אויף די ליפּן, ווײַזט אים, אלישען, מיט אַ ווונק, אַז מ'דאַרף אַרויסגיין.

זינקט ער, אלישע, ווײַטער און טיפער אין יענע זומפּן און צײַט־שטייענ־דיקע שטילקייטן, אומעטום די זעלביקע שוואַרצע ליכט, אין ערגעץ זעט מען ניט קיין ברעקלעלע טאָג... און פון ערגעץ קומט ניט קיין קלאַנג און קיין אָפּקלאַנג, קיין איין צוויטשער פון אַ וואָראָבעלע, קיין איין וואָרקע פון אַ טויב, וואָלט כאָטשבי דאָ געקלאָגט ערגעץ אַ פילין... און יענער, דער ווײַס־וויִעסדיקער פירט אים אַלץ טרעפּ־אַראָפּ און טרעפּ־אַראָפּ, ווו ס'שמעקט שוין מיט פײַכט און שימלדיקס, — פירט מען אים שוין אין אַ קעלער אַרײַן? און וואָס וועט מען דאָרטן, אינעם קעלער, פון אים וועלן און פאָדערן? וועט ער שוין באַלד זיך דערוויסן פאַר וואָס און צוליב וואָס מ'האָט אים אַזוי לאַנג געלאָזט זיך בײַם באַבי־יאַר און בײַם דניעפּער און אין די וואַלד־פאַרקן אַרומדרייען.

און ער פאַלט אַראָפּ שוין אויפן דנאָ, צווישן שימלענדיקע ווענט, דער צעמענטענער דיל איז שוין דאָ אַ נאַסער, און ס'שטייט דאָ אַ קעלט, און ס'שטייט דאָ איינער אין פוישטן מיט קאַלאָשן, אין אַ פעלצל, מיט אַ פּנים... און אלישע דערקענט אים גלײַך יענעם, פון יענער נאַכט, אין אוזבעקיסטאַן, פון קאַטאַ־קורגאַן, ווו אלישע, שוין אַן אָפּגעשווירענער, שוין אַן אויסגעבאַדענער, שוין אין די סאָלדאַטסקע קליידער, האָט באַדאַרפט מיט דער זיך־פאַרמירנדיקער טייל אויפן פראָנט, קיין סטאַלינגראַד פאָרן.

די טייל האָט זיך פאַרמירט פון אוזבעקן, וואָס האָבן אויף דער מלחמה ניט געוואָלט גיין, פּונקט ווי די אוקראַינער האָבן ניט געוואָלט לייגן זייערע קעפּ פאַר דער ראַטנמאַכט, וואָס האָט ביי זיי די ערד צוגענומען, אין די קאָלכאָזן זיי פאַרטריבן, געלאָזט זיי מיט ווייב און קינדער פון הונגער שטאַרבן... זיי, די אוקראַינער, האָבן די ביקסן געוואָרפן, אין די דערפער זיך אומגעקערט, צו זייערע משפחות און באַגעגנט די דייטשן מיט ברויט און זאַלץ אויף די אויסגענייטע האַנטעכער... אויך דאָ, אין אוזבעקיסטאַן, האָבן די מוסולמענער, וואָס האָבן אַ וואָרט רוסיש ניט פאַרשטאַנען, זיך אָנגעטאָן געבראָטענע ליידן, געשלונגען צוועכעס און אַזעלכע קריי־טעכצער, וואָס האָבן ארויסגערופן געשווילעכצן, קדחת און בויך־קראַמפּן.

און יענע טייל האָט מען אויך צונויפגעשטעלט פון פאַרווּנדיקטע, וואָס קערן זיך שוין אום פון די שפּיטאָלן צוריק אויפן פראָנט. דער עיקר אָבער פון קרימינעלע פאַרברעכער, וואָס מ׳האָט פון די טורמעס אַרויסגעלאָזט און מ׳שיקט זיי אויסקויפן די שולד מיט זייער בלוט פאַרן פאָטערלאַנד... — אָט דעמאָלטן און דאָרטן האָט ער זיך געטראָפן, אלישע, מיט יענעם, וואָס שטייט איצטער ווי אַ תּקיף דאָ, אין דעם טורמע־קעלער, צווישן די שימלענ־דיקע, מיט פּרירטוי באַדעקטע ווענט, אין דעם מלכותדיקן שאָפּן־פּעלצל, אין די הויכע פּוישטן, וואָס אונטער די קני אונטערגעבויגן, ווי ביים יעגער פאַרן אַרויסגיין אין ווינטערדיקן וואַלד אויף געיעג... אָפּנים, אַז אויך יענער האָט אים דאָ, אלישען, דערקענט, ווייל איבער זיינע קאַסאָקלעכע אויגן איז אים אַדורכגעלאָפן אַ גליַיך פייַערל, און די אייבערשטע ליפּ האָט זיך אים פון חידוש פאַרריסן, ווי געזאָגט: נו און נו, אויף אַזעלכס שוין גאָר זיך ניט געריכט!

און די טרעפעניש מיט אים איז דעמאָלטן און דאָרטן, אין קאַטאַ־קורגאַן, פאַרגעקומען אַזוי: אין יענער נאַכט ליגנדיק אויף די נאַרעס צווישן די רעקרוטן, צונופגעדריקט פוןביידע זייטן, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען זיך אַ דריי צו טאָן, — אַלע אברים ווערן פאַרהילצערט, דערצו נאָך שטורכעט אים דער שכן אין פּלייצע:

— קאָריש, גיב פאַררייכערן!

— מ׳האָט דאָך היינט געגעבן מאַכאָרקע.

— ביידע פּעקלעך פאַרשפּילט...

— וואָס הייסט?

— דוראַק! שפּילסט דען ניט אין קאָרטן?

פאַרשטייט שוין אלישע לעם וועמען ער ליגט, זעצט זיך אויף און שיט אים אַראָפּ פון פּעקל אַ ביסל מאַכאָרקע:

— ביסטו לאַנג געזעסן? — פרעגט אים אלישע.

— וועו? דאָס צווייטע מאָל?

— נו, יאָ, דאָס לעצטע מאָל, מיין איך...

— ניט לאַנג. פיר יאָר און זיבן טעג.

— און וויפל האָט מען דיר געגעבן?

— די גאַנצע קאַטושקע...

— פינפאונצוואַנציק יאָר? פאַרוואָס?

— איך האָב אונטערגעשטאָכן איינעם אַ דאָן־זשואַן... כאַ־כאַ!

און דאָס ווערט געזאָגט מיט אַזאַ קול און מיט אַזאַ פשוטקייט, ווי ס'וואָלט גערעדט געוואָרן פון איבערקערן אומגערן אויף עמעצנס קאָפּ, אויף אַ פאַרביי־גייער, אַן עמער קאַלטע וואַסער... און אויך פון דעם צופרידענעם געלעכטער, וואָס האָט זיך אַזוי געראָטן און מיט אַזאַ בריהשאַפט איינגעגעבן אַריינרוקן דעם מענטשן אַ מעסער אין האַרצן אַריין — כאַפּט אים, אלישען, אַ מאָדנע שרעק אַרום, ער קריכט אַראָפּ און לויפט אין דרויסן אַרויס, ווו ס'שטייט אַ קאַלטע נאַכט, אַ פינצטערע, — די טעג דאָרטן, אין קאַטאַ־קורגאַן, הגם שוין סוף זומער, נאָך אַלץ גלייך־אויסגעזונטע, מיט הייסע כוואַליעס מידבר־שטויביקע ווינטן, — די וואַסערן אין די אַריקן בלעזלען זיך ווי פאַרן פאַרזאָטן ווערן... און די נעכט פאַלן צו מיט אַ מאָל אַזעלכע, וואָס קילן די ביינער. — דאָרטן, אין דרויסן, אַרויפצו, זיצן אַרום אַ שייטער־פייער עטלעכע סאָלדאַטן און רייכערן. גייט ער אויך אַהין, אלישע, זעצט זיך צו ביים פייער־פלאַקער, פאַרדרייט פון אַ שטיקל „פּראַוודאַ" אַ ציגנפּיסל, שיט אָן מיט מאַכאָרקע, כאַפּט אַ ברענענ־דיקן צווייגל אַרויס און פאַררייכערט. אַ פאַרדאגהטער און פאַרטועטער אין זיינע מחשבות, דער עיקר, וואָס שוין אַריבער צוויי חדשים פון זינט ער איז צעשיידט מיט שיינדלען און די קינדער, — ער שרייבט צוויי מאָל אַ טאָג, אפילו פאַר זיי, פאַר די קינדער, אַ מעשהלע אין גראַמען אָנגעשריבן און פאַר איר, פאַר שיינדלען, אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל פון דריטן בוך פון וועגן די פּאַלעסיער יידן... אָבער קיין ענטפער, קיין איין וואָרט פון דאָרטן, פון כאַרעזם, נאָך ניט באַקומען. הערט ער זיך ניט צו, אלישע, וואָס די

סאָלדאַטן אַרום שײַטער רעדן, ער ווייסט אַז די רייד גייען וועגן ווײַבער. מ׳רעדט וועגן זיי גראָב, נאָר אין אָט די רייד פילט זיך אַזאַ צאַרטקייט און אַזאַ הייסע בענקשאַפט... פלוצעם ווערט ביַים שײַטער אַ קריג און איין סאָלדאַט האַלט שוין ביַים שלאָגן אַ צווייטן:

— אויב דו וועסט נאָך איין מאָל רעדן אַזוי וועגן ייִדן... אַ נו, חזר עס איבער!

— גיי צום טײַוול, — רײַסט זיך יענער אַרויס פון יענעמס הענט. — זע נאָר, זע, ווי ער נעמט זיך עס אָן פאַר די פאַרשאָלטענע!... — און אַרויס־רײַסנדיק זיך פון יענעמס הענט, גייט ער פון שײַטער אַוועק אין דער טונקלקייט, אַהין, צו די בערגלעך זאַמד. און אלישע קוקט זיך שוין מיט נײַגער אײַן אין דעם, וואָס האָט זיך דאָ אַזוי מסירת־נפשדיק אײַנגעשטעלט פאַר ייִדן, הגם ער האָט ניט געהערט פון וואָס ס׳האָט זיך אָנגעהויבן, און וועגן וואָס די רייד זײַנען דאָ וועגן ייִדן געגאַנגען. ביַים פלאַקער־פײַער זעט ער, אלישע, — ס׳קאָן גאָר קיין ספק ניט זײַן, זיצט אַ געוויינלעכער פויער־יונג, אַ דאָרפס־שגץ. פרעגט ער ביַי אים אויף אוקראַיִניש:

— פון וואַנען ביסטו?

— פון מערב־אוקראַיִנע. פון די באַפרײַטע ערדן... פון די קאַרפּאַטן! — און ער הייבט זיך אויך אויף און גייט אויך אַהין, צו די זאַמד־בערגלעך, און לייגט זיך דאָרטן מיטן „סידאָר״ צוקאָפּנס אויף דער ערד. אלישע גייט אים נאָך און לייגט זיך אויך לעם אים אַוועק.

— טשויעש? דו הערסט? — פרעגט אלישע ביַים הוצול. — פאַרוואָס נעמסטו זיך טאַקע אַזוי אָן די קריוודע פון ייִדן?

— אַ יאַק זשע, — ווערט יענער ווידער אויפגעבראַכט. — אַ יאַק זשע? טאָ מאַטי מאָיאַ קאָלישנאָ זשידאָווקאָ... קרעשטשענאָ! — ווי דען־זשע, די מאַמע מײַנע איז דאָך געווען פון אײַערע... אַ געטויפטע. נאָר אַלע פרײַטיק פאַרנאַכט פלעג זי גיין אין קלויסטער אַרײַן און אָנצינדן דאָרטן אירע ליכט.

— און אײַער פּאָפּ האָט עס געוווּסט?

— געוווּסט.

— און געשוויגן?

— דער פּאָפּ איז מײַן טאַטע.

— ער לעבט נאָך?

— ניין.

— און די מאַמע דײַנע?

— זי איז געשטאָרבן ווען איך בין אַלט געווען פינף יאָר. זי איז געשטאָרבן טאַקע אין קלויסטער בײַם אַנצינדן פרײַטיק פאַרנאַכט די ליכט.

פרעגט אים שוין אלישע מער גאָרניט — גורל! גורל! גורל! — און קוקט אַרײַן אַהין, אין די בלוי־שוואַרצע הימלען, ווי שטערן ברענען אין זייער עלנטקייט... ער וויל דאָרטן, אין יענע בלוי־שוואַרצקייטן דעם זינען פון מענטשלעכן גורל געפינען און מיט אַ מאָל דערזעט ער דאָרטן, טאַקע אין יענע שוואַרץ־טיפקייטן, נאָר אַראָפּ־צו, שוין גאָר נאָענט צו דער ערד, ווי אַ גרינלעך־טיפער טאָל ווערט מיט אַ רויטקייט אָנגעפּולט. ווערט אלישע שוין גאָר אויפגעציטערט, ס׳דערמאָנען זיך אים דאָ דעם טאַטנס ווערטער דאָרטן, אין דער כאַטע מיטן גראָבן שוואַרצן שטרויענעם דאַך, אויף די גויִשע גערטענער: „אַז ס׳גיסט זיך, מײַן קינד, בלוט אויף דער ערד, גיסט זיך אויך בלוט אויפן הימל״... און אלישע מיט אַ פאַרשטיקטן געשריי, קוקט זיך אײַן אין יענעם גרינלעכן טאָל, וואָס ווערט מיט יעדער רגע ברייטער און רויטער... ער זעט שוין אלישע קלאָר, אין דער גאַנצער נאַקעט־אָפנקייט, און דערצו נאָך מיט אַ פאַרבאָרגענער ליכט באַלויכטן, ווי דאָרטן ריזלט דאָס בלוט פון צענדליקער טויזנטער ייִדן איבער די באַרג־אַראָפּן און קינדער מיט זייער לעצטן געשריי „מאַ־מע״! קײַקלען און טראָגן זיך אין יענע שטראָמען בלוט באַרג אַראָפּ, אין באַבי־יאַר אַרײַן... ער קען אים גוט, אלישע, יענעם טאָל אויף קורעניאָווקע; ער פלעג אָפט גיין אויפן אַלטן ייִדישן בית־עלמין, זיך אַרומדרייען דאָרטן צווישן די קברים, שטיין בײַ די מצבות פון נחום שטיפן און בער באָראָכאָוו און דערנאָך זיצן ביז נאַכט־צופאַלן אויפן באַרג און קוקן אַראָפּצו אין דעם ברייטן און טיפן טאָל, וואָס איז אַרומגעזוימט מיט וועלדלעך און גערטענער און איבערן דנאָ פליסן ריינע און ליכטיקע וואַסערן... פאַרוואָס האָט עס אים, אלישען, דעמאָלטן אַזוי געצויגן אַהין, צום אַלטן, צום שוין לאַנג פאַרלאָזטן, צום ייִדישן הייליקן אָרט, און דער עיקר צום באַבי־יאַר? — ביידע, אלישע מיטן קאַרפּאַטער, מיטן זון פון דער געשמדטער, וואָס איז געשטאָרבן פרײַטיק פאַרנאַכט אין קלויסטער בײַם צינדן ליכט... ביידע ליגן זיי אויף דער קאַלטער ערד און רייכערן שווײַגנדיקערהייט. דאָרטן, ארויף־צו, בײַם אַריק, וואָס ווייעט מיט טוכלע וואַסערן, זיצט אונטערן בוים אַן אוזבעק און

ציט שטיל, ייִאושדיק, אונטערטעניק־פּאַרלוירן, אַ מזרח־מידברדיקן ניגון און פאַרבײַ גייט, ווי אין אַ דרעמל־שלאָף, אַ קאַראַוואַן קעמלען און ס׳קלינגט אַ גלעקל, וואָס וועקט, רופט און מאָנט עפּעס שוין טויזנטער יאָרן... און דאָ דערהערט זיך אויך יענעמס קול. יענער וואָס האָט זיך פריִער אַרויסגעריסן פון דעם קאַרפּאַטערס הענט און איז אַוועק צו די בערגלעך און גענומען דאָרטן מיט דער לאָפּאַטקעלע גראָבן דעם זאַמד, — אלישע האָט ניט געקאָנט באַנעמען צוליב וואָס גראָבט ער דאָרטן? — יענער האָט פּלוצעם גענומען רופן:

— העי, איר, קומט אַהער, פאַרשיט מיך!

— איך וועל גיין! — זאָגט דער קאַרפּאַטער.

— ניין, — לאָזט אים ניט אלישע. — ווי רופט מען דיך?

— מיר רופט מען דאַנילאָ, דאַנילאָ זאַזוליאַ.

— הער, ברודער מײַנער, דאַנילאָ, דו בלײַב דאָ ליגן. ס׳קאָן ווידער דערגיין בײַ אײַך צו אַ געשלעג. פאַר פאַרפירן דאָ אַ געשלעג קאָן מען דיך אַוועקשיקן אין אַ שטראָף־ראָטע... דו ליג דאָ! — און אלישע גייט אַליין אַהין־צו זען, וואָס וויל יענער און נאָך וואָס רופט ער? און ווי דערשטוינט ווערט ער, אלישע, דערזעענדיק יענעם ליגן אין אַן אויסגעגראָ־בענעם אָקאָפּל.

— האַ, דו ביסט אַליין געקומען? נאָך בעסער... נעם און פאַרשיט מיך לעבעדיקערהייט! אײַערע זײַנען דאָך אויף אַלץ פעיִק.

גייט אלישע מיט יענעם אין קיין רייד ניט אַרײַן, נעמט פון יענעמס הענט אַרויס די לאָפּאַטקע און הייבט אָן צו שאַרן די ערד אין אָקאָפּל אַרײַן, אויף די אויסגעצויגענע פיס. יענער ליגט אין זײַן אויסגעגראָבן קבֿרל און טוט זיך ניט קיין ריר... די צוויי גרינע קאָמעס אין זײַנע קאָסאָקלעכע שוואַרצאַפּלען טוען אים נאָר אַלע מאָל, ווי בײַ אַ קאַץ, אַ בליץ אין דער פינצטערניש. אָבער ווען אלישע האַלט שוין בײַם שאַרן זאַמד אויף די קנעכל, דעמאָלטן טוט שוין יענער ווידער, נאָר שוין מיט אַ ביז גאָר דערשטיקט קול, אַ זאָג:

— נו, יאָ, פאַרשטענדלעך, אײַערע זײַנען דאָך אויף אַלצדינג פעיִק!

— וואָס מאַכסטו זיך נאַריש, — פרעגט שוין בײַ אים אלישע. — וואָס האָט מיט דיר אַזוינס געטראָפן?

— מ׳האָט מיך אַראָפּגעשריבן... ווי אַן אינוואַליד.

— איז גיי דיר צו זיך אַהיים, צו דײַן ווײַב און קינדער. דאָרטן וועסטו...

— וועלכע היים? — שלאָגט אים יענער איבער. — ווו האָב איך אַ היים? מײַן היים, מײַן ווײַסרוסלאַנד, מײַן דאָרף, מײַן ווייב און צוויי קינדער, זײַנען בײַ די דײַטשן!

— וועסטו דערווײַל, ווי אַ סך אינוואַלידן, ביז מ׳וועט באַפרײַען דײַן היים, פאַרבלײַבן דאָ, אין מיטלאַזיע, אָדער פאָרן אויף אוראַל, קיין סיביר, אומעטום זײַנען פאַראַן גענוג סאָלדאַטקעס אלמנות, וואָס וועלן דיך אַרײַנ־נעמען צו זיך אין שטוב אַרײַן.

— מיך? מיך? — הייבט ער זיך מיט אַ מאָל אויף פון זײַן קברל, שפּאַרט זיך אָן אויף די עלנבויגנס און די צוויי גרינע קאָמעס אין די קאָסאָקלעכע שוואַרצאַפּלען נעמען פײַערן אויף אלישען. — מיך וועלן זיי אויף מאָרגן אַרויסטרײַבן... צו וואָס דאַרף זי מיך האָבן, די אלמנה? — פרעגט ער שוין מיט צאָרן. — צי וואָס דאַרפן זיי מיך די ווײַבער, אַז אויפן פראָנט האָט מיר אַ שפּליטער אָפּגעריסן אַלדאָס מאַנצבילשע... קיין סימן ניט פאַרבליבן... אויף וועלכע רוחות דאַרף זי האָבן אַזאַ קריפּל? — און ער לייגט זיך צוריק אין קברל אַרײַן: — שיט ווײַטער! שיט! פאַרשיט מיך! באַגראָב מיך לעבעדיקערהייט!

און איצטער, שוין אין יאָרן אַרום, שוין דאָרטן, שוין אויפן דנאָ פון דער עמגעבע־טורמע, שוין אין דעם קעלער מיט די פײַכט־שימלענדיקע ווענט, מיטן נאַסן צעמענטענעם דיל, דאָרטן טרעפט ער, אלישע, יענעם אין אַ פעלצל אַריבער די קני, אין פּוישטן מיט טיפע קאַלאָשן... אויך בײַ יענעם, דערזעענדיק דעם נײַעם אַרעסטאַנט, טוען זיך אַ צינד אָן די צוויי גרינע קאָמעס אין די קאָסאָקלעכע שוואַרצאַפּלען. באַלד אָבער ווערן זיי אויסגעלאָשן און צינדן זיך שוין מער ניט אָן. ס׳איז צו זען ווי אין יענעמס מוח גייט אַ שווערער געראַנגל... ענדלעך טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און באַפוילט:

— זיך אויסטאָן! — און ער ווײַזט מיטן גראָבן פינגער אויף דער באַנק, וואָס בײַ דער וואַנט. דאָרטן שטייט אַ שמאָלער לאַנגער טיש. — אויסטאָן די שטיוול! אַראָפּנעמען פון זיך אַלץ! אַלץ! אַלץ! דאָס וועש אויך!

און אַז אלישע שטייט שוין אַ נאַקעטער און מיט די באָרוועסע פיס אין דער נעץ, דעמאָלטן ווערט מיט אַ מאָל אין דעם קעלער שטאַרק ליכטיק אויף פאַרבלענדט צו ווערן און יענער הייבט אָן אײַנצובייגן און אויסצוגלײַכן

אלישען, — ער קוקט אַרײַן אין אַלע נקבים נקבים אין אַלע חלולים חלולים, אין אַלע פֿאַרבאָרגענע און פֿאַרשטעלטע ערטער. און דערנאָך, מיט אַ פֿינצטער געוואָרענעם פּנים, לעשט ער די שטאַרקע ליכט אויס און נעמט פֿון אונטערן פּעלצל אַרויס אַ מעסער אויף אַ קייטל און שטעלט אָפּ אלישען, וואָס וויל זיך אָנהייבן אָנטאָן, ווײַל די קעלט גייט אים שוין אין אַלע ביינער אַרײַן.

— וואַרט! אַז מ׳וועט דיר הייסן, וועסטו זיך אָנטאָן! — און ער נעמט מיטן מעסער אָפּשנײַדן די מעשענע קנעפּ פֿון אלישעס אַלטן שינעל. און דערנאָך שנײַדט ער שוין די אײַזערנע קנעפּלעך פֿון די הויזן און וואַרפֿט אָפּ אָן אַ זײַט אויך דעם רימען, די בענדלעך פֿון די שיך.

— ווי אַזוי זשע וועל איך קאָנען? — וויל אים אלישע פֿרעגן. —

— זיך אָנטאָן! — קומט אָן ענטפֿער.

און באַלד שטייט שוין אין טיר דער פּריִערדיקער, וואָס אין די שוואַרצע פֿאַנטאָפֿל מיט די ווײַסע וויִעס, האַלט דעם פֿינגער אויף די ליפּן... און ער פֿירט אים, אלישען, צווישן די גרוי־שווײַגנדיקע ווענט אַרויף צו די טרעפּ, ברענגט אים צוריק אַהין, אין „באָקס" אַרײַן און פֿאַרשליסט די טיר.

# יב

און אַז אלישע ווערט דאָרטן, בײַם דניעפּער־טײַך, אין דער זומפּ־שטיל־קייט אַרײַנגעוואָרפן, אין דעם שטייענדיקן „באָקס״־אָרון — פון דער גאַנצער ערד פאַרבלײַבט אים נאָר איין טראָט און בײַ דער שוואַרצער ליכט זעט ער דאָרטן ווי שמואל־יאָסל מיט דער ספר־תורה אויף די הענט לויפט אַרום דער באַלקע מיט דער אויסגעהרגעטער עדה ייִדן און פּיטשע ליגט בײַם ברענענדיקן הילצערנעם צלם אין דעם ווײַס־פאַרבלוטיקטן קיטל, אַ באָרוועס־סער, ביידע אויגן אָפן, — ער האָט שוין ניט קיין שום סודות פאַר דער וועלט... ער ליגט, פּיטשע, מיטן צעצאָרנט־אויסגעקרומטן פּנים אַרויף, מיט די צוויי ריין־ליכטיקע טרערן אין די אויגן, און די רעכטע האַנט איז אים מיט אַ פויסט צום הימל אויפגעהויבן; און אויך דאָרטן, אין יענעם עמגעביס־טישן אָרון, טאַקע בײַ יענער שוואַרצער ליכט, זעט ער, ווי זיי, שיינדל מיט דער קלענערער טאָכטער, מיט לאַרען, זיצן אויף דער ערד צווישן די איבערגענישטערט־צעריִעטע, אָנגעוואָרפן און איבערגעוואָרפענע זאַכן און צעבלעטערטע ביכער... — און שפּעטער, שוין נאָך יענעם נאָס־קאַלטן קעלער, ווו אלישע איז לאַנג אויף דער קעלט אַן אויסגעטאָנענער געהאַלטן געוואָרן, און דערנאָך ווידער פאַרטריבן געוואָרן אַהין, אין דעם שטייענדיקן אָרון, ווו צײַט און רוים און שטח הייבן אָן צו פאַרלוירן גיין, — זיי ווערן אין דער זומפּ־שטילקייט אײַנגעזויגן און אַרײַנגעזונקען, ווו שאָטנס און געשפּענסטן ווערן ווירקלעכקייטן, ממש מיט דער האַנט זיי אָנצונעמען, מ׳הערט אפילו זייערע געלעכטערן, — זיי קוועלן פון עפּעס אָן... אָט דעמאָלטן, אַז ער איז דאָרטן, אין יענער עמגעבע־טרונע, שוין אַ האַלב־דערפרוירענער, ווידער אַ מאָל פאַרשפּאַרט און פאַרשלאָסן געוואָרן, אָט דעמאָלטן האָט דאָ, בײַם שמאָלן פענצטער, וואָס צו די בערג פון ירושלים, דער אַלטער שרײַבער אלישע בן־מאיר פּלוצלינג אין דער לינקער זײַט יענע ווייטיקדיקע קעלט דערפילט, און דעם ברייט־געשטרײַפטן וואָלענעם שאַרף אויף די אַקסלען אַרויפגעוואָרפן, הגם פון די מידבריותן גייען נאָך,

שוין אין טיפן האַרבסט, חמסין־ווינטן, די דערוואַרטע רעגנס פאַרהאַלטן זיך ערגעץ־ווו, אין כנרת נידערן די וואַסערן, די פעלדער דאַרשטן נאָך אַ הימלרעגן, וואָס זאָל פאַלן אַ נאַכט און אַ טאָג און אַ נאַכט... נאָר די הימלען איבער די בערג פון יהודה וויגן זיך אין הייסע בלויקייטן, קנוילן זיך אין ווײַס־בלענדיקע רויכן און צו־שקיעה־צו שרײַען אומרויִק אין טאָל די גרויִ־ ברוינע טערקלטויבן אויף די רויטע דעכער פון די מעברה־שטיבלעך.

און דאָך, הגם שוין יענע ווייטיקדיקע קעלט און אויך די ענגשאַפט אין האַלדז דערפילט, דאָך הייבט ער זיך נאָך ניט אויף, אלישע בן־מאיר, פון שרײַבטיש, וויקלט זיך נאָך שטײַפער אין דעם שאַרף אײַן, און נעמט זיך ווײַטער מיטן פריִערדיקן אימפעט און אויפגערעגטקייט, אָנוואַרפן אויף די דינע ראָזעווע בויגנס פּאַפּיר דעם סוף פונעם קאַפּיטל, כדי מאָרגן אײַנדערפרי, קאָנען שוין באַדאַכט־רויִק, אויסמעקן און צוגעבן, בײַטן און איבערשטעלן, שניצן און שלײַפן, דערבײַ אָבער דעם פײַער פון די שורות ניט אַרויסנעמען און ס'זאָל חלילה־וחס ניט פאַרבלײַבן קיין קאַלט־לבנהדיקע ווערטער, ווי ווילד זיך־וואַלגערנדיקע שטיינער אויף אַן אַקערפעלד.

אָבער אויף מאָרגן, און ווי תּמיד אין די גאָר פריִע שעהען, זיצנדיק אײַנגעבויגן, מחמת דער שוין גאָר שוואַך געוואָרענער ריאה, איבערן שרײַב־ טיש און וועלן דאָס פון נעכטן, אויף דער הייסער מינוט, אָנגעוואָרפענע צו שלימות ברענגען און דעם אַ תּיקון געבן, האָט שוין אָבער אלישע בן־מאיר געקאָנט נאָר געציילטע פינף שורות אַרומשלײַפן און דערנאָך שיינדלען גערופן און געבעטן זי זאָל אים העלפן אין בעט גיין, ווײַל אַ גרויסע שוואַכקייט איז אים באַפאַלן און אויך אין האַלדז ווערט אים עפּעס וואָס ווײַטער אַלץ ענגער און ענגער... האָט שיינדל אויף אים איר בליק געוואָרפן און אָן אַ וואָרט צו זאָגן באַלד פאַר אים דעם געלעגער געמאַכט און די היץ אים אָפּגעמאָסטן, האָט ער שוין בײַ אַכטאונדרײַסיק גראַד געהאַלטן.

און אין האַלדז ווערט אים וואָס ווײַטער אַלץ שמאָלער און ענגער, שוין טאַקע ביזן ניט קאָנען אַ טראָפּן וואַסער אַראָפּצושלינגען... און דער אַלטער שרײַבער, וואָס קאָן קיין עוולות און אכזריותן אפילו דער נאַטור ניט מוחל זײַן, ווערט דאָ אויפגעבראַכט און אויפגעצאַרנט: פאַרוואָס איז אויף אים גראַד איצטער אַ שלאַפקייט אָנגעפאַלן, גראַד ווען יענער אלישע איז ווידער אין דעם שטייענדיקן „באָקס"־אָרון פאַרשפּאַרט געוואָרן? — און הגם דער

אַלטער שרײַבער קאָן זיך שוין אויף יענעם אלישען פאַרלאָזן, ער ווייסט גוט, אַז יענער וועט שוין דאָרטן אַלץ אויסשטיין און זיך ניט לאָזן אײַנבייגן און פאַלן; יענער אלישע וועט דאָרטן דעם בלוטיקן שונא־ישראל, וואָס גרייט די רויטע עשאַלאָנען אויף אַרויסצופירן יידן אין ווילדע קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס, מיט גאָרניט ניט אַנטקעגן גיין, — ער פילט דאָרטן, יענער אלישע, די גרויסע אחריות וואָס דער גורל האָט אויף אים אַרויפגעלייגט און ער וועט קעגן זײַן פאָלק קיין מינדסטע זינד ניט באַגיין... אָבער ער ווייסט דאָך דאָ אויך, דער אַלטער שרײַבער, דער גרויסער בעל־נסיון, דער קעגן שטראָם און עלנטער פּוסגייער, אַז יענער אלישע וועט דאָרטן וועלן אויף זיך די הענט אַרויפלייגן, כדי פאַר דעם נסיון פון פּײַניקונגען ניט געשטעלט ווערן... און ער, דער אַלטער שרײַבער, מוז דאָך אויך זײַן דאָרטן מיט יענעם אלישען אין דער עמגעבע־תפיסה, אים שטאַרקן דאָרטן און פעסטיקן, און דאָ גאָר, אומגעריכט, קומט אויף אים, אויף אלישען בן־מאיר, אָט די האַלדז־שלאַפקייט און דערצו נאָך מיט אַזאַ בריִעניש, ווי דער גאָרגל וואָלט אים מיט אַ פלאַם־פײַער אַרומגעכאַפּט געוואָרן, — אַזוינס האָט ער נאָך פאַר אַלע זײַנע יאָרן ניט געהאַט, אפילו ניט דעמאָלטן, אויף די גערטענער, ווען דער בעל־תשובה, דער פאַרפרומטער דאָקטער, משה־אהרן ווײַסגאַל, האָט אים די מכה אין העלדזל, אינמיטן דער נאַכט אויפגעשניטן.

און אַז זי, שיינדל, דערזעט וואָס מיט אלישען קומט דאָ פאָר, אין אַוועלכן מצב ער געפינט זיך שוין, ווי שווער ער איז צום בעט געפאַלן, וואַרט זי ניט ביז דער רופא וועט קומען, לויפט צו די שכנים און קריגט בײַ זיי די געוווּנטשענע רפואות, קערט זיך אום, זעצט זיך בײַ זײַן צופוסנס:

— נעם, — זאָגט זי מיט אַן אומברחמנותדיקן קול, — שלינג אַראָפּ! דו מוזסט די אַנטיביאָטיקעס אײַננעמען! דו דאַרפסט און דו מוזסט! — און אין אירע אויגן ווידער יענער צער פון דער וויכער־נאַכט ווען די דרײַ פאַר־שנייטע מאַקינטאָשן זײַנען געקומען אים, אלישען, פון לעבן אַרויסרײַסן.

נעמט ער דעם ווײַס־גרינעם קאַפּסול אין מויל אַרײַן און קאָן אים אָבער בשום אופן ניט אַראָפּשלינגען, — דער האַלדז איז אים פאַרמאַכט און מיט אַ פײַערדיקן ווייטיק פאַרחתמעט געוואָרן. נאָר שיינדל בײַ זײַן צופוסנס, דעם קאָפּ שוין איןביידע הענט אַרײַנגעצנומען, חזרט ווידער און אָבער אַ מאָל:

— דו מוזסט! דו מוזסט אָט די אַנטיביאָטיקעס אַראָפּשלינגען... דו מוזסט... דו מוזסט!...

און אַז אלישע, נאָך גרויסע מאַטערנישן, אַ באַשלאָגענער מיט נויט־שווייס, האָט דורכגעבראָכן די זיבן פֿײַערדיקע שלעסער, — דעם קאַפּסול מיטן חלשות־ריח אַראָפּגעשלונגען, דאָ גיט זי אים באַלד נאָך איינעם: — דו מוזסט אויך דעם צווייטן בײַקומען! דו מוזסט! — און זי נעמט ווידער דעם קאָפּ אירן אין בײדע הענט אַרײַן, — דו מוזסט!

און אַז דער רופא איז פֿרײַטיק, שוין נאָך האַלבן טאָג געקומען צו אים, צו אלישען, און אים אין האַלדז אַרײַנגעקוקט, און אויך דעם סטעטאָסקאָפּ צום האַרצן און צו די לונגען צוגעשטעלט, — דאָס הערטרײַבל האָט אים אָבער, דעם רופא, גאָרניט געלאָזט צו הערן... — ס׳איז אַ שטאַרקע, אַנגינע, זייער אַ שטאַרקע, חזק מאוד! מ׳דאַרף די גרין־ווײַסע איקאָפּען־קאַפּסולן פֿיר מאָל אַ טאָג אײַננעמען, אומ־באַ־דינגט! שבת שלום! — פֿאַרהאַלט אים אלישע: — דאָקטער, איך וועל דאָך באַלד דערשטיקט ווערן, דער גאָרגל ברענט מיר ווי דער דאָרנבוים אין מידבר, ברענט און ווערט ניט פֿאַרברענט... כ׳קאָן די קאַפּסולן ניט אַראָפּשלינגען! כ׳קאָן ניט... איך וועל אָט די ווייטיקן און ברײַענדיקע וואַרגענישן לאַנג ניט קאָנען איבערטראָגן. — באַרויִקט אים דער רופא: — יאָ, אַ שווערע אַנגינע. חזק מאוד!

קאָן אלישע ניט פֿאַרשטיין, פֿונוואַנען האָט זיך צו אים פּלוצלינג אָט די אַנגינע גענומען און דערצו נאָך אַזאַ שטאַרקע? אַמאָל אין די קינדער־און אויך אין די שפּעטערע יאָרן, ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ער יאָ אויף אַנגינעס און אויף שטאַרקע געליטן, אָבער נאָכדעם, נאָכן אַרויסוואָרצלען אים די מאַנדלען, האָט ער דאָך שוין פֿון קיין שום האַלדז־ווייטיקן ניט געוווּסט, אפֿילו ניט בשעת דער מלחמה, ווען קײַלעכדיקע מעת־לעתן אונטער רעגן און שניי, און אויף דער הוילער ערד געלעגן... און דאָ גאָר, אין ירושלים, אין די שפּעט־האַרבסטיקע חמסין־שטייענדיקע טעג, מיט אַ מאָל, פּלוצלינג, און אַזאַ חזק־מאוד־אַנגינע? — און בײַם טאָג־זעצן־זיך קאָן שוין אלישע ניט נאָר אַ טראָפּן וואַסער ניט אַראָפּשלינגען, נאָר ער קאָן שוין פֿון ווייטיק אַ וואָרט ניט אַרויסברענגען, — יעדער וואָרט רײַבט און דראַפּעט אין ברענענדיקן גאָרגל און די הימלען אין שמאָלן פֿענצטער ווערן פֿלאַמיקער און אין די אויגן שטעלט זיך אים אַ שקיעה־

שייַן... נאָר שיינדל בלייַבט ווי פריִער אומדערבאַרעמדיק, דאָס האַרץ ווי בייַ אַ גזלן אין וואַלד: נאָכן אָנצינדן די שבתדיקע ליכט, דערלאַנגט זי אים נאָך אַ מאָל פון יענע איבלדיקע ווייַס־גרינע קאַפּסולן, און זעצט זיך ווידער בייַ זייַן צופוסנס, דעם קאָפּ אין די הענט אַרייַנגענומען: — דו מוזסט די אַנטיביאָטיקעס אייַננעמען... דו מוזסט!

אין משך פון דעם שבתדיקן מעת־לעת האָט ער ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג, — אויף דער וואַנט אַ טונקל־רויטער אויפשריפט, אַ שורה מיט שאַרף־קאַנטע אותיות, ניט צו איבערלייענען, ווי מיט שפּיגלשריפט געשריבן... און ווייַטער פון אָט דער סודותדיקער שורה, שוין אונטן, טאַקע דאָרטן בייַ דער טיר, אויף דער ערד, צווישן די דרייַ זיך־וויגנדיקע קיפּאַריסן, וואָס זייַנען ענלעך אויף די ווייַטע פּאַלעסיער זילבערטאָפּאָלן, דאָרטן זיצט שוין יענער, דער ביינערדיקער... אין יענעם מעת־לעת, בייַם אָנשטרענגען אַלע זייַנע כּוחות, דעם גאַנצן ווילן, האָט ער ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען אפילו איין טראָפּן וואַסער, וואָס זאָל כאָטש אויף אַ רגעלע אַ לעש געבן די שרפה אין האַלדז, אָבער די גרין־ווייַסע איבלדיקע קאַפּסולן האָט ער יאָ געשלונגען, ווייַל אין שיינדלס אויגן איז אויך אַ פלאַמיקע שקיעה־שייַן געשטאַנען.

און שפּעטער, שוין צו האַלבער נאַכט, שיינדל דרעמלט איין בייַ זייַן צופוסנס, בלייַבט ער שוין גאָר אָן אָטעם. פאַר די אויגן וויכערט אים אויף דער וואַנט יענע טונקל־רויטע שורה מיטן שפּיגלשריפט, וואָס איז ניט צום איבערלייענען, און די שרפה אין האַלדז צעפלאַקערט זיך אַזוי, אַז אין גריבעלע, אונטערן גאַרגל, הייבט אים אָן צו זידן. און די זידעניש אין גריבעלע ווערט שוין אויף אַ רגע ניט געשטילט. און ס׳זידט, און ס׳בולקעט, און ס׳יוירט ביז צו משוגע ווערן, און אויך די פּייַפלען פונעם האַרצן הייבן אים אָן צו שפּילן און יענער, בייַ דער טיר, דער ביינערדיקער, דרייט זיך אַרום צווישן די דרייַ לילאָווע קיפּאַריסן, און זאָגט צום אַלטן יידישן שרייַבער מיט אַ קול פון דערבאַרעמדיקייט און גרויסן מיטגעפיל:

— דו זעסט דאָך שוין אַליין, אַז די טויערן פון הימל זייַנען פאַר דיר פאַרשלאָסן, אויב דו זאָלסט שוין אפילו יאָ בייַ מיר בעטן עטלעכע יאָר לעבן פון יענעם אינדזל, פון יענע קינדערשע ניט אויסגעלעבטע יאָרן, קאָן איך זיי שוין דיר אויך ניט געבן. שוין צו שפּעט! דו ווערסט גערופן אַהין!... דער טויט איז לעבעדיקע יסורים... און דו, ר׳ אלישע בן מאיר

הכהן, דו האָסט ניט וואָס צו זײַן אויפגעבראַכט און צו זײַן אַזוי צעצאָרנט!
אויך דו האָסט געזינדיקט אין דײַנע פריערדיקע לעבנס. דו האָסט דעמאָלטן שטאַרק געזינדיקט און דו מוזסט זיך פאַר זיי צעצאָלן, דו מוזסט פאַר זיי אָפּקומען!

— פאַר יענע לעבנס? — כריפּעט קוים אלישע אַרויס. — פאַר יענע לעבנס? איך געדענק דאָך פון יענע לעבנס גאָרניט ניט!

— דו געדענקסט יאָ!... די נשמה גייט דאָך אַדורך אַ סך מאָל דאָס ערדישע לעבן, און דער מענטש, וואָס אים דאַכט זיך, וואָס איז אפילו זיכער, אַז ער איז אומשולדיק, אויך ער דאַרף זיך צעצאָלן פאַר די פריערדיקע זינד... יעדער מענטש מוז עס וויסן, ווײַל אויב ער ווייסט עס ניט, קאָן ער, דער מענטש, ניט פאַרשטיין זײַן גורל, זײַן פרײַהייט...

— האַ־האַ, — שרײַט דער אַלטער ייִדישער שרײַבער פונעם ברענענ־דיקן גאָרגל אַרויס. — האַ־האַ, דו, ביינערדיקער, דו, מלאך־המוות, דו ווילסט געפינען אַ פאַרענטפערונג פאַר אכזריות?

נאָר יענער רופט זיך ניט אָפּ אויף אלישעס פאַרצווייפלטן געשריי. פון צווישן די לילאָווע קיפּאַריסן, וואָס וויגן זיך בײַ דער טיר, דערהערט זיך אַ קלאַפּ פון אַ ביין אין אַ ביין, — דער מלאך־המוות פאַרלייגט די הענט אויף די געלע ריפּן און אונטערן נאַקעטן ברויך־גלאַנציקן שאַרבן צינדן זיך אָן אין די טיף־קײַלעכדיקע אויגנלעכער צוויי פײַערן, וואָס באַלײַכטן שטאַרק די וואַנט:

— נו, איצט זעסטו שוין וואָס אויף דער וואַנט איז אָנגעשריבן? דאָס איז דאָך אַבנרס פאַרבלוטיקט צעטעלע וואָס ער האָט פאַרן נעמען זיך דאָס לעבן אָנגעשריבן... אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ, און אין דער וועלט איז קיין היים ניטאָ! אויך דו ביסט געלאָפן, און אויף די עלטערע יאָרן, און מיט לעצטע כוחות... דו ביסט דאָך...

און דאָ פאַרלירט ער, אלישע, יענעם פון אויג און פון אויער, און דערזעט זיך מיט אַ מאָל גאָר דאָרטן, אין דעם ווײַטן וואַלד, אין אַ וווּנדער־פריילינגדיקן טאָג, אין אַ צאַרט־גרינער ליכטיקייט, אין אַ בלוי־זאַפטיקער פאַרביקייט, צווישן באַגײַסטערט־פאַרשיכּורטע ניגונים, — אַלץ אַרום זינגט און צאַפּלט און פלאַטערט פון ערדישער פרייד, — פון דער בערעזע מיט די אויפגעזונטע אויערינגלעך, ביז צו דער קוקאַווע, וואָס רופט זיך איבער מיט די בעז־ווײַטקייטן... און בײַ די טײַך־ברעגן, און די

געדיכטע ריאַבינע און טשערעמוכע צווײַגן, און די שוואַרצע אַלכעס, וואָס ווערן מיט שטײַפע לײַענס און מיט זיך קרויזלענדיקע האָפּן אַרומגעפּלאָכטן, דאָרטן, אין יענע טונקלקייטן, זינגט זײַן גרויסע ליד דער סאָלאָווײ און ס׳האַלטן אים אונטער די סלאַוועקעס און די וואַלדשנעפּן... און ער, אלישע, גייט דאָרטן אַרום אין דער קאָליר־צעצוויטקייט, אין דער וועלט פון זינגענדיקער שײַן, פון זשומענדיקער ליכט, אונטער דער געבענטשטער זון, דער גרויסער האָרעפּאַשניצע פון דער וועלט, וואָס גייט איבער דער ערד און פּויעט אַלץ און אַלעמען פון איר גאָלדענער קרוג מיט אייביקן לעבן... און מיט אַ מאָל ווערט די וואַנט לײַדיק און טונקל, די צוויי ליכט אין יענעמס אויגנלעכער ווערן אויסגעלאָשן און דער אַלטער ייִדישער שרײַבער דערהערט ווידער ווי בײַם מלאך־המוות קלאַפּט אַ ביין אין אַ ביין, און אויך יענעמס רחמנות־קול:

— דײַן שעה האָט געשלאָגן!... די ערד, ר׳ אלישע בן־מאיר, איז אוודאי שיין. דו ביסט פאַרליבט ווי דײַנע זיידעס, די נאַהאַדיער, די ערד־ און וואַלד־ייִדן, אין דער שיינקייט פון דער וועלט... דו ביסט פאַרקאָכט אין די זילבערטאָפּאָלן, אין די געשטרײַפט־ווײַסע בערעזעס, אין דעם ראָזעוון עפּלצוויט, אין די ריחות פון די גערטענער אין האַרבסט... דײַן האַרץ ווערט דיר נאָך אַלץ אָפּגעשטעלט פון אַ פייגלגעזאַנג בײַם סוף טאָג. כ׳ווייס אַז דו קאָנסט זיך גאָר ניט אָנזעטיקן מיט די קאָליר־פײַערן פון שקיעות... אָבער דײַן שעה האָט געשלאָגן, דו ווערסט גערופן אַהין, צו די שערי רחמים, צו דעם אור הגנוז... יענער גילגול דײַנער, וואָס זיצט דאָרטן אין דעם „באָקס״־אָרון, וועט זיך באַגיין אָן דיר! קיין איין קינסטלער פאַרענ־דיקט דאָ ניט אויף דער ערד זײַן שליחות, אפילו ניט דער נביא... ישעיה האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון זײַנע פאַרפאָלגער אין אַן אויסגעהוילטן בוים, אָבער דער קעניג מנשה האָט אים דאָרטן געפונען און באַפוילן אָפּצוזעגן דעם בוים צוזאַמען מיטן נביא... און דו שטאַרבסט אויף דײַן געלעגער, אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, ווי דו האָסט דאָרטן בײַם דניעפּער יאָרנלאַנג געטרוימט... און בײַ דײַן צופוסנס זיצט דײַן שיינדל, און בײַ דײַן צוקאָפּנס שטייט מאַלי, פון דער באַבריצער הוטע; דו האָסט, אלישע בן ליבע־שרה, אַ גרויסן זכות אין די הימלען! מ׳האָט מיך געשיקט צו דיר נאָך דער נשמה און באַפוילן זי ברענגען צום כסא־הכבוד! דאָס איז אַ גרויסער זכות, ווײַל ניט צו אַלעמען גיי איך די לעצטע יאָרן נאָך דער

נשמה, איך באַוויַיז ניט! ס׳ווערן דאָך אין איין מעת־לעת געהרגעט אויף דער וועלט מענטשן אין די טויזנטער... איך באַוויַיז פּשוט ניט!

— און ווער האָט גענומען די נשמה פון יענע, פון מיַינע מיליאָנען ייִדן? — שריַיט ווידער דער אַלטער שריַיבער פון דעם ברענענדיקן גאָרגל אַרויס, — ווער?

— דעם אַש האָט מען געבראַכט אַהער, קיין ישראל...

— און די נשמות? די גרויסע נשמות???

נאָר דער מלאך־המות ווערט דאָ ווידער אַנטשוויגן. און אלישע דער־הערט יענעם וויַיטן קול פון אונטערן שוואַרצן גראָבן דאַך, פון דער כאַטע אויף די גוישע גערטענער, זיַין מאַמעס קול: — ווי צו די, וואָס דאַרפן זיך וואַרעמען ביַי פרעמדע נשמות. ביַי אַ פרעמדער נשמה, מיַין קינד, קאָן זיך דאָס האַרץ ניט דערוואַרעמען. אלישינקע, די אייגענע נשמה דאַרף מען היטן ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג, ווער ס׳פאַרלירט די אייגענע נשמה, דער ווערט אַ פּוסטע כלי. און אין אַ פּוסטער כלי קאָן מען אַלצדינג אַריַינגיסן... — פון יענעמס אַנטשוויגן ווערן הייבט אָן דעם אַלטן שריַיבער נאָך שטאַרקער צו וואַרגן און בריִען אין האַלדז. אין גריבעלע נעמט אים שוין צו זידן און צו קאָכן אַזוי, אַז די רעשטן שקיעה־שיַין אין די אויגן צאַנקען און לעשן זיך... און שיינדל שטייט איבער אים מיט צוויי גריך־וויַיסע קאַפּסולן:

— דו מוזסט זיי איַיננעמען... דו מוזסט!

קאָן ער אָבער דעם מויל ניט עפענען און בעט זיך ביַי יענעם, וואָס שטייט מיט די צוניפגעלייגטע ביינער־הענט אויף די געלע ריפּן צווישן די דריַי זיך־וויגנדיקע קיפּאַריסן ביַי דער טיר: — מלאך פון טויט, — בעט זיך ביַי אים דער פילגעפּרוווטער שריַיבער, וואָס האָט זיך קיינמאָל קיינעם און אין ערגעץ ניט אונטערגעגעבן, געקאָנט באַשטיין און אויסהאַלטן, ער, אלישע בן־מאיר בן־אריה הכהן, בעט זיך איצטער: — מלאך פון טויט, נעם זי שוין צו די נשמה מיַינע, מאַטער מיך ניט! איך קאָן שוין די וואַרגע־ניש, די בריִעניש אין גאָרגל און די זידעניש און די קאָכעניש אין גריבעלע ניט איבערטראָגן... כ׳קאָן זיך מיט אַזאַ פּינצטערן ווייטיק ניט ראַנגלען! שטיי ניט מיט פאַרלייגטע הענט, מ׳האָט דאָך דיך געשיקט נאָך מיַין נשמה!

נאָר ביַים ביינערדיקן טוען זיך מיט אַ מאָל אַ צינד אָן אונטערן ברוין־גלאַנציקן שאַרבן די צוויי קיַילעכדיק־טיפע אויגנלעכער מיט רציחה־

דיקע פײַערן: — ווי קאָן איך צו דיר צוטרעטן? — וואַרפט ער צוויי סנאָפּעס פײַער אויף שײַנדלען. — זי לאָזט דאָך צו דיר ניט צו... און אויך יענע שטייט דאָך בײַ דײַן צוקאָפּנס! — וואַרפט ער צוויי סנאָפּעס צאַרנדיקע פײַערן אַרויף־צו און אלישע דערזעט בײַ זײַן צוקאָפּנס שטיין מאַליך, פון דער באָבריצער הוטע... און נאָך ווײַטער, הינטער מאַלין, דערזעט ער סטיסיען מיטביידע קינדער. דאָליס קינד טראָגט זי אויף די הענט און איר קינד, זרחל, פאַרלויפט איר אַלע מאָל דעם וועג... און נאָך ווײַטער זעט ער, אלישע בן־מאיר, טאָקע בײַ די מלאך־המוותדיקע סנאָפּעס פײַערן, ווי ס׳גייען אויף און ווי ס׳קנוילן זיך שוואַרצע רויכן איבער דעם „באָקס"־אָרון, ווו יענער אלישע איז פאַרשפּאַרט און פאַרריגלט געוואָרן. — איך קאָן צו דיר ניט צוטרעטן... זיי לאָזן מיך צו דיר ניט צו! — און דער אַלטער שרײַבער פאַרלירט אים באַלד, און ער פאַרגייט, דער ביינערדיקער, פון זײַן אויג.

# יג

און שוין אויפן דריטן טאָג, אַז אין האַלדז ווערט אים דער פּלאָם גרעסער, דער גאָרגל ברענט און ווערט ניט פאַרברענט, די קאָכעניש און בולקעניש און יוירעניש ווערט גאָר אויף אַ רגע אין גריבעלע ניט געשטילט, דעמאָלט קומט ער ווידער, דער רופא, שטעלט צו דעם קאַלטן סטעטאָסקאָפּ צו בן־מאירס אָנגעגליטן לײַב, און דאָס הערטרײַבל לאָזט אים שוין איצטער יאָ צו הערן... און דעם רופאס פּנים ווערט דאָ שטאַרק דערשראָקן און ער זאָגט שטיל:

— אַ לונגען אָנצינדונג!... חזקה מאוד!

גייען אַוועק טעג און דער עיקר נעכט בײַ די בערג פון יהודה, ווו דער אַלטער יידישער שרײַבער אין זײַן ווייטיק און עלנטקייט זיצט שוין אַן אײַנגעוויקלטער אין דער קאָלדרע אויף דעם לעדערנעם שטול מיטן הויכן ווענטל, ווײַל ער קאָן שוין אויף זײַן געלעגער ניט אײַנליגן, — אָט ווערט ער באַלד דערשטיקט און דערוואָרגן... און יענער, דער בײַנערדיקער, וואָס וואָלט אים געקאָנט פון אָט די ערדישע אוממענטשלעכע ווייטיקן און עלנט־קייטן באַפרײַען, יענער איז שוין צווישן די לילאָווע קיפּאַריסן בײַ דער טיר ניטאָ: זיי, שיינדל און מאַלי און סטיסיע מיט די צוויי קינדער, האָבן יענעם, דעם מלאך פון טויט, צו אים ניט צוגעלאָזט, ניט צוגעלאָזט... אויף דער וואַנט האָט זיך אָבער נאָך אַ מאָל באַוויזן יענע שורה מיטן טונקל־רויטן, מיטן בלוטיקן שפּיגלשריפט: „אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ, און אין דער וועלט איז קיין היים ניטאָ“...

און אין איינעם אַ פאַרטאָג דערזעט ער, און אויך דאָרטן, אויף דער וואַנט, אַן אויסגעהוילטן בוים ביז צו דער קאָרע, — אָט־אָט ברעכט ער זיך און פאַלט אײַן, הגם נאָך מיט ברייטע און גרין־בלעטערדיקע צווײַגן, וואָס ווונדערן און חידושן ביז צום שטוינען... אין אָנהייב מיינט ער, בן־מאיר, אַז דאָס איז יענער אויסגעהוילטער בוים אין וועלכן ס׳האָט זיך געוואָלט באַהאַלטן פון זיינע פאַרפאָלגער דער נביא, אָבער שפּעטער, אײַנקוקנדיק

זיך בעסער, זעט ער, אַז אין יענעם אויסגעהוילטן בוים קלײַבן זיך גאָר אַרײַן בערדיקע מיט ווײַב און קינדער... שרײַט ער צו זיי, בן־מאיר, פֿון זײַן ברענענדיקן גאָרגל אַרויס, וויל זיי וואָרענען, אָבער יענע פֿאַרשטייען ניט זײַן לשון, הערן ניט זײַן ווייגעשריי און קוקן אויף אים ווי אויף אַ צעטומלטן, ווי אויף אַ מרה־שחורה און אפֿילו ווי אויף אַ חסר־דעה... לויפֿט ער אַהין, וויל זיי דאָך און פֿאָרט דעם טעות, דעם פֿאַלשן און געפֿרעלעכן טראָט זייערן אויפֿדעקן און אַנטפּלעקן. נאָר ער טרעפֿט שוין דאָרטן ניט קיין איין לעבעדיקן מענטשן, און אויפֿן אָרט פֿונעם אויסגעהוילטן בוים שטייט גאָר דער „באָקס"־אָרון, ווו יענער אלישע, זײַן גילגול, איז אין דער אָנהייב־פּרילינגדיקער, אין דער שניי־ווייענדיקער נאַכט, פֿון ווײַב און קינד, פֿון לעבן אַרויסגעריסן און איז אין דער שטייענדיקער מיטה פֿאַרשפּאַרט געוואָרן.

אָבער דאָרטן, אין דעם „באָקס"־אָרון, האָט ער שוין אלישען ניט געטראָפֿן. נאָכן אויסטאָן אים נאַקעט אין דעם קאַלטן קעלער, נאָכן אָפּשנײַדן אים די העקלעך און די קנעפּ פֿונעם אָנטאָן, נאָכן האַלטן אים ווידער אין „באָקס", ווו אלישע האָט אויף דער פֿון פֿאַרב־אָפּגעשיילטער טיר געזען זײַן לעבנס־וועג, אָנהייבנדיק פֿון יענער פֿור, פֿון יענעם צעפֿאָרענעם וואָגן מיט די קרומע רעדער, וואָס לאָזן איבער אייביקע שלייפֿן אויף דעם סוף־זומערדיקן, אויף דעם אלולדיקן וועג אין דעם פֿאַלעסיער וואַלד, וואָס רוישט אונטער דער אָפּגעזומערטער זון... אויף יענעם וואָגן איז געפֿאָרן דער זיידע ר' אריה, וואָס האָט ניט געקאָנט ווערן קיין שוחט ווי זײַן טאַטע, ווי זײַן זיידע און עלטער־זיידע, ווײַל די ערשטע הון אויף וועלכער ער האָט דעם חלף אָנגעשטעלט, האָט אויף אים אַ פּאָר מענטשלעכע אויגן אויפֿגעעפֿנט און זיך משונה צעקרייט... אויף יענעם וואָגן איז דער טאַטע, דער צאָרנדיקער כהן, ר' מאיר בן־אריה, געזעסן פֿאַרוואָרפֿן איבער דער דראַבינע די אומרויִקע פֿיס, וואָס יאָגן איבער אַלע מאַרקן און יאַרידן נאָך אַ שטיקל ברויט פֿאַר ווײַב און קינדער, און ווי תּמיד אַ פֿאַרטראָגענער אַרויסגעקוקט מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן אויפֿן ליכטיקן גואל, אויף משיחן... און צווישן דעם טאַטן און דעם זיידן איז געזעסן דער עלטערער ברודער פּנחס, וואָס האָט שפּעטער דעם ליכטיקן גואל דערזען אין לענינען, און די שוועסטער עטל, וואָס איז בײַ דער שקיעה אַראָפּ מיט איר קלומעקל פֿון וואָגן און זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער סטערניע צום רויטן וואָקזאַלכל,

וואָס איז אויפגעגאַנגען אין אירע אויגן ווי אַ פלאַמפּײַער... און אויפן זאַק שטרוי זיצט זי, די מאַמע, מיטן קינד אויף די הענט, מיט אלישעלען, וואָס אין געבוירן געוואָרן אויפן גאָרטן צווישן די בלאָווע היפּטלעך קרויט, בײַ די שאַרף־צאַרטע ריחות פון איבערגעצײַטיקטע סעדער און בײַם געפּילדער אויפן סטאַוו פון די אָפּפּלײַענדיקע פייגלען... — מ׳האָט אים אָבער ניט געלאָזט, אלישען, אויף יענעם וואַלדוועג נאָכן וואָגן מיט די קרום־גייענדיקע רעדער לאַנג נאָכגיין, מ׳האָט אים פון „באָקס״ אַרויסגעפּירט און אים ווײַטער איבער גרויע קאָרידאָרן, איבער טויט־שטילע, איבער טונקעלע שײַנען געפּירט, — אלישע האָט שוין די צײַט פאַרלאָרן, שוין ניט געוווּסט, שוין אפילו געצווייפלט צי ערגעץ איז נאָך פאַראַן אַ וועלט מיט אַ שניי־זויכערדיקן דרויסן... און מ׳האָט אים אין אַ ליכטיק צימערל אַרײַנגעפּירט, ווו בײַ אַ טישל מיט פריש־אָנגעשניטענע זילבער־צעצוויטעטע ווערבעס אין אַ קריגל, איז געשטאַנען, די הענט אויף די זיך וויגנדיקע היפטן, אַ יונגע שיינע פרוי, וואָס האָט אים, אלישען, אָפּגעמאָסטן און אָפּגעוויגן מיט די אויגן און אים געהייסן זיך אויסטאָן!

און הגם ער ווייסט, אַז זײַנע רייד וועלן געוואָרפן אויפן ווינט, אַז אָט די באַדינער טאָרן מיטן אַרעסטירטן אין שמועסן ניט אַרײַנגיין, דאָך, ניט האָבנדיק וואָס דאָ צו אָנווירן און צו פאַרלירן, זאָגט ער צו איר: — מ׳האָט מיך שוין דאָרטן, אין קעלער, אויסגעטאָן! — ענטפערט זי אים דווקא יאָ: יענער אויסטאָן איז גאָר אַן אַנדער אויסטאָן... איר אינטערעסירט צו זען אַוועלכע געבוירן־סימנים ס׳זײַנען אויף זײַן לײַב פאַראַן! — און וויבאַלד זי ענטפערט, פרעגט אלישע ווײַטער: — צי מיינט זי טאָקע באמת אַז ער, דער שרײַבער, וועט קאָנען פון דאַנען אַנטלויפן און לויט די סימנים אויפן קערפּער וועט מען אים קאָנען דערקענען? — און ער גיט צו: — אפשר טויטערהייט, ערגעץ אין אַ גרוב...

פאַלן און הייבן זיך בײַ איר די וויִעס, — זי איז אין אַ פאַרלעגנהייט, אין אַ וואַקל און קווענקלעניש... און ס׳געשעט מיט אים אַ נס, דער ערשטער נס דאָ, אין זיך אין דער עמגעבע־תּפיסה: ער טוט זיך ניט אויס, נאָר זי נעמט אים אָפּשטעמפּלען, ווי אַ פאַרברעכער, די פינגער אויף אַ בויגן פּאַפּיר. אָבער די צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט זײַנען אים אײַנגעבויגן, ניט צום אויסגלײַכן.

— האָסטו דאָך יאָ סימנים און פעלערן! — זאָגט זי מיט פאַרדראָס ווי

ער, אלישע, וואָלט זי אָפּגעגנאַרט. דערקלערט ער איר: די רעכטע האַנט איז אויף דער מלחמה שווער פאַרווונדיקט געוואָרן. טוען אירע רויטע, ווי מיט בלוט אָנגעשמירטע דאַרשטיק־פולע ליפּן אַ שמייכל: — מיר ווייסן, — זאָגט זי מיט ביטול, — מיר ווייסן ווי איר האָט געקעמפט!

און מ׳פירט אים פון דאָרטן ווידער איבער די שייַן־טונקעלע קאָרידאָרן און מ׳ברענגט אים אין אַ צעמענטענער געביידע, אויך אַ קאַלטע און נאַסע, און מ׳הייסט זיך אים אויסטאָן, די מלבושים אויף אַן אײַזערנעם רינגל אויפהענגען און אַליין זאָל ער אַרײַן אַהין... גייט ער אַרײַן אין אַ שמאָלן, אויך אין אַ שטייענדיקן אָרון, וווּ איבערן קאָפּ איז פאַראַן אַ בלעכענער דוש, — מ׳דאַרף אים דאָ, הייסט עס, פריִער אויסבאָדן... דרייט ער אָפּ דעם איינציקן קראַן און ס׳טוט זיך אויף אים אַ אַ גאָס אַזאַ הייסע וואַסער, אַז פון אלישען רײַסט זיך אַרויס אַ געשריי... אָבער באַלד טוט אויף אים אַ גאָס אײַזקאַלטע וואַסער און מיט אַ מאָל הערט גאָר אויף צו גיין וואַסער פונעם דוש. רופט ער, אלישע, וויל זאָגן... עפנט זיך די טיר און מ׳הייסט אים גיין זיך אָנטאָן.

שוין בײַם אַרויסגיין פון דער באָד, גיט מען אים אָפּ זײַן קלומעקל, וואָס פון דער היים מיטגענומען, און אויך אַ מאַטראַץ און אַ קישן, וואָס שלאָגט פון איר מיט ריח פון טרערן, — מענטשן האָבן דאָ אויף אָט דער צונויפגעקנוילטער וואַטע אין דעם גרויען ציכל זייער לעצטן עלנט און ווי און ייאוש מיט טרערן געשטילט... — און מ׳גיט אים אויך צוויי צעטריפּעטע לײַווונטענע לײַלעכער און אויך אַזאַ האַנטעך און צוויי בלעכענע שיסלען און אַ לעפל און אַ קווערטל; מ׳הייסט אים אָט דאָס אַלץ נעמען און גיין. פאַרשטייט ער, אלישע, אַז איצטער פירט מען אים שוין ניט אין יענעם שטייענדיקן אָרון מיט דער אָפּגעשיילטער טיר, ווו ער האָט די פור אויפן זאמדוועג אין פּאַלעסיער וואַלד איבערגעלאָזט, — דעם סוף־זומערדיקן שקיעה־וואָגן מיט די קרום־גייענדיקע רעדער אויף וועלכן ס׳איז געפאָרן דער זיידע, דער טאַטע, דער ברודער, די שוועסטער און זי די מאַמע זײַנע, די שטאָלצע נאַהאַדיערן, וואָס פלעג וויינען אויפן גאָרטן אַז קיינער זאָל ניט זען... — פירט מען אים איצטער ווהין? — אלישען איז שווער אָט די אַלע זאַכן אויף זיך צו טראָגן, פרווט ער זיך בעטן בײַ דעם וואַך־באַגלייטער, שוין גאָר אַ נײַער, בײַ דעם יעפרייטער, אַז ער זאָל אים העלפן, כאָטש די שיסלען פון די הענט צונעמען, נאָר יענער גייט פון הינטן און

שנאָלט אַלע מאָל מיט די פינגער, און יעדער שנאָל, ווי אַ קנאַל פון אַ לאַנגער בײַטש פּאַלט און שנײַדט זיך אַרײַן אין אלישען, וואָס שטעלט קוים איבער די פיס אויף די טרעפּ, וועלכע גייען אַלץ העכער און העכער... און ער ווייסט ניט, און ס׳איז אויך ניטאָ בײַ וועמען צו פרעגן, וווהין פירן זיי אָט די טרעפּ און צו אַוועלכן סוף וועט ער מיט זיי אָנקומען? — און ער פּרוּווט זיך נאָך איין מאָל בעטן בײַ זײַן באַגלייטער, ניין, ניט צו העלפן אים די זאַכן טראָגן, ער בעט בײַ אים נאָר, שוין גאָר אַ קלייניקייט, ער זאָל אים זאָגן, דער יעפרייטער, צי ס׳איז איצטער טאָג? צי ס׳איז איצטער נאַכט? — נאָר יענער ענטפערט אָפּ מיט אַ שנאָל־קנאַל, וואָס שנײַדט זיך אַרײַן אין אלישעס שוין ביז גאָר צעווייטיקטער נשמה.

און די שנאָל־בײַטשן ווערן אָפטער און שטאַרקער, — ערשט שפּעטער וועט דער שרײַבער פאַרשטיין דעם מיין און דעם באַטײַט פון אָט די קנאַלן, — מ׳פירט אים, אלישען, דעם אײַנגעבויגענעם, איבער אַ לאַנגן קאָרידאָר פאַרבײַ טירן, און טירן, און טירן... און לעם איינער מיט אײַזערנע צוויי ציפערן 39 הייסט מען אים שטיין בלײַבן. און דאָרטן, בײַ יענער טיר וואַרט שוין אַן אָבערלייטענאַנט, וואָס גיט דעם יעפרייטער אַן אונטערשריפט, אַז דער אַרעסטאַנט איז אין זײַנע הענט איבערגעגעבן געוואָרן אַ לעבעדי־קער... און אלישע הערט זיך צו דערווײַל צו די טירן, וויל פון דאָרטן אַ קול, אַ טראָט, אַ שאָרך דערהערן, נאָר די שטילקייט איז שוין ווידער אַזאַ, אַז מ׳קאָן אין איר ווײַטער פאַלן טעג און נעכט און וואָכן און יאָרן און צו קיין דנאָ ניט צוקומען, — בענקט ער שוין, אלישע, נאָך יענע שנאָל־בײַטשן... און דער נײַער הערשער איבער אלישעס לעבן, דער אָבער־לייטענאַנט אין דעם רוסישן לאַנגן גרויען שינעל, עפנט אויף די טיר, און אלישע שפּאַנט דעם שוועל אַריבער, — די שווערע טיר ווערט באַלד אָן דעם מינדסטן קלאַנג פאַרשלאָסן.

דאָ דערזעט ער און דערפרייט זיך מיטן פענצטערל, וואָס אין דער הייך, אונטער דער סאַמע סטעליע, הגם מיט אײַזערנע ריטער אַרומגעפלאָכטן און פון אויבן מיט אַ דעכל, וואָס דאַרף פון זון און פון הימל פאַרשטעלן, — דאָך קאָן מען אַ שטיק גרויע וואַנט אין דרויסן זען, דאָך און פאָרט אַ פענצטערל, וואָס ווײַזט אַז ס׳איז בײַם סוף טאָג און ס׳וויכערט אין די טאָפּליעס אַרײַן אַ לעבעדיקער שניי. דער ערב־פרילינגדיקער שנייפאַל איז נאָך ניט געשטילט געוואָרן.

ס'ווייעט און ס'האַלט נאָך אַלץ אין איין שיטן און שיטן... איצט איז גוט צו זינקען אין די הורבעס שניי ביים דניעפּער, צווישן די רויטלעכע קוסטעס צעצוויטעטער ווערבע. האָט מען אים דאָרטן, ביז צו דער קאַמער ברענגען, כמעט אַ גאַנצן מעת־לעת געמאַטערט, — דער ערשטער מעת־לעת פון חיבוט־התפיסה... און דערנאָך, שוין נאָכן פענצטערל, דערזעט ער דעם דיל, וואָס פאַרחידושט אים ביז גאָר: בלאַנקענדיקער פּאַרקעט! דער פּאָל איז מיט טונקל־געאָדערטן דעמב געשפּריײט און ס'שמעקט מיט וואַקס... אפשר איז דאָ פאַראַן ערגעץ אויך אַ בינשטאָק? די קאַמער איז אַ שמאָלע — צווישן די בעטן קאָנען צוויי מענטשן ניט דורכגיין און אין ווינקל שטייט די באַרימטע פּאַראַשע... ס'שטייען דאָ דריי אײַזערנע בעטן. צוויי זײַנען פאַרנומען און די דריטע, טאַקע אונטער יענעם פענצטערל, איז ליידיק. פאַרשטייט ער, אַז אָט די שמאָלע מיטה איז פאַר אים. וואַרפט ער אַרויף דעם פאַרהאַרטעוועט־קנויליקן וואַטע־מאַטראַץ אויף די צעצויגן־אַראָפּהענגענדיקע פּרוזשינעס, פאַרשפּרייט מיט אַ לײַלעך־קאָלדרע, לייגט צוקאָפּנס די מיט טרערן־אָנגעזאַפּטע קישן, און פרעגט ביים שכן, וואָס זיצט אַנטקעגן, ביים פויער, שוין אין די יאָרן, וואָס איז הויט־און־ביין, מיט ביז ווילדקייט דערשראָקענע אויגן, און מיט אַ צינענעם צלמל אויפן האַלדז:

— פּאָטער, פאַרוואָס זיצסטו?

— האָסטו עפּעס רייכערן?

— כ'האָב, — גיט אים אלישע אַ ציגאַרל און אויך דער צווייטער שכן כאַפּט מיט ציטערדיקע הענט אַ פּאַפּיראָסל, — פאַרוואָס האָט מען דיך, אויף די עלטערע יאָרן, אַהער גענומען?

— פאַר שפּיאָנאַזש... — ענטפערט דער פויער. — אַ פראַנצויזישער שפּיאָן.

— מ'האָט דיך גענומען אין פראַנקרײַך?

— ניין. אין טאַרנאָפּאָל.

— איז וואָס פאַר אַ שייכות האָסטו צו פראַנקרײַך?

קוויקנדיק זיך און פאַרהאַלטנדיק דעם רויך אינעם אָנצײנערדיקן אײַנגעפאַלענעם מויל, ווי איינער וואָס איז שוין אויסגעבענקט געוואָרן נאָך אַ ציגאַרל, נעמט ער מיט אַ צוגעשלאָגן־צוגעשטיקטן קול אַרויסכריפּען און אַרויספּײַפן: — די ביטערע דאָליע וועט דיך געפינען אויך נאָכן זונפאַרגאַנג... אין דעם טויזנט נײַנהונדערט צוואַנציקסטן זײַנען אַ סך

פּויערים, האַלישעס געלאָפן פון גאַליציע. דעמאָלט איז גאַליציע געווען אונטער פּוילן... מ׳איז געלאָפן מיט ווײַב און קינדער אין דער וועלט אַרײַן זוכן ברויט. ווער ס׳גייט נאָכן אַקער, דער גייט דאָך אַ באָרוועסער און אַ הונגעריקער... ווער ס׳איז געלאָפן קיין קאַנאַדע, ווער אין אַנדערע אַמעריקאַנער לענדער און איך מיט מײַן ווײַב און קינד זײַנען אַוועק קיין פראַנקרײַך. כ׳האָב דאָרטן, אין לאָטאָרינגיע, געאַרבעט אין די שאַכטעס. געווען אַ קוילנגרעבער... נאָך דער מלחמה האָב איך שוין געהאַט אַ פּענסיע פון פינפהונדערט פראַנק אַ חודש, און אויך אַ שטוב מיט אַ סעדל האָט מען מיר געגעבן... די קינדער זײַנען אויף שטעלעס און אויף גוטער אַרבעט געווען. איין זון איז אַ מאָלער. לעב און פריי זיך מיט גאָטס וועלט!

— איז ווי אַזוי זשע קומסטו קיין טאַרנאָפּאָל?

— זיך פאַרבענקט! געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון דער בענקעניש, און איך בין אַרויסגעשפּרונגען ווי קוזמאַ פון דער קאַנאַפּליע... ווי אַזוי מ׳זאָל דעם בלינדן ניט צולײַכטן, וועט ער אַלץ פרעגן: ווו איז דער וועג? נאָך דער מלחמה האָט די ראַטנמאַכט געמעלדעט די אַמנעסטיע פאַר אַלע וואָס זײַנען נאָך דער רעוואָלוציע אַנטלאָפן פון רוסלאַנד. אפילו פאַר די ווײַסע גענעראַלן! זיי האָבן אויך, די סאָוועטן, שטאַרק אַגיטירט צווישן די אוקראַיִנער, מ׳זאָל זיך אומקערן צוריק אַהיים, צו זייער ערד... און איך האָב דאָך אַזוי געבענקט נאָך אוקראַיִנע, נאָך מײַן דאָרף, וואָס הינטער טאַרנאָפּאָל, נאָך מײַן שוועסטער, נאָך מײַנע קרובים... האָב איך געוואָרפן אַלץ און אַלעמען, די ווײַב און קינדער, און זיך אומגעקערט אַהיים, צו דער לײַבלעכער, צו דער מאַמע־אוקראַיִנע. אַ צרה קומט שטיל, נאָר דאָרט ווו זי גייט אַדורך, דאָרטן ווערט די גראָז פאַרטריקנט.

— ווי אַזוי זאָל איך אײַך רופן?

— כוועדאָר רופט מען מיך, יאָ, יאָ, פיאָדאָר... און לויטן טאַטן: מיכײַלאָוויטש, און לויט דער פאַמיליע: מאַסליאַק.

— האָט מען אײַך, פיאָדאָר מיכײַלאָוויטש, געמישפּט?

— טאַרנאָפּאָל האָט מיר געגעבן פינפאונצוואַנציק יאָר!

— איר האָט זיך מודה געווען?

— אונטערגעשריבן... דרײַ מעת־לעת נאָכאַנאַנד געשלאָגן! קיין איין צאָן אין מויל ניט געבליבן. זיי האָבן מיר דאָרטן, אין טאַרנאָפּאָל, אָפּגעשלאָגן די לונגען. ס׳איז מיך שוין ניט צו דערקענען... זיי האָבן מיר דאָרטן

אַנגעטאָן אַזאַ גומען העמדל, וואָס דריקט דיר צונויף אַזוי, אַז די ביינער ווערן דיר שיער צעבראָכן. דערנאָך נעמען זיי דיך שלאָגן איבערן העמדל, ס׳זאָלן קיין סימנים ניט בלייַבן... איך האָב אַלע מאָל פאַרלוירן דעם באַוווסט־זייַן !... גיסן זיי דיך אָפּ מיט קאַלטער וואַסער און שלאָגן ווייַטער... האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און אונטערגעשריבן... דערנאָך האָב איך וועגן דעם אָנגעשריבן קיין מאָסקווע און אַלץ אָפּגעלייקנט. האָט מען מיך איצטער געבראַכט אַהער אויף אַ נייַער אויספאָרשונג... וועט מיר דאָ גאָט העלפן ? — און ער פאַרהוסט זיך ביז בלאָוו ווערן.

און פונעם אַלטן קוילנגרעבערס אויגן, וואָס שרייַען פון אומבאַהאָלפּנ־קייט, וועלכע רופן גערעכטיקייט, און בעטן מ׳זאָל זיך כאָטש דערבאַרעמען... פון אָט די אויגן, די ווילד־דערשראָקענע, גייט אלישען אַ קעלט איבערן רוקנביין, — אַנטקעגן אים זיצט דאָ בייַם סופּטאָג, בייַ דער שניי־ווייַענדיקער שייַן, וואָס פאַלט פון אויבן, פון דעם פאַרקראַטעטן פענצטערל, שוין ניט קיין מענטש, נאָר די צעבלוטיקטע פייַנלעכקייט אַליין, אַ טרויער־געשפּענסט וואָס זוכט אַוו און צו ווענען זיך צוטוליען... און הגם ער ווייסט, אלישע, אַז מ׳דאַרף דאָ זייַן ביז גאָר געהיט, ווייַל גראָד אַהער, אין קאָמער, זעצט מען אַ מסור אַריַין, וואָס זאָל זיך אַרויסשטעלן פאַר אַ קרבן, פאַר אַ מאַרטירער, פאַר אַ יאָמער־חורבה... אָבער אים, אָט דעם פויער־קוילנגרעבער מיטן צינענעם צלמל אויפן פאַרזשאַווערטן קייטעלע, גלייבט ער, אלישע. יענעמס ווערטער : „די ביטערע דאָליע וועט דיך געפינען אויך נאָכן זונ־פאַרגאַנג״, אָט די ווערטער דערמאָנען אים אין ר׳ שמואל־יאָסלס : „גורל, אלישע, גורל ! אין אַ פינצטערן גורל וועלן אפילו די ליכט פון בית־המקדש פאַרלאָשן ווערן״... — און אלישע דערלאַנגט אים זייַן קלומעקל : — פון הייַנט אָן, פיאָדאָר מיכיילאָוויטש... אַזאַ נאָמען האָט אויך געהאַט דער גרויסער רוסישער שרייַבער דאָסטאָיעווסקי. יענער איז אויך געזעסן אין טורמע... געהערט ?

— ני, ניקאָלע נע טשווו, נייך, קיינמאָל ניט געהערט.

— פון הייַנט אָן, פיאָדאָר מיכיילאָוויטש, וויפל ס׳וועט אונדז זייַן באַשערט צו זייַן צוזאַמען אין אָט דער קאָמער, איז מייַנס דייַנס, און דייַנס מייַנס.

— איך האָב דאָך אָבער גאָרניט ניט. איך בין נאַקעט און שוואַרץ ווי אַן אויוון נאָך אַן אָפּגעברענטער כאַטע. נאַקעט און הויל בין איך, נאָר פאַר

גאָט בין איך ניט פאַרזינדיקט! — און שוין גאָר שטיל, שוין פאַר זיך אַליין, קוים צו הערן, גיט ער צו: — ער נעמט, ער נעמט דער וואָלף, מ׳וועט אָבער דעם וואָלף אויך נעמען!

און פון אָט די רייד טוט אלישע אַ ציטער. ער הערט אין אָט די רייד עפּעס אַן אָנזאָג, אַ גרויסע בשורה... נאָר ער ענטפערט ניט אויף זיי, און ווענדט זיך גאָר צום צווייטן שכן, וואָס זיצט אויפן בעט, צופוסנס, שוין אויך אין די יאָרן, אוודאי אין די זיבעציקער, אָבער נאָך אין לײַב, הויך און ברייטביייניק און מיט אַ רויטן פּנים. אַרום די שוואַרצאַפּלען פון די גרויסע אויגן דרייען זיך אים ווײַסע רייפעלעך. משונה אויגן: זיי זעען דיך יאָ, און זעען דיך ניט... דער מויל, ווי פון אייביקער ניט צופרידן זײַן מיט דער וועלט, איז אים אַ ביסל אויסגעקרומט געוואָרן.

— ר׳ ייד, — פרעגט בײַ אים אלישע. — פאַרוואָס האָט מען אײַך געבראַכט אַהער, צו די הויכע פענצטער?

רופט זיך באַלד אָפּ אַ קול און דווקא אַ זינגעוודיק־וואַרעמער, פון אַ בעל־מנגן: — מיך רופט מען מאָסיי אַבראַמאָוויטש... בײַ מיר איז דער בלוטדרוק צוויי הונדערט צוואַנציק אויף הונדערט דרײַסיק... פאַרשטייט איר שוין? דאָס בלוט שלאָגט מיר אין קאָפּ אַרײַן! און גענומען האָט מען מיך פאַר עקאָנאָמישער קאָנטררעוואָלוציע. כ׳בין געווען דער „קאָפּבוכ־האַלטער" פון אַ טרעסט, בײַ פּרעסן... געהערט? און צו אַלע מעלות מײַנע האָט מען נאָך בײַ מיר געפונען אַ פלעשל כרמל־ווײַן... און די ווײַסע רייפעלעך אַרום די שוואַרצאַפּלען, — (אלישע וועט זיי שפּעטער נעמען פאַרן חריף, פאַר אַבושלען) טוען אויף אים אַ ניט גוטן פלעמל, ווי אויף איינעם, וואָס איז מיט עפּעס־וואָס שולדיק אין זײַנע לײַדן. און אלישע ווייסט ניט פאַרוואָס, און ער וואָלט עס אין יענער רגע ניט געקאָנט דערקלערן, נאָר פון יענעמס בלינצל פון די רייפעלעך, פאַרמאַכן זיך אים, אלישען, פון ווייטיק די אויגן, ווי ס׳וואָלט אים דאָ, פאַרן לעצטן מעת־לעת, דאָס סאַמע שווערסטע געטראָפן. און באַלד, שוין אָן דעם זינגעוודיק און וואַרעמקייט אין קול, טוט דער בוכהאַלטער אַ זאָג:

— נעכטן איז געווען פּורים!

און ווי פון דעם גלאַנציקן פאַרקעט דאָ אין דער טורמע־קאַמער, — פאַרקעט און פאַראַשאַ! — אַזוי אויך פון יענעמס רייד וועגן פּורים, ווערט אלישען נאָך שווערער אויפן האַרצן. עפּעס אַ סם־ביטערער חוזק שלאָגט

סײַ פון דעם מיט וואַקס געפּוצטן דעמבענעם דיל, און סײַ פון דעם „נעכטן איז געווען פּורים!״... וואָס קומט אַרויס, טראַכט אלישע, אַז נעכטן איז געווען פּורים? דער המן לעבט דאָך! ער גרייט דאָך, המן, רויטע עשאַלאָנען אויף אַרויספירן יידן אין די קאַזאַכסטאַנער ווילדע סטעפּעס... ער נעמט, ער נעמט, דער וואָלף! און ביז מ׳וועט אויך נעמען דעם וואָלף, וועלן נאָך אַ סך טײַכן בלוט אָפּלויפן. דער דאָזיקער וואָלף פון די קאַווקאַזער בערג...

— טשוּיִעטע, איר הערט, — שלאָגט דער פויער איבער אלישעס געדאַנקען. — די וועטשערע גייט! — און באמת, אין דער זומפּ־שטילקייט לאָזן זיך הערן קלאַנגען פול שיסל־לעפל; און פון אונטער דער סטעליע, איבער דער טיר, טוט אין קאַמער אַ שלאָג אַרײַן יענע ליכט, ווי אין דעם שטייענדיקן „באָקס״־אָרון, וואָס פון איר בלענד ווערט פינצטער אין די אויגן. און באַלד עפנט זיך אין דער טיר אַ פענצטערל און אַ האַנט דערלאַנגט פון דאָרטן אַ טשײַניק אָקרעפּ, און דערנאָך פאַלן צווישן די האַריקע פינגער עטלעכע קילקעס אין שיסל אַרײַן און דאָס טירל ווערט פאַרמאַכט און דער פויער זאָגט אלישען אויפן אויער:

— אַזוי לעבן מיר, ווי נאַקעטע אין קראָפּיווע.

# יד

און אַז אלישע, פאַרן גאַנצן טאָג, האָלט נאָך אין איין שטילן דעם דאַרשט מיטן קווערטל אָקרעפּ, עפנט זיך דאָס פענצטערל אין טיר און אַ צוגעדעמפּט קול טוט אַ רוף: — אויף ש...ש! — דאָס מיינט מען אייַך, דערקלערט דער פויער אלישען, דאָ רופט מען לויטן ערשטן בוכשטאַב פון דער פאַמיליע... מייַן פאַמיליע הייבט זיך אָן מיטן עמ... זיינע איז אויף טשע... מ׳נעמט אייַך שוין אויפן פאַרהער, צום אויספאָרשער!... — און אין זייַנע ווילד־דערשראָקענע אויגן שטעלן זיך טרערן. טוט דאָ דער שרייַבער אַ טראַכט: ווער קאָן דען איבערגעבן און דערקלערן אַ טרער, וואָס איז אַ טראָפּן נשמה? — זאָל דאַרטן גאָט זייַן מיט אייַך, — פליסטערט דער פויער. — דאָרטן איז דער מענטש עלנט ווי אַ ווערבע איבערן וואַסער... — וואַרפט אויף זיך אלישע אַרויף זייַן אַלטן שינעל מיט די אָפּגעשניטענע קנעפּ, נעמט מיט עטלעכע ציגאַרלעך און גייט צו דער טיר, וואָס עפנט זיך באַלד אויף, און צוויי סערזשאַנטן, שוין אין קאָרידאָר, נעמען אים באַזוכן, טאַפּן און שאַרן מיט די הענט פון דעם קאָפּ ביז צו די שפּיץ פינגער, — צי האָט ער ניט ביי זיך, דער יידישער שרייַבער, עפּעס אַזוינס, פאַרבאָרגנס און פאַרשטעלטס, וואָס קאָן אויפרייַסן און אומברענגען?... — און נאָכן באַזוכן לערנט מען אים אויפן אויער, ווי אַזוי צו גיין און צו האַלטן זיך: די הענט דאַרף מען פאַרלייגן אויף אַרונטער, דעם קאָפּ ניט אויסדרייען און זיך ניט אַרומקוקן, אויף איטלעכן ווינקל בלייַבן שטיין און זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט!

און אלישע גייט אַזוי מיטן פונאַנדערגעעפנטן שינעל איבערן טונקל־לאַנגן קאָרידאָר פאַרביי די פאַרשלאָסן־גורלדיקע טירן, צווישן די צוויי הויכע סערזשאַנטן — איינער פון פאָרנט, דער צווייטער פון הינטן — און ביידע שנאַלן מיט די פינגער; און אין גיכן דערהערט זיך אַזאַ שנאַלן פון דער ווייטנס, טוט מען אים אַ דריי אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט... און ער הערט ווי מ׳פירט עמעצן אַדורך הינטער זייַנע פּלייצעס, פאַרשטייט

ער, אַז מ׳האָט פֿאַרביַי אים אַן אַרעסטאַנט דורכגעפֿירט, און ער טאָר ניט זען וועמען, — זייערע אויגן, טאָרן זיך ניט באַגעגענען... און אויך ווייסט ער שוין, אלישע, דעם טיַיטש פֿונעם שנאָלן, — זיי גיבן מיט דעם איינער דעם אַנדערן צו וויסן, אַז מ׳פֿירט אַן אַרעסטאַנט. — און די שנאָל־ביַיטשן שניַידן וואָס וויַיטער אַלץ אָפּטער די נשמה, און אַלע מאָל שטעלט מען אים מיטן פּנים צו דער וואַנט: „מ׳פֿירט און מ׳פֿירט און מ׳האַלט אין איין פֿירן... ער נעמט. ער נעמט דער וואָלף״. און פֿונעם שטעלן אים אויף איטלעכן ווינקל צו דער וואַנט פֿאַלט זיַין האַרץ אַלץ טיפֿער אין ווי און טרויער, וויַיל ווי נאָר ער ווערט מיטן פּנים צו דער פֿאַרשאָטנטער וואַנט געשטעלט, אַזוי דערזעט ער זיך גיין איבער יענעם לאַנגן טיש, וואָס הענגט איבערן אָפּגרונט, ווו פֿון ביידע זיַיטן ליגן פֿאַרבלוטיקטע קעפּ. און הגם די פּנימער זעט ער איצט ניט, אָבער לויט די קעפּ דערקענט ער זיי און קאָן זיי ביַי די נעמען אָנרופֿן.

ענדלעך פֿירט מען אים פֿון דעם קאָרידאָר אַרויס, און אויך פֿון אַלע טרעפּ אַראָפּ און ס׳עפֿנט זיך פֿאַר אים אַ טיר אין דרויסן, ווו ס׳שנייט און ס׳ווייעט... בליַיבט אלישע שטיין פֿאַר אָט דער וווּנדער־וויכערדיקער וועלט פֿאַרגאַפֿט און דערפֿריידט, — אָט די אָנהייב־פֿרילינגדיקע ווירבלדיקע שנייפֿאַלן שטילן מיט אַ מאָל זיַין ווי און טרויער און צעבלאָזן שטאַרקער דעם פֿיַיער פֿון צאָרן און וועקן אין אים די וויַיטסטע, די נאָך דרעמלענדיקע כּוחות פֿון זיַינע זיידעס די כּהנים און לוויִים, וואָס האָבן אין גזרה־ציַיטן ניט געלאָזט זיך איַינברעכן, האָבן געקאָנט איבער זיך איבערשפּאַנען און גיין אויף קידוש־השם... און ער הייבט פּלוצלינג אויף ביידע הענט צום שניי־שיטנדיקן הימל און שריַיט עפּעס אַהין... די צוויי סערזשאַנטן, צום אָנהייב זיך אַ ביסל פֿאַרלוירן פֿון דעם שריַיבערס האַלטן און אויפֿפֿירן זיך דאָ, טוען אים אָבער באַלד אַ נעם אונטער די הענט און טראָגן אים איבער דעם ניט גרויסן הויף צו דער צווייטער געביידע. און זיי לאָזן אים זיך שוין אויף די פֿיס ניט שטעלן און טראָגן אים שוין אַזוי וויַיטער, שוין אויך דאָרטן, אין דער געביידע, וואָס האָט גאָר ניט קיין אויסזען פֿון אַ טורמע, — די ווענט געפֿאַרבטע, די סטעליע אין געקלעפּטע מלאָכימלעך מיט צעשפּרייטע גאָלדענע פֿליגלען... זיי טראָגן אים, די סערזשאַנטן, איבער די טרעפּ, וואָס זיַינען מיט פּליושענע ליכטיק־גרינע שטעג־טעפּיכער אויסגעלייגט, און טראָגנדיק אים אַרויף, דריקן זיי אים מיט זייערע עלנבויי־

גנס אַזוי צונויף, דרייען אים דערביַי אויך די הענט אויס, אַז אים, דעם שרײַבער, זאָל זיך שוין מער ניט ווען, און ער זאָל שוין מער ניט וואָגן צו ווילן פירן זיך דאָ פריַי, ווי אים פאַלט איַין.

און ער שטייט שוין, אלישע, אויפן דריטן גאָרן אין אַ ניט גרויסן צימער, ווו בײַם פענצטער מיטן געדיכטן פאָרהאַנג פאַרשטעלט, — פון דאַנען טאָר אין דער נאַכט קיין שטראַל שײַן ניט געזען און אַ מינדסטער קול ניט געהערט ווערן; ביַי אַ מאַסיוון טיש שטייט אַ קאַפּיטאַן, אין די מיטעלע יאָרן, אַ שלאַנקער, — אַלץ איז אויף אים אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן... אויפן פּנים זײַנען אים נאָך די זומער־שפּרענקל ניט פאַרגאַנגען, דער קאָפּ האָר ווי פון איבערגערײַפטער ווייצן־שטרוי, גלאַט צוגעקעמט און פון די בלויע אויגן ווייעט אַ קעלט... ער שטעלט אויפן פּאַפּירל דעם אונטערשריפט, אַז ער האָט דעם אַרעסטירטן שרײַבער באַקומען. די צוויי סערזשאַנטן פאַרשווינדן, און אלישע פאַרבלײַבט מיטן אויספאָרשער אויג אויף אויג. און ער, דער קאַפּיטאַן, אָנשפּאַרנדיק ביידע הענט אויפן טיש, די בלויע אויגן ווערן אים מיט אַ מאָל טונקל, ווי אַ כמאַרע וואָלט אויף זיי אָנגעגאַנגען, הייבט אָן ניט אַזוי מיט בייזקייט ווי מיט שינאה:

— געוועזענער שרײַבער, זעץ זיך דאָרטן אויפן בענקל, ביַי דער טיר, די הענט אויף די קני! ניט איבערפרעגן און ניט איבערחזרן, ענטפערן אויף די פראגן קורץ און קלאָר. אויף יענעם בענקל זײַנען אויך געזעסן דײַנע אַלע חברים, די מלוכה־פאַרברעכער אַוורום יאַנקעלעוויטש קאַהאַן, אויזער מאַשקאָוויטש האַלדעס און גערשעל איצקאָוויטש...

שלאָגט אים אלישע איבער: — ערשטנס זײַנען ניטאָ און ס'איז קיינמאָל אין דער וועלט ניט געווען קיין געוועזענע שרײַבער. ס'קאָנען זײַן געוועזענע קעניגן, דיקטאַטאָרן, גענעראַלן, קאַפּיטאַנען... נאָר אַ שרײַבער בלײַבט תּמיד אַ שרײַבער. קיינעם וועט ניט אײַנפאַלן צו זאָגן: דער געוועזענער פּאָעט פּושקין, דער געוועזענער פּאָעט האַפּשטיין, אָדער צו זאָגן: דער געוועזענער שרײַבער גאָגאָל, בערגעלסאָן... שרײַ ניט קאַפּיטאַן!

— מיך דאַרפסטו רופן: בירגער אויספאָרשער.

— איך וועל דיך רופן לויט דײַן ראַנג, קאַפּיטאַן! ווי ס'איז, אָנגענומען אין דער סאָוועטישער אַרמיי. איך האָב געדינט אין דער סאָוועטישער אַרמיי פינף יאָר...

— מיר ווייסן, — זאָגט ער, און ס'קומט דאָ גלײַך אַזאַ זידלוואָרט,

וואָס אלישע האָט אפילו פֿאַר אַלע פינף יאָר אַזוינס אין דער אַרמיי ניט געהערט.

ענטפערט אים אויף דעם אלישע: — מיט אָט די זידלרייד, קאַפּיטאַן, באַליידיקסטו ניט מיך, נאָר זיך. איך וויל דיר זאָגן עטלעכע ווערטער איידער די אָפיציעלע אויספֿאָרשונג הייבט זיך אָן. האָב, קאַפּיטאַן, אַ פּאָר מינוט געדולד. די נאַכט איז גרויס... ווען מיר טרעפֿן זיך מיט דיר, קאַפּיטאַן, אויף דער מלחמה, אָדער אין מזרח־דײַטשלאַנד, אין דער קאָמענדאַנטור ווו איך בין געווען דער שעף פֿון ציוויל אָפּטייל...

— איז וואָס וואָלט געווען, — האַלט ער ניט אויס. — וואָס וואָלט געווען ווען מיר טרעפֿן זיך דאָרטן?

— וואָלטן מיר, ווי צוויי אָפיצירן פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי, זיך געטראָפֿן ווי גוטע פֿרײַנד און מיר וואָלטן גענומען צו כּוסות.

— ווילסטו, — פֿרעגט ער שוין גאָר דערשטוינט. — ווילסטו איך זאָל אַרויסנעמען אַ פֿלאַש אַרמענער קאָניאַק און טרינקען דאָ מיט דיר?

— ניין, קאַפּיטאַן, דאָס וויל איך ניט. איך געדענק זייער גוט און פֿאַרגעס ניט, אַז דו ביסט דער אויספֿאָרשער פֿון עמגעבע, און איך, דער יידישער שרײַבער, דער אָנגעקלאָגטער... איך וויל נאָר פֿון דיר איינס: ביים אויספֿאָרשן זאָלסטו זײַן אָביעקטיוו!

— מיר ווייסן ניט, — קוקט ער אויף אלישען מיט די פֿאַרכמורעטע געוואָרענע אויגן, ווי אויף אַן אָפּגעריסענעם נאַר. — מיר ווייסן ניט וואָס איז אַזוינס אָביעקטיווקייט.

— טאָ הער מיך נאָך איין מינוט און פֿאַרשרײַב, קאַפּיטאַן, מײַנע רייד: אין גיכן, גאָר אין גיכן וועט איר כאַפּן איבערן קאָפּ פֿאַר די יידישע שרײַבער... איר דיסקרעדיטירט דאָך און קאָמפּראָמיטירט פֿאַר דער גאַנצער וועלט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, די לעניניש נאַציאָ־נאַלע פּאָליטיק... פֿאַרשרײַב, קאַפּיטאַן, מײַנע רייד: אין גיכן, גאָר אין גיכן וועט איר כאַפּן דערפֿאַר איבערן קאָפּ! הער, קאַפּיטאַן, אײַל ניט, די נאַכט איז גרויס. אַז איך בין געפֿאָרן אויפֿן פֿראָנט, האָב איך געזאָגט דעם אָפיציר וואָס איז געפֿאָרן מיט מיר, אַז מיך וועט מען שווער פֿאַרוווּנ־דיקן אין האַנט, און איך האָב אים געוויזן דאָס אָרט אויף דער האַנט ווו די קויל וועט דורכגיין... און אַזוי איז עס, קאַפּיטאַן, געווען! יענער אָפיציר האָט מיר אויפֿן שלאַכט־פֿעלד געגעבן די ערשטע הילף, מיר איבערגעבונדן

מיט זײַן טיכעלע די האַנט... נאַ דיר זײַן אַדרעס און פרעג בײַ אים אָן. און נאָך איין וואָרט, קאַפּיטאַן, וועל איך דיר זאָגן: אין דעם סצענאַר וואָס מ׳האָט דאָ פאַר מיר צוגעגרייט, וועל איך ניט שפּילן... ניין, איך וועל אין אים ניט שפּילן!

— מיט פינפאונצוואַנציק יאָר ביסטו שוין סײַ ווי סײַ באַזאָרגט. דו ביסט שוין אַ פאַרמשפּטער.

— פינפאונצוואַנציק יאָר? שוין אַ פאַרמישפּטער? ס׳איז דאָך נאָך קיין געריכט ניט געווען. איך בין דאָך נאָך בלויז אַן אָנגעקלאָגטער.

— דער געריכט וועט זײַן, און גאָר גיך... און דו ביסט שוין ניט קיין אָנגעקלאָגטער. אָנגעקלאָגטע זײַנען בײַ אונדז די, וואָס גייען אַרום אויף דער פרײַ... די, וואָס מיר נעמען, די זײַנען שוין פאַרמישפּטע! — און די אויגן ווערן אים מיטאַמאָל אויסגעלײַטערט, ווי די כמאַרעס, וואָס זײַנען פריִער אויף זיי אָנגעלאָפן, האָבן שוין זייער זאַך אָפּגעטאָן, — דעם קאַלטן רעגן אויף אלישעס קאָפּ אויסגעגאָסן... ער בייגט אָן דעם קאָפּ איבערן טיש, די ווייצענע האָר נעמען פינקלען מיט גאָלד אונטער דער עלעקטרע־שײַן, רוקט צו נעענטער די בויגנס פאַפּיר און הייבט אָן דעם אָפיציעלן פאַרהער.

און אלישע, בײַ דער טיר, אויף דער טאַבורעטקע, ס׳זאָל ניט זײַן אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן, די הענט אויף די קני, קוקט זייער אָנגעשטרענגט, מיט זײַן גאַנצער עקשנות און ווילנסקראַפט, אויף די גאָלד־פינקלענדיקע ווייצענע האָר, ווי ער וואָלט זיך פון זיי געוואָלט דערוויסן: וועט מען אים, אלישען, נאָך הײַנטיקע נאַכט אָנהייבן פּײַניקן? פינפאונצוואַנציק יאָר... וועט ער די פּײַניקונגען קאָנען אויסהאַלטן? און אויב מ׳וועט אויך אים, אלישען, ווי דעם שכן זײַנעם פון קאַמער, ווי דעם קוילנגרעבער מאַסליאַקן, אָנטאָן אַ משוגעים־העמדל און דרײַ מעת־לעת נאָכאַנאַנד שלאָגן מיט גומענע שטעקנס, וועט ער, אלישע, די פּײַניקונגען קאָנען אויסהאַלטן און ניט אײַנגעבראָכן ווערן? וועט ער דען קאָנען ווי זײַנע זיידעס גיין אויף די פײַער־שײַטערס, אַריבערשפּאַנען און אַרויסגיין פון זייער אייגן לעבן פאַר דעם קיום פון פאָלק? וועט ער דען קאָנען, דער לעצטער ייִדישער שרײַבער, אויסהאַלטן די נעגל און די ציינער פון די אויף אים אָנגעפאַלענע וועלף? און ס׳גייט דאָך דאָ ניט אין אים, אין אלישען, נאָר אין דעם כבוד

פון דער ייִדישער ליטעראַטור און דער עיקר אין דער גזרה אויף די דריי מיליאָן ייִדן אין רוסלאַנד.

און ער הייבט אָן, דער אויספֿאָרשער, וואָס האָט ניט וואָס צו פֿאָרשן און צו אויסקלאָרן, — ער ווייסט דאָך שוין אַז דער ייִדישער שרײַבער, אלישע, וועט באַקומען פֿינפֿאונצוואַנציק יאָר... ער הייבט אָן פֿון ווײַט און דאַכט זיך, פֿון גאָר אומשולדיקע שאלות: נאָמען? פֿאָטער־נאָמען? און אויך דעם אַדרעס פֿון דעם טאַטנס שטוב... — געדענקט ער אָבער ניט, אלישע, דעם אַדרעס פֿון יענער כאַטע אויף די גוישע גערטענער, ער קאָן זיך ניט דערמאָנען דעם נאָמען פֿון יענעם געסל, ווו די קליינע פֿענצטערלעך האָבן זיך כּמעט אָנגעשפּאַרט בײַ די גראָז־פֿאַרוואַקסענע פּריזבעס, ווו ער פֿלעגט אין די לאַנגע זומער־פֿאַרנאַכטן, קומענדיק פֿון חדר, אַנטשלאָפֿן ווערן הונגעריקערהייט און זען צעבליטע סעדער און הערן ניגונים, וואָס כאַפּן בײַם האַרצן.

— געדענקסטו ניט? איר האָט געלעבט אויף לוהינער געסל נומער צוויי.

— אמת, אמת, — דערפֿרייט זיך אלישע, — טאַקע אויף לוהינער געסל. אַ שמאָל געסעלע האָט געפֿירט צו זייער שטוב. אין האַרבסט, שוין פֿון די ערשטע רעגנס, האָט אַ פֿור האָלץ ניט געקאָנט אַרויספֿאָרן פֿון דער בלאָטע... פֿלעג דער פֿויער דאָס האָלץ אַראָפּוואַרפֿן אויף דער ערד, אין דער בלאָטע, און די קינדער האָבן צו איינציקע שײַטלעך געטראָגן אין שטעלכל אַרײַן.

— אגבֿ, — טוט ער פֿלוצלינג אַ פֿרעג. — פֿאַרוואָס בײַט איר...

— ווער זײַנען עס די... איר?

— איך מיין ייִדן. פֿאַרוואָס בײַטן זיי זייערע נעמען און אויך די נעמען פֿון זייערע עלטערן אויף רוסישע נעמען? און אַ סך פֿון אײַערע בײַטן ניט נאָר די נעמען, נאָר פֿאַרשרײַבן זיך פֿאַר אַזערבײַדזשאַנער, אַרמענער, גרוזינער.

— און וואָס אַרט עס אײַך אַזוי, און מיט וואָס שטערט עס אײַך? די נאַציסטן האָבן זיך געוואָלט דערגראָבן צום אמתן ייִדישן נאָמען, ווײַל זיי האָבן אים געוואָלט, דעם ייִדן, אומברענגען. און צוליב וואָס דאַרפֿט איר זיך עס אַזוי גריבלען אין די ייִדישע נעמען? צוליב וואָס גייט עס איצט איבערן גאַנצן ראַטנפֿאַרבאַנד אַזאַ מכשפֿה־געיעג צו אויפֿדעקן די

אמתע ייִדישע נעמען? וואָס אַרט עס אײַך אַזוי אויב הערשקאָ וועט הייסן גריגאָרי און וועלוול הייסט וולאַדימיר? איר האָט מורא...

— מיט וואָס, — שלאָגט ער איבער, — האָט זיך פאַרנומען דײַן טאַטע?

און אלישע דערזעט דאָ דעם טאַטן, וואָס איז געקומען צו אים, פאַרן גענומען ווערן, פון יענע ווײַטע וועלטן אַ פריילעכער, אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע, דער טוכענער קאַשקעט אַביסל אויף דער זײַט, ווי נאָך אַ לחיים אויף אַ ברית־מילה, און ווען אלישע האָט אים געפרעגט: „וואָס איז דיר, טאַטע, אַזוי פריילעך, מיר איז פינצטער אין די אויגן, כ'ווייס ניט וואָס צו טאָן, מ'עצהט מיר אָוועקפאָרן, אַנטלויפן...‟ — האָט אים דער טאַטע געזאָגט: „ניטאָ וואָס צו לויפן, מײַן קינד, גאָט איז אומעטום!‟ — און ווען אלישע האָט די אויגן געעפנט, איז שוין דער טאַטע ניט געווען, — אַרײַן צוריק אין די אייביקע וועלטן. און אויך שטעלט זיך אים דאָ פאַר די אויגן יענער טאַטע, דער צאַרנדיקער ייִד ר' מאיר בן־אריה הכהן, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן אָן תּרעומתן און באהבה געטראָגן די גרויסע גלות־יסורים און מיט די גרויסע שוואַרצע מידבר־אויגן אַרויסגעקוקט אויפן ליכטיקן גואל, אויף משיח בן־דוד... זײַן טאַטע האָט על־פּי־נס אויסגעמיטן דעם באַבי יאַר און איז בײַ זײַנע צוויי און אַכציק יאָר פאַרוואָגלט געוואָרן אויף מרחקים און דאָרטן ערגעץ אָפּגעגעבן דעם רבונו של עולם זײַן נשמה און קיינער ווייסט ניט ווער ס'האָט אים דאָרטן באַהאַלטן און ווו זײַן קבר בײַ דער וואָלגע געפינט זיך.

— לויטן מצב אין וועלכן ייִדן האָבן זיך געפונען אין צאַרישן רוסלאַנד, — נעמט אים אלישע ענטפערן אויף דער שאלה מיט וואָס דער טאַטע האָט זיך פאַרנומען. — און דאָס דאַרף דאָך דיר זײַן גוט באַוווּסט, ווײַל ווי איך זע, פאַרנעמסטו זיך מיט ייִדישע ענינים... ווייסטו דאָך אַז ייִדן, ווי אינאָראַדצעס, ווי פּרעמדגעבירטיקע, הגם ייִדן לעבן אין דעם לאַנד נאָך פון דער צײַט פון וולאַדימיר מאָנאָמאַכן, נאָך פון דער צײַט פון קיִעווער רוס... געוויס ווייסטו, קאַפּיטאַן, אַז אין דעם טויזנט דרײַצנטן יאָר איז שוין אין קיִעוו געווען אַ ייִדישער פּאָגראָם...

— ייִדן האָבן ניט געטאָרט האָבן קיין ערד, — שלאָגט ער איבער אלישען. — ניט געטאָרט אַריבערשפּאַנען דעם תּחום־המושב, זיי זײַנען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין די שטעטלעך... דאָס ווייסן מיר!

— ווייסטו עס, קאַפּיטאַן, יאָ?

— איז ער געווען, ווי אַלע ייִדן, אַ הענדלער, דײַן טאַטע?

— ניט אַלע ייִדן, קאַפּיטאַן, זײַנען געווען הענדלער... הגם ווען ניט אַט די הענדלער, וואָלט נאָך אייראָפּע ביז איצט אַרומגעגאַנגען אין בערעס־טענע פּאַסטעלעס. ייִדן זײַנען אויך געווען, קאַפּיטאַן, פּלײַסיקע און גוטע בעל־מלאכות: שוסטערס און שנײַדערס, סטאָליאַרעס און שאָרניקעס, סטעל־מאַכער און קאָוואַליעס. אָן די בעל־מלאכות וואָלט דאָס דאָרף, דער פּויער...

— אָבער דײַן טאַטע איז געווען אַ הענדלער!

— יאָ, קאַפּיטאַן, — איז זיך אלישע מודה. — מײַן טאַטע איז געווען אַ הענדלער. אַ קליינהענדלער. אויף קיין ברויט ניט געהאַט.

— האָט ער געהאַט וואַלרעכט?

— פאַרן צאַריזם, ווייסטו דאָך, קאַפּיטאַן, האָבן ייִדן קיין וואַלרעכט ניט געהאַט.

— הער זיך אײַן, — גייען אים די אויגן ווידער אין פֿינצטערן וואָלקן אַרײַן. — פאַרשטעל זיך דאָ ניט פאַר קיין נאַר... דו פאַרשטייסט גוט אַז איך פרעג דיך, צי דײַן טאַטע האָט געהאַט וואַלרעכט נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע?

— ניין, קאַפּיטאַן, ניין. אויך בײַ דער ראַטנמאַכט האָט ער ניט געהאַט קיין וואַלרעכט. נײַנציק פּראָצענט ייִדן האָבן ניט געהאַט קיין וואַלרעכט אויך נאָך דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

פאַרהייבט ער אויף אלישען די שווער אַנגעוואָלקנטע אויגן און אלישע פאַרשטייט זײַן בליק: — קאַפּיטאַן, — דערקלערט אים אלישע. — מיט פינפאונצוואַנציק יאָר האָסטו מיך שוין באַזאָרגט... קאָן איך מיט דיר רעדן אָפן. בפרט נאָך אַז איך האָב ניט מורא אַז דו וועסט מיך באַשולדיקן אין אַנטיסאָוועטישער אַגיטאַציע. דיך, קאַפּיטאַן, קאָן מען דאָך פון וועג ניט אַראָפּפירן?

און דאָ נעמט ער פון טישקעסטל אַרויס און דערלאַנגט אים, אלישען, אַ פאָטאָבילד: — וועמען קענסטו אויף אָט דער פאָטאָ?

און אלישע, בײַ זײַן לעבעדיקן זיכרון, בײַ זײַן גאַנצן כּוח־הדמיון, אָנשטרענגענדיק אַלע זײַנע שאַרף־פילנדיקע חושים, קאָן פון דעסטוועגן צווישן די דרײַ מענטשן, וואָס געפינען זיך אויף דער פאָטאָ, קיין איינעם ניט דערקענען. אַלע דרײַ זײַנען פאַר אים פרעמדע, קיין איינעם פון זיי קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען.

— ניין, קאַפּיטאַן, אָט די מענטשן קען איך ניט. קיין איינעם ניט!

— טי טשטאָ? — שפּרינגט ער אויף און ניט נאָר דער פּנים זײַנער מיט די קלייען, נאָר אויך די ווייצענע האָר ווערן אים רויט, אָט וועלן זיי זיך אָנצינדן און אָנהייבן פלאַקערן. — טי טשטאָ?... דו דערקענסט ניט? דאָס איז דאָך דײַן ברודער, — ווײַזט ער מיטן פינגער אויפן מיטלסטן, — דער פאַרשאָלטענער שונא פון פאָלק, דער טראָצקיסט פּינכאָס... דו דער־קענסט אים ניט?

— מײַן ברודער פּנחס? — פרעגט איבער אלישע, און קוקט זיך נאָך אַ מאָל אײַן אין דעם פּנים, וואָס דער עמגעביסט האָט אויף אים מיטן פינגער באַוויזן. — דאָס איז מײַן ברודער פּנחס? — פרעגט ער ווידער און אָבער אַ מאָל און דאָס האַרץ גייט אים אונטער צום גאָרגל און אַ פרישער פײַערדיקער רינג שנײַדט זיך אים אין דער נשמה אַרײַן. — אָט וואָס איר קאָנט מאַכן פון אַ מענטשן... — אלישע האָט נאָך דעמאָלט ניט געוווּסט, אַז זײַן ברודער איז שוין דאָרטן, אויפן ווײַטן צפון, אויפן פאַרוואָרפענעם ים־אינדזל, פאַרפײַניקט און דערשאָסן געוואָרן.

גייט ער פון יענער זײַט טיש אַרויס, און שוין ניט מיט קיין רויטן, נאָר שוין פון כּעס מיט אַ גרין־געוואָרענעם פּנים: — אויפשטיין! די הענט אויף אַרונטער! — און ער פירט אים, אלישען, איבער די שײַן־טונקעלע קאָרידאָרן, אויסגעשפּרייטע מיט שמאָל־גרינע שטעג־טעפּיכער, אַז די טריט זאָלן פאַרלאָרן גיין, קיין שאָרך זאָל ניט געהערט ווערן, די שטילקײַט דאַרף דיך אויסלעשן און אין פאַרלוירנקייט אַרײַנבריינגען. ווּהין פירט ער אים, מיט די טרעפּ אַרויף, ווו די דורכלויכטן זײַנען מיט שטאָלענע נעצן, פון איין פאָרענטש צום צווייטן, איבערגעצויגן, — אויב דער אַרעסטירטער וועט זיך פון די טרעפּ אַראָפּוואַרפן, זאָל ער אויף די שטאָלענע נעצן פאַלן... ווּהין פירט ער אים, אלישען, שוין מאַטערן און פײַניקן? גורל, אלישע, גורל! נעכטן איז געווען פּורים... אָבער דער המן, דער וואָלף פון די קאַווקאַזער בערג, לעבט דאָך נאָך!

און דאָ בלײַבט אלישע פאַר אַ געפּאַרבטער וואַנט שטיין, — ווײַטער איז שוין קיין וועג ניטאָ. עפנט דער אויספאַרשער אין וואַנט אַ טירל און שטופּט אים אין אַ לאָך אַרײַן. יענער „באָקס״־אָרון איז פּשוט אַ רחבות געווען... די פּלייצע מוז זיך דאָ אין דער וואַנט אָנשפּאַרן, דער פּנים צו דער טיר צוטוליען און די הענט קאָן מען האַלטן נאָר אויף אַראָפּ אויסגע־

צויגן. פון ערגעץ־ווו פֿאַלט אַרײַן אַ שײַן, וואָס פֿינטלט, ווי געגוססט... אַ שײַן, וואָס זאָגט דיר אָן, אַז אָט, נאָך אַ רגע, און דו וועסט דאָ אין אַן אייביקער פֿאַרמויערטער פֿינצטערניש פֿאַרבלײַבן.

און דערצו נאָך איז דאָ ביז גאָר שווער צו אָטעמען, — אלישען באַשלאָגט אַ קאַלטער נויט־שווייס. פֿון דעם ביסל לופֿט, וואָס קומט שוין יאָ אַהער אַרײַן, איז אָט דעם פֿאַרמאַכטן קאַסטן, טראָגט מיט וואַפּנע און ס׳פֿאַרגייט אין די אויגן ביז צו טרערן. פֿאַרשטייט ער, אלישע, אַז מ׳נעמט אים דערווײַל מאַטערן אויף אַזאַ אופֿן, נאָך אָן אַ משוגעים־העמדל... אָט דער שטיינערנער קאַסטן דאַרף אים אָנלערנען, אלישען, וואָס האַלט דאָ דעם קאָפּ צו הויך און פֿירט זיך דאָ אויף צו פֿרײַ... — און אלישע הייבט דאָ טאַקע אָן צו פֿאַרלירן די לעצטע כּוחות... אין אָט די זומפּ־שטילקייטן, אין אָט דער פֿאַרטויבטקייט, אין אָט דער עלנט־פֿאַרשטיינערטקייט, דערפֿילט ער זיך, אלישע, ווידער איבערן תּהום הענגען און ער ווייסט ניט ווען און וויפֿל קאָן געדויערן ביז ער וועט אַהין אָנהייבן צו פֿאַלן... און דאָס האַרץ, אַרומגעכאַפּט מיט אַ ברענענדיקן צאָרן, שלאָגט זיך אים אין אַ בלוטיקן טרויער.

און דאָ, בײַ דער פֿינטל־גוססדיקער קאַסטן־ליכט. דערזעט ער אין דער לינקער זײַט אַן אויסבייג, און וויל זיך דאָ, אין יענעם ציגל, דעם שאַרבן צעשפּאַלטן... נאָר אַז ער צעוויגט זיך אויף צו טרעפֿן מיטן שלייף אין יענעם ציגל, דערהערט ער פּלוצעם אַ קול: „פֿאַרלענד ניט, אלישע, דײַן לעבן! די צוררי היהודים וואַרטן נאָר אויף דעם... דו טראָגסט מײַן נאָמען! איך בין יענער וואַלדיד, דער בראַצלעווער חסיד, וואָס איז געגאַנגען אויף קידוש־השם ווען גוים האָבן געוואָלט פֿאַרשוועכן דעם אָרון־קודש... דו דאַרפֿסט לעבן! כ׳בין קיינמאָל צו דיר ניט געקומען, ווײַל צו חלום גייען מתים און איך לעב אין דיר... דו טראָגסט ניט נאָר מײַן נאָמען, נאָר אויך מײַן נשמה! מיר האָבן דאָ מיט דיר אַ שליחות"... — און ס׳עפֿנט זיך דאָס טירל פֿון דעם קאַסטן אויף, און דער אויספֿאַרשער פֿירט אים ווידער מיט יענע שײַן־פֿאַרטונקלטע קאָרידאָרן, איבער די גרין־פֿליושענע שטעג־טעפּיכער און ברענגט אים צוריק אַהין, אין יענעם צימער מיטן געדיכטן פֿאָרהאַנג, און פֿרעגט:

— האָט זיך דיר דאָרטן... דער זכּרון אַביסל אויסגעלײַטערט?

— איך וועל מער ניט ענטפֿערן אויף קיין איין פֿראַגע, — זאָגט אים

אלישע. — ביז דו ווערסט מיר ניט ווײַזן שוואַרץ אויף ווײַס אין וואָס ווער איך באַשולדיקט ? — דערלאַנגט ער אים אַ בויגן, ווו אלישע לייענט : ער, דער געוועזענער יידישער שרײַבער ווערט באַשולדיקט אין צווי אַרטיקלען פון דעם קרימינלען קאָדעקס : אין דעם אַרטיקל 58־אַ און אין דעם אַרטיקל 58־10.

— דאָס הייסט אין שפּיאָנאַזש און אין אַנטיסאָוועטישער אַגיטאַציע ?

— אַזוי הייסט עס. און אַזאַ ביסטו...

— איך בין אַ שפּיאָן ? — ווערט אלישע אויפגעבראַכט. — ווען און ווער האָט דאָס מיך פאַרוועררבירט ?

— ווו האָסטו זיך באַגעגנט מיטן פאַרשטייער פונעם ציאָניסטישן „דזשאָינט", מיט דעם בורזשואַזן אַמעריקאַנער שרײַבער יאָסיף אָפּאַ־טאָשו ? — טוט ער מיט אַ מאָל אַ פרעג.

— האָט עס מיך אָפּאַטאָשו, ווען ער איז געווען אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָך דעמאָלטן, אין פיר און דרײַסיקסטן יאָר, פאַרוועררבירט ? פאַרוואָס זשע האָט איר מיך אין דער צײַט פון דער מלחמה, ווען אַ שפּיאָן איז אַזוי געפערלעך, פאַרוואָס...

נאָר ער לאָזט ווײַטער ניט רעדן, נעמט ווילד שרײַען, זיך זידלען מיט די געמיינסטע ווערטער ; און אלישע באַמערקט, אַז ער שרײַט אין אָפענעם טישקעסטל אַרײַן... פאַרשטייט אלישע, אַז דער געשריי ווערט פאַרשריבן דאָרטן אויף אַ טאָשמע פאַר די, וואָס דאַרפן וויסן און הערן ווי אַזוי די אויספאָרשונג גייט. נעמט אלישע אויך שרײַען :

— זײַנען אַלע יידישע שרײַבער געווען שפּיאָנען ? פאַרוואָס האָט איר אַרויסגעריסן די יידישע שרײַבער פון לעבן, פון שאַפונג ?

— ווילסט וויסן פאַרוואָס ? — פאַרמאַכט ער מיט אַ מאָל דאָס טיש־קעסטל, — דערפאַר ווײַל איר פאַרהאַלט די אַסימילאַציע !

פון זײַן ענטפער ווערט אלישעס האַרץ פאַרפלייצט מיט פרייד און מיט שטאָלצקייט פאַר דעם יידישן לשון, פאַר זײַן ווונדערלעכן כוח, וואָס ער קאָן בײַ די אַלע גזרות און רדיפות, פאַרהאַלטן דעם קיום פון פאָלק... אָט פאַרוואָס מ׳האָט זיי, די יידישע שרײַבער, אין די טורמעס און אין די לאַגערן פאַרשפּאַרט, אָט פאַרוואָס מ׳האָט אין איין טאָג פאַרמאַכט אַלע יידישע שולן ! אָט פאַרוואָס מ׳האָט פאַרמאַכט דעם אינסטיטוט און דעם קאַבינעט פון יידישער קולטור, די יידישע פאַרלאַגן, די יידישע זשורנאַלן

און צײַטונגען, די ייִדישע טעאַטערן, די ייִדישע ביבליאָטעקן; אַרײַנגע־וואָרפֿן די ייִדישע ביכער אין די קעלערן און צעשמאָלצן אפֿילו דעם ייִדישן אלף־בית... דער לשון ייִדיש שטייט די שׂונאים ווי אַ ביין אין האַלדז!.... — נאָר לאַנג שרײַען לאָזט מען אים ניט, אלישען, ס׳שטעלן זיך באַלד אַרײַן יענע צוויי סערזשאַנטן און זיי פֿירן אים צוריק, אַהין, אין קאַמער אַרײַן, דורכן הויף, וואָס ליגט שוין אין אַ שטילן ווײַס־פּוכקן שניי, באַשאָטן מיט פֿינקל פֿון רויטלעכע שטערן.

## טו

און אלישע, אַ דערפרייטער, וואָס ער איז פון יענעם שטיינערנעם קאַסטן מיטן לעבן אַרויס, — טאַקע נאָר אַ העכערער כּוח האָט יענעם קול פון דעם קדוש, פון דעם בראַצלעווער חסיד, פון זײַן קרוב דעם מקובל, דעם עלנטן וואַלדייִד, געקאָנט אַהין אַראָפּברענגען און אים, אלישען, אָפּשטעלן, שוין אין דער לעצטער רגע, פון אַרויפלייגן די הענט אויף זיך, און דערצו נאָך אים פירזאָגן דאָרטן אַ גרויסע שליחות... און אויך אַ דערהויבענער פונעם אויספאָרשערס אַנטפּלעקן דעם סוד, אַז יידישע שרײַבער ווערן פון לעבן אַרויסגעריסן פאַרן פאַרהאַלטן די שקיעה... פאַר דעם, טראַכט אלישע, פאַרן קיום העם, פאַר זײַן יידיש לשון, וואָס האָט געשאַפן דעם וועלט־פאָלק, דעם וווּנדער־יידישלאַנד, — אָן יידיש וואָלט אין דער וועלט געווען צעשאָטן־צעוואָרפענע און פאַרשידן־לשונותדיקע אמונה־קהילות, ווי די מזרח־עדות אין די מוסולמענישע לענדער... — פאַרן קיום העם, פאַר זײַן יידישן לשון, וואָס דאָס פאָלק האָט אַליין, אָן אינסטיטוטן און אַקאַדעמיעס, אויף פרעמדע ערדן, אונטער דער הערשאַפט פון ביטער־פײַנטלעכע ממש־לות, אין משך פון דורות, פון דעם וויגל ביזן גרוב, אין חדר בײַ חומש מיט רש״י, אין ישיבה בײַ דער גמרא, אין שטוב און אין מאַרק, אין בית־מדרש און אין גאַס, בײַם האַמער און בײַם הובל, בײַם נאָל און נאָדל, בײַם טרײַבן סמאָלע אין וואַלד און בײַם פײַער אין דער קוזניע, האָט דאָס פאָלק געקאָוועט און געשליפן, געפּײַלט און געשניצט, אָנגעפּולט זײַן שפּראַך מיט בלוט און מאַרך, און געשאַפן און אָנגעזאַמלט שפּײַכלערס מיט האַרץ און נשמה, מיט ווײ און צאָרן, מיט טרויער און גלויבן, אָנהייבנדיק פון שפּריכווערטער און לידער, חסידישע מעשיות און לעגענדעס, ביז צו דער באמת גרויסער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז איינע פון די רײַכסטע אין דער וועלט; און אויב דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט אַ נאַציאָנאַל־וועלטלעכע ליטעראַ־טור, איז זי אין דעם יידישן לשון... פאַר דעם, פאַרן ווײַטערדיקן קיום פון פאָלק, פאַר זײַן נאָך ווילד־יונגן, פאַר זײַן רײַך־אויסגעשטערנטן יידיש־

לשון איז ער, אלישע, גרייט צו גיין אויף אַלע לײַדן און מאַטערנישן; און ער ווייסט שוין איצט אויף זיכער, אַז ער וועט ניט אײַנגעבראָכן און ניט אײַנגעבויגן ווערן... — און אויך פון דעם אַרויסגיין אין דעם אָנגעשנייטן הויף, דעם באַשאָטענעם מיטן פינקל פון די רויטלעכע שטערן, ווערט ער אויפגעמונטערט, — דאָס פײַער פון לעבן ווערט אפילו אין די קאַלט־ווײַטסטע ווינקלען ניט אויסגעלאָשן; און אַ מיד־אויפגעטרייסלטער, אויפגע־צאַרנט־באַרויִקטער גייט ער אונטער די שנאָל־קנאַלן פון די פינגער איבער די זומפ־שווײַגנדיקע תפיסה־קאָרידאָרן אין קאַמער אַרײַן צו זײַנע שכנים, צו די צוויי מענטשן, וואָס זײַנען אים פון דער גרויסער וועלט אין די פיר פאַרשלאָסענע אײלן פאַרבליבן.

און שוין דאָרטן, אין דער קאַמער, אין דעם בלענדליכט, וואָס פאַר־שלאָגט די שײַן פון די אויגן און דאַרף אויך פאַרשטערן און חרוב מאַכן די צוויי שעה, וואָס זײַנען פון דער נאַכט, נאָכן פאַרהער, פאַרבליבן אויף צו איבערכאַפּן דעם אָטעם, אויף צונויפנעמען די לעצטע כוחות דײַנע... אָט די בלענדליכט שלאָגט אין די אויגן אַרײַן, לאָזט ניט אײַנשלאָפן, אָבער איבערדעקן זיך איבערן קאָפּ טאָרסטו ניט, — די דאָזאָרן דאַרפן דיך דורכן „אײַגל" אין איטלעכער רגע קאָנען זען... און אויב דו ביסט שוין יאָ, פון מיד און פאַרמאַטערטקייט, בײַ אָט דער אכזריותדיקער ליכט, אַנטשלאָפן געוואָרן, נאָר די הענט דײַנע ליגן ניט פון אויבן אויף דער קאָלדרע, אַזוי ווערסטו תיכף אויפגעוועקט, — ניט נאָר דײַן פּנים, נאָר אויך דײַנע הענט דאַרפן זײַן אויבנאויף... — דאָרטן, אומקערנדיק זיך אין קאַמער אַרײַן, שוין ווײַט נאָך האַלבער נאַכט, טרעפט ער, אלישע, זײַנע ביידע שכנים אויף די בעטן זיצן און רייכערן. אויפן טיש ליגט אַ האַלב פּעקל מאַכאָרקע... פרעגט אלישע:

— פון וואַנען האָט זיך אַהער גענומען מאַכאָרקע?

ווײַזט דער קוילנגרעבער מיט די ווילד־דערשראָקענע אויגן אויפן בוכהאַלטער.

— דאָס האָט איר, — פרעגט אלישע בײַ יענעם, — געבראַכט פונעם פאַרהער? די מאַכאָרקע האָט אײַך דער אויספאָרשער געגעבן?

נאָר יענער, דער בוכהאַלטער, כאַפּט זיך אַלע מאָל מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ און חזרט איבער איינס און דאָס זעלביקע:

— אַלטער נאַר... אַלטער טיפּש... אַלטער נאַר... אַלטער טיפּש...

פאַרשטייט שוין אלישע וואָס מיט יענעם, מיטן בוכהאַלטער, איז דאָרטן אויפן פאַרהער געשען און וואָס ס׳האָט מיט אים דאָרטן געטראָפן: יענער האָט דאָרטן ניט אויסגעהאַלטן, זיך איַינגעבראָכן און „צעשפּאָלטן" — ער האָט דאָרטן אויפן פאַרהער אַלץ וואָס ער האָט געוווּסט דערציילט און אַלעמען אַרויסגעגעבן... און פּלוצעם הערט ער אויף צו קלאַפּן זיך מיט די הענט אין קאָפּ אַריַין און צו איבערחזרן „אַלטער נאַר... אַלטער טיפּש..." און הייבט אָן צו זאָגן:

— אָדם קרוב לעצמו... אָדם קרוב לעצמו...

דער אַלטער וויל פאַר זיך אַליין אַ פאַרענטפערונג געפינען, מיטן אָדם קרוב לעצמו וויל ער זיַין געוויסן שטילן. ער כליפּעט דערביַי אפילו צו. זיַין פּנים ווערט ווי אַן אָפּגעשאָבענער בוריק, — בלוטיק רויט, אויך די רייפעלעך אַרום די שוואַרצאַפּלען נעמען זיך אים דרייען אין אַן אָנגעגליטקייט און ער פאַלט אַנידער... רופט אלישע אַרויס די וואַכליַיט, אָבער אַליין קומט ער יענעם ניט צוהילף. אויף קיַין מוסר טאָר מען קיַין רחמנות ניט האָבן. פון וועגן די מוסרים האָט דער פלאַמיקער נביא אָנגעזאָגט: ובערת הרע מקרבך... און ווער ס׳איז מוחל אַ מוסר, דער ווערט דערמיט זיַינער אַ שותף. פאַר אַ מוסר קאָן ניט זיַין קיין שום מחילה און סליחה. דער על תדין את חברך, טאָר דאָ ניט גילטן. קיינער קאָן ניט, טאָר ניט, און האָט קיין רשות ניט צו פאַרענטפערן יענע לײַט וואָס האָבן פון פּחדנות, פון ציטערן פאַרן אייגן פּעלעכל מיטגעהאָלפן די נאַציסטן צו שיקן און צו פירן קינדער אין די גאַז־אויוונס... רחמנות צו מוסרים פלאָדעט נאָר נײַע מוסרים! דער בוכהאַלטער האָט דאָך גוט געוווּסט, אַז מיט זיַין „צעשפּאַלטן" זיך ווערט ער אַ פינצטערער מוסר און העלפט זיי, די שונאי ישראל, אַרויסצופירן ייִדן אין די רויטע עשאַלאָנען אויף אומקום אין די קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס... — אלישע וואַרפט זיך מיט עטלעכע ווערטער איבער מיטן קוילנגרעבער, פרעגט ווי אַזוי איז ביַי אים דער פאַרהער פאַרלאָפן, און צי מ׳האָט אים דאָ מער ניט געשלאָגן?... און ביידע ווינטשן זיך אַ „גוטע נאַכט", און אלישע רעדט מיט זיך אָפּ, אַז די בלענדליכט דאַרף ניט און קאָן אים ניט שטערן צום שלאָף, און אויך די הענט וועט ער געדענקען אויבנאויף, אויף דער קאָלדרע, צו האַלטן, — מ׳זאָל אים ניט וועקן. ער דאַרף דאָס פאַרבליבענע ברעקל נאַכט אָפּשלאָפן און די כוחות צונויפנעמען.

און ער שלאָפט טאַקע גלײַך אײַן, און מיט אַ שטאַרקן שלאָף, אָבער באַלד כאַפּט ער זיך אויף מיט אַ מאָדנער, מיט אַ ניט פֿאַרשטענדלעכער אומרויִקייט... ווי נאָר אײַנגעשלאָפֿן, חלומט זיך אים יענער קאַפּיטל פֿון זײַן דאָרפֿישן ראָמאַן, ווו יונגע וועלף, נאָך די שווערע שנייפֿאַלן, ניט האָבנדיק מיט וואָס דעם הונגער צו שטילן, צערײַסן זייער טאַטן, דעם אַלטן וואָלף, אויף שטיקער, פֿרעסן אים אויף, אַז ס׳בלײַבט פֿון אים אַפֿילו קיין ביינדל ניט. — אלישע קאָן שוין אפֿילו ניט אײַנדרעמלען. יענער קאַפּיטל מיט די וועלף, וואָס איז מיט צוואַנציק יאָר צוריק אָנגעשריבן געוואָרן און וואָס איז אין בוך ניט אַרײַן, ווײַל דער צענזאָר האָט געוואָלט וויסן, אלישע זאָל אים דערקלערן, וואָס האָט ער, דער שרײַבער, געמיינט און אויף וואָס אָנגעטייט מיט די יונגע וועלף, וואָס עסן אויף דעם אַלטן ?... אָבער אלישעס אַלע דערקלערונגען האָבן ניט געהאָלפֿן און דער קאַפּיטל איז אין טישקעסטל פֿאַרבליבן און אין דער צײַט פֿון דער מלחמה פֿאַרלוירן געגאַנגען. — פֿון דעם, וואָס יענע וועלף, פֿונעם אָנהייב ווינטער, פֿון די טיף־אָנגעשנייטע זומפֿן, פֿון דעם שטאַרק־פּראָסטיקן פֿאַרנאַכט, האָבן זיך אים דאָ פּלוצעם, אין דער קאַמער, בײַ די בלענדליכט געחלומט, ווערט אלישע אַזוי אויפֿגע־טרײַסלט, אַז ער וועקט אויף דעם פּויער און פֿרעגט אים :

— וואָס באַטײַטן וועלף אין אַ חלום ?

— וועלף אין אַ חלום איז אויף אַ גוטער בשׂורה.

קוקט אלישע אַרײַן אין יענעמס ווילד־דערשראָקענע אויגן : צי וויל ער ניט, דער פּויער, דעם חלום מיט די וועלף פּשוט צום גוטן אויסלייגן ? נאָר יענער צלמט זיך דריבנע און חזרט איבער : — וועלף אין חלום איז אויף אַ גוטער בשׂורה ! — נעמט שוין אלישע מיט אַלע זײַנע פֿאַרבאָרגענע כּוחות זיך צוהערן צו זײַן אייגענעם פֿאַרגעפֿיל, צו יענעם ווײַטן קול, וואָס נאַרט אים קיינמאָל ניט אָפּ... אָבער דאָ עפּנט זיך דאָס ניט־דרעמלענדיקע, דאָס אכזריותדיקע טיר־פֿענצטערל, וואָס זאָגט אָן : די נאַכט פֿון רו און שלאָף איז אויסגעגאַנגען... און מ׳קערט אום די ברילן, וואָס פֿאַרן שלאָפֿן גיין ווערן זיי צוגענומען און פֿון קאַמער אַרויסגעטראָגן, — דו זאָלסט זיך מיטן גלאָז די אָדערן פֿון די הענט, אָדער די ווענעס אויפֿן האַלדז־און־נאַקן, חלילה, ניט איבערשנײַדן... דײַן לעבן דאַרף מען האָבן אויף צו האַקן און צו וואַלגערן ביימער אין דער סיבירער טײַגע, — ער בויט דאָך סמערדיאַ־קאָוו דער צווייטער, דעם פֿון דורות אויסגעטרוימטן, דעם אין ווײ אויס־

געחלומטן, יושרדיקן לעבן, מ׳זעט דאָך שוין אפילו די שײַנענדיקע הייכן פונעם קאָמוניזם...

און נאָכדעם, נאָך די פינעף מינוט אויף צו וואַשן זיך און אויף אַלע באַדערפֿעניִשן, ווערט דורכן זעלביקן טיר־פֿענצטערל דער טשײַניק געלבלעכער אָקרעפּ דערלאַנגט, די פּופּצן גראָם זאַמדצוקער אויפֿן מעת־לעת אַרײַנגעשאָטן, דאָס קופּקעלע פּאַרזשאַווערטע קילקעס פֿון צווישן די פֿינגער אַרײַנגעוואָרפֿן, די לעפּל גרויע וואַסער מיט די עטלעכע אַרבעס־הילזן אַרײַנגעגאָסן און בײַ דער זײַט ווערט דיר אַוועקגעלייגט, אויך אויפֿן מעת־לעת, דאָס שטיקל קלעפּיק ברויט, וואָס שטעכט אין גומען, ווײַל ס׳איז דער עיקר פֿון ניט געזיפּטער גערשטן־מעל געבאַקן. און ווי נאָר מיט אָט דעם אָנבײַסן ווערט מען אָפּגעפֿאַרטיקט, און אויך דער פּאַרקעט ווערט ביז פֿײַער־גלאַנץ אָנגעריבן — פֿאַרן פּוצן דעם פּאָל גייט צווישן די אסירים אַן אַמפּערניש, ווײַל אַנדערע ספּאָרט־באַוועגונגען זײַנען פֿאַרבאָטן, דו האָסט נאָר די רעכט איבער דער קאַמער הין־און־צוריק אַרומגיין... נאָכן אויסגלאַנצן דעם פּאַרקעט, עפֿנט זיך שוין יענע, די גרויסע שווערע מיט אײַזן־געקאָוועטע טיר, ס׳גייען אַרײַן דרײַ און הייסן זיך אויסטאָן ביז נאַקעטקייט. זיי טאַפּן ווידער איבער מיט די פֿינגער אַלע נעט אין די מלבושים, צעוואָרפֿן די פֿאַרבעטע געלעגערס, טרײַסלען אויס און שאַרן איבער דײַן פֿון דער היים געבראַכטן פֿאַרמעגן... — און דערנאָך הייבן זיך שוין אָן די פֿינגער־שנאָלן, די קנאַל־בײַטשן איבער דער נשמה, — מ׳טרײַבט די אסירים אויף דעם פּרימאַרגנדיקן „פּאַרהער״, וואָס דאַרף דיך דאָרטן דערנידעריקן און צונישט מאַכן.

בײַם אַרויסגעפֿירט ווערן פֿון קאַמער ווערט אלישע אויף ס׳נײַ באַזוכט, צי האָט ער ניט אַדורכגעשמוגלט עפּעס־וואָס פֿאַרבאָטנס? און מ׳וויל בײַ אים די פּאַפּיראָסן מיט די שוועבעלעך צונעמען... שטעלט ער זיך דאָ אַנטקעגן: רייכערן איז לויט די טורמע־תּקנות ניט פֿאַרווערט געוואָרן! און הגם אלישע, וואַרטנדיק אויפֿן אַרעסטירט ווערן, האָט צוויי מאָל דאָס רייכערן געוואָרפֿן, און ער האָט שוין געוווּסט, אַז מיטן רייכערן וועלן זיי אויף אים ניט קאָנען ווירקן, ער וועט זיך קאָנען אויך אָן דעם ציגאַר באַגיין, דאָך, בײַם וועלן צונעמען בײַ אים די פּאַפּיראָסן, שטעלט ער זיך קעגן... ווײַל דאָס רייכערן בעתן פֿאַרהער גיט די מעגלעכקייט אַן איבעריקע רגע אַ קלער צו טאָן: וואָס וויל ער, דער אויספֿאָרשער מיט דער אָדער

יענער פראַגע, און דער עיקר, ווהין פירט זי און ווהין וויל מען אים מיט איר אַרײַנפּלאָנטערן און בײַ וואָס וויל מען אים דאָ כאַפּן?... — און ער האָט די פּאַפּיראָסן ניט אָפּגעגעבן. אַפּנים ס׳איז געווען נאָר אַ פּרווו... וואָלט זיי פון אויבן אָנגעזאָגט געוואָרן די פּאַפּיראָסן בײַם שרײַבער צונעמען, וואָלט אלישעס ווערן זיך דאָ ניט געהאָלפן, מ׳וואָלט אים די הענט אויס־געדרייט, די ציגאַרן צוגענומען און פאַרן קעגנשטעלן זיך אין קאַרצער אַרײַנגעוואָרפן... — און ער גייט ווײַטער מיטן צעעפנטן אַלטן שינעל, די הענט אויף אַרונטער, איבער די טונקל־באַלויכטענע זומפּ־שווײַגנדיקע קאָרידאָרן, פאַרבײַ די שטום־שרײַענדיקע קאַמער־טירן, און אויך איבער דעם פירעקעכדיקן הויף מיט די הויכע ווענט, ווו די דאָזאָרן אויף די וואַך־טורעמס שפּאַנען אַרום מיט די אויטאָמאַט־ביקסן אין די הענט. — יעדער רגע גרייט צו שיסן... נאָר דער פאַרשאַרטער שניי בײַ די ווענט, וואָס ברענט אויף דער אָנהייב פרילינגדיקער זון אונטער דעם שטיקל בלויען הימל מיט די גלי־ווײַסע וואָלקנס, דער ווינט פון דניעפּער מיט דעם ריח פון צעצוויטעטער ווערבע, און אויך דער צאַרטער, דער שוין פרילינגדיקער געשריי פון די גרויע קראָען, פילן אים אָן, אלישען, מיט פרייד און גלויבן.

און דאָרטן, שוין אויפן דריטן גאָרן, ווו די קאָרידאָרן זײַנען מיט די גרין־פליושענע שטעג־טעפּיכער געשפּרייט, — דײַנע טריט זאָלן אויך דאָ אין אָן אייביק־שווײַגעניש אַרײַן, שוין דאָרטן, אין יענעם צימער מיט די געדיכטע פאָרהאַנגען, וואָס דאַרפן פאַרהאַלטן און פון דיר פאַרשטעלן די געבענטשטע שײַן פון דער פרילינגדיקער זון, פון דער גרויסער האַרעפּאַש־ניצע פון דער וועלט, וואָס פויעט שוין די נאָך אָנגעשנייטע ערד מיט הייסער וואַרעמקייט און חיותדיקער ליכט; דאָרטן, אין יענעם צימער, וואָס אין גרויקייט, ווי אין ערב־טאָג ווערן, דאָרטן, ווו ניט נאָר זײַן, אלישעס, גורל ווערט געחתמעט, דאָרטן בײַם טיש שטייט דער אויספאָרשער, איינער פון די מיט וועמענס הילף ער, סמערדיאַקאָוו דער צווייטער, הערשט און קעניגט איבערן גרויסן לאַנד... און זיי, אָט די לײַט, די עמגעביסטן, ווייסן עס זייער גוט; ער, דער קאַפּיטאַן, פאַרענדיקט צו רעדן אין טעלעפאָן־טרײַבל, וואָס ליגט צווישן אַקסל און אויער, ווײַל מיט די הענט בלעטערט ער דערבײַ אַ פּאַפּקע מיט פּאַפּירן: — ס׳וועט געדויערן, זאָגט ער, נאָך אַ טאָג דרײַ פיר, און ער וועט זײַן אויפן אָרט צו דער צײַט!

נעמט דאָ אלישען דורך אַ קעלט און די הענט ווערן אים מיט אַ הייסן

שוויס באַשלאָגן, — דער פּאַפּיראָס ווערט ביי אים צווישן די פינגער צעוויקט... מיט אַלע זיינע, אָנגעגליטע און פאַרשאַרפטע חושים דערפילט ער, אַז די רייד גייט דאָ וועגן אים... זיי איילן דאָ, זיי דאַרפן דוחק־זיין די שעה, זיי קאָנען מיט אים דאָ קיין שהיות ניט מאַכן, זיי מוזן מיט אים דאָ פאַרגיכערן און אונטעריאָגן... און ווהין דאַרפן זיי אים ברענגען און אויף וועלכן אָרט אים צושטעלן? קלייבט מען זיך אים אויך פירן אַהין, אויף לוביאַנקע?

אלישע האָט דער עיקר מורא פאַר דריי זאַכן: ערשטנס, פאַר דעם בריוו, וואָס ער האָט פון קאַטאַ־קורגאַן געשריבן קיין טאַשקענט צו יחזקאל דאָברושינען, ווו ער, אלישע, האָט אין יענעם בריוו אָפן און קלאָר געזאָגט, אַז עמצער טוט אַלץ כדי צו אומברענגען די יידישע שרייבער. זיי, די יידישע שרייבער, ווערן געשיקט ווי סאָלדאַטן, נאָך אפילו ניט קיין אויסגע־שולטע, גלייך אין פייער אַריין... ס׳זיינען שוין געהרגעט געוואָרן מאיר ווינער, שמואל גאָדינער, אהרון גורשטיין, בוזי אָליעווסקי, פּייסי אַלטמאַן, משה כאַשטשעוואַצקי און עזרא פינינבערג געפינט זיך אין דער אַרבעטס־אַרמיי, ווו ער קומט אום... שרייבער פון אנדערע סאָוועטישע פעלקער ווערן געשאַנעוועט און געהיט... און אויב יידישע שרייבער וועלן אויך ווייטער געשיקט ווערן אויף אַריבערצופּעקלען זיי אויף יענער וועלט, וועלן מיר נאָך דער מלחמה בלייבן אָן אַ קול! ס׳וועט ניט זיין ווער ס׳זאָל דערציילן פאַר די קומענדיקע דורות וועגן דעם גרויסן פאָלקס־ווייטיק, וועגן דעם פאָלקס־צאָרן, וועגן באַבי־יאַר.. אָט דער בריוו זיינער, אלישעס, האָט געקאָנט אַריינפאַלן אין זייערע הענט ביים אַרעסטירן דאָברושינען און וועט שוין קאָנען דינען ווי אַן עדות פון זיין, אלישעס, אַנטיסאָוועטישער אַגיטאַציע און אויך ווי „רכילות" אויף דער פּאַרטיי און דער ראַטנמאַכט.

און צווייטנס: ער, אלישע, האָט טאַקע דאָרטן, אין קאַטאַ־קורגאַן, אָנגע־שריבן אַ ליד און אונטערן פען־נאָמען מאיר אַריעס אָוועקגעשיקט אין אַנטיפאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט, ווו מ׳האָט דאָרטן תיכף אלישעס פערלדיקן האַנטשריפט דערקענט און די ליד קיין אַמעריקע אָוועקגעשיקט ווו זי איז אָפּגעדרוקט געוואָרן... דאָס קאָן דאָך שוין עדות זאָגן אויף אלישעס פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, און דערצו, נאָך איז די ליד אונטער־געשריבן ניט מיטן אייגענעם נאָמען...

און דריטנס: אויך האָט ער, אלישע, מורא פאַר די בריוו וועלכע יאַנקל

יאַקיר האָט בײַ שיינדלען, נאָך דאָרטן, בײַ דעם טײַך אַמו־דאַריאַ, אין אורגענטש, אָפּגעשלעפּט און זיי שפּעטער, נאָך דער מלחמה, אַרומפּאַרנדיק איבער די מאָלדאַווישע שטעטלעך, אויף אָוונטן געלייענט... — אויך אָט די בריוו וואָס ער, אלישע, האָט צו שיינדלען פון פראָנט געשריבן, האָבן דאָך אין זייערע הענט געקאָנט אַרײַנפאַלן...

און נאָך פאַר איינס האָט ער דאָ מורא: מ׳קאָן אים אויך אונטערטראָגן יענע באַגעגעניש אין סטאַלינאָבאַד, אין דער הויפּטשטאָט פון טאַדזשיקיס־טאַן, מיטן דיכטער חיים גראַדע, וואָס באַלד נאָך דער מלחמה איז ער קיין אַמעריקע אַוועקגעפאָרן און „פאַרשוואַרצט" דאָרטן דעם סאָציאַליסטישן גן־עדן... און הגם ער איז זיכער, אַז דער דיכטער האָט דאָרטן זײַן וואָרט געהאַלטן: פון דער באַגעגעניש ניט געשריבן און זײַן, אלישעס, נאָמען אין ערגעץ ניט דערמאָנט, אָבער פון אָט דער באַגעגעניש האָט דאָך געוווּסט דער פאָרזיצער פון טאַדזשיקיסטאַנער שרײַבער־פאַרבאַנד און יענער האָט דאָך געוויס גלײַך אָפּגעטראָגן און איבערגעגעבן אַהין... אויך אָט די באַגעגעניש קאָן דאָ ווערן פאַר אלישען אַ שוואַרצע קאָרט און נאָך אַן אָנקלעפּעניש.

נאָר נאָכן אַוועקלייגן דאָס טעלעפאָן־טרײַבל, נאָכן אונטערשרײַבן דאָס פּאַפּירל אַז ער, דער אויספאָרשער, האָט דעם אַרעסטירטן באַקומען און ער וועט טראָגן פאַר אים די ווײַטערדיקע אחריות, נאָך דעם, שוין נאָכן אַוועקגיין פון די סערזשאַנטן, לייגט ער אַרויף אַ פּאַפּקע מיט פּאַפּירן אויפן ראַדיאָ־אויערל, וואָס ליגט אויפן טיש מיטן מײַלעכל אַראָפּ, קײַן וואָרט זאָל, חלילה, צום אַרעסטאַנט ניט דערגיין; צערוקט אַ קאַפּעלע די פאָרהאַנגען און אויף זײַנע אויגן, אויף די צוויי בלויע שטיקעלעך אײַז, פאַלן צעבראָכענע שטראַלן פון דער זון... ער גייט פון טיש צו דער קושעטקע, צו דעם שמאָלן צוויקל ליכט, און האַלב־ליגנדיק פרעגט ער פלוצלינג אלישען, וואָס זיצט שוין אויף דער טאַבורעטקע מיט די אויסגעצויגענע הענט אויף די קני.

— וואָס טראַכט ער, דער ייִדישער שרײַבער, וועגן כאַזינען... און ביכלאַל וועגן דער עקאָנאָמישער קאָנטררעוואָלוציע פון ייִדן אין דער סאָציאַליסטישער פאָלקסווירטשאַפט? לאָמיר, זאָגט ער, וועגן אָט דער פאַרברעכערישער טעטיקײַט פון ייִדן זיך דורכרעדן שטיל, אָן געשרייען, אָן פּראָטאָקאָלן.

— און ווען מען גייט עס דאָרטן אָן, וואָס איך טראַכט וועגן דעם?

— אויב איך פרעג דיך, גייט עס געוויס עמעצן אָן...

— און מײַנע רייד וועלן אויף דער טאַשמע פאַרשריבן ווערן?

פון יענעמס צושאָקלען מיט די גאָלדיק־ווייצענע האָר, פון יענעמס שטילן רעדן, פון זײַן האַלב ליגן אויף דער ברוין־לעדערנער קושעטקע און דער עיקר פון די צוויי צעבראָכן און צעקרומטע שטראַלן אין זײַנע צוויי בלויע גריבעלעך איז, ווערט ער, אלישע, אויפגעצאָרנט, און ווי תּמיד, אַז ס׳קומט אים אויס צו רעדן פון וועגן אַזוינס, וואָס דערגייט אים ביזן ביין, רעדט ער מיט האָרץ און אויך מיט געשריי, ווײַל פון גרויס ווייטיק שרײַט מען... און אויך קלײַבט ער און זופט ניט איבער די ווערטער:

— פאַרוואָס, קאַפּיטאַן, פרעגט מען בײַ מיר, בײַם ייִדישן שרײַבער, וועגן כאַיִנען ערשט איצטער? שוין נאָכן פּראָצעס אין קיִעוו, ווו מ׳האָט אַרויסגעשטעלט ייִדן ווי שׂונאים פון די סאָוועטישע פעלקער, ווי שווינדלער און גנבים... פאַרוואָס פרעגט איר בײַ מיר איצט וועגן כאַיִנען, שוין נאָכן פּראָצעס, שוין נאָך דעם ווי מ׳האָט אים, כאַיִנען, פאַרמישפּט צום טויט, און דעם טויט־אורטייל אויסגעפירט? אָט זאָג מיר, קאַפּיטאַן, פאַרוואָס זײַנען אויף יענעם כאַיִן־פּראָצעס אַרויסגעשטעלט געוואָרן בלויז ייִדן? האָבן דען רוסן, אוקראַיִנער, ניט געגנבעט צוזאַמען מיט אים, מיט כאַיִנען?

— געווען דאָרטן פאַרמישט אײן רוס, — זאָגט דער אויספאָרשער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, מיט באַדויערונג, — יאָ, געווען דאָרטן איין רוסישער, אַבראַמאָוו, מ׳האָט אים אַרײַנגעפּלאָנטערט... נאָר ער איז פאַרן פּראָצעס געשטאָרבן דאָ אין טורמע.

— אַזוי, געשטאָרבן? — פרעגט אלישע מיט חוזק. — ס׳האָט, הייסט עס, יאָ געקאָנט זײַן אויפן פּראָצעס איין רוסישער, פאַרשטייט זיך אַ פאַרפּלאָנטערטער... די ייִדן האָבן אים, אַבראַמאָוון, דעם אומשולדיקן רוס, אויפן שלעכטן וועג אַרויפגעפירט... נאָר אַבראַמאָוו איז דאָ, נעבעך, אין טורמע געשטאָרבן... נו, און פאַרוואָס, קאַפּיטאַן, האָט מען ניט געשטעלט פאַרן געריכט דעם כאַוווער גריזאַ, דעם סעקרעטאַר פון קיִעווער געגנטלעכן פאַרטיי־קאָמיטעט, דעם מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וואָס האָט גענומען פון כאַיִנען מתּנות אויף הונדערטער טויזנטער רובל?! האָט דען דער כאַוווער גריזאַ, דער סעקרעטאַר פון געגנטלעכן פאַרטיי־קאָמיטעט, דער מיטגליד פון צעקאַ, ניט פאַרשטאַנען

אַז דער טײַערער קרישטאָל, די כינעזישע און יאַפּאַנישע סערוויזן, די פּערסישע טעפּעכער, די אויסלענדישע מעבל־גאַרניטורן, די טײַערע פּוטערמאַנטלען פֿאַר זײַן ווײַב, וואָס ווערן פֿון כאַיִנען געשיקט צו אים, צו גריזאַן, אין שטוב אַרײַן... צי דען האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען, דער כאַווער גריזאַ, אַז דאָס זײַנען גנבות?... קאַפּיטאַן, שלאָג ניט איבער! עמעצער וויל דאָך וויסן מײַן מיינונג... האָט מען כאַיִנען געשטעלט פֿאַר אַ מיליטערישן געריכט, אים פֿאַרמישפּט צום טויט, און דעם אורטייל אויסגעפֿירט. אים, כאַיִנען, האָט מען געשאָסן, און אים, גריזאַן, וואָס אונטער זײַנע פֿליגל האָט כאַיִן געקאָנט שווינדלען און גנבענען, אים, גריזאַן, האָט מען נאָר אַרפּגענומען פֿון סעקרעטאַר פֿון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט און מ'האָט אים געמאַכט פֿאַרן מיניסטער פֿון לײַכטער אינדוסטריע פֿון דער אוקראַיִנישער סאָציאַליסטישער סאָוועטישער רעפּובליק... ווי אַזוי, קאַפּיטאַן, קאָן מען עס דערקלערן, וואָס דער ייִד כאַיִן...

נאָר דאָ שפּרינגט ער שוין אויף, דער אויספֿאָרשער אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, פֿון דער ברוין־לעדערנער קושעטקע, פֿאַררוקט די פֿאַרהאַנגען, זעצט זיך צום טיש און לייגט פֿאַר זיך די ליידיקע בויגנס פּאַפּיר, וואָס דאַרפֿן מיט שאלות און תשובות פֿאַרשריבן ווערן, און מיט יענעם שיטערצוואָרפֿענעם האַנטשריפֿט אויף צו קאָנען שפּעטער ענדערן, אויסמעקן און צושטעלן:

— וואָס קאָנסטו זאָגן וועגן דער ציאָניסטישער מלוכה איזראַאיל?

— וועגן דער מדינה ישראל קאָן איך זאָגן דאָס זעלבע, מיט קיין וואָרט ניט מער, און מיט קיין איין וואָרט ניט ווינציקער, ווי דאָס, וואָס ס'האָט געזאָגט אַנדריי גראָמיקאָ אויף דער גענעראַלער אַסאַמבליי פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער... פֿאַרשרײַב עס, קאַפּיטאַן, אין פּראָטאָקאָל.

— און ווו האָסטו זיך געטראָפֿן מיטן פֿאָרשטייער פֿון דעם „ציאָניסטישן דזשאָינט", מיט יאָסיף אָפּאַטאָשו? — קערט ער זיך מיט אַ מאָל אום אויף צוריק, צום בײַנאַכטיקס, און שטעלט ווידער דעם טראָפּ אויפֿן „דזשאָינט".

— קאַפּיטאַן, פֿינף און צוואַנציק יאָר, וואָס דו גיסט מיר פֿאַר דער באַגעגעניש מיט אָפּאַטאָשו, וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אין טויזנט נײַנהונדערט פֿיר און דרײַסיק... פֿינף און צוואַנציק יאָר איז דאָכט זיך אַ ביסל צופֿיל... ס'איז דאָך קאָמיש, קאַפּיטאַן, צו באַשולדיקן אַ

מענטשן אין שפּיאָנזאַש נאָך דער מלחמה. אַ שפּיאָן, קאַפּיטאַן, און דאָס ווייסט די גאַנצע וועלט, איז געפּערלעך בעת דער מלחמה...

— באַשטעטיקסטו, — שלאָגט ער איבער, — אַז מיטן פאַרשטייער פון דעם „ציאָניסטישן דזשאָינט" האָסטו זיך געטראָפן אין כּאַרקאָוו?

— איך האָב זיך געטראָפן ניט מיט קיין פאַרשטייער פון „דזאָשינט", נאָר מיטן גרויסן יידישן שרייבער יוסף אָפּאַטאָשו. דאָס איז געווען אין האַרבסט טויזנט ניין הונדערט פיר און דרייסיק אין כאַרקאָוו.

די באַגעגעניש מיט אָפּאַטאָשו האָט אלישע ניט געטאָרט אָפּלייקענען, ווייַל ס'איז געווען פאַר אים קלאָר, אַז וועגן יענער באַגעגעניש זייַנען אין דער עמגעבע פאַראַן דאָנאָסן. פון יענער באַגעגעניש האָבן געוווּסט נאָר צוויי מענטשן, דער דעמאָלטיקער דיכטער־אָנפאַנגער פּעטשעני, וואָס איז געקומען צולויפן אַ פאַרסאָפּעטער, אַז אָפּאַטאָשו וויל זיך זען מיט אים, מיט אלישען, און אויך האָט וועגן דעם געוווּסט פּינטשעווסקי, — אלישע האָט מיט אים דעמאָלטן געאַרבעט אין דער צייַטונג „דער קוסטאַר", ווו דער רעדאַקטאָר איז געווען איינער אַ כאַוער לעפּל, וואָס האָט געהאַט אַ „טויבן אויג".

אלישע האָט זיך באַגעגנט מיט אָפּאַטאָשו אין כאַרקאָווער „קראַסנאַיאַ גאָסטיניצאַ". די ערשטע פראַגע וואָס אָפּאַטאָשו האָט געשטעלט אלישען, איז געווען: — פון וואַנען קומט צו אייַך אַזאַ יידיש?

— איך קאָן אייַך ניט זאָגן פון וואַנען? פון מייַן היים, פון מייַן שטעטל.

— יידיש איז אַ וווּנדערלעכער לשון! — און גלייַך געשטעלט אַ צווייטע פראַגע: — האָט איר געלייענט מיין „אַ טאָג אין רעגענסבורג"?

— יאָ, אוודאי, געלייענט. — און אלישען האָט זיך זייער געוואָלט וויסן אָפּאַטאָשוס מיינונג וועגן בערגעלסאָנען און ניסתרן. האָט ער אים וועגן זיי געפרעגט. וועגן בערגעלסאָנען האָט אָפּאַטאָשו גאָרניט ניט געזאָגט, וועגן דעם ניסתר האָט ער געזאָגט. „וואָס ווייַטער פון דער ערד, אַלץ איז קעלטער"... און איז באַלד אַריבער אויף דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד: יאָ, פאַראַן דאָ טאַלאַנטן. און שטאַרקע טאַלאַנטן. פאַראַן... ס'איז אָבער אויך פאַראַן ביי אייַך אַבטשוקעס... איר האָט יידישע שולן, טעכניקומס, אינסטיטוטן, פאַרלאַגן, צייַטונגען, טעאַטערן, אָבער אַלץ איז דאָ אָן אַ נשמה... ס'איז אַ גוף אָן אַ נשמה! קומט, איך וויל אַרייַנגיין אין בית־מדרש... איר וועט גיין מיט מיר?

ניין, אלישע איז מיט אָפּאַטאָשון אין בית־מדרש ניט געגאַנגען. ער האָט מורא געהאַט צו גיין מיט אים אין בית־מדרש. אָפּאַטאָשו האָט אים פאַרשטאַנען. ער האָט אַ קוק געטאָן מיט טרויער אויף אלישען און זיך מיט אים געזעגנט.

— איך וועל אײַער „אָפּן שיידוועג" געבן לייענען לייוויקן. — און ער איז אַוועק אַליין אין בית־מדרש און אלישע איז אין יענעם ווינטיקן סופּטאָג, אויך אַוועק אַליין...

און ער קלאַפּט, דער קאַפּיטאַן, מיטן ווײַזפינגער אויף דער פּאַפּקע פּאַפּירן, ווי געזאָגט: מיר ווייסן דאָ אַלץ, דאָ איז אַלצדינג פאַרשריבן... און הגם אלישע ווייסט אַז דער אויספאָרשער זאָגט דעם ריינעם אמת, אַז אין יענער פּאַפּקע ליגט טאַקע וועגן זײַן, אלישעס, באַגעגענען זיך מיט אָפּאַטאָשון, אָבער זאָגן דאָ דעם אמת, אז ער, אלישע, האָט זיך געטראָפן מיט אָפּאַטאָשון אין האָטעל, אין אַ באַזונדערן צימער, אויג אויף אויג...

— קאַפּיטאַן, — פאַררייכערט אלישע. — מיטן גרויסן יידישן שרײַבער אָפּאַטאָשו האָב איך זיך צופעליק געטראָפן אין דער רעדאַקציע פון דער דעמאָלטיקער טעגלעכער צײַטונג „שטערן", וואָס איז געווען דער אָרגאַן פון צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אוקראַינע. דאָרטן זײַנען געווען, אין רעדאַקציע, די כאַווירים גולקאָ, הענעך קאַזאַקעוויטש...

— ווריאָש! דו זאָגסט אַ ליגן!

— ניין, — זאָגט אלישע, — כ'האָב זיך מיט אָפּאַטאָשון געטראָפן דאָר־טן, אין רעדאַקציע. דו קאָנסט פרעגן בײַ גולקאָן! בײַ הענעך קאַזאַקעוויטשן!

בײַם אויספאָרשער ווערן די אויגן, די צוויי בלויע שטיקעלעך אײַז, אַזש רויט פון כעס. ער ווייסט דאָך גוט, אַז די עדות, וואָס ער, אלישע, שטעלט דאָ אַרויס, זײַנען שוין אויף דער וועלט ניטאָ.

## טז

און דערנאָך, נאָכן אַרײַנשטעלן אים ווידער אין יענער שטיינערנער מיטה מיט וואַפנע־ריח, ווו ס׳פּאַרגייט ביז טרערן אין די אויגן, ווו מ׳קאָן זיך ניט אַ דריי טאָן, די הענט מוזן אַראָפּהענגען און די פּלייצע מוז צו דער קאַלטער וואַנט זײַן צוגעשפּאַרט, דאָרטן, אין יענער עמגעבע־וועלט, ווו אַלדאָס לעבעדיקע ווערט אַרײַנגעזונקען, ווי יענע קו, וואָס ער, אלישע, האָט אַמאָל, אין זײַנע ייִנגל־יאָרן, דאָרטן אויפֿן כוטער, געזען אין די זומפּן זינקען. — דער קאָפּ מיט די הערנער האָבן זיך איר נאָך געוויגט מיט אַ געבעט־רעוועריי איבער די גרינע מאָכן, און פֿון אירע ברענענדיקע גרויסע אויגן אַנטקעגן דער שקיעה האָבן געקאַפּעט רויטע טרערן... און אַז ער, אלישע, האָט נעכטן, אַרום האַלבער נאַכט, פֿון הינטער יענע געדיכטע פֿאַרהאַנגען, אַ קלונג פֿון אַ טראַמוויי דערהערט, האָט עס אים ביז גאָר פֿאַרווונדערט: ווי אַזוי קאָנען זיי דאָרטן גיין אַליין די טראַמווײַען, ווער פֿירט זיי דען, אַז אַלע זײַנען דאָך אין די טורמעס פֿאַרשפּאַרט געוואָרן... און ווו איז זי איצט, שיינדל, אויף וועלכע גרינע מאָכן טריפֿן פֿון אירע אויגן בלוטיקע טרערן? און ווו איז די קלענערע טאָכטער זײַנע, לאָרע, וואָס אין די פֿאַרנאַכטן האָבן זיך צונויפֿגענומען אַרום איר, אונטער די טרעפּ, די קינדער פֿון הויף און זי פֿלעג שפּינען פֿאַר זיי, אין דער טונקלקייט, צויבער־מעשיות... ווו איז זי איצט, לאָרע? — און לאָראַ איז שוין אַ קראַנקע אין גרויס היץ צו בעט געלעגן, ווײַל אויף מאָרגן, נאָכן אַרעסטירן איר טאַטן, קומענדיק אין שול אַרײַן, האָט מען זי צום דירעקטאָר פֿון שול אַרויסגערופֿן און דאָרטן, בײַ דער אָנוועזנהייט פֿון אַלע לערער, האָט איר די דירעקטאָרין געזאָגט: „דײַן טאַטע איז אַ שונא פֿון פֿאָלק! דו זאָלסט ניט גיין איז זײַנע טריט...“ — האָט לאָרע פֿון אירע רייד אויפֿגעציטערט, שוין ניט געוווסט ווו זי געפֿינט זיך, און אַ וואָרף געטאָן אויף יענער, אויף דער דירעקטאָרין, דעם גרויסן טינטער מיט טינט, וואָס איז אויפֿן טיש געשטאַנען. האָט די דירעקטאָרין, די אָפּגעגאָסענע מיט טינט,

תיכף גענומען צונויפשטעלן אַ פּאַפּיר, ווו די שול בעט די געהעריקע אָרגאַ־נען די פאַרברעכעריז, די טאַקטער פונעם שונא פון פאָלק, צונעמען אויף דערציִונג אין אַ קאָלאָניע פון מינדעריעריקע פאַרברעכער... — האָט אָבער דער לערער פון געשיכטע זיך פאַרן קינד אײַנגעשטעלט, די שול־דאָקטערן אַרויסגערופן, און דעם קינד די היץ אָפּגעמאָסטן: דאָס קינד האָט געהאַט ניין און דרײַסיק... און דאָס האָט געראַטעוועט לאַרען פון אַרײַנפאַלן אין אַ קאָלאָניע פאַר מינדעיעריקע פאַרברעכער.

און דערנאָך, נאָך יענער שטיינערנער מיטה, וואָס דאַרף די כוחות אויסמאַטערן און מ׳זאָל זיך אפילו ניט קאָנען קלאָגן, ווײַל, אייגנטלעך, וואָס טוט מען דיר דאָ אַזעלכס?... דאָרטן, גראָד דאָרטן, ווו דער גאַנצער גוף, באַזונדערס די פיס, און דער עיקר די רעכטע האַנט, די שווער פאַרווונדיקטע, נעמט בריִען און נאָיען אויף ניט אויסצוהאַלטן; גראָד דאָרטן, ווו אלישע פאַרשטייט, אַז אָט די אַלע פאַרהערן, אָט דאָס שטעלן אים אַהער, אין דעם שטיינערנעם קאַסטן, איז ניט מער ווי דער אַרײַנפיר, די פאַרשפּיל, — ס׳איז אַ צווישנשפּיל, מ׳קלאַפּט נאָך דערוויַיל צונויף אַרום אים אַ טונקעלע ראַם, דער ביטערער יאָדער, די נאָכשפּיל, די שוואַרצע חופה דאַרף נאָך ערשט קומען... גראָד דאָרטן, אין יענעם קאַלטן קאַסטן מיט דער גרויער שיַין, ווי בייַם טאָג־אויסלעשן זיך, ווי בייַם ערב אַראָפּזינקען אַהין, אין שוואַרצן תהום אַרײַן; גראָד דאָרטן איז אין אלישעס אויגן אויפגעגאַנגען די גרויסע ליכט ביַי וועלכער ער האָט גאָר אַנדערש דערזען די וועלט, זײַן פאָלק, די וווּנדערלעכע ייִדן פון די פּאָלעסיער וועלדער, יענע באַיאַרס וואָס קאָנען פאַלן מיט דער האַק אין האַנט קעגן דעם שונא און קעגן גאָט... דערנאָך, שוין מיט דער פרייד אין האַרצן פון יענער גרויסער שײַן וואָס איז אויפגעגאַנגען אין אים דאָרטן, אין דער שטיינערנער מיטה, פאַלט ער אויף עטלעכע רגעס אין דעם פרילינג־שנייִיקן דרויסן אַרײַן, ווו אין הויף, צווישן די הויכע ווענט שטייט ממש אַ גאָלדענע זון, וואָס איז פאַר אים, פאַר אלישען, ווי אַ גרויסע בשורה־ברענגערין... און ער גייט אונטער די שנאָל־ביַיטשן וויַיטער, שוין איבער די זומפּ־שוויַיגנדיקע קאָרידאָרן און ווערט דאָרטן אין דער ניַין און דרייַסיקסטער קאַמער ווידער פאַרשפּאַרט.

שוין דאָרטן, אין די דלד־אמות, ווו מ׳קאָן שטעלן פיר שפּאַן אין דער לענג און קיין אין האַלבן טראָט ניט אין דער ברייט, ווו איבערן פענצטער שפּרייט זיך אַ דעכל, ווי אַ פליגל פון אַ שפּאַרבער; דאָרטן, ווו ס׳גלאַנצט

דער דיל און ס׳אוירט די פּאַראַשע, — אַט דער פּאַרקעט מיט דער פּאַראַשע קאַנען דינען ווי דער סימבאָל פון דער קאָמוניסטישער ממשלה; דאָרטן, אויף דער וואַנט, איבער זײַן בעטל, טרעפט ער שוין זילבערן זיך די צוויי שטראַלן, וואָס שלאָגן זיך אַדורך אַהער, נאָך האַלבן טאָג, און זאָגן אָן, אַז מ׳דאַרף שוין גרייטן שיסל־לעפל פאַרן וואַרמעס... אַט די צווי שטראַלן אויף דער וואַנט זײַנען דאָ אויך פאַר אים, פאַר אלישען, געוואָרן די איינציקע ווײַזערס אויף זײַן לעבן־ און וועלט־זייגער; דאָרטן, אין קאַמער, טרעפט ער שוין בײדע שכנים זײַנע, וואָס וואָלקענען זיך ווי צוויי גורל־שאָטנס אויף זײַן ווייטיקדיקן וועג. דער קוילנגרעבער זיצט אויפן בעטל, די פינגער פון די הענט ביז בלאָוו צונויפגעקלעמט און ער איז, דאַכט זיך, פאַרן האַלבן טאָג נאָך קלענער און אײַנגעשרומפּענער געוואָרן, אין די אויגן שוין ניט נאָר ווילדער פחד, נאָר שוין אויך בהלה און דער עיקר, די אויגן זײַנע, צוויי ברונעמלעך מיט טרויער.

— פיאָדאָר מיכײַלאָוויטש, — פרעגט בײַ אים אלישע. — מ׳האָט דיך געשלאָגן?

הייבט ער אָן צו ציטערן און ווײַזט מיטן קאָפּ אויפן בוכהאַלטער, וואָס ליגט אויסגעצויגן אויפן בעטל... — זיך בײַטאָג צולייגן, איז שטרענג פאַרבאָטן. ס׳איז אַ בפרושער איסור, אַ לאו פון באַרג עמגעבע.. אפילו אָנדרעמלט ווערן זיצנדיק אויפן בעט, אָדער אויפן בענקל, איז פאַרווערט, — ס׳איז אַ יאַוונער פאַרברעכן! און אויב דאָס אײַנדרעמלען, נאָכן אויפוועקן דיך, חזרט זיך איבער, דעמאָלטן ווערט מען שוין דערפאַר באַשטראָפט. מ׳פאַרלירט די רעכט אויף אַרויסגעפירט צו ווערן, נאָכן וואַרמעס, אויף די צוואַנציק מינוט אין דרויסן אַרויס, אין יענער צעמענטענער קאַמער אָן דעם דאַך, ווו מ׳דאַרף אַרומגיין שווײַגנדיק, קיינער זאָל פון יענער זײַט וואַנט דײַן קול ניט הערן און דו זאָלסט זיך, חלילה, מיט די אַרעסטירטע פון דער צווייטער קאַמער ניט איבערוואַרפן מיט אַ וואָרט... און גיין דאַרף מען איינער הינטערן אַנדערן, און איינער אין די טריט פונעם צווייטן, און אויבן איבער דער וואַנט, שפּאַנט אַרום דער סאָלדאַט מיטן אַווטאָמאַט אין די הענט... — און דאָך איז צו פאַרלירן יענע צוואַנציק מינוט אונטערן ברעקל הימל, אַ גרויסע שטראָף פאַרן אַרעסטירטן. און הגם אונטערן פיר־עקעכדיקן שטיקל הימל דערפילט ער שטאַרקער זײַן פאַרמשפּטקייט, און גראָד דאָרטן, אונטער יענעם ברעקל בלויער אייביקייט, שרייט צו אים

שמואל־יאָסל: „גורל, אלישע, גורל! אין אַ פינצטערן גורל ווערן אפילו די ליכט פון בית המקדש פאַרלאָשן"... דאָך מוז ער האָבן, אלישע, אין זײַן ווײַטיקדיקן טרויער אָט יענעם ברעקל בלויען הימל.

און יענער, דער בוכהאַלטער, וואָס ליגט אויסגעצויגן אויפן בעטל מיט דער דערלויבעניש פונעם אויספאָרשער... יענער, וואָס ליגט מיטן פנים אַרויף און חזרט שטיל איבער, פאַר זיך: אָדם קרוב לעצמו; יענער טוט זיך פלוצלינג אַ דריי אויס אויף דער זײַט און זאָגט צו אלישען, וואָס שפּאַנט די פיר שפּאַן, היך־ און צוריק, איבער דער קאַמער, צווישן די בעטן: — אויב איר וועט מיר זאָגן, אַז עמעצנס לעבן איז אײַך טײַערער פון אײַער אייגן לעבן, זענט איר פּשוט אַ ליגנער! — און נאָך אַ רגע שווײַגן, ווי געוואָלט נאָך אַ מאָל אָפּוועגן און אָפּמעסטן די ווערטער, וואָס ער וויל באַלד אַרויס־זאָגן... נאָך אַ רגע פאַרטראַכטן שווײַגן, גיט ער צו: — און אויב איר וועט מיר אפילו זאָגן, אַז דאָס לעבן פון אײַערע קינדער איז אײַך טײַערער פון אײַער לעבן, זאָגט איר אויך אַ ליגן!

אלישע בלײַבט שטיין און קוקט אויפן אַלטן ווי אויף אַ בייזוואונדער. ער קוקט אויף אים און זעט אים ניט. ער זעט נאָר ווי די ווײַסע רייפעלעך דרייען זיך אַרום יענעמס שוואַרצאַפּלען. ער טראָגט שוין פון לאַנג, אלישע, אַ שנאה און עקל צו אָט די ייִדן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט שווינדל און גנבה... און זיי האָבן דאָך פון זייערע גניבות און שווינדל קיין הנאה ניט: פאַרן פּחד געכאַפּט צו ווערן, גייען זיי אַרום אָפּגעריסענע, באַהאַלטן אויס זייער ביסן פון פרעמדע אויגן, — דאָס אָנגעגנבעטע און אָנגעשווינדלטע באַגראָבן זיי אין דער ערד, אָדער פאַרמויערן אין די ווענט... אלישע קוקט אויף זיי, אויף אָט די שווינדלער און גנבים, ווי אויף די ביטערסטע שונאים פון דעם ייִדישן פאָלק.

— וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי?

— איך קוק אויף אײַך און זע אײַך ניט.

— און איך זע אײַך יאָ... איר לעבט מיט חלומות!

— אפשר האָט איר געהערט, — זאָגט צו אים אלישע. — ס'איז פאַראַן אַ פראַנצייזיש ווערטל: ולמלשינים אל תהי תקוה...

ער ענטפערט ניט און הייבט זיך פון דער בעט אויף, ווײַל דאָס פענצטע־רל אין טיר עפנט זיך: מ'האָט געבראַכט דעם וואַרמעס. און ער, אלישע, רירט זיך נאָך ניט פון אָרט, קוקט צו ווי די צוויי זילבער־שטראַלן אויף

דער וואַנט איבער זײַן בעטל, די צוויי צײַט־ווײַזערס דאָ פון זײַן לעבן, בלײַכן זיך און פאַרגייען. דערנאָך נעמט ער אויך זײַנע שיסלען פאַרן ביסל געקעכץ פון האָבער און גערשטן... און שפּעטער צו, ביידע שכנים זײַנען שוין אַרויסגערופן און אַוועקגעפירט געוואָרן און ער, אלישע, איז דאָ, בײַ דער פלוצעם־פאַרטונקלטער ליכט, איינער אַליין געבליבן, און מעסט מיט די פיר שפּאַן די קאַמער, ווו אין דער זומפּ־שטילקייט ווערן זײַנע אומרויִק־אויפגערעגטע טריט ערגעץ־ווו פאַרפאַלן, — זיי דערגייען ניט צו זײַן פאַר־שאַרפטן געהער... און ער גייט הין און צוריק, הין און צוריק, און ציילט די שפּאַן: דרײַ הונדערט איינס, דרײַ הונדערט צוויי... איז דאָס איבערלאָזן אים דאָ אַליין אויך איינע פון די מיטלען וואָס דאַרפן אים, אלישען, עפּעס אָנזאָגן און וואָרענען? ווײַל מען איז אים דאָ דערמיט געבן צו דערפילן דעם טעם פון אַן איינצלקאַמער?... דרײַ הונדערט נײַנציק איינס... פיר הונדערט אַכצן... יאָ, אָט די פאַרטונקלטע שײַן, אָט די זומפּ־שטילקייט נעמט אים אַרום און דריקט אים צונויף, און דער עיקר, פון דער אַליינקייט, פון אָט דער שווײַגנדיקער וועלט, הייבן אָן צו בריִען די געהירן... פיר הונדערט זעקס און פופציק... און פאַרוואָס שווײַגט די וועלט? זעען זיי דאָרטן ניט, די ייִדן, וואָס דאָ קומט פאָר? לעבן נאָך בערגעלסאָן און האָפּשטיין, דער ניסתּר און מאַרקיש?... פיר הונדערט זעכציק אַכט... — און דער בוכהאַלטער האָט זיך שוין אומגעקערט. מ׳נעמט בײַ אים די ברילן. איז, הייסט עס, שוין בײַ די צען אַזייגער, די שעה פון שלאָפן גיין, און אויך ער, אלישע, וועט זיך באַלד מעגן אַוועקלייגן, די פיס האַלטן אים שוין קוים אויף. פאַר די קנאָפּע דרײַ מעת־לעת דאָ, איז ער אפשר געשלאָפן צוויי שעה... נאָר דאָ עפנט זיך דאָס פענצטערל און ס׳טוט פון דאָרטן אַ שיפּע:

— נאָ שש! — אויף שין!

ווערט שוין קלאָר פאַר אלישען, אַז דאָס האַלטן אים דאָ אַליין איז געוועזן ניט נאָר אויף צו געבן אים דערפילן די פלאָגעדיקייט פון דער איינצלקאַמער און ניט נאָר, ווי אויף צו חוזק מאַכן, — פאַרן גרייטן זיך גיין אין בעט אַרײַן נעמען אים אויף דער גאַנצער נאַכט אַהין, נאָר דער עיקר איז דאָ געוועזן צו געבן יענעם, דעם אויספאָרשער, די מעגלעכ־קײַט צו אָפּרוען און אויסצושלאָפן זיך. גייט ער, אלישע, מיט די פאַרלייגטע הענט אויף אַרונטער צווישן צוויי לײַבוועכטער, די פּאַלעס פון דעם אָפּענעם שינעל פלאָנטערן זיך אים פאַר די פיס, שפּאַנט איבער די זומפּ־

שווייַגנדיקע קאָרידאָרן, צווישן די מיט צאָרן־שרייַענדיקע טירן, אונטער די פינגער־שנאָלן, וואָס בייַטשן איבערן מאָרך... און ער זיצט שוין ווידער, אלישע, דאָרטן אויפן דריטן גאָרן, אין יענעם צימער מיטן געדיכטן פּאָרהאַנג, אויף יענער טאַבורעטקע, די דאָלאָניעס אויף די קני און אַנטקעגן אים, פון יענער זייַט טיש, דער קאַפּיטאַן אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, טאַקע אַן אויסגערוטער, די צוויי בלויע שטיקלעך אייַז אונטערן שטערן זייַנען אים אפילו וואַרעמער געוואָרן, און אויך דער קאָפּ ווייצענע האָר שלאָגט ניט אָפּ אויף דער עלעקטרישער שייַן מיט אַזאַ נאָך־זומערדיקייט, מיט אַזאַ האַרבסטיקייט...

און אויפן טיש ליגט אויך אַן אויפגעשוואָלענער האַלב־צעשאָטענער ספר, אַ מין אַלטער קרבן מינחה, אָדער אַ ווייַבערשע תחינה... קאָן ער ניט אויפכאַפּן און זיך פאָרשטעלן, צוליב וואָס איז אַהער אָט דער אַלטער ספר געבראַכט געוואָרן, צו וואָט דאַרף ער דאָ דינען? — אלישע ווייסט, אַז פון וואָס די רייד זאָל דאָ ניט גיין, האָבן זיי דאָך סיי ווי סיי קיין שום ממשות ניט. זייַן, אלישעס, גורל איז דאָך שוין פון פריִער, נאָך פאַרן נעמען אים אַהער־צו, געחתמעט געוואָרן. אַנטקעגן אים, ווייסט אלישע, זיצט איינער, וואָס האָט באַקומען דעם אָנווייַז און דעם שטרענגן פאַרזאָג אים, דעם יידישן שרייַבער, צו אומברענגען. און וואָס ער, אלישע, זאָל שוין ניט זאָגן און דאָ ניט רעדן, וועט עס ניט העלפן. ער, אָט דער בלאָנדער קאַפּיטאַן, וועט דאָך דעם באַפעל אויספילן... ער, אָט דער עמגעביסט מיט די בלויע אויגן, איז דאָך איינער פון די אויף וועמען יענער, סמערדיאַקאָוו דער צווייטער, שפּאַרט זיך אָן און מיט וועמענס הילף ער הערשט זייַן בלוטיקע הערשאַפט... און דאָך, אַז דער אויספאָרשער הייבט אויף פון טיש יענעם גראָב־בלעטערדיקן אויפגעשוואָלענעם ספר און זאָגט:

— אָט דאָ איז פאַרשריבן דער גאַנצער קולטאַקטיוו פונעם געוועזענעם אַנטי סאָוועטישן בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישן קאַבינעט פון יידישער קולטור... די אַלע וואָס זייַנען דאָ פאַרשריבן, זייַנען דאָך געווען אייערע מיט־העלפער!

— קאַפּיטאַן, — ווערט אלישע אויפגעציטערט און ס׳באַשלאָגט אים אַ קאַלטער שוויס. — קאַפּיטאַן, וועמען האָט עס געקאָנט אַרויף אַזאַ ווילדער און שרעקלעכער געדאַנק צו אַרעסטירן הונדערטער מענטשן נאָר דערפאַר ווייַל זיי האָבן באַקומען אייַנלאַדונגען אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט? מ׳וויל אַרעסטירן און אומברענגען הונדערטער מענטשן נאָר דערפאַר וואָס

זיי זײַנען אויף אַזאַ אָונט געגאַנגען? איר ווילט אומגליקלעך מאַכן, איר ווילט פאַרוויסטן הונדערטער פאַמיליעס...

— אײַערע ליטעראַרישע אָונטן, — שלאָגט ער איבער אלישען מיט יענעם מיאוסן זידלוואָרט. — זײַנען געווען צונויפלויפענישן, זאַמלפּונקטן פון נאַציאָנאַליסטן... דאָרטן האָט איר אויף אײַער פאַרשטעלטן לשון זיך צונויפגערעדט וועגן שאַפן אין קרים אַ יידישע רעפּובליק און דערנאָך אָפּרײַסן קרים פון דעם ראַטנפאַרבאַנד.

— קאַפּיטאַן, דאָס הייסט שוין רעדן פּשוט פון היץ!

— אויף איינעם פון אָט די געהיימע טרעפענישן ביסטו אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאָוויניסטישער רעדע כלומרשט וועגן פאָלקלאָר...

— קאַפּיטאַן, וועגן יידישן פאָלקלאָר בין איך אַרויסגעטראָטן אין דעם אוקראַיִנישן שרײַבער־פאַרבאַנד. נאָכן אָונט האָט מיר פאַר מײַן וואָרט געדריקט די האַנט כאַיִם טאָקער... וואָלט מײַן וואָרט, דאָרטן געווען אַ שאָוויניסטישער, אַ פאַרשטעלטער, וואָלט דאָך כאַיִם טאָקער, וואָס איז אײַערער אַ מענטש...

— פון וואַנען ווייסטו עס?

— אויך די פּאָעטן, וואָס זײַנען געקומען פון אַרגענטינע, בלאָשטײַן און פינטשעווסקי, זײַנען אײַערע מענטשן... בלאָשטיינען האָט איר צוגעשיקט צו מיר...

— אין קאַבינעט פון יידישער קולטור, — שלאָגט ער ווידער איבער מיט יענעם וויסטן זידלוואָרט. — האָסטו באַשולדיקט די סאָוועטישע רעגירונג פאַר ניט שטעלן קיין דענקמאָל אין באַבי־יאַר!

— איך געדענק ניט, קאַפּיטאַן, אַז איך זאָל דאָרטן וועגן דעם רעדן. אָבער איך האָב יאָ געקאָנט רעדן וועגן דעם דענקמאָל אין באַבי־יאַר.

— ביסטו זיך מודה?

— יאָ, קאַפּיטאַן, אין דעם בין איך זיך מודה. נאָר אויב דאָס איז אַנטיסאָוועטישע אַגיטאַציע, דעמאָלט דאַרפסטו, קאַפּיטאַן, אין אַזאַ אַגיטאַציע באַשולדיקן אויך כרושטשאָוון! שלאָג ניט איבער, קאַפּיטאַן... אין זעקס און פערציקסטן יאָר איז געווען אַ באַשטימונג פון דער אוקראַיִנישער סאָוועטישער רעגירונג, אונטערגעשריבן פון דעם דעמאָלטיקן פאָרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראַט נ. ס. כרושטשאָוון וועגן שטעלן אַ דענקמאָל אין באַבי־יאַר... ס'איז אפילו געווען דער פּראָיעקט פונעם דענקמאָל: אַ יידישע

פרוי מיט אַ געהרגעטן קינד אויף די הענט, און פוןביידע אירע זײַטן ברענען צוויי ליכט.

— דאָס קאָן ניט זײַן!

— קאַפּיטאַן, נעם דעם אַרכיוו פון דער צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ אוקראַיִנאַ" פאַרן 1946 יאָר, וועסטו זען... אויב ס'וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז איך זאָג דאָ אַ ליגן, דעמאָלט וועל איך דיר אונטערשרײַבן דעם פּראָטאָקאָל און זיך מודה זײַן אין אַנטיסאָוועטישער אַגיטאַציע.

פאַרשרײַבט ער עס בײַ זיך אין בלאָקנאָט און טוט פּלוצעם מיט אַ זייער שטילן קול אַ פרעג: — ווו איז איצט דײַן עלטערע טאָכטער? — און נאָך שטילער: — צוליב וואָס און נאָך וואָס האָסטו זי אַהין געשיקט?

פון אָט דעם נאָך שטילערן פרעג דערפילט ער, אלישע, אַ ווייטיק אין די אויגן און בלאָו־שוואַרצע רינגען נעמען זיך פּאַר אים דרייען, און באַלד פאַרשווינדט די בלאָוקייט און ער פאַרבלײַבט נאָר אין אַ שוואַרצ־קייט, ווי ער וואָלט די ריאה פאַרלאָרן. און אין אָט דער פינצטערניש דערזעט ער זיך אין אַ קאָלאָנע פון פאַרמשפּטע גיין פּאַר טאָג פון דעם לאַגער אין וואַלד אַרײַן, ערגעץ דאָרטן אויפן צפון, צו וואַלגערן ביימער, און אויפן וועג אַהין באַגעגנט מען נאָרוואָס אָנגעקומענע פרויען, וואָס ווערן געפירט אין לאַגער אַרײַן... און דאָ דערהערט ער:

— טאַטע! — און ער דערקענט די טאָכטער זײַנע, ליאָליען, וואָס ציט אים אירע הענט. — טאַ־טע!

## יז

און טאָקע אין יענער נאַכט, שוין צו פאַר טאָג צו, שוין נאָך דעם ווי ס׳איז פאַרוואָרפן געוואָרן דאָרטן, אויפן דריטן גאָרן, ביי דעם געדיכטן פאָרהאַנג, אַ שלייף אויפן האַלדז פון זיין עלטערער טאָכטער, דער פאַרוואָגלטער אַהין, אין מיטלאַזיע, ווייל דאָ, אין איר היים, ווו עס לעבן טאַטע־מאַמע און איר ייִנגערע שוועסטער, דאָ, אין קיִעוו, נאָכן ענדיקן די מיטלשול, האָט זי אינערגעץ ניט געקאָנט אָנקומען צו לערנען ווייטער; און ס׳ווערט געזאָגט אָפן און קלאָר, אַז אין די קיִעווער אינסטיטוטן זיינען שוין פאַראַן גענוג פרעמדע, מ׳דאַרף שוין גרייטן נאַציאָנאַלע, אייגענע און לייבלעכע קאַדרען... — אין יענעם פאַר טאָג, פול מיט שרעק פאַרן גורל פון דער עלטערער טאָכטער, פאַר דער שוואַרצער כמאַרע וואָס גייט אויף אירע צוואַנציק יאָר... „ווייסט זי שוין דאָרטן, אַז איר טאַטע איז אין דער עמגעביסטישער טורמע? האָט מען זי שוין אפשר פונעם פילאָלאָגישן פאַקולטעט אַרויסגעטריבן און זי שטייט שוין איצטער אויך, אין אָט דעם פאַר טאָג, אין אַ שטיינערנעם אָרון?״ — אומקערנדיק זיך אין קאַמער אַריין, טרעפט ער נאָך דאָרטן קיין איינעם פון זיינע צוויי שכנים; — אויך מיט זיי קנעלט מען היינט די גאַנצע נאַכט... זעצט ער זיך, אלישע, אויף זיין געלעגער און וויל פאַררייכערן, נאָר די הענט ציטערן אים אַזוי, אַז ער קאָן קויו ציגאַרעטל ניט אַרויסנעמען, — די הענט ווילן אים ניט דינען. און אַז ער נעמט עס שוין יאָ אַרויס, קאָן ער ניט אָנצינדן דאָס שוועבעלע, און אַז ס׳צינדט זיך שוין יאָ אָן, וויל דער טוטין ניט ברענען, ווייל ס׳איז שוין איז זיינע הענט דורכגעווייקט געוואָרן, — דער קאַלטער שווייס שלאָגט נאָך פון אים און שלאָגט און ער זיצט אין דרייען געבויגן, מיט פאַרמאַכטע אויגן און וויל מיט זיין כוח הנפש דערזען אין יענער טיפער ווייט, וואָס מיט זיין עלטערער טאָכטער, מיט זיין ליאָליען, קומט דאָרטן פאָר? ער הערט אפילו ניט ווי די טיר איז געעפנט געוואָרן און זיין אַנטקעגנאיבערדיקער שכן, פיאָדאָר מיכיילאָוויטש, איז אין קאַמער אַריין.

ערשט ווען יענער זעצט זיך אויף זײַן בעטל, טוט אים מיטן פינגער אַ פּיק אין דער קני, ערשט דעמאָלטן עפנט ער, אלישע, די אויגן. יענער בייגט זיך אָן און ווי וועלן נעמען אַ ציגאַרעטל, פליסטערט ער אַרויס:

— וואָוק זאַבאַליוו!... דער וואָלף איז קראַנק געוואָרן!...

פון אָט די צוויי ווערטער זײַנע, טוט אלישען אַ שלאָג אַ פײַער איבערן גאַנצן לײַב, ער רייסט פון אָרט זיך אויף און נעמט אַרומלויפן הין־און־צוריק איבער דער קאַמער... רבונו של עולם, בעט זיך אלישע בײַם באַשאַפער פון אַלע וועלטן, איך וועל זיצן פינף און צוואַנציק יאָר אין אַן איינצלקאַמער, איך בין גרייט אויף אַלע עינוים קשים, נאָר נעם אים צו דעם וואָלף פון די קאַווקאַזער בערג, נעם אים צו סמערדיאַקאָוון דעם צווייטן, וואָס פאַרפלייצט דאָס לאַנד מיט בלוט און טרערן... נעם אים צו, דעם פאָטער פון אכזריות, ברעך דעם גזר־דין איבער די ידישע שרײַבער, שאַף אָפּ דעם דאָקטוירים־בילבול, וואָס וועט ברענגען צו אַ נײַעם גרויסן אומגליק אויף ייִדן, צו אַ נײַעם חורבן... איינעכטן איז דאָך געווען פּורים, דאַרף ער דאָך המן האָבן די מיתה משונה! נעם אים צו, נעם אים צו, און פאַרטרײַב די שוואַרצע כמאַרע, וואָס גייט אויך אויף מײַן טאָכטערס לעבן! — און ער זעצט זיך באַלד, אלישע, אויף זײַן אָרט, כדי ניט צו פאַרלירן קיין רגע, ווײַל ער, דער בוכהאַלטער, קאָן דאָך אָנקומען:

— פון וואַנען האָסטו עס, פיאָדאָר מיכײַלאָוויטש, גענומען?

— דײַן אויספאָרשער, ווי דו האָסט מיר אויסגעמאָלט, אַ לאַנגער, אַ בלאָנדער, מיט בלויע אויגן, ער איז אַרײַן צו מײַן אויספאָרשער און ביידע האָבן זיך גענומען סודען... נאָר ווי דו ווייסט, איז בײַם אַרעסטירטן דער אויער אָנגעשאַרפט, האָב איך גלײַך אויפגעכאַפּט אַז די רייד גייען וועגן דעם פאָטער... וועגן דעם וואָלף, וואָס נעמט... און אַז דײַן אויספאָרשער איז אַרויס, האָט מײַנער גענומען דאָס איבערגעקערטע ראַדיאָ־אויערל פונעם טיש, עס צוגעלייגט צום אויער, געהערט, געהערט... זײַן פּנים איז געוואָרן אויסגעקרומט, דערנאָך האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס ראַדיאָ־אויערל צוריק אויפן טיש ווי פריִער, און געזאָגט: „יעסלי טאַק, טאָ יעמו קרישקאַ!" אויב אַזוי, הייסט עס, קומט אויף אים דער סוף!... דײַן חלום מיט די וועלף איז געווען אַ גוטע בשורה!...

ווײַל בײַ אים אלישע נאָך פרעגן און אויספרעגן, וויל פון אים נאָך סמנים האָבן און פון נאָך צייכנס וויסן, נאָר דאָ קערט זיך אום יענער, דער

בוכהאַלטער, און פּיאָדאר הייבט אָן צו דערציילן, און אַזוי, ווי ער וואָלט ביז יענעמס אַריַינקומען שוין געהאַלטן אין מיטן.

— נו, ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, איז אויף מיַין סוויטקע שוין געוועזן אַזויפיל לאַטעס, וויפל אויפן דאָרף כאַטעס... פאַרמאָגט האָב איך אַ דעסיאַטינע ערד, אַ שטיבל אויף הינערשע פיסלעך און אַ שטאַל מיט אַ האַלבן דאַך. געהאַט האָב איך אַ בהמה אָן הערנער, אַן אייביקע יאַלאָווקע, און אַ קאָבילע מיט געלע צעקרישלטע ציינער, אָבער דאָס האָט זי, די קאָבילע, אויפגעפרעסן דעם האַלבן דאַך. אין די ווינטערנעכט פלעג זי זיך שטעלן אויף די הינטערשטע פיס און פרעסן די שטרוי פון דאַך. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָב איך זי געטראָפן אויף די הינטערשטע פיס מיט דער מאָרדע אין שטרוי, כאַפּ איך די ביַיטש.. נאָר זי טוט פלוצלינג אַ פאַל פאַר מיר אויף די קני און פון די אויגן גיסן זיך איר טרערן... איר האָט אַמאָל געזען ווי אַ הונגעריקע כודאָבינע וויינט ? איך האָב דעמאָלטן געהאַט צוויי קליינע קינדער און די וויַיב איז געווען טראָגעדיק. פאַרע איך זיך אין דער שטאַל, וואַרף פון דאָרטן דעם הני אַרויס, און דאָ דערהער איך ווי די וויַיב רופט מיך ניט מיט איר קול, לויף איך אין שטוב אַריַין, און טרעף זי שטיין איבער דער דייזשע טייג.

— כוועדאָר, — זאָגט זי מיר, — דאָס קינד פאַלט פון מיר אַרויס !

לויט איר שטיין איַיגעבויגן זע איך שוין, וואָס מיט איר קומט דאָ פאָר. שפּרייט איך אויס אַ רעדנע אויף דער ערד, לייג זי אוועק אויפן רוקן, וואַרף אַראָפּ די שקריאַבע פון דעם רעכטן פוס און מיט דער פיאַטע נעם איך שטילינקערהייט, פאַ־וואַ־לינקע אַריַינשפּאַרן צוריק דעם ולד אין איר בויך אַריַין... און גאָט האָט געהאָלפן ! אָט אַזוי מיט דער פיאַטע האָב איך פאָוואָלי־פאָוואָלינקע, און דאָס קינד איז אַריַין אויף זיַין אָרט.

— נו, און דערנאָך ? — פאַרגעסט שוין אלישע אין דעם וואָלפס פאַרשלאָפט ווערן. — און דערנאָך האָסטו זי אָוועקגעפירט אין שפּיטאָל ?

— ניין. זי איז אָפּגעלעגן דריַי טעג און גאָט האָט געהאָלפן. זי האָט דערטראָגן און געהאַט אַ יינגל. ער לעבט איצטער דאָרטן, אין פראַנקריַיך, אַ מאָלער... אָט פאַר אים און אויך פאַר דער וויַיב מיט יענע קינדער מאַטערט מען מיך : פאַרוואָס בין איך געקומען אַליין, אָן דער וויַיב מיט די קינדער ?... ער שלאָפט שוין ! — טוט פיאָדאָר מיכיילאָוויטש אַ פיר מיט די אויגן אויפן בוכהאַלטער. — ער שלאָפט שוין. לאָמיר זיך אויך לייגן.

ס'איז שוין ניט ווײַט צו טאָג ווערן. אַלץ איז בײַם אַלהעכסטן אין די הענט... ביז טאָג קאָן נאָך דער וואָלף דאָרט קראַפּירן.

און אלישע גיט אָפּ דורכן טיר־פּענצטערל זײַנע ברילן די תפיסהניקעס, און דער פּויער, די ווילד־דערשראָקענע אויגן ווערן אים עטוואָס געשטילט, דרייט זיך אויס מיטן אויסגעטרוקנטן פּנים צום ווינקל, ווי ס'וואָלט דאָרטן אַן איקאָנע געהאָנגען, און צלמט זיך לאַנג... אוןביידע לייגן זיך אויף די אַראָפּהענגענדיקע־קנויליקע מאַטראַצן מיט דער גרויסער האָפענונג אין די הערצער, אַז אין די פּאָר שעה ביז צום טאָג ווערן, וועט יענער, דער וואָלף, דאָרטן פון דער וועלט פאַרשניטן ווערן... און אלישע, פאַר די דרײַ מעת־לעת זײַן דאָ אין טורמע, ווי נאָר זיך מיטן קאָפּ צום קישן צוגערירט, פאַלט אין געדיכטן שלאָף אַרײַן און דערזעט דאָרטן ווי אַן עדה ייִדן טאַנצן אונטערן נאַכטיקן הימל, בײַ אַ רויטלעכן מולד, צווישן הורבעס שנייִ... און זיי טאַנצן מיט אַזאַ פײַער און מיט אַזאַ התלהבות, אַז זיי וואַרפן פון זיך אויפן שניי די קאַפּאָטעס אַראָפּ. און דאָ נעמט אים אָן איין ייִד, אַ הויכער, מיט אַ שמאָל־ווײַסער לאַנגער באָרד, פאַר דער האַנט: — וואָס שטייסטו פון יענער זײַט ראָד? אחינו אתה, אונדזער ברודער ביסטו... קום! — טוט ער אויף אים אַ פּיר מיט די קלוג־דורכנעמענדיקע אויגן פון אונטער די געדיכט־שוואַרצע ברעמען, וואָס איינע איז העכער פון דער צווייטער. — קום אין ראָד אַרײַן, ווײַל פון אונדזער ביין און בלוט ביסטו!... — און ער נעמט אים אין דער ראָד אַרײַן און נאָך אַ ייִד פאַרוואַרפט זײַן האַנט אויף אלישעס אַקסל; כאַפּט ער, אלישע, אַ בליק אויף יענעם ייִדן וואָס האָט אים אויך מיט אַזאַ ליבשאַפט און בענקשאַפט אַרומגענומען, און ער דערקענט דאָ זײַן טאַטן: די גרויסע אויגן פײַערן אים. — טאַנץ, זאָגט ער, — טאַנץ אלישע, טאַנץ מײַן זון, גאָט איז אומעטום און דער גואל צדק גייט שוין!... — און אלישע פאַרוואַרפט איין האַנט אויפן אַקסל פון דעם ייִדן מיט דער ווײַסער שמאָל־לאַנגער באָרד, די צווייטע אויפן אַקסל פון זײַן טאַטן און טאַנצט מיט דער עדה ייִדן און וואָס ווײַטער מיט אַ גרעסערער הנאה און מיט אַזאַ פרייד, וואָס ער האָט נאָך ביז אַהער־צו קיין מאָל אין זײַן לעבן ניט געפילט.

— פּאָדיאָם! אויפשטיין!

און פון דער נאָרוואָס הייס־לעבעדיקער וואָר ווערט פּלוצעם אַ קאַלטע ליידיקייט, הגם ער זעט זיך נאָך, אלישע, אין יענעם ראָד טאַנצן, אַרומגע־

נומען מיטן ווײַס־ און שמאָל־בערדיקן ייִדן און פון דער צווייטער זײַט מיטן טאַטן, וואָס פּאַלט אַלע מאָל אַרײַן מיטן צעריסענעם שטיוול אין אַן אַנדער הורבע שניי און זינגט דערבײַ מיט די פֿײַערדיקע אויגן צום מולד: „גאָט איז אומעטום... דער גואל צדק גייט!” — און בײַ דער שוואַרץ־ברענענדיקער שײַן הייבט זיך דער טאָג ווידער אָן דאָ, ווי נעכטן און אייַנעכטן מיטן פֿירן די קאָמער־אסירים אונטער די שנאָל־בײַטשן אויף פֿינעף מינוט צו אַלע באַדערפֿעניש, און דערנאָך מיטן ברענגען דעם טשײַניק געלבלעכן אָקרעפּ, דעם קלעפּיק־שטעכיקן ברויט מיטן קופּקעלע קילקעס, און מיטן בלעכענעם מעסטעלע מעלעץ און מיט דעם קאָכלעפל באַלאַנדע... — און דערנאָך קומט אַרײַן זי, די דאָקטאַרשע, מיט די רויטלעך ניט אויסגעשלאָפֿענע אומצופרידענע אויגן, און וויפל דער בוכהאַלטער זאָל זיך ניט קלאָגן און בעטן בײַ איר צו נעמען אים אין שפּיטאָל אַרײַן, ווײַל פון דעם הויכן בלוטדרוק פּאַרלירט ער אָפּט דעם באַוווסטזײַן, גיט זי אים שווײַגנדיקערהייט אויף אַראָפּצושלינגען אַ פּיל און גייט ווײַטער... — און נאָך איר אַוועקגיין קומען שוין אַרײַן יענע דרײַ, די עמגעבע־זשאַנדאַרן, הייסן זיך אויסטאָן נאַקעט, קוקן דיר אין מויל אַרײַן, בייגן דיך אײַן אין צווייען... נעמען דערנאָך צעוואַרפֿן און אַרויסוואַרפֿן און איבערטרײַסלען און איבערטאַפּן יעדער פּאָדעם און באַלד, שוין נאָך זייער אַוועקגיין, עפֿנט זיך דאָס פֿענצטערל אין דער טיר, און אײַנער, מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז, טוט אַ שיפּע ווי אַ גאָנער:

— נאַ ש־ש־ש... — אויף שין!

און אלישע ווערט ווידער געפֿירט אַהין, — פֿאַרבײַ די גרויל־גורלדיקע שרײַענדיקע קאַמער־טירן, דורכן שטיקל ליכטיק־שנייעדיקן אינדרויסן, — אַהין אויפֿן דריטן גאָרן, אין דעם פֿינפֿטן אָפּטייל פון דער עמגעבע, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט ייִדן... בײַם צאַריזם האָט זיך מיט ייִדן פֿאַרנומען דער דריטער זשאַנדאַרם־אָפּטייל... — ער ווערט געבראַכט אַהין, צו אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשינקאָוון, וואָס שטייט מיט אַ זײַט בײַם אַ ביסל פֿונאַנדערגערוקטן פֿאַרהאַנג, ווי ער וואָלט אים בעסער געוואָלט זען, אלישען, וואָס האָט אים, דעם קאַפּיטאַן, דעם ערשטן אויף דער נאַכט, אויפֿן ערשטן פֿאַרהער געזאָגט: „אין גיכן וועט דאָ עמעצער כאַפּן איבערן קאָפּ... פֿאַרגעדענק, קאַפּיטאַן, מײַנע רייד!” — אַ האַלבער פּנים איז בײַ אים אין פֿײַער, — אויפגעבראַכט און אויפגעצאַרנט, און דאָס צווייטע האַלבע פּנים אַ בלײַכס,

אַ ביז גאָר דערשראָקנס; און אויך די אויגן זײַנען אים פֿאַרשידן געוואָרן: דאָס רעכטע נאָך פּראָסטיקער, שוין אויסגעשטערנט גרין... און דאָס לינקע גריבעלע אײַז טײַעט אים אין דער פּרימאָרגנדיקער שײַן־בלויקייט. לויט יענעמס אויסזען פֿאַרשטייט ער, אלישע, אַז מיטן וואָלף פֿון די קאַווקאַזער ברעג, מיט סמערדיאַקאָוון דעם צווייטן, מיטן פֿאָטער פֿון די פּעלקער, מיט דער „זון פֿון אונדזער לאַנד", האָט טאַקע ביז גאָר ערנסטדיקס געטראָפֿן. אויך ער אַליין, אלישע, איז אין גרויסער אומרויִקייט, דאָס האַרץ קלאַפּט אים אין גאָרגל און אין מויל ווערט אים איבערגעטרוקנט, — דער צונג ווי אַ שטיק האָלץ, פֿון אָרט ניט צו רירן... די שעה איז אַ גורלדיקע! ער קוקט אויפֿן קאַפּיטאַן אַזוי, ווי ער האָט אַמאָל געקוקט אויף פּיטשען, אויפֿן משוגענעם, און מיט יענעם קוק אַרויסגעשלאָגן פֿון פּיטשעס אויג אַ טרער... ער קוקט, אלישע, אויפֿן קאַפּיטאַן אָפֿן און ניט פֿאַרשטעלט, דער עיקר אויף יענעמס בלײַך־געוואָרענעם, אויף דעם ווײַס־דערשראָקענעם האַלבן פּנים און באַזונדערס אויף יענעמס גרין־פֿאַרפּרוירן אויג... אלישע וויל מיט זײַן קוק צווינגען אים, דעם עמגעביסט, אָנהייבן צו שרײַען און נעמען אים, אלישען, שלאָגן... דאָס וועט זײַן פֿאַר אים, פֿאַר אלישען, דער גרעסטער סימן, אַז „די זון פֿון אונדזער לאַנד" האַלט בײַם אויסגעלאָשן ווערן. און יענער טוט זיך טאַקע אַ ריר פֿון אָרט, די פֿינגער נעמען זיך אים אין אַ פֿויסט צונויפֿלייגן... אָבער ער האָט זיך באַלד גובר געווען, אויפֿן שטערן לייגט זיך אים אַ קנייטשל, — איבערגעטראַכט... און זעצט זיך צום טיש, עפֿנט די פּאַפּקע פּאַפּירן און טוט אַ פֿרעג:

— ווו ווױנט אַראָן־מאָשע פוקס פֿון דײַן דערציילונג „פֿאַרן זוניקן טאָג", אין וועלכן שטעטל?

פֿאַרשטייט אלישע אַז זיי האָבן דאָ אַן איבערזעצונג פֿון זײַן ערשטן בוך דערציילונגען, אָדער עמעצער האָט זיי דאָ איבערדערציילט און דערבײַ אויך געגעבן אַ קלאָרע מאַרקסיסטישע באַלויכטונג... וויל אלישע פֿון חוזק וועגן, געבן אים אַן אַדרעס פֿון אַהרון־משה פוקס: לוהין, לענין־גאַס נומ. 18. — אָבער דאָ כאַפּט ער זיך: פֿון אַזאַ שפּיל קאָן אַ מאָל עמעצער לײַדן. ס׳קאָן זיך דאָך זייער טרעפֿן, אַז דאָרטן טאַקע, אין שטעטל לוהין, אויף דער לענין־גאַס נומ. 18, וווינט אַ ייִד פוקס, וואָס זאָל אומגליקלעך ווערן. דערקלערט אים שוין אלישע:

— קאַפּיטאַן, אַלע געשטאַלטן בײַ שרײַבער זײַנען אויסגעטראַכטע. זיי

זײַנען דאָ אין לעבן, אָבער קיין אַדרעסן האָבן זיי ניט. אַננאַ קאַרעניִנאַ בײַ טאָלסטויען, האָט ניט קיין אַדרעס. דער פּאָליצמײַסטער פון גאָגאָלס „רעוויזאָר", האָט אויך ניט קיין אַדרעס. סמערדיאַקאָוו בײַ דאָסטאָיעווסקין האָט אויך ניט קיין קאָנקרעטן אַדרעס. סמערדיאַקאָווס אַדרעס איז... רוסלאַנד! קאַפּיטאַן, דו געדענקסט סמערדיאַקאָוון פון דאָסטאָיעווסקים „ברידער קאַראַמאַזאָוו"?

און דאָ, בײַ אלישעס פראַגע וועגן סמערדיאַקאָוון, ווערט אויך יענער האַלבער פּנים זײַנער, דער בלײַך און ביז גאָר דערשראָקענער, מיט אַ מאָל אויך אויפגעפלאַמט און אויפגעבראַכט, און אויך דאָס לינקע גריבעלע אײַז, וואָס האָט נאַרוואָס געטײַעט אין דעם ברעקל בליצשטראַל פון הינטערן געדיכטן פאָרהאַנג אַרויס, הייבט אים אָן צו פרירן און צו גרין ווערן... די פינגער נעמען זיך אים צונויפגיין אין אַ פויסט... אָבער באַלד לייגט זיך אים ווידער אויפן שמאָלן שטערן אונטער די גלאַטע ווייצענע האָר אַ קנייטשל, — עפּעס אַ מחשבהלע מאַטערט אים פּאַרט. וואַרפט ער אַ קאָסלעכן בליק אויף אלישען, ווי געוואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל דערגיין: וויפל ממשות איז באמת פאַראַן אין זײַנע, אין אלישעס, ווערטער, אַז גאָר אינגיכן וועט מען דאָ כאַפּן איבערן היטל פאַר די ייִדישע שרײַבער?... — און ער נעמט פון טיש דאָס איבערגעקערטע מיטן מײַלעכל אַראָפּ ראַדיאָ־טעלערל, לייגט עס צו שטײַף צו זײַן אויער און הייבט זיך אָן אָנגעשטרענגט אײַנצוהערן. זײַן פּנים ווערט נאָך אויפגעפלאַמטער און ביידע אַקסל מיט די גאָלדענע פּאָגאָנעס, און מיט אַלע פיר זילבערנע שטערנדלעך אויף זיי, נעמען זיך אים פון חידוש אויפהייבן און פון פאַרדראָס אַראָפּלאָזן: אַפּנים אַז די ידיעות זײַנען ניט קיין גוטע. מיטן פאָטער פון די פּעלקער האַלט עס דאָרטן ביז גאָר שלעכט... — אלישע האָט דאָך ניט געוווּסט, אַז נאָך צוריק מיט פיר טעג, אין דער פּורים־נאַכט, ווען מ'האָט אים, אלישען, גענומען און געפירט אין דער זאַווייע אין דער עמגעבע־טורמע אַרײַן, האָט דאָרטן, הינטער מאָסקווע, אין דעם געוועזענעם גוט פון דעם גראַף אָרלאָוו, אויף דער קונצעוווער דאַטשע, אַז דאָרטן האָט מען אין יענער וויוגע־נאַכט, אין איינעם פון די געהיימע צימערן, בײַם אויפברעכן די טירן געפונען אים ליגן, המנען, אויפן פּאָל אין דעם גענעראַליסימוס מונדיר שוין אַ קאַלטן... — נאָר וואָס מער און וואָס ווײַטער דער אויספאָרשער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, הערט זיך אײַן אין ראַדיאָ־טעלערל, אַלץ אומרויִקער

און צערודערטער ווערט ער און די פריִער צונויפגעגאַנגענע פינגער אין אַ פויסט, נעמען זיך אים ניט ווילנדיק פונאַנדערגיין... און פּלוצלינג טוט ער אַ פרעג ביַי אלישען:

— ווען און ווי האָסטו זיך דאָס לעצטע מאָל באַגעגנט מיטן מלוכה־פאַרברעכער, מיט מיכאָעלסן?

ביַים דערהערן מיכאָעלסעס נאָמען, דערפילט אלישע ווי דער מעסער איז אים צוגעשטעלט געוואָרן צום האַרצן, — אָט פון וואַנען ס'דאַרפן זיך אָנהייבן זיַינע, אלישעס, פינפאונצוואַנציק יאָר לאַגער... דאָס לעצטע מאָל האָט ער געזען מיכאָעלסן אין דעצעמבער טויזנט ניַין הונדערט פערציק זיבן, אין „גאַסטעט", אויף דער גאַליאַרקע, ווו ער, אלישע, געפינענדיק זיך דעמאָלטן אין מאָסקווע, — געבראַכט און ס'איז אָנגענומען געוואָרן אין „עמעס־פאַר־לאַג" זיַין ראָמאַן אין דריַי טיילן „פּאָלעסיער וועלדער". דעמאָלטן, אין מאָסקווע, ווו ער האָט מיטן דיכטער איַיזיק הובערמאַן געלעבט אין אַ צימערל טאָקע דאָרטן, אין טעאַטער, און ביידע האָבן זיי אין איינעם אַן אָוונט געקוקט די פאָרשטעלונג „פריילעכס", דעמאָלטן, אין יענעם אָוונט, איז מיכאָעלס פּלוצעם אויף דער גאַליאַרקע אַרויף, עטלעכע מינוט געשטאַנען לעם אלישען, געקוקט און זיך צוגעהערט ווי ס'גייט דער ספּעקטאַקל, דערנאָך אַ שאָקל געטאָן מיטן גרויסן קאָפּ, ווי זיך מיט אַלעמען געזעגנט און איז אַרויס... אין גיכן איז די פינצטערע ידיעה אָנגעקומען אַז מיכאָעלס איז אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע אומגעקומען... אַ טרויער און אַ פּחד האָט אַרומגעכאַפּט די סאָוועטישע ייִדן: אַלע האָבן דערפילט אַז שלמה מיכאָעלסעס טויט איז אַ שרעקלעכער אָנזאָג! — אלישע וויל רייכערן, — די רויך־ביטערקיַיט זאָל אים כאָטשבי אַ קאַפּעלע פאַרשלאָגן דעם ווייטיק אין דער נשמה... כאָטשבי איין צי געבן פון אַ ברעקל ציגאַרל, וואָס מ'קאָן שוין קוים אין האַנט האַלטן, וואָס ברענט שוין אין די פינגער; אָבער וואָס צו רייכערן האָט ער שוין ניט, דעם לעצטן פּאַפּיראָס האָבן זיי ביידע, מיטן שכן, מיט פיאָדאָר מאַסליאַקן, נאָך נעכטן ביַינאַכט אויסגערייכערט... און דאָ נעמט ער מיט אַ מאָל אַרויס, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, צוויי פּעקלעך ציגאַרעטן און לייגט זיי אַוועק פאַר אלישען אויפן ראַנד טיש:

— רייכער! — און דאָס ווערט געטאָן ווי אומגערן, ווי אַ זאַך וואָס האָט קיין שום ווערט ניט.

און ס'ווילט זיך אים, אלישען, נעמען אַ ציגאַר און פאַררייכערן. וואָס

קאָן זיך שוין דאָ מיט דעם ביַיטן, איבעראַנדערשן און ענדערן? אין זיַין גורל וועלן זיך שוין סיַי ווי סיַי לעשן אפילו די ליכט פון בית המקדש... נאָר אלישע לאָזט פאַרביַי דעם אויער יענעמס זאָג: „רייכער״! פירט אויך אָפּ די אויגן פון די צוויי פּעקלעך ציגארן: ניין! ער טאָר זיך בשום אופן צו זיי ניט צורירן, יענער וואַרט דאָך שוין פון לאַנג אויף אָט דער רגע... ניין, קיין שום אָנקער און באַרירן זיך, קיין שום מגע־ומשא מיט אים, מיטן עמגעביסט, טאָר דאָ ניט זיַין, — דער מהלך צווישן זיי, די אָפּגעשיידט און אָפּגעטיילטקייט, די אָפּגעוויַיטערט און אָפּגעפרעמדקייט, טאָר דאָ אויף קיין איין זערנעלע ניט קלענער און ניט נעענטער ווערן.

— ניין, קאַפּיטאַן, — זאָגט אלישע דעם ריינעם אמת. — מיט מיכאָעלסן האָב איך ניט געהאַט קיין נאָענטע באַקאַנטשאַפט. מיר האָבן זיך פון ציַיט צו ציַיט געטראָפן, ווי צום ביַישפּיל אויף דער לויה אין מאָסקווע פונעם יידישן שריַיבער דאַניעלן... דו ווייסט דאָך, קאַפּיטאַן, אַז קיין פּיעסן האָב איך ניט געשריבן.

— דו האָסט יאָ געשריבן!

— דאָס האָב איך פון די „פּאַלעסיער וועלדער״ געמאַכט אַ פּיעסע.

— און דו האָסט זי געגעבן מיכאָעלסן! דאָרטן ליגט דיַינע אַ פּיעסע.

— ניין, קאַפּיטאַן, מיכאָעלסן אין האַנט אַריַין האָב איך די פּיעסע ניט געבעון. איך האָב זי אָפּגעגעבן דעם שומר פון טעאַטער, וואָס שטייט ביַי דער טיר, און אים געבעטן איבערגעבן מיכאָעלסן.

— און דערנאָך?

— ערשט נאָך דער מלחמה, שוין נאָך מיכאָעלסעס טראַגישן טויט, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון זוסקינען, אַז דער טעאַטער וועט זיך נעמען פאַר מיַינע וועלדער... אָבער ווי דו ווייסט, קאַפּיטאַן, איז אויך זוסקין אַרעסטירט געוואָרן, מ׳האָט אים אַ שווער קראַנקן צוגענומען פון שפּיטאָל... און דעם „גאָסעט״, קאַפּיטאַן, האָט מען פאַרמאַכט. דערקלער מיר, קאַפּיטאַן, ווי אַזוי קאָן מען עס האַלטן מענטשן פינף יאָר אין טורמע אָן אַ משפט? שוין פינף יאָר ווי בערגעלסאָן, האָפשטיין, מאַרקיש, קוויטקאָ, פעפער, זוסקין זיצן אין די טורמעס און זיי ווערן ניט געמשפּט און מ׳הערט פון זיי אפילו קיין וואָרט ניט. ווער אין דער וועלט...

— ווען ביסטו געווען, — שלאָגט ער איבער אלישען. — ווען ביסטו געווען דאָס לעצטע מאָל ביַים פּראָפעסאָר גובערגריץ?

— בײַם פּראָפֿעסאָר גובערגריץ? — פֿרעגט אלישע איבער אַ געפּלעפּט און דערשטוינטער. יענער מעסער וואָס איז אים פֿריִער צוגעשטעלט געוואָרן, הייבט אים שוין אָן אין האַרצן אַרײַנגעשטאָכן ווערן. — קאַפּיטאַן, כ׳האָב קיינמאָל ניט געקרענקט אויפֿן מאָגן, און בין קיין מאָל בײַם פּראָפֿעסאָר גובערגריץ ניט געווען! און צוליב וואָס, קאַפּיטאַן, דאַרפֿסטו עס אַהער האָבן דעם פּראָפֿעסאָר גובערגריץ, וואָס איז שוין העכער אַ יאָר טויט? קאַפּיטאַן, ווילט איר דאָ דעם געשטאָרבענעם פּראָפֿעסאָר גובערגריצן אויך אַרײַנשלעפּן אין דעם ענין פֿון די מערדער אין ווײַסע כאַלאַטן? ווילסטו, קאַפּיטאַן, אויך מיך, דעם ייִדישן שרײַבער... — אָבער דאָ שטעלן זיך אַרײַן די צוויי סערזשאַנטן און זיי פֿירן אים, אלישען, צוריק אַהין, אין קאַמער אַרײַן.

# יח

און שפּעטער־צו, שוין נאָך דער פּאַרקעט־פּאַראַשע קאַמער, וואָס צווישן די זומפּ־שווייַגנדיקע קאָרידאָרן, וווּ די וואַכלייַט שפּאַנען אַרום אין ווייכע שטעקשיך און די מיט אייַזן־געקאָוועטע שווערע טירן שרייַען פון גרויל און פון יִיאוש... שוין שפּעטער־צו, שוין נאָך די עטלעכע שעה אין קאַמער זייַן, ווו די גאַנצע וועלט איז פינף טריט צווישן די בעטן, ווו איין שכן, דער פויער, שטייט אַן אייַנגעבויגענער, מיטן פּנים אין ווינקל און די אַקסלען טרייַסלען זיך אים פון אייַנגעהאַלטענעם יאָמער־געוויין, און דער צווייטער, דער בוכהאַלטער, קלאַפּט זיך ווידער מיט ביידע קולעקעס אין קאָפּ אַרייַן: „אַלטער נאַר! אַלטער טיפּש!...“ און אויף דער וואַנט, איבער זייַן, אלישעס, אייַנגעפּאַלענעם געלעגער זילבערן זיך די פּאָר שטראַלן, — די צוויי איינציקע ווייַזערס אויף זייַן לעבן־און וועלט־זייגער, וואָס טרייסטן און מונטערן און דערמאָנען אים: די פרייד פון לעבן קאָן ניט אויסגעלאָשן ווערן, זי שלאָגט פון אונטער דער פאַרפּרוירענער ערד אַרויס, די טעג ווערן שוין פולער מיט זון, מיט אויפשייַן און מיט פרילינגדיקן אָפּשייַן און באַלד וועט פונעם ליכט־קוואַל אַ פלייץ געבן מיט בלענדיקייט פון וואַסער־שפּיגלען... און דאָרטן, אין די וועלדער, ווו ער, אלישע, איז אויסגעוואַקסן און זייַן וואָרט איז אויפגעגאַנגען, דאָרטן, צווישן די טיפע שנייען, הייבט שוין אָן דער וואַלדהאָן, אויף דער נאָך פאַרווייַעטער יאָדלע, צו טאָקען און צו טאָרקלען זייַן אומברחמ־נותדיק־פאַרשיכורטע ליבע־ליד. — שפּעטער־צו, טאַקע, אין יענעם טאָג, שוין נאָכן באַלאַנדע־וואַרמעס, שוין נאָכן אַרויספירן אויף די צוואַנציק מינוט אין יענער קאַמער, וואָס אָן דעם דאַך, ווו איבער דעם פירעקעכדיקן שטיקל בלויען הימל שפּאַנט אַרום דער דאָזאָר מיטן אויטאָמאַט אין די הענט... שוין דעמאָלטן, פאַרן דאַרפן זיך לייגן שלאָפן, האָט מען אים ווידער געפירט אונטער די שנאַל־בייַטשן צום אויספאָרשער אויף אַ גאַנצער נאַכט, — ניט לאָזן זיך אָפּרוען, אויסמאַטערן, פון די כוחות אַרויסשלאָגן, און צו אַזאַ

גלײַכגילטיקייט דערפירן, ווו אַלצדינג ווערט איבעריק, ווו די וועלט ווערט אַ שאָטן, אַ פוסטקייט, און פאַלט אין אַ גײַסטיקער דרעמלעניש אַרײַן.

שוין דאָרטן, פאַרנעמט אלישע זײַן אויבנאָן, אויף דער טאַבורעטקע, בײַ דער טיר, לייגט אַוועק לײַטיש, ווי מ'האָט אים דאָ געלערנט, די הענט אויף די קני... אויפן ראַנד טיש, ווי פאַרגעסן געוואָרן, ליגן נאָך אַלץ יענע צוויי פעקלעך ציגאַרעטן און ער אַליין, דער קאַפּיטאַן, קוקט פאַרטיפט אין די פאַפּירן אַרײַן און בײַ זײַן יעדער הייב מיטן לינקן אַקסל, טוען אים די פיר זילבערנע שטערנדלעך אַ בליץ אויף דער עלעקטרישער שײַן, וואָס ברענט הײַנט אַ סך העלער און אַ סך שטאַרקער ווי נעכטן און ווי איינעכטן. זיי זײַנען אָבער, די דרײַ לאָמפּן, אַרײַנגעשרויפט געוואָרן אַזוי, אַז די שײַן גייט נאָר אויף אים, אויף אלישען, ווי יענער, דער אויספאַרשער, וואָלט אים געוואָלט הײַנט די ריאה פאַרשלאָגן, — ער זאָל ניט קאָנען, אלישע, יענעמס פּנים אַקוראַט זען.

ער איז אָבער גיך גובר די ליכט, און ער זעט שוין קלאָר, דער עיקר מיט יענעמס אויג פון זײַן נשמה, ווי בײַ דעם קאַפּיטאַן בײַטן זיך אַלע מאָל די קאָלירן אין פּנים: עפּעס קומט מיט אים דאָ פאָר אַזוינס, וואָס ער קאָן ניט פאַרשטעלן און אויסבאַהאַלטן. דאָך און פאַרט איז עס אלישען שוין קאַרג... און הגם ער ווייסט אַז מיט סטאַלינס טויט וועט זיך קיין סך דאָ ניט ענדערן, דער יסוד וועט דאָ פאַרבלײַבן ניט גערירט, — זיי קאָנען ניט, די יורשים זײַנע, בײַ זייער בעסטן ווילן, די גרונטפעסטיקייט, דעם אָנשפּאַר און אָנלען ענדערן און בײַטן, ווײַל ווי נאָר זיי נעמען פון דעם יסוד איין ציגל אַרויס, אַזוי הייבט אָן די גאַנצע ממשלה צו פאַלן, דערצו נאָך זײַנען זיי אַלע, ביז איינעם, זײַנע מיטהעלפער געווען; דאָך... אין דעם איז ער זיכער, אלישע, אַז די רויטע עשאַלאָנען אויף אַרויסצופירן ייִדן אין די ווילד־וויסטע קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס וועלן אָפּגעשאַפט ווערן און דער דאָקטוירים־בלבול, אָט דער סאָוועטישער ביילים־פּראָצעס, וועט אויך געבראָכן ווערן, — די יורשים וועלן אים מבטל מאַכן. — און ער וויל, אלישע, פון דעם אויספאַרשערס פּנים, פון אָט דעם איינציקן קוואַל, וואָס מער און וואָס גיכער זיך דערוויסן, צום תוך און צום ברענפּונקט זיך דערקלײַבן, ווײַל איבער דער אויפגערודערט און אומרויִקייט קאָן ער ניט, אלישע, זײַן ווײַטן קול אין זיך דערהערן און ווייסט ניט ווי האָלט עס באמת דאָרטן מיט סמערדיאַקאָוו דעם צווייטן? אפשר האָט גאָר דער שכן,

דער פויער, פיאָדאָר מאַסליאַק, עפּעס איבערגעפּלאָנטערט, עפּעס אַן אויס־דאַכט פאַר אַ גאולה־בשורה געבראַכט? אפשר איז גאָר דאָרטן עמעצער פון די גדולים פון די שרי המלכות, פון פּאָליט־ביוראָ, קראַנק געוואָרן, אָבער ניט ער, ניט סטאַלין?

און אלישע, אין זײַן קדחת־צושטאַנד, — ער קאָן זיך שוין ניט באַהערשן, און ער וויל עס שוין אפילו פון יענעם ניט אויסבאַהאַלטן, ער גייט אַרויס אין אַן אָפענעם געראַנגל... ער נעמט דאָ צונויף, אלישע, זײַנע אַלע פאַרבאָר־געגע כּוחות און צווינגט אים, דעם עמגעביסט, דעם זײַל און אָנשפּאַר פון סטאַלינס הערשאַפט, אויפצוהייבן דעם קאָפּ: יענעמס פּנים איז שוין ניט צו דערקענען, — לענגער און מאַגערער געוואָרן און אויך פון די בלויע אויגן זײַנען אים שוין נאָר צוויי שפּעלטעלעך פאַרבליבן. ניין, איבער וואָראָשילאָוון, אָדער איבער מאַלאָטאָוון, וואָלט ער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזש־ניקאָוו, זיך אַזוי שווער צום האַרצן ניט גענומען. איצטער וויסט ער שוין, אלישע, פון יענעמס פּנים, אויף זיכער, אַז מיטן פאָטער פון די פעלקער, אַז מיטן קאָריפּיי פון אַלע וויסנשאַפטן, אַז מיטן קריגספירער פון אַלע צײַטן און פון אַלע תּקופות, אַז מיט אים, מיט סמערדיאַקאָוון דעם צווייטן, האָט שוין עפּעס געטראָפן.

און פונדעסטוועגן איז נאָך אלישע ניט באַרויִקט געוואָרן, פון דער קדחת־באַשלאָגעניש ניט געקאָנט אַרויסגיין און גענומען אַרײַנקוקן יענעם, דעם ביטערן שונא זײַנעם, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוון, אין די אויגן אַרײַן און שטום געפאָדערט פון אים אויפצוהייבן דאָס איבערגעקערטע ראַדיאָ־טעלערל פון טיש און עס צולייגן צום אויער, — לויט יענעמס הערן וועט ער שוין וויסן, אלישע, ווי ס'האַלט דאָרטן מיטן וואָלף... — און יענער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, ציט טאַקע אויס די האַנט צום טעלערל, טוט זי אָבער באַלד מיט כּעס אַ כאַפּ אויף צוריק, שליסט מיט אַ מאָל אויס די עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס האָבן געשלאָגן אלישען אין די אויגן אַרײַן, און ווי אויף די פריִערדיקע פאַרהערענישן, אויף די אויסנישטער און דורכזיפּעענישן, אָנגעהויבן ווידער פון ווײַטנס, פון מיט יאָרן צוריק, פון פאַרלאָפנס און פאַרלעגערטס; ער נעמט זיך לייענען שטיל און באמת רויִק, ווי דאָס מאָל וועט שוין אלישע ניט קאָנען שטעלן זיך קעגן און עפּעס־וואָס אָפּלייקענען... ער לייענט פון אַ פּאַפּיר אַרויס, ווו ער, אלישע, ווערט באַשולדיקט אין... אימפּרעסיאָניזם! אַז ער, אלישע, גייט מיטן וועג

פון דעם בורזשואַז־דעקאַדענטישן סוביעקטיוויזם... אַז ער, דער שרײַבער, זאָגט אומעטום און תמיד אַרויס דורך זײַנע געשטאַלטן דעם אייגענעם וועלטבאַנעם.

— ווער פאַרשטייט עס ניט, — עפּנט ער דאָ אויף אַ פּעקל, נעמט פון דאָרטן אַרויס אַ ציגאַר און פאַררייכערט. — ווער פאַרשטייט עס ניט, אַז ווען דער ייִד שרײַט בײַ דיר אין אַ דערציילונג: „ברענען זאָל די ראַטנמאַכט!" אָדער: „מיר זײַנען די איובס פון אונדזער צײַט!", ווער פאַרשטייט עס ניט אַז דאָס שרײַט דאָך פריִער פון אַלעמען דער שרײַבער אַליין! און ער פאַרלייגט צופרידן אַ פוס אויף אַ פוס און לאָזט פון צווישן די אויסגעצויגענע ליפּן רינגען רויך גלײַך אויף אלישען.

דער נוסח פון דעם מאמר, וואָס דער אויספאַרשער האָט געלייענט, איז אים, אלישען, ביז גאָר באַקענט, דאָך קאָן ער נאָך אויף זיכער ניט זאָגן ווער פון יענע לײַט, וואָס האָבן אים, אלישען, אין נאַציאָנאַליזם, אין בורזשואַזן אַפּנויג באַשולדיקט, ווער פון זיי האָט עס איצטער, אין אָט דער גזירה־שעה, אין אָט דער צײַט פון דעם דאָקטוירים־בילבול, אין דער צײַט ווען ייִדישע שרײַבער ווערן אין די טורמעס פאַרשפּאַרט און אין די קנעכט־לאַגערן פאַריאָגט, ווען די רויטע עשאַלאָנען שטייען גרייט אויף אַרויס־צופירן ייִדן אויף אומקום אין די קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס, ווער פון יענע האָט עס איצטער געקאָנט אונטערטראָגן דער סאָוועטישער אָכראַנקע אָט דעם סם־המוות?

ערשט דעמאָלטן, ווען אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו טוט אים אַ פרעג: — צוליב וואָס האָט ער, אלישע, און צוליב וועלכע פאַרברעכערישע צילן האָט ער, דער בורזשואַזער שרײַבער, געוואָלט אַרײַן אין „וווספּ", אין דעם אַלאוקראַיִנישן פאַראיין פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער? — און דערלאַנגט אים דעם פּאַפּיר, און באַווײַזט אים שוואַרץ אויף ווײַס: — נאַ און זע! נאַ און לייען אַליין, וואָס אירמע דרוקער זאָגט וועגן דעם. ער איז אַן עדות אַז דו האָסט דערלאַנגט אַ מעלדונג אין וווספּ בעת דו ביסט געווען אַ סטודענט אין אָדעס, — און איבער זײַן פּנים צעגייט זיך אַ נצחונדיקער שמייכל. ערשט דעמאָלטן, אַז ער, אלישע, האָט איבערגעלייענט און געזען די חתימה פון יענעם, וואָס זײַן טאַטע איז געווען חזן בײַ דעם טשערנאָבילער רבין... ערשט דעמאָלטן האָט ער אויפגעציטערט און נאָך אַ פײַערדיקער רינג האָט זיך אַרײַנגעשניטן אין זײַן צעבלוטיקטער נשמה.

— קאַפּיטאַן, — קערט זיך אלישע ניט אָפּ פון דעם רויך, וואָס ער לאָזט אויף אים פון די אויסגעצויגענע ליפּן. — וואָס וואָלט איר, אין עמגעבע, איצטער געטאָן מיטן קינסטלער־אימפּרעסיאָניסט, נו, צום בײַשפּיל, מיט קלאָד מאָנע פאַר זײַן בילד „אַ סטויג הײ בײַם זונפאַרגאַנג״? אָדער מיט די קאָמפּאָזיטערס־אימפּרעסיאָניסטן ווי דיוביסי, ראַוועל, סקריאַבין?... אָדער מיט אימפּרעסיאָניסטן אין דער ליטעראַטור, ווי למשל האַפּמאַנסטאַל, טשעכאָוו, קאָציובינסקי? און וואָס וואָלט איר שוין באַדאַרפט טאָן מיט די סימבאָליסטן, מיט ווערלען, מיט רעמבאָ, מיט אַלעקסאַנדער בלאָק, מיט וואַלערי בריוסאָוון און... און... קאַפּיטאַן, זידל זיך ניט! מיר באַליידיקסטו ניט דערמיט... זאָל זײַן, אַז איך בין אַ בורזשואַזער אימפּערעסיאָניסט. גוט, גוט, איך אָנערקען דאָך עס! זאָל אפילו זײַן, אַז איך, דער שרײַבער, האָב געשריִען פאַר יענעם ייִדן אויפן מאַרק: „ברענען זאָל די ראַטנמאַכט!״ נאָר דאָס איז דאָך געווען געדרוקט ניט אין קײַן פלוגבלעטל...

— דו ווילסט זאָגן, אַז ס'איז דאָך געווען אָפּגעדרוקט אין אַ בוך דערציילונגען, וואָס איז דערשינען אין מלוכה־פאַרלאַג פון אוקראַיִנע?

— פאַרשטייט זיך, קאַפּיטאַן, אָט דאָס וויל איך טאַקע זאָגן.

— אָבער דאָס האָט דיר אָפּגעדרוקט שכנא עפּשטיין, וואָס האָט זיך דורכגעשמוגלט...

— קאַפּיטאַן, שכנא עפּשטיין איז שוין אויך אויף יענער וועלט... ער איז געקומען צו אונדז פון אַמעריקע, ווו ער איז געווען רעדאַקטאָר פון דער קאָמוניסטישער „מאָרגן־פרײַהײַט״... און אָן אַ באַשטימונג פון צ.ק. קאָן דאָך קיינער, ווי דיר איז באַוווּסט, קיין רעדאַקטאָר בײַ אונדז אין לאַנד ניט ווערן. און שפּעטער האָט שכנא עפּשטיין אַ סך יאָרן געאַרבעט אין קאָמינטערן... און דער עיקר, קאַפּיטאַן, וואָס האָט איר זיך דאָ, אין דער עמגעבע, אַזוי שפּעט, אין פינף־און־צוואַנציק יאָר אַרום, פּלוצלינג געכאַפּט פאַר יענע דערציילונגען? און וואָס האָט איר זיך געכאַפּט גראָד איצטער, אין דער צײַט, ווען אין קיין איין ביבליאָטעק איבערן גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד איז קיין ייִדיש בוך ניטאָ, און פאַרשטייט זיך, אַז אויך דעם „אָפּן שיידוועג״ וועט מען מיט ליכט ניט קאָנען געפינען... פאַרוואָס, קאַפּיטאַן, איז גראָד איצטער דער „אָפּן שיידוועג״ געוואָרן אַזוי געפערלעך פאַר דער זיכערקייט פון דער מלוכה? ווו זײַנען געווען אין משך פון פינף־און־צוואַנציק יאָר

אייערע וואַכזאַמע אויגן ?... זידל זיך ניט, קאַפּיטאַן ! און נאָך איין קלייניקייט, יענע דערציילונגען האָב איך דאָך שוין מער ניט אַרויסגעגעבן.

— ווייל דו האָסט גוט געוווּסט אַז אַט די אַנטיסאָוועטישע שרייבעכצן וועט מען דיר שוין מער ניט דרוקן.

— דאָס זיינען, קאַפּיטאַן, ניט מער ווי השערות...

— און אין „וווּספּפּ״ האָסטו אויך ניט דערלאַנגט קיין מעלדונג ?

— ניין, קאַפּיטאַן, ניט דערלאַנגט. האָסטו דען אין די פּאַפּקעס אַזאַ מעלדונג מיינע ? באַווייז זי מיר !

— דו האָסט דאָך געלייענט וואָס דרוקער זאָגט. ער איז אַ לעבעדיקער עדות. מיר קאָנען דיך שטעלן מיט אים אויג אויף אויג.

— קאַפּיטאַן, — פאַרלירט דאָ אלישע די לעצטע רויִקייט. — קאַפּיטאַן, דו קאָנסט מיך שטעלן מיט אים אויג אויף אויג, נאָר אַלץ וואָס ער וועט דאָ זאָגן און אַלץ וואָס ער האָט דאָ ביי אייך געשריבן איז אַ ליגן פון אַ דערשראָקענעם מענטשן... ווען איך זאָל אפילו דעמאָלטן געוועזן דערלאַנגען מעלדונגען, וואָלט מען מיך סיי ווי סיי אין „וווּספּפּ״ ניט אַריינגענומען.

— אָבער דו האָסט דאָך געוואָלט אַריין אין וווּספּפּ ! געוואָלט, געוואָלט, געוואָלט !

— צוליב וואָס ? וואָס וואָלט מיר דען, קאַפּיטאַן, דער וווּספּפּ געגעבן ?

— דו האָסט געוואָלט אַריין אין וווּספּפּ נאָר צוליב דעם, כדי אָנצושטעקן דאָרטן אַלעמען מיט דיינע בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע, מיט דיינע אַנטי־סאָוועטישע שטימונגען.

— אַט אַזוי גאָר ! אַט צוליב וואָס ! הער, קאַפּיטאַן, צי איך האָב דעמאָלטן, מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק יאָ געוואָלט אַריין אין וווּספּפּ כדי אָנצושטעקן דרוקערן מיט נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, דאָס האָט איצטער קיין שום ווערט ניט. כ׳מיין, קאַפּיטאַן, אַז ס׳איז דיר שוין צייט פאַרענדיקן בויען אַרום מיר דאָס שוואַרצע רעמל, אַז איך שטאַם פון אַ פרעמדן סאָציאַלן שיכט, פון הענדלער, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין וואַלרעכט, אַז איך האָב באַקומען אַ רעליגיעזע און נאַציאָנאַליסטישע דערציִונג, אַז מיין ברודער איז געווען אַ טראָצקיסט, אַ פאַרביסענער שונא פון פאָלק ; אַז ווי אַ שרייבער בין איך פון ערשטן טאָג געגאַנגען אויף פרעמדע וועגן, אפילו ניט געשטאַנען „אָפן שיידוועג״, נאָר אין דעם בורזשואַזן אימפּרע־סיאָניסטישן זומפּ, אַז איך האָב געוואָלט אַריין אין וווּספּפּ און אַלעמען פון

דאָרטן פאַרשלעפּן אין דעם ייִדישן רעאַקציאָנערן נאַציאָנאַליזם... און אויך די מעשׂה מיטן ייִדישן שרײַבער יוסף אָפּאַטאָשו, וואָס האָט דעמאָלטן, צוריק מיט צוואַנציק יאָר, זייענדיק דאָ, אין ראַטנפאַרבאַנד, מיך פאַרוועך־בירט פאַר אַ שפּיאָן לטובת אַמעריקע... אָבער, קאַפּיטאַן, אַט דאָס שוואַרצע רעמל, וואָס דו האַלטסט אין אײן בויען אַרום מיר, וועט דיר קיין סך ניט געבן. דו ליגסט בעסער אַרויס, קאַפּיטאַן, אויפן טיש דײַן קאַזיר־קאַרט, דײַן טויז צלם!

— מיט פינף און צוואַנציק יאָר ביסטו שוין באַוואָרנט. — און מיט פאַרדראָס טוט ער דאָ אַ פרעג בײַ אַלישען: — וויפל צײַט האָסטו געאַרבעט, ווי אַן אויספאַרשער אין דער פילטריר־קאָמיסיע?

— קאַפּיטאַן, דו ווייסט דאָך וועגן דעם זייער גוט אַלײן. אין די פּאַפּקעס מיט די צוויי אותיות: X. B* דאָרטן איז דאָך מײַן גאַנץ לעבן באַשריבן און באַמאָלט... גוט, קאַפּיטאַן, זידל זיך ניט, כ׳וועל דיר באַלד ענטפערן. דו דאַרפסט דאָך זען צי מײַנע רייד וועלן זיך צונויפגיין מיט מײַנע ענטפערס אויף די פרעגבויגנס: דו ווילסט מיך כאַפּן בײַ דער האַנט... אין פילטריר־קאָמיסיע האָב איך געאַרבעט צוויי חדשים. טאַקע באַלד נאָך דער מלחמה. נאָך פאַר מײַן דינסט אין דער מיליטערישער קאָמענדאַטור.

— ווו איז דאָס געווען?

— דאָס איז געווען, קאַפּיטאַן, אויף דער גרענעץ פון מזרח־דײַטש־לאַנד מיט פּוילן. אין דער שטאָט גערליץ.

— און וועמען האָט איר דאָרטן פילטרירט?

— די מערהייט, קאַפּיטאַן, זײַנען דאָרטן געווען פון די דערפער. מיידלעך און ווײַבלעך פון גאַליציע, פון די קאַרפּאַטן, און אויך פון פּאָלעסיע און פּאָלטאַווע. ס׳זײַנען אָבער אויך געווען איבערגעטאָנענע וולאַסאָווצעס, בענדעראָווצעס, פּאָליציסטן, וואָס האָבן געהאָלפן די דײַטשן אומברענגען מענטשן אין די געטאָס, אין די טויט־לאַגערן פון טרעבלינקע, מײַדאַנעק, אָשווענצים און בוכנוואַלד. געהאָלפן און אַליין אויך געהרגעט זקנים און קינדער אין די טאָלן אַרום ווילנע און קאָוונע, אין די קערטשער ריוון, אין די יאַרן און אין די וועלדער...

---

* היטן אייביק! — ХРАНИТЬ ВЕЧНО.

— און דו, — שלאָגט ער איבער, — דו האָסט זיך דאָרטן אין זיי נוקם געווען. דו האָסט זיי געשלאָגן!

— ניין, קאַפּיטאַן, איך האָב זיך צו קיין איינעם פון זיי מיט אַ פינגער ניט צוגערירט. געשלאָגן האָבן זיי אײַערע! ווען איך האָב זיך דעמאָביליזירט אין יוני 1947 און בין געפאָרן פון מזרח־דײַטשלאַנד אַהיים, האָט זיך אונדזער מיליטערישער צוג אָפּגעשטעלט אין ברעסט. פאַר טאָג איז עס געווען, לעם אַ לאַסט־צוג. פון יענעם צוג האָבן זיך געטראָגן ביטערע געשרייען, מ׳האָט עמעצן שטאַרק געשלאָגן... ווי איך האָב זיך דאָרטן באַלד דערוווסט, האָבן אײַערע געפירט אין פאַרמאַכטע וואַגאָנעס די וולאַסאָווצעס, וואָס די ענגלענדער האָבן זיי אַרויסגעגעבן דעם ראַטנפאַרבאַנד. מ׳האָט זיי געפירט אויסגעטאָגענע, נאָר אין דעם אונטערשטן וועש... און געשלאָגן האָבן זיי דאָרטן, אין די פאַרמאַכטע וואַגאָנעס אײַערע! איך, קאַפּיטאַן, האָב זיך צו קיינעם פון זיי מיט אַ פינגער ניט צוגערירט. שלאָגן שלאָגט דער אויספאָרשער דעמאָלטן, ווען ער מוז צווינגען אַן אומשולדיקן מענטשן צו מודה זײַן זיך אין אַ ניט באַגאַנגענעם פאַרברעכן.

— אַט זעסטו, איך שלאָג דיך ניט.

— דערווײַל נאָך ניט... אָבער דו ווייסט דאָך גוט, קאַפּיטאַן, אַז דו האַלסט מיך דאָ אין טורמע אַן אומשולדיקן. דו ווייסט דאָך גוט, קאַפּיטאַן, אַז איך בין אין גאָרניט ניט שולדיק.. זידל זיך ניט, קאַפּיטאַן! אָט לאָמיר זיך בײַטן מיט די ערטער: איך וועל גיין אויף דײַן אָרט און דו זעץ זיך אויף מײַן אָרט... איך וועל גאָרניט דאַרפן אויסטראַכטן קיין שוואַרצן רעמל אַרום דיר. איך וועל דיך אפילו ניט פרעגן, ווער ס׳איז געווען דײַן טאַטע, צי האָסטו ברידער?...

— פון וואָס דען וואָלסטו אָנגעהויבן?

— אַז דו ווערסט באַשולדיקט, קאַפּיטאַן, אין דעם, וואָס דו האָסט באַוווסטזיניקערהייט געהאַלטן אומשולדיקע מענטשן אין טורמע, אַז דו האָסט צונויפגעשטעלט פאַלשע באַשולדיקונגען, און מיט דײַנע פאַלשע באַשולדיקונגען האָט מען זיי, די אומשולדיקע, פאַרשיקט אין די לאַגערן... מיך האָסטו דאָך שוין באַוואָרנט מיט פינף און צוואַנציק יאָר! ווער, ווער, נאָר דו, קאַפּיטאַן, ווייסט דאָך גוט... — און דאָ בלײַבט ער, אלישע, אַן לשון, ווײַל אַלע בלוטן טוען אים מיט אַ מאָל פון פרייד אַ שלאָג צום גאָרגל: ער דערהערט דאָ, אלישע, פּלוצלינג שפּילן, אין דער אַרומיקער

זומפּ־שטילקייט, בײַ האַלבער נאַכט, בעטהאָווענס דריטע סימפאָניע, די העראָישע... אויך ער, דער אויספאָרשער, כאַפּט דאָס ראַדיאָ־טעלערל פון טיש צום אויער און זײַן פּנים ווערט אויסגעצויגענער און שוואַרצער. זײַנע אויגן קוקן אויף אלישען מיט דערשראָקן־צאָרנדיקע צוויי גריבעלעך בלויען אײַז. אלישע ווייסט שוין איצטער אויף זיכער: סמערדיאַקאָוו דער צווייטער, דער פאָטער פון די פעלקער, איז טויט! — און די צוויי סער־זשאַנטן זײַנען שוין אַרויסגערופן געוואָרן. און פאַרן אַרויספירן אים, שטייענדיק שוין בײַ דער טיר, זאָגט אלישע:

— קאַפּיטאַן, אַ גוטע נאַכט דיר!

יענער שפּרינגט אויף און באַגלייט אלישען ניט נאָר מיט יענעם זידלוואָרט, נאָר שוין אויך מיט אַ צוגאָב: מיט דער באַוווסטער רוסישער ברכה.

## יט

און ווײַטער, שוין נאָך דער נאַכט, שוין נאָכן ביסל שלאָף־פאַרטראָגנקייט אויף דעם צעקנוילט און אײַנגעפאַלענעם געלעגער, ווו אלישען חלומט זיך אַ חלום: ער גייט צו דער תּפיסה־טיר און פּרוּווט זי עפענען און... צו זײַן גרויס פאַרווונדער־און איבערראַשונג, ניט צו באַנעמען און באַגרײַפן, טאַקע ווי אַ נס מן השמים, עפנט זיך די טיר אויף און ער גייט אין קאָרידאָר אַרויס. און אויך דאָרטן שטעלט אים קיינער אויפן וועג ניט אָפּ. מ'זעט דאָרטן ניט קיין איינעם אין די ווייכע שטעקשיך... לאָזט ער זיך, אלישע, מיט שטיל־אײַנגעהאַלטענע טריט, אונטער די שוואַרצע שאָטן־שײַנען, ווײַטער גיין איבער די זומפּ־שווײַגנדיקע קאָרידאָרן, פאַרבײַ די גורל־שרײַענדיקע טירן, ערגעץ אַהין, צום אַרויסגאַנג... און וואָס ווײַטער שטעלט ער די פיס גיכער, און קיינער פאַרהאַלט אים ניט! אָבער איבערן רוקן גייט אים אַ פריר־קעלט: אָט באַלד וועט זיך אַ שאָס דערהערן און די קויל וועט אים, ווי אַ טעמפּער שנאָבל, דעם שאַרבן דורכלעכערן, — ער דערפילט דאָ אפילו דעם גלײַיקן ברי אין מאַרך, געזעגנט ער זיך מיט איר, מיט שיינדלען, און מיט זײַנע צוויי קינדער, און אויך מיט איר, מיט מאַלין... און ער גייט ווײַטער, און קיינער פאַרהאַלט אים ניט, און ער קומט צו צו אַ שמאָלער מיט אײַזן־געקאָוועטער טיר און דערצו נאָך מיט אַ גרויסן הענגענדיקן שלאָס און ער דערהערט מיט אַ מאָל פון ערגעץ־ווו קולות... טוט ער אָט די שמאָל־געקאָוועטע טיר אויך מיטן אַקסל און מיט אַלע זײַנע כּוחות אַ שפּאַר און... דער שלאָס פאַלט אַראָפּ און זי עפנט זיך אויף. און ער דערזעט זיך שוין, אלישע, אין דרויסן שטיין צווישן די הורבעס שניי, וואָס בליצן און שיטן מיט פונקען אין די אויגן אַרײַן אויף פאַרבלענדט צו ווערן. אַנטקעגן אים, אין די טיפקייטן פון די הייכן, אין די אייביק־קאַלטע, בלאָווע וואַסערן, באָדט זיך אַ רויטלעכער מולד מיט זײַן איין און איינציקן גרינלעכן שטערנדל... — און אויך די פריִער געהערטע ווײַטע קולות דערנעענטערן זיך צו אים, און ער דערקענט זיי

שוין קלאָר־באַנעמלעך יענע התלהבותדיקע, יענע צו דער נשמה אים נאָענטע און ליבע קולות, — דאָרטן טאַנצן נאָך אַלץ אַנטקעגן דעם מולד, אין די שניי־פֿאַרשיטענישן, יענע ייִדן, וואָס זייערע בערד, באַזונדערס יענע לאַנגע און שמאָלע באָרד פֿון דעם הויכן ייִדן אין דעם קורצן ברוין־פֿאַרדאַרטן פֿעלצל מיט דער גרינער קרייַקע אונטערגעבונדן, וויכערן אין דער בלוטיקער מולד־שייַן, און זייַן טאַטע, וואָס אַלע מאָל פֿאַלט ער אַרייַן מיטן צעריסענעם שטיוול אין אַן אַנדער הורבע שניי, זינגט: „גאָט איז אומעטום! ער גייט, ער קומט דער גואל צדק!“ — און ער גייט, אלישע, ווייַטער צו יענע אין דעם שניי־טאַנצנדיקע און מיט התלהבות זינגענדיקע ייִדן, און דאָ דערזעט ער אויך יענע פֿאַרבלוטיקטע קעפּ מיטן פּנים אַראָפּ אין שניי, און אויך פֿייַערן ברענען אַרום זיי, — פֿייַערן גרויסע, קלענערע און גאָר קליינע, און אָט די אַלע פֿייַערן לעשן און פֿאַרוואַרפֿן מיט שניי, ווער מיט הוילע הענט און ווער מיט הילצערנע לאָפּאַטעס, אין אײַלעניש און כאַפּעניש, געגעראַלן און פֿאַלקאָוויקעס אין די גרוי קאַראַקולנע היטלען מיט די מאַלינאָווע ווערכן און אויך זיי, די וואַכלייַט, וואָס אין די ווייכע שטעקשיך... און אלישע, מיט אַ פֿאַרשטיקטן ווייגעשריי, לויפֿט צום טויער, לאָזט דערבייַ פֿון אויג ניט אַרויס די פֿאַרבלוטיקטע קעפּ, וואָס ליגן אין שניי צווישן די פֿייַערן... און האָט מורא מ׳זאָל זיך אים פּלוצעם אויפֿן וועג ניט שטעלן און פֿאַרהאַלטן; נאָר קיינער פֿון די פֿייַער־לעשערס קוקט זיך אויף אים ניט אום און ער גייט צו, אלישע, צום תפֿיסה־טויער, עפֿנט אים אויף מיט זיך־טרייַסלענדיקע, מיט די כמעט אָפּגענומענע הענט, און שפּאַנט אַריבער אַהין... און פֿון די הייכן פֿאַלט אויף אים דער מולד, ווי אַ דוהע אויף זייַן האַלדז־און־נאַקן. בינדט ער אים צו, דעם מולד, מיט די רימענס צו די צווײ האָלאָבליעס, שפּאַנט זיך איַין אין דעם כאָמוט און נעמט שלעפּן דעם אַנגעלאָדענעם שליטן, וואָס שטייט צווישן יענע צווײ פֿאַרלאָזטע, מיט שניי־פֿאַרוויכערטע קרעניצעס... אָבער בייַ דעם אייַנגעפֿאַלענעם ברונעם, וואָס ניט ווייַט פֿון בית־עלמין, זעט ער ניט, אלישע, די שוועס־טער, גאָלדע־רחלען, און אויך זעט ער דאָרטן ניט דעם משוגענעם, פּיטשען; און אַרויף־צו, בייַ דער אַנדערער קרעניצע, אין דער באָבריצער הוטע, זעט ער אויך ניט מאַלין... שלעפּט ער ערגעץ־וווּהין ווייַטער, אלישע, דעם שליטן, דעם שווערן און פֿולן מיט פֿאַרבלוטיקטע ספֿרים, מיט פֿאַרבלו־

טיקטע קעפ... און די מולד־דוהע רײַבט די הויט ביז צו די ביינער און דער כאָמוט שנײַדט זיך אין די אַקסלען אַרײַן, — די פּיס ברעכן זיך אים אונטער... לויפט דאָ איבער די שנייען אָן זי, שיינדל, כאַפּט אָן מיט ביידע הענט פאַר דער האַלאַבליע און העלפט מיט אַלע אירע כוחות צו שלעפּן דעם שליטן... פאַלן זיי שוין ביידע אויף די קני, הייבן זיך ביידע שווער פון די שנייען אויף און שלעפּן אים ערגעץ־וווהין ווײַטער דעם ביז אַריבער די דראַבינעס אָנגעלאָדענעם הייליקן שליטן, און אַלע מאָל באַווײַזט זיך שמואל־יאָסל מיט זײַן פײַערדיקער באָרד, און מיט דער ספר־תורה אויף די הענט.

— גורל, אלישע, גורל!... מיך וועלן זיי שוין מער ניט שיקן! ניין, אלישע, ניין! מער שוין ניט! זאָל געבענטשט זײַן דער טויט וואָס לייזט אויס דעם מענטשן פון צו טאָן שלעכטס דעם צווייטן... שפּײַ אויף זיי, אלישע, שפּײַ זיי אין פּנים אַרײַן! גורל, גורל, גורל! אַ מת האָט אויך אַ גורל! אין גיהנום, אלישע, נעמט מען מיך ניט, און אין גן־עדן לאָזט מען מיך אויך ניט אַרײַן. איבער איר, איבער ברכהן... אַ גאַנץ לעבן, אלישע, האָט זיך מיר געחלומט איינער און דער זעלביקער חלום: פון מויל פאַלן מיר ברעקלעך יצר־הרע, ברעקלעך בענקעניש און מײַז הריזען מײַן פאַרלאַטעטע העמד... און אויפן בוים, וואָס בײַ דער שטאָט־קרעניצע, שרײַט אַ גאַנצע נאַכט מײַן אַמאָליקער חבר פּיטשע. און אַז פּיטשע ווערט פאַרן זונאויפגאַנג אַנטשוויגן, נעמען רויטע כמאַרעס פאַרשטעלן מײַן פענצ־טער... גורל, אלישע, גורל!

און דאָ וועקט מען, און מ׳הייסט פון בעט זיך אויפהייבן, און זיך נאַקעט אויסטאָן, — דרײַ אין ווייכע שטעקשיך זוכן ווידער און נישטערן, טרײַסלען און קערן איבער, וואָס אונטער די הענט טרעפט זיך; דער עיקר האָט מען מורא פאַר אַ שטיקל פּאַפּיר! — ס׳קאָן דאָך זײַן מיט געהיימשריפט פאַרשריבן און דורכן פענצטער אַרויסגעוואָרפן ווערן... און אלישע שטייט אַ נאַקעטער, נאָר דאָס האַרץ שפּרינגט אים שיער פון פרייד ניט אַרויס: איבער דער זומפּשטילקייט דאָ, אין טורמע, דערהערט זיך ווי פון ערגעץ־ווו גייט אַהער שאַפּענס טרויער־מאַרש... און שפּעטער פירט מען אים איבער די טויטע קאָרידאָרן, צווישן די גרויל־שרײַענדיקע טירן, דורכן פריש־פאַרשנייטן הויף אַהין, אויפן דריטן גאָרן, צום אוספאָרשער און אלישעס נשמה ווערט נאָך מער מיט שמחה אָנגעפילט: זײַנע צוויי

באַגלייטער, איינער פון זיי יענער, פון קאַטאַ־קורגאַן, טראָגן אויף די אַרבל טרויערבענדער, — רויט מיט שוואַרצס... סמערדיאַקאָוו דער צווייטער איז טויט! וואָס ס'זאָל שוין דאָרטן ווײַטער מיט אים, מיט אלישען, ניט זײַן און געשען, נאָר נאָך דעם אָפּגאָטס טויט וועט זיך דאָ, אין דעם רישעות־לאַנד, דאָך און פּאָרט עפּעס־וואָס ענדערן און בײַטן. אַזוי איז שוין, צומיינסטנס, דער גאַנג פון דער געשיכטע אין דער וועלט, — נאָך אַ טיראַן נעמען די יורשים אויף אַ צײַט צו פאַרלינדערן, און צו פאַרזיסן.

דאָרטן, אונטער דעם געדיכטן פּאַרהאַנג, וואָס לאָזט קוים אַדורך פון דרויסן אַ מאָגערע שניי־ליכטיקייט, דאָרטן פּאַרענדיקט אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו אַ געשפּרעך דורכן טעלעפאָן: „יאָ, מיר פאַרענדיקן דאָ אָראָפּנעמען דעם קאָפּ"... פאַרשטייט ער, אלישע, וואָס אָט די ווערטער מיינען און וואָס זיי באַטײַטן: אויך ער געהער דאָ, הייסט עס, אויף אוקראַיִנע, צום קאָפּ וואָס דאַרף אַראָפּגענומען ווערן, — ייִדישע שרײַבער דאַרפן וואָס גיכער אָפּגעראַמט ווערן פון וועג, זיי פאַרהאַלטן דאָך די אַסימיליאַציע! און באַלד קלינגט ער שוין אַליין: אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו רעדט מיט דער ווײַב. זײַנע בלויע אײַז־גריבעלעך שמעלצן זיך פון געטרײַשאַפט און ליבשאַפט... פאַרשטייט אלישע אַז אויך אָט דער געשפּרעך מיט דער ווײַב וועגן אויסשניצן שטעקעלעך פאַרן קינד, איז פון פריִער אַ צוגעגרייטער; אָט דער געשפּרעך מיט דער ווײַב דאַרף פאַרווונדיקן דעם אַרעסטירטנס נשמה, דאַרף אונטערשטרײַכן דעם אַרעסטירטנס אומבאַהאָלפנקייט, זײַן עלנטקייט, זײַן אָפּגעריסן ווערן פון ווײַב און קינד... און פון אָט דעם געשפּרעך גייט טאַקע אונטער אלישען אַ שווערער טרויער אונטערן האַרצן: ווו איז זי איצט זײַן שיינדל? וואָס טוט דאָרטן איצטער זײַן קלענערע טאָכטער לאַרע? און וואָס איז דאָרטן, אין דער ווײַטער שטאָט טאַשקענט מיט זײַן עלטערער טאָכטער, מיט ליאַליען?

און הגם דאָס האַרץ פון בענקשאַפט און ליבע צום ווײַב און קינדער שלאָגט זיך אים, אלישען, אין אַ בלוטיקן טרויער, און פון צאָרן איז ער גרייט צו וואַרפן זיך מיט די הוילע הענט אויף דעם משרת־יונג, אויף דעם שטיוול־לעקער פון סמערדיאַקאָוו דעם צווייטן, דאָך דערשטיקט ער אַליין זײַנע געפילן אין זיך, — לויטן פּנים וואָלט שוין דער שׂטן אַליין גאָרניט ניט געקענט דערקענען... און ער זאָגט, אלישע, ביז גאָר נאַיִוו און אויך ביז גאָר תּמעוואַטע, און דערבײַ זייער דעליקאַט:

— קאַפּיטאַן, ווי איך האָב דיך נאַרוואָס געהערט רעדן מיט דײַן ווײַב, ביסטו זייער אַ פּילבאַרער מענטש... האָב איך צו דיר אַ ביטע.

— אַוועלכע? — הייבט ער אויף מיט נײַגער די צוויי גריבעלעך אײַז.

— קלינג אָן, קאַפּיטאַן, אין קינדערגאָרטן ווו מײַן פרוי אַרבעט און זאָג איר אַז איך בין געזונט... דו ווייסט דאָך, קאַפּיטאַן, אַז זי האָט ערשט ניט לאַנג איבערגעטראָגן אַן ערנסטע, אַ ביז גאָר שווערע אָפּעראַציע.

און יענער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, קוקט מיט די צוויי שוין צוגעפרוירענע אויגן, מיט אַ מאָל גרעסער געוואָרענע, אויף אלישען, ווי אויף אַ טירוף, אויף אַ קרעטין, ווי אויף איינעם, וואָס קריכט אויף די גלײַכע ווענט... פון אָט דעם קוק זײַנעם נעמט אלישען אָפּ דאָס לשון. ער ווייסט שוין, אלישע, פון אָט דעם בלויען קוק, אַז מיט שיינדלען האָט שוין דאָרטן אַ נײַער אומגליק געטראָפן, אָבער וואָס? — ער האָט זיך דאָ ניט געקענט פאַרשטעלן, און ווען ער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, זאָגט עס אים אפילו, וואָלט ער אין זײַנע רייד ניט געגלייבט, אַז זי, די פאַרוואַלטערן פון קינדערגאָרטן, שיינדלס חברטע, האָט אויפן צווייטן טאָג נאָך אלישעס אַרעסטירט ווערן אַראָפּגע־נומען זי, שיינדלען, פון דער אַרבעט און זיי, שיינדלען מיטן קינד, איבער־געלאָזט אָן אַ שטיקל ברויט.

ניין, ער וואָלט ניט געגלייבט, אלישע, אַז יענע, די פאַרוואַלטערין פון קינדערגאָרטן, וואָס איז אין יענעם ערב־ווינטערדיקן פרימאָרגן בײַם שפּיטאָל, אין דרויסן, אויף די ווינטן, מיט אלישען געשטאַנען אַנטקעגן די גרויסע לאָמפּן, וואָס האָבן פון אַלע פענצטער געברענט און ער, דער טײַערער און געטרײַער ייִד, דער פּראָפעסאָר אַלשנעצקי, האָט דאָרטן, אין דעם שטאַרק באַלויכטענעם זאַל, שיינדלען אָפּערירט, פון טויט זי געראַטעוועט.

ניין, ער וואָלט דאָרטן בײַם אויספאָרשער, זיצנדיק אויף דער טאַבו־רעטקע בײַ דער טיר, די אויסגעצויגענע הענט אויף די קני, שוין מיט אַ היפשער באָרד פאַרוואַקסן... ער וואָלט ניט געגלייבט אַז זי, שיינדלס חברטע, לידיאַ יאַקאָוולעוונאַ, וואָס שטייענדיק דאָרטן בײַם שפּיטאָל אויף די ווינטן, געגאָסן טרערן אויף אלישעס אַקסל, אַז זי, די פאַרוואַלטערין פון קינדערגאָרטן, האָט זי, שיינדלען, איינע פון די בעסטע דערציִערנס פון דער שטאָט, פון דער אַרבעט אַראָפּגענומען.

אָבער דאָס איז געווען אַן אמת. אָט די לידיאַ יאַקאָוולעוונאַ איז דאָך

שוין געווען פון דעם נײַעם מין מענטש, פון די חידושי אָדם, שוין די ציַיטיקע פרוכט פון דער לענינישער עפּאָכע, אַ דערצויגענע אין די פּיאָנער־אָטריאַדן, אין די קאָמסאָמאָל־קעמערלעך, און דער עיקר אין דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי, אין דעם אַוואַנגאַרד פון דער סאַמער פּראָגרעסיווער טייל פון דער מענטשהייט...

און ער, דער אויספּאַרשער, שוין פון די גאָר אויסדערווײלטע, פון די, וואָס נעמען פון דער אַרבעט ניט אַראָפּ, נאָר נעמען שוין פון לעבן אַרויס... ער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, וואָס ווייסט גוט אַז ניט די פּאַרטיי, נאָר די עמגעבע הערשט איבערן גרויסן לאַנד מיט די פּילצאָליקע פעלקער, ער, דער קאַפּיטאַן, זיצט פאַרוואָרפן אַ פוס אויף אַ פוס, גלעט צו די שטרוי־באַגילדעטע האָר און נעמט זיך נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל פרעגן: — ווו און ווען האָט ער, אלישע, זיך באַגעגנט מיט דער געהיימער האַנט פונעם ציוניזם, מיט די פאַרשטייער פון „דזשאָינט"? — און פון אלישעס אויגן פאַרשווינדט מיט אַ מאָל דער אויספּאַרשער, און אויך דער געדיכטער פאָרהאַנג אויפן פענצטער פאַלט אַראָפּ און ער דערזעט זיך פאַרן דעם 18־טן יאַנואַר 1945 יאָר אין דעם וואַגאָן מיט אָפיצירן, — מיטן רעזערוו פון דער דריַי־און־דריַיסיקסטער אַרמיי פונעם 1־טן וויַיסרוסישן פראָנט, וואָס דאַרף די וויַיסל אַריבער און זיך וואָס נעענטער צו דער פאָדערליניע האַלטן. נאָר פאַרן אַריבערפאָרן דעם טיַיך פאַרהאַלט זיך עפּעס דער עשאַלאָן און אלישע, וואָס האָט נאָך ביז אַהער אין פוילן, אין קיין איין שטאָט, אין קיין איין דאָרף, וואָס ער האָט דורכגעשפּאַנט און דורכגעפאָרן, אין ערגעץ אויף קיין איין ייִדן זיך ניט אָנגעטראָפן... ער באַמערקט דאָ פּלוצעם, פאַרן אַריבערפאָרן די וויַיסל, אַ לעבעדיקן ייִדן שטיין: אַ מיטלוווקסיקן, אַ ברייטביינינקן, אין אַ גאַנץ פיַינעם טולעפּל, ניט שטאַרק אויסגעמאָגערט, מיט אַ וויַיס לאָפּאַטע בערדל און מיט נאָך אַ וויַיסערן פּנים און מיט צוויי שוואַרצע פון היץ ברענענדיקע אויגן. דער ייִד בייַט די גאַנצע ציַיט די פיס, — קאָן אויפן אָרט ניט איַינשטיין, און די ברענענדיקע אויגן יאָגן איבער די וואַגאָנעס אַרום. רופט אים אלישע צו מיט דער האַנט און פרעגט אים אויף רוסיש: וואָס שטייט ער דאָ, און אויף וועמען קוקט ער דאָ אַרויס? — שטעלן זיך ביַים ייִדן טרערן אין די אויגן און ער שטאַמלט אויף פּויליש: זאָל זיך דער פּאַני אָפיציר דער־באַרעמען... ער דאַרף אַהין, איבער די וויַיסל, אין דער פאַרשטאָט פון

וואַרשע... אין פּראַגע... ער מוז די וויַיסל אַריבערפאָרן... זאָל דער פּאַני אָפיציר... — הייסט אים אלישע אין וואַגאָן אַריַין, הגם אייניקע מורמלען הלמאי מ׳נעמט אַ ציווילן אין אַ וואַגאָן מיט אָפיצירן, ווו מ׳רעדט וועגן מיליטערישע זאַכן... — נאָר אלישע דערלאַנגט דעם ייִדן די האַנט, העלפט אים אַרויפקריכן, פירט אים צו צו דער באַנק און זאָגט אים פשוט אויף ייִדיש:

— ר׳ ייִד, זעצט זיך און איר וועט די וויַיסל אַריבערפאָרן.

און דאָ, נאָך צוויי יאָר אָפליגן אין דער „מאַלינע" אין דער שטיינערנער לאָך, אויפן כוטער, די ליכטיקע שיין ניט געזען, וועלן־ניט־וועלן נאָר, אין דער פינצטערער נאַכט, אַרויס כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט, דערצו נאָך האָט אים דער פּאָליאַק, שוין נאָכן אַריַין פון דער רוסישער אַרמיי, געהאַלטן נאָך צוויי איבעריקע וואָכן אין דער „מאַליניע"... דערהערט פלוצעם ווי מ׳רעדט צו אים ייִדיש, האָט דעם ייִדן גענומען פון פרייד וואָרפן און טרייסלען... אלישע האָט אים קוים באַרויִקט.

— צוליב וואָס, — פרעגט אים אלישע, און אויך אַ דערשטוינטער. — צוליב וואָס האָט ער אײַך געהאַלטן איבעריקע צוויי וואָכן אין דער „מאַלינע"?

— איך האָב אים גוט געצאָלט... אָבער אַ גרויסן דאַנק אים. דער פּאָליאַק האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן. — וואָס דאַרף ער האָבן פון יענער זיַיט וויַיסל? דאָרטן אין דער פאָרשטאָט פון וואַרשע, אין פּראַגע זאָגט מען, איז שוין דאָ דער „דזשאָינט", און העלפט די לעבנגעבליבענע ייִדן אין זייערע נויטן... וויל ער, דער ייִד, דער וואַרשעווער שניַידער, צום „דזשאָינט" זיך דערקליַיבן, און בעטן דאָרטן, אַז מ׳זאָל אים, דעם איינעם אַליין געבליבענעם, העלפן צום זון זיַינעם, קיין אַמעריקע פאָרן. ער האָט דאָרטן אַ זון. — און דער ייִד איז מיט אלישען די וויַיסל אַריבערגעפאָרן און איז אוועקגעלאָפן אין „דזשאָינט", — צו דער געהיימער האַנט פון ציוניזם! — און אַליין האָט ער דערנאָך, אלישע, איבער דער קרוינשטאָט פון פוילן, איבער דער אָפּגעברענטער און חרוב־געוואָרענער וואַרשע געשפּאַנט, ווו ס׳האָט געלעבט פאַר דער מלחמה ביַי אַ האַלבן מיליאָן ייִדן, ווו י. ל. פרץ האָט געשאַפן און ווו זיַין האַרץ האָט געפּלאַצט... ווו ס׳איז אויפגעגאַנגען שלום אַש און וויַיסנבערג און אָפּאַטאָשו און... און... ער האָט געשפּאַנט, אלישע, איבער דער פאַרוויסטער שטאָט, צווישן די איַינגעוואַלגערטע מויערן, איבער גאַסן און פּלעצער, אויפן ווינט האָט זיך אַ שילד מיט

דרײַ צוגערױכערט־גילדענע ייִדישע אותיות „כשר" אָן אַ צעלעכערטער װאַנט געשלאָגן... װוּ ניט װוּ, צװישן די רוּינעס, האָבן פּרויען מיט קינדער אויף די הענט און זקנים געשטופּט האַנט־ און קינדער־װעגעלעך מיט קלומ־קעס און קיך־געשיר... אלישען האָט זיך געװאָלט גיין אין געטאָ אַרײַן, זײַן דאָרטן אויף די פאַרבלוטיקטע שטיינער און זען דעם אָרט װוּ דער העלדישער און פאַרצװייפלטער אויפשטאַנד איז געװען; אָבער פאַרהאַלטן זיך דאָ אַליין, אין װאַרשע, האָט ער ניט געקאָנט און ניט געטאָרט. האָט ער געשפּאַנט פון איין עק שטאָט צו דער צװייטער און ביז נאַכט אין אַלעמענס אויגן אַרײַנגעקוקט, נאָר שוין מער דאָרטן קיין איין ייִדן ניט באַגעגנט.

און אלישע קאָן שוין פון זײַן זכּרונלאַנד ניט ארויסגיין, פאַרהאַלט זיך שוין אויך דאָרטן, אין יענעם שטעטל אויף יענער זײַט װאַרשע, װוּ מ׳איז אויף נאַכט געבליבן שטיין און ער, אלישע, װי דער עלטסטער איבער פיר אָפיצירן, װעלכע ער דאַרף צום שטאַב צושטעלן, הייסט איינעם פון זיי אַ שטוב אין דעם אַרום געפינען, װוּ מ׳זאָל קאָנען אין דער װאַרעמקייט דעם קאָפּ צושפּאַרן. אָבער די טירן פון די הײַזער האָבן זיך פאַר די רוסישע אָפיצירן ניט געעפנט, אומעטום האָט מען פון הינטער די טירן געענטפערט: ניטאָ קיין אָרט, ס׳ליגן דאָ שלאָפע... — און מיט רוגזה און מיט גװאַלד אין אַ שטוב אַרײַן איז שטרענג פאַרזאָגט און פאַרבאָטן געװאָרן: מ׳דאַרף מיט די פּאָליאַקן, מיט די סלאַװישע ברידער, האַלטן און פירן זיך איידל, מיטן „פּראָשע פּאַנאַ", מיט ליבשאַפט... נאָר אין די טעג פון דעם טראַגישן אויפשטאַנד אין װאַרשע, האָט די רוסישע אַרמיי, װאָס איז געשטאַנען ניט װײַט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, רויִק און אומבאַװעגלעך, קאַלטבלוטיק און געדולדיק צוגעקוקט װי די דײַטשן מאַכן חרוב און פאַרברענען די שטאָט, מאָרדן דאָרטן אויס און פאַרטיליקן די סלאַװישע ברידער... און צוהילף ניט געקומען, אפילו מיט קיין פינגער ניט קיין ריר געטאָן. — דאָרטן, אין שטעטל, האָט מען אין אַ שטוב יאָ די טיר געעפנט, דער ענטפער איז אָבער געװען דער אייגענער: אמת, מיט איידלקייט, מיט באַדויערן: מ׳װאָלט געגעבן די פּאַני רוסן אַ געלעגער געגעבן, אָבער אין שטוב ליגן שװער קראַנקע... — און דער טאָג פאַרגייט און מ׳קאָן דאָ צװישן װוין־הײַזער אין דרויסן אויף דער קעלט אַ גאַנצע נאַכט פאַרבלײַבן.

דעמאָלטן איז אלישע אַליין אַװעק אַהין, אין יענער שטוב, און געטראָפן

דאָרטן אַ פּרוי איבער אַ שיסל וואַסער וואַשן כּלים און אַחוץ איר איז אין ערגעץ מער קיינעם ניט צו זען און אויך אַנדערע קולות ניט צו הערן. די פּרוי, אַ מיטלוואָקסיקע, אַ מיטליאָריקע, מיט אַ פּנים פון איינער, וואָס האָט אַ סך איבערגעלעבט און איבערגעליטן, הייבט אויף דעם קאָפּ, שוין מיט גרויקייט אין די האָר, וואַרפט אַ שאַרפן בליק אויף אלישען און זאָגט: צוויי מענטשן קאָן זי אויף נאַכטלעגער נעמען, די איבעריקע דריי זאָל דער פּאַן אָפּיציר אַנטקעגן, ביי די שכנים איינאָרדענען. באַדאַנקט ער, אלישע, דער פּרוי פאַר איר גוטסקייט צו אַריינעמען צו זיך אין שטוב אויף נאַכט און פאַר געבן מידע מענטשן אַ קישן אונטערן קאָפּ... און יאָ, יענע דריי אָפּיצירן וועלן שוין, פאַרשטייט זיך, געפינען אַ געלעגער קעגנאיבער ביי די שכנים.

און אלישע רופט אַריין זיינע פראָנט־חברים, דערמאָנט זיי ווי צו האַלטן און צו פירן זיך, ניט שיטן דעם אַש פון פּאַפּיראָסן און ניט שפּייען אויפן דיל, ניט רעדן ווי אין וואַלד און ניט זידלען זיך אין דער מאַמען, מיט איין וואָרט: אויפפירן זיך לייטיש, ווי ס׳פּאַסט פאַר סאָוועטישע אָפּי־צירן... ס׳איז דאָ, ווי זיי זעען אַליין, אַ שטוב אַ קולטורעלע, אומעטום שטייען דאָ פולע שאַפעס מיט ביכער! מ׳דאַרף אויך אַ דערלויבעניש בעטן אויף צוגרייטן פון די גרויפּן־קאָנצענטראַטן און אויך פון די קאָנסערווירטע פישן און פליישן אַ וועטשערע... — קלאָר, אַז אויך פאַר איר, פאַר דער באַלאַבאָסטע... — נאָך דעם נעמט ער, אלישע, זיין לעדערנעם פעלדטאַש, וווּ ס׳ליגט זיין טאָגבוך, און גייט אין יענעם צימער, וואָס די פּרוי האָט אים נאָך פון פריער אָנגעוויזן. — און אַריינגייענדיק אַהין, אין דעם צימער, דערפילט ער זיך, אלישע, ווי אין דעם ווייט־אויסגעטרוימטן צויבערלאַנד... אויף די בלוי־געפאַרבטע ווענט איילבילדער, און פון דעם דיל ביזן סופיט ביכער, און דער עיקר, אַ גרויסער שרייבטיש ביים פענצטער אַנטקעגן דער פאַרגייענדיקער זון אויף די שנייען ביז צום וואַלד, וואָס שלאָגט אָפּ מיט זיין גאָלד פון סאָסנע־קאָרע... דאָס איז דער קאַבינעט, ווי זיך שפּעטער דערוווּסט, פון דער פרויס מאַן, פון דעם פּראָפעסאָר קאָוואַלסקי, וואָס איז אומגעקומען בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשע. — אלישע וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם רימען מיטן פּיסטאָלעט, נעמט אַרויס פון פעלדטאַש דעם טאָגבוך און מיט טינט און פען, וואָס אויפן טיש, פאַרשרייבט ער, ווי איבער גאַנץ פּוילן האָט ער באַגעגנט איין און איינציקן ייִדן, און ווי ער, אלישע, איז

מקנא י. ל. פּרצן, וואָס דאָס האַרץ האָט אים געפּלאַצט פון די טויזנטער קינדער־פּליטים אין וואַרשע... ווי גליקלעך וואָלט ער געווען, דער היינטיקער ייִדישער שרייבער, אלישע, ווען ער וואָלט אין וואַרשע געטראָפן אַזעלכע טויזנטער, צענדליקער און הונדערטער טויזנטער קינדער פּליטים... ניטאָ שוין אין פּוילן קיין ייִדישע קינדער. ניטאָ! ניטאָ! ניטאָ! די פּוילישע ערד איז „יודן־ריין"... אַ בלוטיקע שקיעה! ווער ערגעץ־ווו ווידער אויפגיין די זון ?... — און פאַרטיפט אַזוי אין שרייבן, דערהערט ער פּלוצלינג אַ קול: — האָט דער פּאַן אָפיציר ליב מוזיק? יאָ? און אויך געזאַנג? — לעם אים שטייט אַ יונגע, באמת אַ ווונדערלעך־שיינע בלאָנדע פרוי. און איידער אלישע באַוויַזט איר צו זאָגן אַ וואָרט, זיצט זי שוין אויפן פּוסבענקעלע און זינגט. און אַ קול האָט זי אַ שיינס, אַ ברוסטיק־טיפס, אַ דראַמאַטישן סאָפּראַן. אלישען דאַכט זיך, אַז ער חלומט... האָט דער פּאַן די פּוילישע פאָלקס־ליד פאַרשטאַנען? יאָ? און אויך איר געזאַנג איז אים געפעלן געוואָרן? פרייט עס זי צו הערן... האָט דער פּאַן דעם אינהאַלט פון דער ליד אויפגעכאַפּט? יאָ? ס'איז אַ ליד וועגן אַן אומגליקלעכער ליבע.

קומט דאָ אַריין די עלטערע פרוי און זאָגט, אַז די פּאַנעס אָפיצירן ווילן צו דער וועטשערע בראָנפן... אָבער בראָנפן איז ניט צו קריגן, נאָר בימבער, סאַמאָהאָן, קאָן מען יאָ קויפן, מ'דאַרף אָבער האָבן די בייע, די לובלינער, וואַנדאַ וואַסילעווסקיס געלטן... — גיט איר אלישע יענע געלט און בעט זי קויפן ניט מער ווי איין ליטער. נעמט אָבער דאָס געלט די יונגע, — זי וועט גיין נאָכן בימבער. און אלישע בלייבט ווידער אַליין ביים שרייבטיש, אין דער שוין ביזן סוף אויסגעלאָשענער שקיעה אויפן שניי, אין דעם שוין טונקלען צימער, און רייכערט איין ציגאַרעט נאָכן צווייטן... און ווען זי קערט זיך אום מיטן בימבער, גייט אלישע אויך אַהין, אין דעם ליכטיקן צימער, ווו מ'גרייט צום טיש. דאָרטן האָבן שוין די אָפיצירן אַ צעבראָכענעם פאַטעפאָן געפונען און זיך גענומען אים פאַררּיכטן. אין אַרמיי איז ניטאָ אַזאַ זאַך וואָס מ'זאָל ניט קאָנען פאַרריכטן, — תמיד געפינט זיך איינער מיט גאָלדענע הענט... — אויך דאָ, אין אָט דעם צימער, שטייען פּאָליצעס מיט ביכער. צומייינסטנס וועגן מוזיק. און אויך דייטשישע ביכער זיינען אויף די פּאָליצעס פאַראַן, געטע און שילער, און... דאָ דערזעט ער היטלערס „מיין קאַמף", נעמט אלישע און וואַרפט עס אויפן פייער ארויף. וואַקסט ווידער לעם אים אויס יענע, די בלאָנדע: איז דער פּאַן באַקענט

מיט דער פּוילישער ליטעראַטור? יאָ? ער האָט געלייענט מיצקעוויטשן און סלאָוואַצקין? און אויך שענקעוויטשן? ס׳געפעלט אים אויך, דעם לייטע־נאַנט, ריימאָנטס „פּויערים״? קען אפשר דער פּאַן אויך אַזאַ דײַטשישן שרײַבער ווי סטעפאַן צווײַג? יאָ, זאָגט אלישע, ער קאָן אַזאַ שרײַבער. פרעגט זי ווײַטער: ווייסט דער פּאַן, אַז סטעפאַן צווײַג איז באַגאַנגען זע־לבסטמאָרד? יאָ? דער פּאַן האָט וועגן דעם געהערט? קאָן אפשר דער לייטענאַנט זאָגן, פאַרוואָס האָט סטעפאַן צווײַג זיך גענומען דאָס לעבן? — ניין, זאָגט אלישע, ער ווייסט ניט. — דאָך, פרעגט זי איבער; פאַרוואָס? וואָס האָט אים, סטעפאַן צווײַגן, געבראַכט צום זעלבסטמאָרד? דער פּאַן קאָן ניט וויסן פאַרוואָס אַ שרײַבער נעמט זיך דאָס לעבן? אָבער אפשר וועט דער פּאַן פּאָרט עפּעס־וואָס זאָגן וועגן דעם? — קאָן אלישע ניט פאַרשטיין, וואָס גייט עס איר, אָט דער שיינער פּאָליאַטשקע, אַזוי שטאַרק אָן סטעפאַן צווײַג, און וואָס וויל זי זיך פון אים, פון אלישען, דערשלאָגן? און מיט אַ מאָל גייט זי צו גאָר נאָענט צו אלישען: וועלכע שפּראַכן קאָן דער פּאַן? זי מיינט, וועלכע שפּראַך קען ער גוט, זייער גוט, גאָר גוט... פון געבוירן אָן, פון דער מאַמע, פון דעם טאַטן? — פאַרשטייט ער ניט, אלישע, וואָס גייט עס איר אַזוי אָן, דער שיינער פּאַניע, און צוליב וואָס דאַרף זי אַזוי וויסן וועלכע שפּראַכן ער קען גוט און וועלכע בעסער? — דאָך זאָגט איר אלישע: די איינציקע שפּראַך וואָס ער קאָן גוט איז רוסיש. זי אָבער ווערט ניט געשטילט און פּרוווט ווידער: פונדעסטוועגן? — נאָר דאָ ווענדן זיך צו איר צוויי פון יענע פיר אָפיצירן און בעטן שפּיל־פּלאַטן פאַרן פּאַטעפאָן, וואָס איז שוין פאַרריכט געוואָרן. ווערט זי גאָר אויפגעלעבט, ווי זי וואָלט אויף דעם שוין לאַנג געוואַרט. גייט זי אין דעם קעגנאיבערדיקן צימער און קערט זיך פון דאַרטן אום מיט עטלעכע פּלאַטן, לייגט איינע פון זיי אַליין אַרויף אויפן שפּילקעסטל און באַלד דערהערט זיך שאָפּענס ערשטער קאָנצערט פאַר קלאַוויר מיטן אָרקעסטער. אלישע האָט זייער ליב אָט דעם קאָנצערט. נאָר יענע, די חברים, קוקן זיך איבער איינער מיטן צווייטן, און איינער זאָגט פאַר אַלע:

— גיט אונדז, דאַמאָטשקע, מוזיק! דאָס איז, אַנטשולדיקט מיר פאַרן אויסדרוק, זייער אומעטיק...

בלײַבט די יונגע שטיין מיט צענומענע הענט, נאָר די מוטער, די פּרוי קאָוואַלסקאַ, שטעלט אָפּ דעם פּאַטעפאָן, לייגט אַרויף אַ צווייטע פּלאַטע

און דאָ טוט אַ שפּיל אַ פֿײַקלדיקער דזשאַז־אָרקעסטער. אָ, — ווערן די חברים אויפגעלעבט. — אָט דאָס איז מוזיקע! — נאָר יענע, די יונגע, וואָס איז מיט פונאַנדערגענומענע הענט אַ פאַרלוירענע געשטאַנען, זי גייט פּלוצעם צו, שטעלט אָפּ דעם פּאַטעפאָן און לייגט אַרויף אַ דריטע פּלאַטע, וואָס שפּילט באַלד אויס: „בײַ מיר ביסטו שיין, בײַ מיר האָסטו חן... — און זי לויפט פון צימער אַרויס. גייט אויך אלישע נאָך איר אַהין. און דאָרטן, אין קאַבינעט מיטן גרויסן שרײַבטיש, און ווי נאָר ער, אלישע, איז דעם שוועל אַריבערגעטראָטן, אַזוי פאַלט זי אים אויפן האַלדז: — איך בין אַ ייִדישע טאָכטער. מ׳רופט מיך מרים. די פרוי קאָוואַלסקאַ האָט מיר גלײַך געזאָגט: אָט דער אָפיציר וואָס גייט איצט אַליין אַהער, איז אַ ייִד! — אלישע איז נאָך אויף זײַן לעבן אין אַזאַ צושטאַנד ניט געווען. אויך בײַ אים זײַנען די אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן.

און דערנאָך, די נאַכט איז שוין אין שפּעטער שעה אַרײַן, שוין נאָכן אויסטרינקען דעם גרינלעכן בימבער, שוין נאָכן באַלייגן איטלעכן פון די פראָנט־חברים אויף זײַן אָרט און אויף זײַן געלעגער, פירט אים מרים אין שלאָפצימער פון דער פרוי קאָוואַלסקאַ, וואָס ליגט שוין אין בעט, און דאָרטן, בײַ דער וואַרעמער הרובע, דערציילט זי אים, מרים, פון איר לעבן, אָנהייבנדיק פון יענעם שרעקלעכן טאָג ווען זי, די זעכצניאָריקע טאָכטער פון דעם מילנער, פון הינטער דער שטאָט לובלין, איז געגאַנגען, שוין נאָך דעם ווי די דײַטשן האָבן פוילן אָקופּירט, צום פּראָפעסאָר קאָוואַלסקי, וואָס האָט נאָך דעמאָלטן אין לובלין געוווינט און בײַ אים דעם קלאַס פון זיבעטן געלערנט; דאָרטן, בײַ די קאָוואַלסקיס, זיך אַ פּאָר שעה פאַרהאַלטן און אַז זי האָט זיך אַהיים אומגעקערט, האָט זי געטראָפן אין שטוב די מאַמע, די ברידער געהרגעטע, אויף דער ערד, אין זייער בלוט ליגן...

— אָנגעקלאָגטער, — דערהערט אלישע דעם אויספאָרשערס געשריי. — פאַרן שווײַגן, פאַר דײַן ניט ענטפערן, וועסטו באַקומען צען מעת־לעת קאַרצער... איך פרעג דיך נאָך אַ מאָל: ווו און ווען האָסטו זיך געטראָפן מיט דער געהיימער האַנט פון דעם ציוניזם, מיט די פאָרשטייער פון „דזשאָינט״?

— קאַפּיטאַן, וואָס האָט איר זיך אָנגעכאַפּט, ווי אַ שיכור אויפן פּלויט, פאַרן „דזשאָינט״? דער „דזשאָינט״ העלפט פּליטים, אויך אין ראַטנפאַרבאַנד האָט ער נאָך דער מלחמה אַ סך מענטשן געהאָלפן... ווער האָט עס אויס־

געטראַכט, אַז דער „דזשאָינט״ פאַרנעמט זיך מיט ווערבירן סאָוועטישע מענטשן פאַר דער אַמעריקאַנער אויסשפּיר־דינסט? — און אלישע גיט צו. — קאַפּיטאַן, איך פיל זיך הײַנט ניט גוט. גיב מיר אַ דערלויבעניש צו ליגן נאָך וואַרמעס צוויי שעה אין בעט. — און ער וואַרט, אלישע, אַז באַלד וועט קומען יענץ מיאוס זידלוואָרט און אויך יענע לאַנגע רוסישע ברכה... און פאַר די אַלע חוצפּהדיקע רייד זײַנע, וועט מען אים באַלד אַרײַנוואַרפן אַן אויסגעטאָענעם אין קאַרצער אַרײַן, אין דעם קאַלטן קעלער מיט וואַסער, ווו ער וועט אויף דער הוילער נאַרע ליגן און מײַז וועלן איבער אים אַרומגיין... נאָר דאָ קומט פאָר פאַר אלישעס אויגן אַ גרויסער נס: אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו בלײַבט זיצן מיט אַ סימן פון אַ קנייטש אויפן שטערן, — פאַרטראַכט זיך... הערט זיך אַ היפּשע ווײַלע צו צו די טרויער־מאַרשן, וואָס גייען פון ראַדיאָ־הילכערס און... שרײַבט אָן, גיט טאַקע דאָס צעטעלע, אַז אים, אלישען, ווערט דאָרטן אין קאַמער דערלויבט צו רוען הײַנט נאָך וואַרמעס צוויי שעה אין בעט.

## כ

און נאָך אַ נס, און אפשר דער גרעסטער, וואָס האָט אים געקאָנט דאָ געשען און טרעפן, שוין אַזאַ, וואָס איז גאָר ניט צו האָפן און דערוואַרטן... ווי נאָר מיטן פּאַפּירל אויף די צוויי שעה רעכט האָבן הײַנט זיך אָפּצורוען, קאָנען בײַ דער ווײַטער פרי־פרילינגדיקער שײַן, און ניט בײַ יענער פאַר־בלענד־שוואַרצער גזרה־ליכט, די אויגן צומאַכן; ווי נאָר זיך אומגעקערט אַהין, אין קאַמער אַרײַן, אַזוי ברענגט מען אים אַ ווײַס קוליאַקל מיט אַלדאָס גוטס, פון הערן דאָ און קלערן און געדענקען... דאָס האָט זי דאָרטן, שיינדל, פון זיך מיטן קינד אָפּגעשפּאָרט און פאַר אים, פאַר אלישען, געבראַכט אַהער צו טראָגן... שטייט זי איצטער בײַ דער טורמע, ערגעץ ניט ווײַט פון אים? און אָט איז דאָך דער האַנטשריפט, די גרויסע אותיות אירע מיט וועלכע זי בעט איבערגעבן פאַר אים, פאַר איר אַרעסטירטן מאַן, ווײַס ברויט, פּוטער, געוויינלעכן און האָלענדישן קעז, וווּרשט, צוקער, ציבעלע, קנאָבל, סיגאַרעטן מיט שוועבעלעך, און טיכעלעך... אלישע גלייבט ניט זײַנע אויגן, — עמעצער טוט דאָ מיט אים כישוף! און דער סערזשאַנט, טאַקע יענער, פון קאַטאַ־קורגאַן, שיט אַלץ אין איינעם פון דעם ווײַסן קוליאַק אויפן האַנטעך, וואָס אלישע האָט אויסגעשפּרייט; אַלצדינג איז דאָ אויסגעמישט מיט די אויסגעשאָטענע סיגאַרעטן און שוועבעלעך, דאָס ברויט איז צעפּערטלט, דער וווּרשט איבערגעבראָכן, די פּוטער צעשטאָכן, די קעזן צעשפּיזלט, — טאָמער האָט מען דאָרט אַ וואָרט, אַ צייכן, אַ רמז ערגעץ־ווו פאַרשטעקט... אָבער וואָס פאַר אַ ווערט קאָן שוין דאָ האָבן פאַר אים, פאַר אלישען, אָט דער שטילער פּאַגראָם? דער עיקר איז דאָך דער לעבעדי־קער גרוס פון איר, פון שיינדלען!... און אויך זי וועט דאָך באַלד פון אים אַ גרוס האָבן, — זײַן חתימה... און אַ גוטער סימן איז דאָס נעמען בײַ שיינדלען און דאָס איבערגעבן אים די פּראָדוקטן, אויך דאָס איז פאַר אים אַ באַווײַז און אָן אָנזאָג, אַז ערגעץ־ווו דאָרטן הייבט שוין דער אײַז זיך אָן צו ברעכן.

און ביידע לעבן אויף, — אַ קלייניקייט אַזאַ עשירות, אַזאַ האָב און גוטס דאָ, אין דער עמגעבע־טורמע; ביידע, אלישע מיט פיאָדאָר מאַסליאַקן, פאַררייכערן, — דרײַ מעת־לעת האָבן זיי דאָך ביידע געשלונגען דעם רויך פון פרעמדע פאַפּיראָסן... און נאָכן אויסרייכערן צו צוויי סיגאַרעטן, נעמען זיך ביידע אונטערצולענען די הערצער, הגם אויף דער וואַנט פאַלן שוין יענע צוויי זילבער־שטראַלן, — אלישעס ווײַזערס אויף זײַן טורמע־ און וועלט־זייגער, וואָס זאָגן אָן: באַלד וועט מען אײַך דעם באַלאַנדע־וואַרמעס געבן... בײַם שכן, בײַם פּויער, ווערן די אויגן שטילער, דערצו נאָך וועט מען שוין הײַנט מער צום אויספֿאָרשער ניט פירן, הײַנט איז שבת און אויך דער אַכטער מערץ, דער צווישנפעלקערלעכער פרויען־טאָג און די אויספאָרשער וועלן דעם אָוונט מיט ווײַב און קינד און צווישן אזוינע ווי זיי פאַרברענגען; און מאָרגן איז דאָך זונטיק, וועט מען אויך אַהין, אויפן דריטן גאָרן, אונטער די שנאָל־בײַטשן ניט פירן.

אָבער פון דעם האָפן און ריכטן זיך אויף די צוויי שעה ליגן בײַ דער ווײַטער פרײַ־פרילינגדיקער שײַן, האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס מ׳האָט אים, אלישען מיט די צוויי שכנים, געטריבן צו דעם שטייענדיקן אָרון מיטן איינציקן דוש, — ס׳איז געווען דער טאָג פון באָדן די אסירים און יענער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, האָט עס גוט געוווּסט בײַם געבן אלישען דאָס פאַפּירל... און אויף מאָרגן, זונטיק, האָט מען אים יאָ צום אויספאָרשער געפירט. אָבער געפירט האָבן זיי אים, די וואַכלײַט, דווקא שטיל, מיט די פינגער ניט געשנאַלט, ווײַל געוווּסט, אַז זונטיק וועט מען קיינעם אויפן וועג ניט אָנטרעפן. זיי האָבן אים אפילו ניט געיאָגט, געלאָזט אים גיין פאַמעלעך. און ער, אלישע, איז געגאַנגען איבערן הויף, — איבער אָט דעם ברעקל פון דער גרויסער וועלט, זיך צוגעהערט צו דער מוזיק, וואָס שפרייט זיך איבער דער באַרגיקער שטאָט און אויך מיט פרייד געקוקט ווי די צוויי טרויערבאַנדן בײַ די וואַכלײַט אויף די אַרבל שלאָגן זיך אָפּ אויף דער זון.

און אויך ער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, דער אויספאָרשער פון דער עמגעבע פון אוקראַינע, פון איר פינפטן אָפּטייל, וואָס פאַרנעמט זיך אויס־שליסלעך מיט יידישע ענינים, אויך ער האָט דעמאָלט, אין יענעם זונטיק אין דער פרי, דעם נײַנטן מערץ טויזנט נײַן הונדערט דרײַ און פופציקסטן יאָר, געפירט זיך קאָרעקט, אפילו ריטעריש, געפּרוּווט באַדויערן וואָס

זײַן דערלויבעניש אויף די צוויי שעה רוען זײַנען זיך צונויפגעפאַלן... און אָפּגערוקט אין אַ זײַט, אויף דרײַ פינגער די ברייט, דעם געדיכטן פאָרהאַנג פון פענצטער, — ס׳זאָל קאָנען אַהער אַ שטראַל פון דער זון פאַלן אויפן טיש, ווו ס׳ליגט אַן אָנגעשריבענער, שוין פון פריִער אַ צוגעגרייטער פּראָטאָקאָל... יענער, דער פּנים איז אים בלײַך, אונטער די אויגן לילאָווע קישעלעך. — סימנים פון דער אָפּגעהוליעטער נאַכט, פון אָפּמערקן געטרײַ דעם צווישנ־פעלקערלעכן פּרויען־טאָג, ער ברענגט קיין וואָרט ניט אַרויס, פרעגט און פאָדערט גאָרניט, רוקט נאָר צו דעם קלאָר פאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר נעענטער צום צווייטן ברעג טיש, צו אלישען, און אַליין שטעלט ער זיך אַוועק מיט אַ זײַט בײַם אָפּגערוקטן פאָרהאַנג, כמעט מיטן פּנים צום דרויסן, ווי ער וואָלט דאָ אַ זײַטיקער געווען און וואָס דאָ קומט פאָר האָט צו אים, צו אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוון, קיין שום אָנקער און שייכות ניט.

און הגם אלישע פאַרשטייט אַז דער פּראָטאָקאָל איז שוין פון לאַנג, אפשר פון פאַר זיין אַרעסטירט ווערן, צוגעגרייט, אַרומגעשליפן און מיט ווילדע אויסטראַכטענישן פאַרפולט געוואָרן און ער, אלישע, דאַרף אים גלײַך זאָגן, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוון, אַז פּראָטאָקאָלן וואָס זײַנען געגרייט און צוגעפּראַוועט געוואָרן דאָרטן, אויף דער עמגעביסטישער קיך, וועט ער, אלישע, אפילו ניט לייענען, און צוליב וואָס, אויף וועלכער סטראַשידלע דאַרף ער עס, סאַפּאָזשניקאָוו, פּראָטאָקאָלן, ווען ער, אלישע, איז דאָך שוין סײַ ווי סײַ מיט 25 יאָר באַוואָרנט... דאָך נעמט ער דעם בויגן אין האַנט אַרײַן און לייענט שוואַרץ אויף ווײַס, אַז ער, אלישע, דער געוועזענער ייִדישער שרײַבער, איז אין משך פון יאָרן געווען פאַרבונדן מיט פאַלגנדיקע מלוכה־פאַרברעכער און שונאים פון פאָלק... און ס׳גייען אויף דרײַ שורות נעמען פון ייִדישע שרײַבער, דיכטער און קולטור־טוער, וואָס געפינען זיך שוין לאַנג, שוין ניט איין יאָר, אין די טורמעס, אין די ווײַטע שניי־לאַגערן... — און דאָ רײַסט זיך פלוצעם אַרײַן אין די טרויער־מאַרשן, וואָס גייען פון די ראַדיאָ־הילכערס, אַזאַ גלאָקן־געקלאַנג, וואָס טרייסלט אויף די לופט. ער האָט נאָך, אלישע, פאַר אַלע יאָרן דאָ, אין קיִעוו, ניט געהערט די קלויסטערס זאָלן אַזוי קלינגען. ס׳קלינגט ניט נאָר דער וואָלאַדימירער קאַטעדראַל, נאָר אַפּנים אויך דער סאָפיִעווער סאָבאָר, און אויך אַלע שוין פון יאָרן לאַנג דערשטיקט און פאַרשטומט געוואָרענע קלויסטערס אין די פּעטשערסקע

לאַווּרעס. די קלויסטערס קלינגען מיט אַלע זייערע גלאָקן, — מיט די גרויס־בײַכיקע, מיט די מיטעלע און מיט די קלענערע, און זיי קלינגען מיט זייער גאַנצער קופּערנער קראַפט און דער עיקר, מיט אַ מין אויפגע־ריסענעם צאָרן... קלינגען עס אַזוי פאַרביטערט די קלויסטערס נאָך אים, נאָך סמערדיאַקאָוו דעם צווייטן ? ברענגט מען אים דאָרטן איצטער צו קבורה און עמעצער האָט אָנגעטײַט אַז אויך זיי, די קלויסטערס, טאָרן ניט שווײַגן... ער פלעג דאָך די לעצטע צײַט, סטאַלין, — ווי מ׳האָט צווישן זיך אויפן אויער דערציילט, — רופן צו זיך אין די נעכט דעם זקן, אַלעקסעיען, דעם פּאַטריאַרך פון דער אַלרוסישער און פון דער מאָסקווער פּראַוואָסלאַווער צערקווע, און פירן מיט אים שמועסן וועגן דער אומשטער־בלעכקייט פון דער נשמה... — און די קלויסטערס קלינגען און בויטען אויף דעם זונטיקדיקן פרי־פרילינגדיקן פרימאָרגן, און אַלעקסאַנדער סאַפּאָ־זשניקאָוו שטייט מיטן פּנים צום דרויסן, ער מישט זיך איצט, הייסט עס, ניט אַרײַן, ער קאָן האַנדלען, אלישע, און טאָן ווי אים ווילט זיך.

און אלישע ווייסט, אַז מיטן אונטערשרײַבן אָט דעם פּראָטאָקאָל פאַר־משפּט ער זיך טאָקע אויף יאָר־יאָרן קאָנצלאַגערן. נאָר אויב ער וועט ניט אונטערשרײַבן, זיך אָפּזאָגן פון זיי, פון די יידישע שרייבער, דערמיט אָנערקענט ער דאָך, אלישע, אַז יענע יידישע שרײַבער זײַנען געווען מלוכה־פאַרברעכער, שונאים פון פאָלק און זיי זײַנען מיט רעכט און געזעצלעך פאַרמישפּט געוואָרן אויף מאַטערנישן און אומקום... און יענע שרײַבער קומען דאָך איצטער דאָרטן אום, אין די טורמעס און לאַגערן, פאַר שרײַבן יידיש, — פאַר פאַרהאַלטן די אַסימיליאַציע ! דאָס האָט דאָך ער אַליין, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, מיט אַ פּאָר טעג צוריק געזאָגט אלישען. ער קאָן דאָ רעדן סאַפּאָזשניקאָוו אָפן, ער וועט דאָך שוין פון דאַנען, אלישע, ניט אַרויס, און דאָרטן, אין די לאַגערן, מעג ער פאַר די לעבעדיקע מתים דערציילן... — און די קלויסטער־גלאָקן קלינגען פאַר סמערדיאַקאָווס נשמה, און פעדעם זון פאַלן דורכן אָפּגערוקטן פאָרהאַנג אויפן בויגן פּאַפּיר, אויף דעם פּראָטאָקאָל, וואָס אלישע האָט אונטערגעשריבן.

— נו, איצט זיצסטו פעסט ! — טוט זיך יענער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָ־זשניקאָוו, אַ דריי אויס מיטן פּנים צו אלישען.

— כ׳האָב עס, קאַפּיטאַן, נאָך פריִער געוווּסט... אויב אָט די אויסגע־רעכנטע אין פּראָטאָקאָל פאַרמשפּטע שרײַבער זײַנען מלוכה־פאַרברעכער

און שונאים פון פּאָלק פאַר שרײַבן אויף דער ייִדישער שפּראַך, בין איך, קאַפּיטאַן, אויך אַזאַ פאַרברעכער, אויף אַ האָר ניט קלענער.

און אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער שוין געזעסן דאָרטן, אין דער קאַמער, אויף דער טאַבורעטקע, און יענער סערזשאַנט פון קאַטאַ־קורגאַן, דער מלחמה־סריס, האָט אים אלישען, מיט אַ נול־מאַשינקע פריִער די באָרד און דערנאָך דעם קאָפּ האָר אָפּגעשוירן. און אלישע האָט מיט אַ מין טרויער און ווייטיק צוגעקוקט ווי זײַנע געדיכט־געקרויזטע שוואַרצע האָר פאַלן אַרום אים אויף דער ערד און זיך דערמאָנט אין יענע שורות, וואָס ער האָט אַמאָל דאָרטן, אויפן כוטער, ליגנדיק אין וואַלד געשריבן:

כמאַרעס, מאַמע, כמאַרעס,
הימלען שוואַרצע,
און די ערד גייט אונטער מיר צום האַרצן,
און דער וואַלד באַהאַלט פון מיר זײַן לשון...
רינט מײַן בלוט אין הייסן גראָז דאָ
און ווערט אין פײַער אויסגעלאָשן.

און דערנאָך שפּאַנט ער אַרום אָן אויפהער און אָן אָפּשטעל הין־און־צוריק איבער דער קאַמער, צווישן די בעטן, טאַפּט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ, — זוכט די האָר זײַנע... און הערט ווי שמואל־יאָסל זאָגט אים: גורל, אלישע, גורל! מײַן אַלטער חבר פּיטשע פלעג אין די נעכט אַרויפקריכן אויפן בוים, וואָס בײַ דער שטאָט־קרעניצע, און שרײַען פון דאָרטן צו דער וועלט... גורל, גורל, גורל!״ וואָלט ער דאָ, אלישע, געהאַט אַ בוים... ער האָט דאָך דאָ אַפילו קיין בוים ניט. ער וואָלט אויך, אלישע, אַרויפגעקראָכן אויפן בוים און געשריִען צו דער וועלט... און די קלויסטער־קלאַנגען מיט די טרויער־מאַרשן בויטען אויף אין אים, אין אלישע, אַלע בלוטן פון צאָרן: נאָך אים, נאָר סמערדיאַקאָוו, קלינגען גלאָקן און אָרקעסטערס באַגלייטן אים מיט בעטהאָווענס נײַנטער סימפאָניע... ניין, דאָרטן איז שוין קיין וועלט ניטאָ! — בײַנאַכט אָבער עפנט זיך די טיר און מ׳שטופּט אַרײַן אין קאַמער אַ נײַעם, אַ יונגן מענטשן, אין אַ פאַרשנייטן מאַנטל, מיט דער היטל אין דער האַנט און מיט צוויי ברייט־אויפגעריסענע שוואַרצע אויגן... פאַרוואָס, קאָן ער ניט פאַרשטיין, האָבן זיי אים אַרעסטירט? פון

דער גאַס געגומען. די מאַמע וועט דאָך דאָרטן ניט וויסן וווּהין ער איז אַהינגעקומען... — פון וואַנען ער איז אַזוי שפּעט געגאַנגען? פון אימענינעס, ביי זיין חבר איז געווען אימענינעס. דאָרטן זיינען געווען סטודענטן נאָר פונעם מאָלער־אינסטיטוט. אַלע פון זיין קורס, פון דעם פינפטן... אוודאי האָט מען אויסגעטרונקען, פאַרבראַכט, ווי דען אַנדערש? וועגן וואָס מ׳האָט דאָרטן גערעדט? ער געדענקט ניט אַקוראַט... מאַלע וואָס מ׳רעדט אויף אַ הוליאַנקע.

— און דאָך, פונדעסטוועגן? — פּרוּווט זיך אלישע.

— מ׳האָט דאָרטן אויך גערעדט וועגן רוזוועלטן און סטאַלינען. האָט עמעצער אַ פרעג געטאָן, פאַרוואָס האָט אַמעריקע נאָך רוזוועלטס טויט געמאָלדן צען טעג טרויער, און דאָ, נאָך סטאַלינען, נאָר פינף טעג? האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט: וואָס פאַרגלייכט איר רוזוועלטן מיט סטאַלינען?... — פרעגט ער שוין ביי אלישען, — האָבן זיי מיך פאַר דעם געגומען? — אלישע ענטפערט ניט און קוקט צו ווי יענער, דער סטודענט, וויל אויפהעבן די היטל אויף דער וואַנט. די היטל אָבער פאַלט אויפן פאָל לעם דער טיר. הייבט ער אויף און וויל ווידער אויפהענגען, נאָר די היטל האַלט זיך דאָרטן ניט און פאַלט ווידער אויף דער ערד אַראָפּ. און אַזוי פיר און פינף מאָל. זעט שוין אלישע אין וואָס פאַר אַ בהלה צוגעשלאָגן און פאַרלוירנקייט דער יונגער קינסטלער געפינט זיך, זאָגט ער צו אים: — דאָרטן אויף דער וואַנט איז אַ פינטל! איינע פון יענע פינטלען, וואָס ס׳איז זיי שווער צו דערקלערן... קיין צוויעכעס אויף דער וואַנט זיינען אין טורמע ניטאָ. מ׳זאָל זיך דאָ, חלילה, ניט אויפהענגען. זאָל ער ניט פטרן קיין צייט, די נאַכט גייט צו איר סוף, אויסטאָן דעם מאַנטל, אויסשפּרייטן אויף דער ערד און זיך לייגן שלאָפן... — און יענער פאָלגט, וויקלט זיך איין אין דעם מאַנטל אויף דער ערד און בלייבט ליגן שטיל. עצהט אים אלישע ווייטער: פון דער פוטערנער היטל דעם שניי אָפּטרייסלען, אויף דער לינקער זייט איבערקערן און צוקאָפּנס אונטערלייגן. פאָלגט ער ווידער. פרעגט ביי אים אלישע דעם נאָמען, זאָגט ער: פייגין. ערשט איצטער פרעגט ביי אים אלישע מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם: וואָס הערט זיך דאָרטן הינטער די ווענט פון דער טורמע? — אָבער יענער, פייגין, שווייגט. האָט שוין מורא זיך ערגער צו מאַכן דאָ מיט נאָך אַ וואָרט. דאָך גיט זיך איין אלישען אַרויסרייסן פון דעם דערשראָקן־פאַרלוירענעם קינסטלער, צו דער־

ביוועגן זיך פון אים, אַז דער ערשטער סעקרעטאַר פון צ.ק. איז שוין געוואָרן כרושטשאָוו, אַז פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט איז ער, מאַלענקאָוו, און די עמגעבע איז געוואָרן אַ טייל פון מיניסטעריום פאַר אינערלעכע ענינים און דער מיניסטער איז ער, בעריאַ... און דאָס וויכטיקסטע, און דאָס שורש־דיקסטע וואָס אים אלישען, האָט זיך אין יענעם פאַר טאָג איינגעגעבן דערביוועגן זיך ביי פייגינען: וועגן די מערדער אין די ווייסע כאַלאַטן הערט מען שוין אין ערגעץ קיין וואָרט ניט. אויך די צייטונגען זיינען מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן.

און אלישע, אַן איינגעבויגענער אויף דעם אַראָפּהענגענדיקן און צע־קנוילטן מאַטראַץ, רייכערט און רייכערט... וועלן אַט די דריי, כרושטשאָוו, מאַלענקאָוו, בעריאַ, וועלן זיי עפּעס־וואָס דאָ ענדערן און בייטן? איינס איז אים שוין אָבער, אלישען, איצטער קלאָר: די רויטע עשאַלאָנען אויף אַרויסצופירן יידן אין די ווייטע און וויסטע און ווילדע קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס, אַט די גזירה, וועט בטל ווערן. און אויב אַזוי, דאַרף דאָך דער בילבול אויף די יידישע פּראָפעסאָרן, אַט די סאָוועטישע אויפלאַגע פונעם צאַרישן בייליס־פּראָצעס, אויך אָפּגעשאַפט ווערן. און אויב גיין נאָך ווייטער, טראַכט אין יענעם פאַר טאָג אלישע, קאָן דאָך אויך זיין מצב דאָ זיך איבערבייטן און אומדרייען זיך; ער זעט דאָך מיט יענעם פאַרבאָרגענעם אויג פון זיין נשמה, אַז זיין גורל איז דאָ געקניפּט געוואָרן מיט יענע, מיט די „מערדער אין די ווייסע כאַלאַטן", ווייל אויב ניט געבונדן מיט זיי, טאָ פאַרוואָס קומט אים דען, אלישען, פינפאונצוואַנציק יאָר? מ'האָט דאָ באַדאַרפט האָבן צום בילבול אויך אַ יידישן שרייבער, און דער גורל איז אויף אים, אויף אלישען געפאַלן...

און דער פרימאָרגן איז שוין אין די שעהען, און ער וואָרט, אלישע, מ'זאָל אים שוין קומען נעמען און פירן אַהין, אויפן דריטן גאָרן, צו אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוון, — ס'איז אים זייער וויכטיק אלישען צו זען, ווי אַזוי וועט זיך יענער דאָרטן היינט פירן און האַלטן מיט אים, מיטן אָפּגעשוירענעם שרייבער, און צי וועט ער ווייטער ניט אָפּשטיין מיטן פרעגן, ווו און ווען האָט ער, אלישע, מיט דער געהיימער האַנט פון ציוניזם, מיטן „דזשאָינט" זיך באַגעגנט? — זיינע שכנים, אויך דער סטודענט, זיי זיינען שוין צו די אויספאָרשערס גענומען געוואָרן, און ער, אלישע, שפּאַנט איבער דער קאַמער און רייכערט... אַרום שטייט שוין ווידער,

נאָך סמערדיאַקאָווס קבורה, יענע זומפּ־שטילקייט, נאָך אפילו אַ געדיכטער געוואָרענע. נאָך די צעהוידעטע קלויסטער־גלאָקן, וואָס האָבן מיט צאָרן אויפגעטרייסלט דעם אַרום, דערפילט ער זיך דאָ, אלישע, אין אָט דער פּלוצלינג געשטעלטער שטילקייט, ווי אין אַ תהום אַרײַנגעוואָרפן... וועט מען אים הײַנט צום אויספאָרשער ניט פירן, וועט ער שוין אפילו ניט וויסן אויף וועלכער וועלט ער איז, וועט אויך אָט דער אײנציקער פאָדעם מיט זײַן אייגן לעבן איבערגעריסן ווערן?

נאָר צו האַלבן טאָג צו, שוין נאָך דעם ווי אלישע האָט זיך אויפן בעט געשטעלט און דורך דער אָפענער פאָרטקע געשאָטן פאַר די וואָראָבעלעך ברויט, — די וואַכלײַט זײַנען אַרײַנגעשפּרונגען אויפגעטראָגענע, מיט פלאַמפײַערדיקע פּנימער, ווי אלישע וואָלט דאָ אַ שרעקלעכן פאַרברעכן באַגאַנגען: אַרויסוואַרפן עפּעס־וואָס דורכן פענצטער איז דאָך שטרענג פאַרבאָטן... האָבן זיי אים מיט זידלערײַ פון בעט אַראָפּגעטריבן און ווי אַ שטראָף די פאָרטקע אויף דרײַ מעת־לעת פאַרמאַכט, — געלאָזט די קאַמער אָן פרישער לופט. — נאָך דעם, שוין צו האַלבן טאָג צו, איז מען נאָך אים געקומען. און אלישע האָט זיך דערפרייט מיטן נעמען אים אַהין, אויפן דריטן גאָרן, — וואָס דאָרטן זאָל ניט זײַן, אָבער וויסן וועט ער וואָס אַרום זײַן לעבן און ווײַטערדיקן גורל טוט זיך, — יעדער פּינטל פון יענע צוויי בלויע אײַז־געריבעלעך האָט פאַר אלישען אַ גרויסן ווערט... טוט ער אָן די היטל, וואָס פאַלט אים איבער די אויערן, ווײַל נאָכן אָפּשערן די האָר איז דער קאַשקעט אויף אים גרויס געוואָרן. ער נעמט מיט סיגאַרעטן, שוועבעלעך און שפּאַנט מיט פאַרלייגטע הענט אויף אַרונטער, מיט די צעלאָזטע פאָלעס פונעם שינעל, צווישן די צוויי סערזשאַנטן, וואָס שנאָלן הײַנט מיט די פינגער הילכיקער און אָפטער ווי דענצטמאָל בעתן פירן אים דאָס ערשטע מאָל צום אויספאָרשער.

דעם וועג אַהין, צום אויספאָרשער, ווייסט ער שוין גוט. וויל ער אויפן דריטן ווינקל פאַרקערעווען אויף רעכטס, נאָר דער ערשטער, דער פאָרויס־גייענדיקער וואַכטיאָר, פאַרנעמט זיך גאָר אויף לינקס. און דאָרטן שטייט, ווי שוין געוואָרט, דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע, דער פּאָדפּאָלקאָווניק, וואָס טראָגט די פאַמיליע פון דעם באַוווסטן רוסישן קריטיקער דעמאָקראַט, פּיסארעוו... ווי אומישנע אונטערגעקליבן: די עמגעבע געפינט זיך אויף דער גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם גרויסן שרײַבער הומאַניסט

קאַראַלענקאַ, דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע דאַרף הייסן פּיסאַרעוו...
און אלישע דערמאַנט זיך דאָרטן, ווי אין דער עוואַקואַציע, אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה, פאָרנדיק מיט שיינדלען און מיט די צוויי קליינע קינדער איבער דער וואָלגע, אין אַ קאַלט־שטורעמדיקער נאַכט, אויף דער שיף, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פונעם גרויסן דיכטער לערמאָנטאָוו, האָבן די גוים פון יענער שיף, פון „לערמאָנטאָוו" געוואָלט אים, אלישען, און שיינדלען מיט די קינדער אין וואַסער אַריינוואַרפן. אַ מיליטער־מאַן האָט זיך דעמאָלטן אַריינגעמישט און זיי צו זיך אין קאַיוטע אַריינגענומען. — דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע, דער פּאָדפּאָלקאָווניק פּיסאַרעוו, גייט פאָרויס, און די צוויי סערזשאַנטן פירן נאָך אים אלישען. און דער וועג ווערט אַלץ משופּעדיקער, לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער און מ׳פירט אים אַריין אין אַ טונעל, אין אַ ברייטן, — דאָרט קאָנען גיין ניט נאָר אויטאָמאָבילן, נאָר אויך שווערע לאַסטוואַגנס... געפינט ער זיך אין יענע טונעלן וועגן וועלכע מ׳רעדט אין שטאָט, אַז זיי ציִען זיך אין אַלע ריכטונגען, אַז אָט די טונעלן האָבן געגראָבן אַרעסטירטע... דאָרטן, אין די טונעלן, פירט מען אַריבער די אַרעסטירטע פון איין טורמע אין דער צווייטער, פון איין עק שטאָט אין דער אַנדערער, אַז אויך אַהין פירט מען די פאַרמישפּטע צום טויט... וווהין פירט מען אים, אלישען, מיט אָט דעם באַלויכטענעם און ברייטן טונעל, ווו אויף יעדער צען שפּאַן שטייט אַ סאָלדאַט מיט אַן אויטאָמאַט?

און ניט ווייסנדיק וווהין אָט דער וועג פירט אים און וווהין וועט ער אים ברענגען, גייענדיק צווישן אָט די דריי באַגלייטערס זיינע, שטעלט ער זיך פאָר, אלישע, אַז אָט אַזוי, אונטער דער ערד, האָט מען אויך געפירט אים, דעם שטילן ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער, דעם קראַנקן משה מעזשעריצקי, וואָס ביים דערזען פון דער וויַיטנס אַ מיליציאָנער, פלעג ער זיך צושפּאַרן צו דער וואַנט... אין איינעם אַ טאָג איז ער געקומען אין קינדערגאָרטן, ווו שיינדל האָט געאַרבעט, און שטייענדיק לעם איר, טאַקע ממש לעם איר, זיך גענומען ביי די אַרומיקע נאָכפרעגן אויף איר; פרעגט זי אים „שיינדל: חבר מעזשעריצקי, איר זעט מיך דען ניט?" — זאָגט ער צו איר קוים וואָס מ׳הערט אים: — מ׳האָט מיך אויסגעשלאָסן פון שרייבער־פאַראיין. מיינע ווייסן נאָך ניט... איך בין זיך געקומען מיט אייך געזעגענען און איבערגעבן מיין זיי־געזונט אלישען. מ׳וועט מיך מסתמא

הײַנט אַרעסטירן... — און אָנשפּאַרנדיק זיך אויפֿן שטעקן אַוועקגעהונקען ווײַטער, ווו מ׳האָט אים אויפֿן וועג אַהיים טאַקע צוגענומען. משה מעזשע־ריצקי איז צום לאַגער ניט דערפֿאָרן, געשטאָרבן אויפֿן וועג אַהין... זאָל אויך זײַן טויט ניט פֿאַרגעסן און ניט פֿאַרגעבן ווערן! — און אויך זעט ער, אלישע, ווי מ׳האָט געפֿירט דעם טײַערן ייִד, דעם גרויסן שפּראַכקענער, דעם ייִדישן געלערנטן עליע ספּיוואַקן, און ווי מ׳האָט איבער אַנדערע טונעלן געפֿירט דעם נסתּר און בערגעלסאָנען, האָפּשטיינען און מאַרקישן און... פֿאַרוואָס? פֿאַר שרײַבן ייִדיש?... און אין אלישען צינדן זיך אָן אַלע זײַנע כּהן־בלוטן: פֿאַרוואָס שווײַגט זי, די וועלט? זעט מען דען ניט וואָס דאָ קומט פֿאָר, אַז מ׳ברענגט אום די שרײַבער און מ׳פֿאַרניכטעט אָ קולטור? ווו זײַנען זיי, די ייִדן פֿון אַמעריקע און די ייִדן פֿון ישׂראל? פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס שווײַגן זיי?

און דער וועג בלײַבט שטיין פֿאַר אַ ברייטער טיר, ווו בײַ די זײַטן גליווערן צוויי סאָלדאַטן מיט שפּיזמעסערס אויף די ביקסן. וואָס איז עס פֿאַר אַ טיר און וווהין און צו וועמען פֿירט זי אַרײַן? וועט ער אלישע, צוריק פֿון דאָרטן דורך איר אַרויס? און וואָס איז עס דאָ פֿאַר אַן אונ־טערערדישער פּאַלאַץ, און ווער קיניגט דאָ? געפֿינט זיך דאָ זייער געריכט, די באַרימטע „טרויקע“, וואָס פּסקנט אָפּ אין משך פֿון דרײַ מינוט אויף וועלכע פֿון די דרײַ וועגן דו דאַרפֿסט גיין: אויף רעכטס וועלן דיך די חיות־רעות אויפֿעסן; אויף לינקס וועסטו פֿון הונגער אויסגיין; וועסטו גיין גלײַך וועלן אין די אייביקע שנייען דײַנע טריט פֿאַרווייעט און פֿאַרשאָטן ווערן, קיינער וועט דײַן געביין קיין מאָל ניט געפֿינען. — דער פּאָדפּאָלקאָווניק פּיסאַרעוו באַווײַזט אַ פּאַפּירל, די טיר עפֿנט זיך, און מ׳פֿירט אלישען אַרײַן אין אַ גרויסן וואַרט־צימער, ווו אויף דער אַנטקעגנ־דיקער וואַנט איז מיט ווײַסער פֿאַרב אויף רויטן לײַוונט פֿאַרשריבן: אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער פּאַרטיי פֿון לענין־סטאַלין בויען מיר אונדזער ליכטיקן מאָרגן! — און טאַקע דאָרטן, אויף אַ גרויסן בילד, זיצן זיי ביידע אויף דער פֿרישער לופֿט, הינטער מאָסקווע, און ער, לענין, רעדט צו זײַן בעסטן און געטרײַסטן תּלמיד, און יענער, סטאַלין, הערט זיך צו מיט קאָפּ און שמוכט אין די קאַווקאַזער וואָנצעס אַרײַן... — און ער, אלישע, זיצט שוין אויף אַ טאַבורעטקע און וואַרט מ׳זאָל אים ערגעץ־וווהין

אין דעם ליכטיקן מאָרגן אַרײַנפירן. אין אַלע ווינקלען שטייען סאָלדאַטן. וועמען און פון וועמען היט מען דאָ אַזוי שטאַרק?

ענדלעך פירט אים אַרײַן דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע, פּיסאַרעוו, אין אַ רחבותדיקן מיט טעפּיכער געשפּרייטן צימער, — אלישע האָט דאָרטן, אין דער מיליטערישער קאָמענדאַטור, ווו ער איז געווען דער שעף פון ציווילן אָפּטייל, געהאַט אַ גרעסערן און רײַכערן קאַבינעט, אָבער דאָ זיצט בײַם טיש, וואָס מיט גרינעם סאַמעט געדעקט, אַ גענעראַל, און פוןביידע זײַטן נאָך צוויי מיליטערלײַט, און הינטער זיי אַרויפצו ווײַטער, מיט אַ בלאָקנאָט אין האַנט, זיצט איינער אַ הויכער, אין ציווילן אָנגעטאָן... אלישען ווײַזט מען אויף זײַן אָרט, אויף דער ווײַסער טאַבורעטקע, און דער פּיסאַרעוו שטעלט זיך הינטער אים. דער גענעראַל, אַ היפּש לײַביקער, אַ מיטלוווקסיקער מיט אַ קײַלעכדיקן פלײשיקן פּנים, נאָכן אויספרעגן דעם נאָמען, דעם טאַטנס נאָמען, די פאַמיליע, די נאַציאָנאַליטעט... קוקט ער אַרײַן אין דעם אָפענעם, אין דעם פּאַר אים אויפן טיש ליגנדיקן ספר־הזכרונות, און פרעגט ווײַטער: — האָט ער, אלישע, פרײַוויליק אונטערגע־שריבן דעם פּראָטאָקאָל, אַז ער, אלישע, איז געווען פאַרבונדן מיט די שׂונאים פון פאָלק, מיט די אלע געוועזענע שרײַבער...

— יאָ, — ענטפערט אים אלישע, — יאָ, דעם פּראָטאָקאָל האָב איך אונטערגעשריבן פרײַוויליק, אָן שום דרוק אויף מיר, ווײַל אַזוי ווי איך בין אין גאָרניט ניט שולדיק, און איר ווייסט עס, גענעראַל, זייער גוט, אַזוי זײַנען יענע אַלע ייִדישע שרײַבער אין גאָרניט ניט שולדיק.

— באַשטעטיקט איר נאָך אַ מאָל, אַז איר זײַט געווען מיט זיי פאַרבונדן?

— יאָ, גענעראַל, איך באַשטעטיק עס. איך זאָג עס נאָך אַ מאָל און חזר איבער: אין פאַרלויף פון מײַנע שרײַבערישע יאָרן, פון זינט כ׳האָב זיך אָנגעהויבן דרוקן, פונעם אַכטאונצוואַנציקסטן יאָר, בין איך געווען געקניפּט און געבונדן מיט אַלע ייִדישע שרײַבער. ניט געווען אַזאַ ייִדישער שרײַבער אין ראַטנפאַרבאַנד וואָס כ׳האָב זיך מיט אים ניט באַגעגנט.

— און אויך מיטן אַמעריקאַנער ייִדישן שרײַבער האָט איר זיך געטראָפן? מיט יוסף אָפּאַטאָשו?

— יאָ, אויך מיט אים. מיט יוסף אָפּאַטאָשו. זיך געטראָפן מיט אים, אין יאָר 1934, מיט נײַנצן יאָר צוריק...

— אייערע ווערק זײַנען דורכגעזאַפּט מיט שאָוויניזם! קיין חידוש ניט, דער ברודער אַ טראָצקיסט...

— קיין שום שאָוויניזם, גענעראַל, זײַנען אין מײַנע ווערק ניטאָ. און מײַן ברודער איז קיינמאָל קיין טראָצקיסט ניט געווען.

— און ס׳איז קיין וווּנדער ניט וואָס איר האָט געפירט אַן אַנטיסאָ־וועטישע פּראָפּאַגאַנדע.

— גענעראַל, כ׳האָב קיינמאָל ניט געפירט קיין אַנטיסאָוועטישע פּראָ־פּאַגאַנדע.

— פאַרוואָס מײַדט איר אויס און גייט אַרום די שאַרפע ווינקלען?

— וועלכע ווינקלען, גענעראַל, מײַד איך אויס און גיי אַרום?

— אַלעמען און אומעטום האָט איר געזאָגט, אַז די ייִדישע קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד גייט אונטער.

— וועגן וועלכער ייִדישער קולטור רעדט איר, גענעראַל? — ווערט ער, אלישע אויפגעבראַכט. — וועגן וועלכער ייִדישער קולטור קאָן דאָ גיין אַ רייד, אַז אַלע ייִדישע שרײַבער זיצן אין די טורמעס, פאַרשיקט געוואָרן אין די לאַגערן... ווער ווייס עס, גענעראַל, אין דער גאַנצער וועלט גלייבן, אַז אַלע ייִדישע שרײַבער זײַנען געווען שפּיאָנען, קאָנטררעוואָלוציאָנערן? וועט כאָטש איין מענטש אין דער גאָרער וועלט קאָנען גלייבן, אַז אַלע ייִדישע שולן, טעכניקומס, וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, טעאַטערן, דראַמקרײַזן, צײַטונגען, פאַרלאַגן, ביבליאָטעקן, קלובן און אַלע ייִדישע ביכער, אַז אַלץ איז געווען אַנטיסאָוועטיש, קאָנטררעוואָלוציאָנער?

דער גענעראַל, ווי זיך שפּעטער דערוווּסט, איז געווען דער פאַרטרעטער פון דעם מיניסטער סטראָקאָטש, דער שעף איבער דעם אויספאָרשונגס־אָפּטייל פון דער עמגעבע פון אוקראַינע. — דער גענעראַל האָט זיך פון אָט די רייד אַזש פון אָרט אויפגעהויבן און שווײַגנדיקערהייט מיטן ווײַזפינ־גער דעם פאָדפּאָלקאָווניק פּיסאַרעוון אויף אלישען אָנגעוויזן. און יענער נעמט גלײַך אָן אלישען פאַרן אַקסל און פירט אים איבער די טרעפּיכער צוריק צו דער אַרײַנגאַנג־טיר. „געטראָפן אין פינטל!” האָט אלישע אַ ביז גאָר אויפגערעגטער, אָבער אויך אַ געשטילטער, געזאָגט צו זיך אַליין: „געטראָפן אין פינטל!” אויב די וועלט שווײַגט, דאַרפן די ייִדישע שרײַבער דאָ אַליין שרײַען. זיי האָבן זיך ניט אויף וועמען צו פאַרלאָזן!

# כא

און שפּעטער, שוין נאָכן פירן אים אונטער דער ערד, ווו אויף איטלעכן שריט און טריט שטייען באוואָפנטע סאָלדאַטן, שוין נאָכן גיין איבער יענע טונעלן, וואָס טויזנטער אסירים האָבן זיי געגראָבן און זײַנען שוין אויף אייביק דאָרטן פאַרבליבן, — לעבעדיקע עדות האָבן ניט געטאָרט פאַר־בלײַבן... שוין נאָכן זײַן דאָרטן בײַם גענעראַל, בײַם שעף פון דער אויספאָר־שונגס־דינסט, אין יענעם מיט רויטע טעפּיכער געדעקטן צימער, ווו אלישע האָט געוואָרפן דעם גלי׳ענדיקן שטיין, וואָס איז אים אויף דער נשמה געלעגן, שוין נאָך דעם האָט מען אים צען טעג און צען נעכט נאָכאַנאַנד אין ערגעץ ניט גענומען און ניט געפירט, ווי מ׳וואָלט אין אים גאָר פאַרגעסן... די שכנים זײַנע, אַלע דרײַ, האָלט מען כמעט קײַלעכדיקע מעת־לעתן בײַ די אויספאָרשערס, דער פּויער איז נאָך קלענער און אויסגעטרוקנטער געוואָרן, די אויגן שוין ניט אַזוי ווילד־דערשראָקן, ווי פאַרלאָפענע מיט יי׳אוש... און יענער, דער בוכהאַלטער, בלײַבט זיצן אויף זײַן בעט, דעם קאָפּ אין די הענט אַרומגענומען און מורמלט: „אדם קרוב לעצמו, אדם קרוב לעצמו...” און איין מאָל האָט ער אפילו געזאָגט צו אלישען מיט כּעס... — וואָס? איר וואָלט וועלן אַז איך, דער וואָרעם, אפילו קיין וואָרעם אויך ניט, זאָל אין אָט דער אכזריותדיקער וועלט זײַן אַ בעל־רחמים, זיך ברענגען פאַר אַ קרבן? וואָס? איר וואָלט וועלן אַז איך, וואָס האָב מורא פאַרן מינדסטן ווינטל, זומער שלאָף איך אונטער אַ פּערינע, וואָס? איר ווילט אַז איך, שוין אין די יאָרן, אַ מענטש אַ קראַנקער, תמיד טרײַסלט מיך אַ קדחת, מיט אַ בלוטדרוק פון צוויי הונדערט צוואַנציק אויף הונדערט דרײַסיק, וואָס? וואָלט איר וועלן, אַז איך זאָל זיך דאָ לייגן אונטער די פיס און זיך לאָזן פאַר עמעצן טרעטן מיט די שטאָלענע שטיוול? אָ, ניין! מײַן וועדעמדיק לעבן איז מיר טײַערער. ניט נאָר יעדער טאָג, נאָר יעדע שעה, יעדער רגע האָט פאַר מיר דעם גרעסטן ווערט... „אדם קרוב לעצמו”... — אלישע גייט מיט אים אין קיין וויכוח ניט אַרײַן. ער גייט אַרום, אלישע, איבער דער

קאַמער, אין אַט די דלד אמות, אין אַט דעם קרישקעלע וועלט, שפּאַנט און שפּאַנט, אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן, אַ פּוס אויף אַ פּוס, וווּהין וויל ער אין אַט די פיר איילן דערגיין, און וווּהין קאָנען זיי אים דערפירן? ער באַמיט זיך, אלישע, און שטרענגט אָן אַלע כוחות אַרויסצוגיין פון זײַן פּרי־ערדיקער וועלט, ניט טראַכטן אַפילו פון שיינדלען מיט די קינדער, — די בענקשאַפט זאָל אים, חלילה, דאָ ניט אײַנבייגן, דער אדם קרוב לעצמו זאָל זיך אים אויפן וועג ניט שטעלן. אין אַ גזירה־צײַט דאַרף מען גיין איבער און העכער די כוחות. דאָס ווײַטע דאַרף זײַן טײַערער און הייליקער פון דאָס סאַמע נאָענטסטע!

דעמאָלטן, אין יענע טעג פון פאַרבלײַבן אויף לאַנגע שעהען, באַזונדערס אין די נעכט, איינער אַליין אין קאַמער צווישן די שאַטנדיקע ווענט מיט דער פאַרשלאָסענער טיר, בײַ דעם בלענד־שוואַרצן ליכט, אין דער אַרומיקער געדיכטער שטילקייט, ווו זײַנע טריט רופן זיך אָפּ אין אים, ווי דער געשריי פון דער זינקענדיקער קו דאָרטן אויף יענע פאַרנאַכטיקע זומפּן... דעמאָלטן, אין יענע טעג, איז ער, אלישע, אין גרויסן אומרו געווען, ווײַל שוין געפילט אַז דאָרטן ווערט פאַר אים צוגעגרייט דאָס סאַמע שאַרפסטע און ביטערסטע... גראַד דעמאָלטן איז אים אין די הענט אַרײַנגעפאַלן סעראַפימאָוויטשס אַ ביכל דערציילונגען. — פון מאָל צו מאָל עפנט זיך אויף דאָס פענצטערל אין טיר פאַר דער ביבליאָטעקערין, — ווו אין דעם אַרײַנפירוואָרט ווערט געזאָגט צום לויב פון דעם שרײַבער, דעם אַלטן באַלשעוויק, אַז די ערשטע דערציילונג זײַנע „אויפן אײַז" האָט ער, סעראַפימאָוויטש, אָנגעשריבן אין דער צאַרישער טורמע, אין דער פינצטערער צײַט פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן... און אויך צום לויב פון סעראַפימאָוויטשן ווערט דאָרטן ווײַטער געזאָגט, אַז אויך אין פאַרשיקונג האָט ער אָנגעשריבן „אין שנייִקן מידבר" און „אויף פליטן" און זיי, אַט די דערציילונגען, פון דאָרטן צו קאָראָלענקאָן געשיקט. — און אויך קומט אים דאָ, אלישען, אויפן זיכרון אַרויף: יענער, ער אַליין, דער נײַער וועלטאויסלייזער, לענין וולאַדימיר איליטש, יענער, וואָס איז שוין אין טורמע געזעסן פאַר ניקאָלײַ דעם צווייטן, האָט דאָרטן געשריבן, אין טורמע, זײַן בוך „די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד" און זיי, די צאַרישע זשאַנדאַרמען, האָבן געטראָגן איבערגעפּולטע קוישן מיט ביכער, וואָס די פרײַנד האָבן פאַר אים, פאַר לענינען, איבער־געגעבן... זיי, די פרײַנד, האָבן גאָר קיין מורא ניט געהאַט! און שפּעטער,

שוין אין פאַרשיקונג, — אויף גאַנצע דרײַ יאָר! דאָרטן, אין דעם דאָרף שושינאַ, אונטער דער השגחה פון דער צאַרישער פּאָליציי, דאָרטן האָט וולאַדימיר איליטש אָנגעשריבן דרײַסיק אַרבעטן. און צווישן זיי „דער פּראָטעסט פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", און אויך „פּראָיעקטן פון דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי" — פון דער פּאַרטיי לענין־סטאַלין... ביי יענער פּראָגראַם, דאָ, אין די קאָמוניסטישע טורמעס, ווערן יאָר־איין, יאָר־אויס צענדליקער שרײַבער פון אַלע פעלקער אומגעבראַכט, אָדער זיי נעמען זיך אַליין דאָס לעבן ווי יעסענין, ווי מאַיאַקאָווסקי, ווי כווילאָווי און... און איצטער ברענגט מען אום שוין ניט קיין יחידים, נאָר אַ גאַנצע ליטעראַטור, — מ׳שנײַדט זיי, די יידישע שרײַבער, מיט דער קאָסע, ווי גראָז... דאָ, אין די קאָמוניסטישע טורמעס, טאָר אַ שרײַבער בײַ זיך ניט האָבן קיין פיצל פּאַפּיר: אַ טאָג איבער אַ טאָג ווערט מען ביז נאַקעטקייט אויסגעטאָן און ס׳ווערט געזוכט און גענישטערט... ס׳איז דאָ, אין די קאָמוניסטישע טורמעס, פאַרווערט אפילו אַרויסצוּוואַרפן אַ ברעקל ברויט פאַר די פייגל, ווײַל אפשר, ווײַל טאָמער איז אין דעם ברעקל ברויט דאָ אַ וואָרט, אַן אות אַרײַנגעקנאָטן... — און דאָ שלאָגט אים איבער די געדאַנקען דער סטודענט, דער יונגער קינסטלער, פייגין, וואָס האָט פאַר זײַן דיפּלאָם־אַרבעט געמאַכט אַ בילד „לענין אין ציריך", און פרעגט בײַ אלישען:

— זאָגט מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל, איז קאַרל מאַרקס געווען אַ ייד, צי ער איז ניט געווען קיין ייד?

— און וואָס גייט עס אײַך אַזוי אָן צי מארקס איז יאָ געווען אַ ייד, צי ער איז ניט געווען קיין ייד?

— דער אויספאָרשער באַשולדיקט מיך אין נאַציאָנאַליזם. כ׳האָב זיך אומעטום באַרימט, זאָגט ער, אַז קאַרל מאַרקס איז געווען אַ ייד. וויל איך וויסן, מאַרקס איז געווען אַ ייד, צי ער איז ניט געווען קיין ייד?

— ניין, — זאָגט אים אלישע, — קאַרל מאַרקס איז ניט געווען קיין ייד. ער איז געווען גאָר ווײַט פון אַ יידן, אפילו שטאַרק פײַנטלעך... אָבער געשטאַמט האָט ער יאָ פון יידן, אפילו פון רבנים...

— מעג איך עס טאַקע אַזוי זאָגן דעם אויספאָרשער?

— בעסער פרעגט בײַ אים, זאָל ער אײַך זאָגן פון וואַנען שטאַמט ער, קאַרל מאַרקס, און בײַ אַוועלכן פאָלק איז ער געבוירן געוואָרן? — און ווײַטער וועגן מאַרקסן, דעם פאָטער פון דיקטאַטור און פון ד׳אמאַט... וויל

ער, אלישע, קיין רייד מיטן סטודענט דאָ ניט פירן. פון די לאַנגע שעהען אַליין אין קאַמער זײַן, פון ניט וויסן וואָס דאָרטן אַרום אים טוט זיך, איז ער, אלישע, אויפגערעגט און ביז גאָר אומרויִק. דערצו נאָך קאָן ער זיך שוין אויפן אַראָפּהענגענדיקן מאַטראַץ לייגן, די שעה איז שוין אויף דעם געקומען, — מ׳נעמט שוין צו פון די אסירים אויף בײַנאַכט די ברילן, — זיי זאָלן מיטן גלאָז די וועגעס ניט איבערשנײַדן... און דאָס טוען זיי גראָד גוט! דער טויט באַפרײַט דאָך פון אָט דער וועלט, וואָס איז שוין אַריבער די ברעגן פול מיט בייזן ווילן, מיט שינאה, מיט גוואַלט־מעשים, מיט שפיכות־דמים: מיט באַבי־יאַר מיט פּאָנאַר, מיט אוישוויץ, מיט מײַדאַ־נעק... מיט עמגעביסטישע טורמעס... פון אָט דער אומברחמנות־אכזריותדיקער וועלט ווילט זיך אָפּט אַזוי אַוועקגיין... און זיי לויפן דאָ אָן אויף אים, אויף אלישען, אין יענעם אויפדערנאַכט, אויך די שורות, וואָס אויפן כוטער געשריבן, דאָרטן אין פעלד, אין זײַן פאַרוואָרפּענער וועלט, אונטער דער האַלבטאָגיק־תמוזדיקער זון, פאַרן אַרײַן מיטן קאָפּ אין דער תליה:

כמאַרעס, מאַמע, כמאַרעס,
און קיין רעגן פאַלט ניט.
פאַליעט, סמאַליעט, שׂרפהט
און טרוקנט אויס דעם גומען
קיינער, מאַמע, וועט ניט קומען
מיט אַ טראָפּן וואַסער...

דעמאָלטן האָט אים פון טויט אַרויסגענומען דער סוטולעוואַטער פויער באַזיל זאַליעווסקי, און ווער וועט אים דאָ, אלישען, פון אומקום ראַטעווען? — „גורל, אלישע, גורל! מײַן אַלטער חבר פיטשע פלעג אין די נעכט אַרויפ־קריכן אויפן בוים און פון דאָרטן שרײַען צו דער וועלט"... — און צו וואָס, ר׳ שמואל־יאָסל, — שלאָגט אים אלישע איבער מיט ווייטיק. — צו וואָס האָט ער זיך פיטשע דערשריִען? ער האָט זיך דערשריִען צו דעם, וואָס ער איז מיטן אַרויסגעריסענעם הילצערנעם צלם אויף די פּלייצעס געקומען צו דעם פאַרבלוטיקטן גרוב אויסגעהרגעטע יידן? נו, און דעם פײַער פון פיטשעס אונטערגעצונדענעם צלם האָט דען די וועלט דערזען? די דײַטשן האָבן אים, פיטשען, בײַ יענעם ברענענדיקן צלם געשאָסן... און די תורה

אײַערע, ר׳ שמואל־יאָסל, װעגן דעם גורל... — אָבער זיך װײַטער אַמפּערן מיט זײַן אַמאָליקן גמרא־מלמד, מיט ר׳ שמואל־יאָסלען, װאָס זיצט בײַ אים פון קינדװײַז אָן אין דער נשמה, באַזונדערס מיט זײַן קומען צו אים ערב אַרעסטירט װערן און מיט זײַן װאַרפן זיך אונטערן טראַמװײַ... — װײַטער זיך אַמפּערן מיט ר׳ שמואל־יאָסלען אין יענעם אויפדערנאַכט, האָט שוין אלישע ניט באַװיזן, װײַל מ׳האָט אים פונעם געעפנטן טיר־פענצטערל אַ רוף געטאָן און באַלד אַװעקגעפירט אַהין, אויפן דריטן גאָרן, צום אויספאָר־שער אויף אַ גאַנצער נאַכט.

און װי נאָר אַהין אַרײַן און יענעם, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָװן, געטראָפן בײַם שװערן פּאַרהאַנג מיט אַ זײַט שטיין און זיך מיט יענעמס לינקן גריבעלע בלױען אײַז באַגעגנט, אַזױ האָט זיך בײַ אלישען דער רוקן געבויגן, דער קאָפּ איז אים אין די אונטערגעהױבענע אַקסלען אַרײַן, — געבליבן װאַרטן אויפן שטאַרקן קלאַפּ, װאָס דאַרף אים באַלד דאָ דערלאַנגט װערן. און דער קלאַפּ איז טאַקע באַלד געקומען, און אַזאַ װאָס ער, אלישע, האָט זיך שוין גאָר ניט געקאָנט ריכטן. און ער דרייט זיך אויס, דער קאַפּיטאַן, קוקט אַ היפּשע װײַלע, שוין מיט בײדע, שוין מיט די שװאַרץ געװאָרענע קריַעלעך אײַז, װאָס שװימען אַרום אונטערן שטערן, קעמט זיך צו מיטן װײַסן קעמעלע די שטרױענע האָר, און זעצנדיק זיך צום טיש, פרעגט ער לויטן אַלטן, לויטן גוט אײַנגעשטעלטן נוסח, אָבער מיט אַ געביטענעם קול:

— װוּ און װען האָסטו געזאָגט, אַז יידן האָבן שוין גענוג געגעבן זייער בלוט די קריסטן און אַז זיי, די יידן, װאָלטן שוין באַדאַרפט נעמען בײַ די קריסטן אַ ביסל בלוט?

און בײַ אלישען גלײַכט זיך אויס דער רוקן: דער קלאַפּ אויף װעלכן ער האָט געװאַרט איז דערלאַנגט געװאָרן, און טאַקע אַזױ, װאָס װאַלגערט אום פון די פיס. דאָס האַרץ גייט אים אונטער צום גאָרגל, — אָט װי אַזױ מ׳װיל אים דאָ צונויפבינדן מיט די „מערדער אין די װײַסע כאַלאַטן"... און אַ דערשטױנטער, מיט איבערגעטרוקנטע ליפּן, פרעגט ער:

— װילט איר דאָ, הייסט עס, מאַכן אַ נײַעם בייליס־פּראָצעס? װילט איר, קאָמוניסטן, מיך, דעם קיִעװער יידישן שרײַבער, אויך באַשולדיקן דאָ, װי די צאַרישע רעגירונג האָט באַשולדיקט בייליסן אין דאַרפן קריסטלעך בלוט?... אפילו די פּשוטע פּױערים האָבן דאָך דעמאָלטן, אויף יענעם

עלילת־דם געריכט, אים ריין געוואַשן, בייליסן... און איר ווילט דאָ, דעם ייִדישן שרײַבער...

— ענטפער, ווען און ווו האָסטו געזאָגט, אַז ייִדן וואָלטן שוין באַדאַרפט נעמען בלוט בײַ די קריסטן?

— קאַפּיטאַן, אין ערגעץ און קיינמאָל האָב איך ניט געזאָגט, און ניט געקאָנט זאָגן, אַז ייִדן וואָלטן באַדאַרפט האָבן קריסטלעך בלוט. אויף וואָס, קאַפּיטאַן, דאַרפן עס ייִדן האָבן בלוט פון קריסטן? אין דער מצה אויף פּסח? ווי דו ווייסט, קאַפּיטאַן, באַקן שוין ייִדן קיין מצות אויך ניט... וועלכער אידיאָט, פרעגט אלישע ביז גאָר אויפגערעגט — וועלכער פּראָ־וואָקאַטאָר האָט עס אײַך דאָ געזאָגט, אַזעלכעס גאָר אונטערגעטראָגן? דאָס איז דאָך...

און דאָ שלאָגט אים אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו איבער מיט יענעם מיאוסן זידלוואָרט, וואָס אפילו אין דער אונטערוועלט הערט מען אַזאַ ניט, און נעמט זיך באַלד פון אַ פּאַפּיר לייענען. און ווי תמיד אַז ער האָט עפּעס־וואָס ממשותדיקס, און אַזעלכעס וואָס לייגט זיך שווער אויף דער וואָגשאָל פון דער באַשולדיקונג, רעדט ער דווקא שטיל; און דאָס מאָל איז זײַן קול שוין גאָר אַ ווייכס, שוין עפּעס אַ מין וואָרקנדיקס, אַזאַ, וואָס אלישע האָט נאָך פון אים ביז אַהער־צו ניט געהערט. און ער הייבט אָן, און דאָס איז צו זען, פון ערגעץ פון דער מיטן:

— ... אַז עלי שעכטמאַן איז אַ נאַציאָנאַליסט־שאָוויניסט קאָן איך ברענגען אַזעלכע צוויי בײַשפּילן. אָט איז דער ערשטער: נאָך מײַן איבערלייענען אין קלוב פון שרײַבערפאַרבאַנד מײַן פּיעסע, ווו ס'ווערט אַרויסגעפירט אַ ייִדישער דאָקטער, וואָס גיט פאַר אַ קראַנקן קריסט זײַן בלוט, האָט ער, עלי שעכטמאַן, נאָך מײַן איבערלייענען די פּיעסע מיר געזאָגט וואָרט און וואָרט אַזוי: „מיר האָבן שוין גענוג געגעבן אונדזער בלוט די קריסטן, מיר וואָלטן שוין באַדאַרפט נעמען בײַ זיי, בײַ די קריסטן אַ ביסל בלוט.” — און ער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, טראָגט אונטער אלישען מיט תקיפות דעם אויף צווייען צונויפגעלייגטן בויגן פּאַפּיר, און אלישע זעט דעם אונטערשריפט: משה פינטשעווסקי. — און ווײַבאַלד אלישע האָט ניט געקאָנט און אויך ניט געוואָלט אויסמײַדן און פאַרבײַגייִן דעם מסור משה פינטשעווסקין, ווײַל ער, אלישע, האַלט אַז פאַר מוסרים קאָן קיין רחמים ניט זײַן: ווער ס'איז מוחל און פאַרגיט מוסרים מיטן

אויסרייד אל תדון את חברך, דער ווערט אַ שותף צו רישעות און מיט זײַן מחילה און רחמים פלאָדעט ער נאָך מוסרים... דער אל תדון את חברך קאָן ניט גילטן פאַר מוסרים! דער אל תדון את חברך קאָן כשרן אַן אלמנה, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, וואָס גנבענען אַ ברויט פאַר די הונגעריקע, אַ פּאָר שיכעלעך פאַר די באָרוועסע קינדער... — וויבאַלד ס׳וועט שוין דערמאָנט פינטשעווסקיס נאָמען, קאָן ער שוין דאָ אויך ניט פאַרבײַגיין, אלישע, די רכילות־טרײַבער און די פאַלשקײַט־ און בילבולים־פאַרשפּרייטער.

אָט האָט אַ ליטעראַט, וואָס איז די מילחמה־יאָרן איבערגעזעסן אין רוסלאַנד, אין דעם ווײַטן הינטערלאַנד, באַזונגען דאָרטן סטאַלינען... קיין ביקס אין דער האַנט ניט גענומען, ווי דאָס האָבן דאָרטן געטאָן כמעט אַלע יידישע שרײַבער, ניט געגאַנגען ווי יענע שרײַבער אויפן פראָנט זיך שלאָגן מיטן בלוטיקן שונא, מיטן נאַציזם. און שפּעטער, שוין נאָך דער מלחמה, אויך אויף דער פאַרבלוטיקטער ערד פון פוילן זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן, דאָרטן איז געווען צו אומרויִק... ער איז געפאָרן ווײַטער אָבער ניט אַהין־צו, וווּ מ׳האָט באַדאַרפט אונטערשטעלן אַן אַקסל און אויך דעם קאָפּ בײַם אויפשטעלן און בויען די ייִדישע מדינה, ניין, אַהין איז ער ניט געפאָרן... ער איז אַוועק קיין לאַטיין־אַמעריקע און דאָרטן תיכף אָנגעשטעלט די שטימע זײַנע פאַרן נײַעם מאַרק... און באַלד האָט ער דאָרטן אָנגעשריבן אַ רכילות־ביכל אויף די ייִדישע שרייבערס, וועלכע זײַנען אין די סטאַלינישע עמגעבע־קעלערן פאַרפײַניקט און דערשאָסן געוואָרן. ס׳האָבן אים גאָר די הענט ניט קיין ציטער געטאָן בײַם שיטן מיסט און גיסן בלאָטע אויף די טויטע און פאַרבלוטיקטע קעפּ פון דוד בערגעלסאָן, פון דוד האָפשטיין, פון פרץ מאַרקיש... שומו שמים! און דערנאָך האָט ער מיט דער זעלבער האַנט אויסגעלייגט שורות וועגן ליבשאַפט, וועגן ריינקייט פון געוויסן...

און אין יענעם ביכל, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן פון איינעם, וואָס ווי ער זאָל ניט קומען דאָרטן דינט ער מיט פלײַס און ברען זײַנע בעלי־בתים און טראָגט זיי אונטער, וואָס נאָר זיי ווילן און פאַרלאַנגען פון אים... און זיי דאַרפן אים אפילו ניט זאָגן. ער פאַרשטייט זיי, זײַנע בעלי בתים, אויפן ווונק... דאָרטן אין יענעם רכילות און שנאהדיק ביכל, ווערט אויך דערציילט אַ מעשה־נורא פון דרײַ שרײַבער אין כאַרקאָוו — פינטשעווסקי, האַרצמאַן און איינער ב. — דאָס איז געווען, דערציילט ער, אין 1937, בעת

דער סטאַלין־טעראָר האָט געבושעוועט. די דרײַ פּאָעטן זײַנען אַרויס פון אַ רעסטאָראַן און זײַנען געווען אַביסל אונטערגעטרונקען. האַרצמאַן איז, ווײַזט אויס, געווען מער אונטערגעטרונקען, און אַז זיי זײַנען פאַרבייגעגאַנגען אַ ווינקל־גאַס וווּ עס איז געהאַנגען אַ ריזיקער סטאַלין־פּאָרטרעט, האָט ער אַ זאָג־געטאָן: „אָט ווער עס איז שולדיק אין אונדזערע צרות." און ווײַטער דערציילט שוין יענער ליטעראַט אַזוי און מיט די ווערטער: „אָפּגעזאָגט דאָס דאָזיקע, וואָס איז אים, און אויך אַלע אַנדערע, געלעגן אויפן האַרצן, האָט אָבער האַרצמאַן תיכף זיך אויסגעניכטערט פון שרעק און באַנומען, וואָס ער האָט דאָ מיט זײַנע רייד אָפּגעטאָן. ער האָט זיך דעריבער געוואָרפן צו זײַנע חברים, גענומען קושן זייערע הענט און בעטן, אַז זיי זאָלן רחמנות האָבן אויף זײַן יונג לעבן און פאַרשווײַגן דאָס, וואָס זיי האָבן געהערט. ער האָט אַזוי לאַנג געוויינט און געבעטן, ביז זײַנע חברים האָבן דאָס אים פײַערלעך צוגעזאָגט".

און ווײַטער גיט שוין יענער איבער די מעשה־נורא, ווי דער פּאָעט ב. האָט עס אים, דעם ליטעראַט, אַליין דערציילט: „ווען איך בין אַהיים געקומען, — דערציילט ב. — האָב איך גענומען טראַכטן: נו, גוט, מ'דאַרף ראַטעווען האַרצמאַנען, ווײַל ס'איז אויף אים טאַקע אַ גרויס רחמנות, וואָס וועט אָבער זײַן אויב פּינטשעווסקי וועט ניט האַלטן זײַן וואָרט און וועט יאָ אַוועקגיין דערציילן, וואָס ער האָט געהערט? דעמאָלט וועט דאָך אויסקומען אַז איך האָב געהערט און האָב די זאַך פאַרשוויגן! נו, וועט מען נישט אַמאָל אויסטײַטשן מײַן שתיקה, ווי אַ הסכמה צו האַרצמאַנס רייד? וועל איך אַמאָל ניט זײַן די כפרה צוזאַמען מיט האַרצמאַנען? הכלל, איך האָב אַזוי לאַנג געטראַכט און געטראַכט, אַזוי לאַנג זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און מיט זיך אַליין געטענהט, ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט און בין אַוועק אין נ.ק.וו.ד. דערציילן די גאַנצע מעשה. אויפן וועג צו דער נ.ק.וו.ד. האָב איך געטראָפן... וועמען? פּינטשעווסקין? נו, געוויס. ער האָט דאָס זעלביקע, וואָס איך האָב געטראַכט וועגן אים, מסתמא געטראַכט וועגן מיר. און מחמת דעם האָבן מיר זיך ביידע געטראָפן אויפן וועג צו ווערן מוסרים... דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ. שטעלט זיך פאָר, אַז מיר האָבן אין דער געביידע פון דער נ.ק.וו.ד. אויך געטראָפן... יאָ, מיר האָבן דאָרטן אויך געטראָפן האַרצמאַנען. ער ווייסט דאָך, האָט ער אונדז געזאָגט, אַז מיר וועלן ניט האַלטן דאָס צוגעזאָגטע וואָרט און מיר

װעלן יאָ דערציילן. נו, װײל ער זיך ראַטעװען און דערפֿאַר איז ער געקומען פֿריִער, כּדי צו זאָגן, אַז די דאָזיקע װערטער האָט ער נישט געזאָגט, נאָר מיר האָבן זיי געזאָגט. אפשר װערט עס אים דורכגיין און ער װעט אַזוי אַרום ניצול װערן פֿון דער סכּנה"...

עד כּאן! אָט אַזוי, הייסט עס, פּשוט און פּראָסט, האָט ער, דער פּאָעט ב. דערציילט װעגן זיך אַליין. אָט אַזוי האָט ער זיך, דער פּאָעט ב. אַליין, מיט זײַן גוטן װילן, מודה ומתוודה געװען... זיך אַליין פֿאַרדאַמט, זיך אַליין דערנידעריקט, זיך אַליין פֿאַר אים, פֿאַר דעם מזמור לסטאַלין־זאָגער, אין שטויב געװאַלגערט... און געװיס, װי דער פּאָעט מאָטל האַרצמאַן, װאָס איז שפּעטער אויפֿן פֿראָנט, אין שלאַכט, מיט דער ביקס אין האַנט געפֿאַלן, געלאָזט אַ פֿרוי מיט צװײ קינדער; געװיס האָט אויך ער, דער פּאָעט ב., בײַ זײַן געטרײַען צוהערער, בײַם ליטעראַט, די הענט געקושט און געװיינט און געבעטן רחמנות האָבן אויף אים, אויפֿן פּאָעט ב., און בײַם נאָמען אים ניט אָנרופֿן און זײַן געפֿאַלנקייט פֿאַר דער װעלט ניט אַרויס־שטעלן... און ער, דער געטרײַער צוהערער, האָט דאָס װאָרט, אָפּנים, געגעבן און דאָס װאָרט זײַנס געהאַלטן, און ניט װי יענער, דער פּאָעט ב. אַליין, װאָס האָט זײַן װאָרט געבראָכן און נאָכן טראַכטן און איבערקלערן און נאָכן דרייען זיך אויפֿן געלעגער אַװעק אין מיטן דער נאַכט אין ב.ק.װ.ד. צו מסרן דאָרטן האַרצמאַנען... ניין, ער דער מזמור לסטאַלין־זאָגער, װעט אַזוי נידעריק ניט פֿאַלן, ער װעט זײַן װאָרט האַלטן שטאָל־און־אײַזן, יענע צװיי פּאָעטן, פּינטשעװסקי און האַרצמאַנען, װעט ער יאָ בײַם נאָמען אָנרופֿן אָבער דעם דריטן פּאָעט װעט ער אויסבאַהאַלטן אונטער דעם אות ב! איז עס גאָר ניט קיין קלייניקייט, האַלטן װאָרט איז שוין אויך אַ מדרגה!

דער אמת איז אָבער, װאָס קיין שום פּאָעט ב. האָט עס אים, דעם ליטעראַט, װעלכער האָט אַזוי געטרײַ און דער עיקר אַזוי ערלעך דער װעלט איבערגעגעבן, ניט געקאָנט גאָר דערציילן: אַזאַ פּאָעט ב. איז גאָר ניט געװען, און האָט אויך ניט געקאָנט זײַן. קיין שום פּאָעט ב. איז מיט פּינשטעװסקין און האַרצמאַנען ניט געגאַנגען. מיט פּינשטעװסקין און מיט האַרצמאַנען איז דעמאָלט געגאַנגען דער שרײַבער עלי שעכטמאַן... און עלי שעכטמאַן האָט זיך אין ערגעץ און קיין מאָל מיט יענעם ליטעראַט אין רוסלאַנד ניט באַגעגנט. עלי שעכטמאַן איז אין די מלחמה־יאָרן געװען אין

דער אַרמיי. ער האָט פון אַזאַ ליטעראַט נאָך אפילו ניט געהערט. — פאַר דעם פאַרשטאַנדיקן איז עס גענוג!

און ווי פון אַלע רכילות, וואָס קומען פון „דער האָט געזאָגט און יענער האָט געהערט"... אַזוי אויך דאָ, און דערצו נאָך, אַז מ'שרײַבט מיט אַ כיוון, מיט אַ מיין, און דער עיקר, מיט גאַל און מיט שׂנאה וועגן יידישע שרײַבער אין רוסלאַנד, וואָס אַ טייל פון זיי זײַנען שוין געהרגעט און די איבעריקע שטאַרבן אויס אין די לאַגערן, אין די טורמעס... קאָן מען זיך דאָ פּילן פרײַ, צעבונדן און צעכראַסטעט, מ'קאָן דאָ טרײַבן בילבולים און רכילות, מ'קאָן דאָ אויסטראַכטן די שרעקלעכסטע זאַכן: די געהרגעטע וועלן שווײַגן, און אויך יענע, די אסירים, וועלן ניט קאָנען ענטפערן... און וואָס מער מ'שיט מיסט, און וואָס מער מ'גיסט בלאָטע אויף די פאַרפּײַניקטע און געהרגעטע שרײַבער... אַלץ מער, און אַלץ שטאַרקער ווערט מען דאָך געריימט און געלויבט!

וועט זיך אָבער אלישע דאָ אויף יענעם רכילות און בילבולים ביכל מער ניט פאַרהאַלטן, ער וועט יענץ ספרל, דאָס גמילות חסד של אמת, לאָזן אַזוי ווײַטער אין זײַן חרפה אויף דורות שטיין; ער וועט זיך אויך ניט אָפּשטעלן בײַ יענע, וואָס האָבן זיך אויף אָט דעם רכילות-פײַער די הענט געוואַרעמט, און וועט אליין דערציילן וועגן יענע דרײַ, פון משה פינטשעווסקין, מאָטל האַרצמאַן און עלי שעכטמאַן, וואָס האָבן זיך אין איינעם אַ סופּזומערדיקן אָוונט געטראָפן אויף קרעשטשאַטיק, אויף דער שפּיגלגאַס פון קיעוו — און ניט אין כאַרקאָוו, און מ'איז אין רעסטאָראַן ניט געגאַנגען, נאָר אין אַ ווײַנקעלערל, ווו ס'פאַרקויפן זיך פון די פעסער בעסאַראַבער נאַטורעלע ווײַנען, דאָרטן האָט פינטשעווסקי, דער בעסאַראַבער, אויסגעטרונקען אַ גלאָז פון צוויי הונדערט, און האַרצמאַן מיט שעכטמאַנען צו גלעזלעך פון הונדערט גראַם ווײַן. קיינער איז ניט שיכור געוואָרן. בײַם צוגיין צום סוף קרעשטשאַטיק, ווו ס'איז געהאַנגען דער גרויסער סטאַלין-פּאָרטרעט, אָט האַרצמאַן אַ זאָג-געטאָן: „אַ שלעכטער מענטש!" — און ניט „אָט ווער ס'איז שולדיק אין אונדזערע צרות". — פינטשעווסקי איז דאָ אויף אַ פּאָר רגעס געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט געוואָרן. נאָר באַלד האָט ער זיך אַ טרײַסל געגעבן, און איז אָן אַ גוטער-נאַכט אַוועק. אויך האַרצמאַן איז אין גיכן אַוועק. — ער האָט זיך ניט געוואָרפן צו זײַנע חברים קושן די הענט און בעטן, אַז זיי זאָלן רחמנות האָבן אויף זײַן יונג

לעבן און פאַרשוויַיגן דאָס, וואָס זיי האָבן געהערט. — און עלי שעכטמאַן האָט נאָך אַ ביסל שפּאַצירט איבער קרעשטשאַטיק און האָט זיך אויך אומגעקערט אַהיים צום שרײַבטיש, — ער האָט דעמאָלט געשריבן דעם ערשטן בוך פון דעם ראָמאַן „פּאָלעסיער וועלדער".

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט זיך צו שעכטמאַנען אַרײַנגעשטעלט פּינטשעווסקי מיט אַ מעלדונג אין שרייבערפאַרבאַנד וועגן דעם, ווי אזוי ער, פּינטשעווסקי, האַרצמאַן און שעכטמאַן, זײַנען נעכטן אין אָוונט געגאַנגען איבער קרעשטשאַטיק און בײַם דערגיין צום סטאַלין־פּאָרטרעט, האָט האַרצמאַן געזאָגט: „אַ שלעכטער מענטש"! און פּינטשעווסקי וויל אַז אויך ער, שעכטמאַן, זאָל אָט די מעלדונג אונטערשרײַבן. האָט אים שעכטמאַן אויפן אָרט געזאָגט: ניין, ער קאָן די מעלדונג ניט אונטערשרײַבן, ווײַל האַרצמאַן האָט ניט געזאָגט „אַ שלעכטער מענטש", נאָר ער האָט געזאָגט: „שלעכט געמאָלט"... און האַרצמאַן איז דאָך אַ פאַרשטייער אין מאָלערײַ!

— ווי דו ווילסט, — האָט פּינטשעווסקי געזאָגט. — איך גיי אָפּגעבן אין פאַריין די מעלדונג.

דעמאָלט נאָך זײַן גיין אָפּטראָגן די מעלדונג, האָט שוין שעכטמאַן אויך געמוזט אָנשרײַבן, נאָר געשריבן האָט ער צו דער ביוראָ פון די יידישע שרײַבער ביים שרייבערפאַרבאַנד, און דאָרטן, אין זײַן מעלדונג, איבערגעחזרט וואָרט אין וואָרט, וואָס פּינטשעווסקי האָט געשריבן, נאָר אויפן אָרט, וווּ יענער שרײַבט אַז האַרצמאַן האָט אויפן סטאַלין־פּאָרטרעט געזאָגט „שלעכטער מענטש", האָט ער, שעכטמאַן, געשריבן אַז האַרצמאַן האָט געזאָגט „שלעכט געמאָלט"! און אַזוי ווי פּינטשעווסקי איז געגאַנגען אַביסל אָן אַ זײַט און אָפּגעזונדערט, האָט ער פּשוט ניט דערהערט און צונויפגעפּלאָנטערט „געמאָלט" מיט „מענטש"... — און אלישע האָט אָפּגעגעבן די מעלדונג אין שרײַבערפאַרבאַנד, וואָס איז געווען די דריטע שטוב פון זײַן וווינונג, אויך אויף דער לענין־גאַס.

און אין אַ האַלבער שעה אַרום איז צו אים געקומען צולויפן האַרצמאַנס פרוי, שוין אַ שוואַרץ געוואָרענע: מ'רופט דאָך שוין צונויף די קאָמיוגישע פאַרזאַמלונג, — האַרצמאַן איז געווען אין קאָמאָסאָמאָל — מ'וועט דאָרטן באַלד פונאַנדערקלײַבן פּינטשעווסקיס מעלדונג... — שלאָגט איר דאָ שעכטמאַן איבער די רייד און זאָגט איר, אַז אויך ער האָט נאָרוואָס אָפּגע־געבן אין דער ביוראָ אַ מעלדונג, ווו ער דערציילט ווי אַזוי ס'איז געווען,

אַז האַרצמאַן האָט וועגן דעם סטאַלין־פּאָרטרעט געזאָגט: „שלעכט געמאָלט"... און ער חזרט איר עטלעכע מאָל איבער „שלעכט געמאָלט", „שלעכט געמאָלט"... — און זי האָט פאַרשטאַנען! — די קאָמיוגישע פאַרזאַמלונג איז טאַקע דאָרטן פאָרגעקומען, מ'האָט טאַקע באַהאַנדלטביידע מעלדונגען און מ'האָט אָנגענומען שעכטמאַנס עדות־זאָגן. און אויף דעם האָט זיך עס פאַרענדיקט. וואָלט דער ליטעראַט י. י. דעמאָלטן ניט געשריבן זײַן ביכל מיטן מיין צו שוואַרצן יידישע שרײַבער, וואָלט ער ניט צוגעטראַכט די מעשׂה מיט אַ פּאָעט ב. וואָס האָט זיך פאַר אים מודה ומתוודה געווען; ער וואָלט אויך ניט אויסגעטראַכט דעם בילבול מיטן לויפן אין מיטן דער נאַכט אין נ.ק.וו.ד., ווײַל וואָלטן זיי אַהין געקומען און איינער אויפן צווייטן געוואָרפן די שולד פון זאָגן אויף סטאַלינען: „אָט ווער ס'איז שולדיק אין אונדזערע צרות", וואָלט שוין קיין איינער פון זיי פון דער נ.ק.וו.ד. ניט אַרויס קיין לעבעדיקער. זיי וואָלטן גלײַך געשטעלט געוואָרן פאַר דער „טרויקע" און זיי וואָלטן פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. ס'איז דאָך געווען דער שרעקלעכער זיבן און דרייסיקסטער יאָר! דערצו נאָך האָט עלי שעכטמאַן אַחוץ דעם „אָפּן שיידוועג" געהאַט אויף זיך נאָך דעם אַרעסטירטן ברודער, דעם טראָצקיסט, דעם פאַרשאָלטענעם שונא פון פאָלק... טאַקע נאָר על־פּי נס, טאַקע ווי דורך אַ העכערן כוח איז ער דעמאָלטן, אלישע, פון אונטער דער בלוטיקער האַק, ניצול געוואָרן, ווי מ'וואָלט אים דאָרטן פון הימל, געהיט פאַר אַ שליחות...

## כב

און ווײַטער, טאַקע אין יענער נאַכט, דאָרטן אויפֿן דריטן גאָרן, ווערט ווידער אויף אים, אויף אלישען, אַנגעשטעלט יענע ליכט פון די צוויי לאַמפּן, וואָס פאַרטונקלען און פאַרשלאָגן די ריאה ביז צו ווייטיק אין די אויגן... פון יענער שײַן גייט אויף אַ פּראָסטיקע שטילקייט, ווי פון די נאַכט־שנייען. אַלעקסאַנדער סאַפּאַזשניקאָוו שווײַגט פאַרביסן. דורכן געדיכטן פאָרהאַנג דערשלאָגט זיך צו אלישעס פינגער, וואָס קלאַפּן זיך אין די קני, אַ לבנהקייט, ווי פון ווערבע־צוויט בײַם פאַרווייעטן דניעפּער, — פון די שנייען שמעקט שוין אָבער, ווי תמיד, מיט ערב־פרילינגדיקער ערד... ער איז אויפגעבראַכט דער קאַפּיטאַן פון סמערדיאַקאָוו דעם צווייטנס טויט — אַלעקסאַנדער סאַפּאַזשניקאָוו איז איבערגעפּולט געוואָרן מיט גאַל און מיט גיפט. אין יענער פאַרווייעטער שײַן פון ווערבע־צוויט וויגט זיך פאַר אלישען שוין באמת אַ נאַכט־רוצח פון אַ וואַלדוועג, וואָס וועט ניט אָפּטרעטן פון זײַן קרבן, ווײַל אויך ער, דער גזלן, האָט דאָ זײַן ווײַטערדיקן גורל אויף דער קאָרט געשטעלט. ביז אַהער־צו האָט ער, אַלעקסאַנדער סאַפּאַזשניקאָוו, אַזוי פיל פלײַס און אָנשטרענג, אַזוי פיל מי און מאַטער, אַזוי פיל ברען און פײַער ארײַנגעלייגט אויף צו באַקומען פאַר אלישען אויפן אָרט פון די פיר קליינע שטערנדלעך דעם גרויסן שטערן פון אַ מאַיאָר און שוין מיט צוויי דורכלויכטן אויף די פּאַגאָנעס, — אַרויס פון דעם מיטל און אַרײַן אין דעם העכערן אָפיצירן־שטאַנד, און במילא וועט שוין דעמאָלטן אַרויפקלעטערן אויך די שטעלע, וואָס גיט ניט נאָר מער געלט, נאָר דער עיקר מערער מאַכט... מאַכט... מאַכט!.. אויפהייבן זיך איבער וואַנקע קאַפּיטאַ און וואַסקע קראַפּיוואַ... אַ קלייניקייט! — ביז אַהער־צו, ווייסט אלישע, האָט ער, אַלעקסאַנדער סאַפּאַזשניקאָוו, מיט אַלע זײַנע מעגלעכקייטן און פעיִקייטן, מיט אַלע זײַנע כוחות אַרום אים, דעם ייִדישן שרײַבער, אַ שוואַרצע ראַם געבויט, און איצטער דאַרף ער אין איר, אין אָט דער שוואַרצער ראַם, ארײַנשטעלן אים, דעם בלוטדאָרשטיקן

יִדישן שרײַבער, אים דאָרטן פאַרגלאָזן, מיט שטיפטן פאַרקלאַפּן און אויף פינפאונצוואַנציק יאָר פאַרקיטעוועט... — אלישע פילט אַז די געפּערלע־כסטע שעה איז אויף אים אָנגעקומען. לויטן אויספאָרשערס אויספירן זיך און האַלטן, האָט זיך דאָ נאָך סמערדיאַקאָוס טויט גאָרניט געביטן. כרושטשאָוו, מאַלענקאָוו און בעריאַ האָבן אַפּנים ניט מבטל געמאַכט דעם דאָקטוירים־בילבול... און וואָס איז דאָ צו חידושן זיך? כרושטשאָוו האָט דאָך ערשט ניט לאַנג געשריבן, אלישע האָט דאָס אַליין געלייענט אין דעם בלעטל „סטאַלינסקאַיע פלעמיא", אַז „סטאַליניזם איז די העכסטע שטופע פון מאַרקסיזם־לעניניזם"... און יענע צוויי, מאַלענקאָוו און בעריאַ, יענע ביידע זײַנען דאָך יאָרנלאַנג געווען סטאַלינס געטרײַסטע דינער און באַדי־נער, — בײַ אַלע דרײַ זײַנען די הענט ביז צו די עלנבויגנס אין בלוט... קאָנען זיי דען זיך בײַטן און איבעראַנדערשן, קאָן דען דער לייב עסן גראָז און זיך פּאַשען מיטן שעפעלע אויפן פעלד? ס'איז דאָך ניט מער ווי גרויסער טרוים!

און אלישע רייכערט מיט פאַרמאַכטע אויגן, ניט אַזוי צו פאַרשטעלן זיך פון דער בלענד־שײַן, ווי וועלן זיך צוהערן צו זײַן פאַרבאָרגענעם חוש, וואָס נאָרט אים קיינמאָל ניט אָפּ... יענער חלום וואָס האָט זיך אים דאָ געחלומט, אַז ער גייט פון טורמע און אַלע טירן עפענען זיך פאַר אים, אויך אין דרויסן, אויך דאָרטן פאַרהאַלט אים קיינער ניט, ווײַל זיי, די עמגעביסטן, פון די העכסטע ביז צו די נידעריקסטע ראַנגען, זײַנען פאַרנומען מיט לעשן צווישן די הורבעס שניי די שײַטער־פײַערן... אָט דער חלום זײַנער מוז דאָך מקוים ווערן! אָבער ווען? ווען אָט דער חלום מקוים ווערן איצטער, צי אין צען, אָדער אין צוואַנציק יאָר אַרום? דעמאָלט, אין צוואַנציק יאָר אַרום, וועט ער, אלישע, שוין אַלט און צעבראָכן זײַן און ער וועט שוין סײַ ווי סײַ ניט ביכולת זײַן אויפריכטן און אויפשטעלן, וואָס ער האָט דאָרטן, אין דעם שטיינערנעם אָרון פאַר־טראַכט און זיך אַ נדר געגעבן... און צי וועט ער שוין דעמאָלטן, אין צוואַנציק יאָר אַרום, נאָך האָבן לעם זיך זי, שיינדעלען, וואָס זאָל מיט איר ליבע און געטרײַשאַפט העלפן אים שלעפן דעם שווער־אָנגעלאָדענעם פאַר־בלוטיקטן שליטן פון די טיפע שנייען אַרויס? — און ער הערט זיך אויך צו, אלישע, ווי יענער, דער קאַפּיטאַן, פרעגט אים מיט כעס: — וואָסזשע זאָגן אַלע אויף אים, אויף אלישען, נאָר ליגנס, טראַכטן אַלע נאָר אויס?

זאָגט טאַקע קיין איינער פון זיי אַ וואָרט אמת ניט? — יענעמס בלויע אײַז־גריבעלעך בליצן אויף אים, אויף אלישען, מיט געשליפענעם קרישטאָל; דורך דעם געדיכטן פאַרהאַנג דערשלאָגט זיך נאָך אַלץ צו זײַנע פינגער, וואָס קלאַפּן זיך אין די קני, פּאַסמעס לבנה־ליכט, זיי פלעכטן זיך אין דעם רויך פון זיין ציגאַר אַרײַן, — דער רויך נעמט שמעקן מיט פאַרווייעטן ווערבע־צוויט ביים ערב־פאַרטאָגיקן זונאויפשײַן; און אין יענעם אויפשײַן דערזעט ער דאָ פלוצעם דער מאַמעס, שיינדל און מאַליס אויגן. זיי קוקן אויף אים פון דאָרטן, פון דער ווײַטנס, מיט אַזאַ ליבשאַפט און מיטגעפיל, — און ער, אלישע, נייטיקט זיך דאָך איצט אַזוי, אין אַט דער־אָ גורל־נאַכט, אין אָט די דרײַ פּאָר אויגן... באַזונדערס אין אירע, אין דער מאַמעס אויגן, וואָס האָבן אים געלערנט צו זען די ערד אין איר אייביקער שיינקייט און הערן אין די אויסגעשטערנטע הימלען דעם טרויער־פרייידיקן ניגון פון דער וועלט... זי, די מאַמע זײַנע, די שיינע און שטאָלצע נאַהאַדיִערן, די טאָכטער פון דעם גביר, פון ר׳ אהרון הלוי, וואָס אַחוץ צוויי ווינטמילן, געהאַנדלט אויך מיט וואַלד, מיט פיך, געטריבן פליטן און אין די פרימאָרגנס געאַקערט אינעם טלית די ערד וואָס איז געווען ניט אויף זײַן, נאָר אויפן גויס, אויף טערען גרימײַלאַס נאָמען... זי, די מאַמע זײַנע, וואָס איז אַזוי פרי, צו זיבן און פערציק יאָר, אין אַ שבת פאַר נאַכט, פון דער וועלט אַוועק און אים, אלישען, דעם צוועלף יאָריקן, איבערגעלאָזט אַליין אויף די אָנגעשנייטע גערטענער... אין אירע, אין דער מאַמעס אויגן, זעט ער איצט טרערן. זי, די מאַמע זײַנע, וואָס האָט קיין מאָל פאַר מענטשן ניט געוויינט, זי קוקט איצט אויף איר זון, אויף דעם אָפּגעשוירענעם אַרעסטאַנט, וואָס זיצט אויף דער טאַבורעטקע מיט אַ פאַרוויסטן פּנים, און טרערן לויפן איר פון די אויגן... און דאָך, ווי תמיד, מיטן גוטן שמייכל אויף די ליפּן זאָגט זי צו אים: „שווער, אלישעלע, אוי, ווי שווער, אָבער מיר דאַרפן דאָס בײַקומען!“... אָבער ווי אַזוי קאָן ער דען, אַ פאַרשפּאַרטער דאָ, אונטערן בלינדליכט, ווו יעדער שפּאַן און טראָט ווערט געהיט און געמאָסטן, ווו מ׳קאָן זיך אַליין ניט אַ ווענד און אַ קער טאָן, ווו דער קול איז אין גאָרגל דערוואָרגן, מיט שטיינער פאַרוואָרפן — ס׳זאָל פון האַרץ דער געשריי זיך ניט קאָנען אַרויסרײַסן... און ווען אפילו יאָ, ווען דער געשריי רײַסט זיך שוין יאָ אַרויס, איז ווער וואָלט עס פון הינטער אָט די ווענט אין דער וועלט דערהערט? און צי וויל זי גאָר, די וועלט, דערהערן דעם געשריי

פון אַ ייִדישן שרײַבער אין טורמע? ווי אַזוי קאָן ער דאָ, אַ געבונדענער, בײַקומען אַזאַ ממשלת זדון?

און יענער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, דער אויסגעצויגענער, ווי געוואָלט צו עפּעס־וואָס דערלאַנגען, נאָר ניט געקאָנט אַהין־צו דערגרייכן און איז שוין אַזוי, אַן אויסגעצויגענער, אויפן גאַנצן לעבן פאַרבליבן... יענער, דער צוגעגלעט און אויסגעשפּיגלטער, שוין מיט אַ גאָר שטאַרקן פינקל אין די בלוי־געשליפענע אויגן, יענער קאָן דאָך שוין פון אויפגעבראַכטקייט קיין אָרט זיך ניט געפינען. ער לייגט איבער אויפן טיש די פּאַפּירן פון איין אָרט אויפן צווייטן, ווײַל שוין אפילו ניט הערן וואָס ער, אלישע, וויל זאָגן און אויפקלערן... אלישע פילט אַז די בייזע שעה קומט אויף אים אָן, אַז באַלד וועט ער ערשט פאַרן גרויסן נסיון געשטעלט ווערן: באַלד וועט מען אים דאָ נעמען ברעכן די ביינער... וועט ער אויסהאַלטן, וועט ער ניט אײַנגעבראָכן ווערן, וועט ער אויך, ווי די זיידעס זײַנע, די נאָענטע און ווײַטע, קאָנען אויסשטיין און בײַקומען?... — און דאָ נעמט קלינגען דער טעלעפאָן, און ווי נאָר יענער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, לייגט צו דאָס שוואַרצע טרייבל צום אויער, אַזוי זאָגט ער:

— איך גיי שוין!

לויטן גיכן ענטפער, און דער עיקר לויטן אַנגעלאָפענעם שמייכל אונטער די צוגעזשמורעטע אײַז־גריבעלעך, פאַרשטייט אלישע, אַז עמעצער פון אויבן, פון די גאָר געהויבענע, רופן אים, דעם קאַפּיטאַן, צו זיך אַרויס. די בייזע שעה, דאָס געשטעלט ווערן פאַרן גרויסן נסיון, ווערט על פּי נס אויף שפּעטער, אויף ווײַטער אָפּגערוקט. אויף מאָרגן... אלישע וואַרט אַז מ׳זאָל קומען און אים פירן אין קאַמער אַרײַן, — ס׳איז דאָך שוין אין די שפּעטע שעהען פון דער נאַכט. נאָר יענער, דער אויספאָרשער, הייסט אים אויפשטיין. פאַרלייגט אלישע די הענט אויף אַרונטער און גייט איבער די טויטשטילע קאָרידאָרן, ווו די טריט פאַרלירן זיך ווי אין אַ גרינעם מאָך אויף די זומפּן: אָט באַלד און דו וועסט אָנהייבן אַרײַנזינקען... און בײַם פאַרקערעווען אויף רעכטס עפנט זיך אין וואַנט יענע טירל און אלישע ווערט פאַרשפּאַרט אין יענעם שטיינערנעם קאַסטן, אין יענעם שטייענדיקן אָרון, ווו פון די ווענט שלאָגט מיט פראָסט און פון דעם קאַלך־ריח פאַרגייט אין די אויגן ביז טרערן.

נאָר איצטער, אין דעם שטיינערנעם קאַסטן, פילט ער שוין ניט אלישע

די קעלט און אויך ניט דעם וואָפנע־ריח; ער דערזעט זיך דאָרטן, ביי דער גרויער שיין וואָס שלאָגט פון ערגעץ־ווו אַריין אין דעם אָרון, פאַר אַ געריכט שטיין, פאַר אַ בית־דין פון דער עמגעבע, פאַר דער „טרויקע", און האַלט פאַר זיי זיין לעצט וואָרט, וואָס איז אים, אלישען, געגעבן געוואָרן פאַרן ארויסטראָגן דעם אורטייל... און ער רעדט צו זיי, צו אָט די שופטים, מיטן פייער־צאָרן פון אַ כהן, הייבט אָן פון די קדמונישע פאַרבאָטן פאַר ייִדן צו באַנוצן בלוט, — פאַר עסן בלוט קומט די האַרבסטע שטראָף... און ער דערמאָנט זיי, אַז דעם דאָזיקן בלוט־בילבול האָבן די רוימער פאַרגעוואָרפן די ערשטע קריסטן, באַשולדיקט זיי אַז אין די פּאַסכאַ־טעג נוצן זיי בלוט פון נישט־קריסטן... און שפּעטער, — שרייט אלישע פון צער און ווייטיק, — שפּעטער האָבן די קריסטן אָט דעם פינצטערן בילבול אַרויפגעוואָרפן אויף ייִדן און אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער איז אָט דער בלוט־בילבול געוואָרן אַ וועלט־טראַגעדיע, אַ טראַגעדיע ניט פון אַ יחיד, ניט פון צענדליקער, ניט פון הונדערטער, נאָר פון מיליאָנען... אַ טראַגעדיע פון אַ פאָלק! אַ טראַגעדיע וואָס גייט איבער דורות און תקופות, אָנהייבנדיק פון פולדאַ, מיונכן, פּראָג, איבערלינגען, רעגענסבורג, טריענט, דמשק און... און... ביז צו קיִעוו, ביז צו דעם שוואַרצמאהדיקן ביילים־פּראָצעס. און איצטער, — שרייט ער דאָ, דער ייִדישער שרייבער, אין דעם לאַנד פון סאָציאַליזם, און דאַרף זיך אויך דאָ וואַשן פון דעם זעלביקן בילבול? און ער וויל זיי דאָ, די ריכטער, אויך דערמאָנען ווי אַזוי דער צאַריזם, שוין ביי זיין גסיסה, האָט אַ קרימינעלן מאָרד געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ בלוט־בילבול... די שוואַרצמאהדיקע צייטונגען „רוסקאיע זנאַמיאַ" און אַנדערע האָבן אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם־אַגיטאַציע, אין קיִעוו, אין כאַרקאָוו, אין אָדעס און אין אַנדערע שטעט האָט מען גענומען פונאַנדער־וואַרפן פּראָקלאַמאַציעס „שלאָג ייִדן, ראַטעווע רוסלאַנד"! אין דער מלוכה־דומע איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַן אָנפרעג: „אַוועלכע מיטלען וועלן אָנגע־נומען ווערן כדי צו געפינען די ייִדישע סעקטע, וואָס האָט פאַרפייניקט יוש־טשינסקין"... און צי געדענקען זיי, די ריכטער, די קאָמוניסטן, וואָס לענין האָט דעמאָלט געשריבן? ס'איז זייער מעגלעך, אַז זיי האָבן עס שוין פאַרגעסן, וועט ער זיי דערמאָנען: דער ביילים־ענין, האָט לענין דעמאָלט געשריבן, האָט נאָך אַ מאָל און ווידער געוועקט די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט אויף רוסלאַנד, אויפגעדעקט די שענדלעכע

פירעכצן וואָס הערשן בײַ אונדז. קײַן שום ענלעכקייט אויף געזעצלעכקייט איז אין רוסלאַנד ניטאָ אַפילו קיין סימן. אַלץ איז דערלויבט דער אַדמיני־סטראַציע און דער פּאָליציי פאַר דער אויסגעלאַסענער און אומפאַרשעמטער יידן־פאַרפאָלגונג״... — דאָס איז וואָרט און וואָרט פון לענינס אַרטיקל „צו דער פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק״ אין דעם צוואַנציקסטן באַנד, הונדערט ניינציק זיבעטע זײַט. אָט די שטעל פון לענינס אַרטיקל קאָן ער אלישע, אויף אויסווייניק... און איר ווילט איצט, פרעגט ער בײַ זיי ווײַטער, און איר ווילט איצטער אין סאָציאַליסטישן לאַנד גיין לויט די טריט פון מאַרקאָוון, וויפּפערן און דעם מיטראָפּאָליט פלאַוויאַנען? — און דאָ עפנט זיך אויף דאָס דעקל פון דעם שטייענדיקן אָרון און אַלעקסאַנ־דער סאַפּאָזשניקאָוו פירט אים צוריק איבער די מאָך־שווײַגנדיקע קאָרי־דאָרן צו יענעם צימער מיטן אַראָפּגעלאָזטן געדיכטן פאָרהאַנג.

און אלישע דערקענט שוין ניט ווידער זײַן אויספאָרשער, — שוין גאָר אַן אַנדערער, ווי מ׳וואָלט אים דאָרטן, וווהין מ׳האָט אים אַרויסגערופן, פאַרביטן. ענלעך איז ער יאָ אויפן פריערדיקן קאַפּיטאַן: די גאָלדיק־ווייצענע האָר ווי פריער צוגעגלעט און אויסגעשפּיגלט, די אויגן, — צוויי בלויע גריבעלעך אײַז, די ליפּן ווי פריִער אין דער לינקער זײַט פאַרקרימט... און דאָך שוין גאָר אַן אַנדערער. און ער קוקט, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשני־קאָוו, אויף אלישען אזוי, ווי ער וואָלט אים דאָס ערשטע מאָל דאָ געטראָפן: אין זײַנע אויגן ניט נאָר פאַרחידושקייט, נאָר אויך שרעק... און דעם קול זײַנעם איז שוין אויך ניט צו דערקענען, — ניטאָ שוין יענע זיכערקייט און דער עיקר די עזותדיקייט... עפּעס גאָר וויכטיקס און וואָגיקס איז דאָרטן, פון אויבן, געשען פאַר אים, פאַר אלישען. און לויט דעם קאַפּיטאַנס בלייך געוואָרענע הענט, לויט די אויסגעגלײַכטע פינגער זײַנע איז צו זען, אַז הײַנט וועט מען אים, אלישען, די ביינער דאָ שוין ניט ברעכן. און דער אויספאָרשער, די ליפּן נאָך שטאַרקער אויף לינקס און אויף אַראָפּ פאַרקרימט, נעמט אַ נייעם בויגן פּאַפּיר:

— ווי און ווען, פרעג איך דיך נאָך אַ מאָל, האָסטו געזאָגט אַז יידן האָבן שוין געגנוג געגעבן זייער בלוט די קריסטן און אַז זיי, די יידן, וואָלטן שוין באַדאַרפט נעמען בײַ די קריסטן אַ ביסל בלוט? — איך האָב עס, קאַפּיטאַן, אין ערגעץ, און קיין מאָל, און קיינעם ניט געזאָגט, און איך האָב עס ניט געקאָנט זאָגן.

— האָט עס פינטשעווסקי אויסגעטראַכט ?

— אויסגעטראַכט. ס׳איז אַ ליגן פון אָנהייב ביזן סוף.

— צוליב וואָס האָט ער עס באַדאַרפט אויף דיר אויסטראַכטן ?

— הער, קאַפּיטאַן, אויב דו ווילסט וויסן דעם אמת ? אין די מלחמה־יאָרן האָב איך פינטשעווסקין ניט געזען און פון אים ניט געהערט. נאָך דער מלחמה, אין 1947 יאָר האָב איך זיך אומגעקערט פון דער אַרמיי אַהיים, קיין קיעוו. פינטשעווסקי האָט דעמאָלט געוווינט אין טשערנאָוויץ. אין איינעם אַ טאָג שטעלט ער זיך צו מיר אַרײַן און בעט מיך, אַזוי ווי ער ווייסט הײַנט לייענען זײַן נײַע פּיעסע פאַר אַקטיאָרן און שרײַבער, בעט ער מיך בײַזײַן. בין איך געקומען. האָט ער געלייענט אַ דראַמע וועגן אַ רוימישן פּויפּסט אינאָקענטי, וואָס איז שטאַרק קראַנק געוואָרן און שוין געהאַלטן בײַם שטאַרבן. נאָר דער דאָקטער זײַנער, דער ייִד, האָט דאָ דערפונדן דעם היילמיטל פון טראַנספוזיע און ער, דער ייִד, איז דאָ געוואָרן דער ערשטער דאָנאָר אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און געגעבן און איבערגערגאָסן זײַן בלוט דעם פּויפּסט, וואָס איז גלײַך געזונט געוואָרן און זיך געשטעלט אויף די פיס... נאָכן איבערלייענען אָט די פּיעסע, האָב איך גענומען אַ וואָרט און גערעדט וועגן די קינסטלערישע שוואַכקייטן און אויך געזאָגט, אַז די מעשה מיטן ייִדישן דאָקטער, וואָס האָט דער ערשטער אין דער געשיכטע פון דער מעדיצין דערפונדן די טראַנספוזיע, איז אַן אויסגעטראַכטע און האָט אונטער זיך קיין שום היסטאָרישן באָדן ניט. נאָכן אָוונט, בײַם ארויסגאַנג האָט מיר פינטשעווסקי געזאָגט : „איך וועל עס דיר ניט מוחל זײַן !” אָט האָסטו, קאַפּיטאַן, דעם ריינעם אמת !

ביידע זיצן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, — צוויי מענטשן פון גאָר פאַרשידענע, פון גאָר ווײַטע און פרעמדע וועלטן... ביידע שווײַגן. אלישע לייגט גלײַך אַרויף די שווײַג־רגע אויף דער וואָג־שאָל. ער פילט אַז אין אָט דער פּאָר טאָגיקער רגע ווערט ערגעץ אויבן געבראָכן די גזירה אויף די ייִדישע דאָקטוירים, ס׳ווערט דאָרטן אין אָט דער רגע בטל נאָך אַ בלוט־בילבול אויף ייִדן... בײַ אלישען, ווי תמיד פון אויפרעגונג ווען ער דערפילט עפּעס אַזוינס, וואָס מיט ווערטער קאָן ער עס ניט דערקלערן, און ווען ער זאָגט עס אויף אַ קול אַרויס וואָלט מען אים פאַר אַ חסר־דעה געהאַלטן ; בײַ אים, בײַ אלישען, פון אויפרעגונג ווערט אין האַלדז איבער־געטרוקנט. ס׳ווערט אים שווער צו אָטעמען. ער האַלט אָבער אין איין

רייכערן... און ביי יענעם, ביי אַלעקסאַנדער סאַפּאַזשניקאָוון, לייגן זיך באמת דריי טיפע קנייטשן אויפן שטערן, — ניט פון מחשבה, נאָר פון זאָרג... ער ווייסט דאָך וואָס מ'האָט געטאָן מיט יענע אויספּאַרשערס נאָך יעזשאָוון, נאָכן בלוטיקן זיבן און דרייסיקסטן יאָר. בעריאַ האָט זיי דעמאָלטן אַלעמען פאַרשיקט אין די לאַגערן און אויף זייערע ערטער אַוועקגעשטעלט נייע, זיינע מענטשן... מסתמא שטייען שוין אויך איצטער דאָ פון אויבן בעריאַס לייט... און ער ווייסט שוין, אַלעקסאַנדער סאַפּאַזשניקאָוו, אַז זיינע טעג דאָ זיינען געציילטע. און דאָך גלייבט ער ניט, אלישע, אַז אָט דער אַלעקסאַנדער סאַפּאַזשניקאָוו, וואָס האָט די לעצטע יאָרן פאַרנומען דאָ, אין דעם פינפטן אָפּטייל פון דער עמגעבע, אַזאַ וויכטיקע שטעלע, געווען דער מומחה אויף יידישע פראַגן, וואָס האָט פאַרשיקט יידישע שרייבער פון אוקראַינע אין די אומקום־לאַגערן, אַז ער, אַלעקסאַנדער סאַפּאַזשניקאָוו, כל־זמן ער זיצט נאָך אויפן אויספאָרשער־בענקל, וועט אים, אלישען, אַזוי גיך און אַזוי גרינג פון זיינע הענט אַרויסלאָזן. ער וואַרט, אלישע, אויף אַ נייעם, אָנפאַל... נאָר יענער, נאָך דער שווערער רגע שווייגן, פרעגט...

— און די פּיעסע זיינע, פינטשעווסקיס, האָט דער טעאַטער אָנגענומען?

— ניין, קאַפּיטאַן, מ'האָט זי ניט אָנגענומען.

— און פינטשעווסקין האָסטו טאַקע ניט געזאָגט קיין איין וואָרט, אַז יידן האָבן שוין גענוג געגעבן זייער בלוט די קריסטן און זיי, די יידן, וואָלטן שוין באַדאַרפט נעמען ביי די קריסטן אַ ביסל בלוט?

— קאַפּיטאַן, איך האָב דיר שוין געזאָגט, ס'איז ליגן און בילבול!

יענעמס צוויי בלויע גריבעלעך אייז ווערן מיטאַמאָל גריך. און ער קוקט מיט זיי אויף אלישען אַזוי, ווי געזאָגט: „אָט באַלד גלייב איך דיר... נאָר דו האָסט מזל!" — און ער שרייבט דעם פּראָטאָקאָל, און זייער קורץ, און שוין גאָר כבוד־לשונדיק: ער, אלישע, אַנערקענט ניט די באַשולדיקונג אין וועלכער פינטשעווסקי באַשולדיקט אים. ביים איבערלייענען דעם פּראָטאָקאָל, פאַלט אלישען אַראָפּ דער אָנגעגליטער שטיין פון דעם האַרצן, און ער דאַנקט גאָט פאַרן גרויסן נס וואָס געשעט דאָ... יענע דריי פּאָר אויגן, דער מאַמעס, מאַליס און שיינדלס שטייען ווידער פון דער ווייטנס און שמייכלען צו אים. דאָס מאָל שטייען טרערן אין שיינדלס אויגן. דער מאַמעס אויגן שיינען ווי אין יענער נאַכט ווען ער, אלישעלע, האָט אין דער בלאָטע דאָס געליענע גאָלדענע פינפערל געפונען. און אויך שמואל־

יאָסלס קול דערהערט ער דאָ „גורל, אלישע, גורל!" פּרוּווט נאָך אלישע צו ראַנגלען זיך מיט אים, מיטן אויספֿאָרשער, פֿאַרן וואָרט „ניט"; ער ווייסט אלישע אַז דעם „ניט" וועלן זיי קאָנען זייער גרינג אַרויסוואַרפֿן און ס׳וועט פֿאַרבלײַבן: „ער אלישע אָנערקענט די באשולדיקונג"... ניין, ער פֿאָדערט פֿון אים, פֿון אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוון, אַז אויפֿן אָרט פֿון דעם „ניט" וואָס איז אַזוי ענג אַרײַנגעשטעלט געוואָרן, זאָל אָנגעשריבן ווערן אַזוי: „פּינטשעווסקיס באַווײַזן אַז ער, אלישע האָט געזאָגט ייִדן וואָלטן שוין באַדאַרפֿט נעמען בײַ קריסטן אַ ביסל בלוט", איז ליגן און בילבול! אָבער אויף דעם גייט אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו ניט אײַן. ער וויל אויך ניט, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, געבן איבערלייענען פּינטשעווסקיס צווייטן באַווײַז פֿון זײַן, אלישעס, נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם... שפּאַרט זיך מיט אים אלישע מער ניט, ווײַל מ׳איז שוין געקומען אים נעמען אין קאַמער אַרײַן און ער האַלט זיך שוין קוים, אלישע, אויף די פֿיס, און אין די אויגן פֿילט ער אַ ווייטיק. פֿאַרן אַרויסגיין זאָגט ער:

— קאַפּיטאַן, פֿאַרוואָס האַלט איר מיך אין טורמע? איר ווייסט דאָך אַז איך בין אין גאָרניט ניט שולדיק! דו ווייסט דאָך, קאַפּיטאַן, אַז איך זיץ דאָ אין טורמע נאָר דערפֿאַר וואָס איך בין אַ ייִדישער שרײַבער.

און אלישע וואָרט אַז דאָ, ווי תמיד, וועט באַלד קומען ווי אַן ענטפֿער דאָס אומפֿאַרשעמטע, דאָס הפקר־אויסגעלאַסן זידל־וואָרט, וואָס אַפֿילו צווישן די סאָלדאַטן, אין דער מלחמה־צײַט, האָט עס אלישע ניט געהערט. נאָר דער קאַפּיטאַן שווײַגט, ווערט פֿאַר אלישען יענעמס שווײַגן אויך אַ גוטער סימן. דערצו נאָך זעט ער, אַז געקומען נאָך אים איז שוין נאָר איין סערזשאַנט, און אַ פּנים חדשות. נאָך ביז אהער־צו מיט אים ניט געגאַנגען. און נאָך אַ גרויס געשעעניש אין יענעם פֿאַר טאָג: אַרויס אין הויף אַרײַן, ווו ס׳שיט אַ שניי, דערנעענטערט זיך דער סערזשאַנט און פֿרעגט בײַ אלישען אויפֿן אויער:

— פֿאַרוואָס זיצסטו?

— דערפֿאַר וואָס איך בין אַ ייִדישער שרײַבער.

— מער פֿאַר גאָרניט?

— ניין. מער פֿאַר גאָרניט?

— גיי פֿאַמעלעך. נעם זיך אָן מיט פֿרישער לופֿט.

אלישע, דער אָפֿיציר, ווייסט סאַראַ סכנה פֿאַר אַ קאַראַוּלנעם צו פֿאַרפֿירן

אַ שמועס, אויסרעדן אפילו אַ וואָרט מיט אַן אַרעסטירטן, און דערצו נאָך מיט אַ פּאָליטישן, און נאָך אין דער טורמע פון עמגעבע... פֿאַר אזוינס קאָן מען געשטעלט ווערן פֿאַרן מיליטערישן געריכט. אלישע זאָגט אים ביז גאָר שטיל:

— אַ גרויסן דאַנק דיר, ברודער! — און גיט צו. — נאָכן פֿאַרהער בלײַבט איבער צו שלאָפן אַ שעה, אָדער צוויי, אָבער די וואַך בײַ די טירן וועקן אַלע מאָל, לאָזן ניט שלאָפן. דאָס האָלטסטו די הענט ניט אזוי, אָדער דײַן פּנים איז פֿאַרשטעלט פון דער שײַן... — האָט ער אויף דעם אלישען ניט געענטפערט. נאָר אין יענער נאַכט האָט מען אים, אלישען, ניט געוועקט. יענער סערזשאַנט האָט אים אָבער שוין מער ניט באַגלייט, און ער האָט אים שוין מער, אלישע, ניט געזען. איז חלילה מיט יענעם מענטשן עפּעס־וואָס געשען? האָט דעמאָלטן עמעצער באַמערקט זײַן רעדן מיטן אַרעסטאַנט? געבענטשט זאָל יענער זײַן, און גאָט זאָל זײַן מיט אים ווו ער געפינט זיך און וווהין ער, יענער מענטש, וועט זיך קערן און ווענדן.

# כג

און יענע צוויי תפיסה־שטראַלן אויף דער וואַנט, איבער זײַן אײַנגעפאַלן בעטל, — די איין און איינציקע צײַט־ווײַזערס אין זײַן דלד־אמותדיקן לעבן, ווערן מיט יעדן טאָג לענגער און פולער, די זון, די גרויסע האָרעפּאַש־ניצע פון דער וועלט, גיסט זיך אָן מיט יענעם גאָלד פון פרילינג, וואָס טרייסלט אויף אלישעס נשמה, רופט אין אים אַרויס פרייד, גלייבן און ציטערדיקע ליבשאַפט צו דער ערד... איבער יענע צוויי באַגילדטע תפיסה־שטראַלן טראָגט זיך שוין אַדורך אַ שאָטן פון אַ באַבעלע, פון דער קראָפּיווי־ניצע, וואָס איז דעם גאַנצן ווינטער אונטערן שניי געשלאָפן און מיט די ערשטע חיות־שטראַלן צעשפּרייט אירע בונטע פליגלען און זיך אַוועקגע־טראָגן איבער די ערשטע פריִיאָר־וואַסערן; זי, די קראָפּיווניצע, ברענגט דעם ערשטן פאַרביקן גרוס פון פרילינג... אין אָט די טעג פלעג ער, אלישע, אַרומבלאָנקען בײַם באַבי־יאָר, שטיין בײַם דניעפּער, ווו ס׳ברעכט זיך דאָס אײַז, פאַרגיין אין וואַלד אַרײַן, ווו דער שניי שוואַרצט זיך און ס׳שמעקט מיט די ערשטע האָניק־ריחות פון יוירנדיקע אָסיקע־קנאָספּן, ווו די אָלכעס טוען זיך אָן אין די רויט ברוינע אויעררינגלעך, ווו פון דער טיפער ווײַט הערט זיך ווי דער פּיקהאָלץ קלאַפּט אויס זײַן אומרויִקע פרילינג־ליד. און לענגאויס די ליכטיקע בערעזעס פליִען די קרוינשנעפּן, און בײַם זון־זעצן־זיך שאַלן די בושלען... — בײַ יענע צוויי תפיסה־שטראַלן, בײַ יענעם שאָטן פון דער באַבעלע, האָט ער שוין געזען, אלישע, יענעם באַיאַר וואָס גייט פון דער מלחמה אהיים אַ שווער פאַרוווּנדעטער און שפּרינגט אַריין אויף די מיליצעס אין שטעטל אַרײַן און טרעפט דאָרטן זײַן שוועסטער אויף דער שטובשוועל ליגן אין בלוט, און די קליינע קינדער אירע שרײַען און וועקן זייער געהרגעטע מאַמע... ער האָט שוין דאָרטן, אלישע, בײַ יענע צוויי תפיסה־שטראַלן געזען דעם באַיאַר שטיין אין דעם ערב־ווינטער־דיקן וואַלד, אין דעם ווילד־ווינטיקן, אינמיטן דער נאַכט, אונטער די קאַלט־פרעמדע הימלען, די אויגן פאַרלאָפן מיט ביטערע ווײ־טרערן, דאָס

האַרץ שלאָגט זיך אים אין אַ בלוטיקן טרויער און ווען ניט די מיליצעס, וואָס האַלטן אים אונטער, וואָלט דער באַיאַר געפאַלן מיטן פּנים אין זאַמד אַריַין... — דעמאָלט, בייַ יענעם שאָטן פון דעם באַבעלע אויף די צוויי באַגילדטע תּפֿיסה־שטראַלן, וואָס ברענגען גרוסן פון ווייַטע פּרילינג־דיקע וועלטן, — פון וואַלדשנעפּן ערגעץ בייַ די אַנגעוואַסערטע דניעפּער־לעוואַדעס, פון טעטרע־הענער, שוין שווער־פאַרווונדיקטע, וואָס רייַסן ניט איבער זייער ליבע־ליד ביז צום פאַלן טויט פון די פאַרטאַגיקע יאַדלעס אויף די שוואַרץ־האַרטע שנייַען ; דעמאָלט, זעענדיק ווי דער באַיאַר שפּרינגט אויף די מיליצעס אין דער ערב־ווינטערדיקער נאַכט, אונטער די רייַך־אויסגעשטערנטע הימלען, ווו ס׳שווימט מיט אַמאָל אַרויס פון אײנער פון יענע גרין־באַזילבערטע סאַזשלקעס אַ גרויסע כמעט אַ קייַלעכדיקע לבֿנה, דעמאָלט עפּנט זיך דאָ אויף די שווערע קאַמער־טיר און מ׳שטופּט אַרייַן זייַן, אלישעס שכן, דעם פויער־קוילנגרעבער, פיאָדאָר מיכייַלאָוויטשן מאַסליאַק אין אַ ביז גאָר קלאָגעדיקן צושטאַנד.

און ס׳איז שוין בכלל אויף אים, אויף מאַסליאַקן, קיין מראה ניטאָ, די אויגן אַפילו שוין ניט קיין דערשראָקענע, נאָר ווייַסע, אָן שוואַרצאַפּלען, די ליפּן אויך ווייַסע און ווייַטיקדיק־אויסגעקרומטע ; און ער שטייט אַ פאַרלוירן־אומבאַהאָלפענער אין מיטן דער קאַמער, די פיס צעשפּרייט, האַלט אונטער מיט בײדע הענט די הויזן און ציטערט מיט אַ ציטערניש פון טרויער־ווערבע אויפן ווינט. פון דעם אוויר וואָס שלאָגט פון אים, האָט שוין אלישע מיט פיאָדאָר מאַסליאַקן ניט וואָס צו רעדן און וואָס בייַ אים צו פרעגן. און יענער שטאַמלט און פאַרענטפערט זיך :

— פּראָבאָטשטע, אַנטשולדיקט... פון דערשרעק... דער מאַיאָר האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיר מיט די קולעקעס... האָב איך... כ׳האָב ווידער אונטערגעשריבן אַז כ׳בין אַ שפּיאָן... פּראָבאָטשטע מעני, אַנטשולדיקט מיר !

און אלישע קאָן דאָ פיאָדאָרן מיט גאָרניט ניט העלפן. גייט ער צו דער טיר און קלינגט, — רופט די וואַך. ער האָט עס ביז אַהער ניט געטאָן, קיין איין מאָל זיי ניט גערופן און בייַ זיי גאָרניט ניט געבעטן. איצט קלינגט ער און רופט זיי, און אַז דאָס פענצטערל אין טיר עפנט זיך און אײנער פרעגט, וואָס איז דאָ געשען ? זאָגט אים אלישע, אַז מ׳דאַרף דעם אַרעסטאַנט פיאָדאָר מאַסליאַקן אַרויספירן פון קאַמער אין טואַלעט אַרייַן און געבן אים דאָרטן די מעגלעכקייט אַרומוואַשן און זיך איבערטאָן. דאָס טירל

פֿאַרמאַכט זיך. יענער איז, אַפּנים, אַוועק פֿרעגן בײַם דעזשורנעם אָפֿיציר. אלישע גלייבט ווייניק־וואָס, אַז זיי וועלן נעמען מאַסליאַקן אין טואַלעט אַרײַן. אויף דעם איז דאָ פֿאַראַן די פּאַראַשע און איבערטאָן קאָן מען זיך אויך אין קאַמער. אָבער צו זײַן גרויס פֿאַרווּנדערונג עפֿנט זיך די טיר, און מ׳פֿירט אים יאָ, מאַסליאַקן, פֿון קאַמער אַרויס. און אלישע בלײַבט איינער אַליין. יענע צוויי שכנים האָבן זיך נאָך פֿון זייערע אויספֿאָרשערס ניט אומגעקערט, דעם בוכהאַלטער האַלט מען דאָרטן כמעט קײַלעכדיקע מעת־לעתן, ער באַווײַזט און דערקלערט זיי, ווו אויף וועלכן אָרט, און ווי אַזוי די פֿאַלשקייטן זײַנען געפֿירט און אין די רעכן־ביכער פֿאַרשריבן געוואָרן... און אויך דעם קינסטלער האַלט מען לאַנגע שעהען אויפֿן פֿאַרהער. יענער דערציילט שוין אָבער ניט וואָס מ׳פֿרעגט אים דאָרטן, און וואָס מ׳וויל זיך פֿון אים דערשלאָגן.

דער שאָטן פֿון דעם באַבעלע איז שוין פֿון די צוויי באַגילדטע תּפֿיסה־שטראַלן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. אלישע זעט שוין אויך ניט דעם באַיאַר אין דער נאַכט שפּרינגען אויף די מיליצעס אין וואַלד, ער זעט שוין נאָר פּיאָדאָר מאַסליאַקן, דעם אומגליקלעכן פּויער־קוילנגרעבער, וואָס האָט ווידער אונטער די קלעפּ זיך מודה געווען אין שפּיאָנערײַ... איצט איז שוין זײַן גורל געחתמעט. איצט וועט ער שוין אַוועקגיין אויף פֿינף און צוואַנציק יאָר קאַטאָרגע. ער וועט דאָרטן מער ווי אַ יאָר ניט אויסהאַלטן און פֿאַלן. קיינער פֿון זײַן משפּחה אין פֿראַנקרייך וועט אַפֿילו ניט וויסן, וואָס איז דאָ מיט אים פֿאָרגעקומען... אין גיכן קערט ער זיך אום, פּיאָדאָר, אַן איבערגעטאָענער און נעמט זיך צונויפֿלייגן זײַנע זאַכן. און אויך דעם געלעגער נעמט ער צונויפֿוויקלען.

— וווּהין ? — פֿרעגט אים אלישע.

— איך ווייס ניט. גאָט דער אייביקער ווייסט...

נעמט אלישע צו טיילן די פּראָדוקטן, וואָס ער האָט פֿון שיינדלען באַקומען. טיילט זיך מיט מאַסליאַקן האַלב אויף האַלב. ער וואָלט אים אָפּגעגעבן אינגאַנצן, ווייסט ער אָבער ניט, אלישע, וואָס מאָרגן, צי אין אַ שעה אַרום, קאָן מיט אים אַליין דאָ געשען. מאַסליאַק קוקט ווי אלישע טיילט זיך מיט אים און שווײַגט. דערנאָך נעמט ער אַרום אלישען און זאָגט אים: יאָ וואָס ניקאָלע נע זאַבודו, איך וועל אײַך קיינמאָל ניט

פאַרגעסן! — און פיאָדאָר מיכײַלאָוויטש מאַסליאַק גייט אַרויס פון קאַמער און גייט אַרײַן, שוין אויף תמיד, אין אלישעס לעבן.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום נעמט מען אויך צו פון דער קאַמער דעם בוכהאַלטער, וואָס האָט אַלע נעכט פאַרן שלאָפן גיין געקלאַפּט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ אַרײַן: „אַלטער נאַר, אַלטער טיפּש!" — און דערנאָך זיך אַליין פאַרענטפערט: „אדם קרוב לעצמו"... ער איז אַוועק, דער בוכהאַל־טער, אויף פופצן יאָר אין די אומקומלאַגערן. און אלישע פאַרבלײַבט נאָר מיט אים, מיטן יונגען קינסטלער, וואָס האָט שוין אויך באַקומען ווילד־דערשראָקענע אויגן, מאָלט מיטן ווײַזפינגער, ווי מיט אַ פּענדזל, אין דער לופטן, מאָלט מיט מינעס און הוויות, מאַכט אַלע מאָל אַ פּאָר טריט אויף אַהינטער און קוקט זיך אײַן אין דעם „געמעל"; באַלד קערט ער זיך אום אויף זײַן אָרט, פאַרוואַרפט מיט אַ טרייסל פונעם קאָפּ די האָר פון די אויגן, און נעמט זיך ווײַטער מאָלן מיט ברען און עקשנות.

— ווּעמען מאָלט איר? — פרעגט ביי אים אלישע.

— די מאַמע!... — און ער בלײַבט שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. — וואָס וועט דאָ זײַן מיט איר? וואָס וועט דאָרטן זײַן מיט מײַן מאַמע? זי וועט עס דאָך ניט איבערטראָגן... זאָגט מיר, איר זענט דאָך אַ שרײַבער, ווי אַזוי לעבט מען אין אָט דער־אָ וועלט? — לעוו טאָלסטאָי וואָלט אים געלערנט: ניט ווערן זיך קעגן בייז... מאַקסים גאָרקי וואָלט אים געלערנט: אויב דער שונא גיט זיך ניט אונטער, פאַרניכטעט מען אים... און גאָרקיס נײַער לערער, דער פאָטער פון די פעלקער, סמערדיאַקאָוו דער צווייטער, האָט אַפילו די קענגער זײַנע, וואָס האָבן זיך אים אונטערגעגעבן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אים אויף די קני, אויך זיי האָט ער אומגעבראַכט. און ניט נאָר זיי, נאָר אויך די, וואָס קאָנען אַ מאָל ווערן קעגנער, האָט ער אומגעבראכט אין די הונדערטער טויזנטער. און אויך אים אַליין, גאָרקין, דעם גרויסן פרײַנד זײַנעם, האָט סטאַלין באַצײַטנס, נאָך פאַר אַלע פּראָצעסן אָפּגעראַמט פון וועג.

און שפּעטער, נאָך אין אַ פּאָר טעג אַרום, באַלד נאָכן אָנבייסן, שוין אין דעם גאָר אָנהייב פון טאָג, פירט מען אים, אלישען, אַהין, אויפן דריטן גאָרן, צו יענעם ווינקל־צימער, ווו דער פענצטער איז תמיד פאַרשטעלט מיטן געדיכטן פאָרהאַנג. און דאָרטן באַגעגנט אים דער אויספאָרשער מיט אַ קאַלטן פּנים:

— הײַנט איז דיר פֿאַרווערט צו רייכערן!

ווערט אלישע דערשראָקן: פֿאַרן אַרעסטירט ווערן האָט ער געלייענט אַ בוך וועגן דער „קליקע טיטאָ־ראַנקאָוויטש", וואָס האָבן פֿאַרוואַנדלט יוגאָסלאַוויע אין אַ פֿאַשיסטישן גיהנום, ווו דאָס פֿאָלק ווערט אונטערדריקט און פֿאַריאָכט, ווו ס'איז ניטאָ קיין פֿרײַהייט פֿון וואָרט, ווו קיינער איז ניט זיכער מיטן מאָרגן, ווו מ'רײַסט זיך אַרײַן אין די נעכט אין די הײַזער, מ'שלעפּט אַרויס מענטשן פֿון די בעטן, מ'נעמט זיי צו פֿון ווײַב און קינדער און קיינער ווייסט ניט וווהין זייער געביין קומט אַהין... דאָרטן, אין יענעם בוך וועגן דער „פֿינצטערער כנופֿיה טיטאָ־ראַנקאָוויטש", ווו אין די טורמעס פֿאַרפּײַניקט מען מענטשן אויף טויט, מ'צווינגט זיי דאָרטן, אין די יוגאָסלאַווישע טורמעס, אונטערשרײַבן און זיך מודה זײַן אין ניט באַגאַנגענע פֿאַרברעכנס, ווו דאָרטן, אין די טורמעס, גיט מען אַזוינע נאָדלען אַזעלכע אײַנשפּריצונגען, וואָס נעמען אָפּ ביים אַרעסטירטן דעם שכל, מאַכן אים פֿאַר אַ האַלבן אידיאָט... ער ווערט נאָכגיביק, דערציילט אַלצדינג וואָס ער ווייסט, וואָס ער האָט נאָר ערגעץ־ווו און פֿון עמעצן געהערט... און דאָרטן, אין יענעם בוך, האָט אלישע געלייענט, אַז נאָכן געבן אים, דעם אַרעסטירטן, די נאָדל, פֿאַרווערט מען צו רייכערן... ווײַל דאָס רייכערן פֿירט אַרויס דעם אַרעסטירטן פֿון דעם אַפּאַטיע־צושטאַנד, פֿון דער נאָכגיביקייט.

— קאַפּיטאַן, פֿאַרוואָס טאָר איך עס הײַנט ניט רייכערן? ס'קאָן מיר ניט פֿאַרווערט ווערן...

— הײַנט ווערט דיר פֿאַרווערט צו רייכערן!

און דאָ, ווו אומישנע געלאָזט אָפֿן די טיר, דערזעט אלישע, אַז איינער אין אַ ווײַסן כאַלאַט, אין אַ ווײַס היטעלע אויפֿן קאָפּ, אין האַנט אַ פּירקאַנטיק קעסטעלע מיט אַ רויטן צלם, גייט גיך איבער די גרין־פּליושענע שטעג־טעפּעכלעך און דערנעענטערט זיך דורכן קאָרידאָר אַהער־צו... פֿאַר אלישען איז קיין ספֿק ניט, אַז יענער וועט באַלד אַרײַנגיין און מ'וועט אים, אלישען, מיט גוואַלד אַ נאָדל געבן. בלײַבט פֿאַר אים, פֿאַר אלישען, דער איין און איינציקער מיטל: אַרויסוואַרפֿן אַלץ פֿון קאָפּ, פֿון גאָרניט ניט טראַכטן און אָנזאָגן זיך: אויף אַלע פֿראַגעס ענטפֿערן, „איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, איך ווייס ניט!" — נאָר אויפֿן אָרט פֿון יענעם אין דעם ווײַסן כאַלאַט, קומען אַרײַן דרײַ אַנדערע.

די ערשטע גייט אַריַין אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט אַ פּנים פון אַ פאַרזעסענער מויד; נאָך איר אַ גענעראַל, אַ נידעריקער, אַ ברייטביינעיקער, שוין אין די יאָרן, אַ גרויער, מיט אַן אונטערגעהויבענעם אַקסל, ווי געוואָלט זיך דורכשטופּן און פון ערגעץ ארויסגיין... דער דריטער, אַ מאַיאָר, אויך אַ הויכער, און אויך אַ שמאָלער. די פרוי זעצט זיך ביַים טיש, לעם אויספאָרשער, און דער גענעראַל מיטן מאַיאָר זעצן זיך אויפן דיוואַן. און אלישע, שוין אַ באַרויקטער, — פאַר די אויגן פון אַ גענעראַל און באַזונדערס פאַר א פרוי, וועט מען אים דאָ גאָרניט ניט טאָן, — זיצט ער אויף זיַין טאַבורעטקע ביַי דער טיר, די פינגער פון די הענט קלאַפּן זיך אין די קנעכל, און באַטראַכט אָפּן די דריַי, וואָס זיַינען נאָרוואָס אין זיַין צעוויכערטן לעבן אַריַין, — וואָס וועלן זיי אַלע צוזאַמען און איטלעכער באַזונדער דאָרטן טאָן? און ער, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוו, ווי אַ גאַסט־אויפנעמער און ווי איינער וואָס פאַרבעט צום טיש און וועט באַלד מכבד זיין מיט אַן אויסנעמלעכן געריכט... ער וואַרט צו ביז יענע דריַי לייגן אַוועק פאַר זיך בלאַקנאָטן און נעמען בליַיערס אין די הענט אַריַין אויף פאַרשריַיבן און צו פאַרנאָטירן. דערנאָך זאָגט ער צו אלישען:

— דער היַינטיקער פאַרהער וועט געפירט ווערן אין ביַיזיַין פון דעם פאַרטרעטער פון דעם הויפּט־פּראָקוראָר פון אוקראַינע, — און וויַיזט אויף דער פרוי. ווי זיך שפּעטער דערוווּסט, איז איר פאַמיליע־נאָמען געווען אוסאָווא. וועגן יענע צוויי, וועגן דעם גענעראַל און מאַיאָר, זאָגט ער, דער קאַפּיטאַן, גאָרניט. און אלישע, ווי נאָר דערהערט אז יענע, די פרוי, איז די פאַרשטייערין פון געזעצלעכקייט, דערצו נאָך די פאַרשטייע־רין פון דעם גענעראַל־פּראָקוראָר פון אוקראַינע, פון ראָמאַן רודענקאָ אליין, אזוי ווענדט ער זיך תיכף צו איר:

— דערלויב מיר רייכערן!

טוט זי א שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ און אלישע, ניט געקוקט אויפן שטרענגן און פאַרווערטן בליק פון די בלויע צוויי גריבעלעך איַיז, נעמט אַרויס אַ ציגאַרעט און פאַררייכערט... און דער קאַפּיטאַן הייבט זיך אויף, רוקט א ביסל אָפּ דעם געדיכט־שווערן פאָרהאַנג און עפנט די פאָרטקע פונעם פענצטער. און באַלד הייבט זיך אָן דער פאַרהער און דער אויספרעג, דאָס גראָבן און גריבלען זיך אין אלישעס לעבן און שאַפן... און ווידער אַלץ פון אָנהייב, און ווידער פון דעם ערשטן טאָג פון זיַין געבוירן ווערן...

און וואָס קאָן ער זיי דאָ זאָגן, אלישע, פון וועגן יענעם חצי־אלולדיקן פּאַרנאַכט אינעם פּאָלעסיער דאָרף, ווו זײַן מאַמע, די זעקס און דרײַסיק־יאָריקע ליבע־שרה, די טאָכטער פון ר׳ אהרן הלוי האָט אים, שוין דאָס אַכטע קינד, בײַם פּאָרען זיך אויפן גאָרטן געבאָרן און זײַן ערשטער געשריי דאָ, אויף דער ערד, איז ארײַנגעפאַלן אין דעם טומל און געפּילדער פון די שאַרעס פייגלען בײַ די סטאַוון, וואָס האָבן זיך אין ווײַטן וועג אַרײַן, צו די וואַרעמע לענדער געקליבן אָפּפליען.

— כ׳בין געבוירן געוואָרן אין טויזנט נײַן הונדערט אַכטן, — זאָגט זיי אלישע, הגם זיי ווייסן עס שוין אַליין גוט, ווײַל ס׳איז שוין אין צענד־ליקער פרעגבויגנס פאַרשריבן. — געבוירן געוואָרן אין דעם פּאָלעסיער דאָרף וואָסקאָוויטשי.

— זײַנען מיר „זעמליאַקעס״ — רופט זיך אָן דער גענעראַל. — איך בין אויך אַ וואָסקאָוויטשער. ווו איז דאָרטן געשטאַנען אייער שטוב?

— קיין אייגענע שטוב האָבן מיר ניט געהאַט. מיר האָבן געוווינט בײַ כוועדאָר מאַזורעצן.

— פון וואָס האָט איר דאָרטן געלעבט? — פרעגט שוין ווײַטער דער מאַיאָר, ווײַל דער גענעראַל שרײַבט עפּעס אין זײַן בלאַנקאַט אַרײַן.

און וואָס קאָן ער, אלישע, אויף דעם ענטפערן אָט די פיר, וואָס רינגלען אים אַרום פון אַלע זײַטן, וואָס לאָקערן אויף זײַן איטלעכן וואָרט און ווילן אים בײַ א ניט פּינקטלעכקײַט, בײַ אַן אויסגעגליטשט וואָרט כאַפּן... וואָס קאָן ער זיי זאָגן פון וועגן זײַן טאַטן, דעם ייִדן מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אונטער דעם „געקאַטשעטן״ קאַשקעט צו אַלע ווײַטסטע ווײַטן געקוקט און געוואַרט אויפן אָנקומען פון דעם גאולה־ברענגער: ער מוז דאָך, דער אויסלייזער קומען, ווײַל ער, מאיר אריהס, דער כעסן און שרײַער, קאָן שוין מער ניט אָפּקומען מיטן לערנען די קינדער דיני־דלפנות — די קינדער הערן אויס און בעטן ברויט... זײַן טאַטע מיט די אומרויִקע פיס און מיט די גאולה־זוכערישע אויגן איז אַרומגעלאָפן מיטן בעזמען אין קעשענע און מיטן קוליאַקל אונטערן אָרעם, איבער די יאַרידן און מאַרקן, געהאָפט אז אָט־אָט וועט ער כאַטשבי באַגעגענען דעם האַרציקן און גוטן אליהו הנביא, וואָס וועט פאַר אים אָפּשנײַדן אַ שטיקל פון זײַן גאַרטל — אַ סגולה צו פרנסה, אַ שטיקל ברויט פאַר די קינדער. אלישע וויל וועגן דעם לעבן פון ייִדן אין דעם תחום־המושב

מיט זיי ניט רעדן, און אויך וועגן דער גרויסער אָרעמקייט, ווו ס'האָט אויסגעפּעלט ניט נאָר ברויט, נאָר אויך אַ קאַרטאָפליע, ווו מ'איז אַרומגע־גאַנגען האַלב נאַקעט... — מיין טאַטע, — זאָגט ער זיי — איז געווען אַ קליינהענדלער.

— האָט ער געהאַט וואַלרעכט נאָך דער רעוואָלוציע?

— נאָך וועלכער רעוואָלוציע?

— נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע.

— ניין. נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע אָט ער קיין וואַלרעכט ניט געהאַט. מילאָנען יידן זיינען געוואָרן „לישענצעס"... זייערע זין און טעכ־טער זיינען דעמאָלט אַוועק אין דער רויטער אַרמיי, אין די פּאַרטיזאַנער, און זיי, די טאַטעס, זיינען געגאַנגען מיט ווייב און קינדער נאָכן אַבאַז פון דער רויטער אַרמיי, זיך געראַטעוועט פון פּאָגראָמען...

— פאַרוואָס, — טוט זי אים דאָ פּלוצעם אַ פרעג, די פּראָקוראָרשע. — צום ענין האָט עס, פאַרשייט זיך, קיין שייכות ניט... נאָר פאַרוואָס זיינט איר ניט אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי? אַ שרייבער, אַ מיטגליד פון שרייבערפאַרבאַנד, און אויך אין דער אַרמיי, בעת דער פּאַטערלענדישער מלחמה?

קאָן דאָך איר אלישע ניט זאָגן, אַז אַ פּאַרטיי וואָס האַלט ניט יידן פאַר קיין פאָלק, אַ פּאַרטיי וואָס פירט דורך אַ צוואַנגס־אַסימילאַציע און האַלט עס פאַר אינטערנאַציאָנאַליזם, פאַר אַ גרויסן היסטאָרישן פּראָגרעס... אַ פּאַרטיי וואָס האָט שוין פון אָנהייב דרייסיקער יאָרן גענומען ליקווידירן די יידישע קולטור, אין איין טאָג געשלאָסן אַלע, אַלע יידישע שולן... אַזאַ פּאַרטיי איז פאַר אים, פאַר אלישען, פּשוט אַן אַנטיסעמיטישע... אַ פּאַרטיי וואָס האָט אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופן דורכגעפירט די קאָלעקטיוויזאַציע, חרוב געמאַכט און אומגעבראַכט מילאָנען פויערים, און שוין שפּעטער, שוין נאָך דער קאָלעקטיוויזאַציע, געלאָזט גאַנצע דערפער, מיליאָנען פויע־רים, שוין די, וואָס זיינען אין די „קאָלכאָזן" פאַרטריבן געוואָרן, אַלט און יונג, גרויס און קליין, פרויען און קינדער, אויסשטאַרבן פון הונגער... אַ פּאַרטיי וואָס האָט אין משך פון צוויי יאָר, 1937—1938, טאָג איין און טאָג אויס, פאַרגאָסן דאָס לאַנד מיט טרערן און בלוט... אַזאַ פּאַרטיי איז אים, אלישען, אַ פרעמדע. אַ פּאַרטיי, וואָס סמערדיאַקאָוו דער צווייטער איז איר גאָט... ענטפערט איר, אלישע, דער פּראָקוראָרשע:

— איך בין, צום באַדויערן, צו דער פּאַרטיי נאָך ניט דערוואַקסן!

פון אלישעס ענטפער ווערט איר פּנים געקנייטשטער ווי פון אַ ביטערן פּיל, וואָס שטעלט זיך אין האַלדז, נאָר מ׳מוז אַראָפּשלינגען... און זי נעמט זיך אַליין צו אים, צו אלישען, פאַרהערן און אויספרעגן און נאָכפרעגן און איבערפרעגן, און אויך יענע קומען איר צו הילף: ווי אַזוי און וואָס און ווער... און ס׳גייט שוין אַוועק אַ קרייצפאַרהער אויף לאַנגע שעהען! און דער עיקר, ווי אַזוי האָט עס געטראָפן, וואָס ער, אַ קינד פון דער אָרעמקייט, איז געוואָרן אַ בורזשואַזער שרייַבער און מיט אַזעלכע ירידה און נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען.

און פּלוצעם טוט דער „זעמליאַק״, דער גענעראַל אַ פרעג: — אין וואָסערע באַציִונגען זייַנט איר געווען מיט מיכאָעלסן? — ענטפערט אלישע, ווי ער האָט פריער אויף דעם געענטפערט אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוון: — יאָ, ער איז געווען באַקאַנט מיט מיכאָעלסן, זיך פון מאָל צו מאָל אין מאָסקווע, פון צייַט צו צייַט אין קיעוו, אויף אַלגעמיינע באַגעגענישן געזען, אָבער קיין נאָענטע באַקאַנטשאַפט איז עס ניט געווען. — אָט די רייד, זעט אלישע וועגן מיכאָעלסן, ווערן פאַרשריבן אויף אַ באַזונדער בויגן פּאַפּיר... און דערנאָך וועגן דער באַגעגעניש מיט אָפּאַטאָשו, און וועגן „די פּאָלעסיער וועלדער״, ווו די ייִדישע בעלי־גופים, די באַיאַרס, ווערן אידעאַליזירט... און צום סוף, שוין נאָך לאַנגע שעהען פון בוחן־ובודק־זייַן, פון גראָבן און גריבלען, פון נישטערן און רויען זיך, — אלישע איז שוין פונעם אָפּשלאָגן זיך מיד און פאַרמאַטערט. יעדן איינעם פון זיי דאַרף ער אַ קלאָרן ענטפער געבן און מיט אַלע קלייניקייטן און פּינקטלעכקייטן. אָבער אויך ער, נאָך איטלעכן ענטפער, פרעגט בייַ זיי: — פאַרוואָס האַלט איר מיך דאָ אין טורמע? איר ווייסט דאָך גוט, אַז איך בין אין גאַרניט ניט שולדיק... — און ער וואַרט, אלישע, אַז באַלד וועלן זיך אויף אים אַ שאָט געבן פראַגן וועגן פּינטשעווסקיס מסירה. נאָר גראָד וועגן דעם שווייַגן זיי. צו פאַרנאַכט צו טוט אים די פּראָקוראַרשע ווידער אַמאָל אַ פרעג וועגן דעם ברודער, וועגן פּנחסן, דעם טראָצקיסט, דעם פאַרביסענעם שונא פון פאָלק. און אלישע, שוין אַן אויסגעמאַטערטער, זאָגט זיי:

— מייַן ברודער איז קיינמאָל ניט געווען קיין שונא פון פאָלק. ער איז אומשולדיק פּונקט ווי איך בין אומשולדיק..

— פֿאַרוואָס זשע, פֿרעגט זי, — האָט מען אים נאָך אין טויזנט נײַנהונדערט זעקס און דרײַסיקטן יאָר גענומען?

— כ׳ווייס ניט, כ׳ווייס ניט, — ענטפֿערט אלישע מיט כּעס. — איך ווייס ניט פֿאַרוואָס איר נעמט איינער דעם צווייטן... יאַגאָדאַ האָט גענומען מײַן ברודער, יעזשאָוו האָט גענומען יאַגאָדאַן, בעריאַ האָט גענומען יעזשאָוון... איך ווייס ניט, איך ווייס ניט פֿאַרוואָס איר נעמט איינער דעם צווייטן...

און דאָ, נאָך אָט די רייד, וואָס האָבן זיך פֿון אים אַרויסגעריסן מיט ווייטיק און צאָרן, פֿירט מען אים אין „באָקס" אַרײַן. אָבער שוין ניט אין יענעם, אין דעם שטיינערנעם קאַסטן, וווּ ס׳שלאָגט מיט קעלט און פֿון דעם קאַלך־ריח פֿאַרגייט אין די אויגן ביז טרערן, נאָך מ׳פֿירט אים אַהין, אין יענעם „באָקס", וווּ ער, אלישע, איז שוין געווען אין דער ערשטער נאַכט בײַם אַרײַן אין טורמע. דאָרטן איז פֿאַראַן אַ באַנק און אלישע פֿאַלט אויף איר אַנידער... ער האָט ניט מיט וואָס צו אָטעמען. קלאַפּט ער מיטן פֿוס, עפֿנט מען אויף, בעט ער מ׳זאָל די טיר ניט פֿאַרמאַכן, — לאָזט מען זי אַביסל אָפֿן... אָבער לאַנג אין „באָקס" האַלט מען אים ניט. מ׳פֿירט אים צוריק אַהין, צו יענע פֿיר, וואָס זײַנען דאָרטן פֿאַרבליבן חתמענען אלישעס גורל... און ווי נאָר מ׳האָט אים צוריק אַהין אַרײַנגעפֿירט, אַזוי פֿרעגט אים דער גענעראַל:

— ווען איר האָט די מעגלעכקייט צו שרײַבן, אויף וועלכער שפּראַך וואָלט איר געשריבן?

— קלאָר, — פֿאַרטראַכט זיך אַפֿילו ניט אלישע. — קלאָר אַז איך וואָלט געשריבן אויף דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פֿון מײַן פֿאָלק, אויף ייִדיש!

— פֿאַרוואָס, — פֿרעגט שוין זי, דער פּראָקוראָר. — פֿאַרוואָס שרײַבט עמנואיל גענריכאָוויטש קאַזאַקעוויטש אויף רוסיש? ער האָט אויך אַ סך יאָרן געשריבן אויף דער ייִדישער שפּראַך.

— פֿאַרוואָס קאַזאַקעוויטש האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן רוסיש, קאָן איך אײַך ניט זאָגן. איך ווייס ניט. דאָס דאַרפֿט איר שוין פֿרעגן בײַ אים, בײַ קאַזאַקעוויטשן.

— און וועגן וואָס וועט איר שרײַבן? — פֿרעגט זי ווײַטער, די אוסאָווא, דער פּראָקוראָר פֿון אוקראַינע.

— ווענן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם! — ענטפערט איר אלישע. מער פרעגט אים שוין קיינער גאָרניט. זיי הייבן זיך אויף, די דריַי, גייען ארויס און ער, אלישע, פאַרבלייַבט מיטן אויספאָרשער, מיט אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָוון. אלישע פילט אַ ווייטיק אין די אויגן און אַ וואָרגעניש אין האַלדז. ער איז באַשלאָגן מיט אַ נויטשוויים. לויטן שטיקל אָפּגערוקטן פאַרהאַנג איז צו זען, אַז ס׳האַלט בייַם טאָג־זעצן־זיך.

— קאַפּיטאַן, — זאָגט אים אלישע. — איך בין שוין מער ניט אומשטאַנד צו הערן און צו ענטפערן. און איך בין הונגעריק. פון גאַנצפרי אין מויל ניט געהאַט. פירט מיך אין קאַמער אריַין.

— באַלד וועט מען דיך אָפּפירן אַהין... — און דאָ עפנט זיך די טיר און ס׳קומט ארייַן איינער אין אַ מאַקינטאָש, אַ מיטלוווקסיקער, מיט אַ ברייַטן פלאַטשיקן פנים, מיט שמאָל־אוי׳סגעשניטענע אויגן, זעצט זיך אַוועק אויפן דיוואַן און פרעגט בייַ אלישען:

— ווי פילט איר זיך?

— אַז איר וועט זיצן אַ פּאָר חדשים אין טורמע, וועט איר וויסן. איך פיל זיך אַזוי, ווי מ׳קאָן זיך פילן אין אַ טורמע.

— איר זעט אויס שלעכט. איר וואָלט זיך באַדאַרפט אָפּרוען.

— וואָסזשע, — פרעגט אים אלישע. — איר וועט מיך שיקן אויף אַ קוראָרט?

— מיר קאָנען אייַך שיקן אויף אַ קוראָרט, אויב איר וועט טאָן פאַר אונדז אַ פּאָר קלייניקייטן...

— צום בייַשפּיל? וואָס קאָן איך דאָ טאָן פאַר אייַך?

— אַ קלייניקייט... מיר וועלן אייַך אַריבערפירן אין אַ צווייטער קאַמער און איר וועט אונדז דערציילן...

— ווי אַזוי, — שלאָגט אים איבער אלישע. — ווי אַזוי האָט איר דאָ געקאָנט זיך דערטראַכטן צו אַזעלכס? פון אויפגעבראַכטקייט קאָן אלישע קוים רעדן. — ווי אַזוי האָט איר זיך געקאָנט... צו אַזעלכס דערטראַכטן? ווייַזט אויס אַז איר זייַנט שוין דאָ אַזוי נידעריק געפאַלן...

יענער שטייט אויף און נעמט זיך דרייען אַרום אלישעס בענקל. — מ׳האָט זיך שוין איין מאָל אַזוי געדרייט אַרום אים. — דער פלאַטשיקער פנים ווערט אויפגעלאָפן, די קאָסע אויגן ווערן אים אויסגעקיילעכדיקט, ווי ביי אַ סאָווע. און אלישע וואַרט אַז באַלד וועט ער צעמאַזיקט ווערן.

איצט וועט אים באַצאָלט ווערן... נאָר דער גרויער קאַבאַרדין־מאַקינטאָש טוט פלוצלינג אַ זאָג אלישען גלייך אין פנים אַריין: — נישטיקע נשמהלע! — און גייט אַרויס. אַלעקסאַנדער סאַפּאַזשניקאָוו, וואָס האָט די גאַנצע צייט דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן, ווי צו אים וואָלט עס קיין שייכות ניט געהאַט, פאַרענדיקט שרייבן דעם פּראָטאָקאָל און דערלאַנגט אלישען. און דאָרטן ווערט געזאָגט, אַז ער, אלישע, איז אַ נאַציאָנאַל באַגרענעצטער שרייבער... — זאָגט אים אלישע: — קאַפּיטאַן, טאָלסטאָי איז אויך געווען אַ נאַציאָנאַל באַגרענעצטער שרייבער. און פּושקין אויך, און טורגעניעוו אויך, און גאָרקי אויך... יעדער שרייבער שרייבט אויף דער שפּראַך פון זיין פאָלק און פון דעם לעבן, און פון די טרוימען פון זיין פאָלק... — און אלישע שרייבט אונטער דעם פּראָטאָקאָל. אויפן טיש קלינגט דער טע־לעפאָן. דער אויספאָרשער נעמט דאָס טרייבל און אלישע הערט ווי אַלע־קסאַנדער סאַפּאַזשניקאָוו זאָגט צו עמעצן: „אַזוי איז עס... יאָ עס ווערט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער“... — וואָס ווערט דאָ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער? אַז דעם קאַפּיטאַנס ווערטער צו יענעם, וואָס אויפן צווייטן עק דאָרט, האָבן אַ שייכות צו אים, צו אלישען, דאָס דערפילט ער גלייך. און אפשר, טראַכט ער, האָבן די רייד, אַ שייכות ניט נאָר צו אים אליין?... וואָס ווערט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער? און ווען קאָן עס זיין דער „שפּעטער“? קאָן עס זיין מאָרגן, צי קאָן עס זיין אין אַ יאָר אַרום? — ער וואָלט וועלן, אלישע, אויפכאַפּן כאָטשבי נאָך איין וואָרט, נאָר וואָס ס׳רעדט זיך דאָרטן ווייטער אין טעלעפאָן, דאָס הערט ער שוין ניט — מ׳פירט אים אין קאַמער אַריין.

און דערנאָך, שוין נאָך יענעם טאָג, האַלט מען אים אַריבער צוויי וואָכן פאַרשפאַרט אין קאַמער, מ׳פירט אים שוין ניט אַהין, אויפן דריטן גאָרן, ער ווייסט ניט, אלישע, צי די אויספאָרשונג האָט זיך שוין פאַרענ־דיקט, צי וועט ער אין גיכן פאַר דער „טרויקע“ געשטעלט ווערן?... און ער שפּאַנט, אלישע, פון פרי ביז אין דער נאַכט אַריין צווישן די בעטלעך און ציילט די טריט: זעקס הונדערט דרייסיק זעקס, זעקס הונדערט דרייסיק זיבן... ער האָט זיי געזאָגט אַז ער וועט שרייבן אויף דער נאַציאָ־נאַלער שפּראַך פון זיין פאָלק, אויף יידיש... זעקס הונדערט זיבעציק דריי, זעקס הונדערט זיבעציק פיר... די שפּראַך אַליין, יידיש, איז דאָך פאַר זיי נאַציאָנאַליזם, רעאַקציאָנער... זיבן הונדערט זיבן, זיבן הונדערט אַכט...

און דער ייִדישער נאַציאָנאַליזם איז דאָך שוין פון לאַנג פאַר זיי אַ טייל פון דעם טראָצקיזם... זיבן הונדערט דרײַסיק איינס, זיבן הונדערט דרײַסיק נײַן... דערצו נאָך האָט ער, אלישע, אַ ברודער אַ טראָצקיסט... וועלן זיי אים געבן אַלע פינף און צוואַנציק יאָר?

דאָס דעכל איבערן פענצטער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן און דאָרטן, העכער, אריבער דער אַנטקעגנאיבערדיקער טויבער וואַנט, גייען הימלען אין זוניק־געקרײַזלטע בלויקייטן. פרילינגדיקע הימלען... אלישע קאָן שטיין און קוקן אין אָט די הימלען שעהענווײַז. ניט נאָר די שפּיל פון פאַרבן און שײַנען, נאָר מיטן אויג פון זײַן נשמה זעט ער דאָרטן, אין די טיפקייטן פון די הימלען, וועלטן, וואָס נערן און שטאַרקן זײַן לעבן דאָ אויף דער ערד, דאָ אין קאַמער... און אין איינעם אַ פרימאָרגן קומען אַרײַן דרײַ, הייסן זיך אים, אלישען, נאַקעט אויסטאָן, זוכן און נישטערן, צעוואַרפן און וואַרפן איבער דעם געלעגער; מ׳שערט אים די באָרד און דעם קאָפּ, מ׳נעמט בײַ אים צו דאָס קעלנערל, וואָס שפּיליעט זיך צו באַזונדער צום העמדל, — ביז אַהער האָט מען עס אים געלאָזט טראָגן. פון די שכנישע קאַמערן פירט מען אויפן שפּאַציר, אים, אלישען, פירט מען פון קאַמער ניט אַרויס. די צוויי באַגילדטע שטראַלן, זײַנע איינציקע צײַט־ווײַזערס, באַווײַזן זיך שוין אויף דער וואַנט, איבער זײַן אײַנגעפאַלענעם געלעגער. דער קינסטלער איז שוין אויך דאָ, און הגם ביידע שווײַגן זיי, דאָך איז גרינגער ווען נאָך אַ מענטש געפינט זיך אין קאַמער, — שווײַגנדיקערהייט רעדן זיך מענטשן צונויף גיכער און גרינגער...

און באַלד, ווי נאָר מ׳האָט געגעבן דעם וואַרמעס און אלישע האָט די ערשטע לעפל באַלאַנדע אין מויל אריין גענומען, אַזוי עפנט זיך אויף דאָס פענצטערל און מ׳רופט אים. לאָזט זיך אלישע צו דער טיר גיין, זאָגט מען אים, אַז ער זאָל אויך מיטנעמען מיט זיך זײַנע און אויך די קאַזיאָנע זאַכן, — די שיסל און לעפל און דעם געלעגער... ווייסט ער דאָך ניט, אלישע, וווהין מ׳וועט אים פון דאַנען פירן, און ווי לאַנג ער וועט אין וועג זײַן, זאָגט ער: — כ׳וועל פריער אָפּעסן וואַרמעס! — מאַכט זיך צו דאָס פענצטערל, ווי געזאָגט: קאָנסט זיך עסן דײַן וואַרמעס... נעמט אלישע נאָך אַ לעפל אין מויל אריין, נאָר ער קאָן שוין די באַלאַנדע ניט אַראָפּשלינגען. גיסט ער אויס דעם גאַנצן וואַרמעס אין פּאַראַשע, לייגט צונויף זײַנע זאַכן, געזעגנט זיך מיט פייגינען... — מער האָט ער אים

שוין קיין מאָל ניט געזען. וואָס איז מיט אים דאָרטן ווײַטער געשען, ווייסט ער ניט, אלישע. — ער געזעגנט זיך אויך מיט זײַנע צוויי באַגילדטע תפיסה־שטראָלן אויף דער וואַנט, און גייט מיט די זאַכן צו דער טיר. פירט מען אים פון די טרעפּ אַראָפּ, אַלע מאָל פאַלט עפּעס פון זײַנע הענט אַרויס... וווהין פירט מען אים? אין אַ צווייטער טורמע, צי מ׳פירט אים אַריבער אין אַ צווייטער שטאָט? ער דאַרף דאָך, אלישע, ערגעץ־ווו פאַרן געריכט געשטעלט ווערן!

און מ׳פירט אים אַרײַן מיט די זאַכן אין „באָקס". זיצט ער דאָרטן אויף דער ברעט אַנטקעגן דער שײַך, וואָס בלענדט אין די אויגן. און ער רייכערט און רייכערט... גורל, אלישע, גורל, אַפילו אַ מת האָט זײַן גורל! — און אויך די דרײַ פּאָר אויגן, דער מאַמעס, מאַליס און שיינדלס, באַווײַזן זיך פאַר אים... ער זינקט, אלישע, אין דער געדיכטער שטילקייט. וווהין פאָלט ער? ס׳עפנט זיך די טיר און איינער נעמט פון „באָקס" די קאַזיאָנע זאַכן אַרויס. הייסט עס, אַז פון אָט דער עמגעבע טורמע פירט מען אים אַריבער אין אַ צווייטער. וויפל צײַט וועט מען אים האַלטן דאָ אין „באָקס?" יעדער רגע ווערט אים דאָ שווערער און שווערער, ער ווייסט ניט אויף וועלכער וועלט ער איז, שטייט ער שוין בײַם סוף פון אַלע זײַנע האָפענונגען?... עפנט זיך ווידער די טיר און מ׳פירט אים איבער דער זומפּ־שטילקייט אין אַ צימער אַרײַן, — פיר נאַקעטע ווענט, ער בלײַבט דאָ אַליין. וואָס דאַרף דאָ מיט אים פאָרקומען? פּלוצעם דערזעט ער אים, אַלעקסאַנדער סאַפּזשניקאָוון, אין אַ ווינקל שטיין. יענער שטייט און שווײַגט. די צוויי בלויע גריבעלעך אײַז פינקלען איז אלישעס אויגן. ענדלעך זאָגט ער:

— מיר האָבן באַשלאָסן דיר אַרויסלאָזן!

און אלישע גלײַבט ניט זײַנע אייגענע אויערן. די בלויע גריבעלעך אײַז חלומען זיך שוין אים?... פאַר די לעצטע יאָרן האָט מען קיין איין פּאָליטישן ניט אַרויסגעלאָזט. פון זײַן ברודער, פון פּינחסן, קומען אַפילו קיין בריוו ניט אָן. שוין יאָרן פון אים קיין וואָרט ניט געהאַט. און דערצו נאָך טוט ער, דער קאַפּיטאַן, ווי אויף חוזק אַ זאָג: — דײַן פרוי ווייסט נאָך ניט אַז דו גייסט אַהיים!... — און דער שאָטן זײַנער פאַרשווינדט מיט אַמאָל פון דער וואַנט. אלישען פירט מען צוריק אין „באָקס" אַרײַן. זיצט ער דאָרטן, אלישע, ווידער אויף דער ברעט, רייכערט, און גלייבט

ניט אין יענע רייד... ער וויל כאָטש אַז די „טרויקע״ זאָל אים פאַרשיקן ניט אין די לאַגערן, נאָר אָן אַ פאַרוואָרפענעם קישלאַק ערגעץ אין די טורקעסטאַנער סטעפּעס און זאַמדן, אָדער אין די וועלדער פון סיביר... אַהין וועט צו אים קומען שיינדל און זיי וועלן דאָרטן לעבן אין אַ שטיבל, אַרבעטן און ער וועט דאָרטן מקיים זיין דעם נדר, וואָס ער האָט געגעבן אין יענער נאַכט אין דעם שטייענדיקן שטיינערנעם אָרון: אָנשרייבן, ניין, ניט אָנשרייבן, נאָר אויסהאַקן פון שטיין און פאַראייביקן דעם וווּנדערלעכן און בלוטיקן געראַנגל פון ייִדן אויף די טייַכן פון רוסלאַנד פאַר זייער קיום...

און דער „באָקס״ עפנט זיך ווידער אויף, און מ׳פירט אים ווייַטער איבער טרעפּ, איבער דער זומפּשטילקייט, אַלע גייען זיי דאָ אין ווייכע שטעקשיך, און מ׳פירט אים אַרייַן אין אַ צימער, שוין ניט אין קיין ליידיקן, נאָר מיט דרייַ טישן, און ביי יעדער טיש זיצט איינער... און דאָרטן געשעט דער גרויסער נס מיט אים, דאָרטן גיט מען אים אָפּ דעם פּאַספּאָרט, די ייִדישע ביכער, וואָס זייַנען בייַם ארעסטירט ווערן גענומען געוואָרן. און דער וואָס זיצט בייַם מיטלסטן טיש, דער פּאָלקאָווניק, גיט אים אַ צייַגעניש געשטעמפּלט מיט אַ קייַלעכדיקן מלוכה־שטעמפּל, אַז ער, אלישע, איז „געהאַלטן געוואָרן אין די ערטער פון די זיכערקייט־אָרגאַנען פון דעם ערשטן מאַרט ביז דעם דרייַסיקסטן אַפּריל 1953 יאָר, און ער איז באַפרייַט געוואָרן צוליבן אויספעלן פון באַשטאַנד פון דער באַשולדי־קונג...״ — דאָס הייסט: עפּעס וואָס האָט דאָ אויסגעפעלט צו פאַרמישפּט ווערן. ווייסט ער שוין, אלישע, וואָס האָט זיי דאָ אויסגעפעלט, — סמערדי־אַקאָוו דער צווייטער האָט שוין אויסגעפעלט... און די נייע פירערס האָבן עס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער! — און אויך גיט מען אים אונטערצושרייַבן אַ פּאַפּירל, ווו ער, אלישע, ווערט געוואָרנט, אַז פאַר דערציילן און פאַר־שפּרייטן, וואָס דאָ אין טורמע, האָט ער געזען און געהערט, קומט דרייַ יאָר... — און מ׳פירט אים צוריק אין „באָקס״ אַרייַן. דאָרטן טרעפט ער שוין אויף דער באַנק דעם רימען, די בענדלעך פון די שיך, די אָפּגעש־ניטענע קנעפּ... לאָזט מען אים טאַקע אַרויס? איז עס ניט קיין ווייסטע שפּיל? איז אים באַשערט צו זייַן דער לעצטער ייִדישער שרייַבער וואָס איז אַרייַן, און דער ערשטער ייִדישער שרייַבער, וואָס איז פון טורמע אַרויס? וועלן געעפנט ווערן די תפיסות און לאַגערן אויך פאַר יענע

יידישע שרײַבער, וואָס געפינען זיך אויפן ראַנד פון אומקום?... ווערט טאַקע מקוים יענער חלום זײַנער, ווו אַלע טירן ווערן געעפנט און מ׳גייט פון עמגעבע אַרויס, — קיינער שטעלט ניט אָפּ, קיינער פאַרהאַלט ניט!

און אלישע ציט אַרײַן די שנירעלעך אין די שיך, גאַרטלט זיך אונטער מיטן רימען, שיט אַרײַן די קנעפּ אין זעקל, לייגט אויך אַהין אַרײַן די ביכער, זיצט זיך אין „באָקס", שוין בײַ אַ שטילערער ליכט, רייכערט, רייכערט און וואַרט... יעדער רגע איז דאָ פאַר אים אַן אייביקייט. פאַרוואָס האַלטן זיי אים נאָך אַלץ דאָ? וועלן זיי אים האַלטן ביז אין דרויסן וועט פינצטער ווערן?... און ענדלעך עפנט זי זיך אויף ברייט די טיר פון דעם „באָקס", מ׳הייסט אים נעמען זײַנע זאַכן, מ׳פירט אים דורכן הויף צום טויער, דער סאָלדאַט עפנט דאָרטן אויף אַ טירל, אלישע שפּאַנט אַריבער, — דאָס טירל אין טויער פאַרמאַכט זיך, און ער בלײַבט שטיין מיטן צעעפנטן שינעל, מיטן זעקל זאַכן אין די הענט אויפן ווינקל פון דער קאַראָלענקאָ־גאַס, וואָס איז פול מיט מענטשן, מיט פאָנען, — אַ ים מיט רויטס... „לעבן זאָל דער ערשטער מײַ!" „לעבן זאָל די פאַרטיי פון מאַרקס־ענגעלס־לענין־סטאַלין!" — אלישע גייט אַריבער אויף דער צווייטער זײַט גאַס. מענטשן שטעלן זיך אָפּ קוקן אויף אים... אלישע גייט גיך מיטן זעקל אויף די פּלײַצעס, — וויל זײַן וואָס ווײַטער פון דער עמגעבע־געבײַדע, ווו די פענצטער זײַנען פאַרשטעלט געוואָרן מיט די פּאָרטרעטן פון כרושטשאָוון, מאַלענקאָוון און בעריא... — אין אַ פּאָר חדשים וועט מען אים, בעריא, משפּטן ווי אַ שפּיאָן, ווי אַ שונא פון פאָלק, און שיסן... — ער גייט, אלישע, וואָס ווײַטער פון דעם פינצטערן מויער. ער האָט מורא מ׳זאָל דאָרטן ניט איבערטראַכטן, ניט חרטה האָבן און אים צוריק אין טורמע אַרײַנוואַרפן... ס׳פאָרט אַן אויטאָ, אלישע הייבט אויף די האַנט. די מאַשין שטעלט זיך אָפּ. דער שאָפער עפנט דאָס טירל:

— פון דאָרטן? — ווײַזט ער מיט די אויגן אויף דעם עמגעבע־מויער.

— פון דאָרטן...

— וווהין?

— אויף גאָרקי גאַס 27.

# כד

און דער אַלטער שרײַבער אלישע בן־מאיר הכהן זעט פון זײַן שמאָלן פענצטער, וואָס צו די שיטער־ביימערדיקע בערג פון ירושלים, נאָכן שווערן ווינטער, דעם קאַלטן, דעם מדברדיקן, דעם ווילד־ווינטיקן, דעם שפע־רעגנדיקן, וואָס האָט אָנגעפילט דעם כנרת ביז צו די ברעגן, און אויך אַלע טײַכן, און אויך די אונטערערדיקע ברונעמער, און אויך ביז צו פאַרכלינען זיך די פעלדער און פרדסים מיט לעבעדיקע חיות־וואַסערן אָנגעטרונקען, און אויך האָבן זיי, די שפע־רעגנס, זײַן נשמה מיט די ניט געשטילטע, מיט די קיינמאָל ניט פאַרהיילטע פײַערן־ריגנען, אָנגעפולט מיט נאָך אַ הייסערן עלנט און טרויער, מיט נאָך אַ שטאַרקערער בענקשאַפט נאָך אַ דאָך איבערן לעבן און איבער זײַן יִדיש־שעפערישן לשון... נאָך יענעם שווערן ווינטער זעט ער דאָ, דער אַלטער יִדישער שרײַבער, ביי די בערג פון יהודה, אין דעם צעצוויטעטן פרילינג, — אפילו דעם בוריאַן אויף די שיפּוע־שטיינערדיקע בערג, ביז צו די נידערנישן, פלאַמען און כלערליי צוויט־קאָלירן, און די שיכורנדיקע ריחות הייבן זיך ביז צו די בלענד־שײַנענדיקע וואָלקנס, וואָס זאָגן אָן אויף אַ זון־שרפהדיקן זומער... — נאָך יענעם ווינטער, אין יענע פרילינגדיקע בליט־פאַרבן, זעט ער, דער אַלטער כהן, ווי זײַן סאַמע נאָענסטער און ליבסטער גילגול גייט פון דער עמגעבע־טורמע אַרויס, ווי ער הייבט זיך מיט דער טאָרבע אויף די פּלייצעס, איבער די זיך־וואַקלענדיקע הילצערנע טרעפּ, צו יענעם צימער, וואָס אונטערן לעכערדיקן דאַך, און ווי די ערשטע, שוין בײַם סוף טאָג־זעצן זיך, באַגעגנט אים זײַן קינד, לאַרעלע, מיט שרעק, ווי דער טאַטע אירער וואָלט זיך פון יענער וועלט אומגעקערט.

און דערנאָך זעט ער, דער אַלטער בן־מאיר, ווי לאַרעלע לויפט אַרײַן אַהין, אין דעם קינדערגאַרטן, וווּ די מאַמע, שוין נאָכן בטל ווערן פון דעם בלוט־בילבול, האָט באַקומען צוויי שעה אַרבעט אין די אָוונט־שעהען — אומקערן זי, שיינדלען, אינגאַנצן אויף דער אַרבעט, האָט זי, די פאַרוואַלטערין, וואָס האָט געשטאַמט פון דער קאַרלינער גזע... זיך ניט אײַנגעשטעלט, נאָך מורא געהאַט, — אלישע איז דאָך נאָך אַלץ געזעסן! — געבליבן שטיין אויפן שוועל פון דעם אויסגעפּוצט און אויסגעצירטן צימער, וווּ אַלע מיטאַרבעטער זײַנען אַרום אַ געדעקטן טיש,

לכבוד דער ערשטן מײַ, געזעסן און זי, די פּאַרוואַלטערין, האָט גערעדט פון וועגן דערציִען די קינדער אין דעם גײַסט פון קאָמוניסטישן הומאַ־ניזם... געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון דער טיר האָט דאָס קינד, ניט קאָנענדיק אַרויסברענגען אַ וואָרט, בלויז אַ שאָקל געטאָן צו דער מאַמען מיטן קאָפּ... און לויט דעם קינדס אויגן און שאָקל מיטן קאָפּ, האָט שיינדל שוין ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען דעם ביסן וואָס זי האָט פּאַרן גאַנצן טאָג אין מויל אַרײַן גענומען, זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און געלאָזט זיך יאָגן, ניט זעענדיק דעם וועג פאַר זיך, איבער די גאַסן, באַהאָנגענע מיט גריליאַנדעס קאָלירנדיקע לעמפּלעך, אָנשטויסנדיק זיך אויף מענ־טשן, — געיאָגט אַהיים, צו אלישען, וואָס שטייט דאָרטן ניט קיין אויסגע־טוענער, נאָר אַלץ אין דעם שינעל, פון צאָרן און צער פאַלט אים פון די הענט די „פּראַוודאַ" פאַרן זעקסטן אַפּריל, וואָס ער האָט אויפן שרײַבטיש, אונטערן גלאָז, געטראָפן ליגן, ווו סטאַלינס יורשים געבן צוּוויסן דער וועלט, אַז די פּראָפעסאָרן, און אויך מיכאָעלס, ווערן רייִנגעוואַשן, און די גאַנצע שולד פאַרן בלוט־בילבול ווערט אויף זיי, אויף די פריערדיקע אָנפירערס פון דער עמגעבע, אַרויפגעוואָרפן... פון וועגן די יידישע שרײַ־בערס, וואָס געפינען זיך שוין יאָרן אין די טורמעס און לאַגערן, ווערט דאָ קיין וואָרט ניט געזאָגט, ווי קעגן זיי איז קיין שום פאַר־ברעכן ניט באַגאַנגען געוואָרן... און אין אלישעס אויערן הערן ניט אויף צו קלינגען יענעמס, אַלעקסאַנדער סאַפּאָזשניקאָווס, ווערטער: „ס'ווערט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער!" וועלן די גרויע מאַקינטאָשן ווידער קומען בײַנאַכט און אים, אלישען, אין „שוואַרצן וואָראָן" אַרײַנוואַרפן? האָבן זיי, סמערדיאַקאָוו דעם צווייטנס יורשים, דעם בלוט־בילבול, און אויך די רויטע עשאַלאָנען אויף אַרויסצופירן יידן אין קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס, צי אפשר שוין גאָר אַהין, אין די ווײַטמזרחדיקע סאָפּקעס, אָפּגעלייגט פשוט אויף שפּעטער... — די קולות פון די שכנים הינטער דער טיר, דער רויש פון די פּרימוסן דאָרטן אין קאָרידאָרל, נאָך די זעכציק מעת־לעת זומפּשטילקייט, זײַנען אים ליב און טײַער: מענטשן רעדן הויך, מענטשן לאַכן... ס'שמעקט דאָ מיט קעראָסין און ניט מיט דער פּאַראַשע.

ער שטייט נאָך אין דעם שינעל און קוקט אין הויף אַרײַן, ווו פון דעם אַנטקעגנאיבערדיקן דאַך, פונעם טויבנשלאַק, טרײַבן ייִנגלעך די טויבן אין שקיעהדיקן הימל... און ס'לויפט אַרײַן שיינדל...

און דער אַלטער בן־מאיר דאָ, אין זײַן עלנטקייט, דער פרעמדער אין זײַן אייגענעם טרוים, אָן דעם דאַך איבערן לעבן, מיט אבנרס געשריי אין דער נשמה: „אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ, און אין דער וועלט איז קיין היים ניטאָ!"... אויך דאָ, בײַם טאָג־זעצן־זיך, טוקן זיך טויבן אין די שקיעה־הימלען איבער די בערג פון יהודה; ער, דער אַלטער בן־מאיר, זעט דאָ בײַ די סופּטאַגיק־פּריילינגדיקע צוויט־פלאַמען, ווי דאָרטן, אין דעם הילצערנעם הײַזל, אונטער דעם לעכערדיקן דאַך, בײַם זונפאַרגאַנג, אין דער באַרגיקער שטאָט קיעוו, מיט די צעגרינטע און צעצוויטעטע פּאַרקן און סקווערן, בײַם ברייטן און פול־וואַסערדיקן דניעפּער־טײַך, שטייען זיי דאָרטןביידע, אלישע מיט שיינדלען, וואָס האָבן ניט געגלייבט אַז זיי וועלן זיך שוין אַמאָל זען דאָ, בײַם לעבן, אויף דער ערד.

זיי שטייען ביידע דאָרטן אַרומגענומענע, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, ווײַל אַלע ליבע־ווערטער פון אַלע צײַטן זײַנען דאָ, בײַ דער נס־באַגעגעניש, צו קליין, צו בלאַס, צו טרוקן... ער קושט אירע געזאַלצענע פאַרטרערטע אויגן, — יענע וווּנדערלעכע אויגן וואָס האָבן צו אים אויף די פאַרהערן, אין די שטיינערנע אָרונס, געשמייכלט און ניט געלאָזט אים דעם גלויבן אין זיך אָנווערן, אין אַ ייִאוש אַרײַנפאַלן. דערנאָך, זעט ער, און אויך בײַ די לעצטע שקיעה־פלאַמען אויף די טאָפּליעס, ווי זי דערלאַנגט אים אַ פאַרוויקלט, ווי ערשט פון קלייט געבראַכט, אַ נײַ אייבערשט העמדל פון געדיכטן בעז־קאָליר. דאָס האָט זי געקויפט, שיינדל, פאַר די לעצטע געלטן, באַלד נאָכן אַרעסטירן אים. אָט דעם געדיכט־פריילינגדיקן קאָליר האָבן זיי דאָך ביידע אַזוי ליב.

— האָב איך געוואָלט, אַז אין דײַן וואָגל און פּײַן־וועג זאָלסטו מיטנעמען דאָס העמדל פונעם בעז־קאָליר... ס'האָט אָבער געטראָפן דער גרויסער וווּנדערלעכער נס און דער פאָטער פון בלוט און טרערן איז געשטאָרבן. דאָס העמדל וועסטו אָנטאָן באַלד...

— ווי אַזוי האָט מען דאָ אויפגענומען זײַן טויט? דאָרטן, אין טורמע, אַז איך האָב זיך דערוווּסט, האָב איך גענומען אַרומלויפן איבער דער קאַמער ווי אַ ווילדער. ווי נאָר כ'האָב זיך דערוווּסט אַז דער קאַווקאַזער וואָלף האָט קראַפּירט, אַזוי האָט אין מיר אָנגעקלאַפּט די האָפענונג... כ'האָב אָנגעהויבן גלייבן אַז כ'וועל אַרויס פון זייערע בלוטיקע שוואַרצמאַהדיקע נעגל.

— דו פרעגסט ווי אַזוי מ׳האָט דאָ אויפגענומען זײַן טויט? מ׳האָט געוויינט אויף די גאַסן אויף אַ קול. מ׳איז געפאַלן חלושות.

— דאָס איז גאָר ניט צו פאַרשטיין און צו באַנעמען. — זאָגט אלישע. — אָבער קנעכט באַוויינען תמיד זייער האַר! און סטאַלין איז געווען זייער גאָט. דער גאָט פון דעם נעבעכדיקן, פון דעם געפּאַלענעם מענטשן, פון דעם סאָוועטישן...

— אין מאָסקווע, אין דעם טאָג ווען מ׳האָט אים אַרײַנגעלייגט אין מאַוזאָליי, זײַנען אויף דער לוויה דערשטיקט געוואָרן אין דער ענגשאַפט, אין דער שפּאַרעניש, צענדליקער מענטשן, פרויען מיט די קינדער אויף די הענט... און דאָ האָבן געפּרעמפּלט די קלויסטערס!... און איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און געוויינט. ווי האָב איך נאָך געהאַט אַזאַ מעגלעכקייט אויסצווויינען מײַן ווייטיק און מײַן צער... דאָרטן, בײַם פּראָקוראָר? דאָרטן האָב איך אַלע מיטוואָך, אין דעם אויפנאַם טאָג, געפּאָדערט: זעצט מיך אויך אַרײַן!

— ווען סמערדיאַקאָוו לייגט ניט אָן מיטן קאָפּ, וואָלטן זיי דיך סײַ ווי סײַ אַרײַנגעזעצט, און אויך ליאָליען... און לאַרען וואָלטן זיי אויך פאַרשיקט אין אַ לאַגער. צוליב וואָס האָסטו עס באַדאַרפט פאָדערן בײַ זיי, אַז מ׳זאָל דיך אײַנזעצן?

— איך האָב זיי דאָרטן געזאָגט און איטלעך מאָל איבערגעחזרט: פון זינט איך קען דיך, ווייס איך דײַן יעדן טראָט, דײַן יעדן שפּאַן. און זיי פלעגן מיר ענטפערן: ניין, איר ווייסט ניט פון אַלע זײַנע טריט... און ווי נאָר ס׳איז געוואָרן געמאָלדן אַז דער דאָקטוירים־ענין איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע און די פּראָפעסאָרן האָט מען אַרויסגעלאָזט אויף דער פרײַ, דעמאָלט האָב איך שוין בײַ זיי געפרעגט: וויפל קאָן זיך ציען אַן אויספאָר־שונג וואָס האָט ניט וואָס צו פאַרשן!... נעכטן בין איך דאָרטן געווען און געזאָגט: באַלד נאָכן ערשטן מײַ פאָר איך קיין מאָסקווע צו לאַווערנטי פּאַוולאָוויטשן בעריאַ, אים גלייב איך. ער איז אַ מענטש... און מיר זײַנען קיין מענטשן ניט? האָט דער פּראָקוראָר מיט כעס מיך געפרעגט. דאָס ווייס איך ניט... — האָב איך אים געענטפערט, — איך וועל פאָרן צו בעריאַן... אים גלייב איך! איר דאַרפט ניט פאָרן, האָט ער מיר געזאָגט. די טעג וועט זיך די אויספאָרשונג פאַרענדיקן... זיי האָבן דיר אומגעקערט דײַנע ביכער? און דאָ האָט געטראָפן אַ גרויסער אומגליק... דאָרטן ווו

כ׳האָב באַהאַלטן דײַנע כתב־ידן, האָט די אַלטע, ווי נאָר זי האָט זיך דערוווּסט אַז מ׳האָט דיך אַרעסטירט, אַזוי האָט זי געוווּמען פון דער קלאָ־דאָווקע און זיי אַרויסגעוואָרפן אויפן פײַער... נייך, ניט אַלץ, נייך! די „פּאָלעסיער וועלדער" זײַנען דאָרטן אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, האָט זי זיי ניט געזען... כ׳וויס, אַז די לידער זײַנען געווען דײַן טאָגבוך פון די מלחמה־יאָרן... איך פאַרשטיי דיך, דו האָסט דאָרטן, אין טורמע, זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז אויב דו וועסט ערגעץ אין די לאַגערן אומקו־מען, וועלן דאָ פאַרבלײַבן דײַנע לידער, די קאַפּיטלעך פון „שקיעה"... די אַלטע האָט עס געטאָן פון שרעק! דער פּחד פון דעם בילבול אויף די ייִדישע דאָקטוירים איז געווען אַזאַ, אַז די בלוטן האָבן געקילט אין די אָדערן. מ׳האָט יעדע נאַכט געוואַרט אַז אָט קומט מען נעמען און פירן אין די רויטע עשאַלאָנען... אויף אומקום!

אָבער אלישען טוט פאַרט ווי דאָס האַרץ אויף די פאַרברענטע לידער, וואָס ער האָט פאַרן גיין אויפן פראָנט איבערגעשריבן בײַנאַכט אויף רייך, ערגעץ אין אַ פּוילישן כוטער, בײַ דער שײַן פון דער לאַמפּאַדע, וואָס אונטער דער איקאָנע פון גאָטס־מוטער... און בײַ דעם קלאָג־געהויל פון דעם פילין אין וואַלד. גאַנץ פרי האָט ער די לידער אײַנגעוויקלט און פאַרנייט אין אַ שטיקל לײַוונט און זיי אָפּגעשיקט אַהיים, צו שיינדלען. אין יענע לידער איז געווען דער געשריי פון באַבי־יאַר און דער פײַער פון אוישוויץ... און אויך איז אים אַ גרויסער שאָד יענע קאַפּיטלען פונעם ראָמאַן „שקיעה", וווּ דער ייִד גייט אין וואַלד אין אַ זאַווייע־נאַכט און הערט פון דער וואַלד־טיפעניש:

— געשטאָרבן דער גרויסער יושר!

— געשטאָרבן דער גרויסער יושר!

ווערט דעם פאַרפרוירענעם ייִדן הייס און ס׳באַפאַלט אים אַ קדחות: וועט שוין די וועלט אַרײַן אין טומאה, פאַרזונקען ווערן אין זינד, אין רציחה, וועט שוין די וועלט ווערן סדום ועמורה... — און אויך טוט אים שטאַרק באַנג, אלישען, יענע ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די שורות:

אויפן פאַרטאָגיקן מעסער וועט ניט אויפגיין די זון,

אויפן בײַנאַכטיקן בלוט וועט ניט אויפגיין דער קאָרן...

נאָר זעענדיק שיינדלס פּנים, דער עיקר אירע אויגן, ווי זי לײַדט, און אפשר נאָך מער פון אים, פאַר די פאַרברענטע כתב־ידן, טרייסט ער זי:

— גורל, שיינדל, גורל! אויך מײַן טאָגבוך איז פאַרבליבן אין די וואַסערן אונטער צעלטנדאָרף, בײַם אָדער־טײַך. גורל, שיינדל, גורל, אויך כתב־ידן האָבן זייער גורל! אונדזער גורל, שיינדל, אָט איין ליד, די ליד פון צער און בטחון... מיר שעפּן דעם ווײ און טרויער מיט עמער.

— דער שאָטן קאָן ניט זײַן קיין גלײַכער, אַז דער בוים איז אַ קרומער.

— וואָס מיינסטו דערמיט, שיינדל?

— כ'מיין אונדזער לעבן דאָ, אין רוסלאַנד..

— וווּהין קאָנען מיר זיך דען פון דאַנען אַהינטאָן?

— פאָרן קיין ישראל!

— די טירן זײַנען דאָ פאַרשפּאַרט און פאַרזיגלט.

— זיי וועלן זיך אין איינעם אַ טאָג עפענען!

— און דו גלייבסט אין דעם?

— יאָ... און ביז יענעם ליכטיקן טאָג דאַרפסטו שרײַבן אַ נייעם ראָמאַן. אָבער ניט קיין „שקיעה"...

— און פון וואָס וועלן מיר לעבן?

— פון מײַן אַרבעטסלוין...

— מיר וועלן האָבן נאָר אויף ברויט מיט וואַסער.

— יאָ... נאָר אַזוי דאַרפן מיר לעבן. דו דאַרפסט שרײַבן!

— שיינדל, מײַן קול וועט דאָך אין ערגעץ ניט דערגיין.

— דײַן קול וועט יאָ דערגיין... דו האָסט אַ שיין און אַ שטאַרק קול... ס'וועט מיט דער צײַט דערגיין.

— זיי קאָנען דאָך ווידער קומען בײַנאַכט, די גרויע מאַקינטאָשן, און מיך צונעמען אין איינעם מיטן ראָמאַן. איך האָב דאָך געהערט ווי דער אויספאָרשער האָט געזאָגט: „ס'ווערט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער!"

— אַלץ איז אין גאָטס הענט... אַלץ וואָס דו ווילסט שרײַבן וועגן זיי, דאַרפסטו אַריבערטראָגן אויפן אַמאָל, אויף די צײַטן פון דעם צאַריזם... מ'וועט דיך פאַרשטיין! יעדער היסטאָרישער ראָמאַן איז דער שפּיגל פונעם הײַנט!... — קושט ער אירע אויגן, וואָס זעען אַ ליכטיקן מאָרגן, און זיי לאָזן זיך גיין צום דניעפּער, צום וולאַדימירער בערגל, דורכן קרעשטשאַטיק, ווו די קאַשטאַנען־ביימער שטייען שוין מיט זייערע בלוי־לעכע בעכערס צוויט אונטער די גריליאַנדעס פאַרביקע שײַנען.

# כה

און שוין דעמאָלט, נאָכן אַרומגיין מיט שיינדלען דרײַ טעג איבער די צעגרינטע פּאַרקן און צעבליטע עפּל־ און ווײַנשל־סעדער, וואָס הייכן זיך מיט זייער ראַזעווען און לילאָווען צוויט איבער די מיט זון־פינקלענ־דיקע ברייט־צעגאָסענע דניעפּער־וואַסערן, ווו אונטער די געדיכט־בלויע הימלען טראָגן זיך ווײַס־בלענדיקע שפּאַציר־קאַטערס, שוועך־געלאַדענע באַרזשעס, העל־גאָלדיקע און קופּער־שוואַרצע פּליטן, וואָס ווייען מיט זשיווויצע און מיט געוויקטער דעמבן־קאָרע... און פון יענער זײַט דניע־פּער, אויף דעם לינקן ברעג, פון דער נידערניש, פון די וועלדער מיט די דורכזיכטיק־קוטשעראַווע גרינקייטן, גייען אויפגעברויזט־צאַרטע גע־זאַנגען פון מאַלינאָווקעס און לאַרכן, און אויך קומט פון דאָרטן דער פריילינג־טרויעריקער קול פון דער קוקאַווע וואָס האָט ניט קיין אייגענעם נעסט... און די בערעזעס, שטייענדיק ביז די קני אין וואַסער, לויכטן זיך פון דער ווײַט מיט זייער נאַקעטקייט, — זיי גלייבן ניט די שוואַלבן און ניט די קרוינשנעפּן, זיי האָבן נאָך מורא, די בערעזעס, צו צעגרינען זיך: ס׳קאָן נאָך ווידער אַ קלאַפּ טאָן אַ קעלט... — דעמאָלט, נאָך יענע דרײַ טעג איבער די צעגרינטע פּאַרקן און צעצוויטעטע סעדער איז זי, שיינדל, אַוועק פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט, און ער, אלישע, איז אַוועק אויספילן דעם נדר, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך אין דער עמגעבע, אין דעם שטיינערנעם אָרון... געגומען דאָרטן, אין יענעם צווייגאָרנדיקן הילצער־נעם הײַזל מיט די זיך וואַקלענדיקע טרעפּ, צווישן די צוועלף שכנים, בײַ די זשומענדיקע פּרימוסן הינטער דער וואַנט, אונטער יענעם לעכערדיקן דאַך, ווו דער רעגן קאַפּעט אַרײַן אין דער אונטערגעשטעלטער בלעכענער מולטער, צו שרײַבן דאָרטן זײַן לעבנס־ווערק וועגן דעם בלוטיקן געראַנגל פון יידן אויף די טײַכן פון רוסלאַנד פאַר זייער קיום, פאַר זייערע גײַסטיקע אוצרות, פאַר זייער אייביקן ערב...

און אַרום איז וויסט און פּוסט, — קיין איין יידיש וואָרט שוועבט ניט

איבער די וואַסערן פון דניעפּער וואָס שמעקן נאָך מיט שניי; קיין איין ייִדיש ליד הערט מען ניט אין דעם עפּל־ און טשערעמוכט־צוויט, — דער־שטיקט איז געוואָרן דער ייִדישער ניגון... און ייִדישע שרײַבערס ווערן דאָרטן אומגעבראַכט אין די טורמעס, אין די קעלערן, אין די לאַגערן. וויסט און פּוסט איז דאָ אויף די טײַכן פון רוסלאַנד, — קיין איין ייִדיש פידל הענגט ניט אויף די צווײַגן פון די ווערבעס און ווײנטן רירן ניט אָן די סטרונעס... ייִדן גייען אַרום אין דעם שווערן טרויער פון באַבי־יאַר, אין דעם פּחד פון דעם דאָקטוירים־בלבול, וואָס איז נאָך ניט צעגאַנגען געוואָרן, — דרײַ מיליאָן ייִדן זײַנען דערשלאָגן און שטום געבליבן. אָט דעמאָלטן האָט אלישע גענומען פון אָנהייב און פון ס׳נײַ, שוין בײַ אַן אַנדער ליכט, צו שרײַבן די באַיאַרס, וואָס שטייען טיף און ברייט אײַנגעוואָרצלט אין זייער ייִדיש לעבן און בייגן זיך ניט, ווי דעמבעס, פאַר קיין שום וויכער־ און שטורעם־ווינטן; ס׳ברעכן זיך צווײַגן, ס׳שפּאַלטן זיך פון בליצפײַערן שטיקער קאָרע, נאָר דער באַיאַר־דעמב בלײַבט ווײַטער אויף ניט צו רירן אים פון אָרט.

און אויך דעמאָלטן מאַכט אלישע זײַן גרויסן חשבון און השתפּכות־הנפש... אוודאי טוט ער עס פאַרשטעלט, מיט אָנדײַטונגען, מיט ווײַטע רמזים, און דורך אים, דורכן עלנטן באַיאַר־קינסטלער, דורך דניאלן: ניטאָ יענע געטרוימטע הייך־וועגן, יענע ווײַט־וועגן, יענע טיף־וועגן... די וועגן זײַנען באַדעקט געוואָרן מיט שאַרפע שטיינער, וואָס צעבלוטיקן די פיס, נאָר איך שילט קיינעם ניט. די ערשטע קללה דאַרף אויף מײַן קאָפּ פאַלן, ווײַל איך האָב געוואָרט אויף די געגרייטע טישן, וואָס װעלן געשפּרייט זײַן מיט זײַד, מיט גאָלד־געשטריקטע טישטעכער, געוואָרט אַז מ׳וועט מיר אונטערטראָגן דעם אַלטן ווײַן אין אַ קרישטאָלענעם כּוס... כ׳בין אַליין. יעדער פויגל האָט זײַן ליד און האָט זיין נעסט. איך בין געבליבן אָן אַ ליד... וואָס קאָן זײַן שרעקלעכער, שוידערלעכער, ווי צו בלײַבן אָן דעם אייגענעם ליד? כ׳גיי אַרום, ווי אויף אַ בית־עולם אַ שטומער... — און אויך שרײַט ער דאָרטן, אלישע, צוזאַמען מיט יִצחקן באַיאַר איבערן בײַנאַכטיקן וואַלד:

— גר אנוכי בארץ, אַ פרעמדער בין איך דאָ אין דעם לאַנד!

און די טעג, ווי הילצערנע רעדער אין זאַמד קײַקלען זיך ווײַטער און שווערער. נאָך די זומערדיקע שלאַקסרעגנס, וואָס שמעקן מיט אַקאַציע

און ליפּאָון־צוויט, קומען שוין אָן יענע, פֿון די שוואַרצע כמאַרעס, די האַרבסטיק־קאַלטע גרויע רעגנס, וואָס פֿאַלן מיט טראָפּנס טרויער אונטער דער אונטערגעשטעלטער מולטער... און דערנאָך קומען טעג מיט שנייפֿאַלן, מעת־לעתן מיט וואָיענדיקע זאַווייעס, און אלישע זעגט דאָרטן אַלע פֿרײ־מאָרגן, ביַים שטעלעכל אין הויף, אויפֿן „קאָזליק", מיטן האַנט־זעגל די קלעצער און שפּאַלט זיי מיטן „קאָלון" אויף שײַטלעך, און געבונדענע אין דער שטריק טראָגט ער דאָס בינטל האָלץ צו זיך אין צימער אויף אויס־צוהייצן דאָס הרובקעלע.

און נאָכן אַרויסבאַגלייטן אין שול אַרײַן דאָס קינד, לאַרעלען, וואָס קומט אָפּ דעם אָנבײַסן מיט אַ שטיקל ברויט און מיט אַ גלאָז טיי, און קאָן אפילו ניט זאָגן די חברטעס אַז דער טאַטע אירער איז אַ שרײַבער, ווײַל מ'האָט אים דאָך פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד אויסגעשלאָסן... נאָך איר אַוועקגיין זעצט ער זיך אלישע צום טיש, און כדי צו פֿאַרטויבן די קולות און דעם זשומערײַ פֿון די פּרימוסן הינטער דער טיר, שטעלט ער אויפֿן פּלאַטנשפּילער בעטהאָווענס נײַנטע סימפֿאָניע... און ער שרײַבט בײַ אָט דער מעכטיקער, בײַ אָט דער פֿײַער־שטורעמדיקער מוזיק, פֿײַלט און שניצט אויס יעדער אות, איטלעך ייִדיש וואָרט וועגן די באַיאַרס, וואָס גייען איבער גזרות, בלבולים, יסורים, חורבנות, — רוישן ביטער אויף די בוראַן־און זאַווייע־ווינטן, נאָר ווערן ניט אומגעוואַלגערט.

און פֿאַר נאַכט קומט זי, שיינדל, נאָכן טאָג אַרבעט מיט פֿערציק קינדער, קאַרמעט אים אָן, אלישען, און אויך דאָס קינד, לאַרעלען, און קאָכט אָפּ אויף מאָרגן וואַרמעס... דערנאָך לייענט ער איר די אָנגעשריבענע שורות, און וואָרט, און קוקט איר אין די אויגן אַרײַן: וואָס וועט זי זאָגן? זי איז דאָך די ערשטע און די איינציקע, וואָס הערט מיט אַזאַ ליבשאַפֿט און ציטער, מיט אַזאַ פֿאַרשטאַנד זײַן איטלעכס וואָרט, וואָס ווערט דאָ געשאַפֿן בײַם חוזק און שפּאָט פֿון די שכנים, אונטער דעם ניט דרעי־מלדיקן אויג... אין זײַן אַליין און עלנטקייט, אין דעם טויטן־רויך, וואָס ווילקט אים אין גרויען וואָלקן, בײַ די נידעריק־ווינטערדיקע גרין־פֿראָס־טיקע הימלען, וואָס שענקען אים זעלטן־ווען אַ שטיקל זון אויפֿן טאָג... און ער שרײַבט דאָך, אלישע, אָן אַ ברעקל האָפֿענונג, אַז זײַן וואָרט זאָל אַמאָל־ווען עמעצן דערגיין.

איז איר וואָרט פֿאַר אים פֿון גרויס חשיבות און וואָג, ווײַל ער ווייסט,

אז זײַן וואָרט איז אויך איר וואָרט... איר אייגענע קינסטלערישע וועלט, דער ייִדישער טעאַטער, וועלכן זי האָט אירע שענסטע און ייִנגסטע יאָרן מיט אַזויפיל התלהבות און גלויבן אָפּגעגעבן, יענע קינסטלערישע וועלט אירע האָט מען חרוב געמאַכט... און דאָך וועט זי אים ניט שאַנעווען, זי וועט אים תמיד דעם אמת זאָגן, וואָס זי טראַכט און וואָס זי פילט:

— ניין, — זאָגט זי אים, — איך קאָן ניט מסכים ווערן, אַז דניאל, דער קינסטלער פון די באַיאַרס, זאָל אַזוי צעבראָכן ווערן!... דער קינסטלער פון די באַיאַרס דאַרף אויך, ווי גבריאל און יצחק, ווי איווע און עקיבא, ווי די מומע ליבע און סטיסיע, זײַן געקנאַטן פון דעמב!...

זאָגט ער איר, אַז דער קינסטלער פון די באַיאַרס איז ניט דניאל, נאָר ער, אלישע... און נאָכן אָמפּערן זיך, פּרווון ביידע דורכן „טעלעפונקען", וואָס אלישע האָט אין דײַטשלאַנד געקויפט, כאַפּן „דאָס קינד" און הערן פון דאָרטן, פון ישראל, כאָטש איין וואָרט. אָבער „דאָס קינד" ווערט פאַרקלאַפּט און פאַרשלאָגן; און הגם זיי זיצן ביידע אונטער דער קאָלדערע מיט וועלכער דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט איז איבערגעדעקט, דאָך איז געפּער־לעך, ווײַל די שכנים קאָנען דאָך דערהערן און אָפּטראָגן אַהין, אַז בײַ אלישען הערט מען אַנטיסאָוועטישע, אויסלענדישע ראַדיאָ־סטאַנציעס... סמע־רדיאַקאָוו דער צווייטער ווערט דאָך נאָך ווײַטער, ווי בײַם לעבן, געגרימט און געלויבט און באַזונגען, — ס'האָט זיך נאָך דאָ גאָרניט געענדערט!

און דערווײַל, — יענע שווערע הילצערנע טעג־רעדער קײַקלען און דרייען זיך ווײַטער אין דעם זאַמד פון דער אייביקייט, — האָט די קלענערע טאָכטער, וואָס קלײַבט שוין ניט צונויף אין די פאַרנאַכטן די קינדער פון הויף אונטער די טרעפּ צו שפּינען פאַר זיי אירע וווּנדער־מעשיות, נאָר זי כאַפּט זיך שוין אויף אין די נעכט פון שלאָף און בײַם גרינעם נאַכט־לעמפּל שרײַבט זי לידער... און אלישע קוקט צו ווי דער גאַנצער גוף טרייסלט זיך איר דערבײַ... זי, לאָרע, האָט די מיטלשול פאַרענדיקנט און דעם גאָלדענעם מעדאַל אויף וועלכן מ'האָט געוואַרט און אויסגעשטעלט, יענעם באמת פאַרדינטן מעדאַל האָט מען איר ניט געגעבן, — זײַנען אַלע האָפענונגען און מעגלעכקייטן, אַלע צוגענג־ און צוטריטלעכקייטן פאַרלאָרן און אָפּגעמעקט געוואָרן. האָבן זיי דרײַ מעת־לעת געטראַכט און געקלערט: וואָס טוט מען? דאָ, אין קיעוו, וועט מען דאָך לאָרען אין ערגעץ ניט צונעמען... און די צײַט שטייט ניט, די בין־הזמנים זײַנען קאָרגע, אויב

אין פאַרלויף פונעם חודש וועלן די פּאַפּירן ניט אָנגעגעבן ווערן, ווער אַ יאָר פאַרלאָרן גיין... איז קיין אַנדער וועג און אויסוועג ניט געווען, אַז אויך זי, די קלענערע טאָכטער, די זיבעצניאָריקע, זאָל פאָרן אַהין, קיין אוזבעקיסטאַן, קיין פערגאַנאַ.

אָבער שוין ניט קיין טאַשקענט, ווײַל אויך דאָרטן איז שוין שווערער געוואָרן אָנצוקומען, דערצו נאָך האָט שוין די עלטערע טאָכטער, ליאַליע, דעם פילאָלאָגישן פאַקולטעט דאָרטן פאַרענדיקט — און מיט אַן אויס־צייכענונג — נאָר וועגן בלײַבן דאָרטן, אין טאַשקענט, האָט מען ניט געקאָנט אַפילו טראַכטן... איז זי געפאָרן, ליאַליע, אויף אַרבעט אַהין, וווּהין מ׳האָט זי געשיקט — קיין מאַרגעלאַן, אין אַ אוזבעקישער שול, אַלס אַ לערערין פון רוסישער ליטעראַטור און שפּראַך. פאַר זיי, פאַר די שילער פון נײַנטע און צענטע קלאַסן, וואָס פאַרשטייען ניט קיין רוסיש, פאַר זיי האָט זי באַדאַרפט רעדן וועגן טאָלסטאָיען, זיי דערקלערן לענינס אַרטיקל: „טאָלסטאָי קאַק זערקאַלאָ רוסקאָי רעוואָליוציאי".* האָבן די שילער זי גלײַך געפרעגט:

— קטאָ עטאָ זערקאַלאָ? ווער איז דאָס דער „זערקאַלאָ" — זיי האָבן ניט געוווּסט דעם טײַטש פון דעם רוסישן וואָרט זערקאַלאָ... שפּיגל!

און די שטאָט פערגאַנאַ האָט דעמאָלטן, אין יענע טעג, נאָך אַ מעלה און נאָך אַ געווינס געהאַט: דאָרטן איז שײַנדלס ברודער, דער קאַנדידאַט פון פעדאַגאָגישע וויסנשאַפטן, געווען דער פאַרוואַלטער פון דער קאַטעדרע פאַר פעדאַגאָגיק און אויך געלייענט דאָרטן אין יענעם אינסטיטוט, לעק־ציעס וועגן פּסיכאָלאָגיע. אַהין, קיין מיטלאַזיע איז שײַנדלס ברודער פון קיעוו אַנטלאָפן ווי נאָר ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער געיעג אויף קאָסמאָ־פּאָליטן, — און ער האָט זיך דאָרטן געראַטעוועט... אָבער דער פרײַנד זײַנער, אלעקסאַנדער געלמאַן, דער יידישער לערער און מחבר פון אַ יידישער גראַמאַטיק, ער, אַלעקסאַנדער געלמאַן, האָט פון גרויס מורא אַרעסטירט צו ווערן און אין דער עמגעבע ארײַנפאַלן, זיך שוין דאָרטן, אין מיטלאַזיע, דאָס לעבן גענומען: צוויי מאָל מיט אַ שטיקל גלאָז די וועגעם זיך געשניטן. דאָס ערשטע מאָל האָט מען אים דאָס לעבן אָפּגע־ראַטעוועט, אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום, טאַקע דאָרטן אין שפּיטאָל, האָט

* טאָלסטאָי ווי דער שפּיגל פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

זיך אַלעקסאַנדער געלמאַן, דער פּופּציקיאַריקער, דער גלענצנדיקער לערער און קענער פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, נאָך אַמאָל, נאָר שוין אויף אַן אַנדער אָרט, אויפן האַלדז, און אויך מיט אַ שטיקל גלאָז, די אָדערן זיך איבערגעשניטן... — אַט אַהין־צו, קיין אוזבעקיסטאַן, האָבן זיי, אלישע מיט שיינדלען, געגומען גרייטן און אויסריכטן בדחקות און בצימצום די קלענערע טאָכטער אין ווייטן וועג אַריין, קיין פערגאַנאַ, ווו זי וועט קאָנען אויפן פיזיק־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט אָנקומען. שיינדל האָט די טאָכטער ביז מאָסקווע באַגלייט, דאָרטן זי אַריינגעזעצט אין באַן, וואָס וועט פינף מעת־לעתן גיין אונטער דער פאַליענדיקער זון, און וואָס ווייטער אַלץ אין אַ גרעסערער היץ אַריין... ביים אָנקומען אויפן אָרט האָט מען לאָרען אַ האַלב־לעבעדיקע אונטער דער באַנק געפונען ליגן.

און אלישע מיט שיינדלען זיינען פאַרבליבן מיטן וואַרטן אויף בריוו פון דאָרטן, פון די הייסע זאַמדן... אַלע פאַר נאַכט ביי שיינדלס אומקערן זיך פון דער אַרבעט, פרעגן אירע אויגן: פאַראַן אַ בריוו? — און די בריוו זיינען שווערע, פול מיט טרויער און בענקשאַפט. ניט נאָר די עלטערע טאָכטער מיטן קראַנקן האַרץ, נאָר אויך די קלענערע טראָגט ניט איבער די היצן, די עלנטקייט...

און די טעג ווערן דאָ קירצער, און דער האַרבסטיקער גאָלדיק־ליליאָווער נעפּל הענגט שוין אונטער די הימלען, אין די פרימאָרגנס שרייען די גראָקן — זיי געזעגענען זיך מיט זייערע נעסטן און לאָזן זיך אין וועג אַריין. און שיינדל קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען, — די בענקשאַפט נאָך די קינדער שרייט איר אַרויס פון די אויגן.

און ער, אלישע נאָכן פאַרענדיקן דעם ערשטן בוך מיטן טויט פונעם עלנטן קינסטלער, וואָס האָט פאַר דער גסיסה נאָך געטרוימט צו מאָלן אַ בילד, ווי דער טאַטע זיינער זיצט אויף אַ שיפל אַן וועסלעס צווישן צעכוואַליעטע שוואַרצע וואַסערן... — נאָכן פאַרענדיקן דעם בוך מיט דניאל באַיאַרס טויט, גייט ער אַרום, אלישע, ביים באַבי־יאַר, איבערן אַלטן יידישן בית־עלמין, צווישן די אָנגעוואַלגערטע און צעבראָכענע מצבות; ער בלאָנקעט אַרום איבער די וואַלד־פּאַרקן ביים דניעפּער, אונטער דעם קופּער־פייערדיקן בלעטערפאַל. ס׳שמעקט מיט די לעצטע אַסטרע־ און געאָרגינע־קוויטן, מיט ווינטערדיקע עפּל, מיט קאַלטע פאַרטויקטע פלוימען און מיט שאַרפע אָטאַווע־גראָזן.

און שפּעטער, מיטן פּריִען צופאַלן פון דער נאַכט, — די בלעטער שיטן זיך שוין ניט, נאָר זיי ווערן דורך די ווינטן פון די צוויַיגן, אַראָפּגעשלאָגן; אונטער די רעגנס לעשן זיך די לעצטע האַרבסטיקע פאַרבן, די וואַסערן אין דניעפּער ווערן שווערער, ווי תמיד פאַרן פאַרפרוירן ווערן... דעמאָלט, אַז דער לעכערדיקער דאַך ווערט מיטן ערשטן שניי צוגעדעקט, זעצט ער זיך, אלישע, ווידער צום טיש און הייבט אָן דעם צווייטן בוך מיט די ווערטער: „אין דער מומע ליבעס שטוב שטייט שוין כמעט אַ גאַנצע וואָך אַ שטיל־איַינגעהאַלטענע, א סוד־סודותדיקע יומטובדיקייט פון ערב אַ גרויסער, דערצו נאָך אומגעריכטער שמחה, וואָס דאַרף אַריַין אין אַזאַ אַלטגעבאַקן דלותדיקער, קבצניש־אביונישער נעסט“... — און די האַקמעסערס קלאַפּן הינטער דער טיר, און די פרימוסן רוישן הינטער דער וואַנט, און אלישע שטעלט אויפן פּלאַטנשפּילער די „אַפּאַסיאָנאַטע“ און שריַיבט וויַיטער: „אין דער דאָזיקער סודותפולער שטילקייט, — קיין בייז אויג זאָל, חלילה, ניט שאַטן, קיין שלעכט וואָרט זאָל, חלילה, ניט גילטן — איז געלעגן דער פלאַמיקער רייץ און די טיפע אויפרעגונג פון אַ שיינעם חלום“... און די בלוילעך־פּראָסטיקע שנייען מיט די לעצטע ריחות פון מאַלוועס שיטן און אלישע קוקט צו ווי דער ווינטער נעמט אויסקריצן אויף זיַין פענצטער זילבערנע פּאַפּאָראָטן און הערט:

— גורל, אלישע, גורל!

## כו

און דער אַלטער ייִדישער שרײַבער בײַ די אויסגעבענקטע בערג פון יהודה מיט די שאַרפע ריחות פון ברענענדיקע ווילדגראָזן אויף די שיפּור־עים, מיט די מדבּרדיקע כאַמסין־ווינטן, וואָס וואָיען ווי אין אַ פּוסט־אויסגעטרייסלטער וועלט; מיטן געשטרײַפטן שאַרף אויף די תּמיד אונטער־געהויבענע פאַרחידושטע אַקסלען, — ער קאָן נאָך אַלץ ניט פאַרשטיין און ווערט נאָך אַלץ אויפגעטרייסלט פון דער מינדסטער עוולה און רישעות, און אויך ווערט ער נאָך אַלץ אויפגעציטערט פון אַ טויבן־וואָרקערײַ פאַרן זונאויפגאַנג, און גייט נאָך אַלץ אין אַ שטילער שקיעה־שעה אַהין, אין יענעם סעדל מיט די אויסגעקרומט־בײדעריקע סאָסנעס וואָס בײַ דער קליינער „הדסה״, צו גלעטן דאָרטן די פינקלענדיק־באַוואָסערטע גראָזן פון דער ערד... ער, דער אַלטער בן־מאיר, וואָס שרײַבט אין די נעכט בײַ די שוואַרצע אזכּרה־ליכט, דער אייביקער אָבל, דער אייביקער בעל־יאָרצײַט, דער פרעמדער אין זײַן אייגענעם טרוים, ער מוז אויך איבערלאָזן אים, זײַן לעצטן גלגול, דעם סאַמע נאָענסטן, אין יענעם צווייגאָרנדיקן היל־צערנעם הײַזל, אונטער יענעם לעכערדיקן דאַך, ווײַל אויף צו דערציילן וועגן אַלע „ערב״־יאָרן דאָרטן, בײַם דניעפּער, דאַרף מען האָבן אַ סך חדשים... און דאָס איינציקע אויג זײַנס ווערט מיט יעדן טאָג טונקעלער און געשלאָגענער, און שיינדל קלײַבט שוין קוים פונאַנדער זײַנע אַנגעשריי־בענע שורות בײַם איבערדרוקן אויף דער שרײַבמאַשין... און ער מוז דאָך, אלישע בן־מאיר, בײַ די בערג פון ירושלים, פאַרענדיקן און ברענגען צו אַ שלימות זײַן לעבנס־ווערק, — ער איז דאָך אַהער געקומען זײַן שליחות אויספילן. ער קאָן זיך שוין אויך בײַ יענעם, בײַ זײַן לעצטן גלגול דאָ אויף דער ערד, מער ניט פאַרהאַלטן. ער מוז, אלישע בן־מאיר, זיך אומקערן צו דעם הונדערטיאָריקן זקן, צו דעם גרויסן בעל־נסיון, צו יצחק באָיאַר, וואָס שטייט דאָרטן אין די פרילינגדיקע וואַסערן, בײַם סוף טאָג, אַנגע־

שפּאַרט אויפן נײַעם, אויפן ווונדער־געשינצטן שטעקן, בײַ דער שטיינערנער תּפֿיסה, ווו זײַנע קינדער און קינדסקינדער געפֿינען זיך.

און הגם ער האָפּט נאָך, דער אַלטער ייִדישער שרײַבער, אַז נאָכן פֿאַרענדיקן דעם לעצטן גאָרן, דעם זיבעטן און אַכטן בוך פֿון „ערבֿ״, ווו ייִדן אין רוסלאַנד ראַנגלען זיך ביטער און שלאָגן זיך ביז בלוט פֿאַר זייער קיום, ווי זיי, די באַיאַרס, דורך אָפּגרונטן, דורך רוביר־ און רציחה־וועלדער, דורך סכּנותדיקע זומפּן, דורך וויוגעס און שלאַקסרעגנס, מיט באָרוועסע פֿיס איבערן שאַרף פֿונעם מעסער, טראָגן ווײַטער און היטן מיט מסירת־נפֿש דעם פֿײַער פֿון אַלע פֿריִערדיקע דורות... הגם ער גלייבט באמונה שלימה, אַז דער־וואָס־לעבט־אייביק וועט אים, דעם זון פֿון די לוִיִים און כּהנים, פֿון דער וועלט ניט צונעמען, ביז ער וועט אויך וועגן די „ערבֿ״־יאָרן ביז צום סוף ניט דערציילן, ווײַל ער קאָן זיי יענע יאָרן ניט פֿאַרבײַגיין, יענע „ערבֿ״־יאָרן זײַנען דאָך ניט נאָר די שווערסטע געווען דאָרטן בײַם דניעפּער, נאָר אויך די שענסטע און די הייליקסטע יאָרן זײַנע... און הגם ער האָפּט און גלייבט, אַז ביז ער וועט ניט אָנשרײַבן פֿון אַלע פֿײַערדיקע רינגען, וואָס האָבן זיך אים דאָרטן, אויף די טײַכן פֿון בבֿל־רוסלאַנד, אין דער נשמה אײַנגעשניטן, וועט דער אל רחום וחנון דאָס לעבן בײַ אים ניט צונעמען, וועט אים געבן ריאה און עלנטע יאָרן וויפֿל ער, אלישע בן־מאיר הכּהן, וועט דאַרפֿן פֿאַר זײַן פֿולער שליחות... דאָך און פֿאָרט, בײַ זײַן גאַנצן בטחון פֿון אַ באַיאַר, איז ער ניט זיכער, אַז זײַן פֿאַרלאַנג און זײַן תּפֿילה וועט צו די הימלען דערגיין, און ער וויל, אויב חלילה ניט, זאָל כאָטש, דער סוף פֿון זײַן יציאת־רוסלאַנד, און דער אָנהייב פֿון זײַן אָנקומען אין דעם אויסגעבענקטן לאַנד, אין דעם לאַנד פֿון זײַנע אָבות, אין דעם לאַנד פֿון זײַנע אַלע האָפֿענונגען, דערציילט ווערן דאָ אין קורצן:

— נאָכן אַרויס מיטן לעבן פֿונעם שווערן אינפֿאַרקט, — פֿיר חדשים צו בעט אָפּגעלעגן; נאָך דער ניט געלונגענער אָפּעראַציע אויפֿן לינקן אויג, — די שײַן אין דעם איז גיך אויסגעלאָשן געוואָרן, פֿאַרבליבן בלויז מיט דעם איינעם, מיט דעם רעכטן אויג... און נאָכן גרויסן נס פֿון אָפּדרוקן פֿיר ביכער „ערבֿ״ אין „סאָוועטיש היימלאַנד״, — די ערשטע צוויי זײַנען אויך אַרויס אין מאָסקווער פֿאַרלאַג אין אַ באַזונדער בוך, אויף וועלכן שלמה ביקל ז״ל האָט געשריבן: „מ׳דאַרף אויף דעם מאַכן אַ

ברכה... אַ ברכה, וואָס סטאַלינס שחיטה אויף ייִדישע שרײַבער האָט שעכט־מאַנען פאַרשווינט און אַ ברכה, וואָס דער ייִדישער פּאָלעסיער שטייגער פון „ערב” האָט זיך אָפּגעהיט אין דעם וווּנדערלעכן ייִדישן שרײַבער דורך דער היפּש לאַנגער נאַכט פון סטאַליניסטישן טעראָר און צוואַנג־אַסימיליאַציע...” — דעמאָלטן, שוין אין דער דריטער נײַער דירה, אין דעם זעכצנגאָרנדיקן מויער פאַר שרײַבער, לעם סאַמע דניעפּער, ווו די שקיעה צאַפּלט ביז האַלבער נאַכט אין די וואַסערן און די סאָלאָווייען אויפן אינדזל, אין דעם וואַלד־פּאַרק, לאָזן ניט צומאַכן אַן אויג... דאָרטן, אין איינעם אַ פרימאָרגן, שטייענדיק אויפן שוועל פון דעם באַלקאָן און קוויקנדיק זיך מיט דער זון, וואָס פּויעט די פרילינגדיקע ערד מיט צע־בליטער פרייד... האָט ער, אלישע, פּלוצעם דער טאַטעס קול, לאַרעס, פון הינטער זײַנע פּלייצעס דערהערט:

— די שעה פון מעשים איז געקומען! טאַטע, דו האָסט יאָרן געהאָפּט, געוואַרט, געגלייבט, אַז אין דער שטאָלענער וואַנט וועט זיך אויפּברעכן אַ שפּאַרונע און דו וועסט קאָנען אַרויס פון דאַנען, פון אַט דעם גרויען לעבן, פון אַט דעם רויטן אַנטיסעמיטיזם, פון דײַן איינזאַמקייט, פון דײַן עלנטקייט... די שפּאַרונע איז דאָ, לאָז ניט אַרויס די שעה, ס'קאָן ווערן שפּעט!

און אויך די מאַמע שטייט שוין לעם דער טאָכטער. אַפּנים פון פרײַער זיך אַזוי צונויפגערעדט. זי, שיינדל, זאָגט צו אלישען: — אין אַ שיינעם טאָג קאָנען זיי דיך ווידער נעמען. סטאַלין איז טויט, מ'האָט אים טאַקע אַרויסגעוואָרפן פון מאַוזאָליי, אָבער דער סטאַליניזם לעבט! אויב ניט אין טורמע, וועלן זיי דיך פאַרשפּאַרן אין אַ שפּיטאָל פון גײַסטיק קראַנקע... זיי פאַרשטייען זייער גוט וואָס „ערב” איז. ניט אומזיסט ווילן זיי דעם ראָמאַן, אין רוסיש ניט דרוקן. דער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל” שרײַבט דאָך דיר אָפן, אַז „ערב” איז אַ נאַציאָנאַליסטיש ווערק. און וואָס הייסט פאַר זיי ייִדישער נאַציאָנאַליזם, ווייסן מיר דאָך שוין... אין ייִדיש האָט מען געדרוקט „ערב” כדי צו פאַרווײַזן פאַר דער וועלט דעם שוואַרצן אַנטיסעמיטיזם פון די קיטשקאָס און איוואַנאָווס!

— טאַטע, זיי וועלן דיר אויך ניט מוחל זײַן, וואָס דו האָסט ניט אונטערגעשריבן דעם בריוו קעגן ישראל, וואָס דו האָסט ניט געוואָלט

אַרויסטרעטן אין דעם פילם, וואָס דאַרף באַווייזן דער וועלט ווי אַזוי יידן לעבט זיך דאָ גוט אין ראַטנפאַרבאַנד.

— מיך וועלן זיי ניט אַרויסלאָזן. איך גלייב ניט... און אויב זיי וועלן מיך ניט אַרויסלאָזן, וועלן זיי דעמאָלט מיך געוויס פאַרשפּאַרן אין דעם קאַגעביסטישן פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל. און פאַר דעם, בין איך זיך מודה, האָב איך שטאַרק מורא, ביז גאָר האָב איך פאַר דעם מורא!

— אוודאי איז עס אַ גרויסע אײַנשטעלעניש. — זאָגט שיינדל מיט שרעק אין די אויגן. — אוודאי איז עס אַ געפערלעכע שפּיל מיטן מלאך־המוות. כ׳בין אָבער זיכער, אַז זיי וועלן דיך אַרויסלאָזן. זיי וועלן פון דיר וועלן פּטור ווערן. דו ביסט פאַר זיי אַ ווײַסע קראָ...

— טאַטע, — פרעגט דאָ לאַרע. — דו האָסט אַזוי געטרוימט פון ישראל, דו האָסט אַלע נײַיאָר געזאָגט לשנה הבאה בירושלים... פאַרוואָס ביסטו פּלוצלינג שטיין געבליבן אַ דערשראָקענער בײַ דער אָפענער טיר? די אָפענע טיר איז דאָך דער גרעסטער נס, וואָס האָט נאָר געקאָנט געשען!

— יאָ, טאָכטער, דער גרעסטער נס. דער נס פון יציאת מצרים... אָבער איך האָב מורא, אַז כ׳וועל פון איין עלנטקייט אַרויס און אין דער צווייטער אַרײַן. און אפשר נאָך אין אַ געדיכטערער!

— דו מיינסט, טאַטע, אַז אין ישראל?...

— יאָ, טאָכטער, אין ישראל... כ׳זע זיך דאָרטן אין אַזאַ איינזאַמקייט, אין אַזאַ עלנטקייט... אפילו אָן אַרײַנגעוואָרפענעם אין אַ שטילן חרם.

— פאַרוואָס, טאַטע, זעסטו זיך דאָרטן אַזוי?

— איך פאַר דאָך קיין ישראל נאָך אַ דאָך איבער מײַן שעפערישן לעבן, איבער מײַן פאַרבלוטיקט יידיש לשון! כ׳וועל דאָך דאָרטן פאָדערן, וואָס מ׳האָט מיר דאָ חרוב געמאַכט. כ׳וועל פאָדערן יידישע שולן, יידישע טעאַטערן...

— ס׳קאָן זייער מעגלעך זײַן, — זאָגט שיינדל שוין אײַנגעבויגן. — אַז מיר וועלן דאָרטן אויך זיצן אויפן ברעג ים בײַ אַ צעבראָכענער קאָרעטע... אָבער „ערב" וועסטו דאָך דאָרטן קאָנען פאַרענדיקן? דאָ וועסטו זיך שוין הינטער די פּלייצעס פון געשיכטע ניט קאָנען אויסבאַהאַלטן. אין פינפטן בוך „ערב" מוזטו שוין צוגיין צו דער רעוואָלוציע... אין פערטן בוך האָבן זיי דיך שוין אָפּגענאַרט, זיי האָבן דיר באַוויזן די גראַנקעס און אַלץ איז דאָרטן געווען אויפן אָרט, ווי בײַ דיר אין מאַנוס־

קריפּט, אָבער שפּעטער, פאַרן אָפּגעבן אין דרוק אַרײַן, האָבן זיי אַרויסגע־נומען באַגדאַן כמעלניצקין, אַרויסגעוואָרפן דעם עפּיזאָד מיט דער מומע ליבעס זון, מיט דודלען, וואָס גייט אַוועק קיין ארץ ישראל אין יענער נאַכט, ווען כּירוס און איווע מיט אַדריאַנען, לויפן שוואַרצן די גרענעץ... און דערצו נאָך וועסטו זיך דאָך שוין מער ניט דרוקן דאָ, אין דעם „סאָוועטיש היימלאַנד". דו אַליין האָסט דאָך געזאָגט, אַז פון זינט זיי האָבן אָנגעהויבן דרוקן די אַנטיציוניסטישע, די אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען, איז אָפּדרוקן דאָרטן אײן וואָרט אַ פאַרברעכן קעגן דעם ייִדישן פאָלק. הייסט עס, אַז סײַ ווי סײַ, האָסטו שוין ניט ווו צו דרוקן זיך. און די צענדליקער טויזנטער ייִדן וואָס פאַרשטייען דיך און וואַרטן אויף דײַן וואָרט וועלן עס דאָך שוין ניט האָבן... און נאָך אַ זשורנאַל, אַן אַנדערער, אַ ייִדישער, וועט דאָך דאָ שוין קיין מאָל ניט זײַן. די אויסלענדישע קאָמוניסטן האָבן מיט גרינגע ווערעם קוים אויסגעבעטלט בײַ ניקיטען דעם איינעם... דער „סאָוועטיש היימלאַנד" איז דאָך דאָ ניט מער ווי אַ ממזר!

— פאַרוואָס אַ ממזר? — פרעגט די טאָכטער.

— ווייל דאָס איז דער איינציקער זשורנאַל, — דערקלערט איר שוין אלישע — דער איין און איינציקער אין דעם גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד, וואָס איז בלויז אַ ליטעראַריש־קינסטלערישער און ניט קיין פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכער, אַלע, אַלע זשורנאַלן זײַנען פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע, נאָר ניט דער „סאָוועטיש היימלאַנד".

— מיט וואָס דערקלערט זיך עס? — פרעגט ווידער די טאָכטער.

— פּשוט מיט דעם, וואָס סטאַלינס יורשים האָבן די ייִדישע שפּראַך ניט רעהאַביליטירט. זיי האָבן זי נאָר אַמנעסטירט, ווי מ'אַנעסטירט אַ פאַרברעכער... די שפּראַך פון דעם ייִדישן פאָלק איז נאָך אַלץ פאַר זיי פאַרבליבן רעאַקציאָנער, אַנטיסאָוועטיש. ייִדיש איז נאָך אַלץ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעך געפערלעך. ייִדיש פאַרהאַלט דאָך די אַסימיליאַציע... מ'דאַרף זיך שלאָגן פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פון די דרײַ מיליאָן ייִדן אין רוסלאַנד. אַז די דרײַ מיליאָן ייִדן וועלן באַקומען נאַציאָנאַלע רעכט, וועלן זיי דעמאָלט אויך האָבן רעכט אויף אַ פרײַער עליה!

— נאָר דאָרטן, — זאָגט שיינדל, — נאָר דאָרטן וועסטו קאָנען אויפהייבן דײַן קול... דאָ קאָנסטו ווײַטער ניט פאַרבלײַבן. דו דאַרפסט אָנשרײַבן נאָך פיר ביכער „ערב" וועגן די וווּנדערלעכע באַיאַרס, וועלכע

זײַנען אויך אַן ענטפֿער אַלע די, וואָס לייקענען אָפּ און שוואַרצן דעם גלות־ייִד און זײַן וווּנדערלעכן ייִדישן לשון. און דו ווילסט דאָך נאָך אָנשרייבן די ביאָגראַפֿיע פֿון דײַן נשמה... דאָ וועסטו שוין אַפֿילו פֿאַרן טישקעסטל ניט קאָנען שרײַבן. אין איינער אַ נאַכט קאָנען קומען די קאַגעביסטן...

— טאַטע, — רעדט שוין ווײַטער די טאָכטער. — מיר טאָרן זיך דאָ לענגער ניט פֿאַרהאַלטן. ס׳קאָן ווערן צו שפּעט. אַז דו מיט דער מאַמע וועלן זײַן אין ישׂראל וועט מען אונדז אויך אַרויסלאָזן. איך קאָן שוין דאָ מער ניט לעבן. איך ווער דאָ דערשטיקט. יעדער טאָג שטעלט זיך מיר ווי אַ ביין אין האַלדז... איך וויל ניט אַז מײַן קינד זאָל וואַקסן אין אַזאַ פֿינצטערניש ווי איך בין געוואָקסן. איך וויל ניט אַז איוועלע זאָל איבערלעבן דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, וואָס מײַן מאַן האָט איבער־געלעבט, און וואָס מיר, ייִדן, קאָנען נאָך דאָ איבערלעבן... די שעה, טאַטע, האָט געשלאָגן! זאָל איך געבן צוויסן אַהין, אַז מ׳זאָל אַרויסשיקן אַן אַרויסרוף?

— יאָ, טאָכטער, גיב צוויסן. לך־לך מארצך, וממולדתך ומבית אביך אל ארץ אשר אראך...

און דאָך, אַז דער אַרויסרוף איז אָנגעקומען, האָט אלישע זיך ווידער פֿאַר זײַן לאַנג־געגאַרטן טרוים, פֿאַר זײַן אָנקומענדיקער גאולה, שטאַרק דערשראָקן און דעם אַרויסרוף, ווי אַ גרויסן, ווי אַ טיף־אומרויִקן, ווי אַ ניט דורכדרינגלעכדיקן סוד פֿון זײַן ווײַטערדיקן לעבן, מיט די זיך־טרײַסלענ־דיקע הענט אין טישקעסטל אַרײַנגעלייגט, און צוויי חדשים פֿון דאָרטן ניט אַרויסגענומען, — עפּעס אַ געדיכטער שאָטן אין מיטן העלן טאָג איז אים אויפֿן וועג געשטאַנען.

און דאָך טאָר זיך קיינעם ניט דאַכטן און אויסווײַזן, אַז דאָס אַרײַנלייגן דעם אַרויסרוף אין טישקעסטל איז געווען אויף נאָך אַמאָל איבערטראַכטן און איבערצוקלערן, אויף נאָך אַמאָל מעסטן און איבערוועגן, ניין, פֿאַרבלײַבן מער און ווײַטער דאָרטן, אין דעם רויטמאַהדיקן רוסלאַנד, וווּ מ׳האָט חרוב געמאַכט דאָס ייִדישע לעבן, וווּ מ׳האָט ייִדישע שרײַבער געהרגעט, אין די לאַגערן זיי אומגעבראַכט, וווּ ייִדיש איז אַ שפּיל־מיטל געוואָרן, אַ געמאָלט שפּאַניער־ווענטל אויף צו פֿאַרשטעלן און פֿאַרהוילן די פֿינצטערע מעשׂים... ניין, דאָרטן וווּ זײַן ייִדיש לשון איז צעבראָכן, פֿאַרברענט און דער הייליקער

אַש ווערט מיט די שטיוול געטראָטן, דאָרטן, אויף יענער ערד, וועט ער, אלישע, שוין מער ניט אַרומגיין.

און אויך האָט ער ניט געהאַלטן דעם אַרויסרוף צוויי חדשים אין טישקעסטל אויף צו געזעגענען זיך מיט זײַן נעכטן אויף צו גיין אויף קבר־אבות פון זײַנע גלגולים... ניין, ער האָט זיך דאָ מיט גאָרניט ניט געוואָלט שיידן, ניט געוואָלט דאָ עפּעס־וואָס איבערלאָזן, פאַרקערט, די צוויי חדשים האָט ער באַדאַרפט אויף צונויפלייגן אין זײַן האַרצן און מיטנעמען מיט זיך אַלץ, — פון יענעם קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דעם פּאָלעסיער דאָרף, ווו זײַן ערשטער געשריי אויף דער ערד איז אַרײַנגעפאַלן אינעם געפּילדער פון די שאַרעס פייגלען אויף האַרבסטיקע סטאַווון; דעם צעפּאָרענעם וואָגן, שוין אויף צעשאָטן ווערן, מיט די רעדער וואָס גייען איבערן וואַלדוועג קרום און מאַכן שלייפן אין זאַמד און די טעטער־העגער בײַם טאָג־זעצן־זיך פליִען פון די ביימער אויפן וועג אַראָפּ, שאַרפן די שנאָבלען אין זאַמד, לויפן כמעט אונטער די אויסגעבויגענע פיס מיט די צעשפּאַלטענע קאָפּיטעס פון דעם אַלטן, הויכן און דאַרן קאַשטאַן, וואָס דער זיידע אריה טרײַבט אָן... מיטנעמען מיט זיך זײַנע אַלע שווער־ביטערע קינדער־יאָרן, — דעם האַק־מעסער, וואָס ער האָט אויפן טאָטן דערמאָלטן, אין יענעם פאַרנאַכט אויפגע־הויבן; אויך דאָס פאַרלוירן גאָלדן פינפערל, וואָס ער האָט מיטן אויג פון דער נשמה אין די בײַנאַכטיקע בלאָטעס געפונען; און דעם כוטער מיט זײַנע ערשטע שורות: כמאַרעס, מאַמע, כמאַ־רעס... און די באָבריצער הוטע מיט מאַלין, און די ערשטע באַגעגעניש מיט שיינדלען בײַם שוואַרצן ים; און דעם צימער מיטן לעכערדיקן דאַך, ווו ער האָט נאָכן אַרויסגיין פון טורמע די ערשטע צוויי ביכער „ערב" אָנגעשריבן... אַלץ דאַרף ער מיטנעמען, זײַן גאַנצן ווייַ און עקשנות, זײַן גרויסן צער און צאַרן, ניט איבערלאָזן דאָ, חלילה, אַ ברעקל מחילה און סליחה, — ס'טאָר גאָרניט פאַרגעסן און געשענקט ווערן... ער דאַרף עס אַלצדינג מיטנעמען מיט זיך אַהין, קיין ישראל, און דאָרטן, אין דעם לאַנד פון זײַנע אָבות, שוין אונטערן דאַך איבער זײַן לעבן, וועט ער דערבויען זײַן באַוואַר־וועלט, און אויך אַרײַנבויען אַהין, אין זײַן וועלט, די ישראלדיקע, און פון ביידע וועלטן אויסקנעטן איין גרויסע יידישע וועלט, און דערהייבן דאָרטן, אין יענער וועלט, דעם ישראלי צו די באַוואַרס, — צו יצחקן, צו גבריאלן, צו דער מומע ליבע, צו סטיסיען, ווײַל זיי, אָט די

גלות־ייִדן, זײַנען געווען ניט נאָר שטאַרקע און שיינע געשטאַלטן, נאָר אויך נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייטן.

און דערנאָך, נאָך די צוויי חדשים, נאָכן פּאַרטיק־ווערן מיטן צונויפֿלייגן אין האַרצן זײַן גאַנצע וועלט, איבערגעבונדן מיט אַלע זײַנע אָדערן, ס׳זאָל, חלילה, אין וועג גאָרניט ניט פֿאַרלאָרן גיין. — ס׳האָבן שוין דעמאָלטן אָפּגעדונערט און אָפּגערוישט די פּרילינגדיקע רעגנס, איבערן דניעפּער גייען גאָלדענע רויכן, — אָן אַ ווינט טראָגן זיך די טאָפּאָל־פּוכן; איבער די בלויע וואַסערן וויגן זיך ווײַסע ליליע־קריגעלעך און ס׳שווימען שטיקער באַזילבערטע הימלען; אויפֿן אינדזל, ווו אלישע גייט אַרום מיט זײַן אייניקל, מיט איוועלען, וואָס רײַסט צווישן די בערעזעס ראַמאַשקעס און ליליאָווע גלעקלעך און גיט זיי דעם זיידן צו פֿלעכטן פֿאַר איר אַ בלומענקראַנץ, דאָרטן, אויפֿן אינדזל, שטייען פּײַכט־הייסע ריחות פֿון פֿריש געקאָסעטע גראָזן, פֿון מיאַטע, פֿון אַקאַציע און ליפּאָווע־צוויט, — פֿאַר די אויגן אַ רעגנבויגן פֿון קאָלירן... אָט אין יענע טעג האָט אלישע פֿון טישקעסטל דעם אַרויסרוף גענומען און מיט שיינדלען אים אַוועקגעטראָגן אַהין, דעם וואָלף אין מויל אַרײַן!

און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די טעג און וואָכן און חדשים פֿון גיין איבער די שבעה מדורי גהינום: פֿון באַליידיקט און דערנידעריקט ווערן, פֿון אויס־זוכן פֿלעקן און שאַנדצייכנס, פֿון פֿאַרשטעלטן חוזק און אָפֿענער שנאה... פֿון זיצן און שטיין און פֿון וואַרטן הינטער די טירן, און אַז דו האָסט זיך שוין מיט דײַנע אָנגעפֿולטע פּרעגבויגנס און מיט די ביאָגראַפֿיעס און מיט די בײַגעלייגטע פּאַטאָס — און אַלץ דאַרף זײַן אין דרײַ עקזעמפּליאַרן, און רייך, און יעדער אות דאַרף זײַן דײַטלעך און בולט, ס׳טאָר ניט געמעקט און פֿאַרריכט ווערן — און אַז מ׳דערגייט שוין צום טיש פֿון דעם עמגעביסט, געפֿינט ער גלײַך פֿעלערן און ניט־פּינקטלעכקייטן, ס׳פֿעלן אים צײַגענישן, ווו און ווען זײַנען די עלטערן געשטאָרבן און ווו און ווען זײַנען זיי צו קבורה געבראַכט געוואָרן... און אויך וועגן דעם קרוב, וואָס האָט דעם אַרויסרוף געשיקט, איז ווינציק און ניט קלאָר געשריבן, ס׳דאַרף זײַן און פּינקטלעך און אַקוראַט פֿון וואַנען און ווי אַזוי און ווען דער קרוב איז אַהין געקומען און... און... גייען זיי, אלישע מיט שיינדלען, ווידער אַהיים און שרײַבן דאָרטן איבער און געבן צו, אַז דער שוועסטערקינד וואָס האָט דעם אַרויסרוף פֿון ישראל געשיקט איז אַ זון פֿון דער מאַמעס ברודער, וואָס נאָך די

פּאַגראָמען פונעם פינפטן יאָר איז ער דורך טורקעסטאַן, דורך פּערסיע, פון רוסלאַנד געלאָפן...

און דערנאָך זיצן זיי דאָרטןביידע און וואַרטן ווידער און שטייען הינטער דער טיר, און נאָכן אָפּוואַרטן דעם טאָג — אַלע בלוטן ווערן איבערגעקאָכט און איבערגעברענט — גייט אַרויס די סעקרעטאַרשע און גיט צוויסן: מער וועלן היינט קיין פּאַפּירן ניט צוגענומען ווערן! און מאָרגן און איבערמאָרגן אויך ניט... און אַז מ׳האָט שוין דאָרטן די פּאַפּירן צוגענומען, הייבט זיך אָן די סדרה פון אַראָפּנעמען קאָפּיעס פון די דאָקומענטן, — אָריגינאַלן טאָר מען ניט אַרויספירן... און דאָרטן דאַרף מען אויך אָפּשטיין טעג, ווייל אַלץ ווערט מיט דער שרייבמאַשין געמאַכט און דערנאָך, אַז די קאָפּיעס זיינען שוין אויף די הענט, דאַרף מען מיט זיי לויפן צום נאָטאַריוס אויף צו באַשטעטיקן... און דאָרטן איז אויך קאָפּ אויף קאָפּ — אין יענעם יאָר, אין 1972 זיינען יידן אין די גרויסע טויזנטער קיין ישראל געפאָרן. דער נאָטאַריוס נעמט אויף צוויי מאָל אין דער וואָך, און בלויז צוויי שעה נאָך האַלבן טאָג... — און שפּעטער, אַז אַלע פּאַפּירן זיינען שוין אָן אַ שפּרענ־קעלע, שוין אומעטום און פון אַלעמען געחתמעט און געשטעמפּלט געוואָרן, ערשט דעמאָלטן דאַרף מען וואַרטן... חדשים, יאָרן? און ס׳קאָן דאָך אויך אָנקומען פונעם „אָוויר״ דער שוואַרצער ענטפער אַז זיי, אלישע מיט שיינדלען, טאָרן פון לאַנד ניט אַרויספאָרן!

# כז

און מיט אַ קעלט אין האַרצן וואַרט מען אויפֿן ענטפֿער פֿון „אָווער" — פֿון דער קאַגעבע... וועלן זיי דערלויבן אַרויספֿאָרן? און אלישען חלומט זיך אַלע נאַכט יענער חלום: ער דרייט זיך אַרום אויפֿן דנאָ פֿון אַ גרוב... די גרוב איז אַ נאַסע, אַ ליימיקע און אָן ווינקלען, — אַ קײַלעכדיקע גרוב, אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף! אָט די קײַלעכדיקייט איז דאָס סאַמע שרעקלעכסטע, — ס'איז ניטאָ אפֿילו וווהין צו באַהאַלטן זיך. און זען זעט מען פֿון דאָרטן גאָרניט. מ'הערט נאָר ווי ס'גיסט פֿון די ווענט. די וואַסערן אונטער די פֿיס הייבן זיך... נאָר אַרויסקריכן פֿון דאָרטן איז אוממעגלעך, — די גרוב איז אַ הויכע און די ווענט זײַנען פֿון נאַסן שטײַפֿן ליים, ווי פֿון האַרטער גומע, — מ'קאָן זיך אָן זיי ניט אָנכאַפּן, מ'קאָן זיך אין זיי ניט אײַנגראָבן מיט די פֿינגער, מ'קאָן גאָר פֿון דער גרוב ניט אַרויסקריכן... ער שרײַט, אלישע, פֿון דאָרטן, פֿון דער דנאָ פֿון דער גרוב, אָבער זײַן קול הערט קיינער ניט! — און מיטן זומער, ווי תמיד אין די פּאָלעסיער וועלדער, האַלט עס שוין אַזוי: די וואַסערן אין דניעפּער פֿאַלן און ווערן קילער, די שוואַלבן־נעסט אונטערן דאַך איז ליידיק, — זיי, די שוואַלבן, די אָנזאָגער פֿון פֿריילינג, זײַנען אויך די ערשטע אָנזאָגער פֿון האַרבסט... די בלעטער אויף די ווילדע באַרן־ און ראַבינע־ביימער צונטער רויט, — אַ ביסל זשאַר נאָכן אָפּגעברענטן זומער. ס'ווייעט מיט ריחות פֿון זשאַלודיעס, מיט וועלפּישע ניס, מיט קאַלטער ראָסע פֿון אַטאַווע־גראָזן, מיט ווינטערדיקע שטייף־בלוילעכע עפּל, וואָס בעטן זיך שוין פֿון די ביימער אַראָפּ. איבערן אינדזל, איבערן וואַלד־פּאַרק, ציט זיך אַ זילבערנער שפּינוועבס, די פֿייגלען ווערן שטיל און שטילער, קלײַבן זיך אין ווײַטן וועג אַרײַן, — טראָגן אַוועק אין די שנאָבלען דאָס לעצטע ביסל וואַרעמקייט און מיט יעדער פֿאָך מיט די פֿליגלען טרײַבן זיי אָן דעם טונקל־גרויען האַרבסט. — אָט אין יענע טעג, שוין אין געדיכטן בלעטערפֿאַל, שוין אין אָנהייב פֿון די רעגנס, האָט אלישע פּלוצלינג אַ קאַרטל פֿון „אָווער" באַקומען: זײַן דאָרטן ביַין אַזייגער אינ־

דערפרי. לויפן זיי בײדע, אלישע מיט שיינדלען, צו דער טאָכטער, וואָס וווינט אין דעם אַנטקעגנאיבערדיקן מויער, אויפן אַכטן גאָרן, בשכנות מיט יענעם שטילן קריסט, וואָס גייט אַלע זונטיק מיט זײַנע דרײַ שוועסטער אין קלויסטער אַרײַן... ער, אָט דער שטילער און פרומער גוי, האָט איין מאָל, אין אַ פּאַסכאַ־נאַכט, באַגעגנט אלישען אויף די טרעפּ און גענומען קריכן זיך קושן:

— כריסטאָס וואָסקרעס. יעזוס האָט אויפגעלעבט! — און ער איז שיכּור געווען, דער גוי, און זיך גענומען דערקלערן ייִדן אין ליבשאַפט. און אלישע ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס, נאָר ער טוט אים דאָ, אויף די טרעפּ, פּלוצעם אַ פרעג:

— דו האָסט פריִער געהאַט אַ ייִדישע ווײַב?

— יאָ, געהאַט... ווער האָט עס דיר דערציילט?

— און וויפל קינדער האָסטו מיט איר געהאַט? — פרעגט אלישע ווײַטער.

— צוויי קינדער... צוויי מיידעלעך...

— וווּ איז דײַן יענע ווײַב מיט די קינדער?

— אין אָנהייב פון דער מלחמה בין איך מאָביליזירט געוואָרן אין אַרמיי און האָב איבערגעלאָזט די ווײַב מיט די קינדער דאָרטן, אויף קורעניאָווקע, אין מײַן שטוב מיטן גאָרטן. און... און...

— און וואָס איז מיט זיי דאָרטן געשען? אין דער הייליקער פּאַסכאַ־נאַכט דאַרפסטו מיר דערציילן דעם אמת!

— מײַנע שוועסטער האָבן פאַרברענט די שטוב אויפן גאָרטן און... און...

— און פאַרברענט דײַן ייִדישע ווײַב מיט אירע צוויי קינדער?

— יאָ... פאַרברענט... כריסטאָס וואָסקרעס!

און לאַרע, איבערלייענענדיק דאָס קאַרטל, ווערט אויך בלײַך, ווי פריִער שיינדל און אלישע, מ׳ווייסט דאָך ניט וואָס פאַר אַ פּסק־דין דאָס קאַרטל האָט געבראַכט און דערצו נאָך זײַנען שוין געווען פאַלן ווען מ׳קומט מיט אַזאַ קאַרטל אין „אָוויר״ און מ׳נעמט פון דאָרטן, דורך דער הינטערטיר, אויף אַן „אויספאָרשונג״, — און אלישע ווייסט דאָך גוט, וואָס אַן „אויספאָר־שונג״ הייסט, ווען סמערדיאַקאָוו דער צווייטער לייגט דעמאָלט ניט אָן מיטן קאָפּ, וואָלטן שוין אלישעס בײנער זיך געוואַלגערט ערגעץ־ווו אין אַ שניײגרוב אויפן ווײַטן צפון. — און לאַרע זאָגט: — אויב מיר וועלן ניט

קאָנען אַרויספאָרן, וועל איך מײַן קינד דאָ, אין דעם פאַרשאָלטן לאַנד, ניט איבערלאָזן. כ׳וועל אָוועקשיקן איוועלען מיט אַן אַנדער משפחה קיין ישראל... זאָל זי באַדײַ וואַקסן אַן טאַטע־מאַמע, נאָר בײַ זיך אין לאַנד! — און נאָך דער נאַכט פון אויפזײַן, פון אַרומגיין מיט אָפענע אויגן, ביז צום טאָג ווערן, איבער דער קײַלעכדיקער ליימיקער גרוב, — די וואַסער אויפן דנאָ הייבט זיך אַלץ העכער און העכער... און מיטן טאָג ווערן גייט מען אַהין־צו, אין „אָוויר״, ווו ס׳רוישט שוין, ווי אין אַ בינשטאָק. באַקומט אַ משפחה אַ דערלויבעניש אויף אַרויסצופאָרן, פרייען זיך אַלע און טאַנצן אויף דער גאַס, און אַז איינעם ווערט אָפּגעזאָגט, טרויערן אַלע, — דאָרטן, אין „אָוויר״ דערפילט מען ערשט די גרויסע אחדות, די געבונדן און געקניפּטקייט פון ייִדישן גורל... און אלישע מיט שיינדלען, און די טאָכטער לעם זיי, וואַרטן אויפן פסק־דין! ס׳איז אפילו דעם צושטאַנד זייערן ניט צו באַשרײַבן. נאָר אַ ייִד פון ראַטנפאַרבאַנד ווייסט וואָס ס׳הייסט שטיין מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי אונטער דער האַק, און וואַרטן... ענדלעך רופט מען זיי אין צימער אַרײַן און איינע, וואָס איז אַזוי גערעאָטן אין יענער, איז דער פּראָקוראָרשע, אין דער אוסאָווא, זאָגט צו אלישען:

— ס׳איז אײַך דערלויבט געוואָרן אַרויספאָרן קיין איזראַאיל. — מער הערט שוין ניט, אלישע, וואָס זי רעדט דאָרטן ווײַטער, ווי שיינדל רײַסט ביי יענער אַרויס נאָך אַכט טעג אויפן גרייטן זיך אין וועג אַרײַן; און אים, אלישען, נעמט שלאָגן אַ פרייד, און אויך אַ טרויער, אַ ווילדער, וואָס וואַלגערט אים שיִער פון די פיס ניט אום... — מ׳דאַרף דאָך פאָרן זיך געזעגענען, און אויפן גאַנצן לעבן זיך שיידן מיט איר, מיט דער עלטערער טאָכטער, און אויך מיט אירע קינדער, מיט די צוויי אייניקלעך... און די ערשטע פאָרט זיך געזעגענען די מאַמע, און אין דרײַ טעג אַרום קערט זי זיך אום פון דאָרטן און ס׳איז שוין ניט צו דערקענען שיינדלען: די אויגן פון שווערן טרויער אײַנגעפאַלן, און די ליפּן איבערגעטרוקנט און צונויפ־געפרעסט, ווי זי וואָלט דעם גרויסן ווייגעשריי פון דער מאַמע, און אויך פון דער טאָכטער, וועלן אין זיך דערשטיקן...

און אויך ער, אלישע, פאָרט אַהין, צו די קאַרפּאַטן־בערג, זיך געזעגענען און זיך שיידן מיט דער עלטערער טאָכטער, מיטן איידעם, און מיט די אייניקלעך. אַהין, צו די קאַרפּאַטן־בערג, איז די טאָכטער פון מיטל־אַזיע אַריבערגעפאָרן, — און אויך מיט גרויסע שווועריקייטן... דאָרטן, אין יענעם

ווײַטן דאָרף, וווהין זי איז פֿאַרפֿאָרן און אַרבעט ווי אַ לערערין, דאָרטן האָט איר אלישע אויך געהאָלפֿן אַ שטוב קריגן. און די שטוב איז אין טאָל געשטאַנען מיט טיר און פֿענצטער פֿאַרקלאַפּט, — אַ שטיבל פֿון אַ געוועזענעם בענדעראָוועץ... דאָרטן איז מיט איר אלישע די ערשטע פּאָר חדשים געווען, געהאָלפֿן אַ שטיקל בעל־הביתטע ווערן, אַ בעט און אַ טיש אַרײַנשטעלן, אַ לאָמפּ מיט אַ גלעזל און קעראָסין קויפֿן, — אויף דער נאַכט זאָל אין שטוב אַ שײַן זײַן; און מיט האָלץ צום הייצן זי באַזאָרגט, און אַרום שטיבל אַ פּלויט אָוועקגעשטעלט, און דעם גאָרטן אויפֿגעאַקערט און קאַרטאָפֿליעס געזעצט. — דער מאַן האָט דאָך נאָך געלערנט דאָרטן, אין מיטל־אַזיע, אין דעם מעדיצינישן אינסטיטוט. און שפּעטער, ווען אַלע דאָקטוירים האָבן זי געוואָרנט, אַז זי זאָל זיך באַצייטנס פֿונעם וולד באַפֿרײַען, מיט איר האַרץ וועט זי דאָס קינד ניט האָבן... און זי, די טאָכטער, איז אין ייִאוש אַרײַנגע־פֿאַלן און געזאָגט: אויב זי קאָן קיין קינד ניט האָבן, קאָן זי אויך ניט לעבן... דעמאָלט האָט איר אלישע געזאָגט:

— טאָכטער, דו וועסט האָבן דאָס קינד, און דו וועסט האָבן אַ ייִנגל! — און זי האָט געגלייבט אין דעם טאַטנס ווערטער און מער צו קיין פּראָפֿעסאָרן ניט געגאַנגען. און אלישע איז מיט איר ווידער דאָרטן אין יענעם טאָל־שטיבל געזעסן און דערנאָך זי אַהיים גענומען צו האָבן דאָס קינד אין קיִעוו. און אין יענער נאַכט פֿון איר גײַן צוקינד איז אלישע מיט שיינדלען בײַם שפּיטאָל אונטער די אָפֿענע פֿענצטער געשטאַנען, — די נאַכט איז געווען אַ מיט־זומערדיקע... און פֿאַר טאָג האָבן זיי דער טאָכטערס ווייען־קול דערהערט. און איר געשריי האָט זיך געהויבן, געפֿאַלן, און פֿלעג מיט אַמאָל אויף לאַנג גאָר פֿאַרפֿאַלן ווערן... און אַזוי אַ שעה, און צוויי, און ווען דער זייגער איז געווען האַלב אַכט, האָט אלישע געזאָגט צו שיינדלען:

— אויב ביז אַכט אַזייגער האָט זי ניט דאָס קינד, האָבן מיר ניט די טאָכטער!... — און פּונקט אַכט אַזייגער איז די אַקושאָרקע אַרויס און אָנגעזאָגט:

— געבוירן אַ ייִנגל! — און אויך זי, די אַקושאָרקע, זעענדיק שיינדלס און אלישעס פּנימער, האָט זיך צעוויינט.

אומקערנדיק זיך פֿון דאָרטן, שוין נאָכן געזעגענען און שיידן זיך מיט דער טאָכטער און מיט די אייניקלעך, — דאָס קליינינקע מיידעלע, אַ נאָמען נאָך שיינדלס מאַמע, דאָס נײַן חדשימדיקע קינד, וואָס אלישע האָט

פאַרן אַרויסגיין פון שטוב נאָך אַמאָל אויף די הענט גענומען, האָט אים מיטביידע הענטלעך פאַרן האלדז אַרומגעכאַפּט און ניט געוואָלט פון אים צו דער מאַמע גיין, ווי ס׳וואָלט געפילט אַז מער וועט זי זיך מיטן זיידן שוין ניט זען... — אומקערנדיק זיך פון דאָרטן, שוין געבליבן געציילטע טעג צום אַרויספאָרן, און מיט וואָס אַרויספאָרן איז ניטאָ, ווײַל דעם פּײַ, דאָס געלט פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער דירה האָט נאָך שיינדל ניט באַקומען, הגם זי לויפט צו יענעם, וואָס דאַרף די דערלויבעניש געבן, דרײַ מאָל אַ טאָג, אָבער יענער קומט אָפּ מיטן אָפּרייד, אַז ער קאָן די פאַרוואַלטונג ניט צונויפנעמען און אַליין קאָן ער דאָך גאָרניט ניט טאָן. דעמאָלטן, אומקערנדיק זיך פון דער טאָכטער מיט דער צעבלוטיקטער נשמה, האָט אלישע, באַגעגענענדיק יענעם אויף דער נאַכט אין דרויסן, גענומען שרײַען איבער דער גאַנצער גאַס:

— אַנטיסעמיטן! איך וועט מיך דאָ ניט פאַרהאַלטן, איך וועל פון דאַנען סײַווי אַוועקפאָרן! — פון אלישעס רייד און פון זײַן געשריי, ווערט שיינדל אויפגעציטערט: וואָס וויל ער מיט דעם, אלישע, דער־גרייכן, וויל ער אַז פאַר די רייד מיטן געשריי זאָל מען אים פאַר כולי־גאַנסטווע אַרעסטירן? אַלע טאָג, זיבן אַזייגער פאַרנאַכט, קלינגט מען אַזוי אויך צו לאָרען און מ׳זאָגט איר: דײַנע עלטערן וועלן פון דאַנען קיין לעבעדיקע ניט אַרויספאָרן!...

## כח

דאָך, נאָך אַלע שטער און שטרויכלונגען, שוין מיט די לעצטע כוחות זײַנען זיי אין דעם ווינטערדיקן פֿאַרטאָג אַרויסגעפֿאָרן פֿון דעם לאַנד, וואָס האָט חרוב געמאַכט אַלע האָפֿענונגען און טרוימען, מיט ווילדער רציחה געשאָסן יידישע שרײַבער און מיט שוואַרצער שנאה און אכזריות צעטראָטן אין שטויב די יידישע קולטור... דער באַן גייט וואָס ווײַטער אַלץ גיכער אַרויס פֿון דער שטאָט־שײַן און לויפֿט אין דער פֿינצטערניש אַרײַן, — ערגעץ אין די ווײַטקייטן וויגט זיך אויפֿן ווינט אַ טונקל־רויט־לעכע שײַן, ווי אַ בלוטיקער שאָטן... ערגעץ דאָרטן, אין יענער שאָטן־שײַן זײַנען פֿאַרבליבן זייערע, אלישעס און שיינדלס, קינדער און אייניקלעך. און די רעדער קלאַפּן אויס זייער ניגון אויף די רעלסן, אַ ניגון אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף, — דער ניגון פֿון אייביקן וואַנדער־און־וואָגל. און די ווינטן טראָגן אָן אַ האָגל, וואָס קלאַפּט אויס אין יאָגנדיקן פֿענצטער די אָנהייב־ווינטערדיקע ליד, — דער האָגל קלאַפּט איבער דער שויב ווי אַ בלינדער מיט אַ פֿינגער... און אלישע מיט שיינדלען זיצן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און שווײַגן. ביידע האָבן מורא אויף אַ קול אַרויסזאָגן זייער חשד: אין דער קופּע אַחוץ זיי איז קיינער ניטאָ! און יידן מיט וויזעס אין די הענט האָבן דאָך געבעטן בילעטן אויפֿן צוג, אָבער דער ענטפֿער איז געווען איינער: ניטאָ קיין ערטער, ניטאָ! זאָל מען גיין אין „אָוויר" וועט מען דאָרטן פֿאַרלענגערן די צײַט אויפֿן אַרויספֿאָר נאָך אויף דרײַ טעג, אויף נאָך יום־טוב, פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע... און אַז ער, אלישע, איז צוגעגאַנגען צו דער קאַסע, האָט מען בײַ אים די וויזע גענומען, אין אַ צעטל אַרײַנגעקוקט און אים תיכף צוויי בילעטן געגעבן. ער האָט עס ניט געקאָנט פֿאַרשטיין... האָט שיינדל אויף דעם געזאָגט: ניטאָ זיך דאָ וואָס צו חידושן, זיי ווילן פּשוט דיך אַרויסבאַגלייטן פֿון דאַנען וואָס גיכער.

איצטער פֿאָרן זיי אַליין אין אַ קופּע, און אַרום הערט מען אויך קיין

קול ניט, הגם ס׳האָבן זיך אין צוג געזעצט פרויען מיט שלעפּערדיקע קינדער אויף די הענט, — זײַנען זיי, די קינדער, שוין אַזוי גיך אײַנגעשטילט און אַנטשלאָפן געוואָרן? און אלישע גייט פון קופּע אין קאָרידאָר אַרויס. נאָר אויך דאָרטן הערט מען פון ערגעץ ניט קיין קול. צוויי קאָנדוקטאָרן, אין יעדן עקן פון וואַגאָן, שטייען בײַ די פענצטער און רייכערן.

— צי דען טאָקע, — פרעגט שיינדל, וואָס זעט אלישעס נשמה ווי אין אַ שפּיגל. — צי דען טאָקע מאַטערן דיך אַזוי די צוויי ליידיקע ערטער אין קופּע? מ׳האָט זיי מיסתמא פאַר עמעצן געהאַלטן...

— דער גאַנצער וואַגאָן איז אַ ליידיקער. מיר פאָרן אין צווייען אין אַ ליידיקן וואַגאָן.

— דו ביסט אין דעם זיכער?

— אָן שום ספק!

— צוליב וואָס?

— אונדזער וואַגאָן איז דער לעצטער. מ׳קאָן אים אויף יעדער סטאַנציע אָפּקייטלען און אַוועקפירן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, אויף צפון... און די לעבעדיקע גאַנדז איז אָפּגעפליקט געוואָרן אָן איין געשריי. שטיל און גלאַט. אַלע האָבן געזען ווי דער שרײַבער האָט באַקומען די וויזע, ווי ער איז מיט דער ווײַב פון ק׳עוו אַרויסגעפאָרן. און, ווי זאָגן די רוסן, קאָנצי וו׳וואָדו, די עקן אין וואַסער... פון דאַנען אַרויס און אַהין ניט דערפאָרן.

און הגם ביידע מיד און אויסגעמאַטערטע, שוין אין די לעצטע טעג באַדאַרפט קריגן קאָסטנס פאַר די ביכער (קיין מעבל האָבן זיי ניט גענומען), פירן זיי אין טאַמאָזשנע אויף איבערקוקן, איבערנישטערן, איבערבלעטערן, און וואָס ס׳ווערט ניט געפעלן ווארפט מען אָפּ אין אַ זײַט... פאָרן קיין מאָסקווע, אויף צו באַשטעטיקן אין דער האָלענדישער אַמבאַסאַדע די וויזעס און אויך דאָרטן, אין מאָסקווע, נעמען אַ דערלויבעניש אין דער עסטרײַכישער אַמבאַסאַדע אויף דורכפאָרן דורך עסטרײַך, און אויך נעמען אַזאַ דערלויבעניש אין דעם טשעכאָסלאָוואַקישן קאָנסולאַט אויף דורכפאָרן דורך טשעכאָסלאָוואַקיע; דערנאָך דאָס געזעגענען זיך מיט די קינדער און אייניקלעך... — הגם מיד און אויסגעמאַטערטע, אָבער ביידע מאַכן מיט קיין אויג ניט צו, ביידע פאָרן אין אומרו און אין וואַרטן אויף עפּעס, וואָס וועט זיך קיינעם, פון אַ פרײַען לאַנד, גאָר אויפן שכל

ניט לייגן. נאָר דאָ אויף דער קאָמוניסטישער ערד, איז עס אַ טאָג־טעגלעכקייט. דאָ איז אַלצדינג מעגלעך. פאַר סמערדיאַקאָוון איז דאָך קיין אַפּהאַלט און קיין אָפּשטעל ניטאָ, אַלץ איז דאָך דערלויבט!... אויב מ׳האָט געקאָנט שיסן דוד בערגעלסאָנען, דוד האָפשטיינען, פּרץ מאַרקישן, לייב קוויטקאָן, איציק פעפערן, איזי כאַריקן, אומברענגען דעם ניסתר, משה קולבאַקן, מאַקס עריקן, עליע ספּיוואַקן און... און... און... פאַרוואָס זאָל מען איצטער ניט נעמען אָט דעם אלישען, אָוועקפירן אים צוזאַמען מיט דער ווײַב קיין סיביר, און אויס. אי ער וועט דאָרטן ניט טומלען און אויך דאָ וועט מען שוין פון אים מער ניט הערן.

און דער באַן יאָגט שוין אַרויס פון דער נאַכט און לויפט אַרײַן אין דעם טאָג, וואָס רעגנט און שנייט און די הימלען איבערן וואַגאָן־פענצטער זײַנען כמעט שוואַרצע... און דער צוג לויפט ווידער אַרײַן אין דער נאַכט און פאַרהאַלט זיך אויף דרײַ געציילטע מינוטן אויפן וועג, ווו ניט ווײַט פון דאָרטן וווינט די עלטערע טאָכטער, וואָס האָט בײַם געזעגענען זיך געשוויגן, נאָר שפּעטער געשריבן אין איטלעכן בריוו: „איך וואָלט זיך גאָר קיין מאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מײַן טאַטע און מײַן מאַמע וועלן קאָנען מיך איבערלאָזן דאָ איינע אַליין און אַוועקפאָרן״... — אין יענער נאַכט איז זײַן צוועלפיאָריק אייניקל געלאָפן פון איין וואַגאָן צום צווייטן און געשריִען: — זיידע, ווו ביסטו, לאָז הערן דײַן קול, זיידע! — און דער זיידע, דער אַלטער ייִדישער שרײַבער, וואָס אין אים האָבן גערוישט די פּאָלעסיער וועלדער און די ערד, ווו דור־דורות ייִדן האָבן געלעבט, האָט געקלאַפּט אין זײַנע אָדערן, ער האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס געפאַלענע און געשטראָפטע לאַנד, ווו די ערד איז פול געוואָרן מיט אכזריותן, ווו די טײַכן אין שנאה און אין רציחה... ער האָט געהערט ווי זײַן אייניקל רופט: זיידע, ווו ביסטו? לאָז מיך הערן דײַן קול, זיידע! און דו, באָבע מײַנע, ווו ביסטו? — און ביידע, דער זיידע און די באָבע, וואָס האָבן אויף זייערע הענט אויסגעוויגט אין די נעכט דאָס אייניקל, האָבן ניט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט, ניט געקאָנט זיך אָפּרופן...

און דער צוג לויפט ווײַטער דורכן שניי־רעגנדיקן טאָג מיט די כמעט שוואַרצע הימלען, פאַרבײַ טונקל־נאַקעטע וועלדער, פאַרבײַ סטערניע־פעלדער; ווו־ניט־ווו שנײַדט זיך מיט אַמאָל אַרויס אַ ליכטיקע גרינקייט, וואָס לענט אונטער דאָס האַרץ מיט אַ ריפּטל פרייד... פון אָט דער

ליכטיקער קאָרן־גרינקייט טוט אויף אלישען אַ ווייע מיט אַ פריש געבאַקן ברויט אין דער ווײַטער וואָרעמער שטוב אונטערן גראָבן שטרויענעם דאַך אויף די ערב־ווינטערדיקע גערטענער, ווו די מאַמע שנײַדט די ריפּטעלעך ברויט מיטן זאַקאַלעץ און זאָגט מיט איר ליכטיקן טרויער: „שווער, אלישעלע, שווער, אוי, ווי שווער, אָבער מיר דאַרפן עס אויסשטיין און בײַקומען״! און דער טאַטע לערנט אים: „אַ ייִד, אלישע, דאַרף אויפנעמען יסורים פון דעם ריבונו של עולם מיט ליבשאַפט... אָן יסורים וועט די גאולה שלימה ניט קומען!״ — און די ליכטיקע גרינקייט ווערט אויסגעלאָשן, דער צוג יאָגט שוין פון דעם לעצטן שטיקל טאָג אויך אַרויס, — און דעם וואַגאָן קײַטלט מען אין ערגעץ ניט אָפּ, און דער באַן גייט ווידער אין דער נאַכט אַרײַן, און אין גיכן בלײַבט ער גאָר שטיין. דער קאָנדוקטאָר מעלדעט:

— טשאָפּ!

— מיר זײַנען שוין אויף דער גרענעץ, — זאָגט שיינדל מיט פרייד. — אָט נאָך אַ ביסעלע און מיר וועלן זײַן אויף דער פרײַער וועלט! אַבי מיר וועלן אַדורכפאָרן טשעכאָסלאָוואַקיע, זײַנען מיר שוין אין עסטרײַך... און מאָרגן וועלן מיר שוין זײַן דאָרטן! מאָרגן וועלן מיר שוין זײַן אין ישראל! מאָרגן וועלן מיר דאָך שוין זײַן אין ישראל!

און זיי גייען מיט זייערע פיר קופערטס פון וואַגאָן אַראָפּ, — אַחוץ זיי צווייען גייט פונעם גאַנצן וואַגאָן קיין איין מענטש ניט אַרויס. אויך די צוויי קאָנדוקטערס פאַרבלײַבן דאָרטן... — זיי גייען אײַנגעבויגן אַנטקעגן דעם ווינט מיט די קופערטס אין די הענט איבער די וואַסערן, איבער די שפּאַלעס און רעלסן, דער קאַסער רעגן שלאָגט אין פּנים אַרײַן, — זיי גייען אין דער פינצטערניש צו דער ווײַטער נעפּלדיקער שײַן פונעם וואָקזאַל. שוין דאָרטן, בײַם אַרײַנגיין, זאָגט אלישע צו שיינדלען:

— אויב מיר זײַנען מיטן לײַדיקן וואַגאָן דערפאָרן ביז טשאָפּ, איז עס פּשוט אַ נס מן השמים... דער לײַדיקער וואַגאָן פאַרבלײַבט פאַר מיר אַ סוד, און אויך ווי אַן אַנזאָג אויף אונדזער ווײַטערדיקן לעבן!

און דער וואָקזאַל אויף דער גרענעץ מיט טשעכאָסלאָוואַקיע איז פול און איבערגעפּולט מיט ייִדן פון ליטע און לעטלאַנד, פון מאָלדאַוויע און אויך פון די קאַווקאַזער בערג. דער דיל איז אין בלאָטע און די נאַסע ווינטן גייען פראַנק־און־פרײַ דורך די אָפענע טירן און צעבראָכענע שויבן...

פון די בײַגאַסן, פון די הויכרעדערס טראָגן זיך איבער דער נאַכט די לידער, וואָס איבלען שוין אונטערן לעפעלע, וועגן לענינס פּאַרטיי, וואָס האָט געגעבן דעם לאַנד גליק, זון, פרײַהייט — מאָרגן איז דאָך דער טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע... און אלישע מיט שיינדלען טוליען זיך צו צו דער וואַנט און פאַלן אויף זייערע קופערטס. אין צוויי שעה אַרום, זאָגט מען, וועט אָפּגיין אַ צוג קיין עסטרייַך. אלישע מיט שיינדלען וועלן הײַנט ניט קאָנען אַוועקפאָרן און מאָרגן אויך ניט, ווײַל ס׳גייט נאָר איין צוג אין מעת־לעת. אין אָוונט. מ׳שטעלט צונויף נײַע צעטלען...

און דאָרטן, אין יענעם קאַלטן און נאַסן וואַקזאַל האָבן זיי זיך אָפּגע־וואַלגערט צוויי מעת־לעת ביז די טאַמאַזשנע־לײַט האָבן ווידער צעעפנט די קופערטס, פון דאָרטן אַלץ אַרויסגעוואָרפן... אלישע מיט שיינדלען פאַרשטופן ווי ניט איז צוריק די זאַכן און דערקלײַבן זיך צום באַן. עמעצער העלפט זיי אויף די טרעפּלעך זיך אויפהייבן, אַוועקשטעלן אויפן אָרט די קופערטס, און דער לאָקאָמאָטיוו גיט דעם לעצטן פײַף און דער צוג רירט פון אָרט. מ׳פאָרט שוין אויף דער טשעכאָסלאָוואַקישער ערד, וואָס איז אין אַכט און זעכציקסטן יאָר פאַרשוועכט, צעטראָטן און פאַרבלו־טיקט געוואָרן פון די סאָוועטישע באַפרײַער... שוין פון סמערדיאַקאָוון דעם פערטן!

אין מיטן דער נאַכט, אין בראַטיסלאַוואַ, וואָס בײַם דונײַ, אין דעם טאָל צווישן די קאַרפּאַטן־בערג, דאַרף מען זיך איבערזעצן אין אַן אַנדער צוג... ווידער אַן אײַלעניש און אַ לויפעניש אין דער נאַכט. עמעצער העלפט ווידער אַרײַנוואַרפן די קופערטס דורכן פענצטער אין וואַגאָן אַרײַן. און מ׳פאָרט ווײַטער. די נאַכט גייט צו איר סוף. ס׳טאָגט. אַ שטראַל יאָגט דורך איבערן פענצטער און באַלד זעט מען שוין זי, די זון, די גרויסע האָרעפּאַשניצע פון דער וועלט, וואָס פּויעט די ערד פון איר גאָלדענעם קרוג מיט חיות און מיט פרייד... אין וואַגאָן קאָנטראָלירט מען ווידער די דאָקומענטן. אָבער שוין עסטרײַכער.

— טײַערער, — שרײַט שיינדל אויס פון זון און פון פרייד. — מיר זײַנען שוין אין ווין! מיר זײַנען שוין אויף דער פרײַער וועלט!

— יאָ, טײַערע, יאָ! איצט גלייב איך, אז מיר זײַנען אַרויס פונעם פײַער...

און דאָרטן, הינטער ווין, אין דעם שלאָס שענאַו, שוין אויפן שוועל

פון ישראל, דאָרטן איז פול מיט עולים, מיט התפעלות, מיט געזאַנג: — עם ישראל חי! — און אלישע מיט שיינדלען זינגען מיט אַלעמען: — עם ישראל חי! — וועגן דעם איז דאָך דורכגעזאַפּט זײַן יעדער שורה פון „ערב", וועגן דעם האָט ער דאָך דאָרטן, אין דעם רישעות־לאַנד, געשרי̈ען אלישע: עם ישראל חי! — און זיי זינגען: — עוד אבינו חי! אונדזערע טאַטעס און זיידעס לעבן! אַוודאי לעבן זיי! אָן נעכטן איז ניטאָ קיין מאָרגן! ווער ס׳לייקנט אָפּ דעם טאַטן מיטן זיידן, דער איז פאַרמישפּט צום אונ־טערגאַנג... — און אויך זינגען זיי מיט באַגײַסטערונג: שבת אחים גם יחד! — אַוודאי און אַוודאי! מיר שטאַמען דאָך פון איין בוים, מיר האָבן דאָך אַלע געשעפּט און געטרונקען פון איין קוואַל!...

און טאַקע דאָרטן, אין שענאָו, ווי דער אָנהייב פונעם שבת אחים, זאָגט אָן אלישען איינער פון די וואָרטזאָגער, וואָס האָט פרי̈ער געאַרבעט אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע, אַז וועגן אים, דעם ייִדישן שרײַבער, האָט מען שוין צווויסן געגעבן אַהין ווהין מ׳דאַרף... באַדאַנקט אים אלישע און איז באמת געריִרט פון די דאגות און זאָרגן, וואָס מ׳ווײַזט שוין דאָ אַרויס פאַר אים מיט שיינדלען.

און אויף מאָרגן, אין אָוונט, פאָרן זיי שוין אויך אין דעם פולן אויטאָ־בוס מיט ייִדן צום פליפאָרט, — פון ביידע זײַטן פאָליציסטן אויף מאָ־טאָציקלען און פון פאָרנט אַ פאָליציי־מאַשין, וואָס פינטלט מיטן בלויען פײַער... און מ׳איז שוין בײַם עראָפּלאַן, און מ׳גייט אַהין אַרײַן, און מ׳פליט מיטן אל־על... און ס׳גלייבט זיך ניט, טרערן שטייען פון פרייד אין די אויגן... — און אין גיכן הייבט אָן דער עראָפּלאַן זיך אַראָפּלאָזן פון די הימלען אויף דער ישראלדיקער ערד.

— מיר זײַנען שוין אין ישראל! — שרײַט אויס שיינדל פון פרייד. — מיר זײַנען שוין אין ישראל!

— ס׳גלייבט זיך גאָר ניט, — זאָגט אלישע, — אַז מיר האָבן זיך דערשלאָגן צום אויסגעבענקטן און אויסגעקרענקטן ברעג... צו אַ דאָך איבערן לעבן!

און אלישע מיט שיינדלען גייען פונעם אל־על מיט די טרעפּ אַראָפּ און שטעלן מיט ציטערניש דעם ערשטן טראָט אויף דער ארץ־ישראל־דיקער ערד. צו אָט דער ערד איז דאָך אלישעס זיידע אַוועקגעגאַנגען צופוס, שוין אין טיפן עלטער, שוין אין די נײַנציקער, — אַוועק אין

תכריכים אויפן לײַב, מיטן שטעקן אין דער רעכטער און מיטן טלית און תפילין אונטער דער לינקער האַנט. און דער טאַטע זײַנער, דער צאַרנדיקער כהן מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אויסגעקוקט יעדער רגע אויפן גואל־צדק... ער, דער קבצן, וואָס האָט פֿאַר די קינדער קיין ברויט ניט געהאַט, האָט איין מאָל געקויפט אַ טאַרבעלע ארץ־ישראל־ערד און אין די שטיוול אַרײַנגעשאָטן... — און אלישע מיט שיינדלען שטעלן מיט ציטערניש די ערשטע טריט אויף דער ארץ־ישראלדיקער ערד. מענטשן שטייען פון ביידע זײַטן אונטער שירעמס — ס'גייט אַ רעגן — און באַגריסן אַלעמען און ווינטשן אַ גיכע און מזלדיקע קליטה... מ'פירט אין אַ גרויסן ליכטיקן זאַל אַרײַן, ווו ס'איז פאַראַן בענק צום זיצן, און אַרויף־צו, בײַ לאַנגע טישן פאַרשרײַבט מען די אָנגעקומענע און מ'גיט אַרויס בלויע ביכעלעך, אויך זיי, אלישע מיט שיינדלען, זיצן שוין בײַ איינעם פון די טישן. אויך זיי באַקומען פון הסוכנות היהודית לארץ־ישראל אַ בלוי ביכעלע — אַ תעודת עולה...

און מ'הייסט זיי זיצן און וואַרטן: מ'דאַרף פאַר זיי געפינען אַ מקום־מנוחה. זיצן זיי און וואַרטן אַ שעה און צוויי... גייט שוין שיינדל אין יענעם צימער פון וואַנען אַלע גייען אַרויס מיט אויפגעלעבטע פּנימער, — מ'באַקומט וווינונגען, ווער ציִיטווײַליקע, ווער שוין שטענדיקע, באַזונדערס די וואָס מיט קינדער. די מערהײַט פון די אָנגעקומענע שיקט מען אין אולפּאַנען... — און שיינדל זאָגט דאָרטן צו די אויפזעער און אָנפירערס, אַז אלישע איז נאָך אַ שווערן אינפאַרקט, אַז פונעם אַרויספאָרן און פונעם וועג איז ער זייער אויסגעמאַטערט... מ'וואָלט אים דאָ ניט באַדאַרפט האַלטן אַזוי לאַנג! פאַרזיכערט מען זי: אין גיכן וועט מען אויך זיי מיט אַ וווינונג באַזאָרגן. זאָלן זיי האָבן סבלנות!... — וואַרטן זיי נאָך אַ שעה און נאָך צוויי שעה... גייט שיינדל ווידער אין יענעם צימער אַרײַן. זאָגט איר דאָרטן יענער, וואָס מיטן גרויען קאָפּ: יאָ, יאָ, מ'ווייסט און מ'געדענקט וועגן דעם ייִדיש־שרײַבער... באַלד וועט קומען דער אויטאָ און זיי וועלן זײַן אויפן אָרט, סבלנות!

און באמת, גאָר גיך איז געקומען יענער אויטאָ אויף וועלכן מ'האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. מ'פירט זיי קיין בת־ים. עמעצער האָט געזאָגט: אָ, בת־ים? זייער אַ שיין אָרט! — פרייט עס אלישען מיט שיינדלען. מיט זיי פאָרט נאָך איין עולה. פון פראַנקרײַך. ס'איז נאָך האַלבער נאַכט.

ס'איז דער אָקטאָבער נאָוועמבער יאָר 1972. מ'פֿאָרט פֿון לוד קיין תּל־אָבֿיבֿ. דער שלאָקסרעגן פֿאַרגיסט די שויבן פֿון דער מאַשין. ערגעץ בלײַבט די מאַשין שטיין בײַ ברייטע טירן, וואָס לויכטן זיך שטאַרק אין דער רעגנ־דיקער פֿינצטערניש. יענעם עולה, פֿון פֿראַנקרײַך, פֿירט דער שאָפֿער אין יענער ליכטיקייט אַרײַן. אלישע מיט שיינדלען זײַנען זיכער, אַז אויך זיי וועט מען באַלד אַהין אין יענער ליכטיקייט אַרײַנפֿירן און אויך זיי וועלן דאָרטן אַ מקום מנוחה געפֿינען. אָבער מיט זיי, זאָגט דער שאָפֿער, דאַרף ער פֿאָרן ווײַטער, אין אַן אַנדער אָרט. פֿאָרן זיי ווײַטער אין דער רעגנדיקער פֿינצטערניש. מ'פֿאָרט און מ'פֿאָרט און מ'פֿאָרט... דער שאָפֿער פֿרעגט אַלע מאָל בײַ זעלטן־וועגן אין דער געדיכט־רעגנדיקער נאַכט פֿאַרבײַפֿאָרנדיקן: ווייסט מען אפֿשר ווו ס'געפֿינט זיך דאָ אין בת־ים... ניין, זיי ווייסן ניט. פֿאָרט ער אין פּאָליציי אַרײַן. דאָרטן דאַרפֿן זיי דאָך וויסן ווו ס'געפֿינט זיך דאָס אָרט... אָבער אויך דאָרטן, אין דער פּאָליציי, ווייסן זיי ניט ווו אַזאַ מין אָרט אין בת־ים געפֿינט זיך. פֿאָרט מען ווײַטער און מ'דרייט זיך גאַס אַרײַן און גאַס אַרויס. מ'שטעלט ווידער אָפּ אַ דורכ־פֿאָרנדיקן אויטאָ, מ'פֿרעגט ווידער און אָבער אַמאָל... אָבער קיינער ווייסט ניט. פֿאָרט דער שאָפֿער ווידער אַמאָל צו דער פּאָליציי: זיי מוזן דאָך וויסן ווו אַזאַ אָרט אין בת־ים געפֿינט זיך... און ווידער קומט דער פֿרײַער־דיקער ענטפֿער: ניין, זיי ווייסן ניט! קלינגט דער שאָפֿער אַהין, קיין לוד, און זאָגט זיי: דאָס אָרט וווּהין ער דאַרף פֿאַרפֿירן דעם שרײַבער מיט זײַן פֿרוי, קאָן ער ניט געפֿינען. אויך די פּאָליציי ווייסט ניט ווו דאָס אָרט געפֿינט זיך... זאָל מען געבן אַן אַנדער אָרט, אָדער ער וועט זיי פֿירן צוריק קיין לוד... — ניין! קיין אַנדער אָרט איז ניטאָ! און צוריק קיין לוד זאָל מען זיי ניט פֿירן! איין מאָל ניין! מ'זאָל זיי פֿירן נאָר אַהין!...

און דער שאָפֿער דרייט זיך ווידער גאַס אַרײַן און גאַס אַרויס, ביז דער וואָס לעבט אייביק דערבאַרעמט זיך און איינער אַ דורכפֿאָרער ווייסט יאָ דאָס אָרט... אין גיכן שטעלט דער שאָפֿער אָפּ די מאַשין לעם אַ צוויי גאָרנדיק הויז. ניט ווײַט רוישט דער ים... אַ שטוב בײַם ברעג ים... אין דער שטוב איז שטאָק פֿינצטער. אין ערגעץ, אין דעם גאַנצן אָרום, קיין סימן ניט פֿון ליכט. דער שאָפֿער קלינגט, קלאַפּט אין דער פֿאַרשלאָ־סענער טיר... קיינער רופֿט זיך ניט אָפּ. וואָרט ער צו און קלאַפּט און

קלינגט ווידער... ענדלעך קערט ער זיך אום און זאָגט אלישען מיט שיינדלען: ער קאָן זיי דאָ, ביי זיין בעסטן ווילן, מיט גאָרניט ניט העלפן!

און ער שטעלט זייערע זאַכן אין דרויסן ביי דער וואַנט... אַנטשולדיקט זיך פאַר זיי ווידער און אָבער אַמאָל... און פאַרט אַוועק. און זיי, אלישע מיט שיינדלען, בלייבן שטיין אין דער פינצטערניש ביי דער וואַנט אונטערן רעגן, ווייל זייערע שירעמס האָט דער ווינט שוין צעבראָכן און איבערגעקערט מיט די דראָטן אַרויף... דער ים קאָכט און רוישט דאָ ערגעץ ניט ווייט און זיי, אלישע מיט שיינדלען, זיצן אין זייער טרוים אונטערן שלאָקסרעגן און שווייגן... און אַזוי ביז אין גרויסן פרימאָרגן אַריין, ביז ס׳קומען די אויפזעערס... און נאָכן אויספרעגן, און ניט געכאַפּט, און נאָכן איבערפרעגן און פאַרשרייבן, פירט מען זיי אין שטוב אַריין. און דאָרטן דערזעען זיי ווי אַלטע לייט, מענער און פרויען, גייען אַרום און קרעכצן און וויינען... פרעגט אלישע ביי איין זקן, וואָס שטייט אָנגע־שפּאַרט מיטן רוקן אין וואַנט און לאַכט מיט אַ דריבנעם געלעכטערל:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ הויז? — פרעגט ביי אים אלישע.

— וואָסי, איר ווייסט ניט? דאָ איז אַ מושב־זקנים, אַ הקדש... דאָ וועט איר האָבן אַ שטיקל קיצבה־ברויט... דאָ וועט איר...

און אלישע מיט שיינדלען, די פיס ברעכן זיי זיך אונטער, הייבן זיך אויף מיט זייערע קופערטס אויפן צווייטן גאָרן. זיי גייען אַריין אין אַ קליין צימערל, ווו ס׳שטייען צוויי בעטלעך און אַ טישל. דער פענצטער איז אַ ברייטער און גייט אַרויס צום ים. זיי קוקןביידע ווי הויכע גרינע כוואַליעס דערלויפן צום ברעג און שטאַרבן אין די זאַמדן... און פלוצלינג דערהערן זיי ביידע פון דעם רויש פונעם ים דעם אייניקלס געשריי דאָרטן, ביי די קאַרפּאַטן־בערג, זיידע באָבע ווו זענט איר? און אויך דערזעט ער, אלישע, ווי צווישן די כוואַליעס־בערג וויכערט זיך די פייערדיקע באָרד און שרייט צו אים:

— גורל, אלישע, גורל!

— יאָ, ר׳ שמואל־יאָסל, גורל! גורל פון אַ יידישן שרייבער, דעם אייביקן אָבל, וואָס שרייבט אין די נעכט ביי שוואַרצע אזכרה־ליכט... גורל! גורל! — און אַ גאָר נייער פייערדיקער רינג שניידט זיך אים, אלישען, דעם לעצטן יידישן שרייבער, וואָס איז מיט די לעצטע כוחות געלאָפן פון דאָרטן, פונעם דניעפּער, צו די בערג פון יהודה, צו פאַרענדיקן

דאָ זײַן לעבנסווערק, ברענגען דאָ צו אַ תכלית, מסיים־זײַן און פאַרחתמע־נען דאָס לעבן פון די לעצטע דורות ייִדן אויף די טײַכן פון בבל־רוס־לאַנד... אים, אלישען, און אויך איר, שיינדלען, שנײַדן זיך אַרײַן דאָ, אין דעם מושב־זקנים, וואָס אויפן ברעג ים, בײַ די גרינע וואַסער־בערג, פרישע, שוין גאָר נײַע פֿײַערדיקע רינגען אין די נשמות, און אַזעלכע, וואָס וועלן זיך שוין קיין מאָל ניט אויסלעשן און שוין קיין מאָל ניט פאַרהיילט ווערן. — גורל, אלישע, גורל! — און מיט יענע גרינע וואַסער־בערג יאָגן מיט אַמאָל אויך אין פֿײַערדיקע רינגען די שוואַרצע אזכרה־ליכט מיט גורלדיקע שורות:

בין איך דער לעצטער, דער סוף שוין פון אַ וועלט,
צי אפשר בין איך גאָר דער אָנהייב פון אַ דור אַ צווייטן?
נאָר דער וואָס דאַרף באַגעגענען, דער איז נאָך ניטאָ,
און דער וואָס דאַרף באַגלייטן מיך, קאָן מיך ניט באַגלייטן,
ווײַל אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ מע האָט אים לאַנג שוין, מײַן באַגלייטער...
שטיי איך טאַקע בײַ דעם סאַמע תהום,
בײַם אָנהייב פון דעם אייביקן פאַרפאַלן?
צי שטיי איך אפשר צווישן דורות צוויי:
צווישן אַלטן ווינד און יונגן ווי
אין בין־השמשות?
מ׳זעט דאָ קיינעם ניט,
מ׳הערט דאָ ניט קיין קול,
ניט פון באַרג און ניט פון טאָל.
איך רוף צו עמעצן מיט אַלע מײַנע כוחות,
נאָר קיינער ענטפערט ניט,
אַ שאָרך אפילו ניט פון ערגעץ.
דאָס כהן־בלוט פון ברודער מײַנעם שרײַט אין מיר,
איך ברען צוזאַמען מיט מײַן שוועסטער און איר קינד...
אויף וועגן ווײַטע זוך איך דאָרט די שלייפן פון אַ ראָד,
בײַ שקיעה פון דעם וואַלד איך וויל מײַן מאַמעס קול דערהערן...
איך בין דער לעצטער, דער סוף שוין פון אַ וועלט,
און אפשר בין איך אויך דער אָנהייב פון אַ דור אַ צווייטן?

נאָר דער וואָס דאַרף באַגעגענען, דער איז נאָך ניטאָ,
און דער וואָס דאַרף באַגלייטן מיך, קאָן מיך ניט באַגלייטן,
ווייַל אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ מ׳האָט אים לאַנג שוין מייַן באַגלייטער...
שטיי איך דאַ אַ באָרוועסער אויף הייסן אַש,
איך שטיי צווישן דורות צוויי,
צווישן אַלטן ווינד און יונגן ווי
עלנט
און
אַליין.